JEWISH PUBLIC LIBRARY
TORONTO

JEWISH PUBLIC LIBRARY
TORONTO

ייִדישע
פאלקס ביבליאטעק
מאנטרעאל
JEWISH PUBLIC LIBRARY, MONTREAL

804014—L

אידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

פון
אַכצעהן ביז
דרייסיג

אַ אָריגינעלער ראָמאַן פון
אַמעריקאַנער אידישען לעבען

18) Fun Achtsun Biz Dreisig

פון

תשר״ק
(י. זעווין)

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
ניו יארק
1929

ספרית עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

געווידמעט צו דער, וואס האט מיך
ערמוטהיגט די ערצעהלונג צו שרייבען,
מיין חבר׳טע אין לעבען,
מיין פרוי צפורה.

Copyright, 1929,
Hebrew Publishing Company
New York

Printed in United States of America

איינלייטונג

דאָס איז די געשיכטע פון אַ האַרץ, דער ראָמאַן פון אַ יונגענמאַן, וואָס איז געווען פ אַ ר ל י ע ב ט אין דער ל י ע ב ע.

אויב איהר זייט אַליין אין די יאָהרען פון אַכצעהן ביז דרייסיג, וועט איהר אין דער ערצעהלונג זעהן אַן אָפּשפּיגלונג פון אייערע אייגענע איבערלעבונגען און געפיהלען. איהר וועט פון די פּאַסירונגען, וואָס ווערען דאָ איבערגעגעבען, זיך דערוויסען אַז איהר לעבט יעצט איבער די וויכטיגסטע פעריאָדע פון אייער עקזיסטענץ, די אינטערעסאַנטסטע צייט פון אייער לעבען. מיט די אויגען האַרט אויפ'ן בוך איז שווער צו לעזען דעם אינהאַלט. איהר מוזט אייערע אויגען דערווייטערען אום צו קענען זעהן וואָס אין בוך איז געשריבען. איהר מוזט האָבען פּערספּעקטיווע.

ווען איהר וועט עלטער ווערען, ווען די וואַרימקייט פון אייער האַרץ וועט אָפּגעקיהלט ווערען, ווען איהר וועט פיהלען זאַט פון לעבען, און דעם אָרט פון צוקונפטס-חלומות וועלען פאַרנעמען די עראינערונגען פון אייער פאַרגאַנגענהייט, דאַמאָלס וועלען אייערע עראינערונגען „פון אַכצעהן ביז דרייסיג“ אייך דערפרישען, אייך ניי באַלעבען. איהר

פון אַכצעהן ביז דרייסיג

וועט יענער גליקליכער צייט ווידער איבערלעבען און זיך פאָרשטעלען אַזוי ווי די זאַכען האָבען פּאַסירט אין דעם געגענוואַרטיגען טאָג.

און איהר וועט דאַן אויפהויבען אייערע הענט צום הי־מעל און איהר וועט זאָגען: „געבענשט זאָלסטו זיין, ליעבער גאָט, וואָס דו האָסט מיך באַשאַפען און מיר אַריינגעגעבען אַ האַרץ וואָס האָט געקענט אַזוי שעהן פיהלען, בענקען, שטרעבען און — ליעבען!“

אין מיין קורצער איינלייטונג האָב איך באַגאַנגען דעם פעהלער וואָס איך האָב איינמאָל גערופען דיזע ווערק „גע־שיכטע“, אַ צווייטען מאָל „ראָמאַן“ און אַ דריטען מאָל „ערצעהלונג“. דאָס איז, ווייל איך קען בשום אופן ניט באַ־שטימען וואָס פאַר אַן אָרט דאָס האָט אין דער האַנט־גע־מאַכטער ליטעראַטור. איך לאָז איבער צו די קריטיקער צו באַשטימען דעם כאַראַקטער פון אַזאַ ווערק. אין מיינע אוי־גען איז דאָס ניט קיין ראָמאַן און ניט קיין ערצעהלונג, נאָר אַ שטיק לעבען. עס איז מעהר ווי אַ ראָמאַן, ווייל דאָס איז אַ גאַנצע קייט פון ראָמאַנען — די איבערלעבונגען און ערפאַהרונגען פון אַ יונגענמאַן וואָס האָט געזוכט זיין אידעאַלע פערזאָן, אָדער זיין „באַשערטע“, פון זיין אַכצעהנ־טען יאָהר ביז זיין דרייסיגסטען.

און יעצט בלייבט מיר ניט מעהר ווי צו לאָזען דעם העלד פון דיזען ראָמאַן פון ראָמאַנען אייך אליין דערצעהלען די אינטערעסאַנטע געשיכטע פון זיין לעבען.

ליעב, דעם פּאַפּאַ אָדער די מאַמאַ?" און איך פלעג איהם פאַר־שאַפען גרויס פאַרגעניגען ווען איך פלעג מיט אַ קינדערשע מינע ענטפערען: „דעם פּאַפּאַ — און די מאַמאַ אויך".

יעדען מאָל, אַז איך פלעג קומען אהיים פון סקוהל, אָדער פון אַ חבר, אָדער פון גאַס, וואו איך האָב זיך געשפּילט מיט חברים אין באָל, האָב איך געמוזט דערצעהלען מיין מוטער אַלעס וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען אין דער קורצער אבוועזענהייט פון הויז. עס הייסט ניט, אַז מיין מוטער האָט פון מיר געפאָדערט דין וחשבון, נאָר זי האָט מיט גוטע און קלוגע רייד אַרויסגעצויגען פון מיר אַלעס, אפילו די גאַנץ אומוויכטיגסטע איינצעלהייטען פון דעם, וואָס איך האָב געטאָן, וואָס מיינע חברים האָבען געטאָן, וואָס מיר האָבען גערעדט, און אזוי ווייטער. מיין מינדסטער שריט איז פאַר מיין מוטער געווען ווי אַן אָפענער בוך. איך האָב פון איהר קיין זאַך ניט פאַרלייקענט, קיין זאַך ניט באַהאַלטען.

עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט, וואָס זייענדיג ערצויגען „הינטער דער מאַמע'ס פאַרטוך", האָב איך ניט געהאַט די געלע־גענהייט זיך צו באַקאָנען מיט מיידלאַך. מיינע חברים האָבען גע־האַט מיידלאַך ווען זיי זיינען נאָך געווען אַרום פערצעהן און פופצעהן יאָהר אַלט. זיי האָבען זיך אָפט באַריהמט פאַר מיר מיט זייערע ראָמאַנען. זיי פלעגען מיר צייגען „מעש־נאָוטס" (ליעבע־צעטעלעך), וואָס זיי פלעגען באַקומען פון מיידלאַך אין זייערע יאָה־רען. מיין בעסטער חבר, באַרני, אַ הויכער, דאַרער בחור'ל, מיט בלאַסע, מאָגערע באַקען, האָט צו זיין פופצעהנטען יאָהר געפיהרט צוויי ראָמאַנען, איינעם מיט פעני קלאַפּפער, אַ פּיאַנאָ לעהרערין, וועלכע האָט געהאַט רויטע האָר, און זומער שפּרענקעלעך, איז געווען אומגעהויער פעט און דיק, און אפשר אַכט יאָהר עלטער פון איהם. דעם אַנדערען ראָמאַן האָט ער געפיהרט מיט דער שוועסטער פון אַן אַנדער חבר, אַ מיידעלע מיט אַ לאַכעדיגען פּנים'ל, און זי איז געווען דריי יאָהר אינגער פון איהם. עס פאַרשטעהט זיך, אַז פון די ביידע ליעבעס איז גאָר ניט געוואָרען.

איך האָב מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט וואָס מיינע חברים פלעגען מיר דערצעהלען וועגען זייערע ראָמאַנען. אָבער אַליין האָב איך פּשוט געציטערט נאָכצוטאָן זייער ביישפּיעל.

ערשטער קאַפּיטעל

מיין ערשטע ליעבע

איך בין געוועזן דער איינציגער זוהן ביי וואוילהאבענדע על־טערען. זעקס קינדער האט מיין מוטער געבוירען, און איך בין דער איינציגער וואס איז לעבען געבליבען. קענט איהר זיך שוין פאָר־שטעלען, ווי מיין מוטער האָט מיך אָפּגעהיט און געצערטעלט. איך בין געוועזן איהר „קינדעלע", און אזוי פלעגט זי מיך רופען ביז איהר לעצטען טאָג. וואָרים ביי היינט, ווען איך שרייב דיזע שורות, געפינט זיך די גוטע און ריינע נשמה שוין אין גן עדן.

איך געדענק, ווי אַז איך בין שוין געוועזן אַ בחור פון 16 יאהר, פלעגט זי אין אַ פרייען טאָג, ווען איך פלעג ניט דאַרפען געהן אין היי־סקוהל, מיך צוריידען אַז איך זאָל עסען מיין פרישטיק אין בעט. איבערהויפּט ווען עס איז געוועזן אַ קאַלטער טאָג. איך פלעג געגען דעם פּראָטעסטירען, אָבער מיין מוטער'ס גרעסטער פאַרגעניגען איז געוועזן צו דערלאַנגען מיר מיין קאַפע מיט זעמעל אין בעט, זיצען נעבען מיר און מיר קוקען אין די אויגען און שעפּען נחת פון יעדען ביסען וואָס איך נעם אין מויל. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז דאָס מאַכט איהר גרויס פאַרגעניגען און האָב איהר נאָכגעגעבען.

מיין פאָטער, אַ קליידער פאַבריקאַנט, אַ שעהנער בעל־הבית און געאַכטעט פון אַלע וואָס האָבען איהם געקענט, האָט אָפּט אָפּ־געלאַכט פון די באַציהונגען צווישען מיין מוטער און מיר. ער פלעגט מיך אויך, אין שפּאַס, רופען „קינדעלע" און פלעגט זיך מיט מיר מאַנכעס מאָל, ווען ער איז געוועזן גוט אויפגעלעגט, רייצען מיט דעם וואָס ער פלעגט צו מיר ריידען „בייבי־לשון". ער פלעגט למשל מיך אַ פרעג טאָן: „אַ נו, ווערמען האָט דאָס קינדעלע מעהר

איך גלויב, אז יעדער מאַן און אויך יעדע פרוי
פריהער אַן אידעאַלע פּערזאָן אין דער פאַנטאַזיע.
יעדער צו געפינען דעם אידעאַל אין ווירקליכען לע
געפינען דעם ריכטיגען אידעאַל און וויפיעל געהען איין
אויף קאָמפּראָמיסען? מיין אייגענער גלויבען איז, אז
פון טויזענט געפינט זיין ריכטיגען אידעאַל אין לעבע
נער פון טויזענט געפינט די „בת־מלכה“ פון זיינע יוג
אין דער פּערזאָן אויף וועמעס פינגער ער טוט אַן דעם
פאַרבינדט צוויי אַנטווישטע מענשען אויף אַ גאַנצען לעבען.

אַט דאָס איז געווען מיין ערשטע ליעבע, און דאָס איז גע
דער איינציגער סוד וואָס איך האָב יאָ באַהאַלטען פון מיין מוטע
איך קען זאָגען, אז אַט די ערשטע ליעבע האָט זיך ביי מיר אָנגע
פאַנגען זעהר פריה, פון דער צייט וואָס איך בין געוואָרען בר־
מצוה.

הייליג האָב איך געהאַלטען מיין סוד. איך וואָלט עס גע־
האַלטען פאַר אַ לעסטערונג, אַ באַליידיגונג פאַר מיין „בת־מלכה“,
אז איך זאָל אונזער ליעבע פאַרטרויען צו אַ זייטיגען מענשען.

פלעגט אַ מיידעל אין מיינע יאָהרען, אָדער אַפילו אַביסעל עלטער פון מיר, צו מיר אָנהויבען רעדען, פלעג איך זיך ניט פאַרשעהמען, נאָר זיך פשוט איבערשרעקען און מיין האַרץ פלעגט אין מיר אָנהויבען צו קלאַפּען. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויב איך וועל מאַכען מיט דער מיידעל אַ שמועס און אָנפאַנגען אַ באַקאַנט־שאַפט, וועל איך פון דעם מוזען דערצעהלען מיין מוטער, און פאַר מיין מוטער האָב איך זיך געשעהמט. דאַרום פלעג איך פון די מיידלאַך וועלכע האָבען געזוכט מיין באַקאַנטשאַפט, אַנטלויפען. כאָטש מיין יונגע האַרץ האָט שטאַרק געצויגען צו ריידען מיט זיי.

ווי איך האָב פריהער געזאָגט, האָב איך קיין זאַך ניט באַ־האַלטען פון מיין מוטער. עס איז אָבער דאָ איין זאַך, וואָס איך האָב יאָ באַהאַלטען פון איהר און דאָס איז פאַרבאָרגען אין דער טיעפעניש פון מיין האַרץ. דאָס איז געווען — מ י י ן ע ר ש ט ע ל י ע ב ע.

מיין ערשטע ליעבע איז געבוירען געוואָרען ביי מיר אין קאָפּ. זי איז געווען אַ קינד פון מיין אייגענער פאַנטאַזיע. אין דער ווירק־ליכקייט האָב איך זיך נאָך אַלץ דערווייטערט פון מיידלאַך, אָבער אין מיין פאַנטאַזיע, אין מיינע געדאַנקען און יוגענט־חלומות, האָב איך זיך געשאַפען אַ זעלטען שעהנעם וועזען, שעהן און ליעבליך ווי שולמית און אַ שטאָלץ איז אויף איהר געווען אויסגעגאָסען ווי אויף אַ בת־מלכה. שוואַרצע האָר מיט בלויע אויגען, אַ פיגור הויך און שלאַנק. נעמט זי ריידען, גיסט זיך האָניג פון איהר מויל. נעמט זי לאַכען, הויבט זיך די האַרץ פון פרייד. מאַנכעס מאָל האָט זי זיך מיר פאָרגעשטעלט שטעהענדיג אין אַ ווייסע לאַנגע קלייד פון ווייסען סאַמעט ביי די בענש־ליכט, מיט די הענט פאַר איהר פנים און איהרע אויגען אויפגעהויבען צום הימעל. און מאַנ־כעס מאָל האָט זי זיך מיר פאָרגעשטעלט שטעהענדיג אויף אַ גרוי־סער ביהנע, זינגענדיג פאַר טויזענטער מענשען, וועלכע זי האָט באַצויבערט מיט איהר שטימע. אָט דאָס איז געווען מיין ערשטע ליעבע, אָט די האָב איך געליעבט אין מיין פאַנטאַזיע, אין מיין איינבילדונג. אָט דעם אידעאַל האָב איך נאָכדעם צוועלף יאָהר כסדר געזוכט צו געפינען אין דער ווירקליכקייט.

איהרע שעהנע מעלות, וואס איך האב זיך פארגעשטעלט אין מיין פאנטאזיע.

מיין מוטער האט מיר געגומען אויפקלערען וועגען דעם, אז עס זיינען דא ארימע מיידלאך מיט שעהנע צורה'לאך, וואס זוכען צו פארדרעהען די קעפ פון רייכע יונגע לייט, אז די יונגע לייט זאלען זיך אין זיי פארליבען און מיט זיי חתונה האבען אהן נדן, און אפטמאל מוזען די יונגע לייט געבען די מיידלאך געלט אויף צו קויפען חתונה־קליידער. זי האט מיר דערצעהלט אזעלכע געשיכטעס פון „שלעפערקעס", ארימע קבצנ'טעס („זאל גאט ניט שטראפען פאר די רייד"), וואס האבען זיך צוגעטשעפעט צו רייכע בחורים, געמאכט א בלבול אז די יונגע לייט האבען צוגעזאגט מיט זיי חתונה צו האבען, און זיי געקלאגט אין געריכט. די יונגע לייט נעבעך האבען ענטוועדער געמוזט מיט די „שלעפערקעס" חתונה האבען, אדער זיי אויסצאהלען א מאטניא מיט געלד. איך בין שוין אפילו געווען באקאנט מיט אזעלכע געשיכטען דורך די צייטונגען, אבער ווען מיין מוטער פלעגט די געשיכטען איבערדערצעהלען, פלעגט מיר פשוט אריבערגעהן א סקרוך איבער'ן לייב. אויף מיר האבען די געשיכטען, וואס זי האט דערצעהלט, געמאכט אזא ווירקונג, דאס איך האב פשוט אנגעהויבען מורא צו האבען פאר ארימע מיידלאך. אין מיין פאטער'ס שאפ האבען געארבייט איינינע מיידלאך א חוץ א סטענאגראפין אין זיין אפפיס, און יעדען מאל וואס איך פלעג אריין אין שאפ, פלעגט זיך מיר דאכטען, אז די מיידלאך קוקען ארויס אויף מיר און פלאנעווען אין הארצען ווי מיך צו קריגען און שטעלען מיט מיר א חופה מיט גוואלד.

ביי מיר איז געווען באשלאסען, אז מיין „בת־מלכה", די אידעאלע פערזאן פון מיין פאנטאזיע, מוז צו אלע איהרע מעלות האבען א רייכען טאטען, וואס זאל מיר פאר איהר צוצאהלען לכל הפחות צוואנציג טויזענט דאלאר. ניט ווייל איך בין געווען אזוי להוט נאך געלט, נאר ווייל עס האט זיך פשוט ניט געפאסט פאר אזא בחור ווי איך צו נעמען א מיידעל אהן געלט.

אזוי האב איך דאן געדענקט. און געווען בין איך דאן עפעס מעהר ווי זיבעצעהן יאהר אלט.

ביי מיין מוטער האבען זיך קיין דינסטען ניט געהאלטען. ניט

צווייטער קאַפּיטעל

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט

מיין זיבעצעהנטען יאָהר האָט מיין מוטער קיינמאָל ניט ...ט מיט מיר וועגען חתונה האָבען. ווי איך פאַרשטעהע יעצט, ...ט איהר געקרענקט דער געדאַנק, אַז זי וועט מיך אַמאָל מוזען ...בערגעבען צו אַן אַנדער פרוי'ס אויפזיכט. אָבער וואָס עלטער ...יך בין געוואָרען, האָט זיך דער אידישער מוטערליכער אינסטינקט, ...דער חשק צו דערלעבען נחת פון קינדער, גענומען די אויבערהאַנט און זי האָט מיך גענומען פאַרבאַרייטען פאַר מיין צוקונפט.

איך האָב שוין דאַן געלערנט אין לאָא־סקוהל, ניט דערפאַר ווייל איך האָב גערעכענט אויפצונעמען די פּראָפעסיע פון אַדוואָ־קאַט, נאָר סתם אַזוי, ווייל איך האָב חשק געהאַט צו לערנען און מיין פאָטער האָט געוואָלט האָבען אַ זוהן אַ „געענדיגטען". מיין מוטער האָט מיר אָנגעהויבען צו געבען אָנצוהערענישען, אַז אַ סחורה ווי איך דאַרף מען ניט פאַרנאַרען. איך האָב אַ רייכען פאָ־טער, און נאָך הונדערט יאָהר בין איך דער איינציגער יורש. דערצו בין איך אַ שעהנער און אַ געראָטענער, און באַלד ענדיג איך דאָך קאָלעדזש — אַז אַדוואָקאַט! אפילו אין דער היים פלעגט אַן אַדוואָקאַט נעמען צוואַנציג טויזענט רובל נדן, דאַרף איך, האָ־בענדיג אַ רייכען טאַטען, קריגען צום ווענינגסטען צוואַנציג טויזענט דאָלאַר, און טאַקע אַ רעכטע מיידעל דערצו, אַ שעהנע, אַ קלוגע און מיט אַ רייכער אויסשטאַטונג. דאָס איז געווען איהר אידעאַל פאַר מיר.

דער אונטערשיד פון מיין אידעאַל ביז דעם וואָס מיין מוטער האָט מיר פאָרגעשטעלט איז געווען דער, וואָס איך האָב פאַרגע־סען אַז אַ „בת־מלכה", אָדער אַ „שולמית", דאַרף אויך האָבען צום ווענינגסטען אַ וועלכע צוואַנציג טויזענט דאָלאַר נדן, אַ חוץ

זעכצעהן. אָבער איך האָב איהר אָנגעהויבען ריכטיג צו באַמערקען און זי צו באָבאַכטען ווען איך בין שוין געווען נאָהענט פון אַכ־צעהן. זי איז געווען אַן אינטערעסאַנטע מיידעל. מערקווירדיג, אַז כאָטש אין איהר אויסזעהן און אין איהרע מאַניערען האָט זי געהאַט אַ שטאַרקע עהנליכקייט צו דער „בת־מלכה" וואָס איך האָב זיך אימער פאָרגעשטעלט אין מיינע געדאַנקען, און טראָץ דעם וואָס די עהנליכקייט איז מיר אַלץ געוואָרען דייטליכער און דייט־ליכער, האָב איך דאָך בשום אופן ניט געקענט דענקען פון איהר אַלס מיין אידעאַלע פּערזאָן. אַזוי פּעסט איז אין מיר געווען איינ־געוואָרצעלט דער פאָראורטייל און די מורא פאַר אָרימע נדן־לאָזע מיידלאַך. אָט דאָס איז די קראַפט פון ערציהונג

עטעל האָט ביי אונז אין הויז זיך געפיהלט ווי אַן אייגענער מענש. זי האָט געקענט אַריינקומען ווען זי האָט געוואָלט און טאָן וואָס זי וויל. און מיין מוטער האָט זי גאַנץ ליעב געהאַט און פלעגט זיך אָמאָל מיט איהר זאָגאַר צוקושען. עטעל האָט גאַנץ פלייסיג געלערנט. זי איז געגאַנגען אין האַי־סקול און האָט גע־דענקט אַריינצוגעהן אין אַ ביזנעס־קאָלעדזש. זי פלעגט אָפט לייהען ביכער פון מיין פּריוואַט ביבליאָטעק, און מיט מיר דיסקוטירען זייער אינהאַלט. איך האָב זיך צו איהר פאַרהאַלטען מיט אַ היב־שער מאָס שטאָלץ און גערעדט צו איהר אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט איהר געמאַכט פיהלען, אַז איך שטעה העכער פון איהר. און געטאָן האָב איך דאָס הויפּטזעכליך צוליעב דעם, אַז מיין מוטער זאָל פיה־לען זיכער, דאָס איך בין אויסער געפאַהר, אַז עטעל זאָל מיר „פאַרדרעהען דעם קאָפּ".

אָבוואָהל מיין מוטער האָט זיך געפיהלט זיכער פון דער גע־פאַהר, האָט זי דאָך ביי יעדער געלעגענהייט אַריינגעוואָרפען אַ וואָרט, אַז איך זאָל ניט פאַרגעסען דעם אונטערשייד צווישען מיר און עטעל. און געטאָן האָט זי דאָס אונדירעקט, דורך זייטיגע וועגען.

איינמאָל זאָגט צו מיר מיין מוטער:

— די עטעל איז דאָך גאָר אַ נאַר. צו וואָס ווילט זיך איהר שטודירען? אויף וואָס דאַרף אַן אָרימע מיידעל בילדונג? אַזוי ווי זי איז יעצט, קען זי נאָך געפינען איהר גלייכען, אַן אָרינט־

חלילה ווייל מיין מוטער איז געווען שלעכט אָדער קאַרג צו זיי. אדרבה, זי איז גראָד געווען זעהר אַ גוטע און פריינדליכע בעל־הבית׳טע. אָבער איהר ליעבע צו איהר מאַן און איהר „קינדעלע" איז געווען אַזוי גרויס, דאָס ווען אַ דינסטמיידעל האָט ניט אָפּגע־קאָכט אַן איי פּונקט אַזוי ווי מיין מוטער האָט געוואָלט, פלעגט זי דאָס ניט ווען פאַרגעבען. די דינסטען פלעגען איהר זאָגען, אַז זי איז צו „פּאַרטיקלער" און זיי פלעגען אַוועקגעהן.

צווישען איין דינסט און די אַנדערע פלעגט קומען מיין מוטער׳ס אַ לאַנדס־פרוי, דבורה, איהר אַביסעל אויסהעלפען מיט דער הויז־אַרבייט. דבורה איז געווען אַן אַלמנה און זי האָט ער־נעהרט זיך און אַ טאָכטער, פון דעם וואָס איינער אַ רייכער לענד־לאָרד (אויך לאַנדסמאַן) וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע טענעמענט־הויז אין אונזער געגענד, אין די בראָנקס, האָט דבורה׳ן געגעבען אַ שטעלע אַלס דזשעניטרעס. זי האָט באַקומען אַ פרייע וואוינונג און אויך אַ געניגענדע געהאַלט, וואָס האָט איהר געגעבען די מעג־ליכקייט צו דינגען אַ מענשען צו טאָן די שווערע און די ניט אַנ־גענעהמע ארבייט וואָס איז פאַרבונדען מיט אַזאַ שטעלע. מיין מוטער האָט מיר איינמאָל פאַרטרויעט אַ סוד, אַז דער רייכער לענד־לאָרד, מיסטער קאַפּטאַן, איז אַמאָל, אין דער אַלטער היים־שטע־טעל, געווען פאַרליעבט אין דבורה׳ן, אָבער זי האָט איהם ניט גע־וואָלט, ווייל ער איז געווען דער זוהן פון אַן אָרימען שוסטער און זי איז געווען די טאָכטער פון אַ שעהנעם בעל־הבית. יעצט איז דער מיסטער קאַפּטאַן זעהר רייך און זיין פרוי פאָהרט אין אַ פינף־טויזענט־דאָלאַרדיגען אַטאָמאָביל, און ווען ניט ער, וואָלט די אָרימע דבורה אויסגעגאַנגען פון הונגער.

די געשיכטע האָט מיך ווענינ אינטערעסירט. וואָס עס האָט מיך יאָ אינטערעסירט איז, די טאָכטער וואָס דבורה פלעגט מיט־ברענגען יעדען מאָל וואָס זי פלעגט קומען צו מיין מוטער. אַמאָל, אַז דבורה איז געווען פאַרנומען און עטעל (אַזוי האָט די טאָכ־טער געהייסען) איז געווען פריי פון סקוהל, פלעגט עטעל אַליין קומען אויסהעלפען מיין מוטער.

עטעל איז געווען מיט אַ פּאָר יאָהר אינגער פון מיר. זי האָט אָנגעהויבען אַריינצוקומען צו אונז ווען איך בין געווען אַ יאָהר

דריטער קאַפּיטעל

מיט עטעל אויף דער רייזע

דער זומער איז געקומען. אין ניו יאָרק האָט שוין אָנגעהויבען צו ווערען גוט היים. מיין מוטער האָט זיך גענומען פּאַרבאַריי־טען צו פאָהרען נאָך די קעטסקיל בערג, וואו זי פלעגט געוועהנליך פאַרברענגען דעם הייסען זומער סעזאָן. איך פלעג מיט איהר שטעהן די גאַנצע צייט, און דער פאָטער, ווי געוועהנליך, פלעגט קומען יעדען פרייטאָג און שטעהן איבער זונטאָג.

יענעם זומער האָט מיין מוטער געפיהלט אַביסעל שוואך און מיין פאָטער האָט איהר פאָרגעשלאָגען אַז זי זאָל מיטנעמען עטלען. „עטעל וועט צו דיר זיין ווי אַ נוירס, אַ קאָמפּאַניאָנקע, און אַז זי וועט שלאָפען מיט דיר אין איין צימער, וועט דיר זיין פרעה־ליכער“.

ווען איך האָב דאָס געהערט, האָב איך אָפּגעקעהרט מיין פּנים אַן אַ זייט, אום מיינע עלטערען זאָלען ניט מערקען מיין פרייד. ווארום האָב איך זיך געפרעהט? פון דעם האָב איך זיך אליין ניט געקענט אָפּגעבען אַ קלאָרען חשבון.

מיין מוטער איז דער פּלאַן געפעלען געוואָרען. זי האָט עטלען גאַנץ ליעב געהאַט. אָבער דאָ איז געווען אַ פראַגע, אויב עטעל וועט וועלען אָננעמען דעם פרייען וואַקיישאָן. עטעל איז געווען זעהר שטאָלץ ביי זיך.

צו יענער צייט זיינען מיר נאָך ניט געווען קלאָר מאַנכע באַ־ציהונגען צווישען מיין מוטער און עטעל'ס מוטער, דבורה. ביז מיט אַ פּאָר יאָהר איידער מיין געשיכטע פאַנגט זיך אָן, האָט דבורה מיט איהר טאָכטער געוואָהנט אין ראָטשעסטער, וואו עטעל איז ערצויגען געוואָרען, און איך האָב גאָר ניט געוואוסט פון זיי. ווען דבורה איז געוואָרען אַן אַלמנה און איז געקומען אין ניו יאָרק מיט איהר יתומה, האָט מיין מוטער זיי שטאַרק מקרב געווען, און

ליכען ארבייטער וואס מאכט א לעבען, אדער א יונגען אלמן, מיט א קינד אדער צוויי, און די ארימע דבורה'ן וועט אראפ א יאך פון איהרע פלייצעס. אבער אז זי וועט זיך נעמען בילדען און וועט ווערען א גאנצע ליידי, וועט זי, האב איך מורא, זיין אויף צרות. אן ארבייטער וועט זיך איהר שוין ניט ווערען. און ביזנעסמאן וועט איהר ניט ווערען. דען ווערכער רעכטער בחור וועט דאס נעמען א מיידעל אהן געלט? זאג איך, אז זי דארף גאר ניט די בילדונג.

— אבער, מאמע, — האב איך איינגעווענדעט, — עטעל האט א גוטען קאפ און אז זי וועט ענדיגען ביזנעס קאלעדזש קען זי אליין אנהויבען צו פארדינען געלט. זי האט זעהר גוטע פעהיג־קייטען.

אויף מיין מוטער'ס געזיכט האט זיך באוויזען א שרעק, אבער איך האב איהר באלד בארוהיגט, זאגענדיג:

— און ווייטער, מאמע, קענען מיר ניט פארזארגען די גאנצע וועלט. ניט אלע קענען לעבען לויט אונזער שכל. זי וויל לערנען, זאל זי לערנען. מיך אינטערעסירט די זאך גאנץ ווייניג.

און בעת מעשה האב איך געפיהלט, אז איך זאג א ליגען. מיין מוטער'ס פלענער פאר עטעל'ס צוקונפט האבען מיר וועה געטאן. איך בין אריין אין מיין צימער און איבערגעטראכט מיין מוטער'ס רייד. עטעל וועט הייראטען אן ארימען ארבייטער. זאל ער כאטש זיין א פיינער מענש מיט אן איידעלען כאראקטער. עס זיינען דא א סך איידעלע מענשען צווישען די ארבייטער. נאר טאמער וועט ער זיין אזא וואס וועט איהר שלאגען — (און דא האב איך צוזאמענגעדריקט מיינע פויסטען). וועל איך איהם צו־קלאפען, צושלאגען אזוי ווי א טאמייטא, ביי דזשאו!

באלד איז געקומען א געלעגענהייט נעהנטער באקאנט צו ווערען מיט עטלען.

— עס איז אַל־ראַיט, מאַמע. איך וועל צו איהר אריבער־געהן און מיט איהר אַ רעד טאָן. — האָב איך געזאָגט.

— וואָאָאָס? נאָך געהן צו איהר? (מיין מוטער איז אויפ־געשפּרונגען פון אָרט ביי דיזע ווערטער). ווי פּאַסט עס פאַר דיר? ווי קומסטו צו איהר? ווער ביזט דו און ווער איז זי?

איך האָב איינגעזעהן אַז מיין מוטער האָט רעכט און האָב מיט באַדויערען אויפגעגעבען די האָפנונג, דאָס עטעל וועט מיט אונז קענען מיטפאָהרען.

באַלד ווי מיר האָבען אָפּגעגעסען סאַפּער, זיינען געקומען ביידע, דבורה מיט עטלען צוזאַמען. עטעל האָט אויסגעזעהן אַביסעל פאַרשעהמט און מיט אַן אויסדרוק פון חרטה אויף איהר פּנים. דבורה האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי זי וואָלט ערשט איבערגעקומען אַ גרויסען כעס.

— איהר דאַרפט אויף איהר קיין פאַראיבעל ניט האָבען, אויף דער נאַר, — האָט דבורה געזאָגט צו מיין מוטער. — זי איז שוין איינגעזעהן אַז זי האָט זיך באַנאַרישט און יעצט וויל זי שוין פאָהרען מיט אייך.

— נו, ענדליך געקומען צום שכל, — האָט מיין מוטער גע־זאָגט. — זיצט, דבורה, טרינקט אַ גלעזעל טיי.

עטעל האָט פאַר איין גאַנג מיר אָפּגעבראַכט אַ בוך, וואָס זי האָט ביי מיר געליהען, און זי איז אַוועק אין מיין צימער נעמען אַן אַנדער בוך. און בעת דבורה און מיינע עלטערען האָבען געטרונקען טיי, ביז איך אַריין אין מיין צימער זעהן וואָס עטעל טוט דאָרטען. זי איז געזעסען און געבלעטערט אַ זשורנאַל.

— איהר פאָהרט אויך? — האָט זי מיך געפרעגט מיט קינ־דערישע צוגעלאָזענקייט.

— געוויס פאָהר איך אויך, — האָב איך געענטפערט. — זעהר גוט וואָס איהר האָט באַשלאָסען אָנצונעמען מיין מוטער׳ס פאָרשלאָג. איהר... איהר וועט דאָרט באַקאַנט ווערען מיט פיינע באָיס —

— באָיס? — האָט זי איבערגעפרעגט לאַכענדיג — אויף וואָס דאַרף איך באָיס?

איך האָב אַ גוטע אורזאַכע צו גלויבען, אַז מיין מוטער האָט עס אויסגעווייקט, אַז דבורה זאָל באַקומען די שטעלע ביי אונזער לאַנדסמאַן, מיסטער קאַפּטאַן, אַלס דזשעניטרעס. וויפיעל זייטיגע שטיצע דבורה פלעגט באַקומען פון מיין מוטער ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ווען מיין מוטער פלעגט ווען געבען אַביסעל קליינגעלט צו עטלען, פלעגט עטעל מיט שטאָלץ זיך ענטזאָגען אָנ־צונעמען און זאָגען: „איך דאַנק אייך, איך דאַרף קיין געלט. מיין מוטער גיט מיר גענוג“.

— אַזאַ שטאָלצע, אַזאַ שטאָלצע! — פלעגט זיך מיין מוטער באַקלאָגען.

עס האָט זיך מיר זעהר שטאַרק געוואָלט אַז עטעל זאָל מיט־פאָהרען. פאַרוואָס? אָט אַזוי, — האָב איך זיך געטראַכט, — זאָל אַן אָרימע מיידעל אויך האָבען אַ וואַקיישאָן. זאָל זי אויך געניסען די געזונדע בערג־לופט. עס איז דאָך אַ רחמנות אויף איהר. אַ גאַנצען יאָהר וואוינט זי אין אַן ענגע וואוינונג פון דריי צימערלעך. זאָל זי טאַקע זעהן וואָס די קאָנטרי איז.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז עטעל געקומען גראָד אין דער צייט ווען איך בין ניט געווען אין דער היים. און ווען איך בין געקומען, האָב איך געפונען מיין מוטער שטאַרק אָנגעבלאָזען, בייז און באַרויערענדיג וואָס קבצנים זיינען אַזוי שטאָלץ. איך האָב מיך שוין אָנגעשטויסען, אַז עטעל איז דאָ געווען און האָט זיך ענט־זאָגט צו פאָהרען אין קאָנטרי אויף מיין מוטער'ס חשבון.

— וואָס איז געשעהן, מאַמעלע? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס זאָל געשעהן? — האָט זי געענטפערט, — די משוגענע עטעל וויל ניט פאָהרען. עס שטעהט איהר ניט אָן!

— ווייסטו וואָס, מאַמע, — האָב איך געזאָגט, — איך וועל פּרובירען מיט איהר אַ רעד טאָן. אפשר וועל איך איהר איבער־רעדען, אַז זי זאָל יאָ פאָהרען.

— נאָר בעטען זיך דאַרף מען ביי איהר. אַ זכיה אויף איהר קאָפּ! — האָט מיין מוטער אויסגערופען. — אַזאַ נאַרישע מויד. אָט דאָס איז די בילדונג. די בילדונג האָט איהר דעם קאָפּ פאַר־דרעהט!

וואוסט. עטלען איז אויסגעקומען צו זיצען באַזונדער, און איך מיט מיין מוטער זיינען געזעסען צוזאַמען.

עטעל איז געזעסען א פינף בענקלעך הינטער אונז, און איך האָב אָפטמאָל אומגעקערט מיין קאָפּ צו זעהן אויב זי איז דאָרט באַקוועם. זי איז געזעסען נעבען א יונגענמאַן וואָס האָט די גאַנצע צייט געלעזען א זשורנאַל מיט איין אויג און מיט דער אַנדער אויג געוואָרפען בליקען אויף עטלען. יעדען מאָל ווען איך פלעג אומ־קערען מיין קאָפּ צו עטלען, פלעגט זי א נייג טאָן מיט איהר קאָפּ און איהר געזיכט פלעגט לאַכען.

מיין מוטער האָט עס געמוזט באַמערקען און זי האָט גע־זוכט מיך צו באַוואָרענען, מאַכענדיג א באַמערקונג:

— אין קאַנטרי טרעפט אָפט, אז א יונגערמאַן פאַרליעבט זיך אין א מיידעל. וואָלט אפשר דער אויבערשטער געמאַכט, אז עטעל זאָל דאָרט קריגען א רעכטען חתן. עפּעס א גוטען פאַרמער.

איך האָב געשוויגען. מיין מוטער האָט גענומען ריידען גאַנץ שטיל:

— היט זיך, מיין זוהן, צייג איהר ניט ארויס צופיעל פריינד־שאַפט. זי קען זיך נאָך איינריידען, אז זי איז טאַקע ווער ווייס וואָס. מיט דיין פריינדשאַפט קענסט איהר טאָן א גרויסע רעה. זי קען זיך נאָך איינריידען אז זי איז דיין גלייכען. קיין אַנדער חתן וועט שוין ניט זיין גענוג גוט פאַר איהר. זי וועט פאַררייסען דעם נאָז, געגען מענשען פון איהר גלייכען, און זי קען נאָך צוליעב דעם, חלילה, פאַרזיצען. געדענק, מיין זוהן, האַלט זיך פון ווייטען און פאַרגעס ניט דיין שטאַט.

— איך פאַרשטעה, מאַמע, — האָב איך געענטפערט.

— אפשר וועסטו זיך דאָרט טרעפען מיט עפּעס א פיינער גבירישער טאָכטער. — האָט מיין מוטער געזאָגט. — עס קומען אַמאָל זעהר פיינע מיידלאַך אין קאַנטרי, וואָס זייערע מאַמעס נעמען זיי אז זיי זאָלען דאָרט באַקאַנט ווערען מיט לייטישע באַים.

איך האָב אראונטערגעלאָזען מיינע אויגען. אפשר וועל איך טאַקע דאָרט טרעפען אזא מיידעל ווי מיין מוטער שטעלט מיר פאָר. אפשר איז אַזוי באַשערט, אז איך זאָל דאָרט טרעפען מיין „בת־מלכה". און ביי דעם געדאַנק האָט מיר אָנגענומען א טיעפער

— וועל... עטעל, עס פרעהט מיך וואָס איהר פאָהרט מיט אונז, — האָב איך געזאָגט מיט ערנסט.

— אייך פרעהט עס, אייך? — האָט זי איבערגעפרעגט און איז רויט געוואָרען.

אין יענעם מאָמענט האָב איך דערזעהן אין עטלען אַ שטאַרקע עהנליכקייט צו דער „בת־מלכה“ פון מיין פאַנטאַזיע. אָבער דאָס האָט געדויערט ניט מעהר ווי אַן אויגענבליק. איך האָב זיך באַלד דערמאָנט אַן מיין מוטער און איהר מוטער, וואָס זיצען דאָרט אין דעם זאַל און מיין מוטער גיט דבורה׳ן אַ באַנוס פאַר איבערריידען די טאָכטער צו פאָהרען מיט אונז.

אוי, ווי איך האָב דאַן געהאַסט די אָרימקייט!

עטעל און איהר מוטער זיינען אַוועק צופרידענע און איך האָב זיך געפיהלט גליקליך. איך האָב געהאַלטען אין איין זאָגען צו זיך: „יעצט וועט מיין מוטער האָבען אַ מענשען וואָס וועט איהר מאַכען באַקוועם. עטעל איז אַ גוט מיידעל“.

„און דערפאַר — האָב איך זיך געטראַכט — דערפאַר וואָס זי וועט זיין גוט צו מיין מוטער, וועל איך זיין גוט צו איהר. כ׳וועל איהר פיהרען צום העכסטען בארג. מיר וועלען צוזאַמען קלעטערען ביז׳ן רעכטען שפּיץ. איך וועל איהר צייגען וואו עס וואַקסען סטראָבעררים, האָקעלבעררים און בלעקבעררים. איך וועל זי לערנען שווימען, פיש כאַפּען, און ווי צו פיהרען אַ רודער־שיפעל.“

ביז אַ שטיק אין דער נאַכט האָב איך פאַרבראַכט אין דיזע געדאַנקען. די קאַנטרי האָט ביי מיר באַקומען אַ גאַנץ נייעם חן, ווען איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אַז עטעל וועט דאָרט אויך זיין.

אָבער די אַלע פאַרשטעלונגען פון מיין פאַנטאַזיע זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען ווי אַ רויך נאָך איידער מיר זיינען אַהין אָנגעקומען.

דריי טעג שפּעטער, אַז מיר זיינען אַריין אין דער טריין צו פאָהרען נאָך די בערג, האָבען מיר געפונען די וואַגאָנען גוט געפּאַקט און מיר האָבען ניט געקענט געפינען דריי לעדיגע פּלעצער צוזאַמען. פון פאָהרען אין אַ „פּאַרלאָר־קאַר“, מיט רעזערווירטע פּלעצער, האָבען דאַן אונזערע אידישע רייכע לייט נאָך ניט גע־

פערטער קאַפּיטעל

מיט עטעל אַליין

מיר זיינען אַזוי געפאָהרען ביי צוויי שטונדען, ביז אונזער טריין האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סטיישאָן, אין מיטען וועג, און דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופען, אַז דער סטאַפּ וועט דויערען גאַנצע צעהן מינוטען. די גרעסטע טייל פּאַסאַזשירען האָבען אויסגעשטיגען פון די וואַגאָנען און זיך געלאָזט לויפען צום בופעט.

— רוף אַהער עטלען און זאָל זי זיצען נעבען מיר, — האָט מיין מוטער געזאָגט צו מיר, — און דו געה אַריין אין בופעט און קויף עטליכע אָראַנדזשעס.

איך האָב צוגערופען עטלען און זי האָט זיך זעהר געפרעהט וואָס זי וועט זיצען נעבען מיין מוטער. עס האָט איהר געמוזט זיין לאַנגוויילינג צו זיצען אַליין צווישען פרעמדע מענשען.

— ברייננ עטלען אַביסעל קענדי, — האָט מיין מוטער געזאָגט שמייכלענדיג.

— ניין, איך דאַנק אייך. איך עס ניט קיין קענדי. — האָט עטעל געזאָגט.

— טאָ ברייננ איהר אייז־קרים. הער זי ניט. זי וועט עסען.— האָט מיין מוטער געזאָגט. — אָבער זעה, מיין זוהן, קום וואָס שנעלער צוריק. דו זאָלסט, חלילה, ניט פאַרשפּעטיגען די טריין.

— איך וועל ניט פאַרשפּעטיגען, — האָב איך זי פאַזזיכערט.

פון זיכערקייט וועגען האָב איך מיין מוטער'ס טיקעט איבערגעלאָזען ביי איהר. מאַלע וואָס עס קען זיך טרעפען.

— זאָם זיך ניט, מיין זוהן! — דאָס האָט מיין מוטער שוין אויסגעשריען דורכ'ן פענסטער.

ווען איך בין אַריין אין בופעט, האָב איך געזעהן אַז צוויי מינוטען פון דעם צעהן־מינוטענדיגען סטאַפּ זיינען שוין אַוועק. דער גרויסער בופעט־זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט מענשען

רחמנות געפּיהל אויף עטלען. די מאַמע האָט רעכט. איך דאַרף זיך היטען איהר ניט צו פאַרדרעהען דעם קאָפּ אומזיסט און אומנישט. איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטען פון אומדרעהען מיין קאָפּ אַ קוק צו טאָן אויף עטלען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער יונגערמאַן וואָס זיצט נעבען איהר רעדט צו איהר און דאַקוטשעט איהר.

פלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך וויל אַ טרונק. האָב איך געפרעגט מיין מוטער אויב זי וויל אויך טרינקען. זי האָט געזאָגט אַז זי וויל ניט. בין איך אַליין געגאַנגען צו דער קאַן אייז־וואַסער וואָס איז געשטאַנען ביים טיר. דאָ האָב איך געמוזט געהן פאַרביי עטלען. עטעל איז געזעסען אַליין אויפ׳ן בענקעל. דער אָרט נעבען איהר, וואו דער פרעמדער יונגערמאַן איז פריהער געזעסען, איז געוועזן ליידיג. קענטיג, ער איז אַוועק אין אַן אַנדער וואַגאָן. אָדער ער האָט אויסגעשטיגען ביי אַ סטיישאָן.

עטעל האָט צו מיר פריינדליך געשמייכעלט. איך האָב איהר באַגריסט מיט אַ נייג פון מיין קאָפּ. האָב אַ זיפּ געטאָן אַביסעל קאַלטע וואַסער, און אַוועקגעהענדיג האָב איך זיך ווידער באַגריסט מיט עטלען, קוקענדיג מיט גרויס בענקשאַפט אויף דעם ליידיגען פּלאַץ וואָס איז געוועזן נעבען איהר.

נאָכדעם איז געשעהן אַן אונערוואַרטעטע זאַך, וואָס האָט אונז ביידען פאַרשאַפט עטליכע שטונדען גליק און צו מיין אָרימע מוטער אַ היבשע ביסעל אומזיסטע שרעק.

באהנען וואס פלעגען דא דורכגעהן אין פארשידענע וועגען. עטעל און איך זיינען געווארען דער ציל־ברעט פון אלעמענס שפאסען. אן עלטערער מאן מיט א סימפאטישען פנים איז צו אונז צוגע־גאנגען און געזאגט, אז מיר זאלען זיך ניט זארגען. אין פיער שטונדען ארום וועט אנקומען נאך א טריין, וואס געהט אין דעם זעלבען וועג ווי די טריין וועלכע מיר האבען פארזאמט.

איך האב אפגעדאנקט דעם מאן און געבעטען עטלען, אז זי זאל מיט מיר געהן ווייטער. עס איז ניט געווען אנגענעהם צו שטעהן אויף דעם ארט און זעהן ווי די לצים שצירען די ציין אויף אונז. מיר האבען זיך געלאזט געהן צו א פרייען פעלד. ווען מיר זיינען שוין געווען ווייט פון דיפא, האבען מיר זיך אפגעשטעלט און איינע די אנדערע אנגעקוקט.

איך האב געמוזט אויסזעהן זעהר קאמיש. דען די מינוט וואס עטעל האט מיך גוט אנגעקוקט, האט זי ארויסגעפלאצט מיט א געלעכטער.

— וואס לאכט איהר? — האב איך געפרעגט און זיך פאר־שעהמט.

זי האט ארויסגעפלאצט מיט א שטארקערען געלעכטער.

און אזוי ווי געגען מיין אייגענעם ווילען, האב איך זיך אויך צולאכט. געלעכטער איז אנשטעקענד. קיינער וואלט זיך ניט גע־קענט איינהאלטען פון לאכען, ווען ער וואלט געהערט ווי עטעל האט דאן געלאכט.

דאס איז געווען דער געלעכטער פון א פריזאנער, וואס האט זיך ארויסגעריסען פון תפיסה: פון א שקלאף וואס האט איבער־געריסען זיינע קייטען. איך האב אויך אזוי געפיהלט, כאטש איך האב פון דיזע געפיהלען ניט געוואגט זיך אפצוגעבען א קלארען באגריף.

אט דא זיינען מיר צוויי יונגע מענשען, אין די רעכטע בלי־הענדע יאהרען, אליין אונטער דעם פרייען בלויען הימעל, אויף גאט'ס גרינער ערד. און פון אויבען, איבער אונזערע קעפ, שיינט די גאלדענע זון. מיר זיינען פריי אזוי ווי די פויגעלאך וואס פליהען ארום אונז, ביי וועמען עס איז ניטא קיין אונטערשיד, קיין קלאס און קיין יחוס. מיר האבען זיך ווידער אנגעקוקט איינע די אנדערע

וואָס האָבען זיך געשטופּט צו די טישען. איך האָב זיך קוים צו־געשטופּט צו איין טיש, אָבער די אָראַנדזשעס וואָס איך האָב דאָרט געפונען זיינען געווען קליין און טרוקען. איך האָב זיך גענומען שטופּען צו אַן אַנדער טיש. ווען איך האָב שוין באַקומען ניש'קשה'דיגע אָראַנדזשעס, האָב איך געזעהן אַז עס זיינען שוין אַוועק פינף מינוטען. איך האָב אָבער אַהן אייז־קרים פאַר עטלען ניט געוואָלט אַוועקגעהן, און ווען איך בין שוין אַריין צוריק אין טריין מיט די אַלע זאַכען, האָב איך געפונען מיין מוטער לויפענדיג פון איין פענסטער צום צווייטען, און זעהר דערשראָקען.

— וואו איז עטעל? — האָט זי אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ שטימע, פון וועלכע איך האָב זיך דערשראָקען.

איך האָב זי אַנגעקוקט, ניט פאַרשטעהענדיג וואָס זי פרעגט מיך.

— איך האָב געזעהן אַז דו האָסט זיך פאַרשפּעטיגט, האָב איך געשיקט עטעל זאָל דיך זוכען. וואו איז זי? האָסטו זי ניט געזעהן?

איך האָב אַ וואָרף געטאָן די פּעקלאַך וואָס איך האָב געהאַט אין האַנט אויף דער ערשטער באַנק און זיך געלאָזט לויפען נאָך עטלען. מיין מוטער האָט מיר נאָכגעשריען:

— פאַרשפּעטיג ניט, מיין זוהן!

דער בופעט איז נאָך געווען היבש געפּאַקט און עס איז מיר שווער געווען צו זוכען צווישען אַזאַ גרויסען עולם.

פּלוצלונג האָב איך דערהערט איהר שטימע. זי האָט מיך פריהער דערזעהן. „שנעל, די טריין געהט אָפּ!" האָט זי צו מיר האַסטיג אויסגערופען און מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר'ן האַנט. מיר האָבען זיך ביידע געלאָזט לויפען, ניט קוקענדיג אויף די מענשען אין בופעט, וואָס האָבען געלאַכט זעהענדיג ווי מיר לויפען.

צו שפּעט! די טריין איז שוין אָפּגעגאַנגען. פון איין פענסטער האָבען מיר געזעהן אַ פרוי וואָרפען פאַרצווייפעלט מיט די הענט. איך בין נאָכגעלאָפען און געשריען: „מיר קומען מיט דער נעקס־טער טריין!" אָבער זי האָט מיך ניט געהערט.

אַרום סטיישאַן, אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָבען זיך געפונען הונדערטע מענשען. דאָ איז געווען אַ וויכטיגער פונקט פאַר אייזענ־

מויל. מיין טייערע מוטער! זי וואָלט אפשר געחלש׳ט אויפ׳ן אָרט, ווען זי זעהט דאָס.

ארום זעקס אוהר, ווען איך בין געווען זיכער, אז מיר וועלען שוין ביי דער דיפּאָ ניט טרעפען די זעלבע מענשען וואָס האָבען אונז פריהער געזעהן, האָב איך איינגעלאָדען עטלען, אז זי זאָל מיט מיר געהן אין בופעט עפּעס איבערבייסען. מיר זיינען שוין געווען הונגעריג. עס איז געווען ארום האַלב נאָך זעקס און מיר האָבען געהאַט נאָך א שטונדע צו וואַרטען.

דער בופעט איז געווען כמעט ליידיג. מיר זיינען געזעסען אויף א פּאָר הויכע שטולען ביי איינעם פון די הויכע לאַנגע טישען און געטרונקען קאפע און געגעסען קעיק און פרוכט. עטעל האָט גערעדט און געלאַכט. איך האָב זי קיינמאָל ניט געזעהן אזוי פרעה־ליך און רעדעוודיג. איך קען זיך ניט עראינערען וועגען וואָס זי האָט אזוי זיס און אומשולדיג געפּלאַפּעלט, ווייל איך האָב צו יענער צייט געטראַכט פון אַנדערע געדאַנקען. עס קען דאָך אמאָל מעגליך זיין, האָב איך זיך ערשטענס געטראַכט, אז עטעל האָט ערגעץ וואו א רייכען קרוב א מיליאָנער, פון וועלכען קיינער ווייס יעצט ניט, און עס קען אמאָל אָנקומען א ידיעה, אז דער קרוב איז געשטאָר־בען און האָט איבערגעלאָזען פאַר עטלען און איהר מוטער זיין גאַנצען פאַרמעגען. דאַן וועט מיין מוטער ניט דאַרפען מורא האָ־בען, טאָמער צייג איך ארויס עטלען אביסעל פריינדשאַפט.

א צווייטער געדאַנק. האָט זיך מיר געדרעהט אין קאָפּ, אז עטעל איז פיליכט א גלגול פון מיינע אַן עלטערע שוועסטער, וואָס איז געשטאָרבען איידער איך בין געבאָרען געוואָרען, און ווייל אין עטלען געפינט זיך מיין שוועסטער׳ס נשמה, דערפאַר פיהל איך צו איהר ווי א ברודער צו א שוועסטער.

און צו דער זעלבער צייט האָבען אין מיינע אויערען גע־קלונגען מיין מוטער׳ס ווערטער: „היט זיך, מיין זוהן, צייג איהר ניט אַרויס צופיעל פריינדשאַפט... זי קען זיך נאָך איינריידען, אז זי איז דיין גלייכען... זי וועט פאַררייסען דעם נאָז געגען מענשען פון איהר גלייכען... מיט דיין פריינדשאַפט קענסטו איהר טאָן א גרויסע רעה"...

אין די אויגען, און אָהן אַ וואָרט אויסצורייידען האָבען מיר ווידער גענומען לאַכען.

עטעל האָט אַזוי געלאַכט, אַז טרערען זיינען איהר אַנגעלאָפען אין די אויגען.

איך האָב זי אַנגעכאַפּט פאַר'ן אָרעם, אַ שטאַרקען דריק געטאָן און אויסגערופען:

— איהר וועט אַמאָל אויפהערען צו לאַכען, אָדער ניט?

— מאָרד! מאָרד! מענשען ראַטעוועט! — האָט זי גע־נומען קוויטשען אין שפּאַס, וויסענדיג אַז קיינער הערט אונז ניט. איך האָב אָפּגעלאָזט איהר אָרעם, זי האָט פאַרקאַטשעט איהר אַר־בעל און מיר אַנגעצייגט אויף די שפּורען פון דעם דרוק פון מיינע פינגער.

אַ הייסער פאַרלאַנג האָט מיך אין דעם מאָמענט אָנגענומען דעם אָרעם אַ קוש צו טאָן. איך האָב אין דעם מאָמענט זיך אין גאַנצען פאַרלאָרען. אָבער זי האָט זיך פלינק אַ דרעה געטאָן און איך האָב מיין באַגעהר ניט דורכגעפיהרט.

איך האָב זיך באַלד באַדענקט און איך בין איהר אין האַר־צען דאַנקבאַר געווען, וואָס זי האָט מיין נאַרישען באַגעהר גע־שטערט.

— לאָמיר געהן צום באַרג! — האָב איך פאָרגעשלאָגען און געוויזען מיט'ן פינגער אויף אַ נאָהענטען באַרג.

מיר זיינען געגאַנגען און ווייניג גערעדט. מיר האָבען ביידע געפיהלט גליקליך צו זיין כאָטש איין מאָל אין אונזער צוויי יעה־ריגער באַקאַנטשאַפט פאַר עטליכע שטונדען אַליין, אָהן די זיי־טיגע אַריינמישונג פון אַנדערע מענשען. אַזוי האָב איך געטראַכט און איך בין געווען זיכער, אַז זי האָט געטראַכט דאָס זעלבע.

איך האָב אָבער אויך ניט פאַרגעסען מיין מוטער. זי מוז זיין זעהר באַזאָרגט וועגען מיר.

ווען זי וואָלט געזעהן ווי מיר פאַרברענגען דאָ ביידע צו־זאַמען! עטעל, וועלכע האָט אַנגעקליבען אַ גרויסען הויפען סטראָ־בערים, איז יעצט געזעסען אַנטקעגען מיר און מיר געוואָרפען די בערים אין פּנים אַריין און איך האָב זיי איבערגעכאַפּט מיט'ן

פינפטער קאַפּיטעל

ליגענס און פּלאָנטערס

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום לעצטען סטיישאַן, וואו מיר האָבען געדאַרפט אויסשטייגען, האָבען מיר געפונען מיין מוטער וואַרטען אויף אונז. זי איז געווען פיבעריש פון אונגעדולד און שרעק, און ווען זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי זיך אויף מיר אַרויפגעוואָרפען און מיך גענומען קושען, אַזוי ווי זי וואָלט מיך ניט געזעהן פאַר צעהן יאָהר. איך האָב איהר קוים באַרוהיגט. און ווען זי איז רוהיגער געוואָרען, האָט זי זיך געווענדעט צו עטלען און געזאָגט:

— איך האָב וועגען דיר גע'דאגה'ט ניט ווייניגער ווי וועגען מיין סעמי'ן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, וואָס וואָלט, חלילה, געווען, ווען דו פאַרבלאָנדזשעסט ערגעץ. אוי, איך וויל גאָר ניט טראַכטען וועגען דעם. וואָס וואָלט דיין אָרימע מאַמע נעבעך געטאָן?

— גענוג שוין איץ, מיסעס פרומקין! — האָט דער פאַרמער, מר. ביילינסאָן, דער אייגענטימער פון דער „פאָרעסט ווילא" פאַרם הויז, צו וועמען מיר זיינען געפאָהרען, געזאָגט, פריהער צו עטלען און נאָכדעם צו מיר: — זי האָט די גאַנצע צייט ניט אָפּגעטראָטען פון דאַנען און געוואַרט אויף אייך. איך האָב איהר געבראַכט אַהער עסען, אָבער זי האָט ניט געוואָלט נעמען קיין זאַך אין מויל.

— אָל־ראַיט, — האָט מיין מוטער געזאָגט שוין, פרעהליכער, — מיר וועלען מעהר ניט ריידען פון דעם. — און פאַר גרויס שמחה האָט זי גענומען עטלען און האָט איהר אַ קוש געטאָן אין שטערן.

מיר זיינען געקומען אויף דער „פאַרם" (עס איז געווען אייגענטליך אַ גרויסע הויז מיט עטליכע און דרייסיג צימערען און מעהר ענהליך צו אַ האָטעל) ווען די אַנדערע באָרדערס האָבען שוין געענדיגט עסען סאַפּער, און מען האָט פאַר אונז דרייען געמוזט

מיין מוטער! מיין טייערע מוטער! ווי עס מוז צאַפּלען אין איהר דאָס האַרץ וואַרטענדיג אויף מיר!

אַ האַלבע שטונדע איידער אונזער טריין האָט געדאַרפט אָנ־קומען, זיינען מיר געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע און גע־וואַרט. מיר האָבען געוואָלט זיין זיכער, אַז מיר וועלען ניט פאַר־זאַמען.

מיר זיינען געפאָהרען זיצענדיג אויף איין בענקעל, איינער נעבען דעם אַנדערען, שולטער צו שולטער. יעדער איינער פון אונז האָט זיך גע׳סוד׳עט מיט זיך אַליין און געשוויגען.

און די טריין איז געפלויגען, און די רעדער האָבען געקלאַפּט אַזוי פּראָזאַאיש, אַזוי אינהאַלטסלאָז.

צימער און בין אריין אין דעם אַנדערען וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר מיר. מיין קאָפּ האָט שטאַרק גענומען וועה טאָן און אין די אויערען האָט מיר געקלונגען אַ שטימע: „ליגנער! ליגנער!“

מיין מוטער האָט אריינגערופען עטלען און זיי האָבען גע־נומען אויספּאַקען זייערע זאַכען. איך בין געזעסען אין מיין צימער און פּרובירט לעזען אַן אַלטען ביכעל וואָס איך האָב דאָרט גע־פונען. דער אינהאַלט האָט מיך ווייניג אינטערעסירט און איך האָב זיך צוגעהערט ווי מיין מוטער רעדט מיט עטלען:

— האָסט זיך געמוזט גוט איבערשרעקען היינט, — האָט מיין מוטער געזאָגט.

— וואָס האָב איך זיך געהאַט צו שרעקען? איך בין דען אַ בייבי? — האָט עטעל געזאָגט. — אייער זוהן איז דאָך אויך געווען מיט מיר.

— וואָס האָט איהר די גאַנצע צייט געטאָן?

ביי דער פראַגע האָט מיין הארץ אָנגעהויבען צו צאַפּלען. אָט דאָ וועט מיין מוטער זיך דערוויסען, אַז איך האָב איהר געזאָגט ליגען. אָבער עטעל איז ניט געווען קיין נאַר. זי האָט געענטפערט:

— מיר זיינען געזעסען און געוואַרט אויף אַ טריין.

— און וואָס האָט איהר די גאַנצע צייט גערעדט?

— וועגען די טריינס, וועגען אייך.

(„עטעל! עטעל! — האָב איך זיך אין הארצען געזאָגט — דו! דו — אַ ליגען?“)

מיין מוטער איז, ווי עס האָט אויסגעזעהן, געווען צופרידען. עטעל'ס רייד האָבען געשטימט מיט מיינע. אַ געפיהל פון דאַנק־באַרקייט האָט מיין הארצען אָנגעפילט צו עטלען.

מיר זיינען אַלע געווען מיעד און מיר האָבען זיך געלייגט שלאָפען פריהער ווי געוועהנליך. פון מיין צימער האָב איך גע־הערט ווי מיין מוטער בעט עטלען, זי זאָל איהר מאָרגען אויפוועקען פריה.

קיינער פון אונז האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ פליאַנטער עס דרעהט זיך פאַר אונז דאָרט אונטען, אויף דער וועראַנדאַ. וואו די ווייבער זיינען געזעסען און געשמועסט און געהעצקעט, גע־פלאַנט אַ פאַרשווערונג געגען דער אָרימער עטלען.

סערווירען עקסטרא ביי א פרייען טיש נעבען א פענסטער. מיין מוטער האט שטארק ניט געוואלט ליידען די בליקען פון די ניי־געריגע פרויען, וואס האבען אריינגעקוקט פון דרויסען, דורך דעם פענסטער, און געשאקעלט מיט די קעפ, אזוי ווי זיי וואלטען עפעס דערגאנגען וואס זיי האבען געוואלט וויסען. אום ניט צו שאפען א פאלשע מיינונג וועגען מיר און עטעל, האט מיין מוטער, גלייך נאך סאפער, ערקלעהרט פאר א פאר באקאנטע פרויען וואס זי האט דארט געטראפען, אז די מיידעל וואס זי האט מיטגעבראכט איז איהר נוירם און דאס אלעס.

מיר האבען זעהר ווייניג געגעסען. און באלד ווי מיר האבען געענדיגט אונזער סאפער, האט מיין מוטער מיך געבעטען איך זאל מיט איהר ארויפגעהן אויבען, ווייל זי וויל מיט מיר באטראכטען אונזערע צימערען.

איך האב זיך גלייך אנגעשטויסען צו וואס זי דארף מיך, און מיין הארץ האט זיך אנגעהויבען צו שרעקען. זי וועט מיך געוויס נעמען אויספרעגען וואס איך האב די גאנצע צייט געטאן אין איהר אבוועזענהייט, אזוי ווי איהר שטייגער איז געווען. וואס וועל איך איהר זאגען? וועל איך איהר דערצעהלען, ווי מיר האבען פרעה־ליך פארבראכט די צייט אין פרייען פעלד? איך האב נאך ביז יעצט איהר קיין ליגען ניט געזאגט.

— א גאנץ שעהנער צימער פאר מיר מיט דער מיידעל, — האט זי געזאגט, באטראכטענדיג דעם צימער, — און דיינער איז גראד הארט דערביי. נו, מיין זוהן, דערצעהל מיר, ווי האסטו פאר־בראכט די גאנצע צייט וואס דו האסט געווארט אויף דעם טריין?

— ביי דער דיפא, — האב איך גענטפערט, און די בלוטען האבען מיר א זעץ געטאן אין קאפ ביי דעם ערשטען ליגען.

— און וואס האסטו די גאנצע צייט געטאן?

— גאר ניט. געלעזען די פייפערס.

— די גאנצע צייט געלעזען? גאר ניט גערעדט?

— גערעדט מיט עטלען.

— וועגען וואס?

— וועגען דיר.

ביי דעם לעצטען ליגען האב איך זיך שנעל ארויסגעמאכט פון

הארץ האָט גענומען זידען און מיין צונג איז ווי געלעהמט געוואָרען. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגען און ניט געוואוסט וואָס.

— נעם אביסעל פרישע מילך, — האָט מיר מיין מוטער געזאָגט און זי האָט מיר דערלאַנגט אַ פולע גלאָז.

איך האָב לאַנגזאַם געזופּט די מילך און מיינע אויגען האָבען באַטראַכט די באָרדערס וואָס זיינען געזעסען ביי די אַנדערע טישען. דאָ זיינען געווען מייסטענס פרויען און מיידלעך. אַלע זיינען געווען פאַרטאָן אין דער אכילה. די פּעטערע און די דיקערע פרויען, וועלכע זיינען געקומען אָפּנעמען געוויכט, האָבען אין זיך מעהר געפּאַקט ווי זייערע מאָגערע שוועסטער. זייערע גוידערס האָבען זיך געהויבען ארויף און אראָפּ. זייער „סמאַק־סמאַק“ האָט זיך געהערט איבער'ן גאַנצען זאַל. מיט פולע מיילער האָבען זיי געגעבען אָרדערס צו די ווייטערס, מען זאָל זיי צולייגען נאָך אַ פּאָרציע און נאָך אַ פּאָרציע און נאָך אַ פּאָרציע. די אינגערע פרויען און די מיידלאַך האָבען געהאַלטען אין איין שפּאַסען און לאַכען, געקלאַפּט מיט די לעפעל און גאָפּעל אין די טעלער, אום צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די ווייטערס.

דאָס איז געווען ניט מיין ערשטער זומער אין די קאַנטרי. אָבער קיינמאָל איז מיר ניט געווען אַזוי אויפפאַלענד דער וואולגאַרער, גראָבער אויפפיהר פון די באָרדערקעס, ווי דיזען מאָל. און דיזע פיינע ליידיס, האָב איך זיך געטראַכט אין הארצען, וואָס פרעסען אַזוי ווי פּראָסטע פּויערטעס, שטעהט ניט אָן אַז עטעל זאָל עסען מיט זיי אין דעם זעלבען זאַל!

די עטליכע מענער וואָס זיינען דאָרט געזעסען, האָבען געשמאַק דיסקוטירט אַ פּאָוקער שפּיעל וואָס זיי האָבען געהאַט אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט. אָבער די פּערזאָן וואָס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען מעהר פון אַלעמען איז געווען אַ פרוי אין אַ רויטע מאָרגען קלייד, וועלכע, איך האָב באַלד ארויסגעזעהן, האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין ביילינסאָנ'ס פאַרם־הויז. דאָס איז געווען די „סטאַר־באָרדער“, די קעניגין פון די זומער־געסט. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, מיט אַ שעהן ענטוויקעלטע פיגור און מיט אַ שטאָלצע האַלטונג. איהר פּנים איז געווען אַזוי ווי אויסגעשניצט. זי איז געווען, אָהן

זעקסטער קאַפּיטעל

אַ פאַרשווערונג

אויף מאָרגן האָב איך זיך אביסעל פאַרשלאָפּען. און ווען איך בין אַרונטערגעקומען אין דיינינג רום, צו פרישטיק, זיינען שוין אַלע באַרדערס געזעסען און געגעסען. איך האָב מיין מוטער געפונען ביי אַ טישעל, איינע אַליין, טרינקענדיג אַ גלאָז מילך.

איך האָב איהר געגעבען אַ גוט־מאָרגען קוש, וועלכען איך האָב קיין טאָג אין איהר לעבען ניט פאַרפעהלט. און זי האָט געזאָגט:

— האָסט זיך פאַרשלאָפען, מיין זוהן, אָבער איך האָב דיך געזשאַלעוועט און ניט געוואָלט וועקען.

עס האָט מיר געוואונדערט, וואָס עטעל איז ניטאָ. איך האָב באַמערקט, אַז אויפ'ן טיש איז געגרייט בלויז פאַר צוויי פערזאָן.

— וואו איז דיין נוירס? — האָב איך געפרעגט, און געפיהלט דערביי אַז דאָ האָט געמוזט עפּעס געשעהן.

מיין מוטער האָט אַביסעל פאַרשעהמט געענטפערט:

— זי עסט דאָרט, אין דעם אַנדער צימער, מיט די מיידלאַך.

— וועלכע מיידלאַך? — האָב איך געפרעגט פאַרוואונדערט.

מיין מוטער האָט אַ ווײַלע געשוויגען. נאָכדעם האָט זי גענומען ריידען שטילער:

— די אַנדערע פרויען ווילען ניט אַז עטעל זאָל זיצען מיט אונז ביי איין טיש, דאָ אין דעם רום. זיי זאָגען, אַז... אַז זי איז אַ דיענסט, און עס פּאַסט זיי ניט צו עסען מיט דינסטען.

— זי איז דאָך אָבער ניט אַ דינסט.

— זי איז אַ נוירס, האָב איך זיי געזאָגט. אָבער זיי זאָגען, אַז דאָס איז די זעלבע זאַך ווי אַ דינסט. איך האָב זיך שוין די האַרץ אויסגעגעסען טענה'נדיג מיט זיי.

מיינע בלוטען האָבען אין מיר אָנגעהויבען צו קאָכען. מיין

איהרע נאָהענטע שמייכלערקעס, האָבען געפונען פאַר נויטיג צו לאַכען, כדי זיך מעהר איינצוקויפען ביי איהר.

ווי קענען דאָס מענשען אַזוי לאַכען? — האָב איך זיך געפרעגט — ווען אין דעם זעלבען הויז געפינט זיך יעצט אַן אָרימע, אומשולדיג מיידעל, וועמעס האַרץ איז היינט פאַרוואונדעט געוואָרען צוליעב אַ האַרצלאָזע העצקע, אַ פאַרשווערונג פון ווייבער מיט פוסטע קעפּ.

מיר האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער ענדיגען דעם פריהשטיק, אום זיך צו דערוויסען וואָס עטעל טוט יעצט און ווי זי האָט אָנגענומען די שרעקליכע באַליידיגונג.

אָבער נאָך איידער מיר האָבען צייט געהאַט צו פאַרלאָזען דעם טיש, איז צו אונז צוגעקומען מיסעס גרעפּטער. זי האָט זיך צוערשט באַגריסט מיט מיין מוטער און נאָכדעם האָט זי מיר אַריינגעשמייכעלט אין פּנים אַריין און האָט מיר דערלאַנגט די האַנד. און בעת איך האָב איהר מיין האַנד געגעבען, האָט זי מיין האַנד געגעבען אַזאַ דרוק, וואָס האָט געמאַכט, אַז איך זאָל פיהלען ווי אַן עלעקטרישער שטראָם געהט דורך מיין קערפּער. אַ מאָמענט איז מיר געוואָרען הייס. און באַלד האָב איך געפיהלט אַ קאַלטקייט און אַ שרעק, ווי איינער וואָס האָט אומגערן אָנגעריהרט אַ שלאַנג.

— איך וויל, אַז איהר זאָלט מיך בעסער פאַרשטעהן, מיסעס פרומקין, — האָט מיסעס גרעפּטער געזאָגט צו מיין מוטער. — אסור אויב איך האָב עפּעס צו דער מיידעל. איך קען זעהן, אַז זי איז זעהר אַ פיינע מיידעל. אָבער עס זיינען דאָ עטליכע לײדיס וואָס זיינען אַהערגעקומען מיט נוירסעס און אַנדערע וואָס זיינען געקומען מיט דיענסטען. און ווען מען זאָל לאָזען אייער נוירס זיצען דאָ מיט אַלעמען, וועט אַן אַנדער פרוי וועלען, אַז מען זאָל דאָס איהר נוירס אויך ערלויבען. און די וואָס האָבען געבראַכט אַ פּראָסטע דיענסט וועט זאָגען, אַז איהר דיענסט איז אויך אַ נוירס, און אַזוי וועט אונז אַלעמען אויסקומען צו עסען מיט דיענסטען צוזאַמען. מיין ביזנעס איז צו פּראָטעקטען מר. ביילינסאָן'ס ביזנעס. דאָס ווייסט איהר דאָך אַליין.

צווייפעל, אַ שעהנע פּרויענצימער, אויף וועלכע יעדער איינער האָט זיך געמוזט פאַרקוקען. אָבער אין איהר שעהנקייט איז געלעגען אַ מין קאַלטקייט, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די פרוי האָט אין זיך קיין האַרץ. ווי שעהן זי האָט אויסגעזעהן, בין איך געווען זיכער, אַז איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקענט פאַרליעבען אין איהר, ווען אפילו מיר וואָלטען געווען אין איין עלטער.

— דאָס איז די סטאָר באָרדער, מיסעס גרעפּטער, — האָט מיין מוטער מיר ערקלעהרט, באַמערקענדיג ווי איך באַטראַכט די פרוי. — זי שטעלט צו מר. ביילינסאָן אַ סך באָרדערס. זי באַלאַנגט צו אַ סך סאָסייעטיס אין ניו יאָרק און זי האָט גרויסע באַקאַנטשאַפט. זי איז דאָ דער גאַנצער באָס.

איך האָב באַמערקט, אַז אַלע פּרויען וואָס זיינען געזעסען ביי די טישען האָבען זיך געשמייכעלט צו מיסעס גרעפּטער. וואָס זי האָט געזאָגט האָט מען איבערגעטראָגען פון איין טיש צום צווייטען.

מר. ביילינסאָן, דער פאַרמער, איז אריינגעקומען. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו מיין מוטער און האָט אָנגעהויבען זיך צו ענטשולדיגען:

— עס טוט מיר זעהר לייד, וואָס אייער נוירס קען ניט זיצען מיט אייך. אָבער, עס איז דאָך מיין ביזנעס, און אַז מיסעס גרעפּטער און די אַנדערע פּרויען ווילען ניט, קען איך זיך ניט העלפען.

— אַלראַיט, מיסטער ביילינסאָן, מיר וועלען שפּעטער רעדען וועגען דעם, — האָט מיין מוטער געזאָגט. — זעהט אָבער אַז די מיידעל זאָל קריגען אַ גוטען ברעקפעסט און פרישע מילך.

— וועגען דעם זאָלט איהר זיך גאָרניט זאָרגען, — האָט מר. ביילינסאָן געענטפערט. — ביי מיר גיט מען פּלענטי. ניט ווי ביי קרוטשיק'ן, וואָס האָט די פאַרם־הויז ניט ווייט פון דאַנען. ביי איהם געהן אוים די באָרדערס פאַר הונגער.

מר. ביילינסאָן איז אַוועק אין קיך. אין דעם אויגענבליק האָט ביי דעם טיש וואו מיסעס גרעפּטער איז געזעסען, אויסגעבראָכען אַ הילכיגער געלעכטער. עס איז געווען קענטיג, אַז די סטאָר־באָרדער האָט געזאָגט עפּעס אַ וויץ און איהרע „האָפּדאָמען",

— לאָמיר זיך אביסעל דורכגעהן, — האָט געזאָגט מיסעס גרעפּטער, אָננעמענדיג מיין מוטער אונטער'ן אָרעם. — די יונגע מענשען קענען בעסער פארברענגען ווען אזעלכע אַלטע ווייבער ווי מיר זיינען דערביי ניטאָ. — מיסעס גרעפּטער האָט זיך אַליין צולאַכט איבער דעם וויץ וואָס זי האָט געזאָגט און איז אוועק מיט מיין מוטער.

— אי העיט דהי סאָיט אָוו האר! (איך קען זי ניט אָנקוקען) — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט צו מיר. — זי איז אַ פּרוי אַ פּעסט, אַ טייוועל! עס איז אַ סקאַנדאַל צו באַליידיגען אזאַ פיינע מיידעל ווי אייער מוטער'ס נוירס. איך האָב מיט איהר גערעדט. זי איז אַ העכסט אינטעליגענטע און קלוגע מיידעל. זי שטעהט אַ סך העכער ווי די אומוויסענדע יענטעס וואָס קומען אהער ציינען זייער דזשולערי.

אין דער מינוט האָט מיס בראָדסקי מיך געקויפט פאַר אַ פריינד.

— עס איז צו באַדויערען, וואָס ניט אַלע קענען אזוי דענקען ווי איהר, — האָב איך געזאָגט און מיין שטימע האָט געציטערט אין מיר. מיס בראָדסקי האָט מיך אָנגעקוקט. זי האָט פארשטאַנען... מיין שטימע האָט אַלעם אויסגעזאָגט.

מר. ביילינסאָן איז ווידער אריינגעקומען, איז צוגעלאָפען צו מיר און האָט געפרעגט:

— וואו איז אייער מוטער? די נוירס אייערע האָט ניט געוואָלט אָנריהרען דעם עסען. זי האָט נאָר אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער, און זי זאָגט, אַז זי וויל גלייך פאָהרען צוריק אהיים. זי איז אין אייער מוטער'ס צימער. זי פּאַקט זיך איין איהרע זאַכען.

איך האָב זיך ענטשולדיגט פאַר מיס בראָדסקי און בין אַוועק זובען מיין מוטער.

און דאָס אַלעם האָט מיסעס גרעפּטער גערעדט מיט אַ האָניג־זיסען שמייכעלע. איך גלויב, אַז אַ שלאַנג שמייכעלט אויך אַזוי בעת זי בייסט איהר קרבן.

— עס איז אָבער אַ צער, זי איז אַ פיינע מיידעל, — האָט מיין מוטער פּרובירט איינווענדען, — און אַ געבילדעטע.

— ביי מיר וואָלט איהר דאָס געפּועל׳ט. איך האַלט זעהר פון בילדונג. אויף בילדונג שטעהט די וועלט. אָבער מיר האָבען דאָך דאָ צו טאָן מיט פּראָסטע אַלרייטניצעס! — האָט ערקלעהרט מיסעס גרעפּטער און דערביי האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט איהרע ביטרע אויגען, צו זעהן וואָס פאַר אַ ווירקונג איהר קריטיק אויף די פּראָסטע אַלרייטניצעס האָט געמאַכט אויף מיר.

די געסט האָבען אָנגעהויבען צו פאַרלאָזען די טישען. מיין מוטער האָט באַמערקט צווישען זיי אַ יונגע מיידעל און האָט צו מיר אויסגערופען:

— זעה! דאָרט איז בראָדסקי׳ס אינגערע טאָכטער דו קענסט דאָך איהר פאָטער.

— פּעני! קום אַהער, פּעני! — האָט מיין מוטער זי גע־רופען.

דאָס איז געווען אַ שעהן מיידעל, מיט בלאָנדע געקרייזעלטע האָר און מיט אַ לאַכענדיג פּנים׳ל. זי איז צוגעגאַנגען צו מיין מוטער, האָט זיך מיט איהר אַרומגענומען, אָבער ניט צוקושט.

— פּריטטי, עה! — האָט צו מיר מיסעס גרעפּטער שטיל אַ זאָג געטאָן, ווינקענדיג אויף דער מיידעל. — אָבער, ליידער, האָט זי שוין אַ חתן.

מיס בראָדסקי, באַמערקענדיג אַז מיסעס גרעפּטער רעדט וועגען איהר, איז אַ ביסעל רויט געוואָרען. איך האָב זיך אויך פאַר־שעהמט.

איהר פאָטער האָב איך גוט געקענט. אָבער די מיידעל אַליין האָב איך בלויז געהאַט געזעהן אַ פּאָר מאָל. איך האָב זיך אויפ־געשטעלט, איהר באַגריסט און ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָב איך זיך אויך צוריקגעזעצט. כאָטש איך בין געווען זעהר אומגעדולדיג אַוועקצוגעהן.

איך זיך באַרעכענט, אַז איך וועל אַרויפגעהן צו מיין מוטער׳ס צימער, וואו ווערדליג מר. ביילינסאָן האָט מיר געזאָגט, פּאַקט דאָרט עטעל איהרע זאַכען.

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל געפינען עטלען אַ פאַרוויינטע, אַ צובראָכענע, אָבער איהרע אויגען זיינען געווען טרוקען און איהר האַלטונג איז געווען אַ שטאָלצע. איך האָב נאָך איהר ביז יעצט ניט געזעהן אַזוי שטאָלץ.

— עטעל... — האָב איך אָנגעהויבען צו ריידען, און עפּעס האָט זיך מיר געשטעלט אין האַלז — פאָהרט ניט אַוועק!

— איך וועל דאָ ניט בלייבען פאַר קיין זאַך אין דער וועלט, — האָט זי געזאָגט מיט אַן ענטשלאָסענעם טאָן, אָבער אָהן ביטערקייט. — און אויב מר. ביילינסאָן וועט מיך ניט צופיהרען צו דער דיפּאָ, וועל איך געהן צופוס.

— אָבער, עטעל, באַרענקט זיך, וואָס איז שולדיג מיין מוטער? און איך? — האָב איך גענומען טענה׳ן. — מיר וועלען זיך אַן עצה געבען. איך וועל איבעררריידען מיט מיין מוטער. מיר וועלען אפשר מופען אין אַן אַנדער באַרדינג הויז.

— איך דאַנק אייך, איהר דאַרפט זיך ניט באַמיהען, — האָט זי געענטפערט. — מען האָט מיר געזאָגט, אַז איבעראַל איז די זעלבע זאַך, איבעראַל זיינען דאָ די מיסעס גרעפּטערס מיט די אויפגעקומענע גבירה׳טעס וואָס פאַראַכטען יעדע פרוי אָדער מיידעל, וועלכע איז ניט אָנגעלאָדען מיט דזשועלערי. איך וויל, אַז כאָטש איהר זאָלט מיר פאַרשטעהן, און דאַרום זאָג איך אייך, אַז איך אַנטלויף ניט פון די דינסטען, מיט וועמען מיסעס גרעפּטער האָט געהייסען מיך אַוועקזעצען. איך אַנטלויף פון די פרויען, אָט די שעהנע באַלעבאָסטעס, ביי וועמען מיסעס גרעפּטער איז אַ פיהרערין, אַ לידער. די דיענסטען זיינען פיינער, איידעלער און מענשליכער פון זיי. נאָר אויב איך פאַרבלייב דאָ נאָך אַ טאָג, פיהל איך, אַז איך ווער דאָ קראַנק. די אַטמאָספערע שטיקט מיך. איך וויל ניט דעם אומזיסטען עסען, אייער מוטער׳ס טשאַריטי, און די מכשפה מיסעס גרעפּטער, מיט די העסליכע ווייבער, וואָס בוקען זיך פאַר איהר טראָן, עקלען מיך. איך מוז אַנטלויפען!

זיבעטער קאַפּיטעל

עטעל קלייבט זיך אַהיים

איך בין אַרויס אויף דער וועראַנדאַ צו זעהן אויב מיין מוטער זיצט דאָרט. די וועראַנדאַ איז געווען פול מיט ווייבער, וועלכע האָבען זיך פלייסיג געוויעגט אין די וויעג שטוהלען און געשמאַק געפּלוידערט דערביי. זיי האָבען געערדט אין קופּקעלאַך, און פון די ווערטער וואָס מיין אויער האָט אונטערגעכאַפּט, האָב איך גע־וואוסט, אַז זיי ריידען וועגען עטלען.

— אַז מיסעס גרעפּטער זאָגט ניין, איז ניין. מעג זיך אפילו מיסטער ביילינסאָן יאָ וועלען מאַכען אַן אויסנאַהמע פאַר דער מיידעל, וועט מיסעס גרעפּטער אויספיהרען, ניט ער.

— און נאָך אַלעמען איז זי געערבט. אַ דיענסט איז אַ דיענסט. זי קען ניט זיצען מיט אונז.

איך האָב אַ בליק געטאָן אויף דער פרוי וואָס האָט אַזוי פאַרטיידיגט מיסעס גרעפּטער'ס הערשאַפט און איך האָב ניט ווילענדיג געמוזט אַ שמייכעל טאָן. אויף איהר פּנים איז געלעגען אַזאַ פּראָסטקייט, אַזאַ גראָבקייט. איך וואָלט געוועטען, אַז בלויז מיט עטליכע יאָהר צוריק, איז זי אַליין געווען אַ דיענסט, וואָס האָט אין ערגעץ ניט געקענט אָנהאַלטען אַ פּלאַץ מעהר ווי אַ פּאָר וואָכען. איהר פּנים און איהרע הענט, וועלכע זיינען געווען פול מיט דימענטענע רינגעלאַך, האָבען געציינט, אַז זי האָט ניט שטאַרק ליעב געהאַט זייף.

— איהר זוכט אייער מוטער? — האָט מיך אַן אַנדער פרוי געפרעגט. — זי איז אַוועק מיט מיסעס גרעפּטער אויף אַ שפּאַ־ציער, צום וואַסער.

איך האָב קיין חשק ניט געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט מיסעס גרעפּטער אין יענעם מאָמענט. איך האָב מורא געהאַט, אַז אין מיין אויפרעגונג וועל איך זיך ניט איינהאַלטען און וועל איהר זאָגען וואָס איך דענק וועגען איהר. דאָס וואָלט זיכער געבראַכט צו אַ סקאַנדאַל, פון וועלכען מיין מוטער וואָלט געליטען. האָב

מוז פּראַקטעקטען מיסטער ביילינסאָנ׳ס ביזנעס. דאָך אַז מיסעס פּרומקין האָט מיך שטאַרק געבעטען און האָט אַזוי גוט גערעדט וועגען אייך, האָב איך דורכגעפיהרט אַז איהר זאָלט זיצען מיט מיסעס פרומקין ביי איין טיש.

— איך דאַנק אייך, — האָט עטעל געענטפערט זעהר טרוקען, — אָבער איך דאַרף ניט אַז מען זאָל מאַכען פאַר מיר אַן אויסנאַמע. אויב איהר האָט יאָ אַזאַ איינפלוס אויף מיסטער ביילינסאָן, טאָ בעט איהם אַז ער זאָל שפּאַנען זיין פערד און מיך צופיהרען צום סטיישאָן. איך בין שוין פערטיג.

מיסעס גרעפּטער האָט איהר אָנגעקוקט מיט אַ צינישען שמייכעל און זיך ווענדענדיג צו מיר, האָט זי אַ זאָג געטאָן: „וועל — והאָט דו יו טהינק אָוו דהאָט?"

— עטעל! וואָס איז מיט דיר? — האָט מיין מוטער איהר געגומען פירהאַלטען. — די מיסעס גרעפּטער וויל זיין גוט צו דיר און דו לאָזט זיך ניט! עטעל, זיי ניט קיין נאַר און אַנטלויף ניט. אין קאַנטרי איז אַזוי שעהן. וואַרט, מיר וועלען נאָך דינגען אַ באַגי און אַרומפאָהרען שפּאַצירען. דו וועסט דאָ זעהן בערג, וועלדער — אַ גן־עדן. וואָס וועסטו טאָן דאָרט יעצט אין ניו יאָרק, אין אַזעלכע היצען?

— איך וועל העלפען מיין אָרימע מוטער, אַז זי זאָל ניט דאַרפען אַזוי שווער אַרבייטען אין די גרויסע היצען, — האָט עטעל געזאָגט, און איהר שטימע האָט שוין אָנגעהויבען צו ווערען ווייכער, ריהרענדער. איך האָב געזעהן, אַז איהר שטאָלץ הויבט זיך אָן צו בויגען. די באַליידיגונג וואָס זי האָט געליטען הויבט אָן ארויסצוצייגען איהר ווירקונג.

בלייבט דאָ, מיס, — האָט מיסעס גרעפּטער אריינגעוואָרפען אַ וואָרט. — זעהט, איהר געהט דאָ איבערלאָזען אַזאַ שעהנעם דזשענטעלמאָן און אַוועקפאָהרען.

עטעל האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. מיין מוטער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיסעס גרעפּטער מיט פּאָרוואורף. איך האָב זיך געפיהלט זעהר אומבאַקוועם. איך האָב דיזע באַמערקונג פאַררעכענט אַלס אַ באַליידיגונג פאַר עטלען.

אין טיר האָבען זיך באַוויזען צוויי עלטערע פרויען. ביידע

עטעל'ס פּנים האָט זיך צופלאַמט בעת זי האָט געהאַלטעז איהר פייערדיגע אַנקלאַגע געגען די באַרדערקעס פון ביילינסאַנ'ס פאַרם־הויז. איך בין געשטאַנען ווי פאַר'כשופ'ט. א געדאַנק איז מיר דורכגעפלויגען אין קאָפּ: „אָט דאָס איז זי, די בת־מלכה פון דיינע יוגענט־חלומות". איך בין זיכער, אז ווען עטעל וואָלט דאַ־מאָלס געזאָגט צו מיר איין וואָרט, וואָלט איך מיט איהר אויך געפּאָהרען. אזוי באַצויבערט בין איך געוואָרען פון איהרע רייד און פון איהר שטאָלצער האַלטונג.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס איהר צו ענטפערען, ווייל איך האָב געפיהלט, אז זי האָט רעכט און אַז פאַר איהר בלייבט גאָרניט אַנדערש צו טאָן ווי א שפּיי צו טאָן אויף דער גאַנצער מיאוס'ער געזינדעל באַרדערקעס און אַנטלויפען.

— עס טוט מיר זעהר לייד, עטעל! — האָב איך געזאָגט שטאַרק געריהרט.

— איהר דאַרפט זיך די זאַך ניט נעמען צום האַרצען, — האָט זי געענטפערט אין א פריינדליכען טאָן. — צו אייך האָב איך גאָר ניט. צו אייער מוטער — אויך ניט. איך פאָהר אוועק, ווייל מיר געפעלט ניט דאָ צו זיין.

ווען איך בין אריין אין מיין מוטער'ס צימער, האָב איך גע־לאָזט די טיר אביסעל אָפען, אום קיינעם פון די באַרדערס זאָל ניט איינפאַלען א פאַרדאַכט, אז מיר האָבען עפּעס סודות צווישען זיך. און דאָך, ווען מיין מוטער איז אָנגעקומען און נאָך צוזאַמען מיט מיסעס גרעפּטער, האָב איך זיך אַביסעל פאַרלאָרען.

— עס איז שוין אַלראַיט, עטעל, — האָט מיין מוטער גע־זאָגט און איהר פּנים האָט געשטראַהלט פאַר פרייד. — מיסעס גרעפּטער האָט אויסגעפיהרט, אַז פאַר דיר זאָל מיסטער ביילינ־סאָן מאַכען אַן אויסנאַמע. דו וועסט זיצען מיט אונז.

איך האָב געפיהלט א חשק מיין מוטער אַרומצונעמען און איהר צו קושען פאַר דער פרעהליכער בשורה, און מיין כעס געגען מיסעס גרעפּטער איז פאַרשוואונדען געוואָרען. איך בין געווען גרייט צו ווערען מיט איהר פריינד.

— איך האָב פריהער אויך געוואוסט, אַז איהר זייט א פיינע מיס, — האָט מיסעס גרעפּטער געזאָגט צו עטלען, — אָבער איך

איך האָב דען דזשולערי? טאַקע אַ שאַנדע צו עסען מיט מיר אין אײן צימער. זייט אַזוי גוט, מיין לײדי (צו דער קעכין האָט דאָס עטעל געזאָגט) און זעהט אַז מר. ביילינסאָן זאָל מיך שוין אָפּ־פיהרען צו דער דיפּאָ. איך פאָהר אָפּ מיט דער נעקסטער טריין.

— עטעל! דו פאָהרסט ניט! איך װעל דיך ניט לאָזען פאָה־רען אַליין! — האָט מיין מוטער געשריען.

איך האָב געזעהן, אַז מיין שוואַכע מוטער ווערט צופיעל אויפגערעגט און איך האָב מורא געהאַט, אַז די אויפרעגונג זאָל איהר ניט פאַרשאַטען, האָב איך אַ וואונק געטאָן צו די מיסעס גרעפטער און די אַנדערע צוויי פרויען, אַז זיי זאָלען ארויסגעהן. און נאָכדעם האָב איך גענומען באַרוהיגען מיין מוטער. עטעל האָט מיר געהאָלפען.

— וואָרום זאָלט איהר זיך אַזוי אויפרעגען? — האָט עטעל איהר גענומען באַרוהיגען. — איך בין ניט קיין בייבי. קיינער וועט מיך ניט קידנעפּען. איהר זעהט דאָך, אַז קיינער קעהרט גאָר ניט פאַר מיר. איך װעל שוין טרעפען די וועג אַהיים. פון זיכערקייט וועגען װעל איך פון דער טריין ניט אַרונטער ביז איך װעל אָנ־קומען אין ניו יאָרק.

— עטעל! — האָב איך זיך גענומען בעטען, — בלייבט כאָטש דאָ איבער שבת. מיין פאָטער וועט קומען אויף שבת, וועט איהר מיט איהם מאָנטאָג קענען פאָהרען אַהיים.

— היינט איז דינסטאָג, — האָט עטעל גענומען איבער־רעכענען, — ביז איבער שבת װעל איך דאָס ניט אויסהאַלטען. איך קען ניט אָנקוקען, ניט דעם פּלאַץ און ניט די מענשען.

— אָבער דו האָסט נאָך היינט גאָרניט פאַרזוכט — האָט מיין מוטער געזאָגט, — עס עפּעס אָפּ אַפריהער, נאָכדעם וועלען מיר ריידען.

עטעל האָט איינגעוויליגט צו עסען און מיין מוטער האָט מיך געשיקט צו מיסעס ביילינסאָן ברייננגען פריהשטיק פאַר עטלען. איך בין ארונטערגעלאָפען די טרעפּ מיט גרויס אימפּעט צו געבען דעם אָרדער.

אין מיין האַרצען איז נאָך געוועזן אַ האָפנונג, אַז עטעל וועט נאָך אפשר פאַרבלייבען.

זיינען געווען פאַרשמירט מיט מעהל און פעטס. קענטיג זיי זיינען ערשט ארויס פון קיך. זייערע פאַרטיכער האָבען אויף דעם אויך עדות געזאָגט. איינע איז געווען מיסעס ביילינסאָן, דעם פאַר־מער׳ס פרוי, און די אַנדערע איז געווען די קעכין, וועלכע האָט אין אַזעלכע זומער־האָטעלס מעהר צו זאָגען ווי די באַלעבאָסטע. זי איז די צווייטע מאַכט נאָך דער סטאַר־באָרדער, די וויצע קעני־גין פון די באָרדערקעס.

— מיסעס גרעפּטער, איהר זאָלט מיר עקסקיוזען, וואָס איך מיש זיך אריין, — האָט געזאָגט די קעכין. — אויב איהר וועט ערלויבען מיסעס פרומקינ׳ס דיענסט צו זיצען אין דיינינג רום מיט אַלעמען ביי די מאָלצייטען, וועט זיך צווישען די ווייבער אָנהויבען אַ גאַנצער בונט. די מיסעס ראַבינטשיק און מיסעס פּאָפּ־ריקאַ האָבען מיר געזאָגט, אַז אויב מיסעס פרומקינ׳ס מיידעל וועט עסען אין דיינינג רום מיט איהר מיסעס, וועלען זיי אויך אַוועק־זעצען זייערע דיענסטען נעבען זיך. ניט ווייל זיי ווילט זיך אַזוי שטאַרק צו עסען מיט דינסטען צוזאַמען, נאָר ווייל זיי ווילען צייגען, אַז זיי זיינען אויך אַזעלכע גרויסע יחסנ׳טעס ווי מיסעס פרומקין. מיסעס פרומקין פאָהרט אַהער ערשט דעם צווייטען יאָהר און זיי זיינען שוין דאָ קאַסטאָמערס פון פיער יאָהר. זיי זיי־נען אַלד טאַימערס.

— די מיידעל איז ניט קיין דיענסט ביי מיר — האָט מיין מוטער אויסגערופען מיט היץ. — זי איז די טאָכטער פון מיינע אַ לאַנדספרוי, מיינע אַ גוטע פריינדין. זי קומט פון אַ פיינער פאַ־מיליע און זי געהט אין האַי־סקוהל.

— דאַט׳ס ראַיט! — האָט מיסעס גרעפּטער אונטערשטיצט מיין מוטער.

עטעל איז די גאַנצע צייט וואָס די קעכין האָט גערעדט גע־שטאַנען און געשמייכעלט. אַזוי ווי זי וואָלט זיך געפרעהט.

— מיסעס פרומקין, — האָט עטעל געזאָגט, — איך דענק, אַז אָט די מאַדאַם (אָנצייגענדיג אויף דער קעכין) האָט רעכט. עס פּאַסט טאַקע ניט פאַר אַזעלכע פיינע לײדים צו עסען מיט אַ דיענסט. וואָס זאָל איך לייקענען, זיי זיינען דאָך פיינע לײדים, און איך — ווער בין איך? איך האָב דען עפּעס אַ רייכען טאַטען?

עטעל האָט געדאַרפט דורכגעהן אַ היבשע צאָהל ווייבער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין האָל און אויף דער וועראַנדא און האָבען זי געגעסען מיט זייערע נייגעריגע בליקען. זי איז געגאַנגען האַלטענדיג דעם קאָפּ גלייך, מיט אַ שטאָלצע מינע אויף איהר גע־זיכט און זאָגאַר מיט אַ שמייכעל. איך האָב אַמאָל געזעהן אַן ענגליכע בילד פון אַ קעניגין וואָס איהר פאָלק האָט זי פאַר'משפּט און מען האָט זי געפיהרט צו דער תּליה. די קעניגין איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט, האַלטענדיג דעם קאָפּ מוטיג און שטאָלץ, שמייכ־לענדיג ווי אַ מאַרטירערין.

מיין מוטער האָט עטלען באַגלייט ביז צום וואָגען. מיס בראָדסקי האָט מיט עטלען זיך פריינדליך געזעגענט און זיך צו־קושט. איך האָב דאָס צוגעזעהן פון דעם פענסטער פון מיין צי־מער. איך האָב ניט געהאַט דעם מוט צו זיין דערביי אונטען. דער וואָגען האָט אָנגעהויבען זיך צו ריהרען. איך האָב מיינע אויגען ניט אַראָפּגענומען פון עטלען. איך האָב ערוואַרטעט, אַז זי וועט אַ קוק טאָן אין מיין זייט און מיר שענקען נאָך אַ בליק. זי האָט אָבער געקוקט צום וועג פאָראויס און האָט זיך אפילו ניט אַ קעהר געטאָן צו דער פאָרם וועלכע זי האָט פאַרלאָזען. האָט זי פאַרגעסען אויף מיר, אָדער זי האָט מיך ניט געוואָלט ברענגען אין אַ פאַר־לעגענהייט ? איך האָב נאָכגעקוקט דעם וואָגען ביז ער איז פאַר־שוואונדען געוואָרען.

איך האָב זיך פּלוצלינג געפיהלט אָפּגעריסען פון עטלען — וועד ווייס אויף ווי לאַנג. פיליכט אויף אימער... ניין, עס קען ניט זיין...

עטעל'ס אָפּפאָהרען האָט ניט איבערגעלאָזען קיין מינדסטען עפעקט אויף די באָרדערס און די באָרדערקעס פון ביילינסאָנ'ס פאַרם־הויז. מען האָט זי פאַרגעסען די מינוט וואָס זי איז אָפּגע־פאָהרען. די ווייבער האָבען יעצט געהאַט אַ פיעל וויכטיגערע באַ־שעפטיגונג, ווי צו ריידען וועגען עטלען — זיי האָבען זיך גע־דאַרפט ד ר ע ס ע ן פ אַ ר ד י נ ע ר.

אַכטער קאַפּיטעל

עטעל פאָהרט אַוועק

וואָס איז געווען די אורזאַכע וואָס מיסעס גרעפּטער האָט מיט אַמאָל צוריקגערופען איהר באַפעהל און האָט גנעדיג ער־לויבט אַז עטעל זאָל יאָ מעגען זיצען מיט די „לײדים“ צוזאַמען? די אורזאַכע איז, ווי איך האָב שפּעטער ערפאַהרען, געווען אַ גאַנץ איינפאַכע: מײן מוטער האָט איהר פּשוט „אונטערגעשמירט“. דען עטליכע טעג שפּעטער האָב איך מיסעס גרעפּטער געזעהן טראָגען אַ סוועטער וואָס מײן מוטער האָט מיטגעבראַכט פון ניו יאָרק.

עס האָבען ניט געהאָלפען אַלע טענות און אַרגומענטען. עטעל איז געווען איינגעשפּאַרט, אַז זי מוז גלײך פאָהרען. פון דעם פריה־שטיק וואָס מען האָט איהר ארויפגעטראָגען, האָט זי גענומען בלויז אַ שטיקעל ברויט מיט אַ גלאָז מילך.

פון מר. קרוטשיק׳ס פאַרם, וואָס איז געווען אין שכנות מיט מר. ביילינסאָנ׳ס, איז גראָד יענעם טאָג אָפּגעפאָהרען אַ פרוי צוריק נאָך ניו יאָרק. האָט מײן מוטער גע׳פּועל׳ט ביי דיזער פרוי, אַז זי זאָל אויף עטלען אויפּפּאַסען ביז זי וועט קומען אין ניו יאָרק.

ווען דער וואָגען, וואָס האָט עטלען געדאַרפט אָפּפיהרען צום דיפּאָ, איז אָנגעקומען, און דער אָנטרייבער האָט ארונטערגענומען איהר קליינעם טראָנק, האָט עטעל זיך געזעגענט מיט מײן מוטער העפליך, אָבער קאַלט. מיר האָט זי געזאָגט אַ פריינדליכען „גוד־באַי“, אָבער זי האָט מיר די האַנד ניט געגעבען. בעסער אַזוי. ווען זי וואָלט מיר די האַנד געגעבען, בין איך זיכער, אַז איך וואָלט ניט געקענט איינהאַלטען די טרערען וואָס איך האָב גע־פיהלט קומען צו מײנע אויגען.

עפּעס אַ גרונט. מען האָט געגלויבט און מען האָט מורא געהאַט אַהין צו פאָהרען.

מר. ביילינסאָן האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין ערפאָלג פון זיין פאַרם. דאַרום האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער געלעגענהייט ווען מיסעס גרעפּטער איז אַוועק פון איהר אַלטען פּלאַץ און זי איז געקומען צו איהם. ביילינסאָן האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט צו אַ טייוועל, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט העלפען. צעהן יאָהר האָט ער אויף זיין פאַרם שווער און ביטער געאַרבייט און האָט קיין רעזולטאַט ניט געזעהן. דורך מיסעס גרעפּטער איז ער אָביסעל אויפגעריכט געוואָרען.

מיס בראָדסקי איז געווען די איינציגע וואָס האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר מיסעס גרעפּטער און האָט מאַנכעס מאָל זיך ערלויבט צו שטעלען געגען איהר. מיסעס גרעפּטער האָט אָבער געזוכט אויסצומיידען קריעג מיט מיס בראָדסקי, און האָט זיך נאָך געשמייכעלט צו איהר. מען האָט געמורמעלט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל מיס בראָדסקי האָט געוואוסט צופיעל וועגען איהר.

פעני בראָדסקי איז ניט געווען קיין גרויסע שעהנהייט. אָבער זי איז געווען אָנציהענד און סימפּאַטיש. איהרע בלאָנדע האָר זיינען געווען געגרייזעלט, און ווייל זי איז געווען קליין געוויקסיג און איידעל געבויט האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ „דאָל”, אַ פּופּע. איהר פּנים האָט אימער געשמייכעלט. זי האָט ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיידעל וואָס דענקט נאָר פון טאַנצען און פלעזשורס. אָבער זי איז געווען אַ זעהר ערנסטע און העכסט אינטעליגענטע מיידעל, און דערצו האָט זי געהאַט אַ גאָלדענע האַרץ.

איך האָב זיך אָביסעל צו לאַנג אָפּגעשטעלט וועגען דיזע צוויי פרויען, אָבער עס איז נויטיג אַז דער לעזער זאָל זיי בעסער קענען, וויילביידע שפּיעלען אַ ראָלע אין די וויטערע פּאַסירונגען.

מיין מוטער האָט באַשלאָסען אויסצוקומען דערווייל אָהן אַ נוירס, נאָר אויב זי וועט דאַרפען, האָט מיסעס גרעפּטער איהר

דער אַנטאָן זיך פאַר דעם מיטאָג מאָלצייט און דעם אווענט־ברויט פאַרנעמט דעם גרעסטען טייל פון טאָג ביי די לײדיס וואָס זומערען אין די קאַנטרי. און צוליעב דעם צוועק ברייגגט מען מיט פון דער היים פולע טראַנקס מיט קליידלאַך, ווייסטלאַך, און זאָקען מיט שיך פון פאַרשידענע קאָלירען וואָס האַרמאָנירען מיט דעם קאָליר פון יעדע קלייד באַזונדער. די פרוי וואָס בייט ניט איהרע קליידער דריי מאָל אַ טאָג, נאָר פאַרברייגגט איהר צייט אין שפּאַצירען און געניסען פרישע לופט, אָדער אין לעזען גוטע ביכער, ווערט באַטראַכט אַלס אַן אַלטמאָדישע פרוי. מען וועט אויסמיידען איהר געזעלשאַפט און ביי אַ געלעגענהייט איהר געבען אַ שטעכ־ווערטעל. אויב זי פאָלגט ניט דעם סטייל, ווייל זי קען דאָס ניט באַהויפּטען, לאָזט מען איהר פיהלען אַז זי איז אַ שנאָררערקע. אויב זי האָט די מיטלען, נאָר זי וויל ניט, פאַרשרייט מען איהר פאַר אַ „סלאָב", אַ שלומפּער.

די בעסט־געקליידעטע פרוי פון ביילינסאָנ'ס פאַרם־הויז איז געווען מיסעס גרעפּטער. צום ווענינסטען איז זי אַזוי געווען יע־נעם נאָכמיטאָג. זי איז געווען אַן אמת'ע שעהנהייט, מיט אַ שעהן ענטוויקעלטע פיגור, אַ ריכטיגע ווענוס. אַלץ וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגען האָט אַרויסגעצייגט גרויס געשמאַק. אָבער איהרע קאַלטע, גרויע אויגען און דער באַהאַלטענער גיפטיגער שמייכעלע אויף איהרע ליפּען, האָבען ניט געקענט געווינען די הערצער פון יענע מענשען וואָס זוכען אין אַ פרוי מעהר ווי קערפּערליכע שעהנהייט.

זי איז אין ביילינסאָנ'ס פאַרם געווען דעם ערשטען זומער. זי איז פריהער געווען פינף יאָהר „סטאַר באָרדערקע" אין אַן אַנ־דער האָטעל, און ווען יענער בעל הבית איז מיעד געוואָרען פון איהרע קאַפּריזען, האָט ער איהר געהייסען געהן. מיסעס גרעפּטער איז אַוועק. פּלוצלינג האָט זיך גענומען אַרומטראָגען קלאַנגען, אַז ביי יענעם זיינען די עסענס ניט פריש און אַז איין פרוי איז אין זיין האָטעל געשטאָרבען פון פּטאָמעין גיפט. דיזע קלאַנגען האָ־בען דעם בעל הבית פון יענעם האָטעל רואינירט. קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען די קלאַנגען האָבען זיך גענומען. קיינער האָט זיך ניט גענומען די מיה נאָכצופרעגען אויב די קלאַנגען האָבען

איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מים בראָדסקי׳ס חתן איז אַ צעהן יאָהר עלטער פון איהר, אַן ערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן, אָבער ער איז מים בראָדסקי׳ן ניט געווען צום הארצען. זי האָט באַשלאָסען חתונה צו האָבען מיט איהם, ווייל זי האָט זיך ניט געפונען באַקוועם אין איין הויז מיט איהר פאָטער׳ס צווייטע פרוי. דיזע אַלע זאכען האָב איך שפעטער ערפאַהרען.

איך וועל זיך יעצט צוריק קעהרען צו מיין געשיכטע.

צוגעזאָגט. אַז זי קען פאַר איהר קריגען אַ פּרוי איינס און צוויי. מיסעס גרעפּטער האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיין מוטער אַזוי ווי סמאָלע. זי האָט געוואוסט, אַז דאָ האָט זי אַ געלעגענהייט צו קריגען פּרעזענטען. זי האָט זיך שטאַרק צוגעלאָזען צו מיין מוטער, איז מיט איהר יעדען טאָג געגאַנגען שפּאַצירען, זיך מיט איהר אונטערהאַלטען, און איהר דערצעהלט די געהיימניסען פון אַלע באָרדערקעס. ביי מיין מוטער זיינען די זאַכען נאַטירליך געווען זעהר אָנגעלייגט.

איך פלעג אָפט שפּאַצירען און פאַרברייינגען מיט מיס בראָדסקי. אַזוי ווי זי האָט שוין געהאַט אַ חתן (ער פלעגט קומען אַ וואָך איבער אַ וואָך אויף שבת און זונטאָג), און אַזוי ווי זי איז געווען פּיער אָדער פינף יאָהר עלטער פון מיר, האָט מיין מוטער באַטראַכט אונזער פריינדשאַפט פאַר אַ גאַנץ אומשולדיגע זאַך און זי האָט אונז געלאָזט צו אונז אַליין.

וואָס מעהר איך האָב גערעדט מיט פעני בראָדסקי, אַלץ מעהר רעספּעקט האָב איך באַקומען פאַר איהר. איך האָב זי באַטראַכט אַלס אַ העכערע און קליגערע פּערזאָן פאַר מיר, אַ מענש פון וועמען מען קען פיעל לערנען. ביי וועמען מען קען אַן עצה פרעגען. מיט איין וואָרט: אַן עלטערע שוועסטער.

פון מיס בראָדסקי׳ן האָב איך זיך פיל דערוואוסט וועגען מיסעס גרעפּטער, און פון מיסעס גרעפּטער (דורך מיין מוטער) האָב איך זיך דערוואוסט אַז מיס בראָדסקי׳ס מוטער איז געווען טויט און אַז איהר פאָטער האָט געהייראַט צום צווייטען מאָל. מיס בראָדסקי און די שטיעפמוטער האָבען ווענינ האַרמאָנירט און דערפאַר איז מיס בראָדסקי ניט געפאָהרען אין דעם זעלבען אָרט וואו איהר שטיעפמוטער האַלט זיך אויף דעם זומער.

האַט דאָך געמוזט פּאַסירען מיט עטלען וואָס מיין מוטער האָט באַהאַלטען פון מיר, האָב איך זיך געטראַכט.

מיס בראַדסקי האָט באַקומען פון עטלען אַ קאַרטעל. דאָס האָט זי מיר געזאָגט נאָך סאַפּער, ווען מיר זיינען געזעסען צוזאַמען אויף אַ בענקעל אין דרויסען. זי האָט מיר געציינט די קאַרטעל, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבען די עטליכע ווערטער: „געקומען סייף (בשלום), געפונען אַלעס אין אָרדנונג. מיין מוטער האָט זיך געפרעהט מיך צו זעהן. פּליז, שרייבט מיר אַמאָל. סינסירלי, עטעל.“

עס האָט מיך געפרעהט צו זעהן עטעל׳ס האַנדשריפט. אי־בערהויפּט צו וויסען אַז מיט איהר איז גאָר ניט געשעהן. און איך האָב זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען וואָרום עטעל האָט ניט גע־שריבען צו מיין מוטער און וואָרום מיין מוטער איז אַזוי אויפגע־רעגט געוואָרען פון דבורה׳ס בריעף.

— איך געה מאָרגען שרייבען אַ בריעף, — האָט מיס בראַד־סקי געזאָגט. — איך האָב זיך פאַרליעבט אין דער מיידעל. אַזאַ זיסע נאַטור! איהר וועט אויך שרייבען אַ פּאָר צייל׳ען?

אָנפאַנגס האָב איך ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. נאָך אַ קורצען נאָכדענקען, האָב איך געענטפערט:

— שרייבט איהר אַ גרוס פון מיינעטוועגען.

מיס בראַדסקי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרשענדע בליקען. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— איהר ווייסט, מיסטער פרומקין, אַז איך קען אייך ניט פאַרשטעהן. איהר זייט דאָך אַן אַמעריקאַנער באָי. ווי האָט איהר געקענט צוזעהן אַז די מיידעל זאָל אַזוי באַליידיגט ווערען? מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ מאַנספּערזאָן, וואָלט איך דאָס ניט צוגעלאָזט.

איך האָב זיך פאַרשעהמט. אַזאַ פאָרוואורף! עס איז געווען אַ פּאַטש אין פּנים און איך האָב געפיהלט, אַז איך האָב עס פאַר־דיענט.

— וואָס וואָלט איהר געטאָן, ווען איהר וואָלט געווען אַ מאַנספּערזאָן? — האָב איך געפרעגט.

ניינטער קאַפּיטעל

אַ נייע פריינדשאַפט

אויף מיין מוטער'ס פאַרלאַנג איז פעני בראָדסקי איבערגע־זעצט געוואָרען אויף שטענדיג ביי אונזער טיש. מיסעס גרעפּטער האָט אפילו געוואָלט, אַז מיין מוטער און איך זאָלען מופּען צו איהר טיש, אָבער מיין מוטער האָט געוואָלט זיין אָפּגעזונדערט פון דעם גרויסען „קראָוד" און זיצען אַ ביסעל אַן אַ זייט, וואו עס איז געווען רוהיגער. דאָס האָט מיך געפרעהט. מיס בראָדסקי איז געווען אַ גוטע געזעלשאַפטערין. עס איז געווען מיט וועמען צו ריידען.

צוויי טעג זיינען אַריבער און פון עטלען האָט מען גאָרנישט געהערט. מיין מוטער האָט דאָנערשטאג ביים פריהשטיק באַמערקט אַז עטעל האָט איהר פאַרשפּראָכען צו שרייבען אַ קאַרטעל גלייך ווי זי וועט אָנקומען אַהיים. מיין מוטער איז געווען אומרוהיג, טאָמער האָט מיט עטלען עפּעס פּאַסירט אויפ'ן וועג. איך בין געווען אומ־רוהיג, טאָמער איז עטעל ברוגז געוואָרען אויף מיין מוטער און מיר, און זי וויל מעהר ניט וויסען פון אונז.

דאָנערשטאג פאַרנאַכט האָט מיין מוטער באַקומען צוויי בריעף. איינער איז געווען פון מיין פאָטער, וועלכער האָט גע־שריבען אַז ער קומט אויף שבת. דער אַנדער בריעף איז געווען פון דבורה'ן, עטעל'ס מוטער. איך האָב געזעהן אַז מיין מוטער האָט זיך פון דעם בריעף אַ היבשע ביסעל געערגערט. אָבער אַז איך האָב איהר געפרעגט וואָס דאָ איז געשעהן, האָט זי מיר גע־ענטפערט:

— ווייס איך וואָס, וואָס די נאַרישע דבורה שרייבט! אבי עטעל איז דאַנקען גאָט בשלום געקומען אַהיים.

זי האָט דעם בריעף מיר ניט געצייגט. און עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך בין געווען נייגעריג צו וויסען דעם אינהאַלט. עפּעס

— זי איז אָבער אַן אָרימע מיידעל, אַ יתומה, איהר מוטער איז אַ דזשעניטרעס.

— אַ, — האָט מיס בראָדסקי געענדערט איהר טאָן — זי האָט ניט קיין רייכען טאַטען וואָס לערנט איהר ווי ארומצוגעהן ליידיג און אויסברייינגען געלט. איהר מוטער ארבייט פאַר אַ לעבען און געהט ניט אַרום אויף קאַרד־פּאַרטיס און צו מאָדיסטקעס. אהא, אויב אזוי, איז זי נאָך ערגער ווי אַ קריפּעל און איהר קענט צו איהר פיהלען בלויז מיטלייד. ווי איז אָבער, מיסטער פּרומקין, אַז עס זאָל אַמאָל געשעהן אַ נס און עטעל זאָל קריגען אַ גרויסע ירושה?... דאַן וואָלט אפשר אייער געפיהל פון מיטלייד זיך פאַר־וואַנדעלט אין ליעבע...

דאָס איז שוין געווען צופיעל. האָב איך פּראָטעסטירט:

— מיס בראָדסקי! איהר זייט אומגערעכט צו מיר!

— ענטשולדיגט מיר, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב ניט געמיינט אייך צו באַליידיגען. איך וויל בלויז, אַז מיר זאָלען זיין אָפענהערציג איינער פאַר'ן אַנדערען. איהר זייט, גלויב איך, ניינצעהן יאָהר און איך בין שוין באַלד פיער און צוואַנציג. הייסט עס, אַז איך בין אַ סך עלטער פאַר אייך! פון אַ שדוך צווישען אונז קען דאָך קיין רייד ניט זיין, ווייל, ווי איהר ווייסט, בין איך שוין פאַרלאָבט. טאָ וואָרום זאָלען מיר זיך באַהאַלטען איינע פאַר די אַנדערע? מיר האָבען דען וואָס מורא צו האָבען איינער פאַר'ן אַנדערען? נאָר חתן־כלה מאַסקירען זיך און באַהאַלטען זייערע געדאַנקען און נאַרען איינער דעם אַנדערען ביז אויף מאָרגען נאָך דער חופּה. מיר קענען זיין אָפענהערציג. איך גלויב, אַז איהר נאַרט זיך אַליין, ווען איהר זאָגט אַז איהר זייט ניט פאַרליעבט אין דער מיידעל.

— איך פאַרזיכער אייך, מיס בראָדסקי, אַז איך בין ניט פאַרליעבט. איך האָב אויף עטלען קיינמאָל ניט געקוקט ווי אויף אַ געליעבטע.

מיס בראָדסקי האָט אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס זיפצט איהר? — האָב איך געפרעגט.

— עס טוט מיר לייד אויף עטלען, — האָט זי געזאָגט. — זי איז יאָ פאַרליעבט אין אייך!

— איך ווייס ניט אַקוראַט וואָס איך וואָלט געטאָן, — און מים בראַדסקי האָט זיך פאַרטראַכט — אָבער איך וואָלט זיכער ניט געשוויגען!

— איהר האָט ריכטיג ערקלעהרט מיין לאַגע, — האָב איך געענטפערט. — איהר זאָגט, אַז איהר ווייסט ניט וואָס איהר וואָלט אין אַזאַ פאַל געטאָן. איך האָב אויך ניט געוואוסט וואָס איך זאָל טאָן. איך דענק, אַז מיין מוטער האָט געטאָן אַלעס מעג־ליכע אַז עטעל זאָל דאָ קענען פאַרבלייבען. מיין אריינמישען זיך וואָלט בלויז געבראַכט צו דעם, אַז זייטיגע מענשען וואָלטען אָנ־גענומען אַ פאַלשע באַדייטונג פון אונזערע באַציהונגען.

— הייסט עס, איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען פאַר מיין אָפע־נער שפּראַך, מענשען וואָלטען געזאָגט אַז איהר זייט פאַרליעבט אין דער מיידעל.

מים בראַדסקי האָט מיך שאַרפער אָנגעקוקט.

— איהר האָט עס ריכטיג ארויסגעזאָגט, — האָב איך צו־געגעבען.

מים בראַדסקי האָט גענומען ריידען ערנסטער:

— זאָגט ניט אַז איך בין אַ צו נייגעריגע מיידעל, — האָט זי געזאָגט. — איך וועל אייך פרעגען אַ פראַגע. אויב איהר ווילט, ענטפערט; אויב ניט, וועל איך אויף אייך קיין פאַראיבעל ניט האָבען. מיך אינטערעסירט די פראַגע ווייל — איך ווייס ניט ווי זאָל איך אייך דאָס זאָגען — ווייל... ביי מיר איז דאָס אַן אַלגע־מיינע געזעלשאַפטליכע פראַגע. זאָגט מיר, זייט איהר אין דער מיידעל פאַרליעבט?

איך האָב זיך אַ צאַפּעל געטאָן. איך האָב פריהער געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דאָס וועט זי מיך פרעגען. אָבער ווען זי האָט מיך דאָס געפרעגט, האָב איך זיך פּשוט פאַרלוירען.

— איך ווייס ניט, — האָב איך געענטפערט. איך גלויב, אַז פאַרליעבט בין איך ניט, אָבער איך האָב מיטלייד מיט איהר.

— מיטלייד? — האָט זיך מים בראַדסקי צולאַכט — וואָס איז דאָ פאַר אַ מיטלייד? אַ קאַליקע איז זי? אַ מיידעל יונג און שעהן און געזונד. אַ לעבעדיגע בלום. און דערצו קלוג, געבילדעט, מים זעלבסט רעספּעקט און אַמביציע — וואו קומט דאָ מיטלייד?

איך האָב אויף מיס בראָדסקי'ס לעצטע פראַגע ניט געענטפערט. איך האָב בלויז אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און געשוויגן.

— מיר וועלן מעהר ניט ריידען וועגען דעם, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט. — איהר זייט ניט דער איינציגער. די גאַנצע וועלט איז אַזוי. און איך — איך בין אויך אַזוי. אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען, אין אַלע זייערע אמביציעס האַנדלען מענשען מיט גרויס איבערלייגונג, מיט פאַרזיכט, מיט אָפענע אויגען. אָבער אין דער וויכטיגסטער זאַך פון לעבען, אין אויסקלייבען זיך אַ חבר אין לעבען, האַנדלען זיי מיט פאַרבונדענע אויגען. עס איז ביי זיי אַ שפּיעל אין זשמורקעס. גענוג! לאָמיר אַ ביסעל שפּאַצירען. אפשר זאָל איך גאָר ניט שרייבען צו עטלען אַ גרוס פון אייערטוועגען? ווי דענקט איהר? זאָגט דעם אמת!

— טוט ווי איהר פאַרשטעהט, — האָב איך געענטפערט ווי אַ באַזיעגטער. — איהר זייט קליגער פון מיר און —

— און עלטער! — האָט זי אונטערגעכאַפּט מיט אַ געלעכטער.

— איך האָב געמיינט צו זאָגען „און פּראַקטישער“, — האָב איך ערקלעהרט.

— איהר האָט זיך גוט אויסגעדרעהט! — האָט זי זיך געוויצעלט.

איך בין אַוועק מיט איהר שפּאַצירען צום וואַסער, וועלכער איז געווען גאַנץ נאָהענט. און געהענדיג מיט איהר האָב איך אַלץ געטראַכט פון דעם בריעף וואָס מיין מוטער האָט באַקומען פון דבורה, עטעל'ס מוטער. איך מוז דעם בריעף קריגען צו לעזען, האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט. איך מוז וויסען וואָס האָט מיט עטלען פּאַסירט. ניט אומזיסט איז דאָך מיין מוטער אַזוי אומרוהיג געוואָרען פון בריעף.

די געלעגענהייט איז געקומען ערשט מאָרגען.

⁂

— וואָס פאָלט אייך איין אַזוינס צו זאָגן? — האָב איך אויסגערופען מיט אַ געמאַכטען שרעק. און מיין הארץ האָט בשעת מעשה געטאַנצט פאַר פרייד. („זי ליעבט מיך! עטעל ליעבט מיך!" האָב איך זיך אין מיינע געדאַנקען געפּרעהט.)

— איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען. איהר זייט נאָך אַ קינד, אַ בייבי! וואָס מיינט איהר איז געווען די אורזאַכע, וואָס עטעל האָט זיך אַזוי געפיהלט באַליידיגט און האָט ניט געוואָלט פאַר־בלייבען אפילו נאָכדעם ווי מיסעס גרעפּטער האָט איהר אַלעס געוואָלט נאָכגעבען? דאָס האָט זי זיך געשעהמט פאַר א י י ך. זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגען דעם געדאַנק, אַז זי איז ערנידע־ריגט געוואָרען אין אייערע אויגען. זי האָט אייך געוואָלט ציינען, אַז זי באַזיצט שטאָלץ, זעלבסט־רעספּעקט און זעלבסטווירדע. דער־פאַר ווייל זי ליעבט אייך איז זי אַנטלאָפען!

— איך זעה דאָס ניט איין, מיס בראָדסקי, — האָב איך גע־זאָגט. — איך קען אייך פאַרזיכערען, אַז איך, פון מיין זייט, האָב עטלען קיינמאָל ניט געגעבען אַ געלעגענהייט אַז מיינע באַציהונ־גען צו איהר זיינען עטוואָס מעהר ווי ריינע פריינדשאַפט, אָדער סימפּאַטיע.

— מעגליך, — האָט זי צוגעגעבען. — איהר זייט אַ דזשענ־טעלמאַן און ווייסענדיג אַז אַ יונגערמאַן פון אייער שטאַנד קען ניט נעמען אַן אָרימע מיידעל, האָט איהר זיך געהיט זי ניט צו ערמוטיגען אַז זי זאָל ליגען האָפנונגען אויף אייך. אָבער זייט איהר זיכער אין דעם, אַז איהר זייט אימער געווען פאָרזיכטיג? דערמאָנט זיך —

אין דעם אויגענבליק האָט זיך פאַר מיינע אויגען פאָרגע־שטעלט די סצענע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיעלט צווישען מיר און עטלען מאָנטאָג, אין פעלד, וואו מיר האָבען פאַרבראַכט אַ פּאָר זיסע שטונדען, וואַרטענדיג אויף אַ טריין. יאָ, איך בין ניט גע־ווען פאָרזיכטיג. אמת, איך האָב ניט געטאָן קיין זאַך וואָס איז ניט אַנשטענדיג, אָבער איך האָב ניט געפאָלגט מיין מוטער, וועלכע האָט מיר אָנגעזאָגט און מיך געוואָרענט, דאָס ווען איך וועל עטלען ציינען צופיעל פריינדשאַפט, וועל איך איהר מיט דעם טאָן אַ גרויסע רעה.

צו גרייטען אויף שבת, און, צווייטענס, האָבען די באַרדערקעס געהאַט זיך צו גרייטען פאַר זייערע מענער און חתנים, וואָס דאַרפען אָנקומען פאַרנאַכט.

נאָכ'ן עסען האָט מיין מוטער מיך געבעטען, אַז איך זאָל מיט איהר זיך אַ ביסעל דורכגעהן. מיר זיינען געגאַנגען ביי אַ צוואַנציג מינוטען. נאָכדעם האָט מיין מוטער זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים זיך אָפּרוהען. און ווען איך האָב זיך אויך אַוועקגעזעצט נעבען איהר, האָט זי פון איהר דזשעקעט ארויסגענומען אַ בריעף און געזאָגט:

— דאָס איז דבורה'ס בריעף. איך דענק, אַז דו מעגסט עס אויך לעזען.

איך האָב קוים געקענט באַהאַלטען מיין איבערראַשונג. איך האָב דעם בריעף געהאַלטען אין מיינע הענט אַ פּאָר מינוטען איידער איך האָב געקענט קומען צו זיך און איהם לעזען. אָט דאָס איז דער בריעף, אויף וויפיעל איך קען איהם געדענקען:

„איך קען אייך גאַר ניט אויסשרייבען ווי איך האָב זיך דערשראָקען ווען מיין עטעל איז פּלוצלינג אַריינגעפאַלען צו מיר אין הויז נעכטען, דינסטאָג ביינאַכט, און איך האָב זיך אויף איהר גאַר ניט געריכט. איך האָב געמיינט, אַז עפּעס גאָט ווייס וואָס איז געשעהן. אָבער זי האָט מיך גלייך באַרוהיגט, אַז עס איז גאָרנישט, נישט מעהר זי גלייכט ניט דעם פּלאַץ. האָב איך איהר געגומען מוסר'ן, ווי פאַרפיהרט מען דאָס גוטע פריינד, מען פאָהרט מיט זיי פאַרברייננגען דעם זומער און מען אַנטלויפט גלייך אויף דעם אַנדער טאָג? איך האָב איהר ניט אויפגעהערט צו יאָדען, ביז זי האָט זיך צואווײנט. איך האָב פון איהר ווײנען גלייך פאַרשטאַנען, אַז זי האָט מיר ניט אויסגעזאָגט דעם גאַנצען אמת. האָב איך זיך אָנגעזעצט אויף איהר און זי האָט מיר אַלעס דערצעהלט.

„מילא, אויף די נאַרישע און שלעכטע ווייבער, וואָס האָבען מיין טאָכטער אַזוי באַליידיגט, האָב איך קיין פאַראיבעל ניט. זאָל זיך גאָט, דער פאָטער פון יתומים, מיט זיי אָפּרעכענען פאַר מיין טאָכטער'ס בלוט וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען. אָבער אויף אייך, מיסעס פרומקין, וואונדערט מיך, ווי אַזוי האָט איהר געקענט

צעהנטער קאַפּיטעל

געסט אויף שבת

אויף מאָרגען, פרייטאָג, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פריהער ווי געוואוינליך און מעהר האָב איך ניט געקענט צוריק איינשלאָפען, ווייל איך האָב געטראַכט פון אַ פּלאַן ווי צו קריגען דעם בריעף וואָס מיין מוטער האָט באַקומען פון עטעל׳ס מוטער.

איך האָב אָפּגעוואַרט די צייט ווען מיין מוטער איז אַרונטער צו פריהשטיק. איך האָב געמאַכט אַ ביסעל שהיות און זיך גענומען ראַזירען. פינף מינוטען שפּעטער בין איך אריין אין איהר צימער דורך אַ טיר וואָס האָט געפיהרט פון מיין צימער צו איהרען. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט אין מיר. „גנב" האָט אַ שטימע געזאָגט אין מיר. איך בין אָבער געווען הילפלאָז. איך האָב ניט געהאַט קיין מאַכט זיך צו באַהערשען. דער חשק צו קריגען דעם בריעף איז ביי מיר געווען שטאַרקער פון מיין פאַרשטאַנד.

איך האָב פאַרזיכטיג געעפענט מיין מוטער׳ס האַנד־טאַש, וואו זי פלעגט געוואוינליך האַלטען איהרע בריעף. אָבער דאָרט האָב איך דעם פאַרלאַנגטען בריעף ניט געפונען.

מיין מוטער האָט דעם בריעף געמוזט באַהאַלטען, האָב איך געטראַכט. איז דאָס מעגליך, אַז זי האָט ערוואַרטעט אַז איך זאָל זוכען דעם בריעף אָהן איהר וויסען? האָט זי מיך געקענט חושד זיין אין אַזאַ זאַך?

איך האָב פאַרזיכטיג אוועקגעלייגט דעם האַנד־טאַש אויפ׳ן אָרט, און שטאַרק ענטוישט און פאַרשעהמט פאַר זיך אַליין בין איך אַרונטער צו פריהשטיק. און ווען איך האָב זיך געזעצט צום טיש, האָט זיך מיר געדאַכט אַז מיין מוטער קוקט אויף מיר און טראַכט זיך: „נו, מיין זוהן, דיין מיה איז געווען אומזיסט".

דער פריהשטיק איז געווען אַ געאיילטער, ווייל ערשטענס האָבען מיסעס ביילינסאָן און די קעבין געהאַט זעהר פיעל אַרבייט

קייטען צו דערווייטערען אונזערע קינדער איינער פון דעם אנדע־רען. עס איז בעסער פאר זיי ביידען, אז זיי זאלען באצייטענס זיך אפגעוואוינען איינער פון דעם אנדערען.

„איך האף, אז איהר וועט מיך פארשטעהן, ווייל מיין טאכ־טער איז ביי מיר גראד אזוי טייער ווי אייער זוהן איז טייער ביי אייך, און דארום וועלען מיר פון יעצט אן פארבלייבען פריינד נאר פון ווייטען. און אויב איהר וועט מיך ניט זעהן מעהר אין אייער הויז, זאלט איהר ניט מיינען אז איך בין, חלילה, אין כעס אויף אייך, נאר איך טו דאס צוליעב אונזערע קינדער.

„זייט געזונד און גליקליך. מיין טאכטער האט געוואלט צו אייך שרייבען א פאר ווערטער, האב איך געזאגט אז עס איז ניט נויטיג.“

„פון מיר אייער אלטע פריינדין,

דבורה.“

איך האב פארגעסען אז מיין מוטער זיצט נעבען מיר און זי באטראכט מיין יעדע מינע. איך האב געהאלטען דעם בריעף און האב געלעזען און געלעזען, און זיך ניט געקענט אפרייסען פון די גרויסע אומרעגעלמעסיגע בוכשטאבען. די האנדשריפט איז גע־ווען אזוי עהנליך צו מיין מוטער׳ס. אפשר האבען זיי אמאל אין זייערע קינדער־יאהרען געלערנט ביי איין לעהרער.

— נו, וואס זאגסטו צו דעם? — האט מיין מוטער גע־פרעגט.

— וואס זאל איך זאגען? — האב איך צוריק געפרעגט און זיך באמיהט א שמייכעל צו טאן.

— דאס וואס זי האט צו מיר טענות וועגען דעם, וואס עטעל איז אוועקגעפאהרען, ווייסטו דאך ווי איך האב גע־טרייט מיין בעסטעס אז זי זאל דא קענען פארבלייבען. ווער איז איהר שולדיג אז זי איז אזא שטאלצע? אן ארימע מיידעל דארף ניט האבען אזוי פיעל גאווה. אבער דאס וואס זי וויל עטלען אפגע־וואוינען פון אונזער הויז, רעדט זי שוין ווי א מאמע. אפשר האט זי עפעס באמערקט אן עטעל׳ס רייד. איך בין זיכער, מיין זוהן, אז דו האסט זיך ניט נאריש געמאכט מיט עטלען — איך מיין — מיט א ווארט קען מען זיך אויך אמאל באנארישען.

צולאָזען, אז מיין טאָכטער זאָל אוועקפאָהרען א באַליידיגטע, א פאַרשעהמטע? איהר ווייסט פון וואָס פאַר א משפחה מיין טאָכ־טער קומט ארויס. איהר האָט געקענט מיינע עלטערען, איהר האָט אויך געקענט מיין מאַן. איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי שטאָלץ אויף מיין יחוס, וואָלט איך יעצט געווען א רייכע לענדליידי און נאָך רייכער פאַר אייך. אמת, אין אַמעריקאַ שפּיעלט דער דאָלאַר אַ גרויסע ראָלע, אָבער געלט איז נאָך ניט אַלעס. און מיין עטעלע שטעהט ביי מיר העכער פון די אַלע גבירי'שע מיידלאַך מיט פוסטע קעפּ. עטעל האָט חבר'טעס, גאַנץ רייכע מיידלאַך, און זיי שעהמען זיך גאָר ניט מיט איהר. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זיינען קלוגע, ערנסטע און הויך גע־בילדעטע מיידלאַך. זיי שעהמען זיך אפילו ניט צו קומען צו איהר צו גאַסט אין מיין אָרימער וואוינונג.

„איך זאָג אייך, ליעבע פריינדין, אז ווען איך וואָלט געווען אויף אייער אָרט, וואָלט איך אַ שפּיי געטאָן אויף די אַלע ווייבער דאָרט ביי אייך און וואָלט אויסגעפונען אַן אַנדער אָרט און זיך ניט אויסבאַריהמט פאַר פרעמדע מענשען אַז מיין עטעל איז אייער נוירס. איהר האָט געמעגט זאָגען אז זי איז א קוזינע, אָדער אַזוי א קרובה. נאָר מסתמא פאַסט דאָס אייך ניט אַזוי צו זאָגען.

„עס איז זעהר שלעכט צו זיין אָרים. אָבער איך בין ביי זיך ניט געפאַלען. מיט אַזאַ קינד ווי מיין עטעלע, זאָל זי מיר לאַנג לעבען, בין איך אַזוי רייך, ווי די רייכסטע פרוי אין אַמעריקאַ.

„אָבער גענוג! איך וועל אייך מעהר ניט מוסר'ן. דער צוועק פון מיין בריעף איז א גאַנץ אַנדערער. איהר האָט אַ זוהן, איך האָב אַ טאָכטער. זיי זיינען ביידע יונג, זיי זיינען באַפר'ינדעט צווישען זיך. און ווער ווייס וואָס אין זייערע יונגע הערצער טהוט זיך? און זאָל עס קומען צו דעם, אַז אייער זוהן זאָל זיך אויף אַן אמת פאַרליעבען אין מיין טאָכטער און זי אין איהם, דאַן וועט עס זיין אַן אומגליק פאַר זיי ביידען. איך ווייס דאָך ווי טייער ער איז ביי אייך און ווי שטאָלץ איהר זייט אויף אייער עשירות. ניט איהר און ניט אייער מאַן וועלען דערלאָזען אַז אייער זוהן זאָל נעמען אַן אָרימע מיידעל, אָהן נדן, די טאָכטער פון א דזשע־ניטרעס! דאַרום האָב איך באַשלאָסען צו זעהן מיט אַלע מעגליכ־

ליעב א לעב צו טאָן. ער האָט זיין כלה ארויסגעוויזען א גרויסע מאָס אויפמערקזאמקייט, אָבער איך האָב באַמערקט אז ער האָט געוואָרפען ליידענשאַפטליכע בליקען אויף מיסעס גרעפטער. און דאָס האָט מיך שטארק פארדראָסען, ווייל איך האָב געפיהלט א היבשע סימפאטיע צו מיס בראָדסקי. ער האָט מיר גלייך גע־שיינט צו זיין פון די מענער וואָס ליעבען זעהר שטארק, און גראָדע ניט איינע.

עס האָט מיך נאָך מעהר פארדראָסען ווען אויף מאָרגען. שבת אין דער פריה, האָב איך געפונען מר. מירמעלשטיין און מיסעס גרעפטער שטעהן צוזאַמען אויף דער הינטערשטער וועראנדא און שמועסען צווישען זיך. ווען זיי האָבען מיך דערזעהן, האָבען זיי זיך צושיידט.

עס האָט מיר שטארק לייד געטאָן אויף מיס בראָדסקי. יעצט האָב איך פארשטאַנען דעם קלאַנג וואָס האָט זיך ארומגעטראָגען, אז זי איז ניט זעהר שטארק פארליעבט אין איהר חתן, נאָר זי נעמט איהם ווייל זי וויל אַוועקגעהן פון איהר שטיעפמוטער.

איך האָב זיך דערמאָנט מיס בראָדסקי׳ס ווערטער, וואָס זי האָט צו מיר געזאָגט מיט א פּאָר טעג צוריק: „אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען, אין אַלע זייערע אמביציעס האַנדלען מענשען מיט גרויס איבערלייגונג, מיט פּאָרזיכט, מיט אָפענע אויגען, אבער אין דער וויכטיגסטער זאַך פון זייער לעבען, אין אויסקלייבען זיך א חבר פאר׳ן לעבען, האַנדלען זיי מיט פאַרבונדענע אויגען".

האָט זי מיט די ווערטער געמיינט זיך אַליין?...

א צער! אזא פיינע מיידעל! אזא גוטע נשמה.

איך האָב ניט געענטפערט. מיט מיין שווייגען האָב איך גע־וואָלט מאַכען דעם איינדרוק אַז איך בין צו שטאָלץ צו ענטפערען אויף אַזאַ לעכערליכע באַשולדיגונג. און צו דער זעלבער צייט האָב איך זיך דערמאָנט די סצענע מאָנטאַג אין פעלד, ווען איך האָב געוואָלט עטלעך אַ קוש טאָן און זי האָט זיך פון מיר אויס־געדרעהט.

איך האָב יעצט געזעהן, אַז די קייט פון אונזער פריינדשאַפט איז איבערגעריסען געוואָרען. איך בין אויף אימער אָפּגעשיידט פון עטלען. ביידע מוטערס זיינען שטאַרק פאַראייניגט אונז צו האַלטען אָפּגעזונדערט איינעם פון אַנדערען.

אַזוי ווי ביהנען וואָס קעהרען זיך אום צו זייער ביהנשטאָק. אָנגעלאָדען מיט זיסע האָניג, אַזוי זיינען פאַרנאַכט אָנגעקומען די מענער און די חתנים פון אונזערע באָרדערקעס, אָנגעלאָדען מיט טעפלאַך און מיט שאַכטלאַך, מיט מתנות פאַר די גוטע טרייע ווייבער און זיסע כלות וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער דיפּאָ און געוואַרט אויף זיי, אויסגעפּוצטע אין שעהנע ליכטע זומער־קליי־דער, פריש פריזירטע, אָנגעפּודערטע און פּערפּיומירטע. אפילו מיסעס גרעפּטער, וועלכע, ווי מען האָט מיר דערצעהלט, האָט פיינט געהאַט איהר מאַן ווי אַ שפּין, האָט זיך אויך באַמיהט צו זיין שעהנער און אָנציהענדער ווי אימער.

מיסעס גרעפּטער׳ס מאַן איז געווען אַ הויכער, אַ מאָגערער מאַן, אין איהר עלטער, מיט זעהר אַ נאַרישען אויסדרוק אויפ׳ן פּנים. ער האָט זיך גערופען „אַרטיסט" און האָט זיך אָפּגעגעבען מיט מאַכען גרויסע אויל־בילדער פון קליינע פאָטאָגראַפיעס. קינ־דער האָבען זיי ניט געהאַט, און אַז ביי זיי איז קיין גרויסע ליעבע ניט געווען האָט מען גלייך געקענט אַרויסזעהן. די מענער האָבען צווישען זיך געוויצעלט: „אַלע נאַרען האָבען שעהנע ווייבער".

מיס בראָדסקי׳ס חתן — מר. מירמעלשטיין האָט ער געהיי־סען — איז אויך געקומען. ער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, ניט הויך געוואַקסען, אָבער פעסט געבויט. ער איז געווען אַ ברונעט און ניט קיין מיאוס׳ער. ער האָט געהאַט דעם אויסזעהן פון אַז ערפאָלגרייכען ביזנעסמאַן, וועלכער האָט אויך

קוויינקעלט און איז אפגעפאהרען גלייך נאך ברעקפעסט צוזאמען מיט אנדערע מענער.

גוט וואס ער איז ניט פארבליבען אויף דינער. איך האב פאר־שטאנען וואס מיסעס גרעפטער איז דא אויסען געווען. זי האט אויך געדארפט פאהרען אין ניו יארק נאך דינער, און זי האט גע־פלאנט צו פאהרען מיט איהם צוזאמען. ווען ער וואלט געווארט אויף מיסעס גרעפטער, וואלט איך אויסגעזאגט מיס בראדסקי, אז איהר חתן און מיסעס גרעפטער ווינקען צווישען זיך א ביסעל צו אפט. איך וואלט אויך דערצעהלט, ווי איך האב זיי געפונען שמועסענדיג אויף דער הינטערשטער וועראנדא. איך בין באריים געווען אלעם אויסצוזאגען, אום צו ווארענען מיס בראדסקי. איז טאקע גוט וואס ער איז פריהער אוועקגעפאהרען.

מיסעס גרעפטער פלעגט אפזיצען אויף דער פארם־הויז צוויי וואכען און אויף דער דריטער וואך פלעגט זי זיך אוועקלאזען אין ניו יארק צו „כאפען פרישע פיש“, עס הייסט קריגען נייע קעסט־ניצעס און קעסטניקעס פאר מר.ביילינסאן. זי פלעגט אויף אזא רייזע פארברייינגען אין ניו יארק ביי פינף טעג און אמאל א גאנצע וואך. די ווירקונג פון איהר רייזע פלעגט מען גלייך זעהן. עס פלעגען אנקומען ווייבער מיט קינדער, איינע נאך די אנדערע. עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז מיסעס גרעפטער האט געהאט א גרויסע באקאנטשאפט און א היבשען איינפלוס. ווי עס ווייזט אויס, איז איהר איינפלוס געווען נאך שטארקער אויף די מענער ווי אויף די פרויען, וועלכע זי פלעגט שיקען צו מר. ביילינסאן. פון יעדע רייזע פלעגט זי קומען באלאדען מיט זאכען. זי פלעגט ברענגען סוועטערס, ווייסטלאך, זיידענע זאקען, זיידענע נאכט־העמדער, פערפיומע און קאסמעטיקס און אמאל אויך דזשולערי. זי פלעגט זיך באריהמען, אז זי קען זיך מיט אלע גרויסע מאנו־פעקטשורערס און האלסיילערס פון ניו יארק און אז זיי גיבען איהר אפ די זאכען שפאט ביליג, אונטער׳ן קרן. נאר די בארדער־קעס האבען צווישען זיך גערעדט בסוד, אז די אלע זאכען נעמט מיסעס גרעפטער מיט איהרע פינף פינגער. מען האט אויך געמור־מעלט, אז מיט איהר שמייכעלע קען זי ביי א מאנסביל די נשמה ארויסנארען. מיין מוטער, וועלכע האט געגאלטען פאר א קלוגע

עלפטער קאפיטעל

די געסט צופאהרען זיך — אַ גרוס פון עטלען

די צוויי טעג, שבת און זונטאג, האבען זיך געצויגען זעהר לאנגוויילינ. דער טומעל איז געווען גרויס. אויף דער וועראנדא, אין דעם פרוכטגארטען, און וואו עס איז נאר געווען א בענקעל אדער א שטיין צו זיצען, זיינען געזעסען פארלאך און גרופען. נאר איך בין געווען איינער אליין. די איינציגע פערזאן, מיט וועלכע עס האט מיך אינטערעסירט צו ריידען, מיס בראדסקי, האט גע־מוזט אנהאלטען די געזעלשאפט פון איהר חתן, מר. מירמעלשטיין. מאנכעס מאל האט עס מיך פארדראסען וואס זי זיצט און געהט נאר מיט איהם צוזאמען און וואס זי איז געווארען אפגעפרעמדט פון מיר. עס האט זיך מיר געוואלט וויסען, אויב זי האט געשריבען עטלען א גרוס פון מיינעטוועגען. אבער איך האב ניט געהאט די געלעגענהייט איהר דאס צו פרעגען. איך פלעג מיט איהר ריידען נאר ביי די מאלצייטען, אבער דאן האב איך איהר אזא פראגע ניט געקענט פרעגען, ווייל מר. מירמעלשטיין און מיינע עלטערן זיינען אויך געזעסען דערביי.

איך האב געצעהלט די שטונדען ווען מר. מירמעלשטיין זאל שוין אוועקפאהרען. איך האב קיינמאל ניט געפיהלט אזוי איינזאם און קיינמאל איז אויף מיר די צייט ניט געהאנגען אזוי שווער, ווי יענעם שבת און זונטאג.

מיין פאטער און נאך א צאהל געסט זיינען אפגעפאה־רען זונטאג ביינאכט, אום צו זיין מאנטאג אין דער פריה אין ניו יארק. מיסעס גרעפטער׳ס מאן איז אויך אפגעפאהרען מיט זיי. מר. מירמעלשטיין איז פארבליבען ביז מאנטאג פריה. צו ברעק־פעסט האט צו איהם מיסעס גרעפטער געזאגט, אז על פי יושר האט ער געמעגט פארבלייבען אויף דינער, ווייל ער קומט בלויז איין מאל אין צוויי וואכען. מר. מירמעלשטיין האט זיך א ווײלע גע־

אונטער די אויגען האָבען זיי גערעדט אויף איהר כל בו, האָבען זיי אין איהר געגענוואַרט קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע פאַר איהר פריינדשאַפט, און יעדע איינע האָט געזוכט צו זיין איהר נאָהענט־סטע „הויפדאַמע".

דער זעלבער וואָגען וואָס האָט געפיהרט מר. מירמעלשטיין און נאָך אייניגע מענער צו דער דיפּאָ, האָט געבראַכט אַ פּאַק בריעף פון דער פּאָסט פאַר די באָרדערקעס. מר. ביילינסאָן האָט די בריעף פאַרטיילט צו די פרויען, וואָס האָבען איהם ארומגערינגעלט, נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט ארונטערצוגעהן פון וואָגען. די איי־ניגע בריעף וואָס זיינען איהם פאַרבליבען האָט ער איבערגעגעבען צו מיסעס גרעפּטער, אַז זי זאָל זיי פאַרטיילען.

מיסעס גרעפּטער האָט גלייך נאָך ברעקפעסט זיך איבערגע־טאָן אין רייזע קליידער, וואָס האָבען איהר געמאַכט אויסזעהן אַ סך אינגער פון איהרע יאָהרען. מענשען וואָס האָבען זי ניט גע־קענט וואָלטען זי אָנגענומען פאַר אַ יונגע מיידעל אין דעם בלויען אַנצוג וואָס זי האָט געטראָגען אויף זיך. זי האָט מיך געטראָפען ביים גאָרטען זיצענדיג אויף אַ בענקעל און לעזענדיג אַ צייטונג.

— האָט איהר פּילייכט געזעהן מיס בראָדסקי? — האָט זי מיך געפרעגט.

— זי זיצט מיט מיין מוטער דאָרט ווייטער, — האָב איך געזאָגט, צייגענדיג אויפ'ן פרוכט־גאָרטען.

— וועט איהר אַזוי גוט זיין און איהר אָפּגעבען דעם בריעף?

— האָט זי געזאָגט.

איך האָב דערקענט די האַנטשריפט אויפ'ן קאָנווערט. דאָס איז געווען פון עטלען. אום מיסעס גרעפּטער זאָל ניט באַמערקען אַז איך בין פּאַראינטערעסירט אין דעם בריעף, האָב איך אַ זאָג גע־טאָן:

— נו, מיסעס גרעפּטער, איהר פאָהרט טאַקע אוועק?

— יאָ, — האָט זי קאָקעטיש געענטפערט, — און עס טוט מיר זעהר לייד. איך האָף אַז איהר וועט נאָך מיר ניט בענקען.

איך האָב געשמייכעלט און ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו זאָגען.

פרוי, האָט געזאָגט צו מיס בראָדסקי, אין שפּאַס, אַז מיסעס גרעפּ־טער מוז די פּרעזענטען קריגען פון די מענער דערפאַר, ווייל די מענער ווילען אַז זי זאָל זיין גוט צו זייערע ווייבער, אום זיי זאָלען זיך האַלטען אויף דער פאָרם וואָס לענגער.

דערביי האָט זיך מיין מוטער גוט אַרומגעקוקט אויב ווער, א זייטיגע פרוי, האָט געהערט איהר שפּאַסיגע באַמערקונג. מיין מוטער, אַזוי ווי די אַנדערע ווייבער, האָט מורא געהאַט פאַר מיסעס גרעפּטער און האָט ניט געוואָלט זיך איינרייסען מיט איהר.

איך האָב באַמערקט, אַז אַלע ווייבער האַסען מיסעס גרעפּטער, באַליידען זי און מאַכען זי שוואַרץ ווי דער טייוועל. אָבער דאָס איז אַלץ געווען אונטער די אויגען. קוים אָבער פלעגט מיסעס גרעפּטער זיך באַווייזען, פלעגען די אַלע ווייבער נעמען שמייכ־לען צו איהר, זי חנפה׳נען און אַרויסצייגען רעספּעקט.

דיזע ווידערשפּרעכענדע באַציהונג האָט מיך שטאַרק גע־וואונדערט. עס איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש. פון אָנפאַנג האָב איך געדענקט, אַז די ווייבער שמייכלען זיך צו איהר אויס מורא. אָבער שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס איז ניט געווען מורא, נאָר עפּעס גאַנץ אַנדערש. דאָס איז געווען דער רעספּעקט וואָס יעדע שעהן געקליידעטע פערזאָן רופט אַרויס צו זיך. און איבערהויפּט אַ שעהן געקליידעטע פּראָוויענצימער. און געקליידעט האָט זיך מיסעס גרעפּטער מיט אַזאַ געשמאַק וואָס איז געווען צו באַוואונדערען. אַלעס וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגען איז, ווי איך האָב אייך פריהער געזאָגט, געווען נעט, פּאַסענד, שעהן און אַנציהענד. אין קליידען זיך איז זי געווען אַן אמת׳ע קינסטלערין. אָט מיט איהר קליידונג האָט זי אַרויסגערופען באַוואונדערונג און רעספּעקט, צוזאַמענגעמישט מיט אַ היבשע מאָס קנאה. עס זיינען דאָרט געווען פרויען וואָס זייערע קליידער האָבען פיעל טייערער געקאָסט ווי מיסעס גרעפּטער׳ס, אָבער זייערע קליידער זיינען געווען אומגעלומפּערט, פון שרייענדיגע קאָלירען, אָהן אַ ברעקעל געשמאַק.

אָט דאָס איז געווען דער סוד וואָרום מיסעס גרעפּטער האָט קאָמאַנדירט דעם רעספּעקט פון די אַנדערע פרויען, און וועהרענד

— האָב איך גוט געטאָן וואָס איך האָב געשריבען אַ גרוס פון אייערטוועגען? — האָט מיס בראָדסקי געפרעגט.

— איך האָב אייך אַליין געזאָגט, אַז איהר זאָלט טאָן ווי איהר פאַרשטעהט, — האָב איך געענטפערט.

און פון דאַן אָן איז מיס בראָדסקי געוואָרען דער רינגעלע אין דער קייטעלע וואָס האָט מיך געהאַלטען פאַרבונדען מיט עטלען דעם גאַנצען זומער. די קאָרעספּאָנדענץ צווישען די צוויי מיידלאך איז געוואַקסען. עטעל׳ס בריעף זיינען געוואָרען לענגער און אינטערעסאַנטער. אין יעדען בריעף איז געווען אַ גרוס צו מיר. איך האָב געלעזען עטעל׳ס בריעף צו מיס בראָדסקי און איך האָב געפיהלט, אַז יעדע שורה, יעדעס וואָרט, יעדער בוכשטאַב איז געווען געמיינט פאַר מיר. עטעל האָט געוואוסט אַז איך וועל דאָס לעזען! און אפילו צווישען די שורות האָב איך אויך גע־לעזען הארציגע גרוסען צו מיר און נאָר צו מיר אַליין. מיס בראָד־סקי האָט פּילייכט אַליין ניט געוואוסט אַז זי ווערט פון מיר און עטלען באַנוצט אַלס אַ פאַרמיטלערין אָנצוהאַלטען אונזער פריינד־שאַפט.

אָבער צייטענווייז פלעג איך ליידען פון חרטה־געפיהלען. איך פלעג זיך פרעגען: צו וואָס וועט דאָס פיהרען? וואָס וועט זיין דער צוועק פון אַזאַ פריינדשאַפט? מיינע עלטערען וועלען געוויס זיין דאַגעגען און איך האָב ניט דעם מוט צו שטעלען זיך געגען דעם ווילען פון מיינע עלטערען און וואָס וועל איך טאָן, אַז מיין פאָטער וועט ביייז ווערען אויף מיר?

עס איז בעסער אַז איך זאָל אויפהערען צו טראַכטען וועגען עטלען. מיין מוטער האָט רעכט. איך וועל עטלען בלויז אומגליק־ליך מאַכען. בעסער זיך יעצט צושיידען, איידער שפּעטער.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם בריעף וואָס עטעל׳ס מוטער האָט געשריבען צו מיין מוטער. יאָ, עס איז בעסער מיר זאָלען זיך אָפּגעוואוינען איינער פון דעם אַנדערען. איך מוז בעטען מיס בראָדסקי, אַז זי זאָל אויפהערען צו שרייבען גרוסען פון מיר צו עטלען. אַזוי האָב איך געטראַכט, אָבער איך האָב זיך געשעהמט מיס בראָדסקי׳ן דאָס צו זאָגען.

— אפשר, — האָט זי געזאָגט, — אפּשר וואָלט איהר אויך צוגעפּאָהרען אין ניו יאָרק. אייך מוז שוין דאָ זיין לאַנגווייליג. קענט איהר ניט אויסווירקען, אז אייער מוטער זאָל אייך לאָזען פּאָהרען אויף אַ וואָך אין ניו יאָרק? מיר איז אַזוי אומעטיג צו פאָהרען אַליין!

זי האָט עס געזאָגט אַזוי זיס און איהרע קאַלטע גרויע אויגען האָבען אַרויסגעוויזען וואַרימע צערטליכקייט. מיין האַרץ האָט אין מיר אָנגעהויבען האַסטיג צו קלאַפּען. איך האָב געפיהלט באַצווי־בערט — דער כח פון אַ שעהנע פרויענצימער.

„לילית!" האָט אין מיינע אויערען אַ קלונג געטאָן. דאָס איז געווען אַ שטימע פון מיין האַרצען.

— ווי קען איך — האָב איך געשטאַמעלט — לאָזען מיין מוטער אַליין?

— דאַט'ס ראַיט! — האָט זי צוגעגעבען. — פון אַ מוטער דאַרף מען דענקען צוערשט.

זי האָט קאָקעטיש אַ נייג געטאָן איהר קאָפּ און איז אַוועק, איבערלאָזענדיג עטעל'ס בריעף אין מיינע הענט.

איך האָב געפונען אַ געלעגענהייט אָפּצוגעבען מיס בראָדסקי דעם בריעף אין דער צייט וואָס מיין מוטער איז איינגעשלאָפען אין העמאַק. מיס בראָדסקי האָט זיך ווי זי האָט איבערגעלייענט געגעבען דעם בריעף מיר צו לעזען.

דער בריעף איז געווען גאַנץ קורץ. עטעל דאַנקט צוערשט מיס בראָדסקי פאַר איהר בריעף. זי און איהר מוטער פיהלען זיך אין בעסטען געזונט. אין ניו יאָרק איז גאַנץ וואַרעם, אָבער ניט אַזוי הייס ווי געווען. זונטאָג איז זי מיט איהר מוטער געווען אין פעלהאַם בעי, וואו זיי האָבען זיך געבאָדען. זי בעט מיס בראָד־סקי צו שרייבען צו איהר אַזוי אָפט ווי עס איז איהר באַקוועם און האָפט זי צו זעהן ווען זי וועט צוריקקומען קיין ניו יאָרק. צולעצט שרייבט זי:

„איך דאַנק אייך זעהר פאַר דעם גרוס פון מר. פרומקין. לאָזט איהם גריסען אין מיין נאָמען."

דעם גרוס צו מיר האָב איך איבערגעלעזען עטליכע מאָל.

פרויעז באנוצען צו זייער קאָרעספּאָנדענץ. די אדרעסע איז געווען געדרוקט מיט א טייפּרייטער, אזוי ווי די שרייבערין האָט גע־וואָלט באהאלטען איהר אייגענע האַנטשריפט. „פון עטלען! — א בריעף צו מיר אליין!“ האָב איך זיך געטראַכט און מיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט פרייד. גוט וואָס מיין מוטער האָט ניט געזעהן ווי מר. ביילינסאָן האָט מיר דעם בריעף דערלאַנגט. זי וועט מיר ניט פרעגען פון וועמען דאָס איז. איך האָב דעם בריעף שנעל אריינגערוקט אין טאַש. איך האָב עס געוואָלט לעזען אין מיין אייגענעם צימער, פאר זיך אליין. אָבער ווען איך האָב געוואָלט אריינגעהן אין הויז, האָב איך זיך אין טיר באגעגענט מיט מיין מוטער און מיס בראָדסקי.

— קום, מיין זוהן, — האָט מיין מוטער געזאָגט, — מיר וועלען צוגעהן צו קרוטשיק'ס פארם. די באַרדערס דאַרטען מאַכען נעקסטען מיטוואָך א בענעפיט פאר טשאַריטי. מיך האָט מען אריינגענומען אין דער קאָמיטע, וויל איך צוגעהן און נעמען טיקעטס.

איך האָב געמוזט געהן.

געהענדיג האָט צו מיר מיין מוטער געזאָגט:

—מיין זוהן, מיר דאַרפען האַלטען קאָמפּאַניע מיט מיס בראָדסקי. איהר חתן קומט ניט דיזען שבת.

— נעבעך, אַן עלענדע! — האָט מיס בראָדסקי געשפּאַסט.

איך האָב געלאַכט און ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון דעם בריעף וואָס ליגט ביי מיר אין טאַש. איך האָב אומבאַמערקט צו־געליינגט מיין האַנט צום טאַש — מיין אוצר איז נאָך דאָרט! א טייערער אוצר! איך האָב נאָך אין מיין לעבען ניט געהאַט אזאַ רייכטום אין מיינע טאַשען.

עס האָט מיך בלויז פאַרדראָסען וואָס איך קען זיך ניט טיילען מיט מיין שמחה מיט קיינעם. ווענען מיין מוטער איז דאָך אָפּ־גערעדט, אָבער מיס בראָדסקי'ן האָט זיך מיר זעהר שטאַרק גע־וואָלט פאַרטרויען.

פון ביילינסאָנ'ס פארם ביז קרוטשיק'ס איז געווען א מהלך פון עטליכע מינוטען. מיר זיינען געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם. ווען מיר זיינען אָנגעקומען נאָהענט, האָבען מיר זיך באגעגענט מיט א

צוועלפטער קאַפּיטעל

אַ ביטערע ענטטוישונג

מיסעס גרעפּטער איז אוועקגעפאָהרען מאָנטאג און זי האָט פון ניו יאָרק געשריבען צו מר. ביילינסאָן, אז ער זאָל זיך ריכטען אויף אַ סך קאָסטאָמערס. דאָנערשטאג און פרייטאָג זיינען טאקע אָנגעקומען אַ היבשע צאָהל ווייבער מיט קינדער און אויך עטליכע מענער. אבער מיסעס גרעפּטער אַליין האָט זיך פאַרזאָמט אין שטאָט איבער שבת און זונטאָג. אַ באָרדער, אַן עלטערער איד, האָט געזאָגט: „זי איז דאָרט פאַרבליבען צו טרייסטען די מענער וואָס זייערע ווייבער זיצען אין קאָנטרי".

די ניי־אָנגעקומענע באָרדערקעס האָבען געבראַכט נייעס און זיי האָבען דאָס איבערגעגעבען פון מויל צום אויער צו די אַלטע באָרדערקעס. פאַר שטונדען לאַנג האָבען זיך די ווייבער געס׳סוד׳עט אויף דער וועראַנדאַ, ביים עסען, און אפילו אין זייערע שלאָף־צימערען, וואו זיי האָבען אָפּגעהאַלטען ספּעשעל מיטינגס. איך האָב געזעהן, אז מיין מוטער ווייס שוין אויך פון די סודות.

— וואָס טוט זיך דאָ, מאַמע? וואָס איז געשעהן? — האָב איך איהר געפרעגט.

— אי, מיין זוהן, פאַר דיר פּאַסט דאָס גאָר ניט צו וויסען. דאָס רעדט מען אַלץ פון מיסעס גרעפּטער. זי איז אַ פרוי וואָס האָט ליעב אַלע מענער, נאָר ניט איהר אייגענם מאַן.

מעהר האָב איך פון מיין מוטער ניט געקענט אַרויסקריגען. אבער פון דעם וואָס מיין אויער האָט אויפגעכאַפּט אויף דער ווע־ראַנדאַ, האָב איך פאַרשטאַנען, אז מיסעס גרעפּטער האָט זייענדיג אין ניו יאָרק אָפּגעטאָן עפּעס אַ סקאַנדאַל און אז זי האָט זיך צו־קריגט מיט איהר מאַן.

פרייטאָג איז אָנגעקומען אַ בריעף אויף מיין נאָמען. דער קאָנווערט איז געוועזען אַ שמאָלער און אַ לענגליכער, אַזאַ וועלכען

— איך קען דאָס ניט פאַרשטעהן, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט. — זי ווייס אַז אייער מוטער נעמט ביי אייך אָפּ דין וחשבון פון יעדער קלייניגקייט. ווי האָט זי ניט געדענקט פון דעם, טאָמער דערוויסט זיך אייער מוטער אַז איהר האָט באַקומען אַ בריעף?

— מען דאַרף איהר בעטען, אַז זי זאָל אויף ווייטער שיקען איהרע בריעף אויף אייער נאָמען.

— איהר וועט דען איהר ענטפערען? — האָט מיס בראָדסקי געפרעגט.

— איך דענק, אַז איך דאַרף איהר ענטפערען, — האָב איך געזאָגט. — איך ווייס נאָך אפילו ניט וואָס זי שרייבט מיר. איך האָב נאָך קיין געלעגענהייט ניט געהאַט דעם בריעף דורכצולעזען. איך וועל עס אייך איבערגעבען. זאָל עס הייסען אַז עס איז אייער בריעף. איהר לעזט עס און זאָגט מיר דעם אינהאַלט.

— טוט עס ניט! — האָט זי אויסגערופען, ווען זי האָט גע־זעהן אַז איך וויל דעם בריעף אַרויסנעמען. — ניט אומזיסט רופט אייך אייער מוטער „בייבי“. ווי גיט מען עס אַ בריעף וואָס אַ מיידעל שרייבט פּריוואַט צו אייך, צו אַ פרעמדער מיידעל צו לעזען, איידער מען לעזט עס אַליין? גענוג צו ריידען וועגען דעם. איהר וועט עס שפּעטער אַליין לעזען.

מיין מוטער האָט זיך אַ ביסעל געזאַמט, און ווען זי איז אַרויסגעקומען, זיינען מיט איהר געגאַנגען נאָך עטליכע פרויען. דאָס איז געוועזן אַ קאָמיטע צו געהן צו ביילינסאָנ׳ס פאַרם און פאַרקויפען דאָרט טיקעטס צו די באָרדערס.

— די טיקעטס פאַרקויפען זיך זעהר לאַנגזאַם, — האָט זיך באַקלאָגט איינע פון די קאָמיטע פרויען. — אַז די מיסעס גרעפּטער וואָלט דאָ געוועזן, וואָלט זי זיי פאַרקויפט איינס און צוויי. אַזוי ווי זי קען פאַרקויפען קען נאָך קיינער אַזוי ניט טאָן.

— איבערהויפּט צו מענער, — האָט געלאַכט אַן אַנדערע פון דער קאָמיטע.

— זי איז זעהר פּאָפּולער, — האָט מיס בראָדסקי אַ זאָג געטאָן צו מיר אין דער שטיל.

פאַר פרויעןׁ פון קרוטשיק׳ס באַרדערקעס.ביידע האָבען זיך מיט מיין מוטער פריינדליך באַגריסט, און איינע פון זיי האָט געזאָגט:

— דאָס מוז זיין אייער זוהן מיט זיין כלה.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיס בראָדסקי. זי איז שטאַרק רויט געוואָרען.

— איהר האָט בלויז האַלב געטראָפען, — האָט מיין מוטער געזאָגט.

— וואָס, זיי זיינען נאָך ניט פאַרלאָבט? — האָט די פרוי געפרעגט.

— די יונגע ליידי איז יאָ פאַרלאָבט, אָבער ניט מיין זוהן, — האָט מיין מוטער ערקלעהרט.

— זי האָט אַן אַנדער חתן? — האָט די פרוי געפרעגט.

— אַלץ הייסט אַ חתן — האָט מיין מוטער געזאָגט, — אַ פיינער מאַן, אַ רזשענטעלמאַן, אַ גרויסער ביזנעסמאַן. און די ליידי איז אונזערע אַ פריינדין.

נאָכדעם האָט מיין מוטער פאָרגעשטעלט מיס בראָדסקי׳ן פאַר די צוויי פרויען.

איך בין געוואָרען אומגעדולדיג. איך האָב זיך אָבער ניט געקענט העלפען.

אַז מיר זיינען שוין געווען ביי דער פאָרם הויז, האָט מיין מוטער געזאָגט צו מיר:

— דו בלייב דאָ מיט מיס בראָדסקי וואַרטען אין דרויסען און איך וועל אַריינגעהן זיך זעהן מיט דער קאָמיטע. איך וועל מיך לאַנג ניט זאַמען.

מיס בראָדסקי און איך האָבען ארומגעשפּאַצירט הין און צוריק ביי דער פאָרם הויז.

— איך האָב היינט ערהאַלטען אַ בריעף פון איהר, — האָב איך האַסטיג אַ זאָג געטאָן.

— פון וועמען? פון עטלען? זי האָט צו אייך געשריבען? — האָט זיך מיס בראָדסקי געוואונדערט.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. — אָבער מיין מוטער טאָר פון דעם ניט וויסען.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל

מיין גרויסער זיעג

מיט דעם צוריסענעם בריעף אין מיין טאַש בין איך אַרונ־טער צום דיינינג רום. די פּיצלאַך פּאַפּיר זיינען מיר געלעגען ווי שווערע שטיינער אין מיין טאַש. דאָס וואָס איז מיר פריהער גע־ווען אַזוי ליעב און וואָס האָט מיך געמאַכט פּיהלען גליקליך, איז מיר יעצט געוואָרען ווי אַ שווערע לאַסט, און איך האָב געטראַכט, ווי וועֶרט מען שוין פון דעם פּטור.

ביי אונזער טיש האָב איך געטראָפען בלויז מיס בראָדסקי. גוואַלד, וואָס זאָג איך איהר, ווען זי פרעגט מיך וועגען דעם בריעף? האָב איך זיך געטראַכט אין האַרצען. זי האָט טאַקע אַרויסגעקוקט אויף מיר מיט אַ פראַגע־צייכען אין איהרע קלוגע גוטמוטיגע אויגען. און אום איהר צו פאַרשטעלען דעם וועג, האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— וואו איז מיין מוטער?

— זי קומט באַלד אַריין, — האָט מיס בראָדסקי געענט־פערט. — זי איז ביזי מיט די טיקעטס, איהר האָט פאַרגעסען אַז זי איז אויף דער קאָמיטע פון דעם בענעפיט טאַנץ אין קרוטשיק׳ס פּאַרם־הויז.

מיין מוטער איז באַלד אַריינגעקומען, און עס האָט מיך גע־פרעהט וואָס מיס בראָדסקי האָט דערווייל ניט געהאַט די געלע־גענהייט מיך צו פרעגען וועגען דעם בריעף. איך האָב זיך אַזוי געשעהמט איהר צו דערצעהלען דעם אמת פון וועמען דער בריעף איז געווען.

נאָך דינער איז מיין מוטער אַרויף אין איהר צימער זיך אַ ביסעל צולייגען אין בעט. דאָס האָט מיס בראָדסקי׳ן געגעבען אַ געלעגענהייט מיט מיר צו זיין אַליין.

אז מיר זיינען צוריקגעקומען צו אונזער באָרדינג הויז, בין איך ארויף גלייך אין מיין צימער. איך האָב פאַרשלאָסען די טיר און מיט א קלאַפּענדע האַרץ האָב איך דעם בריעף ארויסגענומען פון מיין קעשענע. עפּעס האָב איך פלוצלינג מורא געקראָגען צו עפענען דעם בריעף. אז עטעל שרייבט מיר, האָט עפּעס געמוזט פּאַסירען.

איך האָב זיך געשטאַרקט, צוגעדריקט דעם בריעף צום האַרצען. נאָכדעם האָב איך מיט א מעסערעל פאַרזיכטיג אויפגעשניטען דעם קאָנווערט און ארויסגענומען דעם בריעף — עס האָט מיר אין נאָז אריינגעשפּאַרט א שטאַרקע פּערפומע.

אויב איך האָב ניט גע׳חלש׳ט אויפ׳ן אָרט, בין איך שטאַרקער פון אייזען. דער בריעף איז געווען געשריבען אין א גאַנץ אומ־באַקאַנטע פרויען־האַנטשריפט און האָט זיך אזוי געלעזען:

„מר. סעם פרומקין. דיער פרענד!

„איך זיץ דאָ אין ניו יאָרק און איך טראַכט פון מיינע ליעבע פריינד וואָס איך האָב איבערגעלאָזען אין קאָנטרי. איך גלויב, אז איהר וועט דאָס ניט רעכענען פאַר א חוצפה וואָס איך שרייב צו אייך. איך האָב זיך איינפאַך פאַרבענקט נאָך אייך. איהר זייט דער פיינסטער און העפליכסטער דזשענטעלמאַן וואָס איך האָב ווען געקענט. איך האָף, אז אין דער צוקונפט וועלען מיר זיך בע־סער באַקענען. איך קום צוריק מאָנטאג. טראַכט איהר אַמאָל פון מיר?

„אייערע, מיט פריינדשאַפט, ליליאַן גרעפּטער.“

איך האָב דעם בריעף צוריסען אין פּיצעלאַך.

יעצט איז ביי מיר געווען א פראַגע, וואָס טו איך מיט די פּיצעלאַך? אריינוואַרפען אין ווייסט בעסקעט? וועט נאָך עמיצער געפינען די פּיצעלאַך און זוכען צו דערגעהן דעם אינהאַלט. איך מוז דעם חמץ פאַרניכטען אין א זיכערען אָרט.

איך האָב זיך געשעהמט יעצט צו ציינען מיינע אויגען פאַר מיס בראַדסקי. וואָס וועל איך איהר זאָגען?

און פלוצלינג האָט אָנגעהויבען צו קלינגען. מר. ביילינסאָן האָט גערופען זיינע באָרדערס צו דינער.

האָבען זיך ארומגעטראָגען קלאַנגען וועגען אַ רייכען מאַנופעקטשורער, אַ פּרעזידענט אין אַ וואָהלטעטיגען אַנשטאַלט, אין וועלכען מיסעס גרעפּטער איז איינע פון די וויים־פּרעזידענטינס פון דער פרויען אוקזילערי. מען האָט זיך געסוד׳עט, אַז דער מאַנופעקטשורער האַלט אין גט׳ען זיך מיט זיין פרוי, וועלכע וויל ניט הולדען די צו הייסע פריינדשאַפט צווישען איהר מאַן און מיסעס גרעפּטער.

אַזוי האָט מען גערעדט, און איך וויים ניט עד היום וויפיעל פּראָצענט אמת עס זיינען דאָ געווען אין די קלאַנגען. זיכער איז, אַז אין גאַנצען אויסגעטראַכט זיינען די קלאַנגען קיינמאָל ניט געווען.

מיסעס גרעפּטער איז צוריקגעקומען דינסטאָג. זי האָט אויסגעזעהן מיעד און ווי ניט דערשלאָפען. די ווייבער האָבען באַמערקט אַז דיזען מאָל האָט זי געבראַכט ווייניגער זאַכען ווי אימער, און דאָס האָט זיי געגעבען נאָך שטאָף וועגען וואָס צו ריידען און צו טרעפען וואָס האָט דאָרט פּאַסירט מיט דער „סטאַר באָרדער“.

מיסעס גרעפּטער האָט אָבער ניט לאַנג גענומען צו קומען צו זיך. זי איז ארויף אין איהר צימער, זיך איבערגעטאָן, זיך צוגעפיקסט, און אַ האַלבע שטונדע שפּעטער איז זי אַראָפּגעקומען אָן אָפּגעפרישטע, אַ שיינענדע אין איהר פולען גלאַנץ. זי האָט צו מיין מוטער אויסגעשפּראָכען איהר באַדויערונג וואָס צוליעב איהר זיין אין ניו יאָרק האָט זי ניט געקענט מיטהעלפען אין דעם פאַרקויף פון די טיקעטס צום טשאַריטי טאַנץ. אָבער זי וועט דאָך גלייך פיקסען. זי האָט אָפּגערופען אויף׳ן טעלעפאָן איהרען ז באַקאַנטען, וועלכער איז איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל עטליכע מייל ווייטער. אַ האַלבע שטונדע שפּעטער איז אָנגעקומען אַ פּראַכטפאָלער אָטאָמאָביל מיט אַ שוואַרצען שאָפיר. אין דעם אָטאָמאָביל האָט מיסעס גרעפּטער געפּלאַנט ארויסצופאָהרען איבער די ארומיגע זומער האָטעלס צו פאַרקויפען טיקעטס. זי האָט מיטגענומען פון קרוטשיק׳ס פאַרם הויז אַ יונגע ווייבעל מיט פלאַקסענע האָר און אומנאַטירליכע פינקעלדיגע אויגען. די ווייבעל פלעגט זינגען אין ביליגע וואָדעוויל הייזער, אָבער ביי די באָרדערקעס פון קרו־

— נו? — האָט זי מיך געפרעגט, געהענדיג צום פעלד פאַר א שפּאַציר, — האָט איהר ערהאַלטען עפּעס גוטע נייעס? וואָס מאכט זי?

איך האָב פּלוצלינג באַקומען א פאַרלאַנג איהר אויסצוזאָגען אַלעס.

— ווייסט איהר, פון וועמען דער בריעף איז? — האָב איך געזאָגט. — אייך וועט דאָס גאָר ניט איינפאַלען אין די געדאַנקען, אז דער בריעף איז געוועזן פון מיסעס גרעפּטער. זי פרעגט מיך, אויב איך בענק נאָך איהר —

— ס'אַ חוצפּה! — האָט מיס בראָדסקי אויסגערופען. — אויף דעם איז פעהיג נאָר אַזאַ פּרוי ווי זי.

און מיט אַמאָל האָט זיך מיס בראָדסקי צולאַכט.

— וואָס לאַכט איהר? — האָב איך געפרעגט. — איהר זייט אומגערעכט צו מיר.

— ענטשולדיגט, — האָט זי געזאָגט און איז געוואָרען ערנסטער. — איך האָב זיך גראָד יעצט דערמאָנט ווי נייגעריג און פיבעריש איהר זייט פריהער געווען ווען איהר האָט געמיינט אַז ביי אייך אין טאַש ליגט אַ בריעף פון עטלען און איהר זייט געווען זעהר אומגעדולדיג איהם צו לעזען. און יעצט אַזאַ ענטטוישונג! ענטשולדיגט מיר. איך בעט אייך נאָכאַמאָל.

— איך בין אייך מוחל פון טיעפען הארצען, — האָב איך געזאָגט, שוין פרעהליכער. דערווייל זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ לויפענדען וואַסער. איך האָב אַרויסגענומען די ,,ייצלאַך פּאַפּיר פון מיין טאַש און זיי ביסלאכווייז געשליידערט אין וואַסער און דער שטראָם האָט די פיצלאַך פון דעם צוריסענעם בריעף אַוועקגעטראָגען ווייטער, ווייטער.

איך האָב געמיינט אַז איך וועל מיט דעם פאַרשאַפען מיס בראָדסקי אַ ביסעל שפּאַס, אָבער זי האָט אויסגעזעהן ערנסט און פאַרטראַכט.

מען האָט זיך גערעכט אַז מיסעס גרעפּטער וועט צוריק קומען מאָנטאַג, אָבער זי איז געקומען אַ טאָג שפּעטער. דאָס האָט די באָרדערקעס געגעבען מעהר שטאָף צו ריידען וועגען איהר. עס

לישער פּרעמיער, לאָרד ביקאָנספיעלד, וועלכער האָט זיך פאַר־ליעבט אין אַ פרוי פופצעהן יאָהר עלטער פון איהם?

— ער האָט זיך פאַרליעבט אין איהר גייסטיגע שעהנקייט, ווייל זי איז געווען אַ מערקווירדיגע פרוי, וועלכע האָט איהם שפּע־טער געהאָלפען שטייגען צו ווערען דער וויכטיגסטער מאַן פון ענגלאַנד, — האָב איך געזאָגט מיט אַ טאָן פון נצחון.

— פון דעסטוועגען ראָט איך אייך, אַז אָיהר זאָלט זיך היטען, — האָט מיס בראָדסקי זיך איינגעשפּאַרט.

איך האָב זיך צולאַכט.

אָבער מיין גֶעלעכטער איז געווען אַ געמאַכטער, אַ געקינצעל־טער. דער אמת איז, אַז מיס בראָדסקי׳ס ווערטער האָבען מיך אָנ־געשראָקען.

איך האָב זיך גלייך באַרעכעט, אַז מיט מיר קען אַזוינס ניט פּאַסירען. קיינמאָל וואָלט איך ניט געטאָן אַזאַ זאַך מיט וועלכער איך וואָלט זיך געדאַרפט שעהמען פאַר מיינע עלטערען, אָדער אַ זאַך וואָס וואָלט זיי פאַרשאַפט די מינדסטע שמערצען. און דאַן, בין איך געווען זיכער, דאָס אַזאַ פרוי ווי מיסעס גרעפּטער קען מיר קיינמאָל ניט געפעלען זיין צו פאַרליעבען זיך.

„פון דעסטוועגען ראָט איך אייך, אַז איהר זאָלט זיך היטען פון איהר“, האָבען מיר געקלונגען מיס בראָדסקי׳ס ווערטער אין מיינע אויערען שפּעט ביינאַכט, ווען איך בין געזעסען איינער אַליין אין מיין צימער. מיין מוטער און אַלע אַנדערע באָרדערס זיינען שוין לאַנג געשלאָפען, נאָר איך האָב געוואוסט אַז איך וועל ניט קענען איינשלאָפען. בין איך שטילערהייט אַרוים אין דרויסען און זיך אַוועקגעזעצט אין העמאַק. די נאַכט איז געווען אַ דונקעלע, אַ סוף חודש נאַכט. איך האָב געקוקט אין דער געדיכטער פינס־טערניש און געזוכט אַן ענטשיידונג צו אַ רעטעניש וואָס האָט פאַרנומען מיין מוח —

איך בין געווען אַ יונגער בחור וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון לעבען. פאַר מיר האָט זיך געעפענט אַ מיסטעריעזע וועלט מיט געהיימנישען. איך האָב געפיהלט אַ בענקשאַפט, אַ שטרעבען, איך האָב געזוכט און האָב ניט געוואוסט אקוראַט וואָס איך זוך. יעדע שעהנע פרויענצימער האָב איך אין מיינע געדאַנקען

טשיק׳ס פאַרם הויז האָט זי געגאָלטען אַלס „אַקטריסע“ און זיי האָבען מיט איהר שטאָלצירט.

די ווייבער האָבען געקוקט מיט קנאה אויף מיסעם גרעפּטער, ווי זי איז געזעסען ברייט אויסגעצווייגען אין דעם אָטאָמאָביל מיט איהר פריינדין. איהר האַלטונג איז געווען אַזאַ, ווי דער אָטאָמאָ־ביל וואָלט געווען איהרער אַן אייגענער.

— זאָגט מיר דעם אמת, — האָט מיך געפרעגט מיס בראָד־סקי, וועלכע איז געזעסען נעבען מיר אויף אַ בענקעל, ווען דער אָטאָמאָביל איז שוין אַוועקגעפאָהרען. — איהר וואָלט זיך גע־קענט פאַרליעבען אין אַזאַ פרוי?

— זי געפעלט מיר גאָר ניט, — האָב איך געענטפערט.

— ווי קען דאָס זיין? — האָט זיך מיס בראָדסקי געוואונ־דערט. — זי איז דאָך אַ זעלטען שעהנע העכסט רייצענדע פרוי. זי האָט אַ געוואַלדיגע מאַכט איבער די מענער. זיי צוגעהען פאַר איהרע בליקען ווי וואַקס.

— מיר געהט עס ניט אָן, — האָב איך געענטפערט.

— האָט איהר באַמערקט אַז זי שפּרייט אויס אַ נעץ פאַר אייך און זוכט אייך צו פאַרדרעהען דעם קאָפּ? די פרוי איז אויף אַלעם פעהיג. מיט צוויי יאָהר צוריק, ווען זי איז געווען סטאַר באָרדער אין קאיעמישאַ, האָט זי זיך אָנגעטשעפּעט צו אַ יונגען מאַן אין אייער עלטער און איהם אַזוי פאַרדרעהט דעם קאָפּ, אַז ער איז געווען גרייט צו אַנטלויפען מיט איהר. זיינע עלטערען, וועל־כע זיינען זעהר רייך, האָבען זיך באַצייטענס אריינגעמישט און פאַרמידען אַ סקאַנדאַל.

— ער איז געווען אַ נאַר! — האָב איך אויסגערופען.

— זייט איהר איבערצייגט אין דעם וואָס איהר רעדט? — און מיס בראָדסקי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרשענדע בליקען.

— יאָ! — האָב איך מיט אַ פעסטער שטימע געענטפערט.

— ווייל זי איז עלטער פון אייך?

— אַ סך עלטער, — האָב איך געענטפערט.

— האָט איהר ניט געלעזען פון יונגע מענער וואָס האָבען זיך פאַרליעבט אין פרויען וואָס זיינען געווען אַ סך עלטער פון זיי? און וואָס איז וועגען דעם גרויסען אידישען שטאַטסמאַן, דער ענג־

מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין מיר. פון דער פינסטערניש האָבן אויף מיר געקוקט דריי געשטאַלטן: עטעל, מיין מוטער און מים בראָדסקי. אַ קאַלטער שוויים האָט מיך באַגאָסן. באַלד קומט זי... לילית... איך האָב זיך אַ הויב געטאָן און ווי געיאָגט פון טייוואָלים בין איך געפלויגן אין הויז אַריין, פאַוואָלינקע אַרויף די דריי טרעפּ אויף אַ מאָל. אָט בין איך שוין אין מיין צימער, אַליין, זיכער, ריין — געבענשט זאָלסטו זיין, גוטער גאָט, וואָס דו האָסט פאַרהיט מיין נשמה!...

פאַרגליכען מיט דער בת־מלכה פון מיינע יוגענט־טרוימען, און איז יעדע איינע האָב איך געפונען געוויסע עהנליכקייטען. אָבער איך האָב זיך געשעהמט פאַר זיך אַליין צו טראַכטען פון מיסעס גרעפ־טער אַלס איינע וואָס האָט אין איהר פיגור און געשטאַלט אויך געהאַט עהנליכקייטען צו יענער בת־מלכה. איך האָב דאָס בשום אופן ניט געוואָלט צוגעבען. און דאָך האָט די פרוי ארויסגערופען אין מיר באַוואונדערונג און איך האָב געפיהלט אַ געוויסען גראַד פאַרגעניגען, ווען זי האָט גערעדט און געשמייכעלט צו מיר, אָב־וואהל די געפיהלען זיינען געווען גאַנץ אַנדערש פון די וואָס איך האָב געפיהלט צו עטלען. מיינע געפיהלען צו עטלען זיינען געווען געמישט מיט רחמנות. און צייטענווייז האָב איך געצווייפעלט אויב דיזע געפיהלען זיינען ניט מעהר ווי רחמנות. מיסעס גרעפ־טער האָט אין מיר ערוועקט גאָר אַן אַנדער געפיהל, און ווען ניט די אומגלייכהייט אין אונזערע יאָהרען און מיין הויכער מאָראַלי־שער באוואוסטזיין וואָס איז אין מיר איינגעפלאַנצט געוואָרען דורך אַ גוטע מוטערליכע ערציהונג, וואָלט איך זיכער געפאַלען אַ קרבן צו דיזע פאַרפיהרערישע פרוי.

פלוצלינג האָט זיך געהערט דער גערויש פון אַן אָטאָמאָביל. איך האָב זיך דערמאָנט אַז מיסעס גרעפטער איז נאָך ניט צוריקגע־קומען פון איהר שליחות צו פאַרקויפען די בענעפיט טיקעטס. ביי דער באַלייכטונג פון אָטאָמאָביל האָב איך זי געזעהן אויס־שטייגען. דער אָטאָמאָביל איז אַוועקגעפאָהרען ווייטער, צו קרו־טשיק'ס פאַרם. מיסעס גרעפטער האָט אַרויסגענומען אַ פלעש־לאַיט און געוואָרפען די שטראַהלען צו מיין זייט. הפנים זי האָט מיך באַמערקט זיצען אין העמאַק.

זי איז צוגעגאַנגען.

— איהר שלאָפט נאָך ניט? — האָט זי געזאָגט. — גוט. איך בין אויך ניט שלעפעריג און איך האָב מיט אייך געוואָלט אַ ביסעל שמועסען. אַ געשמאַקע לופט, עס איז אַ מחיה. קיינער ניטאָ און עס איז אַזוי שטיל. איך וועל נאָר אויף אַ מינוט אַריי־געהן אין מיין צימער. וואַרט אויף מיר דאָרט, אַ ביסעלע ווייטער.

און איידער איך האָב געקענט קומען צו זיך איז זי שוין פאַר־שוואונדען געוואָרען.

איך האָב זיך אָנגעגאַרטעלט מיט קוראַזש און ביי זיך אָפּגע־מאַכט א באַשלוס, דאָס ווען איך וועל זיך טרעפען מיט מיסעס גרעפטער, זאָל איך איהר קוקען גלייך אין די אויגען און זיך מאַכען ניט וויסענדיג, אַזוי ווי קיין זאַך איז צווישען אונז ניט פאָרגע־קומען. זי וועט זיכער ניט וואַגען מיר צו פירהאַלטען פאַר מיין האַנדלונג געגען איהר.

צו פריהשטיק איז מיסעס גרעפטער ניט אַרונטערגעקומען. די ווייבער האָבען צווישען זיך דערצעהלט, אַז זי איז נעכטען ביינאַכט געקומען זעהר שפּעט פון איהר שליחות. זי האָט פאַר־קויפט פאַר הונדערט און פערציג דאָלאַר טיקעטס, אָבער זי איז זעהר מיעד. איך האָב באַלד באַקומען א פאַרדאַכט, אַז איהר ניט אַרונטערקומען צו פריהשטיק האָט עפּעס צו טאָן מיט מיר. איך האָב ווידער אָנגעהויבען מורא צו האָבען, טאָמער פיהלט זי זיך שטאַרק געקריינקט פון מיין נעכטיגער האַנדלונג געגען איהר.

זי האָט דאָס זיכער ניט ערוואַרטעט פון מיר.

איך האָב ביי זיך ניט געקענט באַשליסען, אויב איך זאָל די פאַסירונג פאַרטרויען צו מיס בראָדסקי, אָדער דאָס האַלטען ביי זיך אין געהיים. אייגענטליך דאַרף איך זיך ניט אײלען. עס האָט צייט.

גלייך נאָך פריהשטיק בין איך אַרויף אין מיין צימער און פאַרבראַכט אין לעזען, ביז מען האָט זיך שוין געקליבען צו עסען דינער. מיין מוטער איז אַריינגעקומען צו מיר און האָט געזאָגט:

— מיין זוהן, וואָס איז מיט דיר היינט? דעם גאַנצען פריה־מאָרגען זיצסטו אין דיין צימער און געהסט ניט אַרויס געניסען א ביסעל פרישע לופט. קום אַרונטער און געה זיך דורך א ביסעל.

איך האָב געפאָלגט מיין מוטער און איך בין אַרונטערגעגאַנ־גען. איך האָב זיך געלאָזט געהן צום פעלד. אויפ'ן וועג האָב איך געטראָפען מיס בראָדסקי. זי האָט געטראָגען א גרויסען בינטעל וואַלד־בלומען, וואָס זי האָט אָפּגעריסען אין דעם געגענד.

— וואו זייט איהר דאָס געווען א גאַנצען פריהמאָרגען? — האָט זי מיך געפרעגט לאַכענדיג. — פון וועמען האָט איהר זיך באַהאַלטען?

— פון זיך אַליין, — האָב איך געענטפערט.

פערצעהנטער קאַפּיטעל

„יוסף הצדיק“

איך האָב געהאַט אַ אומרוהיגע נאַכט. איך האָב זיך פאַרגע־שטעלט ווי מיסעס גרעפּטער איז ארונטער און האָט מיך ניט גע־פונען, ווי זי האָט מיך געזוכט אין די העמאַקס, אויף די בענקלאַך און אין פּרוכט־גאַרטען. זי האָט זיך געמוזט פיהלען שטאַרק פאַר־שעהמט און באַליידיגט ווען זי האָט מיך ניט געפונען. איך האָב זי דאָך פּשוט אָפּגענאַרט. זי מוז זיין גוט בייז אויף מיר. ווי וועל איך איהר נאָך אַזאַ אומדזשענטעלמענישע באַהאַנדלונג קענען קו־קען גלייך אין די אויגען?

און צוריק טראַכטענדיג האָב איך זיך געפרעהט, וואָס איך האָב אַזוי געהאַנדעלט. דען וואָס וואָלט געווען, אַז איך וואָלט פאַרבליבען וואַרטען אויף איהר? וואָס וואָלט געווען ווען, דורך אַ צופאַל, וואָלט איינע פון די באָרדערקעס אונז ענטדעקט זיצען צוזאַמען אין דער פינסטער און שמועסען? קיין סודות האַלטען זיך ניט אין די זומער־פּלעצער. מיין ריינער נאָמען וואָלט סקאַנ־דאַליזירט געוואָרען און די שאַנדע וואָלט געפאַלען אויף מיינע על־טערען. און עס וואָלטען פון דעם אויך געליטען צוויי גוטע פריינד, עטעל און מיס בראָדסקי.

איך האָב מיין האַנדלונג פאַר זיך אַליין צום משפּט געשטעלט. ביז אַ שטיק אין דער נאַכט האָט זיך דער פּראָצעס געצויגען. איך בין אַליין געווען דער פּראָקוראָר וואָס האָט פאָרגעלייגט די באַ־שולדיגונג. איך בין אַליין געווען דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט מיין האַנדלונג פאַרטיידיגט, און איך בין אויך געווען דער ריכטער, וואָס האָט די אַנקלאַגע מיט דער פאַרטיידיגונג אויפמערקזאַם אויסגעהערט, אַנאַליזירט און ענדליך ארויסגעגעבען דעם אור־טייל: נ י ט ש ו ל ד י ג.

איך האָב איהר אין קורצע ווערטער איבערגעגעבען אַלעס וואָס האָט פּאַסירט די פאָריגע נאַכט צווישען מיר און מיסעס גרעפּטער. ווען איך האָב געענדיגט מיין ערצעהלונג, האָט מיס בראָדסקי׳ס געזיכט אַרויסגעצייגט גרויס צופרידענהייט און זי האָט מיט אַ ריהרענדער שטימע אויסגערופען:

— איך מוז אייך זאָגען, אַז איהר זייט יעצט ביי מיר געשטיגען מיט פופציג פּראָצענט העכער. איהר זייט יוסף הצדיק! די מענשהייט׳ס נאָבעלמאַן! מר. פרומקין, ווען איך וואָלט ניט געווען אַ כלה, וואָלט איך אייך אַ קוש געטאָן פאַר אייער העלדענהייט!

און באַלד האָט זי זיך אַליין פאַרשעהמט פון איהרע לעצטע ווערטער און זי האָט אַרונטערגעלאָזען איהרע אויגען.

— עס פרעהט מיך וואָס איהר דענקט אַזוי פון מיין האַנדלונג, — האָב איך געזאָגט. — און דאָך פיהל איך אַ ביסעל געוויסענסביסע. עפּעס פיהל איך, אַז איך האָב ניט געהאַנדעלט ווי אַ דזשענטעלמאַן. איך האָב מורא אַז זי פיהלט זיך שטאַרק באַליידיגט. אָט, זעהט איהר, איז זי היינט ניט אַרונטערגעקומען צו פריהשטיק.

— שרעקט זיך ניט, — האָט מיס בראָדסקי מיך געטרייסט. — זי איז ניט אַזאַ פרוי וואָס קען פיהלען אַ באַליידיגונג. זי לאַכט פון אייך ביי זיך אין הארצען און באַטראַכט אייך אַלס אַ נאַרישען אינגעל. זי קען גאָר ניט באַגרייפען אייער געפיהל פון באַשיידענהייט, פון אַנשטענדיגקייט וואָס האָט אייך געטריבען צו אַנטלויפען פון איהר. און וועגען דעם וואָס זי איז ניט אַרונטערגעקומען צו פריהשטיק, וועל איך אייך דאָס ערקלעהרען: זי וויל היינט זיך גוט אויסרוהען, אום זי זאָל אויסזעהן פרישער און שעהנער צום טשאַריטי טאַנץ. זי וויל דאָרט גלענצען.

פון וויטענס האָט זיך געהערט אַ קלינגען. דאָס האָט מען גערופען צו דינער.

— זאָגט מיר, מיס בראָדסקי, איהר וועט געהן צום טאַנץ?

— ניין! — האָט זי געענטפערט. — די קאַנטרי טענץ אינטערעסירען מיך ניט. איך בין איבערהויפּט אַ קנאַפּע טענצערקע.

— איהר מוזט זיך האַלטען פאַר אַ געפעהרליכען מענשען, ווען איהר באַהאַלט זיך פאַר זיך אַליין, — האָט זי געשפּאַסט. — אָבער איך האָב אייך געוואָלט זעהן. איך האָב פאַר אייך ווידער אַ גרוס.

— פאַר מיר אַ גרוס? — האָב איך אויסגערופען מיט אָפּענהערציגער פרייד. — פון עמלען?

— פון מיין חתן! — האָט זי געענטפערט און האָט זיך שטאַרק צולאַכט. — איך האָב היינט באַקומען פון איהם אַ בריעף און ער לאָזט אייך גריסען.

זי האָט זיך ווידער צולאַכט, זעהענדיג ווי איך בין געבליבען אַזוי ווי אָפּגעשמיסען.

— פון אייער לאַכען וואָלט מען געקענט מיינען, אַז איהר זייט מיר אַ שונא, — האָב איך געזאָגט מיט אַ פאַרדריסליכען טאָן.

— ניט אַ שונא, נאָר איך בין סתם אַ שלעכטע, — האָט זי געזאָגט. — איך ווייס ניט ווען צו לאַכען און מיר לאַכט זיך אַמאָל ווען מען דאַרף ניט. אָבער וואַרום זאָלט איהר פאַרלאַנגען אַ גרוס פון עמלען? איהר האָט דאָך ערשט דיזען מאָנטאג געהאַט אַ גרוס פון איהר?

איהר האָט רעכט, — האָב איך געזאָגט און זיך אַרומגעקוקט. — מיס בראָדסקי, איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען זעהר אַן אינטערעסאַנטע פּאַסירונג, אָבער איך ווייס ניט אויב דאָס פּאַסט זיך צו דערצעהלען — עס האַנדעלט זיך וועגען אַ ליידי —

זי האָט מיך באַטראַכט מיט איהרע קלוגע אויגען און האָט געזאָגט:

— וועגען אַזאַ ליידי ווי מיסעס גרעפּמער פּאַסט זיך אַלעס.

איך האָב איהר פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. ווי אַזוי האָט זי דאָס געקענט טרעפען אַז איך רייד דאָ וועגען מיסעס גרעפּטער?

— וואונדערט זיך ניט, — האָט זי געזאָגט אין איהר שפּאַסיגען טאָן. — איך בין אַ געדאַנקען לעזערין. דערצעהלט! זייט מיט מיר אָפּענהערציג. איך האָב דאָך אייך אַמאָל געזאָגט, אַז מיר מעגען זיין אָפּענהערציג און אַז מיר האָבען ניט קיין אורזאַכע צו באַהאַלטען זיך איינער פון דעם אַנדערען.

פופצעהנטער קאַפּיטעל

מיסעס גרעפּטער׳ס ביאָגראַפיע

די צוויי פאַרם־הייזער, אָדער זומער־האָטעלען, פון ביילינ־סאָן און קרוטשיק, זיינען געווען בלויז עטליכע מינוטען גאַנג איי־נע פון די אַנדערע, אָבער דער אונטערשיעד צווישען זיי איז געווען זעהר גרויס. קרוטשיק׳ס פּלאַץ איז געווען מעהר אַמעריקאַניזירט. מען האָט דאָרט דערלאַנגט צום טיש מיט אַ שעהנער אָרדנונג, געקליבענע מאכלים, אין אַ גענוגענדער מאָס, און דערפאַר פלעגען צו קרוטשיק׳ן קומען מייסטענס יונגע ווייבלאַך און מיידלאַך, און אויך אַזעלכע מענער וואָס האָבען ליעב געהאַט זייער געזונד בע־סער ווי זייער אַפּעטיט.

ביי ביילינסאָן׳ען איז שוין געווען גאַנץ אַנדערש. דאָרט פלעגט מען די באָרדערס און די באָרדערקעס שטאָפּען ווי די גענז. די ווייבער פלעגען זאָגען, אַז ביי ביילינסאָנ׳ס קעכין איז איין האַנד אַ פליישיגע און די אַנדערע אַ מילכיגע. אָבער עס האָט ניט אויסגעזעהן, אַז די קעכין האָט יעדען מאָלצייט געקאָכט בלויז מיט איין האַנד. ווייל צום טיש פלעגט מען דערלאַנגען אַזוי פיעל אַז די באָרדערס פלעגען „צונעמען" וואָג זעהר שנעל. מר. ביילינ־סאָנ׳ס מאָטאָ איז געווען: „קוגעל יעדען טאָג" און צוליעב זיינע קוגעלאַך האָט ער באַקומען אַ שם, און דער ווילעדזש דאָקטאָר האָט זומער צייט געהאַט פּרנסה בשפע. צו ביילינסאָנ׳ען פלעגען פאָהרען מייסטענס עלטערע מענשען.

און דערפאַר וואָס אין קרוטשיק׳ס הויז האָבען זיך אויפגע־האַלטען מעהר יונגע מענשען, זיינען דאָרט גאַנץ אָפט אַראַנזשירט געוואָרען טענץ און אונטערהאַלטונגען, אין וועלכע די באָרדערס פון די אַרומיגע זומער־האָטעלען פלעגען אויך אנטייל נעמען. די הכנסות פון די אַלע אַפעירס פלעגען געהן אויף צדקה. דאָס איז געווען צדקה געמישט מיט פאַרגעניגען.

— איך וועל אויך ניט געהן, — האָב איך געענטפערט.

— גוט! — האָט מיס בראָדסקי צופרידען אויסגערופען.

ווען מיר האָבען זיך געזעצט צום טיש, זיינען שוין אַלע באָרדערס און באָרדערקעס געווען אויף זייערע פּלעצער, אָבער מיסעס גרעפּטער האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַוויזען. זי איז פאַרבלי־בען דעם גאַנצען טאָג אין איהר צימער און ערשט אין אָווענד, ווען דער עולם האָט זיך געקליבען צו סאַפּער, איז זי ארויסגעקומען אויף דער וועראַנדא.

ביי אַלע פרויען (און אויך ביי די מענער) האָט איהר ער־שיינען ארויסגערופען אַ גרויסען פוראָר. איך האָב געהערט ווי איין פרוי זאָגט: „די קלייד טראָגט זי היינט צום ערשטען מאָל". זי האָט זיך דעם אָווענד אַליין איבערטראָפען. אַזוי שעהן און אַזוי באַצויבערענד האָט זי אויסגעזעהן. איך האָב געפיהלט, אַז דאָס האָט זי געטאָן צוליעב מיר. דאָס איז געווען איהר ענטפער אויף מיין נעכטיגער האַנדלונג געגען איהר. נאַ, זעה, דו נארישער אינ־געל, וואָס דו האָסט צוריקגעשטויסען!

איך בין געזעסען נעבען מיין מוטער. מיסעס גרעפּטער איז צוגעגאַנגען צו אונז, און שמייכלענדיג צו אונז ביידען, האָט זי געזאָגט:

— נו, מיסעס פרומקין, איהר וועט דאָך מיר זאָגען דעם אמת, ווי זעה איך אויס היינט? די ווייבער זאָגען, אַז איך זעה אויס ווי אַ יונגע מיידעל פון אכצעהן יאָהר — אָבער איך גלויב זיי ניט!

— אהן עין הרע, — האָט מיין גוטע, פרומע מוטער, די אומשולדיגע נשמה, געענטפערט, — איהר זעהט טאַקע אויס ווי אַ כלה־מיידעל.

— אַז אייער מוטער זאָגט, גלויב איך איהר, — האָט די לילית געזאָגט און מיר אריינגעלאַכט אין פּנים...

— נחת? — האָט זי געזאָגט. — גלויבט מיר, אַז איך האָב מיינע קינדערלאַך זעהר ליעב. אָבער ווי זאָגט יענער? מיין יעדעס קינד איז ביי מיר ווערט אַ מיליאָן דאָלאַר, און דאָך וואָלט איך ניט געגעבען פינף סענט פאַר נאָך אַ קינד. אָט דאָס איז דער סך־הכל פון מוטער־ליעבע. איך פיהל, אַז די קינדער האָבען מיך באַרויבט פון מיין יוגענד, פון די בעסטע צייט פון אַ פרוי'ס לעבען. וואָס וואָלט מיר געפעהלט ווען איך וואָלט יעצט געווען אַ מיידעל? ווער איהר גלויבען אַז איך בין אין די זעלבע יאָהרען ווי מיס בראָדסקי? אָבער איך זעה שוין אויס צעהן יאָהר עלטער. און אַלץ צוליעב דעם, ווייל מיינע עלטערען האָבען מורא געהאַט אַז איך זאָל ניט פאַרזיצען. אי, די מורא פון פאַרזיצען! דיזע מורא עקזיס־טירט נאָר ביי אונז אידען. ביי די אַמעריקאַנער איז אַ מיידעל פון דרייסיג יאָהר נאָך אַלץ אַ יונגע מיידעל, וואָס האָט פריינד און פאַרעהרער, און איהרע עלטערען טרייבען איהר ניט צו כאַפּען אַבי וועלכען עס איז בחור און ווערען אַ פאַרשקלאַפּטע מוטער, ווען עס ווילט זיך נאָך אַליין פיהלען אַלס קינד!

— דאָס איז, — האָב איך פּרובירט צו ערקלעהרען, — ווייל ביי אידישע עלטערען שטעהט דער פאַמיליען־לעבען זעהר הויך. זיי גלויבען, אַז זייער טאָכטער קען זיין גליקליך נאָר דאַן, ווען זי ווערט אַ פרוי און אַ מוטער, האָט אַן אייגענע היים און האָט פאַר וועמען צו לעבען.

— אַזוי גלויבען זיי, יאָ, — האָט מיסעס גלוסקין אַ זיפץ געטאָן, — און אָט צוליעב דעם גלויבען מאַכען זיי אומגליקליך זייערע קינדער. איהר קענט דאָך די מיסעס גרעפּטער. איהר מיינט דאָך טאַקע אַז זי איז פון דער נאַטור אַזאַ לייכטזיניגע, אַזאַ גע־פּעהרליכע פלוירט? זאָג איך אייך, אַז זי איז אַ קרבן פון אָט דיזען גלויבען. דיזע נאַרישע מורא פון „פאַרזיצען".

— איהר קענט זי דען שוין לאַנג? — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— אויב איך קען ליליאַן! — האָט מיסעס גלוסקין אויסגע־רופען. — ווען איך האָב געענדיגט פּאַבליק סקוהל איז זי דאַן גע־ווען אַ מיידעל פון אַ יאָהר דריי און צוואַנציג. מען האָט זיך ניט געקענט איינקוקען אין איהר שעהנקייט. די רייכסטע און געביל־

ניט מיס בראָדסקי און ניט איך האָבען חשק געהאַט צו געהן צו דעם טאַנץ אין קרוטשיק׳ס פאַרם־הויז יענעם מיטוואָך. מיין מוטער איז אהין אוועק מיט אַ היבשע צאָהל אַנדערע ווייבער און מיט מיסעס גרעפּטער. אַלע ווייבער זיינען געווען אָנגעלאָדען מיט דימענטען און בריליאַנטען. יעדע איינע האָט געוואָלט ארויסצייגען איהר עשירות. מיין מוטער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב זי וועט ניט צוריק קומען ביי האַלב נאָך צעהן, זאָל איך קומען זי אָפּפיהרען אהיים, ווייל עס קען דאָך זיין אַז די אַנדערע ווייבער וועלען דאָרט פאַרבלייבען פיעל שפּעטער.

ביילינסאָנ׳ס פאַרם־הויז איז געוואָרען כמעט לעער. שטולען אויף דער וועראנדא זיינען געשטאַנען ליידיג. די ביסעל מענער וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען האָבען זיך פאַרקליבען אין אַ ווינקעל פון גרויסען דיינינג רום און האָבען זיך פאַרטיעפט אין אַ פּאָוקער שפּיעל. פון אויבען האָט זיך געהערט דער קאָנצערט פון קליינע קינדערלאַך וואָס די מאַמעס האָבען געזוכט איינצושלע־פערען. איך בין געזעסען אויף דער וועראנדא איינער אַליין. מיס בראָדסקי איז ניט געווען צו זעהן, און איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, וואו זי איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

עס איז ארונטערגעקומען אַ יונגע ווייבעל, אַ מיעדע, אַ דער־שלאָגענע. זי איז ערשט פאַריגע וואָך אָנגעקומען אין ביילינסאָנ׳ס פאַרם־הויז, מיט צוויי קליינע קינדערלאַך, וועלכע האָבען איהר אַ מינוט רוה ניט געגעבען.

— לאַנג לעבען זאָל די מיס בראָדסקי, — האָט זי געזאָגט צו מיר. — אַזאַ גאָלדענע הארץ ווי זי פאַרמאָגט זי האָט זיך אַליין אָנגעבאָטען צו זיצען ביי מיינע קינדער אום איך זאָל זיך קענען אביסעל אָפּרוהען פון מיינע צוויי פּיאַווקעס וואָס זויגען מיין בלוט — — —

מיס בראָדסקי׳ס גוטסקייט צו דער געפּלאָגטער ווייבעל האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגען, אָבער איך האָב געפונען פאַר נויטיג די ווייבעל צו טרייסטען:

— וואָס רעדט איהר, מיסעס גלוסקין. איהר האָט דאָך אַזעלכע צוויי זיסע שעהנע קינדערלאַך. איהר דאַרפט קלייבען נחת פון זיי.

וועלכע האָט שוין געהייסען מיסעס גרעפטער, האָט אָנגעהויבען ווידער אַרומצוגעהן מיט איהרע אַלטע באַקאַנטע, די דאָקטוירימלאך, די לאָיערלאך און די טאַטענס קינדער. זי האָט אויך באַקומען נייע פאַרעהרער, שוין פאַרהייראַטע מענער. זיי האָבען זי אריינגענומען אין אַ פּאָר וואָלטעטיגע אַנשטאַלטען, וואו זי איז געוואָרען אַ צו־ציהונגס־קראַפט און האָט באַקומען אַ גרויסען איינפלוס. זי האָט זיך אָנגעהויבען קליידען ווי אַ מיליאָנערשע, זי האָט גענומען גלענצען אין טייערע ציערונג, און קיינער האָט ניט געוואַגט איהר צו פרעגען, פון וועמען די טייערע זאַכען קומען. זיכער איז, אַז פון איהר מאַנ'ס פאַרדיענטסען האָט זי זיך ניט געקענט פאַרשאַפען אַזעלכע קליידער און ציערונג און לוקסוסען, ווי זי האָט זיך פאַר־גונען. אָבער קיינער וואַגט ניט איהר אפילו צו געבען אַן אָנצוהע־רעניש וועגען דעם. וואָס מען רעדט וועגען איהר איז אַלץ אונטער די אויגען, און איהר אַרט דאָס ווי די וואַנט, אַבי זי האָט כבוד און אַלדאָס גוטס אין די אויגען. איהר אַרט אפילו ניט וואָס איהרע אייגענע עלטערען און איהרע אייגענע שוועסטער קענען יעצט. איהר נאָמען ניט הערען.

— דאָס וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט איז זעהר אינטע־רעסאַנט, — האָב איך געזאָגט.

— און דאָס אינטערעסאַנטסטע דאַביי איז, — האָט מיסעס גלוסקין צוגעלייגט. — וואָס אַזאַ פרוי שפּיעלט נאָך אַ גרויסע ראָלע אַלס טשאַריטי לעידי, אַ וואָהלטעטיגע דאַמע! אָט זעהט איהר צו וואָס די מורא פאַר „פאַרזיצען" האָט געפיהרט אַזאַ שעהן מיידעל ווי ליליאַן. אַלעס וואָס זי טוט יעצט איז מיט אַ געפיהל פון נקמה. זי נעמט נקמה אָן איהרע עלטערען, וואָס האָבען איהר געטריבען חתונה צו האָבען מיט אַ מאַן וועלכען זי האָסט יעצט ווי דעם טויט. זי נעמט נקמה אָן די מענער, אָן זייערע ווייבער, וואָס האָבען די מענער אָפּגעקויפט מיט דעם געלד פון זייערע רייכע טאַטעס. איהר גרעסטער פאַרגעניגען איז צו פאַרדרעהען די מענער זייערע קעפּ און שאַפען זייערע ווייבער פאַרדרוס. אָט דאָס איז מיסעס גרעפטער!

דעטסטע יונגע לייט פלעגען זיך אַרומדרעהען אַרום איהר ווי ביהנען אַרום האָניג. ליליאַן שעהנבוים איז געווען איהר מיידעל־שער נאָמען און זי האָט געהאַט פאַרעהרער אָהן אַ שיעור. יונגע לייט פלעגען זיך אין איהר פאַרליעבען ביים ערשטען בליק. צווישען זיי זיינען געווען דאָקטוירים, לאָיערס און זיהן פון רייכע עלטערען, אָבער ווי נאָר זיי פלעגען זיך דערוויסען אַז זי איז אָהן נדן פלעגען זיי ווערען פאַרזיכטיג. זיי האָבען ליעב געהאַט מיט איהר ארומצוגעהן, צו פאַרברייננגען די צייט, זי צו נעהמען אין טעאַטער, אין אָפּערא און אין אַלערליי פאַרוויילונגס־פּלעצער. זיי פלעגען איהר טריטען מיט די בעסטע סאַפּערס, אָבער פון חתונה האָבען מיט איהר האָט קיינער ניט געוואָלט אַ טראַכט טאָן. און אַזוי ווי ליליאַן האָט געהאַט פיער אינגערע שוועסטער, האָבען די עלטערען אָנגעהויבען צושטעהן צו איהר, אַז זי זאָל חתונה האָבען און ניט שטעהן אין וועג פון די אינגערע שוועסטער. עס איז מיר איבעריג צו דערצעהלען די איינצעלהייטען. אַזעלכע זאַכען קומען פאָר אין די הונדערטער מאָל טעגליך. דער קצור איז, אַז מען האָט אויסגעזוכט אַ יונגען מאַן, אַ מאַהלער, ניט פון די גרויסע ארטיסטען און אויך ניט קיין גרויסער חכם, און אַז ער האָט דערזעהן די שעהנע ליליאַן איז ער געווען העכסט צופריעדען זי צו נעהמען ווי זי שטעהט און געהט — אָהן אַ פעני. און ליליאַן האָט זיך געמוזט אונטערגעבען דעם ווילען פון איהרע עלטערען, כאָטש זי האָט דעם חתן גאָר ניט געליעבט. זי האָט געוואוסט, אַז אָהן נדן קען מען קיין בעסערען שדוך פאַר איהר ניט טאָן.

— וואָס האָט דאָס אָבער צו טאָן מיט איהר לייכטזיניגקייט און מיט איהר —

איך האָב געוואָלט זאָגען „מיט איהר אונטרייהייט”, אָבער איך האָב ניט געוואגט.

— דאָס איז גאַנץ פשוט, — האָט מיסעס גלוסקין ערקלעהרט. — פון אָנפאַנג, גלייך ווי זי האָט זיך פאַרלאָבט מיט איהר חתן, האָבען אַלע איהרע יונגע פאַרעהרער און פריינד זיך דערווייטערט פון איהר און ליליאַן האָט זיי אויך אויסגעמידען. אָבער ווי נאָר זי האָט חתונה געהאַט, איז דער גרענעץ אָפּגעשאַפט געוואָרען און דער וועג איז ווידער פריי געוואָרען. ליליאַן,

זעכצעהנטער קאַפּיטעל

אַ קינד אין וואַלד

פון ביילינסאָנ'ס צו קרוטשיק'ס פאַרם הויז האָט מען גע־קענט געהן דורך צוויי וועגען. איין וועג איז געווען אַ גלייכער און האָט גענומען ביי זיבען אָדער אַכט מינוטען. דער אַנדער וועג איז געווען איבער אַ באַרג, באַוואַקסען מיט געדיכטע בוימער, וועל־כער איז געווען אַ קורצער און האָט געדויערט בלויז אַ העלפט צייט. אַזוי ווי איך בין געגאַנגען אַליין, האָב איך גענומען דעם קירצערען וועג, איבער'ן באַרג.

ווען איך בין אַריין אין דעם גרויסען זאַל פון קרוטשיק'ס פאַרם הויז, זיינען די טענץ אָנגעגאַנגען אין פולען גאַנג. די ער־שטע זאַך וואָס מיר האָט זיך געוואָרפען אין אויג איז, וואָס זעהר וועניג יונגע לייט זיינען געווען דאָרט צו טאַנצען. עס האָבען מייסטענס געטאַנצט מיידלאַך מיט מיידלאַך. אַן אומבאַשרייבלי־כער רחמנות האָט מיך אָנגענומען. די אַלטע וועלט־טראַגעדיע וואָס דער גרויסער אידישער נביא האָט געשילדערט: „און עס וועלען זיך אָנכאַפּען זיבען פרויענצימער אָן איין מאַנספּערזאָן", איז מיר ארויף אויפ'ן זינען. די וועלט האָט מעהר פרויען ווי מענער. אַמאָל פלעגט מען די טרויעריגע פּראָבלעמע לעזען דורכדעם, וואָס מענשען האָבען גענומען צו עטליכע פרויען, און די רייכע, די קעניגען און די גרויסע בעאַמטע פון לאַנד האָבען אָנגעפילט גאַנצע האַרעמס מיט פרויען. און היינטיגע ציוויליזירטע מענשען האָבען פאַרבאָטען אַ מאַן צו האָבען מעהר ווי איין פרוי, און דער רעזולטאַט איז אַז מיליאָנען מיידלאַך וואָס האָבען פאַרלאָרען אַלע האָפנונגען אויף צו זיין פרוי און מוטער.

מיין אַריינקומען האָט געמאַכט אַ שטיקעל פוראָר. די מייד־לאַך האָבען מיך אָנגעקוקט מיט שמאַכטענדע בליקען. מאַנכע האָ־בען געשמייכעלט. דאָס זיינען געווען די שעהנערע און די אינגערע.

דאָס וואָס מיסעס גלוסקין האָט מיר דערצעהלט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק. מיסעס גרעפּטער איז יעצט פאַר מיר ערשינענו אין אַן אַנדער ליכט. זי איז אין מיינע אויגען יעצט געשטאַנען אַלס קלעגערין און ניט אַלס אַנגעקלאָגטע. וויפיעל גליק און פריידען און וואָס פאַר אַ גרויסע מאָס ליעבע און זונשיין אַזאַ פרוי וואָלט אַריינגעבראַכט אין אַ פאַמיליע, ווען זי וואָלט געקענט חתונה האָבען מיט דעם מאַן וועלכען זי האָט געליעבט. דען זיכער האָט זי געמוזט ליעבען איינעם, צווישען איהרע פיעלע פאַרעהרער, אָבער זי האָט איהם ניט געקענט קריגען, ווייל זי האָט ניט געהאַט די סומע געלד, וואָס איז נויטיג געווען איהם צו קויפען.

און עטעל איז אויך אָרים — האָב איך זיך געטראַכט. זי וועט אויך מוזען חתונה האָבען מיט אַ מאַן וועמען זי קען ניט ליעבען, אַ מאַן וואָס וועט שטעהען אַ סך נידעריגער פון איהר אין בילדונג, אין איטעליגענץ. וואָס וועט עטעל טאָן? וועט זי ווערען אַן אומגליקליכע שקלאַפין צו קליינע בייבים און פיהרען אַ געמאַטערטען לעבען, ווי מיסעס גלוסקין, אָדער זי וועט אויך זוכען נקמה פון דער וועלט, אַזוי ווי מיסעס גרעפּטער, און ווערען אַ האַרץ־ברעכערין און אַ פאַרפיהרערין? — ניין, עטעל איז צו גוט און צו פיין צו ווערען אַ מיסעס גרעפּטער. עטעל איז אַ ריינע נשמה. זי וועט בעסער ליידען. ניין, זי וועט ניט ליידען, אַזוי לאַנג ווי איך לעב וועל איך ניט דערלאָזען אַז עטעל זאָל ליידען!...

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין זייגער. עס איז שוין געווען פינף און צוואַנציג מינוטען נאָך צעהן. איך האָב זיך געלאָזט געהן צו קרוטשיק׳ס פאַרם צו נעמען מיין מוטער און זי ברייננגען צוריק.

איך בין ארויס און געגאנגען פאוואָלינקע. וואָס האָב איך זיך געהאט צו איילען? איך וועל ווידער נעמען דעם קורצען וועג און וועל קומען גלייך מיט מיין מוטער.

טיעף ביי מיר אין הארצען האָב איך געפיהלט, אז מיסעם גרעפטער וועט דאָ געפינען א געלעגענהייט מיט מיר צו ריידען אליין.

ביים פוס פון דעם בארג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, א קוק טאָן אהינטער. אין דער פינסטערניש האָב איך באמערקט א פיגור געהן צום בארג. די הארץ האָט אין מיר אָנגעהויבען צו קלאַפּען. א געדאַנק איז מיר איינגעפאלען, איך זאָל אנטלויפען... אָבער מיינע פיס זיינען געוואָרען אזוי ווי בליי, איך בין געגאַנגען דריי טריט און בין געבליבען שטעהן.

זי איז אָנגעקומען. איך האָב זיך אומגעדרעהט צו איהר. זי האָט אויף מיר געקוקט אזוי ליעבליך, אזוי זיס. איך האָב מיט אמאָל פארלאָרען די מורא פאר איהר. איך האָב זי געלאָזט מיך נעמען אונטער מיין אָרעם. אזוי ווי מיר וואָלטען זיך צוזאמענגערעדט זיינען מיר געאָרעמט געגאנגען ארויף בארג. איך בין אויף דער ווייל[ע] געווען אין גאנצען אין איהר מאכט.

מיר זיינען געגאַנגען לאנגזאם און גאָרניט גערעדט. איך האָב געטראַכט פון א מעשה וואָס מיין מוטער האָט מיר אמאָל, ווען איך בין א קינד געווען, דערצעהלט:

א טאטע און א מאמע און זייערם א קליין קינד זיינען גע־גאנגען אין וואַלד קלייבען שוועמלאך. פּלוצלינג זיינען פון וואלד ארויסגעשפּרונגען גרויסע מורא׳דיגע לייבען. דער מאַן און די פרוי האָבען זיך דערשראָקען און זיי זיינען אנטלאָפען, איבערלאָזענדיג זייער קינד אין וואלד. ווען די לייבען האָבען דאָס קינד דערזעהן, האָבען זיי איהם ליעב באקומען. א יונגע לייבין האָט דעם קינד אוועקגעטראָגען אין איהר נאָרע, האָט איהם געגלעט און גע־לאַסטשעט מיט איהרע לאַפּעס, און האָט איהם ערצויגען ביי זיך...

איך בין דאָס פארלאָרענע קינד. א לייבין טראָגט מיך יעצט אין וואלד אריין...

מיר זיינען ארויף צום שפּיץ בארג.

אַנדערע האָבען די אויגען ארונטערגעלאָזן, האָפנונגסלאָז. דאָס זיי־
נען געווען די עלטערע. די מיידלאַך האָבען געוויס גערענקט, אז איך
בין געקומען טאַנצען. וויפיעל הערצלאַך האָבען געקלאַפּט אין יענער
מינוט ווען איך בין געשטאַנען אין זאַל און געזוכט מיט די אויגען.

פון דעם גרויסען געדיכטען פרויען עולם איז צו מיר ארויס־
געקומען א באַקאַנטע פיגור. איך האָב באַלד דערזעהן נעבען זיך
מיסעס גרעפּטער.

— אַ, איהר זייט געקומען נאָך אייער מוטער? — האָט זי
אויסגערופען צו מיר מיט איהר זיסען שמייכעל.

— יעס. מע'ם, — האָב איך געענטפערט און זיך געשעהמט
צו קוקען איהר אין געזיכט. נאָך דעם וואָס מיסעס גלוסקין האָט
מיר דערצעהלט פון איהר, האָב איך אויף מיסעס גרעפּטער באַקומען
מיטלייד. זי איז דאָך גאָר ניט אַזוי שולדיג, ווי איך האָב גע־
דענקט.

און צווישען די מיידלאַך האָט אויסגעבראָכען א שטילער
געלעכטער, ווען איינע פון זיי האָט באמערקט:

— ער וויל גאָר ניט טאַנצען. ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך
זיין מאַמע'ן, דער טייערער באַיטשיקעל.

— אייער מוטער איז ערשט אוועק מיט מיסעס פּאַפּריקא
און נאָך אַ פּאָר ליידים. איהר האָט געמוזט געהן מיט'ן קורצען
וועג, דערפאַר האָט איהר זיי ניט באַגעגענט, — האָט מיסעס
גרעפּטער געזאָגט, זיך פאָכענדיג מיט א טייערען יאַפּאַנעזישען
פאָכער, און שטיפענדיג האָט זי אויף מיר אויך א בלאָז געטאָן.

איך בין געבליבען שטעהן. עס האָט זיך מיר געוואָלט איהר
עפּעס זאָגען. איך האָב געוואָלט זי בעטען אום ענטשולדיגונג. איך
האָב שטאַרק אָנגעהויבען צו פיהלען מיין עולה געגען איהר. אַזוי
מיאוס אָפּנאַרען אַ ליידי! זי האָט אפשר קיין שלעכטס ניט גע־
מיינט. זי האָט מיט מיר אַזוי געוואָלט ווענען עפּעס זיך דורכ־
ריידען.

— גוד נאַיט! — האָב איך פּלוצלינג געזאָגט, און אָנגענומען
די האַנד וואָס זי האָט מיר דערלאַנגט. זי האָט מיר געגעבען אַ
פריינדליכען דרוק, וואָס האָט מיך געמאַכט פיהלען אומבאַקוועם.

— ענטשולדיגט מיר, מיסעם גרעפּטער, — האָב איהר גע־נומען פאַרזיכערען. — איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון מיס בראָדסקי אַ שלעכט וואָרט אויף אייך.

— איהר זייט אַ דזשענטעלמאַן. אַזוי מוזט איהר זאָגען, — האָט זי געזאָגט און האָט אַרויפגעלייגט איהר האַנד אויף מיין שולטער. — אָבער לאָמיר אייך אויסזאָגען אַ סוד, אַז מיס בראָד־סקי איז זעהר אייפערזיכטיג אויף מיר. איך וועל אייך ערקלעה־רען ווי דאָס קומט. איהר ווייסט דאָך, אַז איהר חתן איז עלטער פון איהר מיט אַ צעהן יאָהר. ווען איך בין געווען אַ מיידעל, איז ער געווען פאַרליעבט אין מיר. ער פלעגט מיך אויסנעמען אין טעאַטער און אין אָפּערא, אָבער חתונה האָבען מיט מיר האָט איהם ניט געפּאַסט, ווייל איך בין געווען אַן אָרימע מיידעל, אָהן נדן. בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? נאָכדעם, אַז איך האָב שוין חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערען, האָט ער זיך גענומען ווידער שאַרען צו מיר. ער געהט אויס נאָך מיר. ער פאַרפאָלגט מיך אויף שריט און טריט. איך קען אייך פאַרזיכערען, אַז ער האָט מיך ליעבער ווי זיין כלה — און זי ווייס דאָס. און אויב זי ווייס דאָס ניט, פיהלט זי דאָס, און דערפאַר באַרעדט זי מיך.

(ווי ריכטיג דאָס שטימט מיט דעם וואָס מיסעם גלוסקין האָט מיר ערשט ניט לאַנג דערצעהלט! — האָב איך געטראַכט.)

— אָבער איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, — האָב איך איינגע־ווענדעט, — מיס בראָדסקי האָט צו מיר קיינמאָל ניט אויסגע־רעדט אַ שלעכט וואָרט וועגען אייך!

— פון דרך שלום וועגען מוזט איהר אַזוי זאָגען, — האָט מיסעם גרעפּטער געזאָגט. — איך האָב אייך בלויז געוואָלט ער־קלעהרען, אַז איהר זאָלט מיך בעסער פאַרשטעהן און ניט גלויבען אַלעס וואָס מען רעדט וועגען מיר. איהר זייט דער איינציגער מאַן וועמען איך האָב אויסגעפונען צו זיין אַ ריכטיגער דזשענטעלמאַן, און איך וויל, אַז איהר זאָלט האָבען וועגען מיר אַ בעסערע מיינונג.

— איך האָב די בעסטע מיינונג וועגען אייך, — האָב איך געזאָגט. ערשטענס, ווייל איך האָב געוואָלט גוט־מאַכען מיין פעהלער געגען איהר, און אויך אַז זי זאָל קיין שנאה ניט טראָגען אויף מיס בראָדסקי.

— אַט דאָרט געהן זיי, — האָט מיסעס גרעפּטער געזאָגט, ציינענדיג מיט איהר פינגער אויף אַ גרופּע פּרויען וואָס זיינען גע־גאַנגען ווייטער, אויף דעם לאַנגען וועג. איך האָב באַמערקט, אַז איהר פינגער האָט געפינקעלט פון די ברילליאַנטען וואָס זי האָט געטראָגען. מתנות פון פרעמדע מענער! האָב איך זיך געטראַכט.

מיר זיינען געבליבען שטעהן, פאַרשטעלט פון די געדיכטע בוימער און זיך ניט געריהרט פון אָרט.

— מיסעס גרעפּטער! — האָב איך געזאָגט און מיין שטימע איז געווען אַ ביסעל פאַרשטיקט פון אויפרעגונג. — איך האָב געגען אייך געהאַנדעלט ניט פיין, נים ווי אַ דזשענטעלמאַן... איך האָב ניט געמיינט אייך צו באַליידיגען... איך האָב עפּעס מורא באַקומען פאַר אייך... ענטשולדיגט מיר...

זי האָט זיך צולאַכט מיט אַ שטילען געלעכטערל.

— איך בין גאָר ניט בייז אויף אייך, — האָט זי געזאָגט. — איהר זייט ענטשולדיגט. איהר זייט דער איינציגער מאַן וואָס האָט מורא פאַר מיר. איך ווייס, אַז אַ געוויסע פּערזאָן האָט פאַר אייך אָנגערעדט אויף מיר. אַלע ריידען וועגען מיר. ווען איך וואָלט געווען אַזאַ סלאַב ווי מיסעס פּאַפּריקאַ, אָדער אַזאַ שלומפּער ווי די מיסעס ביילינסאָן, אָדער ווען איך וואָלט געהאַט אַזעלכע באַ־ראָדעווקעס אויף מיין פּנים ווי די קעכין וואָלט מען אסור גע־רעדט אויף מיר.

און זי האָט זיך ווידער צולאַכט.

— נעכטען ביינאַכט, ווען איך האָב אייך געבעטען וואַרטען אויף מיר, האָב איך בלויז זיך געוואָלט דורכריידען מיט אייך וועגען אייערע אַ פריינדין, — האָט זי ווייטער געזאָגט.

— מיינע אַ פריינדין? — האָב איך געפרעגט פאַרוואונ־דערט. אין האַרצען האָב איך זיך געטראַכט: שוין זשע האָט זי זייענדיג אין ניו יאָרק, זיך געזעהן מיט עטלען און האָט מיר גע־בראַכט אַ גרוס פון איהר?

— איך מיין אָט די פעני בראָדסקי, — האָט מיסעס גרעפּ־טער געענטפערט. — איך ווייס, אַז זי האָט מיך פאַר'מיאוס'ט ביי אייך אין די אויגען. איך ווייס, אַז זי רעדט אויף מיר וואָס אין קאָרט שטעהט.

גענייגען צו זיצען אין איהר געזעלשאפט. מיין מוטער וואָלט גאָר ניט געהאַט דאַגעגען... איהר פאָטער גיט דאָך איהר פופצעהן טויזענד דאָלאַר... מיין מוטער וואָלט שוין איינגעגאַנגען אויף אַזוי פיעל. מיין מוטער — וואָס זי האָט זיך איינגערעדט! אַזאַ מיידעל ווי פעני בראָדסקי דאַרף אויך צוצאָהלען!... צו וואָס, מאַמע, דאַרף איך דאָס געלד? איין איינציגער זוהן ביים טאַטען, און דער טאַטע האָט, אַהן עין הרע, אַזוי פיעל. מאַמע, מאַמע! ווי מאַכט מען אַז דו זאָלסט פאַרשטעהן וואָס ביי מיר איז אין האַר־צען? אַזוי ריידען מיט'ן מויל וועל איך קיינמאָל ניט האָבען דעם מוט — ובפרט אַז פעני בראָדסקי האָט שוין אַ חתן.

מיין בליק איז געפאַלען אויף אַ פאַרזיגעלטען בריעף וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש. גאַנץ אומגערן האָב איך באַמערקט די אַדרעס. דאָס האָט מיס בראָדסקי געשריבען אַ בריעף צו עטלען.

עטעל'ס געשטאַלט איז ווי לעבעדיג ערשינען פאַר מיינע אויגען. אַ וואַרימקייט האָט זיך צוגאָסען איבער מיין האַרצען. גע־פיהלען וועלכע איך האָב געזוכט צו אונטערדריקען, צו באַהאַל־טען און צו פאַרגעסען האָבען יעצט ארויסגעשפאַרט און פאַר־פלייצט מיין האַרץ אַזוי ווי אַן איינגעהאַלטענער וואַסער ווען ער צו ברעכט אַ שוואַכע וואַנט. ניין, איך טאָר ניט איינגעהן אויף קאָמפּראָמיסען, עטעל איז מיין ריכטיגע בת־מלכה. אויב ניט עטעל, איז קיינער ניט!

— דו ווייסט, מיין זוהן, וואָס מיר איז איינגעפאַלען? — האָט מיין מוטער געזאָגט צו מיר, — איך וויל מופען פון דאַנען. דאָ גיט מען זעהר שווערען עסען און דער טומעל איז דאָ זעהר גרויס. מיס בראָדסקי וויל אויך מופען מיט אונז. אַז דער טאַטע וועט קומען אויף שבת, וועלען מיר זיך מיישב זיין און אויסזוכען אַ שטילערען פּלאַץ.

— אָלראַיט, מאַמע, — האָב איך געענטפערט. איך בין געווען צופרידען פון דעם, וואָס מיר געהען אַוועק פון דאַנען. איך האָב געוואָלט אַנטלויפען פון מיסעס גרעפּטער. און ניט אַזוי וואָס איך האָב געוואָלט לויפען פון איהר, נאָר איך האָב פאַר מיס בראָד־סקי אויך געזעהן אַ גרויסע געפאַהר, אויב זי פאַרבלייבט נאָך אויף ביילינסאָנ'ס פאַרם הויז און איהר חתן וועט ווייטער קומען צו

אַט זיך מיר געדאַכט, אַז מיס בראָדסקי
וואָס האָט זי געקענט זעהן אויף מיין

ין דער פינסטער ביזטו געגאַנגען דורכ'ן
ן מוטער זיך גע'חידוש'ט מיט אַ טאָן פון
מע. — ווי האָסטו קיין מורא ניט?
דאַ וואָס מורא צו האָבען? — האָט מיס
— עס זיינען דען דאָרט געווען בערען, אָדער

וואָרט „לייבען" האָב איך אַ ציטער געטאָן. זי איז
געדאַנקען־לעזערין! זי ווייס. זי ווייס אַלעס! איך
ר געפיהלט איהרע בליקען אויף מיין שולטער. אַט דער
אויף וועלכען די לילית האָט אָנגעשפּאַרט איהר קאָפּ —
בין וואָס האָט דאָס קינד אין וואַלד געשלעפּט.
איך האָב אָנגעהויבען פיהלען אַזוי ווי דער שולטער וואָלט
ף מיר אָנגעהויבען צו ברענען. עס האָט זיך מיר געוואָלט
רונטערנעמען מיין ראָק און זעהן אויב עס סמאַליעט זיך דאָרט.
יענע פאַר'כשופ'טע פּערפומע האָט זיך ווידער גענומען טראָגען
צו מיינע נאָז־לעכער.

איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כחות צו צייגען זיך רוהיג. מיס בראָדסקי האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיין מוטער וואָס פאַר אַ קליידער זי דענקט זיך מאַכען, באַלד ווי עס ענדיגט זיך דער זומער־סעזאָן. זי האָט דערצעהלט, אַז איהר פאָטער איז זעהר גוט צו איהר. זי קריגט געלד וויפיעל זי דאַרף. און איהר שטיעפּ־מוטער איז אויך ניט אַזוי שלעכט צו איהר ווי מענשען דענקען. ניט מעהר, די שטיעפּמוטער איז שטאַרק פאַרליעבט אין איהר פאָטער און זי קען ניט פאַרטראַגען ווען ער גיט אוועק אַ טייל פון זיין ליעבע צו זיין טאָכטער פון דער ערשטער פרוי.

און די גאַנצע צייט וואָס מיס בראָדסקי האָט גערעדט, האָב איך פון איהר די אויגען ניט אַראָפּגענומען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לייכטען טי־גאָון, וועלכער האָט איהר צוגעגעבען אַ באַזונדער חן. זי זעהט אויס ניט אַ יאָהר עלטער פון מיר, האָב איך זיך געטראַכט. זי איז דאָך אַזוי קלוג, אַזוי גוט, און עס איז דאָך אַ פּאַר־

זיעבצעהנטער קאַפּ...

אויף אַ גנב ברענט די ...

ווען איך בין צוריקגעקומען צו ביילינסאָנ'ס ...
מען מיר געזאָגט אַז מיין מוטער איז ביי מיס בראָ...
מיס בראָדסקי'ס צימער איז געווען אַ פּלאָר העכער...
צימערן. צו וואס האט מיין שוואכע מוטער געדאַרפט ...
הויך? אויב זי האָט געהאַט עפּעס צו ריידען מיט מיכ...
האָט מיין מוטער זי דאָך געקענט נעמען אין איהר אייגע...
מער. די זאַך איז מיר געווען אויפפאַלענד. אפשר האָבען ...
האט עפּעס צו ריידען וועגען מיר. דאָך האָב איך ניט געוואַרט...
אַרויף אויבען און אָנגעקלאַפּט אין מיס בראָדסקי'ס טיר.

„קאָם אין!" — און איך בין אַריין.

— איך האָב געוואָלט זעהן מיס בראָדסקי'ס צימער, — האָט מיין מוטער געזאָגט צו מיר ווען איך בין אַריינגעקומען. אָבער פון דעם טאָן פון איהרע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען בלויז אַן אויסרייד פאַר מיר. אפשר האָבען זיי זיך דערוואוסט פון מיין צוזאַמענטרעפען זיך מיט מיסעס גרעפּטער אין דעם וועלדעל אויפ'ן בארג? ניין, דאָס איז אונמעגליך.

— אַ גאַסט — האָט מיס בראָדסקי מיך באַגריסט און איהר לאַכעדיגער פּנים האָט אַרויסגעוויזען גרויס צופרידענהייט וואָס איך בין ביי איהר, אין איהר צימער. זי האָט מיר אָפּגעגעבען איהר שטול און האָט זיך אַליין אַוועקגעזעצט אויף איהר בעט, ווייל מעהר ווי צוויי שטולען זיינען אין דעם צימער ניט געווען.

— וואו ביזטו געווען, מיין זוהן? — האָט מיין מוטער געפרעגט.

— איך בין געגאַנגען מיט'ן קורצען וועג, איבער'ן באַרג, האָב איך דיך ניט געקענט טרעפען, — האָב איך געענטפערט.

— אייער מיינונג איז מיר טייערער ווי אַלעס אין דער וועלט, — האָט זי געזאָגט. — אַך, מר. פּרומקין, מיין ליעבער פריינד! איך בין זעהר אַן אומגליקליכע פרוי. ווען איהר וואָלט געקענט אריינקוקען ביי מיר אין הארצען, וואָלט איהר געוואוסט וואָס הייסט אומגליק! וואָס עס הייסט צו לעבען מיט אַ מאַן, פאַר וועלכען מען האָט ניט קיין ברעקעל ליעבע...

און ביי די ווערטער האָט זי ארויפגעלייגט איהר קאָפּ אויף מיין שולטער, און איך האָב געפיהלט איהר פערפומערטע האָר ביי מיר נעבען באַק.

אַ קאַלטער שוידער איז דורכגעלאָפען מיין קערפּער. איך האָב זיך דערמאָנט אַן מיין מוטער'ס מעשה פון דער לייבין מיט'ן קינד. די לייבין וועט מיך גלעטען און דערנאָך אויפעסען! אַ לייבין איז אַ געפעהרליכע חיה. אנטלויף!

איך האָב מיט מיין האַנד אויפגעהויבען איהר קאָפּ פון מיין שולטער און געטאָן האָב איך דאָס אַהן אַ ברעקעל צערטליכקייט, קאַלט און אומגעלומפּערט. איך בין ווידער געוועזן דער זיעגער. זי האָט דאָס גלייך איינגעזעהן.

— אַלזאָ, — האָט זי געזאָגט, — איהר געהט יעצט אַליין צו אונזער באָרדינג הויז. עס פּאַסט דאָך אייך ניט אַז איך זאָל אייך אַהין באַגלייטען?

אנשטאַט צו ענטפערען אויף איהר פראַגע, האָב איך בלויז געזאָגט: "גוד נאַיט", און זיך אַרונטערגעלאָזען אויף דעם אַנדער זייט פון באַרג.

ווען איך בין אַרונטערגעקומען פון באַרג, האָב איך ווידער אַ קוק געטאָן אַהינטער, און עס האָט מיך געפרעהט צו זעהן דעם באַרג אָפּטיילען מיך פון איהר, אָבער איהר פערפומע האָט מיך נאָך פאַרפאָלגט, אזוי ווי איהר קאָפּ איז נאָך אַלץ געלעגען אויף מיין שולטער.

פון איהר האָבען שוין געוואוסט מר. ביילינסאָן און אַלע זיינע באָרדערס.

די קעכין האָט זיך שוין יעדע ווילע גענומען ווייזען פאַר מיין מוטער און פאַר מיס בראָדסקי, זיי פרעגען אויב זיי פאַרלאַנגען עפּעס עקסטרא. פּונקט אַזוי ווי אַ קאַץ שמייכעלט זיך ווען זי ערוואַרטעט אַ ביסעל שמעטענע.

מיסעס גרעפּטער האָט גאָר ניט פּרובירט איינריידען מיין מוטער, אַז זי זאָל פאַרבלייבען. נאָר איך האָב באַמערקט, אַז זי שיסט פייערדיגע בליקען אויף מיס בראָדסקי. איך האָב ווידער אָנגעהויבען מורא צו האָבען אַז מיס בראָדסקי זאָל פון דעם ניט ליידען. ווער ווייס וואָס אַזאַ פרוי קען אָפּטאָן! איין זאַך איז מיר געווען קלאָר, אַז מיסעס גרעפּטער האָט פאַרשטאַנען, פּונקט אַזוי ווי איך, אַז דעם פּלאַן פון מופען האָט אונז אריינגעגעבען מיס בראָדסקי.

איך האָב זיך אָנגעהויבען פרעגען, אויב עס וואָלט ניט גע־ווען גלייכער אַז איך זאָל אויסזאָגען מיס בראָדסקי וועגען דעם וואָס איך האָב געזעהן איהר חתן פלירטען מיט מיסעס גרעפּטער און וועגען דעם וואָס מיסעס גרעפּטער האָט מיר אַליין דערצעהלט פון דעם חתן. אָבער איך האָב עס געהאַלטען פאַר אומפּאַסיג. אַזאַ שריט וואָלט מיך געשטעלט אין דער ראָלע פון אַ שפּיאָן, און מיין אויסזאָגען וואָלט מיס בראָדסקי'ן פאַרשאַפט פיעל שמערצען. בעסער אַז זי זאָל ניט וויסען.

זונטאָג האָט מיין פאָטער אַראַנזשירט וועגען אונזער מופען נאָך „מאַטעל'ס פאַרם" (אַזוי האָט דער נייער פּלאַץ געהייסען), און מיר האָבען זיך גענומען איינפּאַקען אויף אַן אמת. איך בין געווען אין אַ פרעהליכער שטימונג. עס האָט מיר געמאַכט גרויס פאַרגעניגען וואָס מיס בראָדסקי זאָרגט זיך אַזוי וועגען מיר. איך האָב ניט געהאַט קיין ברודער און קיין שוועסטער, און מיס בראָד־סקי איז מיר געוואָרען ווי אַן אייגענע. מיין מוטער האָט אויף אונ־זער פריינדשאַפט געקוקט ווי אויף אַ געוואוינליכע זאַך. ערשטענס, איז דאָך מיס בראָדסקי שוין געווען אַ כלה, און צווייטענס, זיינען די בראָדסקים געווען פאַרבונדען מיט מיין פאָטער אין געשעפט און האָבען איינע די אַנדערע געקענט זייט יאָהרען.

איהר אהין, און ער וועט זיך ווידער טרעפען מיט מיסעס גרעפטער און באַנייען זיינע אַלטע באַציהונגען מיט דער פאַרפיהרערין.

עס איז מיר נאָכדעם קלאָר געוואָרען, אַז אונזער איבערציהען אין אַן אַנדער פּלאַץ האָט צו טאָן מיט מיס בראָדסקי. דאָס האָט זי אַן עצה געגעבען מיין מוטער צו מופען. זי האָט מיך געוואָלט רעטען פון מיסעס גרעפטער. איך בין געווען זיכער, אַז זי איז געווען קלוג גענוג ניט אויסצוזאָגען מיין מוטער די אמת'ע אור־זאַכע ווארום עס איז איהר איינגעפאַלען אַז מיר זאָלען מופען פון דאָרט. די גוטע מיס בראָדסקי, וואָס איז צו מיר געוואָרען אַזוי ווי אַ שוועסטער, האָט מיר געמיינט אַ טובה צו טאָן, אָבער זי האָט מיט דעם זיך אַליין אַ טובה געטאָן. ווען איהר חתן וועט אַמאָל קומען צו איהר צו גאַסט, וועט ער זיך מעהר ניט קענען טרעפען מיט מיסעס גרעפטער אויף אַ הינטערשטער וועראַנדאַ. ווען אַלע באַרדערס שלאָפען.

פרייטאָג איז מיין פאָטער געקומען. מיין מוטער האָט איהם געזאָגט אין מיין געגענוואַרט, אַז זי וויל מופען אין אַ שטילערען פּלאַץ. מיין פאָטער האָט געענטפערט, אַז ער ווייס גראָד פון אַזאַ פּלאַץ, ביי אַ האַלבע שטונדע נעהנטער צו ניו יאָרק. אַ ריכטיגע פאַרם, וואָס געהערט צו אַ ריכטיגען אידישען פּאַרמער, מיט איי־גענע קיה און אַן אייגענעם גרינס גאָרטען. און פאַר די וואָס ווילען ניט שלאָפען אין זיין גרויסע הויז, האָט ער אַ פּאָר קליינע באַזונדערע קאָטעדזשעס.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז זונטאָג זאָל מיין פאָטער צו־פאָהרען אַהין און מאַכען די אַראַנדזשמענטס, און דערווייל זאָל מען פון דעם קיינעם ניט זאָגען. אָבער גלייך נאָך הבדלה האָבען שוין ביילינסאָנ'ס אַלע באַרדערס געוואוסט, אַז די פרומקינ'ס מופען צוזאַמען מיט מיס בראָדסקי. ווי אַזוי האָבען זיי זיך דערוואוסט פון דעם סוד? גאַנץ פּשוט. עס איז געווען גענוג אַז איינע פון די דינסטען, וואָס קלייבען צו די צימערען און מאַכען די בעטען, זאָל באַמערקען אַז מיין מוטער און מיס בראָדסקי האָבען אַ טייל פון זייערע זאַכען איינגעפּאַקט אין די טראַנקס, האָבען זיי דאָס גלייך רעפּאָרטעט צו דער סטאַר באָרדער מיסעס גרעפטער, און

אכצעהנטער קאפיטעל

אויף מאטעל׳ס פארם

נאכדעם ווי איך האב איבערגעלייענט מיסעס גרעפטער׳ס בריעף, האב איך דעם בריעף באהאלטען אין דעם אינוועניגסטען טאש פון מיין ראק, מיט דער אבזיכט איהם צו פארניכטען ביי א געלעגענהייט.

אויף מארגען, מאנטאג, האט מיס בראדסקי באקומען א בריעף פון ניו יארק. דאס איז געווען פון עטלען מיט א גרוס צו מיר. דאס האט מיך געמאכט פיהלען זעהר גוט.

די בארדערס און די בארדערקעס פון ביילינסאנ׳ס פארם הויז האבען אונז געגעבען א שעהנעם „פאהרט געזונד". מר. ביילינסאן און זיין פרוי זיינען געווען א ביסעל אנגע׳ברוגז׳ט. מיסעס גרעפ־טער׳ס גרויע אויגען זיינען ווידער געווארען קאלט און האבען ארויסגעצייגט א באהאלטענע שנאה. נאר אז עס איז געקומען ביים געזעגענען זיך, האט זי זיך צוקושט מיט מיין מוטער און מיט מיס בראדסקי.

דאס האב איך שוין ניט געקענט פארשטעהן. איך האב פיעלע מאל אין מיין לעבען געזעהן ווי פרויען וואס האסען איינע די אנ־דערע קושען זיך אין די מיילער, און עד היום קען איך ניט בא־גרייפען, ווי אזוי זיי קענען דאס טאן און צו וואס זיי טוען דאס.

מאטעל׳ס פארם איז געשטאנען אין זעהר א שעהנעם פלאץ, ווייט אפגערוקט פונ׳ם וועג. עס איז געווען אן אמת׳ע פארם, מיט אייגענע קיה און א גרינס־גארטען, ארומגערינגעלט פון פרוכט־בוימער און פאלמען. אן אמת׳ער גן־עדן. און שטיל איז דארט גע־ווען צוליעב דעם, וואס צו מאטלען פלעגען פאהרען נאר עלטערע מענשען, וועלכע האבען ניט געקענט פארטראגען דעם טומעל פון די יונגע. דערפאר האט מאטעל׳ס פארם באקומען א נאמען „דער מושב זקנים". מאטעל איז געווען א הויכער, שווארצער, דארער

איידער איך האָב צייט געהאַט זיך צו לייגען שלאָפען, האָב איך געהערט ווי אימיצער שאַרט זיך נעבען מיין טיר. איך האָב אַ קוק געטאָן. איך האָב ערוואַרטעט עמיצער זאָל אַנקלאַפּען, אָבער אנשטאַט דעם האָב איך געזעהן ווי אַ קאָנווערט פון אַ ראָזע קאָליר רוקט זיך אַריין אונטער'ן טיר, געשטופּט פון אַ געהיימער האַנד. אַ מינוט בין איך געבליבען שטעהן אַזוי ווי אַ פּאַר'חלומ'טער. נאָכדעם האָב איך דעם בריעף אויפגעהויבען, פּאַ־וואָלינקע אויפ־געריסען און האָב דערקענט מיסעס גרעפּטער'ס האַנדשריפט. אָט וואָס זי האָט געשריבען:

„מיין טייערער פריינד!

„איך האָב אַייך געוואָלט געבען מיין האַרציגען „פאָהרט געזונד” מינדליך. אָבער איך האָב ניט געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן אייך פּריוואַט. דאַרום בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען מיין געוואַגטקייט, וואָס איך שרייב אייך דיזען בריוועל. איך וויל אייך בלויז זאָגען, אַז די גאַנצע צייט וואָס איהר האָט דאָ פאַרבראַכט אין דיזער הויז, איז פאַר מיר געווען די גליקליכסטע צייט פון מיין לעבען. אייער ערשיינען, אייער שמייכעל, אייער העפליכע באַנעהמונג האָט אָנגעפילט מיין האַרץ מיט פרייד. איך האָף, אַז איהר וועט מיך ניט פאַרגעסען. אפשר וועלען מיר זיך נאָך טרעפען אין קאָנטרי, און אויב ניט, פאַרגעסט מיך ניט אויפצוזוכען אין ניו יאָרק. אונטען איז דאָ מיין אַדרעס. מיין נאָמען איז אויך אין טעלעפאָן בוך.

„עס וועט מיר זיין זעהר אומעטיג אָהן אייך, אָבער די ערינערונג פון די זיסע עטליכע מינוטען וואָס מיר האָבען פאַרבראַכט מיטוואָך ביינאַכט אויפ'ן באַרג, וועלען זיין מיין טרייסט.

„אימער אייער אמת'ע פריינדין,

ליליאַן.”

סך וואָס זי פּלעגט איבערלאָזען פּלעגט פון איהר טעלער איבער־געהן צו איהר מוטער׳ס טעלער.

באַלד ווי מיר זיינען אָנגעקומען, און מיסעס גימפּעל האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין נאָך אַ פרייער מענש, האָט זי אָנגע־הויבען צו ערמוטיגען אַ פריינדשאַפט צווישען מיר און איהר טאָכטער. מיין מוטער האָט אָבער גלייך מיר געגעבען אַז אָנצו־הערעניש, אַז איך זאָל זיך ניט אריינלאָזען מיט דער מיידעל. די גימפּעלס זיינען געווען זעהר רייך, אָבער „פּראָסטע מענשען“, ווי מיין מוטער האָט זיך אויסגעדריקט. אויסער געלד האָט ביי מיין מוטער געשפּיעלט אַ ראָלע אויך דער יחוס.

מיין פאָטער איז גלייך דעם זעלבען מאָנטאג וואָס מיר זיי־נען אָנגעקומען אויף מאָטעל׳ס פאַרם, אַוועקגעפאָהרען אין ניו יאָרק, און פרייטאָג איז ער צוריקגעקומען מיט מר. מירמעל־שטיין, פּעני בראָדסקי׳ס חתן.

ווען מר. מירמעלשטיין איז אָנגעקומען, האָב איך באַמערקט אַז ער איז עפּעס אומצופרידען. איך האָב געדענקט, אַז דער פּלאַץ געפעלט איהם ניט. אויף מאָרגען, שבת, האָב איך איהם געזעהן מיט מיס בראָדסקי זיצען צוזאַמען און ריידען זעהר ערנסט. ער האָט אויסגעזעהן אַ ביסעל ברוגז און וואָס לענגער ער האָט גע־רעדט אַלץ טרויעריגער איז זי געוואָרען. איך האָב זיך אָנגעשטוי־סען, אַז ער האָט איהר אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה, און איך האָב געפיהלט גרויס מיטלייד צו איהר. וואָס עס האָט מיך מעהר פון אַלעם געוואונדערט איז, וואָס מר. מירמעלשטיין האָט זיך געאיילט אַוועקצופאָהרען פריהער ווי אימער. אנשטאָט מאָנטאג איז ער אַוועקגעפאָהרען זונטאָג און געזעגענט האָט ער זיך מיט מיר און מיינע עלטערען זעהר קאַלט. מיס בראָדסקי האָט איהם באַגלייט צום סטיישאַן און ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט זי אויסגעזעהן זעהר אומעטיג און צובראָכען.

איך האָב זי אָנגעקוקט און מורא געהאַט צו פרעגען וואָס איז געשעהן. אַ געדאַנק איז מיר אַריין: אפשר איז דער שידוך געוואָ־רען צו גאָרנישט?... און דאָן... אַזוי ווי אויף עטלען קען איך ניט האָפען, וועט מיס בראָדסקי פאַרנעמען איהר פּלאַץ... זי וועט זיין

מאַן מיט אַ רויט פאַרברענטען פּנים, און ער פלעגט דעם גאַנצען טאָג אַרומגעהן און זאָגען תהלים. ער האָט ניט אויפגעהערט אויף אַ מינוט. ער פלעגט זאָגען דעם תהלים אפילו בעת ער פלעגט מעלקען זיינע קיה. שבת פלעגט ער אַ גאַנצען טאָג זינגען זמירות, און דאַן פלעגען אַלע באָרדערס מיטזינגען. זיין פרוי, אַ קורצע, אַ גראָבע אידענע, איז אַליין געווען די קעכין. קאָכען פלעגט זי זעהר גוט. אָבער זי איז געווען אַ שלעכטע און פלעגט ניט פאַרגינען איהרע באָרדערס דעם עסען. מען פלעגט אויף איהר זאָגען, אַז זי שילט אַריין אין יעדען טעפּעל אַז די באָרדערס זאָלען דאָס אויס־קריינקען.

די איינציגע ווען מיסעס מאָטעל האָט פאַרגונען דעם עסען און האָט איהר געקעכעלט און געשטאָפּט מעהר ווי אַלעמען, איז געווען אַן עלטערע פרוי, אַ מיסעס גימפּעל. זי איז געווען די „סטאַר באָרדער“ ביי מאָטלען. אָבער דאָס איז געווען אַן אַנדער סאָרט „סטאַר באָרדער“ ווי מיסעס גרעפּטער. מיסעס גרעפּטער פלעגט באַקומען איהרע מאָלצייטען אין איהר צימער אומזיסט פאַר דעם וואָס זי פלעגט באַזאָרגען מר. ביילינסאָן מיט באָרדערס. מיסעס גימפּעל פלעגט צאָהלען דאָפּעלט ווי אַנדערע דערפאַר ווייל זי האָט געגעסען דאָפּעלט פון אַנדערע. פון יעדע געריכט האָט מען איהר סערווירט צו צוויי פּאָרציעס. אַזוי ווי זי איז גע־ווען אַ קליינע, אַ פּיטשינקע, אַ דאַרע אידענע פלעגען זיך די אַנדערע באָרדערס ניט קענען אָפּוואונדערען וואוהין דער עסען קומט אַריין. עס פלעגט פּשוט אָננעמען אַ שרעק צו זעהן ווי זי פרעסט אויף אַ גאַנצען בולבע קוגעל און נאָך מיט ברויט דערצו. צווישען איין מאָלצייט און דעם אַנדערען פלעגט זי זיך פּאַקען מיט קייק און מיט קיכלאַך וואָס מיסעס מאָטעל פלעגט באַקען ספּעציעל פאַר איהר.

דיזע מיסעס גימפּעל האָט מיט זיך געהאַט אַ טאָכטער, דאַרע, אַ שעהנע ברונעטקע, וועלכע וואָלט געווען זעהר אַנציהענד, ווען זי וואָלט געהאַט אַ בעסערען געשמאַק פאַר קליידען זיך. דערצו, אַז אימעצער האָט געזעהן ווי איהר מוטער עסט, פלעגט איהם אָפּגעהן דער אַפּעטיט צו דער טאָכטער, כאָטש די יונגע מיס גימ־פּעל האָט געגעסען נאָך ווייניגער ווי די אַנדערע באָרדערס, און אַ

ריינע און נאָבעלע, און דאָך וואָגט ער צו זיין אייפערזיכטיג אויף מיר!

נאָך סאַפּער האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט מיין מוטער וועגען דעם.

— עס איז פון מיר טאַקע געווען אַ נאַרישקייט וואָס איך האָב זי מיטגעבראַכט אַהער, — האָט מיין מוטער געזאָגט. — איך קען פעני׳ן זייט זי איז געווען אַ קינד. מיט איהר מוטער בין איך געווען אַזוי ווי צוויי שוועסטער. היינט ווען זאָל דאָס איינפאַלען, אַז ווען איך וועל זי מיטנעמען אַהער וועלען שלעכטע מענשען זעהן אין דעם אַ מיין, אַזוי ווי איך וואָלט געוואָלט אָפּ־ריידען זי פון איהר חתן און זי צונעמען פאַר דיר. ווער האָט גע־קענט איהם דאָס איינריידען?

— איך ווייס ניט ווער דאָס האָט געקענט טאָן, — האָב איך געזאָגט, — אָבער מר. מירמעלשטיין האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו זאָגען מיס בראָדסקי אַ וואָרט. מאַמע! איך האָב איהם אַליין געזעהן פאַר׳גנב׳ענען זיך מיט מיסעס גרעפּטער אויף דער הינ־טערשטער וועראַנדאַ און זיי האָבען זיך געשמועסט ווי אַ פּאָר טייבעלאַך. איך האָב אויך געהערט, אַז ער איז מיט דער מיסעס גרעפּטער אַן אַלטער מחותן. עס וואָלט פיליי‌כט געווען אַ יושר אַז מען זאָל דאָס אַלעס אויסזאָגען צו מיס בראָדסקי, כדי זי זאָל וויסען מיט וועמען זי האָט חתונה.

— זאָל גאָט אויסהיטען, מיין זוהן! — האָט מיין מוטער אויסגערופען מיט שרעק. — דאָס הייסט קאַליע מאַכען אַ שידוך, און דאָס איז אַ גרויסע זינד. ממה נפשך, איז דער שידוך ניט באַשערט, וועט עס פון זיך אַליין צוגעהן, און אויב עס איז יאָ באַשערט, דאַרף זיך אַ מענש ניט מישען. דאָס איז אַ גאָט׳ס זאַך. און אַגב, בין איך זיכער, אַז נאָך דער חתונה וועט מירמעלשטיין ווערען אַן אַנדער מענש. ער וועט זיך סטאַלירען, און זיי וועלען נאָך לעבען גליקליך.

איך האָב באַשלאָסען צו פאָלגען מיין מאַמען און ניט ריי־דען וועגען דעם צו קיינעם.

מיין טרייסט... און מיין מוטער? זי וועט מוזען איינגעהן. איך וועל זי בעטען —

— איך פאָהר אוועק פון דאַנען, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט צו מיר, ווען זי האָט געפונען אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט מיר אַליין. — מיין חתן איז... ער איז איבערזיכטיג געוואָרען אויף איך —

— אויף מיר? — האָב איך זיך געוואונדערט. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון לאַכען.

— אימיצער האָט איהם אריינגעשריבען אַ בריעף, אַז מיר זיינען צו פריינדליך, צו אינטים, — האָט מיס בראָדסקי ער־קלערט. — איך בין זיכער, אַז דאָס האָט געטאָן יענע מכשפה, די אויסוואורף מיסעס גרעפטער.

— אַזוי פאַרדאַרבען זאָל זי זיין! — האָב איך אויסגערופען. עס האָט זיך מיר גאָר ניט געוואָלט גלויבען, אַז אַ פרוי זאָל זיין פעהיג אויף אַזאַ זאַך.

— עס איז דאָ אַ סך צו ריידען וועגען דעם, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט מיט אַ צובראָכענע שטימע. — די פרוי פאַר־פאָלגט מיך.

מיין האַרץ האָט גענומען זידען אין מיר. איך האָב אין דער מינוט געוואָלט אויסזאָגען מיס בראָדסקי, אַז איך האָב איהר חתן געזעהן שמועסען מיט מיס גרעפטער אויף ביילינסאָנ׳ס הינטער־שטע ווערענדאַ. איך האָב איהר אויך געוואָלט אויסזאָגען וואָס מיסעס גרעפטער האָט מיר דערצעהלט וועגען דעם, ווי מר. מיר־מעלשטיין האָט געפיהרט אַ ליעבע מיט איהר און אַז ער געהט איהר נאָך יעצט אויך. אָבער איך האָב מורא געהאַט, טאָמער וועל איך מיט דעם פאַרשאַפען מיס בראָדסקי גרויס פאַרדרוס. איך מוז זיך צוערשט בעראַטען מיט עמיצען, אויב איך זאָל איהר אויסזאָגען אָדער ניט.

אַזאַ לומפּ! האָב איך צו זיך געזאָגט. אַליין לויפט ער נאָך אַ פרעמדע פרוי און שפּיעלט מיט איהר אַ ליעבע הינטער זיין כלה׳ס פּלייצעס, און פון זיין כלה פאָדערט ער, אַז זי זאָל קיין פריינדשאַפט ניט האָבען מיט קיין אַנדער מאַנספּערזאָן! ער ווייס דאָך אַז די באַציהונגען צווישען מיס בראָדסקי און מיר זיינען זעהר

— איך זעה, אז דיר איז שוין אומעטיג געוואָרען דאָ, אין דער ווילדערניס. דיר ווילט זיך פאָהרען אין ניו יאָרק און זיך אויסרוהען פון דיין וואקיישאָן.

ווען מיין פאָטער וואָלט געוואוסט דעם אמת, וואָרום איך האָב זיך געפרעהט! מיין ערשטער געדאַנק ווענען מיין צוריק־קומען אין ניו יאָרק איז געווען, אז איך זאָל זיך זעהן מיט עטלען. איך מוז איהר זעהן, איך מוז זיך מיט איהר דורכריידען. איך מוז הערען פון איהר וואָס זי דענקט וועגען מיר, און אויב זי דענקט אויך ווי איהר מוטער, אז עס איז בעסער אז מיר זאָלען זיך אָפּ־פרעמדען.

אָפּפרעמדען? פאַר וואָס? פאַר ווען? דערפאַר וואָס עטעל איז אָרים און איהר מוטער קען מיר ניט געבען צוואַנציג טויזענד דאָלאַר? אויף וואָס דאַרף איך דאָס געלד? איין איינציגער זוהן ביי אַזאַ רייכען פאָטער. ניין, איך וועל זאָגען מיין מוטער, אז איך ליעב נאָר עטלען און זי וועט מוזען נאָכגעבען. מיין מוטער איז דאָך אַ גוטע און זי אַליין האָט דאָך עטלען גאַנץ ליעב.

מאָנטאָג — דאָס איז געווען די דריטע וואָך אין אויגוסט — האָב איך פאַרלאָזען מאָטעל'ס פאַרם הויז. מיין מוטער האָט מיך באַגלייט צום סטיישאָן און האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל צו שווער ניט אַרבייטען, אז אין הייסע טעג זאָל איך פאָהרען זיך באָדען אין ים, און די הויפּט־זאַך איז, אַז איך זאָל זיך היטען מיט'ן עסען. ווען די טריין איז אָנגעקומען איז זי שוין געווען פול געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען, מייסטענס מיט ווייבער און קינדער וואָס זיינען שוין צוריקגעפאָהרען אַהיים, אַלע געזונט, רויט, אָנ־געברענט פון דער זון און אָפּגעפרישט פון דער ריינער, מחיה'דיגער בערג־לופט. איך בין געגאַנגען פון וואַגאָן צו וואַגאָן, זוכענדיג אַ פּלאַץ. די טריין איז זיך דערווייל געלאָפען איהר וועג.

ווען איך בין דורכגעגאַנגען דעם פינפטען וואַגאָן האָב איך געפיהלט ווי אימיצער פון הינטען האָט מיר אַ לייכטען ציה געטאָן פאַר'ן ראָק. איך האָב זיך אומגעדרעהט — וואָס פאַר אַן איבערראַשונג! אויף אַ בענקעל, וועלכער איז געווען האַלב פאַרנומען מיט אַ סעטשעל און אַ פּעקעל, איז געזעסען מיסעס גרעפּטער.

ניינצעהנטער קאַפּיטעל

דער שטן פאַרפאָלגט מיך

פאַר די אַנדערע באָרדערס פון מאָטעל׳ס פאַרם האָט עס געהייסען אַז פעני בראָדסקי פאָהרט אַוועק ווייל איהר פאָטער וויל אַז זי זאָל שטעהן מיט איהם, אויף זיין קאַטעדזש, אין האָנטער. דער אמת איז, אַז מיס בראָדסקי האָט שוין איינינע מאָל באַקומען איינלאַדונגען פון איהר פאָטער צו שטעהן מיט איהם, אָבער זי האָט געוואָלט זיין אָפּגעזונדערט פון איהר שטיעפּמוטער. יעצט איז זי טאַקע געפאָהרען צו איהר פאָטער.

זי איז אָפּגעפאָהרען. אין פינף טעג שפּעטער איז פון איהר אָנגעקומען אַ קאַרטעל צו מיין מוטער. מיס בראָדסקי האָט אונטען צוגעשריבען: „כ׳בעט אייך, גיט איבער אייער זוהן אַ גרוס פון מיר און פון אַ ל ע פ ר י י נ ד". איך האָב זיך אָנגעשטויסען אַז די ווערטער „אַלע פריינד", וועלכע זיינען געוועזן אונטערגעשטריכען, האָט געמיינט אַז דער גרוס איז פון עטלען.

דריי וואָכען בין איך אָפּגעזעסען אויף מאָטעל׳ס „מושב זקנים". ענדע די דריטע וואָך, ווען מיין פאָטער איז געקומען אויף שבת, האָט ער געזאָגט צו מיר:

— יעצט, מיין זוהן, וועל איך דאָ בלייבען מיט דער מאַמען אויף אַ וואָך. אָדער צעהן טעג און דו פאָהר אין ניו יאָרק און פּאַס אויף אַ ביסעל אויף די ביזנעס. סימכאָוויטש איז אַ גוטער מענע־דזשער, פון דעסטוועגען איז גוט אַז מען קען אַליין האַלטען אַ ביסעל אַן אויג אויף די ביזנעס. אגב, איז שוין צייט אַז דו זאָלסט די ביזנעס בעסער קענען.

איך האָב זיך אַזוי געפרעהט וואָס איך קען שוין פאָהרען אַהיים, דאָס מיין פאָטער האָט, באַמערקענדיג מיין פרייד, גע־זאָגט אין שפּאַס:

— איהר רעדט צו מיר אזוי ווי איך וואָלט געווען די שרייבערין פון יענעם בריעף. זאָגט דעם אמת, מר. פּרומקין, איהר פאַרדעכטיגט מיך?

איך האָב זיך פאַרשעהמט און געשוויגען.

— איך פאַרשטעה אז פעני בראָדסקי איז מיך חושד און זי האָט דאָס אייך געזאָגט. אָבער א י ה ר האָט קיין רעכט ניט פון מיר אַזוינס צו דענקען. אויב איך זאָל זיך וועלען אָפּרעכענען מיט פעני'ן, האָב איך אַ בעסערען נקמה־מיטעל. איך קען זי רואינירען, און זי איז דאָס ווערט. זי פאַרדיענט עס!

— ווארום? — האָב איך געפרעגט, זיך באַמיהענדיג צו באַהאַלטען מיין גרויסע אויפרעגונג.

— שוין דערפאַר אַליין, וואָס זי זוכט ביי יעדער געלעגענהייט צו פאַר'מיאוס'ען מיך אין אייערע אויגען. מיט וואָס פאַר א רעכט וואַרפט זי אַזאַ באַשולדיגונג אויף מיר? עס קען דאָך מעגליך זיין אַז אַן אנדער פרוי אָדער אַ מאַן זאָל האָבען געשריבען אַזאַ בריעף צוליעב עפּעס אַ צוועק. אָבער פעני בראָדסקי איז אייפערזיכטיג אויף מיר, ווי איך האָב אייך שוין דערצעהלט. מיך אַרט ניט וואָס זי באַרעדט מיך פאַר.אַלעמען און טראַכט אויס אויף מיר שענדליכע בלבולים, אָבער ווען זי רעדט אויף מיר פאַר א י י ך, טוט עס מיר וויי, ווייל אייער מיינונג איז ביי מיר טייערער פון דער גאַנצער וועלט. איך קען זיך ניט ערקלעהרען ווארום, אָבער דער פאַקט איז, דאָס איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געהאַט אַזאַ אַכטונג און אַזאַ געפיהל פון פריינדשאַפט פאַר אַ מאַן, אַזוי ווי פאַר אייך.

זי האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען. אַזוי ווי זי וואָלט זיך פאַרשעהמט.

— אָבער וואָס מאַכט אייך צו דענקען אַז מיס בראָדסקי האָט אויף אייך אַנגערעדט פאַר מיר? — האָב איך געפרעגט.

זי האָט זיך ווי אַ צאַפּעל געטאָן און גענומען ריידען מיט הארץ:

— איך זעה דאָך ווי — איהר אַנטלויפט פון מיר, ווי איהר האָט מורא פאַר מיר. די שעהנסטע, די פיינסטע מענער דרעהען זיך ארום מיר און זיינען גליקליך ווען איך שענק זיי אַ שמייכעל.

— וואָס פאַר אַ סורפּריז! — האָט זי אויסגערופען שמייכ־לענדיג און שטראַהלענדיג מיט פרייד. — איך האָב פערנומען דעם סיט מיט זאַכען, און טראַכט מיר דעם גאַנצען וועג, ווי גוט וואָלט געווען אַז איך וואָלט דעם סיט געקענט אָפּגעבען צו אַ רעכטען מענשען, מיט וועמען מען קען אנגענעהם פאַרברענגען די עט־ליכע שטונדען פון דער רייזע!

זי האָט ביי מיר צוגענומען מיין סעטשעל און דאָס אווּעקגע־שטעלט אונטען. נאָכדעם האָט זי פריי געמאַכט פאַר מיר דעם עקסטרא פּלאַץ.

— און וואָס מאַכט אייער מוטער? — האָט זי געפרעגט.

— אַלראַיט, — האָב איך געענטפערט קורץ.

איך האָב געפיהלט אַז איך האָב געדאַרפט אַנטלויפען פון איהר, ניט זעצען זיך נעבען איהר. אָבער איך האָב זי דאָך ניט געקענט באַליידיגען פאַר אַ פולע קאַר מיט מענשען.

— און וואָס פאָהרט איהר עפּעס אין ניו יאָרק אַליין, מעג איך אייך פרעגען?

און אַז איך האָב דאָס איהר ערקלעהרט, האָט זי געזאָגט:

— וועט איהר זיין איינער אַליין אַ וואָך צייט אין ניו יאָרק! נו, וועט איהר אַמאָל קומען צו מיר אויף אַ דינער, אָדער אויף אַ סאַפּער?

— איך ווייס ניט, אויב איך וועל האָבען צייט.

— אַך, איהר האָט נאָך אַלץ מורא פאַר מיר, — האָט זי גע־לאַכט. — און וואָס מאַכט מיס בראָדסקי? זי איז נאָך דאָרט פאַרבליבען?

אָט די פראַגע האָט מיך שוין ארויסגעבראַכט פון געדולד. איך האָב באַקומען קוראַזש און האָב איהר געענטפערט:

— איהר ווייסט דען ניט אַז מיס בראָדסקי האָט געמוזט פאַרלאָזען דעם פּלאַץ, ווייל איהר חתן האָט באַקומען אַן אַנאָני־מען בריעף וואָס האָט געוואָרפען אַ פאַרדאַכט אויף אונזערע באַציהונגען?

מיסעס גרעפּטער האָט מיך אָנגעקוקט ערנסט און מיט אַן אומשולדיגע מינע, און האָט געזאָגט:

פארשער פון א שלאנג וואס פאנגט איהרע קרבנות מיט איהרע אויגען, וועלכע האבען אזא מאגנעטישע קראפט, דאס דער קרבן, אנשטאט צו אנטלויפען, לויפט איהר אנטקעגען ווי א פאר׳שכור־טער, געביסען צו ווערען פון איהר גיפטיגע צונג.

זי האט ארויפגעלייגט איהר רעכטע האנד אויף מיין לינקע וואס איז געווען נעבען מיר און האט אומבאמערקט פון קיינעם א לייכטען דריק געטאן, אזוי ווי זי וואלט מיר געדאנקט.

איך האב יעצט דייטליכער איינגעזעהן, וואס פאר א שווערע ראלע איך האב אויף זיך גענומען. איך דארף צייגען פריינדשאפט און ליעבשאפט צו מיסעס גרעפטער, אום זי זאל ניט האבען קיין אורזאכע בייז צו זיין אויף דער אומשולדיגער פארפאלגטער יתומה, מיס בראדסקי, און ניט אפריידען פון איהר דעם חתן.

א שווערע ראלע פאר א יונגען בחור פון קארגע צוואנציג יאהר, וועלכער האט זעהר ווייניג געקענט פרויען און זייערע קאפ־ריזען.

— איהר ווייסט, — האט מיסעס גרעפטער ליעבליך גע־זאגט, — איהר זעהט מיר אפט אויס ווי א היימישער קליין־שטעטעלדיגער בחור׳ל. איהר האט געדארפט מעהר זעהן די וועלט. אט בלייבט איהר א גאנצע וואך אליין. איהר האט א געלעגנ־הייט צו זעהן א ביסעל דאס לעבען. לאמיר מאכען אן אפאינטמענט אויף מארגען אווענד. אויף בראדוויי זיינען דא זעהר גוטע שאוס, און מוזיק, און טענץ.

— איך בין א קנאפער טענצער, — האב איך געזאגט.

— וועלען מיר זעהן ווי אנדערע טאנצען, — האט זי גע־ענטפערט.

שלעכט! — האב איך געטראכט — איך בין אריינגעפאלען מיט מיין ראלע. מיין מאמע איז גערעכט וואס זי זאגט א ווער־טעל: „גיב דעם שטן איין האר, שלעפט ער פאר׳ן גאנצען בארד”.

— איך וועל זעהן, מיסעס גרעפטער, ווי מיר וועט אויס־קומען. איך וועל אייך אפרופען אויפ׳ן טעלעפאן.

און אין הארצען האב איך זיך געטראכט: ווי גליקליך וואלט איך געווען, ווען איך וואלט מיט עטלען געקענט כאטש א ביסעל זיך דורכריידען אין פארק.

און אַט דער מירמעלשטיין, פּעני׳ס חתן, ווען איך זאָג נאָר איין וואָרט, לאָזט ער איבער זיין כלה און ווערט מיינער, מיינער אין גאַנצען. און איהר ליופּט פון מיר, איהר האַסט מיך, איהר פאַר־אַכטעט מיך —

אין איהר שטימע האָט זיך געהערט טרערען. דאַן האָב איך געמיינט אַז דאָס זיינען אמת׳ע טרערען. היינט ווייס איך אַז מיסעס גרעפטער איז געווען אַ גוטע אַקטריסע.

— איך וועל זיך נאָך אָפּרעכענען מיט איהר! — האָט זי געזאָגט.

אין מיין קאָפּ האָבען זיך אָנגעהויבען צו דרעהען פּלענער, ווי איינצושטילען דעם כעס פון דער באַליידיגטער מיסעס גרעפּ־טער און פאַרהיטען אַז זי זאָל ניט אויספיהרען איהר נקמה־פּלאַן און ברייגנען פאַרדרוס און שאַנד צו דער גוטער און נאָבעלער מיס בראָדסקי. ענדליך האָב איך זיך באַשלאָסען אויף אַ געוואַגטען שריט:

— מיסעס גרעפטער! — האָב איך געזאָגט, — וואָרום פאַלט אייך איין צו זאָגען אַז איך פאַראַכט אייך, אַז איך האַס אייך. עס איז גראָד פאַרקעהרט. איך האָב פאַר אייך גרויס רעספּעקט און איך טראַכט פון אייך זעהר — פיעל — אַט האָט איהר אַ סימן. דעם בריעף וואָס איהר האָט מיר אונטערגערוקט די נאַכט פאַר מיין אָפּפאָהרען פון ביילינסאָנ׳ס פּלאַץ, טראָג איך נאָך ביי זיך אין טאַש.

צום גליק האָב איך נאָך ביי זיך געהאַט איהר בריעף, ווייל אַ פאָרגעפיהל האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל איהם ניט פאַרניכטען, דען ער קען אַמאָל צוניץ קומען.

מיסעס גרעפטער האָט דערקענט דעם קאָנווערט און אויף איהר פּנים האָט זיך צושפּיעלט אַ שמייכעל. אויף ביידע באַקען האָבען זיך באַוויזען חן־גריבעלאַך. איהרע אויגען האָבען געקוקט אויף מיר און מיך געצויגען מיט אַ מאָדנער קראַפט.

דער קאַלטסטער פילאָזאָף וואָלט צוגאַנגען ווי אייז אויף דער זון ווען מיסעס גרעפטער וואָלט אויף איהם אַזוי געקוקט. אַ מוראַ׳־דיגע קראַפט האָבען געהאַט איהרע קאַלטע גרויע אויגען ווען זיי האָבען געקוקט אויף אַ קרבן. עהנליכעס דערצעהלען די נאַטור־

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

אָפּגעפּרעמדט!

איך בין געגאַנגען דורך פּראָספּעקט עוועניו. די גאַס איז געווען פול מיט מענשען, איבערהויפּט מיט יונגוואַרג. גאַנץ יונגע מיידלאַך און אויך עלטערע זיינען געגאַנגען פּאָרווייז און אין גרופּען. יונגע לייט וואָס זיינען זיי אַנגעקומען אַנטקעגען, האָבען אויף זיי געקוקט און באַטראַכט מיט אַ קריטישען בליק. אָפטמאָל האָבען זיך אויגען באַגעגענט מיט אויגען און הערצער האָבען גערעדט צו הערצער. נאָר די ליפּען זיינען געבליבען אומבאַוועגט און שטום.

וואָס נעהנטער איך בין געווען צו דער הויז וואו עטעל האָט זיך געפונען, אַלץ שטאַרקער האָט געקלאַפּט מיין האַרץ. איך האָב מורא געהאַט פאַר די באַגעגעניש מיט דבורה׳ן, עטעל׳ס מוטער. אָבער איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל פיליייכט טרעפען עטלען אַליין.

דבורה האָט געוואוינט אין אַ קליינעם אַפּאַרטמענט פון דריי צימערען אויפ׳ן גראַונד פלאָר פון אַ גרויסע דרייסיג פאַמיליען הויז. ווען איך האָב אָנגעקלונגען, האָט זיך די טיר אַ ביסעל געעפענט און איך האָב דערזעהן דבורה׳ן. זי איז געוואָרען שטאַרק איבערראַשט מיך צו זעהן, ווייל דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב איהר אָפּגעשטאַטעט אַ באַזוך. זי איז אָבער באַלד צו זיך געקומען און האָט געזאָגט מיט אַ געמאַטערטען שמייכעל:

— ענטשולדיגט, מר. פרומקין, איך בין ניט אָנגעטאָן פאַר אַזאַ גאַסט ווי איהר. איין מינוטעלע, און איך לאָז אייך אַריין.

עס האָט גענומען אַ דריי אָדער פיער מינוטען (מיר האָט עס אויסגעדאַכט אַ לאַנגע צייט) און דבורה האָט ברייט געעפענט די טיר מיך אַריינצולאָזען. זי האָט מיר געפרעגט וואָס מיין מוטער מאַכט און וועגען דעם צוועק פון מיין באַזוך. זי האָט געזאָגט;

ביי מיר איז געווען פּעטם באַשלאָסען, זיך צו זעהן מיט עטלען נאָך אין דעם זעלבען אָוועגד.

וואָס עס זאָל ניט זיין, איך מוז זי זעהן. איך מוז זיך מיט איהר דורכריידען. איך מוז איהר אַלעס דערצעהלען וואָס ביי מיר איז אויפ'ן הארצען. זאָל זי הערען, וויסען, אורטיילען און מיר זאגען וואָס איך האָב צו טאָן. ווי זי וועט זאָגען, אזוי וועל איך האַנדלען.

ניט איהר מוטער און ניט מיין מוטער האָבען אַ רעכט צו שטעהן אונז אין וועג. זיי טאָרען אונז ניט שטערען!

אַזעלכע געדאַנקען האָב איך געטראַכט פאַהרענדיג מיט מיסעס גרעפּטער, צו דער זעלבער צייט זוכענדיג איהר אַרויסצוציִיגען פריינדשאַפט, כדי אָפּצוקיהלען איהר כעס אויף מיס בראָדסקי.

אום האַלב נאָך זיבען זיינען מיר אָנגעקומען אין דער צווייי און פערציגסטער סטריט, אין ניו יאָרק. מיסעס גרעפּטער האָט מיר געגעבען אָנצוהערענים אַז איך זאָל נעמען אַ טעקסי קעב און איהר אָפּפיהרען אַהיים. איך האָב אַזוי געטאָן. דאָס איז געווען ביי מיר דאָס ערשטע מאָל וואָס איך פאָהר אין אַ טעקסי מיט אַ פרעמדער דאַמע. איך האָב באַמערקט, אַז אין דער פעִרי, ווען מענשען האָבען מיך געזעהן אַריינשטייגען אין טעקסי מיט איהר, האָבען זיי געקוקט אויף מיר מיט גרויס קנאה. נאָכדעם ווי איך האָב זי אָפּגעפיהרט צו איהר וואוינונג, אין האַרלעם, האָב איך איהר געהאָלפען אויסשטייגען און פאַרשפּראָכען אָפּצורופען זי אויפ'ן טעלעפאָן ווען איך וועל קענען מיט איהר אויסגעהן. נאָכ־דעם האָב איך געהייסען דעם שאָפיר מיך אָפּפיהרען אַהיים אין די בראָנקס.

דער זייגער איז שוין געווען האַלב נאָך אַכט, ווען איך האָב פאַרלאָזען מיין היים צו געהן צו דער הויז וואו עטעל האָט גע־וואוינט מיט איהר מוטער, אַ פינף בלאָק ווייט.

אַרבייטער, אָדער אַ סיילסמאַן. איך האָף, אַז זי וועט אין קורצען קריגען אַ פיינעם יונגענמאַן, לויט אונזער שטאַנד. אָבער פאַר איך איז דאָס ניט קיין שידוך. עס קען ניט זיין און עס וועט ניט זיין. ווען איהר וועט קומען צו איהר, וועט איהר בלויז פאַרטרייבען אַנדערע יונגע לייט און מיין טאָכטער וועט שוין קיינער ניט געפעלען זיין. איך האָב וועגען דעם געשריבען אייער מוטער. איך בעט אייך, טייערער מר. פרומקין, קומט ניט מעהר און זוכט ניט מעהר מיין אָרימע קינד.

איך געדענק שוין ניט וואָס איך האָב איהר געענטפערט. איך געדענק בלויז אַז איך בין געגאַנגען אין גאַס ווי אַ פאַר'חלומ'טער. מיין האַרץ האָט געקאָכט אין מיר. איך בין געווען אין כעס אויף דבורה'ן, איך בין געווען אין כעס אויף מיין מוטער. און איך בין אויך געווען אין כעס אויף עטלען. ווי אַזוי האָט זי געקענט שליסען באַקאַנטשאַפט מיט אַן אַנדערען, ווען איך ווייס אַז זי ליעבט נאָר מיך? זי איז פאַלש אַזוי ווי אַלע פרויען. זי איז פאַלש צו מיר. זי איז פאַלש צו זיך אַליין.

וואָס פאַר אַ נאַר איך בין דאַן געווען! ווי האָב איך ניט געקענט פאַרשטעהן, אַז די געשיכטע וואָס דבורה האָט מיר דער־צעהלט, אַז איהר עטעל איז אויסגעגאַנגען מיט אַן אַנדער יונגען־מאַן, איז געווען אַ ליגען? אין דער צייט וואָס איך האָב מיט דבורה'ן גערעדט אין איין צימער, איז עטעל געזעסען אין אַן אַנ־דער צימער און האָט שטיל געוויינט. זי האָט געמוזט פאָלגען איהר מוטער, וועלכע האָט איהר באַפוילען זיך ניט צו ווייזען פאַר מיר. זי האָט געהערט דעם שרעקליכען ליגען וואָס האָט אונז אָפּ־געשיידט, אָפּגעריסען איינעם פון אַנדערען. דער ליגען וואָס האָט אין מיר פאַרזייט די קערנער פון אַ ביטערען גיפט. איך האָב פאַרלאָרען מיין גלויבען אין פרויען, מיין גלויבען אין ליעבע, און מיין שעהנסטער טרוים איז אַוועק מיט'ן רויך.

ערשט יאָהרען שפּעטער האָב איך אויסגעפונען דעם אמת...

און דערווייל האָט אין מיין האַרצען גענומען קאָכען און זידען די ביטערע גיפט. איך האָב געוואָלט עפּעס טאָן אַ שלעכטע זאַך, צו להכעיס אַלעמען, צו להכעיס זיך אַליין. איך האָב געזוכט אַ נקמה, אַ גרויסע נקמה, אָהן זיך, אָן אַלעמען.

— אַזאַ גרויסע עהרע! איהר, מיסטער פרומקין, זאָלט קומען צו מיר. דאָ מוז דאָך עפּעס זיין.

— איך האָב געוואָלט זעהן עטלען, — האָב איך געזאָגט און איך האָב געפיהלט אַז עס שטיקט מיר אין האַלז.

— עס טוט מיר זעהר לייד, — האָט דבורה געזאָגט. — מיין עטעל איז היינט אויסגעגאַנגען מיט אַ יונגען מאַן.

— מיט וועמען? — האָב איך געפרעגט און זיך שטאַרק פאַרשעהמט פון מיין אומשולדיגער פראַגע.

דבורה האָט, ווי עס ווייזט אויס, זיך געפונען אין אַ פאַר־לעגענהייט, דאָך האָט זי געענטפערט:

— וואָס פאַרשטעהט איהר ניט? עטעל איז שוין באַלד אַכצעהן, געהט זי שוין אויס מיט אַ יונגען מאַן. וואָס האָט איהר געוואָלט איהר זאָגען?

— גאָרנישט, — האָב איך געענטפערט מיט אַ הייזעריגער שטימע, — איך האָב איהר געוואָלט איבערגעבען אַ גרוס פון אַ פריינדין... איהרע אַ פריינדין... מיס בראָדסקי —

— איך דאַנק אייך, — האָט דבורה געענטפערט. — אַז זי וועט קומען אַהיים, וועל איך איהר דאָס איבערגעבען.

— גוד נאַיט, — האָב איך געזאָגט און האָב זיך גענומען רוקען דורך דער טיר.

דבורה איז מיר נאָכגעגאַנגען.

— איך האָב אייך געוואָלט עפּעס בעטען, — האָט זי גע־זאָגט, ווען מיר זיינען שוין געווען אין גאַס.

איך האָב געוואַרט צו הערען וואָס זי וועט מיך בעטען.

— מר. פרומקין, טייערער! — האָט זי געזאָגט מיט אַ גע־בעט. — טוט מיר די טובה און פאַרגעסט מיין טאָכטער. צו וואָס דאַרפט איהר זי? איהר קענט קריגען שעהנערע און רייכערע. צו וואָס זאָלט איהר פאַרדרעהען איהר דעם קאָפּ? אייערע עלטערען וועלען קיינמאָל ניט איינשטימען אַז איהר, זייער איינציגער זוהן, זאָל חתונה האָבען מיט דער טאָכטער פון אַן אָרימע דזשעניטרעס. אייך אַליין וועט דער שידוך מיאוס ווערען, און מיין טאָכטער קען פון דעם אַ סך ליידען. עס איז בעסער אַז איהר זאָלט זיך אָפּ־פרעמדען. מיין טאָכטער פּאַסט זיך פאַר עפּעס אַן אָרינטליכען

אין דיזען מאָמענט איז צוגעפאָהרען א טעקסי־קעב צו דער הויז. די הארץ האָט מיר געזאָגט אז דאָס איז געווען באשטעלט פאַר מיסעס גרעפטער און איהר גאַסט. איך בין אַריבער אויף דער אַנדער זייט גאַס און האָב זיך אַוועקגעשטעלט הינטער א גלעזער־נעם שוי־קאַסטען פון א סטאָר. פון דאָרט האָב איך אָפּגעוואַרט צו זעהן וואָס דאָ וועט פּאַרקומען.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און עס איז אַרויסגעקומען מיסעס גרעפטער באַגלייטעט פון קיין אַנדערען ווי מר. מירמעל־שטיין, פעני בראָדסקי'ס חתן.

עס האָט מיר אָנגעכאַפּט א שרעקליכער עקעל צו דער פרוי. איך האָב געוואַרט ביז די פּאָרעל האָבען זיך אַריינגעזעצט אין טעקסי קעב און זיינען אַוועקגעפאָהרען. נאָכדעם האָב איך א שפּיי געטאָן און בין אַוועק אהיים.

איך וועל געהן צו מיסעס גרעפּטער! איך וועל ווערען איהר געליעבטער. איך וועל מיט איהר חתונה האָבען אַזוי גלייך ווי זי גט זיך אָפּ מיט איהר מאַן. איך וועל אָנמאַכען עטלעכע הארץ־קרענקונג, איך וועל פאַר׳מיאוס׳ען דעם נאָמען פון מיינע עלטע־רען, ווענמענס עשירות איז מיין אומגליק. און איך וועל טאָן אַ גרויסע טובה צו די איינציגע פריינדין וואָס איך האָב, מיס בראַדסקי, מיט דעם וואָס איך וועל אַוועקנעמען מיסעס גרעפּטער פון איהר חתן!

מיין זייגער האָט שוין געהאַלטען אַ פערטעל נאָך ניין. איך בין אריין אין אַן אַפּטייק צו טעלעפאָנירען צו מיסעס גרעפּטער, אויב איך קען צו איהר גלייך קומען. צו וואָס אָפּלייגען די נקמה? מיין הארץ קען זיך נאָך דערווייל אָפּקיהלען.

נאָכדעם ווי איך האָב פאַר פינף מינוטען כסדר געאַרבייט צו קריגען מיסעס גרעפּטער אויפ׳ן טעלעפאָן און „סענטראַל״ האָט מיר אַלץ געענטפערט „ביזי״, האָב איך באַשלאָסען צו געהן צו איהר אָהן אַ טעלעפאָן. אויב איהר טעלעפאָן איז ביזי, הייסט דאָך אַז זי איז אין דער היים.

איך בין ארויף אויף אַן עלעוייטעד טריין. נאָכדעם האָב איך געהאַט צו בייטען אויף אַ סאָבוויי. און ווען איך בין שוין געווען ביי דער הויז וואו מיסעס גרעפּטער האָט געוואוינט, איז שוין געווען פינף מינוטען נאָך צעהן. איך האָב געוואוסט אַז זי וואוינט אויפ׳ן דריטען פלאָר, צו די פראָנט. איך האָב אַ קוק געטאָן פון גאַס — איהר וואוינונג איז געווען באַלויכטען. באַלד האָב איך זי געזעהן צוגעהן צום פענסטער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַן איווניננג דרעס, אַזוי ווי צו אַ באַל. איך האָב שוין געוואָלט אָנקלינגען און ארויפגעהן, אָבער איך האָב מיט אַמאָל דערזעהן די פיגור פון אַ מאַן צוקומען צו איהר. זיינע אָרימס האָבען זי ארומגענומען און זיי האָבען זיך צוקושט.

ווער איז דאָס געווען? זיין געזיכט האָב איך ניט געקענט זעהן, ווייל ער איז געשטאַנען מיט׳ן רוקען צום פענסטער. איך בין אָבער געווען זיכער, אַז דאָס איז ניט איהר מאַן. עס איז געווען אַן אַנדער פיגור.

איך האָב זיך דערשראָקען פאַר זיך אַליין. אויב איך וועל דעם גיפט לאָזען מיך באַהערשען, וועט פון מיר זיין אַ שלעכטער סוף. אַט בין איך ערשט געווען אין דער געפאַהר פון ווערען אַ געליעב־טער, אַ שקלאַף פון אַ פאַרדאָרבענער פרוי, די מיסעס גרעפטער! ווען ניט דער צופאַל דאָס מירמעלשטיין איז גראָד דעם אָוועגד געווען ביי איהר, וואָלט איך יעצט געווען איהר גאַסט. איך וואָלט געווען אַ געפאַלענער, אַ געזונקענער.

ביי. אַ שטונדע בין אַיך אַזוי אַרומגעגאַנגען אין גאַס. איך האָב קיין חשק ניט געהאַט אַרויפצוגעהן אין הויז. איך האָב מורא געהאַט פאַר די איינזאַמקייט. און דערצו (אַ מערקווירדיגע זאַך פאַר אַ פאַרליעבטען!) האָב איך זיך דערמאָנט אַז איך האָב נאָך מיין סאַפער ניט געגעסען. בין איך אַוועק אין אַ נאָהענטען קאַפע־הויז עפּעס איבערצובייסען.

די קאַפע־הויז איז געווען העל באַלויכטען און היבש געפּאַקט. כמעט אַלע טישען זיינען געווען פאַרנומען מיט יונגע מענשען, פאַרלאַך, חתנים און כלות, אָדער אַזוי הייראַטס־קאַנדידאַטען. אַלע זיינען געווען פרעהליך געשטימט. מען האָט געלאַכט, און די פּנים'ער האָבען געשטראַהלט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל און געפיהלט אַזוי ווי איינער וואָס די געזעלשאַפט האָט איהם אויסגעשפּיגען, אַרויסגעוואָרפען פון זיך אַזוי ווי אַ מצורע. מיט וואָס פאַר אַ רעכט בין איך געקומען מיט מיין שווער געמיט צו פאַרדאַרבען די אַטמאָספערע פון אַזאַ גליקליכע געזעלשאַפט? איך האָב זיך באַמיהט אויסצוזעהן פרעהליך, אָבער אומזיסט! מענשען האָבען באַמערקט מיין עלענדקייט, און איך האָב באַ־מערקט ווי אַ פּאָר יונגע ברונעטקעס מיט פלאַם־פייערדיגע אויגען האָבען זיך ווענען מיר גע'סוד'עט, און מיט אַמאָל האָבען זיי זיך צולאַכט.

איך האָב שנעל אָפּגעגעסען און אַנטלאָפען אַהיים.

באַטראַכטענדיג מיין צימער, האָב איך אויף מיין טיש געפונען אַן ענלישען בוך וואָס עטעל האָט געהאַט ביי מיר געליהען און האָט עס מיר אָפּגעבראַכט צוריק אַ טאָג איידער מיר זיינען אָפּגעפאָה־רען אין קאַנטרי. איך האָב גענומען בלעטערען דעם בוך. אַזוי ווי איך וואָלט געזוכט אַ שפור פון עטלען. אין איין אָרט האָב איך

איין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

וואָס איז ליעבע?

איך בין געגאַנגען אהיים. אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען ביז איך בין געקומען צו דער איינזאַמער און פאַרלאָזענער וואוינונג פון מיינע עלטערן. איך האָב זיך געדרעהט דורך פאַרשידענע גאַסען. איך האָב באַטראַכט די מיידלאַך און די פרויען וואָס איך האָב באַגעגענט. „איהר זייט אַלע פאַלש, פאַלש. איהר האָט קיין באַגריף פון טרייהייט, פון אויפריכטיגקייט" האָב איך אין האַרצען אויסגעשריען.

און ווען איך האָב באַמערקט אַ פּאָר יונגע מיידלאַך שמייכלען צווישען זיך ווען זיי האָבען מיך געזעהן, האָב איך געוואָלט צוגעהן און זאָגען צו זיי: „איהר זאָלט וויסען זיין, אַז איך וועל קיינמאָל ניט חתונה האָבען. איך האָב אייך פיינט! איך האָב פיינט אַלע פרויענצימער!"

קיינמאָל אין מיין לעבען וועל איך ניט פאַרגעסען יענע נאַכט. עס איז פאַר מיר געווען אַ קריזיס, אַ שווערער מאָמענט. איך האָב געפיהלט, אַז איבער מיר פאַרשפּרייט זיך אַ גיפט וואָס וועט באַלד דורכדרינגען מיין קערפּער און מיין נשמה. איך בין נאָך געווען יונג אין אייגענער ערפאַהרונג, אָבער איך האָב ביי יענער צייט שוין פיעל געלעזען, און איך האָב געוואוסט ווי ביי מענשען זיינען די נשמות פאַרגיפטעט געוואָרען צוליעב דעם וואָס זיי זיינען ענטוישט געוואָרען אין ליעבע. זיי זיינען געוואָרען פרויען־פיינט און מענשען־פיינט. צוליעב די פאַלשקייט פון אַ פרוי, אָדער אַ געליעבטע זיינען מענשען געוואָרען רשעים, פּראָצענטניקעס וואָס האָבען געשונדען די הויט פון זייערע קרבנות, בערזען־ספּעקולאַנטען וואָס האָבען געטריבען מענשען צו באַנקראָט און זעלבסטמאָרד, און סתם אַזוי פאַרברעכער וואָס אַ מענשען׳ס לעבען האָט ביי זיי קיין ווערט ניט.

ביל. זי וועט זיך פאַרשעהמען און רויט ווערען. עס וועט איהר ניט אָנשטעהן וואָס זי געהט אַזוי אָרים אָנגעטאָן און וואָס איהר מאַן זעהט אוים אַזוי אָרים. זי וועט זיך טראַכטען אַז ווען זי וואָלט געהאַט אַ ביסעלע מוט, וואָלט זי דאָך געקענט זיצען נעבען מיר אין אָטאָמאָביל... און איך וועל זיך מאַכען גלייך ווי איך זעה זי ניט. איך וועל זיך איינבויגען צו דער גרויסער שעהנהייט וואָס וועט זיצען נעבען מיר און וועל איהר עפּעס זאָגען מיט אַ ליעבליכען שמייכעל. און מיינע וועט אויך שמייכלען... און עטעל וועט זעהן אַז איך בין גליקליך אָהן איהר...

איך בין איינגעשלאָפען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט.

געפונען אַז עטעל האָט מיט אַ בלייפעדער אונטערגעשטריכען די ווערטער:

„דער עיקר פון ליעבע איז צו ליעבען: געליעבט צו ווערען איז אַ נעבען זאַך. די גליקליכסטע צייט פון מענשען איז ווען ער פאַרליעבט זיך, און ניט אין דעם מאָמענט ווען די געליעבטע גיט איהם איהר יאָ־וואָרט."

איז מעגליך אַז עטעל האָט מיט דעם געמיינט זיך? איז מעגליך אַז ניט האָבענדיג קיין האָפנונג געליעבט צו ווערען פון מיר האָט זי זיך צופרידענגעשטעלט מיט דעם וואָס זי ליעבט מיך? איז מעגליך אַז זי האָט באַשלאָסען צו פאָלגען איהר מוטער און זיך זוכען אַ חתן ווייל זי זעהט אַז זי קען ניט האָפען אויף מיר?

ניין, — האָב איך געטראַכט, — עטעל איז געוואָרען פאַלש. זי האָט ניט געהאַנדעלט אויפריכטיג מיט מיר. זי האָט זיך גע־דאַרפט מיט מיר צוערשט דורכריידען. און אגב, האָט זי נאָך צייט — זי האָט געקענט וואַרטען אַ יאָהר אָדער צוויי. ערשט מיט צוויי וואָכען צוריק האָט מיר מים בראָדסקי איבערגעגעבען אַ גרוס פון איהר, און היינט איז שוין עטעל אויסגעגאַנגען מיט אַ פרעמ־דען יונגען מאַן וואָס שדכנ׳ט זיך צו איהר. זיי מוזען נאָך יעצט זיצען אין אַ פּאַרק און שמועסען שטילערהייט ווי אַ פּאָר גע־ליעבטע.

די אייפערזוכט האָט מיך ווילד געמאַכט. איך מוז איהר צייי־גען — זאָל זי זעהן! איך וועל אויסזוכען אַ רייכע כלה און אַ שעהנערע און אַ געבילדעטערע פון איהר. נאָך דער חתונה וועל איך אַרויספאָהרען מיט מיין פרוי אין אַן אַטאָמאָביל. מענשען וועלען אויף אונז קוקען מיט קנאה. עטעל וועט אונז אָנקומען אַנט־קעגען, שטופענדיג אַ בייבי קערידזש. זי וועט זיין אָנגעטאָן ווי אַן אָרימע אַרבייטער פרוי. נעבען איהר וועט גיין אַ יונגער מאַן אין אָרימע קליידער, אַ בלאַסער, אַ שוין באַלד אַ וואָך אָהן אַ שייוו. עטעל וועט דערזעהן מיך און מיט ווענען איך פאָהר אין אַטאָמאָ־

— זי איז אַ אויסגעצייכענטע בוכהאַלטערין און סטענאָ־גראַפער, און זי קאָסט פיער דאָלאַר אַ וואָך ווייניגער ווי די מיס קלאַץ וואָס האָט דאָ פריהער געאַרבייט.

איך האָב זיך דערמאָנט ווי מיין פאָטער פלעגט זיך כסדר באַקלאָגען אויף מיס קלאַץ, אַז זי מאַכט גרויסע מיסטייקס אין די רעכנונגען און אַז זי קען אַ רעכטען בריעף ניט אָנשרייבען. מיין פאָטער האָט זי ניט געקענט ענטזאַגען, ווייל זי איז געווען אַ יתומה. האָט מיין פאָטער געטראָפען אַ גליק, די מיידעל האָט חתונה גע־האַט און ער האָט געקענט נעמען אַן אַנדערע אויף איהר אָרט.

— מיס קלאַץ פלעגט נעמען אַכצעהן דאָלאַר אַ וואָך און איז ניט ווערט געווען קיין זעקס. און די מיס שעהנפעלד איז ווערט דרייסיג און זי נעמט בלויז פערצעהן. איך האָב זיך מיט איהר אויסגעדונגען פאַר פערצעהן, — האָט סימכאָוויטש זיך באַריהמט פאַר מיר. — זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן פּלאַץ, ווייל זי וויל ניט אַרבייטען שבת.

עס האָט מיר אַ דריק געטאָן ביים האַרצען. וואָס דאַרף מיין פאָטער די פיער דאָלאַר אַ וואָך וואָס סימכאָוויטש האָט אַראָפּגע־ריסען ביי דער אָרימער מיידעל? וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי מיין פאָטער די פיער דאָלאַר? אַ וואונדער אַז מיין פאָטער האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט צו קריגען אַ בעסערע אַרבייטערין און ביי איהר אַראָפּרייסען פיער דאָלאַר אַ וואָך.

איך האָב דאָס געזאָגט צו מר. סימכאָוויטש. עס האָט איהם אַ ביסעל פאַרדראָסען וואָס איך האָב ניט אָנערקענט זיין טריי־הייט און איבערגעבענהייט צום געשעפט, און ער האָט מיר גע־ענטפערט מיט אַ טאָן ווי מען ענטפערט אַ קליינעם אינגעל אַ נאַרישע קשיא:

— ביזנעס איז ביזנעס, מיסטער פּרומקין. אין געשעפט דאַרף מען זוכען יעדען טשענס צו שפּאָרען אַ דאָלאַר. פערצעהן דאָלאַר איז גענוג פאַר אַ מיידעל וואָס וויל אַרבייטען אין אַן אַנשטענדיגען אָפיס ווי ביי אונז. די וואָס צאָהלען אַ מיידעל גרעסערע ווייזשעס, זיינען אויסען ניט איהר אַרבייט, נאָר עפּעס אַנדערש.

צוויי־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ביזנעס און פּלעזשור

אויף מאָרגען, דינסטאָג, בין איך אויפגעשטאַנען אָרום זיבען. איך האָב אָפּגעגעסען מיין פריהשטיק אין דעם זעלבען קאַפע־הויז וואו איך האָב די פאָריגע נאַכט געגעסען סאַפּער, און נאָכדעם בין איך אַוועק אין מיין פּאַטער׳ס געשעפט, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ גרויסע אָפיס געביידע, אויף בראָדוויי.

סימכאָוויטש, דער מענעדזשער פון געשעפט, האָט מיר אָפּ־געגעבען אַ ברייטען שלום עליכם און האָט מיך באַגלייט צו מיין פּאַטער׳ס פּריוואַט אָפיס. דאָרט האָט ער פאַר מיר פאָרגעשטעלט אונזער נייע בוכהאַלטערין, מיס שעהנפעלד, וועלכע איז אָנגעקומען צו אונז ערשט מיט דריי וואָכען צוריק.

זי איז געוועזען הויך און שלאַנק, מיט סאַמעט־גלאַטע דונקעל ברוינע האָר און אַ קלאָרע, מילך־ווייסע געזיכט. זי האָט געהאַט אַ פּאָר אויגען וואָס האָבען האַרמאָנירט מיט דעם קאָליר פון איה־רע האָר, און זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אינטעליגענטע, קלוגע מיידעל, אָבער זעהר אַ שוויינענדיגע. ווען סימכאָוויטש האָט זי פאַר מיר פאָרגעשטעלט, האָט זי זיך פאַרשעהמט און איהר פּנים איז אַ קאַפּעלע רויט געוואָרען. זי וואָלט אפשר נאָך רויטער גע־וואָרען, אָבער עס האָט אויסגעזעהן אַז זי האָט ניט געהאַט גענוג בלוט אין איהר פּנים. איהרע קליידער זיינען געוועזען נעט, אָבער אָפּגעריסען, אויסגעטראָגען.

דאָס אַלעס האָב איך אויפגעכאַפּט מיט מיין אויג, און עס איז מיר קלאָר געוואָרען, אַז די מיידעל אַרבייט ניט אום צו האָבען אויף וואוילטאָג און לוקסוס. מסתמא זיינען דאָ נאָך מיילער וואָס לעבען פון איהרע פאַרדיענסטען.

ווען איך בין אַריין אין פעקטאָרי, וואו מען האָט געאַרבייט אויף די קליידער, האָט סימכאָוויטש געזאָגט צו מיר:

— סע וואָלט גאָר קיין עולה ניט זיין, ווען זי וואָלט קריגען עטליכע דאָלאָר מעהר. — האָב איך געענטפערט.

— וואָס רעדט איהר ! — האָט סימכאָוויטש אויסגערופען. — ווען זי קריגט מעהר געלד הערט זי זיך אויף צו פלייסען. זי וועט שוין ניט אַרבייטען אַזוי גוט. זאָל זי צוערשט אָפּאַרבייטען אַ יאהר צייט אויפ'ן פּלאַץ, און דאַן וועל איך זאָגען אייער פאָטער, אַז ער זאָל איהר געבען צוויי אָדער דריי דאָלאָר מעהר. עס איז דאָך אַ רחמנות אויף איהר. די מיידעל האָלט אויס אַ מוטער, אַן אַלמנה, מיט איהרע פּאַרדיענסטען, און עס איז נאָך דאָ אַ קליינער ברודערל וואָס געהט אין סקוהל.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון לאָנטש, האָב איך געפונען מיס שעהנפעלד עסענדיג איהר מיטאָג פון אַ פּאַפּירענעם זעקעל, וואָס זי האָט וואַרשיינליך מיטגענומען פון דער היים. ווען איך בין אַריינגעקומען האָט זי זיך ווי דערשראָקען און פאַרשעהמט, האָט צוזאַמענגענומען די ברעקלאַך וואָס זיינען געווען אויף איהר טיש און באַהאַלטען אין דעם זעקעלע.

— ענטשולדיגט מיר, — האָב איך געזאָגט, נאָך מעהר פאַר־שעהמט פון איהר, — איך האָב אייך געשטערט.

— איך בין ניט קיין גרויסע עסערין, — האָט זי געענט־פערט, זיך באַמיהענדיג אַ לאַך צו טאָן. — איך האָב שוין אָפּ־געגעסען.

זי איז צוגעגאַנגען צו די גרויסע פלאַש קאַלטע קוואַל־וואַסער וואָס איז געשטאַנען אין דעם צימער, האָט זיך אָנגעפילט אַ גלאָז און אויסגעטרונקען.

ווען זי וואָלט געהאַט די פיער דאָלאַר מעהר וואָס דאָס פרי־הערדיגע מיידעל פלעגט באַקומען — האָב איך זיך געטראַכט — וואָלט זי געקענט געהן עסען אַ וואַרימען מיטאָג און טרינקען אַ טאַסע קאַפע צו דעם. איז דען אַ וואונדער וואָס זי זעהט אויס אַזוי בלאַס ?

אַי, סימכאָוויטש ! ביזט אַ געמיינער מענש ! ווי לאַנג צוריק ביזטו אַליין געקראָכען אויף אַלע פיער פאַר מיין פאָטער, און גע־ווינט און געקלאָגט פאַר איהם, ווייל דו האָסט געוואָלט ער זאָל

„אַי, זייט איהר אַ דבר־אחר, מיסטער סימכאָוויטש!“ — האָב איך זיך געטראַכט אין האַרצען. אָבער זאָגען האָב איך איהם דאָס ניט געזאָגט.

איך בין צוריק אַריין אין דעם פּריוואַט אָפיס און זיך אַוועק־געזעצט ביי מיין פּאָטער'ס שרייב־טיש. מיס שעהנפעלד איז צו־געגאַנגען, האָט אַוועקגעלייגט דריי בריעף אויפ'ן טיש און איז געבליבען שטעהן פאַר מיר, מיט אַ ביכעל אין די הענד, וואַרטענ־דדיג אויף מיינע באַפעהלען.

— פּליז, סיט דאַון, — האָב איך צו איהר געזאָגט.

ווידער האָט זיך אַ לייכטע רויטקייט באַוויזען אין איהר בלאַסען פּנים. איך האָב דאַן באַמערקט בלויע רינגען אַרום איהרע אויגען.

איך האָב איהר דיקטירט אַנטוואָרטען אויף צוויי פון די בריעף. וועגען דעם דריטען בריעף וועל איך זיך מוזען באַראַטען מיט מר. סימכאָוויטש, האָב איך איהר געזאָגט.

אין ווייניגער ווי צעהן מינוטען האָט זי מיר געבראַכט די צוויי בריעף וואָס איך האָב איהר דיקטירט, איבערגעשריבען אויפ'ן טייפּרייטער, זעהר נעט און פּינקטליך. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָב אויסגערופען מיט ענטציקונג:

— ספּלענדיד וואָירק! (אַן אויסגעצייכענטע אַרבייט!)

אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף איהרע ליפּען. זי איז געווען גליקליך. ווען זי וואָלט געהאַט בלוט אין איהר פּנים, וואָלט זי זיכער שטאַרק רויט געוואָרען.

זי איז נאָכדעם אַוועק אין איהר ווינקעל און האָט זיך פאַר־נומען מיט די בוכפיהרונג.

צוועלף אוהר האָב איך איינגעלאַדען סימכאָוויטש'ן צו עסען מיט מיר לאָנטש אין אַ נאָהענטען רעסטאָראַן, ווייל איך האָב איהם געוואָלט צייגען אַז איך בין אַ גוטער באָס. ער האָט זיך ניט געלאָזט בעטען. ביים עסען האָט ער מיר באַמערקט:

— זי איז אַן אויסגעצייכענטע אַרבייטערין, די מיס טעהנ־פעלד. זעהט, איהר זאָלט זי ניט איבערפיהרען מיט גוטסקייט. זי קען נאָך פאַרלאַנגען מעהר געלד.

בעני האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן מיין איינלאַדונג. ער איז גע־קומען גראָד ווען מים שעהנפעלד האָט פאַרלאָזען דעם אָפּיס. בעני האָט איהר נאָכגעקוקט, ווי אַ מבין, און האָט צו מיר גע־זאָגט:

— סעי, זי איז דאָך אַ מיידעל אַז אַנטיק. וואו האָסטו זי אויסגעקראַצט?

— זי איז דען אַזוי שעהן? — האָב איך איהם נייגעריג גע־פרעגט.

— מען דאַרף זיין אויף איהר אַ מבין! — האָט ער אויס־געגרופען, — מען דאַרף זי צוערשט שיקען אין קאַנטרי זי זאָל זיך אַ ביסעל אָפּעסען און קריגען אַ פּאָר רויטע באַקען, און נאָכדעם וואָלט איך זי צוצוקערט.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס בעני האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „צוצוקערט”. אָבער איך האָב זיך געשעהמט איהם צו פרעג־גען.

— וויפיעל קריגט זי דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— פערצעהן.

— וואָס איך הער — האָט בעני אויסגערופען. — איך נעם זי צו פון דיר. איך גיב איהר פינף און צוואַנציג!

— זי וועט צו דיר ניט געהן, — האָב איך זיך גערייצט מיט איהם, — ביי דיין טאַטען אַרבייט מען שבת.

— אַהאַ, זי איז אַ פרומע, — האָט בעני געזאָגט אַ ביסעל ענטוישט, — טאָ האַלט זיך מיט איהר, מיט דער רביצין. סעי, סעם, אַז דו ווילסט, וועל איך דיך באַקאַנט מאַכען מיט אַ מיידעל, איז זי ווערט איהר געוויכט אין גאָלד. זיי זיינען צוויי שוועסטער. מיר איינע — דיר איינע.

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר מיט דיינע מיידלאַך, — האָב איך געזאָגט. — קום, לאָמיר פאָהרען צום ים. איך וויל כאַפּען אַ ביסעל פרישע ים לופט.

און מיר זיינען אַרויס פון אָפּיס.

דיר העכערען עטליכע דאָלאַר אַ וואָך מעהר? — ווי גערן וואָלט איך דאָס געוואָלט זאָגען סימכאָוויטש׳ן!

איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך מוז די אָרימע מיידעל אַרויסהעלפען. זי מוז קריגען צום ווענינסטענס אַזוי פיעל ווי די פריהערדיגע מיידעל.

אַרום צוויי אוהר האָט דער טעלעפאָן אָנגעהויבען צו קלינגען. איך האָב געלאָזט מיס שעהנפעלד ענטפערען. זי האָט געענטפערט און באַלד האָט זי זיך געווענדעט צו מיר, זאָגענדיג:

— אַ ליידי וויל צו אייך ריידען.

איך האָב גענומען די טרייבעל אין האַנד און זיך צוגעהערט:

— העלאָו!

איך האָב דערקענט מיסעס גרעפּטער׳ס שטימע. מיין בלוט האָט אַ קאָך געטאָן פון דער חוצפּה.

— וועל? — האָב איך געפרעגט מיט אַ טרוקענער שטימע.

— וועל? — האָט זי לאַכענדיג איבערגעפרעגט, — איהר דערקענט שוין ניט מיין שטימע? איך בין ליליאַן — מיסעס גרעפּטער. ווילט איהר היינט אָווענד קומען צו מיר? איך וועל אייך ערוואַרטען — מיר וועלען האָבען אַ גוד טאַים.

— איך בין זעהר ביזי, — האָב איך געענטפערט.

— מאָרגען? — האָט זי געפרעגט.

— איך וועל זיין ביזי די גאַנצע וואָך. ווען איך וועל זיין פריי, וועל איך אייך לאָזען וויסען.

און ניט וויסענדיג וואָס זי וועט ווייטער זאָגען, האָב איך אויפגעהאַנגען די טרייבעל מיט כעס.

איך האָב באַמערקט, אַז מיס שעהנפעלד האָט זיך געפרעהט וואָס איך האָב אַזוי גראָב אָפּגעשניטען די אומבאַקאַנטע ליידי.

פינף אוהר האָב איך אָפּגערופען מיין אַלטען חבר בעני, וועל־כען איך האָב שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן, און איהם גע־פרעגט אויב ער וויל מיט מיר אויספאַהרען ערגעץ דעם אָווענד. איך האָב געפיהלט, אַז איך מוז האָבען אַ ביסעל צושטרייאונג און בעני איז געווען אַ גוטער געזעלשאַפטער. מען האָט זיך ניט גע־קענט פיהלען אומעטיג אין זיין געזעלשאַפט.

— זאָג מיר, בעני, דו גלויבסט אין ליעבע? — האָב איך געפרעגט.

— שור גלויב איך אין ליעבע! — האָט ער אויסגערופען. — ליעבע איז די גרעסטע זאַך אין דער וועלט. איך ליעב בלאָנדינקעס, איך ליעב ברונעטקעס, איך ליעב מיידלאַך, איך ליעב ווייבלאַך, איך ליעב הויכע, איך ליעב קורצע, און דער עיקר איז אַז זיי לאָזען זיך געבען אַ קוש.

— דאָס איז ניט ליעבע, — האָב איך איינגעווענדעט. — איך מיין ליעבען איינע און זי ליעבען מיט'ן גאַנצען הארצען, ליעבען נאָר זי אַליין.

— צו וואָס בלויז איינע? — האָט בעני זיך געוואונדערט. — ליעבע איז אַ גוטע זאַך, איז טאַקע וואָס מעהר איז בעסער. אַ גוטע זאַך איז קיינמאָל ניט צופיעל. איך האָב זעהר אַ ברייטע הארץ... נאָר עס קען זיין אַז איך וועל ווערען עלטער, ארום דריי־סיג, אָדער פינף און דרייסיג, וועל איך אויסקלייבען איין מיידעל, אַ שעהנע, אַ רייכע, און וועל זיך סעטלען.

— און ווי וועט זיין אַז דיר וועט געפעלען זיין אַן אָרימע מיידעל, וועסטו מיט איהר חתונה האָבען?

— ניט איך! — האָט בעני אויסגערופען.

— דו דאַרפסט דען האָבען דעם נדן?

— דער נדן שפּיעלט ביי מיר קיין ראָלע ניט, — האָט בעני ערקלעהרט. — אָבער נעמען אַן אָרימע מיידעל איז אַ שלעכטער געשעפט. מיט אַן אָרימע מיידעל נעמט מען אַריין אַ שווער אַ קבצן, אַ שוויגער אַן אביונ'טע. און דאַן קומען אָנקעלס שלעפּערס און געבראָכענע קאָזינס אַ גאַנצער באַנטש. און מען דאַרף זיי געבען און געבען. און קיינמאָל ניט פערטיג ווערען מיט'ן געבען. דאָס איז די שטראָף אַז מען האָט חתונה מיט אַן אָרימע מיידעל. יו סי?

איך האָב אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אַז איך פאַרשטעה זיי־נע אַרגומענטען. אין יענעם מאָמענט איז מיר קלאָר געוואָרען די גאַנצע באַציהונג צווישען אונזערע רייכע יונגע לייט צו אָרימע מיידלאַך. פּע, האָב איך זיך געטראַכט, וואָס פאַר אַ מיאוס'ע עגאָ־איסטישע וועלט!

דריי־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

בעני לערנט מיך צו זיין אַ מענש

מיין חבר בעני איז געווען עלטער פון מיר מיט דריי יאָהר. ער איז אויך געווען אַ זוהן פון רייכע עלטערן, אָבער ניט אַ בן־יחיד. ער איז געווען מיט זיין פאָטער אין געשעפט, אַ גרויסע דזשאָבינג הויז אויף בראָדוויי.

ער איז געווען דאַר און ביינערדיג, אָבער פול מיט לעבען און ענערגיע. און דערצו האָט ער זיך שטענדיג געליעבט אין אַי־מיצען. מיט איהם בין איך דאָס געפאָהרען פאַר אַ ביסעל צו־שטרייאונג אין קאָני איילאַנד.

אויפ'ן וועג האָט ער מיך געפרעגט:

— סעי, סעם, וואָס איז דער מעהר מיט דיר? דו זעהסט מיר אוים אַ ביסעל קלאָגעדיג. ביזטו פאַרליעבט, אָדער דו האָסט זיך פאַרבענקט נאָך דיין מאַמען?

מיין צוגעבונדענקייט צו מיין מוטער איז ביי מיינע חברים אימער געווען אַ טעמאַ פון וואָס צו שפּאַסען.

— איך פיהל אַ ביסעל מיעד, — האָב איך געענטפערט.

— דו בלאָפסט מיר! — האָט בעני זיך איינגעשפּאַרט. — דו ביזט פאַרליעבט אין דער נייער בוכהאַלטערין. לוק אוט! עס איז אַ געפעהרליכער עסק.

— איך האָב מורא אַז דו האָסט זיך אַליין פאַרליעבט אין איהר, דערפאַר רעדסטו וועגען איהר אַזוי פיעל, — האָב איך זיך גערייצט מיט איהם.

— אַז איך פאַרליעב זיך, איז קיין געפאַהר ניט, — האָט בעני מיר ערקלעהרט זיין שטאַנדפּונקט. — ביקאָז איך קען האַל־טען מיין קאָפּ. מיין האַרץ איז אימער פול מיט ליעבע, אָבער איך גיב מיין האַרץ ניט אַוועק. דו ביזט נאָך אַ „קיד“. איך וועל דיך לערנען צו זיין אַ מענש.

כעלסט צו איהר, איז פיעל לייכטער מיט איהר באקאנט צו ווערען, אלס מיט די וואס שמייכעלט צוריק. קענסט נעמען מיין ווארט דארויף! מען דארף נאר וויסען ווי צוצוקומען צו זיי. פאר יעדע טויזענד פרויענצימער זיינען דא טויזענד פארשידענע מעטאדען —

די טעג זיינען געלאפען זעהר שנעל. פרייטאג האב איך ערהאלטען א בריעף פון מיין פאטער אז זונטאג ביינאכט קומט ער צוריק מיט מיין מוטער.

דערווייל האב איך זיך אפגעגעבען מיט די ביזנעס זעהר פלייסיג. איך האב באמערקט, אז אין דער קורצער צייט וואס מיס שעהנפעלד האט געארבייט פאר מיין פאטער האט זי דעם געשעפט אויסגעלערנט צימליך גוט. דאס האט מיר אויך געזאגט סימכאוויטש, דער מענעדזשער. זי האט מיר ערקלערט פיעלע זאכען אין דעם געשעפט, וואס זיינען מיר געווען אומבאקאנט. און עס איז געווען א פארגעניגען צו לערנען פון איהר.

איך האב ביי זיך באשלאסען, אז מיין פאטער מוז העכערען איהר געהאלט. מען קען דאך ניט לאזען ארבייטען אזא מיידעל פאר א הונגער־לוין. און וואס וועט טאן מיין פאטער, אז אימיצער וועט זיך דערוויסען פון מיס שעהנפעלד'ס פעהיגקייטען און וועט זי אויסכאפען מיט עטליכע דאלאר מעהר?

אבער ווי מאכט מען דאס? איך זאל בעטען ביי מיין פאטער, וואלט דאס ארויסגערופען פארדאכט. און ווי פאסט עס אז איך זאל בעטען ביי מיין פ[illegible] פאר א ווילד־פרעמדער מיידעל?

עס איז בעסער אז איך זאל איהר געבען אנצוהערעניש, דאס זי זאל אליין בעטען. פרייטאג, נאכמיטאג, ווען איך וואך געוואוסט אז סימכאוויטש איז אוועק און ווער ניט אזוי שנעל צוריקקומען, האב איך געזאגט צו מיס שעהנ[illegible]ד:

— איהר טוט זעהר גוטע ארבייט. מיין פאטער האט נאך קיינמאל ניט געהאט אזא פעהיגע בוכהאלטערין און סטענאגראפער ווי איהר. [illegible]צט, מיס שעהנפעלד, וויל איך איך עפעס זאגען. איך ווייס אז אייער געהאלט איז זעהר קליין, אבער אז איהר וועט בעטען מיין פאטער, וועט ער אייך העכערען. ער איז זעהר א גוטער.

— און די צוויי שוועסטער, פון וועלכע דו האָסט מיר פריי־ער דערצעהלט, זיינען רייכע? — האָב איך געפרעגט.

— ארימע, — האָט ער געענטפערט. שעהנינקע קבצנ׳טעס. דו קענסט זיך נאָך פארליעבען אין זיי, און דאַן ביזטו קאַפּוט. נאָר אַז דו וועסט מיר צוזאָגען צו זיין אַ מענש, וועל איך מיט זיי מאַכען אַן אַפּאָינטמענט פאַר דיר. זיי זעהען אויס ווי אַ צווילינג. וועסט ניט טרעפען ווער איז די עלטערע און ווער די אינגערע. איך אַליין פיהר אַ ליעבע מיט דער עלטערער, דזשעני. אָבער זיי זיינען אַזוי ענהליך, אַז איך מאַך אַמאָל אַ טעות און גיב אַ קוש די אינגערע, נעלי... הע־הע־הע! די אינגערע גיב איך דיר. ווייל דו ביזט אינגער פון מיר. אָבער זאָלסט זיך היטען.

— בעני! — רוף איך אויס מיט פאַרדרוס, — און דיר פאַלט גאָר ניט איין, טאָמער פאַרליעבט זיך די מיידעל אין דיר און זי וועט זיין אומגליקליך ווען דו וועסט זי אוועקוואַרפען און חתונה האָבען מיט אַן אַנדערע?

— באַבקעס! — האָט ער געענטפערט. — זי קען קריגען באַים וויפיעל זי וויל. אַזאַ מיידעל וועט ניט פאַרלאָרען געהן. האָב קיין זאָרג ניט. אַזוי ווי איך בלאָף זי, בלאָפט זי מיך. און צולייגען לייגט זי גאָר ניט צו. דערוויילע גיב איך איהר אַ גוד טאַים. יו סי?

אַז מיר זיינען אַנגעקומען אין קאָני איילאַנד, האָב איך פאַר־געשלאָגען אַז מיר זאָלען מאַכען אַ שפּאַציר איבער דעם לאַנגען בריק וואָס ציהט זיך ביז ברייטאָן בי, ש, פאַזע ים. בעני האָט זיך דעם גאַנצען וועג אַמוזירט מיט דעם וואָס ער האָט געשמייכעלט און געמאַכט מינעס צו אַלע שעהנע מיידלאַך און וויבלאַך וואָס זיינען אונז געקומען אין וועג. אַנדערע האָבען צוריק געענטפערט מיט אַ שמייכעל, . אַנדערע האָבען זיך אָפּגעקעהרט מיט אַ בייזען בליק.

— געגוג שוין! — האָב איך איהם געבעטען, ווייל איך האָב ניט געקענט ליי־ען זיין אויפפיהר.

— דו האָסט זיך דערשראָקען וואָס יענע ב זטע ברונעטקע איז אַזוי שטאַרק בייז געוואָרען, — האָט ער געזאָגט. — איך וועל דיר געבען אַ סימן, אַז די מיידעל וואָס ווערט בייז ווען דו שמיי־

פיער־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

געמיינט אַ טובה, געטאָן אַ רעה

זונטאָג, פאַרנאַכט, בין איך געגאַנגען צו דער פּערי, אָפּוואַרטען מיינע עלטערן. וועלכע האָבען געדאַרפט אָנקומען זיבען אוהר.

אום זיבען אוהר, ווען פון די פּערי האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוקומען פּאַסאַזשירען מיט די סעטשעלס, אַלע קענטיג צוריקגעקומענע פון די גרינע בערג, האָב איך מיינע עלטערן צווישען זיי ניט געזעהן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבען פאַרשפּעטיגט זייער צוג און זיי וועלען אָנקומען צוויי שטונדען שפּעטער.

און אַזוי ווי איך שטעה ביי דער פּערי, קומט מיר אָן אַ באַקאַנטע פיגור — פּעני בראָדסקי.

ווייל זי איז עטוואָס נידעריגער פון מיטעלען וואוקס, האָב איך זי צווישען די פּאַסאַזשירען פריהער ניט אַרויסגעזעהן. זי האָט מיך פריהער באַמערקט.

— איהר וואַרט מסתמא אויף אייערע עלטערן, — האָט זי געזאָגט.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. — זיי האָבען פאַרשפּעטיגט. איך וועל דאָ מוזען וואַרטען נאָך אַ פּאָר שטונדען. און וואו איז אייער חתן?

— איך האָב איהם ניט געוואָלט באַמיהען, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט, — האָב איך איהם גאָר ניט געשריבען אַז איך קום. מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער וועלען פאַרבלייבען אויף זייער קאַטעדזש ביז איבער ראש השנה, און איך האָב אויף זיך גענומען צו ברייננגען אונזער היים אין גוטען אָרדנונג ביז זיי וועלען צוריקקומען. בין איך ניט אַ גוטע מיידעל?

— אַ טייערע מיידעל! — האָב איך געענטפערט מיט דעם זעלבען שפּאַסיגען טאָן. — אַלע טאַטעס און מאַמעס מעגען זיך בענשען מיט אייך.

מים שעהנפעלד איז צום ערשטען מאָל גוט רויט געוואָרען. איך האָב זיך גאָר ניט געקענט אָפּוואונדערען פון וואַנען זי האָט באַקומען בלוט אין איהרע באַקען. איך האָב אויך באַמערקט, אַז איהרע אויגען זיינען פייכט געוואָרען.

— איך דאַנק אייך, — האָט זי געזאָגט. — איך וועל פאָלגען אייער ראטה.

און שפּעטער האָב איך זיך געפרעגט: צו וואָס האָב איך דאָס געטאָן? וואָס איז זי צו מיר און וואָרום אינטערעסיר איך זיך אין איהר?

דאָס איז ניט מעהר ווי ריינע מענשליכקייט. איך האָב געטאָן בלויז מיין פליכט.

פאַרנאַכט, אַוועקגעהענדיג פון אָפּיס, האָט מיר מים שעהנפעלד געוואונשען אַ גוטען שבת. איך בין אַוועק מיט מר. סימכאָוויטש צו איהם אהיים. איך בין געווען זיין גאַסט יענעם אָוונד. נאָך דער אויפנאַהמע וואָס זיין פרוי האָט מיר געגעבען, האָב איך פאַרשטאַנען אַז סימכאָוויטש קלייבט זיך בעטען ביי מיין פאָטער אַ „רעיז".

צוריקקומענדיג אהיים, האָב איך אויף מיין טיש באַמערקט יענעם בוך, אין וועלכען עטעל האָט אונטערגעשטריכען די געדאַנקען וועגען ליעבע. נאָכדעם האָב איך זיך ערמאָנט וואָס בעני האָט געזאָגט וועגען די מיידלאך. „ניין", האָב איך צו זיך געזאָגט, „ניט אַלע מיידלאָך זוכען אַ גוד טאָים. אָט איז אַ מים שעהנפעלד, אַ מיידעל וואָס איז ווערט דרייסיג דאָלאר אַ וואָך, און זי שטעלט זיך צופרידען מיט פערצעהן, אבי ניט צו אַרבייטען אום שבת!"

יום ניין זיינען געקומען מיינע עלטערן און איך האב זיי א[redacted]׳ אהיים.

*

מא[redacted]ין איך ניט געגאנגען אין די ביזנעס. פאר מיר האט זיך יעצט [redacted]יבען א שווערע צייט. דאס איז געווען מיין לעצ־טער יאהר [redacted]לעדזש און איך האב געהאט א סך ארבייט זיך פארצובערייט[redacted]

איך מוז זין [redacted]שלאגען פון קאפ אלע זאכען און זיך נעמען פלייסיג צום לערנען.

ביי דעם באשלוס האב איך זיך געהאלטען א גאנצען טאג, און אזוי ווי דער טאג איז געווען א רעגענדיגער, בין איך געזעסען ביי זיך אין צימער און די גאנצע צייט פארבראכט איבער טרוקענע געזעץ ביכער.

מיין פאטער איז געקומען פארנאכט און מיר האבען זיך גע־זעצט צו סאפער. ער האט געפרעגט מיין מוטער אויב זי האט געמאכט א פארזוך צו קריגען א דיענסט. מיין מוטער האט גע־ענטפערט אז זי וויל קיין דיענסט ניט אריינגעמען. זי וועט בעסער האבען א פרוי וואס וועט קומען יעדען טאג אויף עטליכע שטונ־דען איהר אויסהעלפען. די דיענסטען ווילען ניט ארבייטען. מעהר ווי הארצוועהטאג האט מען ניט פון זיי.

— און די אפים מיידלעך זיינען ניט בעסער, — האט מיין פאטער געזאגט. — אט האב איך מיט א פיער וואכען צוריק אריינגענומען א נייע בוכהאלטערין און זי האט שוין די חוצפה בעטען א רעיז. האסטו געהערט אזוינס?

— וויפיעל קריגט זי? — האט מיין מוטער געפרעגט.

— פערצעהן דאלאר, — האט מיין פאטער געענטפערט.

— טויג זי צו דער ארבייט?

דאס יא, — האט מיין פאטער צוגעגעבען. — אז ארבייטערין איז זי אן אויסגעצייכענטע, און די ביזנעס האט זי אויך ניש־קשה׳דיג אויסגעלערנט.

— טא פארוואס זאלסטו איהר ניט געבען עטליכע דאלאר מעהר? — האט מיין מוטער געפרעגט. — יענע קלאץ פלעגסטו

— נו, און וואָס הערט זיך עפּעס אין ניו יאָרק? וואָס מאַכען דאָ אונזערע אַלטע פריינד?

איך האָב געוואוסט וועמען זי מיינט, און איך האָב אָפּענ־הערציג געענטפערט:

— עטעל האָט שוין אַ יונגען מאַן. זי געהט שוין אַרום מיט איהם.

מיס בראָדסקי האָט מיך אָנגעקוקט לאַנג און ערנסט. איהר גאַנצע פרעהליכקייט, וואָס איז פריהער גע־יי אויף איהר פּנים, איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

— וואָס האָט איהר געזאָגט? — האָט זי מיך געפרעגט. עס האָט זיך איהר גאָר ניט געגלויבט.

איך האָב איהר די זעלבע זאַך איבערגעזאָגט נאָך אַמאָל.

— מיר איז אַ וואונדער אויף עטלען, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט. — ערשט מיט פינף טעג צוריק האָב איך פון איהר אַ בריעף באַקומען און זי האָט מיר וועגען אַ יונגען מאַן גאָר ניט דער־מאָנט. זאָגט מיר, פון וואַנען ווייסט איהר אַז זי געהט שוין אַרום מיט אַ יונגען מאַן?

איך האָב איהר אין קורצען איבערגעגעבען די געשיכטע פון מיין באַזוך צו עטלען אין דעם טאָג וואָס איך בין צוריקגעקומען פון קאַונטרי. מיס בראָדסקי האָט זיך צוגעהערט. און ווען איך האָב געענדיגט, האָב איך באַמערקט אַ באַהאַלטענעם שמייכעל אויף איהרע ליפּען. זי האָט געמוזט פאַרשטעהן אַז עטעל'ס מוטער האָט מיך אָפּגענאַרט, אָבער מיס בראָדסקי האָט מיר דאָס ניט געזאָגט.

— מסתמא דאַרף אַזוי זיין, — האָט זי געזאָגט. — איך וועל וואַהרשיינליך זיך זעהן מיט עטלען דיזע טעג און וועל זי פרעגען.

— וואָס מאַכט עס אויס, — האָב איך געזאָגט, זיך באַמי־הענדיג צו צייגען אַז איך בין גלייכגילטיג. — זאָל זיין מיט מזל.

מיס בראָדסקי האָט מיר גאָר ניט געזאָגט. איך האָב געוואָלט נעמען אַ טעקסי, אָבער זי האָט געזאָגט אַז זי וועט בעסער פאָה־רען מיט דער קאַר.

— איך קען אייך ניט זאָגען אויף זיכער, ווען מיר וועלען זיך זעהן, — האָט זי מיר ביים שיידען זיך געזאָגט, — אָבער עס איז זיכער אַז מיר וועלען זיך נאָך זעהן.

— וועל איך צאָהלען 18, 20, — האָט מיין פאָטער געענט־פערט אַביסעל פאַר'עקשנ'ט, — אָבער אַ מיידעל דאַרף קיין חוצפה ניט האָבען, בעטען דעם ערשטען מאָנאַט אַ רעיז. זי האָט געדאַרפט פריהער אַרבייטען כאָטש אַ האַלב יאָהר.

מיין מוטער האָט געשוויגען. זי האָט געזעהן אַז ווייטערריידען וועגען דעם ענין וועט קיין גוטעס ניט ברייננגען. און מיין פאָטער האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— הער צו, סעם, מאָרגען אין דער פריה וועסטו מיט מיר געהן דאַון טאַון, איך וויל דו זאָלסט אַ ווײַלע זיצען ביי מיר אין אָפיס און אויסקלייבען אַ נייע מיידעל. זיי וועלען זיך מאָרגען אָנ־לויפען געננוג. דעם לעצטען מאָל אַז איך האָב אַריינגעשטעלט בלויז צוויי שורות אין צייטונג, זיינען געקומען ביי 30 מיידלעך זוכען דעם דזשאָב. איך וויל, אַז דו זאָלסט מאָרגען זעהן די מיידלעך און אויסקלייבען איינע וואָס זאָל זיין פעהיג און סטעדי. סימכאָ־וויטש באַסעוועט שוין צופיעל און איך וויל דאָס ניט ליידען. דו וועסט אויסקלייבען די מיידעל און וועגען געהאַלט וועל איך מיט איהר דורכקומען אָהן סימכאָוויטש'ן. וועסטו דאָס טאָן?

איך האָב זיך געפונען אין גרויס פאַרלעגענהייט. איך האָב זיך געשראָקען פאַר דעם געדאַנק צו זיין אַ דזשאַדזש און משפט'ן, זאָגען מבינות אויף מיידלעך. צוליעב מיר האָט מיס שעהנפעלד פאַרלאָרען איהר שטעלע און איך אַליין וועל מוזען אויסקלייבען אַן אַנדערע אויף איהר פלאַץ.

— אַלראַיט, פאָטער, — האָב איך געענטפערט.

צאָהלען 18, און רק זי פּלעגט מאַכען מיסטייקס. דו האָסט [illegible]לץ געזוכט אַ וועג ווי פּטור צו ווערען פון איהר.

מיין פּאָטער האָט זיך אביסעל פאַרשעהמט פון מוט[illegible] מוסר און ער האָט געזאָגט:

— דו מיינסט אַז עס האָט ביי מיר אַ ווע[illegible]י עטליכע דאָלאַר מעהר? איך וואָלט דאָס איהר געגעבען. א[illegible]סימכאָוויטש האָט מיר געזאָגט, אַז־מען דאַרף איהר ניט[illegible]ען. מען דאַרף איהר לערנען דרך ארץ. פיער וואָכען צייט [illegible]ייט און זי בעט שוין אַ רעיז, און אַז איך וועל איהר נאָכגעבען, זאָגט סימכאָוויטש, וועט זי אין צוויי וואָכען ארום בעטען ווידער אַ רעיז, און וואָס מעהר מען וועט איהר צאָהלען, אַלץ ווייניגער וועט זי ארבייטען. איך האָב זיך ניט געוואָלט קריגען מיט סימכאָוויטש׳ען, האָב איך איהם געזאָגט, ער זאָל טאָן וואָס ער וויל.

— און וואָס האָט סימכאָוויטש געטאָן? — האָט מיין מוטער געפרעגט.

— ער האָט זי אינגאַנצען ענטזאָגט, און ער האָט שוין אריינ־געשטעלט אין צייטונג אַן אדווערטייזמענט פאַר אַן אנדער בוכ־האַלטערין. עס זיינען דאָ אַזעלכע מיידלעך ווי זאַמד ביים ים.

מיר האָט זיך אָפּגעריסען אין הארצען, ווען איך האָב געהערט אַז מיס שעהנפעלד האָט פאַרלאָרען איהר שטעלע צוליעב דעם וואָס איך אַליין האָב איהר אַן עצה געגעבען אַז זי זאָל בעטען ביי מיין פּאָטער עטליכע דאָלאַר מעהר. איך בין זיכער, אַז מיין פּאָ־טער וואָלט איהר דאָס געגעבען, ווען עס וואָלט זיך ניט אריינ־געמישט אַט דער סימכאָוויטש, דער געטרייער טעלער־לעקער.

און וואָס וועט די אָרימע מיידעל דערווייל טאָן? אַזעלכע שטעלען וואו מען ארבייט ניט אום שבת זיינען דאָ זעהר ווייניג, און צו קיין שאַנד זאָל דאָס ניט זיין אונזערע גרויסע ביזנעסלייט, אַ סך פון זיי באַנוצען זיך מיט די פרומקייט פון זייערע אָפּיס־מיידלעך און צאָהלען זיי קלאָגעדיגע וויידזשעס.

— איך האָב מורא אַז סימכאָוויטש האָט דיר אומזיסט פאַר־דרעהט דעם קאָפּ, — האָט מיין מוטער געזאָגט צו מיין פּאָטער. —

אַ רעכטע מיידעל, וואָס טויג אין אַן אָפּיס, וועט ניט געהן ארבייטען פאַר 14 דאָלאַר. סיידען זי קען זיך ניט העלפען.

שעפטעז אין אַמעריקא וואָס באַשעפטיגעז ספּעציעלע פּראָפעסאָרעז אויף אויסצוקלייבעז פאַר זיי פּעהיגע ארבייטער, און דיזע פּראָ־פעסאָרעז האָבעז געמענגט נעמעז לעסאָנס ביי מיין פאָטער אין מענשעז־קענטנים און ביזנעס־פאַרשטאַנד. אָבער איך האָב ניט גע־קענט פאַרשטעהן ווארום ער האָט גערופעז מיס שעהנפעלד „שטיק צרה". דאָס קומט פיליכט פון דער אַלגעמיינער באַציהונג פון עלטערע אידעז צו מיידלעך.

און אַלס באַשטימונג פון דיזער באַציהונג, האָט מיין פאָטער געמאַכט אַ באַמערקונג:

— איך וואָלט וועלעז וויסעז, ווער איז דאָס געוועז דער משוגע'נער וואָס האָט אויסגעטראַכט די מאָדע אז אין אָפּיסעס זאָל מעז נוצעז באַשעפטיגעז נאָר מיידלעך. אַ מאַן פאַר בוכהאַל־טונג קען מעז אפילו קריגעז, אָבער פאַר שרייבעז אויף אַ מאַשין איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ ווי נעמעז אַ מיידעל. פּע!

ווען מיר זיינעז אריינגעקומעז אין אויסערעז אָפּיס, וואָס האָט געדינט אַלס ווארטע־צימער, האָבעז מיר געפונעז צוויי און צוואַנציג מיידלעך ווארטעז אויף אונז. סימכאָוויטש האָט זיך ארומגעדרעהט צווישעז זיי, אָבער מיין פאָטער האָט איהם געגעבען אַ וואונק ער זאָל זיך אָפּטראָגעז. איידער איך האָב צייט געהאַט זיך ארומצוקוקעז, זיינעז אריינגעקומעז נאָך צוויי מיידלעך.

— וועל, — האָט מיין פאָטער געזאָגט צו מיר, — איך לאָז דיך דאָ איבער מיט זיי, און אז דו וועסט מיך דארפעז, זאָלסטו מיך רופעז. איך וועל זיין ביי די צושניידערס.

איך האָב געוואָרפעז מיין בליק אויף די מיידלעך און האָב ניט געוואוסט פון וועלכער אָנצופאַנגעז. אזאַ ערפאַהרונג האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אין מיין לעבעז. מיין קאָפּ האָט גע־שוואומעז. עס האָט זיך מיר אָפּגעדראַכט, אַז ניט עס זיצעז עט־ליכע און צוואַנציג מיידלעך, נאָר גאַנצע צוויי הונדערט.

און מיידלעך זיינעז דאָס געוועז מכל המינים. בלאָנדינקעס, ברונעטקעס, יונגע היהנדרעלעך, עלטערע און אויך פאַרעלטערטע. עס זיינעז געוועז סטיילישע און אָרים געקליידעטע. עס זיינעז גע־ווען אַנגעפּאַרבטע מיט אַנגעפּודערטע נעזער, און אויך אַ פּאָר מיט נאַטירליכע, פרישע פּנים'ער, אָבער בלויז אַ פּאָר.

פינף־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

מיין יום הדין

דער מאָרגנענדיגער טאָג, מאָנטאָג, איז פאַר מיר געווען אַ יום הדין. אין דער פריה, ווען איך בין אויפגעשטאַנען און איך האָב זיך דערמאָנט וואָס מיך ערוואַרטעט היינט, האָט מיין גאַנצער קערפּער אַ ציטער געטאָן. צופרישטיק האָט מיין מוטער באַמערקט אַז מיין אַפּעטיט איז זעהר שוואַך.

אויפ׳ן וועג, דאַון טאַון, האָט מיין פאָטער מיר געגומען געבען „פּאָינטס" ווי אַזוי איך זאָל אויסקלייבען אַ בוכהאַלטערין צווישען די מיידלעך וואָס וועלען זיך אָפּרופען אויף דער צייטונגס אַדווערטייזמענט. ער האָט געזאָגט:

— ערשטענס זאָלסטו ניט קוקען אויף זייערע צורה׳קעלאַך. דאָס איז ניט די הויפּט־זאַך אין אַן אָפּיס. נעם זיי גוט אויפ׳ן עקזאַמען, אויב זיי קענען גוט רעכענען, אויב זיי קענען אויסמאַכען אַ ביל ווי געהעריג איז. די צווייטע זאַך איז רעפערענס. זי מוז זיין גוט רעקאָמענדירט און האָבען אַ היים. די דריטע זאַך איז, זי מוז קענען גראַמער. אַמאָל האָב איך פון דעם ניט געהאַלטען, אָבער יעצט האָב איך איינגעזעהן אַז אַ שעהנער בריעף, גוט געשריבען, ברייננגט ביזנעס. אָט די שטיק צרה וואָס סימכאָוויטש האָט פּרייטאָג אוועקגעשיקט האָט גראַד יאָ געקענט שרייבען זעהר גוט. ווייטער זאָלסטו זיך היטען פון די פּוצערקעס מיט די געפּאָלישטע נעגעל. זיי פאַרברענגען די גאַנצע צייט ביים שפּיגעל. אָבער אַ סלאָב, אַ שלומפּער, טויג אויך ניט. זי איז נאַכלעסיג אין דער אַרבייט. און אַז דו געפינסט איינע וואָס טויג זיך גוט צו דער אַרבייט און זי בעט צופיעל, זאָלסטו ביי איהר נעמען איהר אַדרעס, און אויב מיר וועלען ניט קריגען אַ רעכטע וואָס וויל אַרבייטען פאַר ביליגער, וועלען מיר נאָך איהר שיקען מאָרגען.

איך האָב פאַרשטאַנען אַלע אינסטרוקציעס וואָס מיין פאָטער האָט מיר געגעבען. איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ גרויסע גע־

האָט פאַרזיכערט, אַז זי קען זיך שנעל צופּאַסען צו יעדען גע־שעפט.

איידער איך האָב צייט געהאַט צו שטעלען איהר די פראַגע וויפיעל געהאַלט זי פאַרלאַנגט, לויט דער פּראָגראַמע וואָס מיין פּאַטער האָט מיר געגעבען, איז מיין פּאַטער אַליין אַריינגעקומען און האָט געזאָגט, האַלב צו מיר, האַלב צו דער ברונעטקע:

— עס טוט מיר זעהר לייד. איך האָב שוין איינע.

די ברונעטקע האָט זיך אויפגעהויבען, געזאָגט „גוד דעי" און איז אַרויסגעגאַנגען.

— דאָ איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע סצענע, — האָט מיין פּאַטער ערקלערט. —די מוטער פון דער מיידעל וואָס סימכאָוויטש האָט אַוועקגעשיקט, איז געקומען צו מיר קלאָגען ווארום מען האָט די טאָכטער ענטזאָגט. זי איז אַן אָרימע אלמנה און זעהט אויס אַמאָל געוועזען אין בעסערע אומשטענדען. האָב איך אויף איהר רחמנות געהאַט און האָב איהר געזאָגט אַז די מיידעל קען צוריק קומען. די מוטער האָט געזאָגט, אַז זי וועט לאָזען די טאָכטער אַרבייטען פאַר די זעלבע 14 דאָלאַר אַ וואָך. אָבער איך האָב איהר געזאָגט, אַז די עטליכע דאָלאַר שפּיעלט ביי מיר קיין ראָלע ניט. דער עיקר איז, וואָס די מיידעל האָט זיך צוגעכאַפּט צו פריה צו בעטען אַ רעיז. וואָס דענקסטו, איך זאָל איהר צאָהלען די זעלבע 14 דאָלאַר אַ וואָך, אָדער זיך זאָל איהר געבען עטליכע דאָלאַר מעהר?

— טו ווי דו פאַרשטעהסט, — האָב איך געענטפערט. איך האָב ניט געהאַט דעם מוט אַנדערש צו ריידען.

— די וואָס דו האָסט גערעדט מיט זיי זיינען געוועזען עפּעס פעהיגע מיידלעך? — האָט מיין פּאָטער געפרעגט.

— פעהיגע, און די ערשטע האָט גלייך געוואָלט האָבען 20 דאָלאַר אַ וואָך, — האָב איך געענטפערט.

— איך וועל אַזוי טאָן, — האָט מיין פּאָטער געזאָגט. — איך וועל די מיס... ווי הייסט זי דאָרט? מיס שעהנפעלד, יאָ! געבען די אַלטע געהאַלט, 14 דאָלאַר, און נאָכדעם ווי זי וועט אָפּאַרבייטען נאָך צוויי וואָכען, וועל איך איהר העכערען אויף צוואַנציג. נאָך אַלעמען, פאַר וואָס זאָל זי ניט קריגען וואָס איהר קומט? אַי, דער סימכאָוויטש מישט זיך מיר שוין צופיעל. איך

הפנים אַז די מיידלעך האָבען זיך באַלד אָנגעשטויסען אַז זיי האָבען צו טאָן מיט אַ „גרינעם“, און אונערפאַהרענעם, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שמייכלען צווישען זיך. דאָס האָט מיך שוין פאַרדראָסען. אום זיך נוקם צו זיין אָן זיי, האָב איך אויסגעקליבען די עלטסטע פון זיי און געבעטען אריינקומען מיט מיר אין מיין פאָטער'ס פּריוואַט אָפּיס.

איך האָב איהר גענומען אויפ'ן עקזאַמען. איך האָב איהר דיקטירט אַ קורצען בריוועל און איהר געהייסען איבערשרייבען אויף דער מאַשין. זי האָט געמאַכט אַ נעטע שטיקעל אַרבייט. זי האָט אויך געוויזען אַ גוטע רעקאָמענדאַציע פון אַ גרויסען קליידער־געשעפט אין באָסטאָן. זי האָט פאַרלאַנגט צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך און איז געווען זיכער אַז זי וועט דאָס קריגען. איך האָב גענומען איהר אַדרעס, אַזוי ווי מיין פאָטער האָט מיר אָנגעזאָגט, און זי איז אַרויס.

איך בין אַריין אין דעם אויסערען אָפּיס אום איינצולאַדען אַ צווייטע. אין דער צייט זיינען צוגעקומען נאָך דריי מיידלעך.

פּלוצלינג איז מיין אויג געפאַלען אויף איינע פון די נייע דריי מיידלעך און מיין האַרץ האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן. איך האָב מיינע אויגען ניט געגלויבט וואָס זיי זעהען. זאָל דאָס זיין מיסעס גרעפּטער? עס איז זי און דאָך ניט זי. עס איז דאָך מיסעס גרעפּטער, אָבער צעהן יאָהר אינגער. מיסעס גרעפּטער, אָבער דער פּנים איז פריש און אונשולדיג. וואָס טוט זיך דאָ? איז דאָס אַ חלום?

זאָל איך זי צורופען? ניין. דאָס וועט זיין צו אויפפאַלענד. איך וועל זי לאָזען אויף שפּעטער.

איך האָב צוגערופען אַ קליינע ברונעטקע מיט אָנגעפאַרבטע בעקלעך און מיט פייערדיגע אויגען. זי האָט געטראָגען גרויסע פּייקעלעך וואָס האָבען פאַרשטעלט איהרע אויערען און זי איז געווען פאַרפּוצט ווי אין עסיג און אין האָניג. איך בין געווען זיכער אַז זי קען גאָר ניט.

זי האָט אָבער דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטען אויסגעצייכענט. זי האָט אָפּגעקלאַפּט אויפ'ן מאַשין אַ בריעף אַזוי שנעל ווי אַ ווי־כער, און זי האָט באַוויזען אַ גוטע קענטשאַפט אין בוכפיהרונג. זי איז ניט געווען באַקאַנט מיט דעם קליידער געשעפט, אָבער זי

זעקס־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

מען באַהאַלט פון מיר אַ סוד

ראש השנה און יום כפור זיינען אוועק, די סוכות טעג זיינען געקומען און אויך אוועק. איך האָב זיך גענומען פלייסיג צום לער־נען. זעלטענס אַז איך פלעג באַזוכען מיין פאַטער'ס געשעפט. נאָר אַז איך פלעג אַהין אריינקומען און זיך טרעפען מיט מיס שעהנ־פעלד, פלעג איך באַמערקען אַז זי פלעגט גוט רויט ווערען ביי מיין ערשיינען. קענטיג אַז די זעקס דאָלאַר אַ וואָך וואָס מיין פאַטער האָט געהעכערט אויף איהר געהאַלט, האָבען געבראַכט אַ ביסעל מעהר זאַטקייט און אַ ביסעל מעהר בלוט אין איהרע באַ־קען.

אין דער היים ביי סאַפּער, פלעגט מיין פאַטער גאַנץ אָפט לויבען זיין בוכהאַלטערין. ער פלעגט דערצעהלען ווי גוט זי קען שוין דעם געשעפט און אַז באַלד וועט זי וויסען מעהר פון זיין מענעדזשער סימכאַוויטש. איין טאָג איז מיין פאַטער געקומען אַהיים שטאַרק איבערראַשט פון מיס שעהנפעלד'ס אַ נייע מעלה וואָס ער האָט אין איהר ענטדעקט. מיין פאַטער האָט באַקומען אַ בריעף פון אַ באַסטאָנער סוחר, געשריבען אין לשון קודש, און ער איז געוועזען איבערראַשט ווי גוט מיס שעהנפעלד האָט דעם בריעף איבערגעלעזען. און נאָך מעהר איבערראַשט איז ער געוואָ־רען ווען מיס שעהנפעלד האָט צו איהם געזאָגט: „וואָס וואונדערט איהר זיך אַזוי, מיסטער פרומקין? איך קען אָנשרייבען אַן ענט־פער אויף דעם בריעף אויך אין העברעאיש“, און זי האָט עס טאַקע געטאָן!

— דו לויבסט זי מיר אַזוי פיעל, — האָט מיין מוטער שמייכ־לענדיג באַמערקט, — אַז איך ווער נייגעריג זי צו קענען. איך מוז אריינקומען די וואָך זי זעהן.

— עס איז כדאי דיר זאָלסט זי קענען, — האָט מיין פאַטער געזאָגט. — און פאַר איין וועג, אַז דו קומסט, ברענג איהר אַ

האָב איהם געמאַכט מענעדזשער איבער די ביזנעס, אָבער מיך וועט ער ניט מענעדזשען. אַלזאָ, די מיס שעהנפעלד קומט היינט צוריק. דו קענסט שוין געהן אהיים.

— און וואָס איז וועגען יענע? — האָב איך געפרעגט, צייגענדיג מיט'ן פינגער אויף דעם אויסערסטען אָפּיס.

— דו מיינסט די מיידלעך? יענע האָב איך שוין אַוועקגעשיקט. זיי זיינען שוין אַלע אַוועק.

אין איין וועג האָב איך זיך געפרעהט וואָס זיי זיינען שוין אַוועק און עס איז פון מיר אַראָפּ אַ יאָך, אָבער איך האָב ניט געקענט פאַרגעסען איין מיידעל. דאָס איז געווען די, וועלכע איז געווען אַ ריכטיגע קאָפּיע פון מיסעס גרעפּטער. איך האָב אין מיין לעבען ניט געזעהן צוויי מענשען וואָס זאָלען זיי אַזוי עהנליך איינער צום אַנדערען. ווען די מיידעל וואָלט געווען עטליכע יאָהר עלטער, וואָלט איך געגלויבט אַז זי איז מיסעס גרעפּטער אַליין.

טראָץ דעם וואָס איך בין פון מיסעס גרעפּטער אַנטלאָפען יעדען מאָל ווען זי האָט שוין מיך געהאַט געפאַנגען אין איהר נעץ, האָט זי דאָך איבערגעלאָזען אין מיין האַרצען אַ האַלב פאַרלאָשענעם פונק וואָס האָט אויפגעפלאַמט יעדען מאָל ווען זי פלעגט אויסאיבען אויף מיר איהרע קאָקעטישע חנ'דלעך. איהר פיגור און איהר אויסזעהן האָט שטאַרק געשטימט מיט דער בת מלכה וואָס האָט עקזיסטירט אין מיין פאַנטאַזיע. נאָר איהר כאַראַקטער און איהר אויפפיהרונג האָבען איהר געמאַכט אָפּשטויסענד אין מיינע אויגען, און דערצו נאָך דער אונטערשיעד אין אונזער עלטער. און יעצט, ווען איך האָב געזעהן אַן אַנדער מיסעס גרעפּטער פאַר זיך, יונג, אונשולדיג, סימפּאַטיש, האָט דער האַלב־פאַרלאָשענער פונק אויפגעפלאַמט. איהר פּלוצלינגער ערשיינען און איהר שנעלער פאַרשווינדען איז געווען פאַר מיר אַ רעטעניש. נאָך אַמאָל האָב איך זיך געפרעגט אויב איך זעה דאָס אַלעס אין חלום.

ווער איז זי? וועל איך איהר נאָך אַמאָל טרעפען?

„רבונו של עולם!", האָב איך געבעטען ביי זיך איז הארצען. „וועט עס גאָר ניט מעגליך זיין זי צו פארגעסען? איך מוז זי פאר־געסען. אזוי שנעל ווי איך וועל ענדיגען קאלעדזש, וועל איך טאָן עפּעס א רעכטען שידוך. זיך אויסקלייבען א מיידעל לויט מיין אידעאל און זי ליעב האָבען, שטארק ליעב האָבען, און אין איהר געזעלשאפט וועל איך פארגעסען עטלען.

מיין כעס אויף עטלען איז אין גאנצען פארשוואונדען. וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? זי האָט אויף מיר קיין האָפנונג ניט געקענט האָבען, זוכט זי אַן אנדערען. זאָל ער נאָר זיין אַזאַ וואָס וועט וויסען ווי זי צו שעצען און זי זאָל איהם קענען ליעב האָבען.

און דאָך, וואָס א טאָג ווייטער בין איך אַלץ מעהר נייגעריג געוואָרען צו וויסען וואָס עס טוט זיך מיט עטלען. איך האָב גע־האָפט צו קריגען עפּעס א באריכט דורך מיס בראָדסקי, אָבער מיס בראָדסקי איז ווי פארשוואונדען געוואָרען. עס האָט איהר ניט גע־פּאסט צו קומען צו אונז נאָכדעם ווי זי האָט געזעהן אַז איהר חתן קען ניט ליידען מיין באקאנטשאפט מיט איהר. און מיר האָט געוויס ניט געפּאסט צו זוכען מיס בראָדסקי'ן אין איהר היים.

דער רינגעלע אין דער קייטעלע וואָס האָט פארבונדען מיך מיט עטלען איז ארויסגעפאלען. די קייט האָט זיך צו טיילט, אָפּ־געשיידט, און עס איז ניט געווען קיין האָפנונג אַז די קייטעלע וועט ווידער גאנץ ווערען...

איינמאָל, אין א קאלטען חנוכה־אָווענד, איז אונזער לאנדס־מאַן, מר. קאפּטאַן, געקומען צו אונז אויף א באזוך. דאָס איז גע־ווען דער רייכער לענדלאָרד וועלכער האָט דבורה'ן, עטעל'ס מו־טער, געגעבען א שטעלע אַלס דזשעניטרעס אין איינע פון זיינע גרויסע אפּארטמענט הייזער.

ער איז געקומען צו אונז אויף סאפּער. זיין פרוי מיט זיינע צוויי טעכטער און זיין זוהן זיינען אוועקגעפאָהרען אויף א קורצע צייט אין לעיקוואוד. און מיין מוטער האָט מר. קאפּטאַן איינגע־לאדען צו אונז אהיים אויף א מאלצייט.

מתנה, מאַטעריאַל אויף אַ סוט. אויפגעהעגן קען זי שוין אַליין. זי איז איין בריה, אָבער זי געהט זעהר אָרים אָנגעטאָן.

דער רעזולטאַט פון מיין מוטער'ס באַזוך איז געווען, אַז מיס שעהנפעלד האָט אויף דער נעקסטער וואָך שוין באַקומען נאָך אַ העכערונג פון פינף דאָלאַר אַ וואָך.

— אַזאַ מיידעל האָט געדאַרפט געבוירען ווערען אין אַ ליי־טישע הויז, — האָט מיין מוטער געזאָגט, נאָכדעם ווי זי האָט זיך באַקאַנט מיט מיס שעהנפעלד.

— וואָס איז זי שולדיג אַז איהר פאָטער האָט איהר ניט איבערגעלאָזען אַ הונדערט טויזענד דאָלאַר? — האָב איך גע־פרעגט.

דאָס האָט זיך מיר אַזוי אונבאַרעכענט אַרויסגערעדט, דאָס איך האָב זיך גלייך פאַרשעהמט און ניט געוואוסט וואו מיינע אויגען צו באַהאַלטען. מיין מוטער האָט מיך אָנגעקוקט אַ ביסעל מיט פאַרדאַכט. מיין פראַגע איז געווען אַ קאָפּעלע חוצפה'דיג.

— ער האָט רעכט! — האָט מיין פאָטער מיך אונטער־שטיצט. — וועסט נאָך זעהן אַז מיס שעהנפעלד וועט קריגען אַ רייכען און פיינעם חתן. זי איז אַ בריליאַנטענע מיידעל.

מיין מוטער האָט געוואָרפען אויף מיין פאָטער אַ שרעקעדיגען בליק, אַזוי ווי מען דערשרעקט זיך פאַר אימיצען ווען ער רעדט עפּעס אויס אין דער געגענוואַרט פון אַ קינד אַ זאַך וואָס דאָס קינד דאַרף ניט הערען. און נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— יאָ. עס קען זיך איהר אַמאָל מאַכען אַ לייטישער עלטע־רער בחור, אָדער אַ פיינער אַלמן מיט אַ קינד אָדער צוויי.

אין דעם מאָמענט איז מיר אויף די געדאַנקען אַרויפגע־שוואומען עטעל. דאָס איז געשעהן יעדען מאָל ווען איך האָב געהערט ריידען וועגען אַ פיינע מיידעל וואָס האָט געהאַט דעם אונ־גליק געבוירען צו ווערען ביי אָרימע עלטערען. דאָס איז אויך גע־שעהן יעדען מאָל וואָס איך פלעג זיצען און ריידען מיט אַן אַנדער פּרויענצימער. עס מאַכט ניט ווי שטאַרק צו'געצויגען איך האָב זיך געפיהלט צו דער פרויענצימער, איז עטעל'ס געשטאַלט אימער גע־שטאַנען פאַר מיינע אויגען.

איז געווען דייטליך, אז די טרויעריגע פּאַסירונג האָט איהם שטאַרק וועה געטאָן.

— אַזאַ גאָלדענע קינד, אַזאַ זיסע נשמה, פאַר וואָס קומט איהר צו באַליידיגען? — האָט ער גע׳טענה׳ט. — איך זאָג אייך, זי איז טויזענד מאָל פיינער און בעסער ווי די סטיילישע מיידלאך וואָס זייערע טאַטעס האָבען די שווערע טויזענדער. עטעל איז אַ ליידי!

„אוי, לאַנג לעבען זאָלט איהר, מר. קאַפּטאַן פאַר אייער מיי־נונג פון עטלען“ — אַזוי האָב איך איהם געוואונשען ביי זיך אין הארצען.

נאָך סאַפּער האָט מר. קאַפּטאַן געזאָגט צו מיין מוטער, אַז ער האָט מיט איהר עפּעס צו ריידען פּריוואַט. מיין פּאָטער האָט שטיפעריש צו מיר אַ וואונק געטאָן און געזאָגט: „די געליעבטע האָבען סעקרעטען!“ און מיר האָבען אַלע געלאַכט.

מיין מוטער האָט אַוועקגעפיהרט מר. קאַפּטאַן אין אַ זייטיגען צימער. מיין פּאָטער איז געבליבען ביים טיש טרינקען טהעע. איך בין אויך געבליבען ביים טיש און געלעזען אַ צייטונג.

ביי צעהן מינוטען האָבען זיי דאָרט גערעדט. נאָכדעם האָ־בען זיי אהין גערופען מיין פּאָטער. דער געשפּרעך האָט דאָרט אָנ־געהאַלטען אַרום און אַרום ביי צוואַנציג מינוטען. איך האָב אָנגע־הויבען צו פאַרשטעהן אַז דער געשפּרעך האַנדעלט זיך וועגען עט־לען, און אפשר אויך וועגען מיר. איך האָב קוים געקענט איינזי־צען אויף מיין אָרט פאַר אומגעדולד.

ווען דער געשפּרעך האָט זיך געענדיגט און אַלע דריי זיינען צוריק אריין אין דיינינג רום, האָב איך באַמערקט אַז מיין מוטער איז שטאַרק פאַרטראַכט און אַז מר. קאַפּטאַן האָט אויסגעזעהן גראַד פרעהליכער. בלויז מיין פּאָטער האָט אויסגעזעהן רוהיג, כמעט גלייכגילטיג.

וועגען וואָס האָבען זיי גערעדט? פרעגען האָט ניט געפּאַסט. אָבער איך בין געווען זיכער, אַז דאָס וואָס זיי האָבען גערעדט, דאַרף מיר זיין שטאַרק נוגע. ווי דערגעהט מען דאָס? וואו נעמט מען מיס בראָדסקי? אפשר ווייסט זי וואָס?...

אויף מאָרגען האָב איך דאָס דערגאַנגען.

מיין מוטער, עטעל׳ס מוטער און מר. קאַפּטאַן האָבען, ווי איך האָב שוין דערצעהלט, זיך גוט געקענט פון דער היים. איך האָב שוין אייך דערצעהלט, אַז מר. קאַפּטאַן איז בחור־ווייז געווען פאַרליעבט אין דבורה׳ן, אָבער זי האָט איהם ניט געוואָלט, ווייל כאָטש ער איז געווען אַ וואויל־לערנער, אַ שעהנער און אַ געראַטענער, איז זיין פאָטער געווען אַן אָרימער שוסטער און זי, דבורה, איז געווען פון באַלעבאַטישען שטאַנד. מר. קאַפּטאַן איז אוועקגעפאָהרען אין אַמעריקאַ. דאָ איז איהם אוועק גוט. ער איז געוואָרען זעהר רייך, האָט גענומען אַ שעהנע מיידעל פון אַ רייכע הויז און זי האָט איהם געבוירען שעהנע און געראָטענע קינדער. דאָך איז זיין אַלטע ליעבע צו דבורה׳ן ניט אויסגעלאָשען געוואָרען און ער האָט איהר געגעבען אַ שטעלע, אַז זי זאָל האָבען פון וואָס זיך צו ערנעהרען מיט איהר טאָכטער, עטעל, און האָט זיי ביידען זעהר פיעל געשטיצט.

אַז מר. קאַפּטאַן פלעגט קומען צו אונז אויף אַ באַזוך, פלעגט צווישען איהם און מיין מוטער אויפלעבען די אַלטע בענקשאַפט, פאַרבונדען מיט די אַלטע עראינערונגען פון זייערע יונגע יאָהרען. זיי פלעגען ריידען צווישען זיך וועגען מענשען און פּאַסירונגען וועלכע זיינען צו מיין פאָטער און צו מיר געווען גאַנץ פרעמד. עס איז אויסגעקומען, אַז זיי האָבען געהאַט פאַר זיך זייער אייגענע וועלט אין וועלכע מיר זיינען געווען גאַנץ פרעמדע. ניט אומזיסט פלעגט מיין פאָטער שפּאַסען יעדען מאָל וואָס מר. קאַפּטאַן פלעגט קומען, זאָגענדיג צו מיין מוטער: „סערע! דיין געליעבטער איז געקומען!“

און ביידע, אי מיין מוטער, אי מר. קאַפּטאַן, פלעגען דערביי לאַכען.

דיזען מאָל, ווען מר. קאַפּטאַן איז צו אונז געקומען אויף סאַפּער, האָט מיין מוטער געמאַכט אַ גאַנצען פּאַראַד. ביים טיש האָט זי איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע מיט עטלען אין קאַנטרי, ווי זי האָט זי מיטגענומען און ווי עטעל איז פון דאָרט אוועק ווייל זי האָט זיך געפונען באַליידיגט פון די ווייבער. מר. קאַפּטאַן האָט די געשיכטע אויסגעהערט מיט גרויס ערנסט. עס

פיהלט גליקליך, ווען דאָס ווערט טאַקע אַ שידוך, נאָר עס איז דאָ אַן אָפּהאַלט.

— עטעל וויל ניט? — האָב איך פּרובירט טרעפען.

מיין מוטער האָט זיך צולאַכט.

— וואָס הייסט עטעל וויל ניט? וואָרום זאָל זי ניט וועלען? אַ שעהנער בחור, אַ העלד, אַ געבילדעטער און האָט אַ רייכען פאָטער — פאַר וואָס זאָל זי ניט וועלען? עפּעס אַלע טאָג טרעפט זיך אַזאַ גליק פאַר אַן אָרימער מיידעל? וועגען איהר וואָלט שוין קיין אָפּהאַלט ניט געווען. דער אָפּהאַלט איז וואָס אַרנאָלד'ס מוטער וויל ניט. דו קענסט דאָך סאָפיע קאָפּטאַן — אַן איינגעשפּאַרטע און אַ שטאָלצע. איז קאָפּטאַן געקומען צו מיר און האָט מיר געבעטען, אַז ווען זיין ווייב וועט צוריק קומען פון לייקוואוד, זאָל איך זי באַזוכען און איהר צורעדען צום שידוך. עס ווילט זיך מיר ניט אַריינמישען, אָבער איך האָב איהם געמוזט צוזאָגען. קאָפּטאַן וויל, אַז איך זאָל זיין פרוי דערצעהלען וואָס פאַר אַ פיינע מיידעל עטעל איז. נו, איך האָב דאָס איהם געמוזט צוזאָגען. אויב איך וועל עפּעס אויספיהרען, איז אַ פראַגע.

„נאַ דיר! — האָב איך געזאָגט צו זיך אין הארצען — „ווען דו וואָלסט געווען אַ מענש מיט מוט, אַזוי ווי אַרנאָלד קאָפּטאַן, און דו וואָלסט געזאָגט אַז דו האָסט עטלען ליעב, וואָלט זי געווען דיינע...”

— אַזאַ גליק! — האָט מיין מוטער ווייטער גערעדט. — דבורה מוז זיך פיהלען אין דעם זיבעטען הימעל פאַר גדולה. געטאָן אַזאַ שידוך פאַר איהר אָרימע טאָכטער. ווען ניט אַזאַ גליק, ווער וואָלט גענומען אַזאַ אָרימע מיידעל? און קאָפּטאַן — אַ מאָדנער מענש — איך האָב מורא, אַז ער איז נאָך אַלץ פאַרליעבט אין דבורה'ן. ביי אונז אידען זאָגט מען אַ ווערטעל, „אַלטע ליעבע ראָסטעט ניט”. קאָפּטאַן האָט ניט געקענט אַליין חתונה האָבען מיט דבורה'ן, וויל ער אַז זייערע קינדער זאָלען זיך איינע די אַנדערע נעמען. אין אַ מעשה ביכעל האָב איך איינמאָל געלעזען גראָד אַזאַ געשיכטע.

— עס קלינגט אַזוי ווי אַ מעשה ביכעל, — האָב איך צוגעגעבען. — אָבער מיר דאַכט, אַז איך האָב ערגעץ געהערט — איך

זיבען־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

גרויסע איבערראַשונגען

אַזוי ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַזוי איז דאָס טאַקע געשעהן, און נאָך מעהר ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך מיין פאָטער געאיילט צו געהן אין געשעפט אַ ביסעל פריהער, און ווען איך בין פאַרבליבען מיט מיין מוטער אַליין, ביים ברעקפעסט טיש, האָט מיין מוטער באַמערקט, אַזוי ווי זי רעדט צו זיך:

— נו, די עטעל! זי האָט דאָס מזל! אַזאַ גליק

איך האָב אָנגעקוקט מיין מוטער מיט אַ נייגעריגען בליק און זיך איינגעהאַלטען איהר ניט צו פרעגען. איך האָב מורא געהאַט ארויסצואווייזען מיין אינטערעסע אין עטלען. איך האָב געוואַרט ביז מיין מוטער וועט אַליין דערצעהלען.

— הער, מיין זוהן, וואָס דאָ טוט זיך, — האָט מיין מוטער אָנגעהויבען, אָבער דערצעהל פון דעם קיינעם ניט, ווייל דאָס דאַרף דערווייל זיין בסוד. וועסט עס גלויבען, אַז ארנאָלד, קאַפּיטאַנ׳ס זוהן, אַזאַ פיינער באָי, וואָס מען רעדט איהם די שעהנסטע שידוכים מיט די רייכסטע מיידלעך, האָט גענומען און האָט זיך פאַרליעבט אין עטלען — עטעל דבורה׳ס!

— אין עטלען? — האָב איך פאַרוואונדערט אויסגערופען און געבליבען זיצען מיט אַן אָפענעם מויל.

— איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט זיין סורפּרייזד, — האָט מיין מוטער געזאָגט. — איך בין געווען סורפּרייזד נאָך מעהר פון דיר. ווען קאַפּטאַן איז דאָ נעכטען ביינאַכט געווען און האָט עס מיר דערצעהלט, האָב איך דאָס גאָר ניט געוואָלט גלויבען. איך האָב פון אָנפאַנג געמיינט, אַז ער לאַכט פון מיר. און וועסטו גלויבען, סעמי, אַז קאַפּטאַן אַליין וויל דעם שידוך, ער וויל, אַז זיין זוהן זאָל חתונה האָבען מיט עטלען. ער זאָגט, אַז ער וואָלט זיך גע־

איך מוז זעהן פעני בראָדסקי. איך מוז מיט איהר ריידען. אויב איך וועל ניט געפינען אַ מענשען פאַר וועמען איך קען אויס־ריידען מיינע געפיהלען, וועט מיין הארץ פּלאַצען אין מיר.

אויף מאָרגען האָבען זיך אָנגעפאַנגען די קריסטליכע פייער־טעג. איך בין יעצט געוואָרען פריי פון קאָלעדזש אויף מעהר ווי אַ וואָך צייט. איך מוז אויסנוצען די געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט מיס בראָדסקי. אָבער וואו זעהט מען זי?

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז זי איז אַ מיטגליעד פון דעם „דזשואיש סענטער״. אין דעם אָוונד, די אַכטע ליכטעל, איז דאָרט געווען אַ אונטערהאַלטונג. אפשר וועל איך זי דאָרט טרע־פען?

אָבער ווען איך בין שוין געווען ביי דער טיר פון דעם אַנ־שטאַלט, האָב איך חרטה באַקומען. אפשר איז זי דאָרט מיט איהר חתן, מירמעלשטיין? און אפשר וועט זי אליין ניט וועלען ליידען וואָס איך קום זי זוכען. איהרע פריינד ווייסען דאָך, אַז זי האָט אַ חתן. און מיין קומען און ריידען צו איהר וועט זיין זעהר אויפ־פאַלענד.

און אַזוי ווי איך האָב זיך שוין אָפּגעקעהרט אָוועקצוגעהן, קומט מיר אָן אַנטקעגען אַ יונגע מיידעל אָנגעטאָן אין אַ טייערען פוטער. איהר העט מיט צוויי טייערע שטרויס־פעדערען האָט אַזוי פאַרדעקט איהר פּנים, אַז איך האָב איהר גאָר ניט דערקענט, כאָטש זי האָט צו מיר געשמייכעלט ווי צו אַן אַלטען באַקאַנטען.

— איהר דערקענט מיך ניט, מר. פרומקין? — האָט זי גע־זאָגט לאַכענדיג. — איהר האָט אַ שלעכטען זכרון. איך בין מיס גימפּעל, דאָרע גימפּעל. מיר זיינען איינגעשטאַנען דעם זומער אויף מאָטעל׳ס פאַרם.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן איהר און איהר מאַמען, וועלכע פלעגט ביי יעדען מאָלצייט באַשטעלען צו צוויי פּאָרציעס פון יעדע געריכט און נאָך דערצו אויפעסען אַלעס וואָס עס פלעגט בלייבען פון איהר טאָכטער.

— אָ, יעס! — האָב איך געענטפערט און האָב אַראָפּגע־צויגען מיין העט. — איהר געהט עס געוויס צום אונטערהאַלטונג פון דזשואיש סענטער?

ווייס ניט ווער עס האָט מיר דאָס געזאָגט — אַז עטעל האָט שוין אַ חתן, אָדער זי געהט אַזוי אַרום מיט אַ יונגענמאַן.

— פון וועמען האָסטו עס געהערט? — האָט מיין מוטער געפרעגט.

— איך געדענק ניט, — האָב איך געענטפערט און אָפּגע־קערט דעם קאָפּ. — איך געדענקט ניט. עס איז מיר אין איין אויער אריין, פון דעם אַנדער אויער אַרויס.

(„אַ ליגען! ווידער אַ ליגען! סעם, דו ווערט אַ ליגנער!“ — האָט אַ שטימע געשריען ביי מיר אין הארצען.)

— פאַראַן וועגען וואָס צו ריידען! — האָט מיין מוטער אויסגערופען מיט אַ געלעכטער. — מאַלע וואָס אַ מיידעל געהט אוים מיט אַ באָי. אַז אַ מיידעל איז נאָך יונג האָט זי מורא טאָמער וועט זי פארזיצען, געהט זי ארום מיט דעם באָי, מיט אַן אַנדע־רען. מיט איינעם, דאַכט זיך, איז זי שוין כמעט אַ כלה געוואָרען. אַבער אין מיטען, אַז עס מאַכט זיך אַ בעסערער שידוך, אַ רייכע־רער חתן, וואַרפט זי אַוועק דעם פריהערדיגען און נעמט דעם ריי־כערען.

— און אַ ביסעל אַרבייט אין דעם דבורה, — האָט מיין מו־טער די זאַך אַ ביסעל ברייטער ערקלערט. — זי איז דאָך אַ מאַמע. זי ווייס אַז קיין געלד האָט ניט איהר טאָכטער, הייסט זי איהר ארומגעהן מיט באָיס, טאָמער מאַכט זיך, אַז איינער פארליעבט זיך אין איהר טאָכטער. וואָס פריהער איז בעסער. צו וואָס זאָל זי וואַרטען ביז עטעל וועט ווערען אַן אַלטע מויד? נו, האָט זיך גע־מאַכט אַזאַ גליק! זי האָט זכות אָבות, זאָג איך דיר!

„אוי, מאַמע, מאַמעלע“, — האָב איך זיך געטראַכט, „ווען דו זאָלסט וויסען ווי דיין יעדע וואָרט שטעכט אין הארצען דיין איינציגען זוהן וואָס האָט דיך אַזוי ליעב און וועמען דו האָסט אַזוי ליעב! שלעכט — איך מוז מיינע געפיהלען ביי זיך אין הארצען באַהאַלטען. די וועלט איז אַ גרויסער בית עולם. יעדער איינער טראָגט אַ קבר ביי זיך אין הארצען.“

גליקליכער אַרנאָלד! מיין טיעפסטער רעספּעקט פאַר דיין העלדענמוט!

איך האָב באַפרייט מיין אָרם פון מיס גימפּעל. איך בין גע־ווען מעהר בייז אויף זיך ווי אויף איהר.

— וואָס? איהר ווילט גאָר ניט הערען די נייעס וואָס איך האָב אייך צו דערצעהלען? — האָט מיס גימפּעל זיך גערייצט מיט מיר. — דאָס איז טאַקע וועגען אייער פריינדין, די מיס בראָדסקי.

— וואָס איז געשעהן? — האָב איך קאַלט און טרוקען גע־פרעגט.

— אַ גאַרנישט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ בייסענדען שמיי־כעל. — זי איז שוין אוים כלה, ווידער אַ מויד.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? — האָב איך געפרעגט.

— מיין מאַמע האָט מיר דערצעהלט, — האָט זי געענט־פערט. — מיין מאַמע ווייס אַלע נייעס. זי האָט געמעגט זיין אַ רעפּאָרטער. זי ביט אַלע רעפּאָרטערס טו פּיסעס. וואָס נאָר עס גע־שעהט אין ניו יאָרק, ווייס מיין מאַמע די ערשטע.

— ווי אַזוי איז דאָס געוואָרען אוים שידוך? — האָב איך געפרעגט און פּרובירט זיין אַ ביסעל ווייכער.

— איהר פאָטער האָט זיך דערוואוסט, אַז מירמעלשטיין פיהרט אַ ליעבע מיט מיסעס גרעפּטער. איהר קענט זי דאָך וואַר־שיינליך, און אויב ניט, האָט איהר געהערט פון איהר. מען האָט דערצעהלט, אַז מר. בראָדסקי האָט געכאַפּט דעם מירמעלשטיין ברייננגענדיג מיסעס גרעפּטער פיער אוהר פאַרטאָג צו איהר היים אין אַ טעקסי און די טעקסי האָט ער נאָכדעם אַוועקגעשיקט. איהר פאַרשטעהט, אָדער מען דאַרף אייך אַריינלייגען אַ פינגער אין מויל?

— איך פאַרשטעה, — האָב איך געענטפּערט.

— אויב איהר ווילט, קומט אַריין צו אונז מאָרגען אָוועגד. מיין מוטער קען אייך אַ סך מעהר דערצעהלען.

— איך? האַ־האַ־האַ! — האָט זי זיך צולאַכט. — איך וועל געהן צו די קאַיקס? איך בין ניט אַזוי אַלד פעשאַנד ווי איהר דענקט. מיין מוטער וואָלט אפשר יאָ אהין געגאַנגען. איך געה יעצט צו אַ קריסטמאַס פּאַרטי, דאָ פאַר דריי בלאָק. אויב איהר ווילט זיין אַ דזשענטעלמאַן, קענט איהר מיך באַגלייטען. וועל איך אייך דערצעהלען וויכטיגע נייעס אויפ׳ן וועג. עס וועט אייך ספּעציעל אינטערעסירען.

— וואָס מאַכט אייער מוטער? — האָט זי מיך געפרעגט געהענדיג.

— זי איז אָלראַיט. איך דאַנקע. — האָב איך געענטפערט. — און וואָס מאַכט אייער מוטער? — האָב איך צוריק געפרעגט פון העפליכקייט וועגען.

— מיין מוטער איז אויך אָלראַיט, — האָט זי געענטפערט. — זי דערמאָנט אייך. זי האָט עטליכע מאָל געזאָגט, אז מען דאַרף אייך איינלאַדען צו קומען צו אונז אויף אַ באַזוך.

עס האָט מיר שוין אָנגעהויבען צו פאַרדריסען וואָס איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג צו געהן מיט מיס גימפּעל. וואו זיינען די נייעס וואָס זי האָט מיר געהאַט צו דערצעהלען? זי האָט מיר געמוזט אָפּבלאָפען. איך בין אַריינגעפאַלען, אָבער איך מוז זי שוין באַגלייטען און פּטור ווערען פון איהר.

און אַזוי ווי מיר געהען, קומען אָן פון דער אַנדער זייט עטליכע מיידלאַך צוזאַמען, און צווישען זיי זעה איך פעני בראָדסקי. מיין ערשטער אימפּולס איז געווען איבערצולאָזען מיס גימפּעל און געהן גלייך צו מיס בראָדסקי, אָבער מיס גימפּעל האָט מיך אונטערגעכאַפּט אונטער מיין אָרם, אַזוי ווי איך וואָלט געווען איהר שטענדיגער באַגלייטער. מיס בראָדסקי האָט מיך דערזעהן געהן געאַרמט מיט מיס גימפּעל און זי איז געווען ניט ווייניגער איבערראַשט, אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטען, גאַרנישט געזאָגט, בלויז באַגריסט אונז מיט אַ נייג פון איהר קאָפּ, און איז געגאַנגען ווייטער, צום דזשואיש סענטער.

— מיר געהען צו אַ קריסטמעס פּאַרטי — האָט איהר מיס גימפּעל לאַכענדיג נאָכגעשריען, אָבער מיס בראָדסקי האָט ניט געהערט, אָדער זי האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג.

אַכט־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

אַ שטראַהל האָפנונג

אפאר טעג שפּעטער, אין אָווענד. נאָך סאַפּער האָבען מיר געהאַט אַן אונערוואַרטעטען באַזוך פון פעני בראָדסקי. איך האָב זיך אַזוי דערפרעהט וואָס זי איז געקומען, ווייל איך וועל יעצט האָבען די געלעגענהייט איהר צו ערקלעהרען ווי אַזוי איך קום צו געהן אין גאָס געאַרעמט מיט דאָרע גימפּעל, און איהר געבען צו פאַרשטעהן וועגען דער קריסטמעס פּאַרטי, פון וועלכע איך האָב נישט געוואוסט פון וואָס צו זאָגען.

— אַ גאַסט, כ׳לעבען! — האָט מיין מוטער אויסגערופען, אָבער מיט אַ האַלבען מויל. מיין מוטער האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט מיס בראָדסקי, דען איך האָב איהר גאַרנישט דערצעהלט, און מיין מוטער איז געווען ווי אומצופרידען וואָס מיס בראָדסקי איז געקומען, וויסענדיג אַז איהר חתן האָט ניט געוואָלט ליידען איהר פריינדשאַפט מיט אונז, צוליעב מיר.

— איך בין צו אייך געקומען מיט גרויסע נייעס, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט און איהר לאַכענדיג פּנים האָט אַרויסגע־צייגט גרויס צופרידענהייט. — איך בין שוין אויס כלה!

— וואָס רעדסטו, פעגעלע! — האָט מיין מוטער אויסגע־רופען, שטאַרק איבערראַשט. — דו לאַכסט ניט?

— איך דערצעהל אייך וואָס עס איז געשעהן. אַט דער מיר־מעלשטיין, וואָס האָט ניט געקענט ליידען וואָס איך פלעג ריידען מיט אייער זוהן, פלעגט אַליין די גאַנצע צייט פאַרברייננגען דריי און פיער אָווענדען אַ וואָך מיט מיסעס גרעפּטער. איך האָב שוין לאַנג געהאַט אַ פאַרדאַכט וועגען דעם —

— גלויב דאָס ניט, פעני, — האָט מיין מוטער געזאָגט. — אימיצער האָט געמוזט מאַכען אַ בלבול אויף איהם. שונאים זיינען פעהיג אויף אַלעס. זאָלסט זיך גאַר ניט מאַכען קיין וועזען פון זייע־רע רייד. דו האָב חתונה מיט מירמעלשטיין. ער איז אַ פיינער

— איך וועל זעהן, — האָב איך געזאָגט מיט אַ האַלבען מויל.

אין די רייד זיינען מיר אָנגעקומען ביי דער הויז וואו מים גימפּעל האָט געדאַרפט אַריין. זי האָט מיר געגעבען איהר האַנד „צום ווידערזעהן", און איך בין אַוועק אַהיים.

איין געדאַנק האָט יעצט אָנגעפילט מיין מוח: וואָס דענקט יעצט מים בראָדסקי פון מיר, נאָכדעם ווי זי האָט מיך געזעהן געהן געאָרעמט מיט דער נאַרישער מים גימפּעל? האָט זי געגלויבט, אַז איך בין מיט איהר געגאַנגען צו אַ קריסטמעס פּאַרטי — גוואַלד, וואו זעהט מען זי? וואו קען איך זיך דורכריידען מיט איהר און איהר ערקלעהרען אַלעס, אַלעס?...

געשעפט, איך וועל זוכן צו מאַכען אַז ערפאָלג אין ביזנעס, און פון א חתן וויל איך גאָר ניט טראַכטען.

— דו רעדסט אַזוי ווי די וועלט וואָלט שוין אונטערגעגאַנ־גען, — האָט מיין מוטער איהר געטרייסט. — שרעק זיך ניט. דיר וועט זיך באַלד מאַכען אַז אנדער חתן און דו וועסט זיך פאַרגעסען אויף אַלע דיינע פּלענער מיט דיין מילינערי געשעפט.

די גאַנצע צייט וואָס מיין מוטער און פעני בראָדסקי האָבען גערעדט, האָב איך אַלץ געטראַכט ווי געפינט מען א געלעגענהייט זיך דורכצוריידען מיט מיס בראָדסקי און זיך רעכטפערטיגען אין איהרע אויגען וועגען דער אונגליקליכער באַגעגעניש מיט מיר און דאָרע גימפּעל. די געלעגענהייט איז געקומען ווען פעני בראָדסקי האָט געדאַרפט געהן אהיים, עס איז שוין געווען אָרום ניין. איך האָב זיך אָנגעבאָטען איהר צו באַגלייטען.

— דאָט׳ס ראַיט, מיין זוהן, — האָט מיין מוטער גוט גע־הייסען מיין אָנבאָט, — געה פיהר אָפּ פעני׳ן אהיים.

— בלויז צו א קאַר, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט. — איך וועל שוין אַליין טרעפען דעם וועג אהיים. אייגענטליך האָב איך אין גאַנצען צו פאָהרען א צוואַנציג מינוטען.

ווען מיר זיינען שוין געווען אויף דער גאַס, האָב איך צו איהר געזאָגט:

— מיס בראָדסקי, עס פרעהט מיך אַזוי וואָס איהר זיינט היינט געקומען. איך האָב אייך זעהר געוואָלט זעהן און אייך ער־קלעהרען — אָט וועגען מיס גימפּעל — וואָס איהר האָט מיך באַ־געגענט לעצטען זונטאָג אָוועגד.

— איהר זייט מיר ניט שולדיג קיינע ערקלעהרונגען, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט, ווערענדיג ערנסט. — מיס גימפּעל איז זעהר א פיינע מיידעל, און איך בין זיכער, אַז אויב איהר האָט פון איהר א גוטע מיינונג איז זי דאָס ווערט.

— אָבער איהר הויבט מיך גאָר ניט אָן צו פאַרשטעהן, — האָב איך געזאָגט לאַבענדיג פון דעם ווי שלעכט זי האָט מיך פאַר־שטאַנען. — די גאַנצע זאַך איז געווען א מיספאַרשטענדניס, ניט איך בין געגאַנגען מיט מיס גימפּעל צו א קריסטמעס פּאַרטי, ניט איך האָב געהאַט מיט איהר אַן אַפּאָינטמענט. איך האָב זיך מיט

יונגערמאַן. ער איז רייך, ער האָט אַ גוטע ביזנעס. דו וועסט לעבען פאַר איהם גליקליך, און טאָמער איז ער יעצט אַ ביסעל צו פריי, בין איך זיכער, אַז נאָכדעם ווי ער וועט חתונה האָבען וועט ער ווערען אַ געסעטעלטער מענש. דו וועסט איהם מאַכען פאַר אַ ריכטיגען מאַן. פעגעלע, דו ביזט דאָך אַזאַ גוטע, אַזאַ קלוגע, דאָס יעדער איינער מוז דיך ליעב האָבען.

מיס בראָדסקי האָט זיך צוגעהערט צו מיין מוטער׳ס רייד מיט אַ זיסען שמייכעל אויף איהרע ליפען. זי האָט דערנאָך דער־צעהלט אַלעס וואָס איהר פאָטער האָט אויסגעפונען וועגען איהר חתן. דאָס איז געווען כמעט דאָס זעלבע וואָס דאָרע גימפּעל האָט מיר דערצעהלט. מיין מוטער האָט זיך געכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ ווען זי האָט אויסגעהערט די אַלע פאַקטען, און נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— אויב אַזוי, איז שוין רעכט, דאַרפסטו זיך טאַקע פרעהען, פעגעלע, וואָס דו ביזט ניט אַריינגעפאַלען צו אַזאַ שאַרלאַטאַן אין די הענד. אוי, ווער זאָל עס זיך ריכטען! און זי האַלט זיך פאַר אַזאַ פיינע לידי! איך זאָג דיר, פעגעלע, דאָס איז דיין מוטער׳ס זכות וואָס האָט דיך פאַרהיט פון אַזאַ שידוך. איך האָב דיין מאַמען גוט געקענט. דאָס איז געווען אַ פרוי אַ צדיקת! עס זיך ניט אָפּ די האַרץ, פעגעלע. וועסט נאָך קריגען אַ בעסערען חתן. אַזאַ שטיק גאָלד זאָל איך האָבען, וואָס פאַר אַ חתן דו וועסט נאָך קריגען!

— איך עס זיך ניט אָפּ די האַרץ, — האָט מיס בראָדסקי פאַרזיכערט. — און איך וועל זיך גאָר ניט איילען צו זוכען אַן אַנדער חתן. איך דענק צו געהן אין ביזנעס. איך וועל עפענען אַ מילינערי געשעפט און ווערען אַ מענש פאַר זיך, אינדעפּענדענט!

— רייד ניט קיין נאַרישקייטען! — האָט איהר מיין מוטער אָפּגעשלאָגען. — דו דאַרפסט זוכען פּרנסה? דיין טאַטע קען דיך ניט מפרנס זיין?

— גענוג געגעסען דעם טאַטענ׳ס! — האָט מיס בראָדסקי געענטפערט. — איך גלויב, אַז עס איז אַ שאַנדע פאַר אַ מיידעל וואָס איז עלטער פון צוואַנציג אַז זי זאָל זיצען ביי די עלטערען אויפ׳ן קאַרק. סיידען די עלטערען דאַרפען זי האָבען און זי וויל ביי זיי זיין, אום זיי צו העלפען. איך וועל עפענען אַ מילינערי־

— פון וואנען ווייסט איהר? — האָב איך פארוואונדערט אויסגערופען.

— א נאר פון באַד ארוים! — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט מיט א געלעכטער. — מיין שעהנער בעל סוד! אויב דאָס איז' א סוד, האָט איהר ניט געדאַרפט מיך לאָזען וויסען אז דאָס איז דער סוד וואָס איהר ווייסט! נו, איהר באַוואונדערט ניט זיין העלדענמוט? ער ליעבט די מיידעל, האָט ער געזאָגט זיינע על־טערען אז ער וויל מיט איהר חתונה האָבען!

איך האָב טיעף געפיהלט דעם שטאָך פון איהרע רייד. אָבער איך האָב ניט געוואָלט איהר בלייבען שולדיג, האָב איך געענט־פערט:

— מיינע עלטערען זיינען ניט ווי זיינע עלטערען. און די אומשטענדען זיינען דאָ אויך גאַנץ אַנדערע. ארנאָלד׳ס פאָטער וויל דעם שידוך גראָד אזוי ווי זיין זוהן. עס איז זיין אייגענער ראָמאַן, אזוי ווי זיין זוהנ׳ס.

— יאָ, איך האָב געהערט פון דער געשיכטע, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט. — עס קלינגט אזוי די אַלט־מאָדישע ראָמאַנען. היינטיגע ראָמאַניסטען וואָלטען זיך געשעהמט צו שרייבען א ראָמאַן מיט אזא אינהאַלט. עס איז שוין צו אַלט, זאָגען זיי. אָבער אין לעבען פּאַסירען נאָך די זאכען. די וועלט ווערט ניט מיעד פון דער טעמא.

איהר רעדט זעהר קלוג, מיס בראָדסקי, — האָב איך גע־זאָגט.

— א אידענע האָט ניין מאָס רייד, מוז דאָך אַמאָל איהר זיך אויסריידען א קלוגע זאַך, — האָט זי געזאָגט, — און אָט צו־ליעב מיינע ניין מאָס רייד האָב איך געלאָזט פיער קאָרס פאַרביי־געהן. אָט קומט אָן פינפטע. גוד נאַיט! — און זי איז אוועקגע־פאָהרען.

*

נאָך א וואָך איז פאַריבער. מר. קאַפּטאַנ׳ס פאַמיליע איז צוריקגעקומען פון לייקוואוד. מיין מוטער האָט געהאַלטען איהר פאַרשפּרעכען וואָס זי האָט געגעבען צו מר. קאַפּטאַן און איז אוועק

איהר באַגעגענט דורך אַ צופאַל און זי האָט זיך אַנגעטשעפּעט אַז מיר ווי סמאָלע, און איהר זייט אַנגעקומען גראָד ווען זי האָט מיך געכאַפּט אונטער׳ן אָרם.

איך האָב נאָכאַמאָל איבערדערצעהלט די געשיכטע מיט מעהר איינצעלהייטען. מיס בראָדסקי׳ס פּנים האָט ווידער אָנגעהויבען צו לאַכען, און זי האָט געזאָגט:

— איך שעהם מיך פאַר זיך אַליין. איך האָב שוין געגלויבט אַז איהר האָט זיך פון דער העלער הויט פאַרליעבט אין דעם גולם און איהר געהט מיט איהר צו אַ פּאַרטי. איך האָב געזוכט אייך אויסצומיידען, גלויבענדיג אַז איהר שעהמט זיך פאַר מיר.

— איך פיהל זיך זעהר גליקליך וואָס די זאַך איז ענדליך אויפגעקלערט געוואָרען, — האָב איך געזאָגט. — אייער מיינונג וועגען מיר איז ביי מיר זעהר טייער. איך וואָלט קיינמאָל ניט געטאָן אַ זאַך וואָס וואָלט מיך ערנידעריגט אין אייערע אויגען. גלויבט מיר, מיס בראָדסקי!

— איך גלויב אייך, — האָט זי געזאָגט מיט געפיהל.

עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט איהר דערצעהלען וועגען עטלען, אָבער איך האָב ניט געוואַגט. מיין מוטער האָט דאָך מיר אָנגעזאָגט אַז דערווייל מוז איך האַלטען די זאַך בסוד.

— מיס בראָדסקי, — האָב איך געזאָגט, ווען מיר האָבען זיך שוין געדאַרפט שיידען, — קען איך אייך אַמאָל זעהן?

— מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען, — האָט זי געזאָגט. — איהר קענט מיר שרייבען און מיר וועלען זיך טרעפען אין לייברערי. אָבער איך זעה אַז אייך, אַז איהר האָט מיר יעצט עפּעס צו דער־צעהלען, נאָר איהר האָט מורא, אָדער איהר ווילט ניט.

— עס איז דערווייל אַ סוד, — האָב איך זיך מודה געווען.

— דאַס זיינען די סודות וואָס מען פאַרטרויט צו הונדערט פריינד און מען זאָגט אַן יעדען איינעם אַז ער זאָל קיינעם ניט אויסזאָגען. אָבער די הונדערט פריינד האָבען הונדערט אַנדערע פריינד, און ווען צוויי הונדערט מענשען ווייסען, ווייס שוין די גאַנצע וועלט. אָט וועל איך אייך זאָגען וואָס דער סוד איז: אָר־נאָלד קאַפּטאַן האָט זיך פאַרליעבט אין עטלען!

שפּעטער, אז מיין מוטער האָט זיך א ביסעל בארוהיגט, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— נאָך אַלעמען, איז דאָס ניט קיין גליכער שידוך. מיינסט סאָפּיע קאַפּטאַן האָט ניט רעכט? זי איז דאָך א מאַמע. פאַר וואָס זאָל זי אַוועקגעבען איהר זוהן, אַזא שעהנער און געראָטענער, וואָס מען רעדט איהם די פיינסטע שידוכים אין שטאָט, פאַר וואָס זאָל זי איהם אַוועקגעבען פאַר אַן אָרים מיידעל, א טאָכטער פון א פרוי וואָס דיענט ביי איהר מאַן? כ׳לעבען, סאָפּיע איז גאָר ניט קיין נאַר —

און אין מיין הארצען האָט אָנגעהויבען צו לייכטען א האָפנונג. עטעל איז נאָך פריי...

איבעררײדען מיט זײן פרוי און קריגען איהר צושטימונג, אַז איהר זוהן, אַרנאָלד, זאָל חתונה האָבען מיט עטלען.

ווען מײן מוטער האָט פאַרלאָזען די הויז צו געהן אויף איהר שליחות, האָט זי גאָר ניט געוואוסט אַז זי געהט יעצט צוברעכען דעם גליק פון איהר אײנציגען זוהן. ווען איך וואָלט געהאַט דעם מוט איהר צו זאָגען: „מאַמע, געה ניט! מאַמע, עטלען האָב איך אַלײן ליעב!"

די צוויי שטונדען וואָס זײנען אַריבער ביז מײן מוטער איז צוריקגעקומען, זײנען פאַר מיר געווען אַ גיהנום. איך בין געווען זיכער, אַז מײן מוטער וועט איהר שליחות וואָס זי האָט זיך אונ־טערגענומען, אויספיהרען.

אָבער מײן מוטער איז צוריקגעקומען אַ זעהר אונצופרידענע, אַ בײזע.

— זעהר רעכט אויף מיר! — האָט זי אויסגערופען. — אין אַזעלכע זאַכען דאַרף זיך אַ זײטיגער מענש ניט מישען. נו, האָב איך געכאַפּט אַ חלק פון סאַפּיע קאַפּטאַן! איך האָב איהר אָנגע־הויבען צו דערצעהלען וואָס פאַר אַ פײנע מײדעל עטעל איז, פרעגט זי מיך מיט חוצפּה, אויב עטעל איז אַזאַ פײנע מײדעל, טאָ וואָרום מאַך איך איהר ניט חתונה מיט מײן אײגענעם זוהן? האָסטו געהערט אַ פאַרגלײך? אַרנאָלד'ס זײדע איז דאָך געווען אַן אָרימער שוסטער, און דײן זײדע איז געווען אַ שעהנער בעל־הבית וואָס איז געזעסען יומם ולילה און געלערנט. נאָר איך האָב איהר געזאָגט, עס קען זײן אַז מײן זוהן וואָלט זיך פאַרליעבט אין דער מײדעל און אַז איך וואָלט געזעהן אַז קײן אַנדערע וויל ער ניט, וואָלט איך איהם נאָכגעגעבען. אַזוי האָב איך איהר געמוזט זאָגען פון דרך שלום וועגען —

מײן מוטער איז געווען אַזוי אויפגערעגט, דאָס זי האָט זיך געמוזט צולײגען אין בעט. און ווי האָב איך דאַן געקענט עפענען מײן מויל און איהר זאָגען וואָס בײ מיר אויפ'ן האַרצען איז? דאָס וואָלט פאַר איהר געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ.

אַט איז דער קאַפּיטעל ראָמאַן וועלכער איז געגרינדעט אויף מר. קאַפּטאַנ׳ס אייגענעם באַריכט:

— נו, עס זעהט אויס, אַז דאָס איז אַזוי באַשערט פון גאָט, — האָט געזאָגט די רייכע מיסעס סאַפּיע קאַפּטאַן צו איהר מאַן. — מסתמא האָט די מיידעל אַזאַ מזל.

— אַט אַזוי, מיין טייערע, רייד, — האָט מר. קאַפּטאַן אויסגערופען מיט פרייד. — איך זאָג דיר, אַז די מיידעל איז ווערט דעם בעסטען חתן אין דער וועלט. דו וועסט שטאָלצירען מיט איהר. אי, וואָס זי איז ניט רייך? נו, רייכטום איז ביי גאָט אין די הענט!

— מיין גוטע, טייערע מוטער! — האָט אויסגערופען אַר־נאָלד אַרומנעמענדיג זיין מוטער און קושענדיג איהר אויף ביידע באַקען מיט קינדערשער פרייד. — דו האָסט מיך גליקליך גע־מאַכט!

נאָכדעם איז מר. קאַפּטאַן אַוועק צו דבורה׳ן איהר אָנזאָגען די גוטע בשורה. דער אמת איז, אַז דבורה האָט גאָר ניט געגלויבט אַז פון דעם שידוך קען עפּעס ווערען. זי האָט געוואָרענט מר. קאַפּ־טאַן און אויך זיין זוהן, אַז זיי זאָלען זיך פריהער גוט איבער־לייגען וועגען דעם שידוך, איידער זיי געהען פאַרדרעהען דעם קאָפּ פון איהר אָרימע קינד. אָבער מר. קאַפּטאַן האָט איהר עטליכע מאָל פאַרזיכערט: „דבורה! אייער קינד איז מיר ליעב און טייער אַזוי ווי זי וואָלט געווען מיין אייגענע“.

— אַ גוטינקער אָוונד אייך, דבורה! וואו איז דאָס עטעל? — האָט מר. קאַפּטאַן געזאָגט אַריינקומענדיג צו דבורה׳ן אין איהר קליינע, אָבער זעהר זויבערע וואוינונג.

— עטעל איז אַוועק אין לייברערי איבערבייטען אַ בוך. זי וועט באַלד קומען. זיצט, מר. קאַפּטאַן! איהר האָט איהר געדאַרפט עפּעס פרעגען?

— איך וויל זיך צוקושען מיט איהר, — האָט מר. קאַפּטאַן פרעהליך געזאָגט. — דער שידוך איז געשלאָסען. מיין פרוי האָט ענדליך איינגעזעהן, אַז קיין שעהנערע און בעסערע כלה ווי עטעל קען זי ניט ווינשען פאַר אונזער אַרנאָלד׳ן, און עס טוט איהר זעהר באַנג וואָס זי איז פריער געווען געגען דעם שידוך. זי קען זיך דאָס

ניין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

אַ קאַפּיטעל פון אַ ראָמאַן

מיין האָפנונג, אַז פון דעם שידוך צווישען עטעל און אַרנאָלד קאַפּטאַן וועט גאָר ניט ווערען, האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפען־בלע־זעל. אַ וואָך שפּעטער איז מר. קאַפּטאַן, מיין מוטער'ס לאַנדסמאַן, געקומען צו אונז אין הויז און זיין פּנים האָט געשטראַהלט פאַר פרייד. זיין פרוי האָט ענדליך נאָכגעגעבען אַז איהר זוהן זאָל נעמען עטלען.

מיין מוטער איז געווען נייגעריג צו וויסען ווי עס איז צוגע־גאַנגען מיט דעם „אַנדער צד", עס הייסט מיט עטלען און איהר מוטער. מר. קאַפּטאַן איז געווען פריינדליך גענוג איבערצוגעבען אַ פולען באַריכט וועגען אַלעס ווי עס איז צוגעגאַנגען אין דבורה'ס הויז.

עס איז מיר אונמעגליך איבערצוגעבען וואָרט פאַר וואָרט ווי מר. קאַפּטאַן האָט עס דערצעהלט. דען מיין קאָפּ איז בעת מעשה געווען זעהר ניט קלאָר. מיינע געדאַנקען האָבען זיך גע־מישט און איך האָב זיי ניט געקענט ברייגנען אין אָרדנונג. אַלעס וואָס איז געווען אין צימער האָט געשוואומען פאַר מיינע אויגען. מיין מוטער, וועלכע איז געווען פאַרטיעפט אין מר. קאַפּטאַנ'ס ערצעהלונג, האָט אויף מיר גאָר ניט באַמערקט. אָבער מר. קאַפּטאַן האָט יאָ באַמערקט, אַז איך בין ניט „מיט אַלעמען" און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ היבשע ביסעל פאַרדאַכט.

אַט יעצט, ווען איך שרייב דיזע צייליען, זעה איך, אַז עס איז אומזיסט מיין מיה איבערצוגעבען וואָרט פאַר וואָרט מר. קאַפּ־טאַנ'ס באַריכט. איך וועל דאַרום דאָס שרייבען אין דער פאָרמע ווי אַ ראָמאַנען שרייבער וואָלט עס געשילדערט. עס איז פיעל לייכטער צו שרייבען אַ ראָמאַן, איידער אַן אמת'ע געשיכטע פון ריכטיגען לעבען.

טעמעל וויינט פאר שמחה. ווען האָט די אָרימע מיידעל געקענט חלומ'ען פון אזא גליק?

— טעמעלע, באַרוהיג זיך, — האָט דבורה זי גענומען איינ־שטילען, גלעטענדיג איהר שעהנעם קאָפּ. — טאָכטער מיינע! מר. קאַפּטאַן רעדט דאָך צו דיר. וואו האָבען מיר אין דער וועלט נאָך אזא גוטען פריינד ווי מר. קאַפּטאַן? און וואָס וואָלט פון אונז גע־וואָרען ווען ניט זיין גוטסקייט צו אונז?

— אַך, דבורה, ליעבע דבורה, רעדט ניט קיין נאַרישקייטען!

— האָט איהר מר. קאַפּטאַן פאַרגעהאַלטען. — וואָס פאַר אַ טובות האָב איך אייך געטאָן? איך האָב אייך געגעבען אַ שטעלע? איהר טוט מיר אַ גרעסערע טובה וואָס איהר פּאַסט אויף מיין הויז אַזוי אָרינטליך. יעצט וועט איהר קענען זיין מיט אייער טאָכטער און מיט מיין זוהן צוזאַמען. איהר וועט לעבען ווי אַ ליידי. עס וועט אייך קיין זאַך ניט פעהלען. דעם טאָג וואָס מיין זוהן האָט חתונה מיט טעלען ווערט ער אַ גלייכער שותף אין אַלע מיינע הייזער. דאָס איז מיין נדן וואָס איך גיב טעלען. איהר הערט?! דאָס איז טעמעל'ס נדן.

— איך הער, מר. קאַפּטאַן.

— שוין צייט אַז איהר זאָלט מיך אויפהערען צו רופען מר. קאַפּטאַן. איהר דאַרפט מיך רופען מחותן, — האָט מר. קאַפּטאַן געזאָגט מיט אַ פּאַראַיבעל.

מר. קאַפּטאַן איז דאַן צוגעגאַנגען צו טעלען, האָט זי אָנגע־נומען פאַר'ן קאָפּ און איהר אַ קוש געטאָן אין שטערען.

— זאָג מיר, טאָכטער מיינע, אפשר געפעלט דיר ניט מיין אָרנאָלד? זאָג מיר דעם אמת! — האָט מר. קאַפּטאַן געפרעגט.

— וואָס רעדט איהר! — האָט דבורה אויסגערופען. — וואָס הייסט עס געפעלט איהר ניט? עס געפעלט איהר שוין יאָ. נאָר זי איז אַ ביסעל שעהמעוודיג. נו, מיין טאָכטער, מר. קאַפּטאַן פרעגט דאָך דיך עפּעס. ענטפער איהם.

— מאַמע, — און טעמעל האָט קוים געקענט איינהאַלטען איהרע טרערען. — מאַמע, — טו אזוי ווי דו פאַרשטעהסט — איך וועל — דיך פאָלגען —

גאָר ניט מוחל זיין. (די לעצטע ווערטער האָט מר. קאַפּטאַן צו־געלייגט פון דרך שלום ווענען.)

אין די רייד האָט זיך געעפענט די טיר און עס איז אַריינגע־קומען עטעל.

זי האָט זיך עפּעס ווי דערשראָקען ווען זי האָט געזעהן מר. קאַפּטאַן אַזוי אויפגעלייגט און זיצען אַזוי ברייטליך אין איהר מוטער'ס ראָקינג טשער. זי איז געבליבען שטעהן אין מיטען צי־מער און האָט מורא געהאַט זיך צו ריהרען פון אָרט.

— עטעל, — האָט דבורה געזאָגט, — מר. קאַפּטאַן האָט דיר עפּעס צו דערצעהלען. דו ווייסט דאָך ווענען וואָס.

עטעל איז רויט געוואָרען. איהר גאַנצער פּנים איז אויפגע־פלאַמט געוואָרען.

— א שעהמעוודיגע! — האָט מר. קאַפּטאַן געלאַכט. — נו, עטעלע, זאָג מיר דעם אמת: ווי געפעלט דיר מיין אַרנאָלד?

עטעל איז נאָך רויטער געוואָרען. זי האָט קוים אַרויסגעשטאַ־מעלט:

— אייער אַרנאָלד איז זעהר אַ פיינער דזשענטעלמאַן. אָבער ער פאַרדיענט אַ בעסערע כלה פון מיר.

— זאָג דאָס ניט, עטעלע! — האָט מר. קאַפּטאַן אויסגע־רופען מיט פרייד. — דו שטעהסט ביי מיר אויף איין שטופע ווי מיין אַרנאָלד. און גלויב מיר, אַז דו ביזט ביי מיר גראָד אַזוי טייער ווי ער. גלויבסט ניט? פרעג דיין מאַמען. איך האָב דאָס איהר ערשט געזאָגט, ווען דו ביזט דערביי ניט געווען. זאָלסט גאָר ניט דענקען, עטעלע, אַז דערפאַר וואָס דו האָסט ניט קיין צעהן אָדער פופצעהן טויזענד דאָלאַר גדן, ביזטו ניט אַזאַ יחסנ'טע. געלט איז שמעלט. פון די אַלע רייכע כלות וואָס מען האָט מיין אַרנאָלד'ן גערעדט, ביזטו די בעסטע. אַזאַ יאָהר אויף מיר און אַלע אידישע קינדער. אַלזאָ, עטעלע, ווען זאָלען מיר ברעכען טעלער?

עטעל'ס אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרערען. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איהר מוטער'ס האַלז און האָט זיך צובלי־פּעט. מר. קאַפּטאַן האָט געשמייכעלט. ער איז געווען זיכער, אַז

עטעל האָט אַ זיפץ געטאָן און גאָר ניט געענטפערט.

דבורה האָט זי אָנגעקוקט מיט שאַרפע בליקען. נאָכדעם האָט זי געפרעגט:

— עטעל, זאָג מיר דעם אמת, אפשר... געפעלט דיר אַן אַנדערער ?... זאָג דעם אמת... דער מאַמען מעגסטו דאָך זאָגען...

אַ ליכטיגער שמייכעל האָט זיך צושפּרייט איבער עטעל׳ס פּנים. זי האָט אַרומגענומען איהר מוטער און אויסגערופען:

— מאַמעלע, מאַמעלע, מיין גוטע מאַמעלע! מעהר פון אַלעמען ליעב איך דיך! נאָך אַזאַ מאַמעלע איז אויף דער וועלט ניט געווען און וועט ניט זיין!...

און וואָס ווייטער עס איז פאָרגעקומען יענע נאַכט קען איך זיך ניט פאָרשטעלען. איך ווייס ניט אויב עטעל האָט יאָ געשלאָפען יענע נאַכט, אָדער זי האָט מיט אַן אויג ניט געקענט צומאַכען. איך ווייס ניט... איך בין ניט קיין ראָמאַנען שרייבער... איך שרייב נאָר אַ געשיכטע פון מיין אייגענעם לעבען.

— אַט אַזוי רעדט אַ אידישע טאָכטער! — האָט מר. קאַפּ־טאַן אויסגערופען מיט ענטציקונג. — אַזאַ טייער קינד איז אין גאַנץ אַמעריקא ניט צו געפינען. איך בין שטאָלץ אַז דו, עטעלע, וועסט זיין מיין שנור! אַ גוטע נאַכט. איך וועל יעצט אַוועקגעהן. עטעלע איז אַ ביסעל אויפגערעגט. איך וועל קומען מאָרגען אין אָווענד מיט מיין פרוי און מיט'ן חתן. אַ גוטע נאַכט, מחותנת'טע, אַ גוטע נאַכט, כלה מיינע!

און מר. קאַפּטאַן איז ארויסגעגאַנגען.

אַט דיזע שילדערונג האָב איך אויסגעאַרבייט פון דעם באַריכט וואָס מר. קאַפּטאַן האָט אָפּגעגעבען צו מיין מוטער וועגען זיין באַזוך צו דבורה'ן. און וואָס ווייטער איז פאָרגעקומען אין דבורה'ס הויז קען איך זיך אַ ביסעל פאָרשטעלען אין מיין פאַנטאַזיע. לאָ־מיך דאָס פּרובירען איבערגעבען אַזוי ווי אַ ראָמאַנען שרייבער וואָלט עס דערצעהלט:

— נו, מיין טאָכטער, וואָס זאָגסטו צו דעם? — האָט דבורה געפרעגט עטלען, נאָכדעם ווי מר. קאַפּטאַן איז אַוועק.

— איך ווייס ניט, מאַמע, וואָס איך זאָל דיר זאָגען, — האָט עטעל געענטפערט. — איך דענק, אַז איך בין נאָך צו יונג חתונה צו האָבען.

— דו ביזט שוין געוואָרען אַכצעהן, און ביז דער חתונה וועסטו שוין זיין ניינצעהן, די ריכטיגע יאָהרען פאַר אַ מיידעל חתונה צו האָבען. צו וואָס זאָלסטו וואַרטען? ניט אַלע מאָל מאַכט זיך אַזאַ פיינער חתן. איך דענק, אַז ווען אַרנאָלד וואָלט אפילו געווען אַן אָרימער באָי, וואָלסטו איהם אויך געמעגט ליעבען. ער איז טאַקע אַ פיינער יונגערמאַן און אַ געבילדעטער דערצו. און איך האָב געהערט זאָגען, אַז ער האָט אַ גוטען כאַראַקטער, ווי זיין פאַטער.

„מיין בת־מלכה! מיין פּרינצעסין!“ — האָט מיין האַרץ געוויינט אין מיר. — „זי וועט הייַנט די פּרוי פון אַן אַנדערען!“

דער רב האָט אַרנאָלד'ן עפּעס געזאָגט אויפ'ן אויער. אַרנאָלד האָט פון זיין טאַש אַ רינג אַרויסגענומען. אַ מאָדנע זאַך — מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז ניט אַ רינג, נאָר אַ שווערע קייט, און אַז די קייט האָט אַרנאָלד אָנגעטאָן עטלען ניט אויפ'ן פינגער, נאָר אויף איהר האַלז...

עס ווערט אַ טומעל, אַ געלאַף. אַלע שרייען „מזל טוב, מזל טוב!“ און שטופּען זיך צו רער חופּה. אַלע ווילען קושען די כלה. איך גיב אַ קוק — עטעל האָט אַראָפּגענומען דעם שלייער פון איהר פּנים און קוקט מיך אָן מיט איהרע ליעבליכע אויגען... אַזוי האָט זי געקוקט אויף מיר יענעם אומפאַרגעסליכען זומער־טאָג, ווען מיר האָבען זיך געשפּיעלט צוזאַמען ביי דעם גרינעם באַרג. זי זעהט אויס גליקליך און איהרע אויגען רופען מיך... מען שטופּט מיך פון הינטען. אָט בין איך שוין נעבען עטלען. איך גיב איהר די האַנד און זאָג איהר „מזל טוב!“. זי לייגט צו איהרע ליפּען צו מיינע און זאָגט: „הייַנט מעג מען“, און מיר צוקושען זיך... ריינע, אומשולדיגע קושען זיינען דאָס געוועזען...

„אָרדער! אָרדער!“ — האָט אויסגעשריען אַ הויכע שטימע. — „פּליהז, האַלט זיך אין אָרדער. מיר האָבען נאָך אַ חופּה!“ — אין די רייד קומט צו מיר צו פּעני בראָדסקי, איהר קליינער פּנימ'ל לאַכט. זי האָט מיך גענומען אונטער'ן אָרם און האָט געזאָגט:

„דאָס האָב איך באַשטעלט די צווייטע חופּה. יעצט האָבען מיר חתונה. איך ווייס דאָך, אַז נאָך עטלען האָט איהר מיך ליעב. און איך האָב אייך זעהר ליעב!“

עטעל נעמט אַראָפּ דעם שלייער פון זיך און זי טוט עס אָן אויף מיס בראָדסקי, און דערביי זאָגט עטעל צו מיר:

„האָט מוט. זי וועט זיין אַ טרייסט פאַר אייך — אַזוי איז דאָס באַשערט געוועזן.“

מיין פאָטער שטעהט דערביי און זעהט אויס טרויעריג. וואָרום איז ער טרויעריג? איהם געפעלט ניט מיין כלה? און וואו איז מיין מוטער? ניטאָ מיין מוטער. איך זוך זי מיט די אויגען. איך

דרייסיגסטער קאַפּיטעל

איז דאָס געווען אַ נבואה?

אַט שטעה איך פאַר'ן שפּיגעל און פּוץ זיך... איך בין היינט אַ מחותנ... מיין עטעל, מיין טייערע עטעלע געהט היינט צו דער חופּה מיט אַרנאָלד קאַפּטאַן... מיין מאַמע געהט אויך און מיין פאָטער אויך. מיר וועלען היינט אַלע זיין מחותנים.

דער קאָפּ שווימט מיר... איך וויל וויינען און לאַכען. אָבער אין מיין טיעפסטען טרויער פיהל איך דאָך אַ ביסעל צופרידענ־הייט... מיין ליעבע צו עטלען איז אַזוי ריין און ערנסט, אַז עס זיינען דאָ מאָמענטען וואָס איך פרעה זיך דאָס זי האָט באַקומען אַזאַ פיינעם און רייכען חתן ווי אַרנאָלד קאַפּטאַן... פון יעצט אָן און ווייטער וועט עטעל זיין באַקאַנט אַלס די יונגע מיסעס קאַפּטאַן. זי וועט האָבען אַלע לוקסוסען און אַלע פאַרגעניגענס וואָס אַ פרוי קען זיך ווינשען.

איך געדענק ניט אַלע איינצעלהייטען... די שטונדען זיינען געלאָפען אַזוי ווי די איבערגעהיפּטע בלעטלאַך פון אַ בוך. ווען בין איך געקומען אין דעם גרויסען און רייך באַפּוצטען חתונה האָל? ווער האָט מיך אַהער געבראַכט? איך ווייס ניט. איך הער נאָר די טענער פון אַ חתונה מאַרש, אָבער די טענער זיינען איבערגעריי־סענע, זיי קומען אַזוי ווי פון אַ ווייטער וועלט... אפשר הער איך ניט גוט. מיינע געפיהלען זיינען אַזוי ווי פאַרטויבט, פאַרשלאָפען... איך ווייס ניט ווי איך ריהר זיך מיט די פיס. ניט איך געה, נאָר איך ווער געטראַגען אין דער לופט...

דאָרט שטעהט די חופּה... אונטער דער חופּה שטעהען אַר־נאָלד און עטעל... איהר פנים קען איך ניט זעהן. זי איז פאַרשלייערט. אַ רב — טאַקע דער רב פון אונזער שוהל — שטעהט און זינגט עפּעס... ער איז מסדר קדושין... אָבער איך הער ניט וואָס ער זאָגט. מיינע געדאַנקען זיינען אונטער דער חופּה. מיינע אויגען זוכען דורכצורייסען דעם שלייער וואָס פאַרדעקט עטעל'ס פּנים.

קאפּטאַנ׳ס באַזוך ביי אונז אין הויז און ווי דער שידוך צווישען עטלען און זיין זוהן איז ענדליך געשלאָסען געוואָרען.

וועגען מיין חלום האָב איך געשוויגען. איך האָב זיך געשעהמט דאָס צו דערצעהלען.

— ווערען מיר, הייסט עס. באַלד האָבען אַ חתונה, — האָט מיס בראָדסקי באַמערקט.

ביי דעם וואָרט „חתונה" האָב איך אַ ציטער געטאָן. מיס בראָדסקי פלעגט זיך אָפט פאַר מיר באַריהמען אַז זי איז אַ געדאַנקען לעזערין. שוין־זשע ווייס זי אויך פון מיין חלום?

— און איהר וועט מיט דער צייט פאַרגעסען, — האָט מיס בראָדסקי ווייטער געזאָגט. — עס איז שוין אַזאַ וועלט. ערשטע ליעבעס ווערען זעלטען פאַרווירקליכט. ערשטע ליעבעס זיינען אַזוי ווי די ערשטע פריהלינגס־בלומען. זיי האַלטען לאַנג ניט אָן. איהר וועט זי פאַרגעסען און עטעל וועט אייך פאַרגעסען. נאָר אין די ראָמאַנען לעזט מען אַזעלכע געשיכטען אַז די ערשטע ליעבעס האַלטען אָן, אַז די ליעבהאָבער געהן דורך אַלערליי גלגולים, זיי קעמפּפען דורך פאַרשידענע אומשטענדען, זיי ווערען צוריסען און פאַראייניגט, ביז ענדליך זיי ווערען פאַראייניגט אויף אימער. דאָס איז אָבער אַלץ אין די ראָמאַנען. אין ווירקליכען לעבען קומט עס זעלטען פאָר.

— זאָגט מיר, מיס בראָדסקי, — האָב איך געפרעגט. — איהר גלויבט אין קאָמפּראָמיסען?

— וואָס מיינט איהר? — האָט זי געפרעגט. — איך וויל אַ גענויע ערקלעהרונג פון אייער פראַגע.

— די זאַך איז אַזוי, — האָב איך גענומען ערקלערען און מיין האַרץ האָט זיך גענומען שרעקען אין מיר. — צום ביישפּיעל: איינער האָט געליעבט אַ מיידעל און זי האָט צוליעב פאַרשידענע אומשטענדען חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערען. דער ענטטוישטער האָט אָבער אַ גוטע פריינדין — אַ מיידעל וואָס ער אַכטעט זעהר און ער איז מיט איהר זעהר נאָהענט באַפריינדעט, קען ער מיט איהר חתונה האָבען?

— אויב די פריינדין וויל איהם פאַר אַ מאַן, און אויב ער

זעה זי ניט. מיין הארץ פאַנגט אָן צו ווייטאָגען. איך וויל ניט חתונה האָבען אָהן מיין מאַמען.

„מאַמע! וואו איז מאַמע?" — רוף איך אויס. אנשטאָט אָן ענטפער, העלפט איך א הילכיגען געלעכטער. מיידלאך האַלטען זיך ביי די זייטען און לאַכען. „די בייבי האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער מאַמען", זאָגען זיי און לאַכען...

און פעני בראָדסקי שטעהט נעבען מיר און קוקט מיך אָן מיט אויגען וואָס זיינען פול טרערען... „אַזוי פאַרשעהמט איהר מיך פאַר אַזאַ גרויסען עולם?" זאָגט זי צו מיר. איך דערזעה מיסעס גרעפּטער... זי שטעלט מיר אַרויס א צונג... איך ווער אין כעס... איך לאָז זיך לויפען צו איהר... איך וויל איהר אָנשפּייען אין פּנים...

*

און דאָ האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך האָב געזעהן אַז איך ליג אין בעט, אין מיין צימער... אַלעס וואָס איך האָב געזעהן איז געוועזן א חלום...

איך האָב קוים געקענט באַגרייפען וואָס מיט מיר טוט זיך. דער איינדרוק פון דעם חלום איז געוועזן אַזוי שטאַרק, דאָס איך האָב ניט געקענט גלויבען אַז דאָס וואָס איך האָב ערשט דורכגע־לעבט איז ניט געוועזן אויפ'ן וואָהר. איך האָב פּרובירט צומאַכען די אויגען... איך האָב געזוכט ווידער איינצושלאָפען, טאָמער וועל איך זעהן די זעלבע זאַך נאָך אַמאָל...

ניין, דאָס איז טאַקע געוועזן א חלום... אָבער מיין הארץ איז געוועזן שווער. עפּעס א טיעפער וועהטאָג האָט זיך דאָרט געפיהלט.

א גאַנצען טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען ווי א פאַר'חלומ'טער. און ווען מיין מוטער האָט מיך געפרעגט וואָרום זעה איך אויס אַזוי פאַרשלאָפען, האָב איך ניט געוואוסט וואָס איהר צו ענטפערען.

א גאַנצע וואָך האָב איך געפיהלט דעם איינדרוק פון דעם חלום. עס איז מיר פאָרגעקומען מעהר ווי א געוואוינליכער חלום. זאָל דאָס זיין א נבואה?...

איך האָב אָנגעהויבען צו גלויבען אין חלומות...

*

איך האָב זיך געזעהן מיט מיס בראָדסקי אין דעם לעזע זאַל פון „דזשואיש סענטער". איך האָב איהר דערצעהלט וועגען מר.

איין=און=דרייסיגסטער קאַפּיטעל

בעני ווידער אויף דער סצענע

א טייל פון מיין חלום איז מקוים געוואָרען אין אַ פּאָר וואָכען אַרום. עטעל איז פארלאָבט געוואָרען מיט אַרנאָלד קאַפּטאַן, און די פארלאָבונג איז געווען גאַנץ פּריוואַט. ניט מיינע עלטערען און נ ט איך זיינען געלאַדען געוואָרען צו דער שמחה. מיר האָבען בלויז ערהאַלטען קאַרטען, אויף וועלכע עס איז געווען געמעלדעט, אַז עטעל בלום און אַרנאָלד קאַפּטאַן זיינען פאַרלאָבט.

איך האָב געקוקט אויף דער קאַרטעל און געטראַכט: אפשר איז דאָס אויך אַ חלום. באַלד וועל איך זיך אויפכאַפּען, עפענען די אויגען און זעהן אַז עס גאָרנישט געשעהען.

עס איז אָבער געשעהען. ווירקליך געשעהען. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך געהערט ווי מיין מוטער האָט דערצעהלט צו מיין פאָטער, אַז סאָפיע קאַפּטאַן, דעם חתן׳ס מוטער, האָט די פארלאָבונג איינגענומען ווי אַ ביטערען פּיל. זי קען נאָך יעצט אויך זיך ניט צוגעוואוינען צו דעם שידוך מיט דער אָרימער מיידעל, די טאָכטער פון איהר מאַן׳ס אַ באַדיענטע! זי האָט פּאַר אַ פריינד געזאָגט, אַז זי האָפט אַז איהר זוהן וועט זיך נאָך אַרומזעהן, ער וועט קריגען שכל. און די מיידעל? נו, מיט איהר וועט מען סעט־לען פּאַר אַ פּאָר טויזענד דאָלאַר.

ווי גרויס מיין פאַרלאַנג איז געווען אַז אַרנאָלד זאָל חרטה האָבען אויפ׳ן שידוך און עטעל זאָל ווידער ווערען פריי, האָבען מיך די ווערטער פון מיסעס קאַפּטאַן, אַז זי וועט פאַרגיטיגען עטעל׳ס שאַנדע מיט אַ פּאָר טויזענד דאָלאַר, געשטאָכען ווי מיט אייזערנע שפּיזען. אוי, ווי מיאוס די מענשען זיינען! ווי העסליך, ווי פאַרדאָרבען, ווען זיי מיינען אַז מען קען עטלען אָפּקויפען מיט געלד! פוי, שווייגען!...

דבורה, ווי איך האָב זיך דערוואוסט, האָט נאָך בעפאָר דער פאַרלאָבונג פון איהר טאָכטער פאַרלאָזען איהר אָרימע וואוינונג.

דענקט אז ער קען זי ליעבען, מעג ער איינגעהן אויף אזא קאָמ־
פּראָמיס.

— און דענקט איהר דאָס אזא הייראַט קען ברענגען גליק?

— האָב איך געפרעגט.

— מען קען ניט וויסען, — האָט זי געענטפערט. — עס ווענ־
דעט זיך אן די כאַראַקטערע און די טעמפּעראַמענטען פון די ביי־
דע פּערזאָנען. און די הויפּטזאַך איז, אז עס דאַרף צווישען זיי
קיין זאך ניט זיין באַהאַלטען. יעדער פון זיי דאַרף וויסען פון דעם
אַנדערען׳ס פריהערדיגען ראָמאַן — אָבער געגען וואָס פרעגט איהר
דאָס? — האָט זי פּלוצלינג געפרעגט און איז רויט געוואָרען.

איך בין נאך רויטער געוואָרען.

— גלאַט אזוי, — האָב איך געענטפערט. — איך האָב גע־
וואָלט וויסען אייער מיינונג... שוין צעהן אוהר. איך דאַרף געהן
אַהיים.

— איך געה אויך, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט. — וואַרט
אויף מיר בלויז אַ מינוט, איך וועל געהן מיט אייך אַ שטיק וועגס.

עס איז געווען אַ שעהנע וויינטערדיגע נאַכט. און מערקווירדיג,
מיר זיינען גאַר ניט געגאַנגען צום סטיישאָן פון וועלכען מיר האָבען
געדאַרפט פאָהרען אַהיים. אַנשטאַט דעם זיינען מיר געגאַנגען צום
פּאַרק, געגאַנגען און געשוויגען. אונזערע הערצער האָבען גערעדט.
מאַנכעס מאָל האָבען מיר געפיהלט אז מיר דאַרפען עפּעס זאָגען,
און מיר האָבן אַרויסגעקוועטשט אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם וועט־
טער, וועגען דעם שניי וואָס איז געלעגען ערטערווייז אין די זייט־
טיגע גאַסען, אָבער מיר זיינען שנעל מיעד געוואָרען פון דעם סאָרט
געשפּרעך. מיר האָבען געוואוסט, אז מיר נאַרען זיך אַליין, און אז די
זאַכען וועגען וועלכע מיר האָבען פּרובירט פאַרפיהרען אַ שמועס
אינטערעסירען אונז ניט...

עפּעס אַנדערש האָט אָנגעהויבען צו ריידען אין אונזערע הער־
צער, אָבער אונזערע ליפּען זיינען געבליבען פאַרזיגעלט און ניט
אַרויסגזאָגט קיין וואָרט...

וועמעס שולד איז דאָס געווען?

מיין שולד, אָדער איהר שולד?...

געשטויסען פון איהר. געהן, אדער ניט געהן? — האָב איך זיך געפרעגט.

— זי הערט ניט אויף צו ריידען פון דיר — האָט בעני מיך געגומען צוריידען. — מיר איז אַ וואונדער וואָס דו האָסט זי גלייך ניט אויסגעקליבען פון אַלע מיידלאַך. ביזט אַ יאָלד!

בעני האָט לאַנג ניט געדאַרפט ריידען. דער חשק צו זעהן די מיידעל וואָס איז אַזוי פאַרליעבט אין מיר האָט באַזיעגט מיין קאַלטען פאַרשטאַנד און אויסגערעכענטהייט. איך בין געגאַנגען מיט בעני׳ן. און וואָס נעהנטער איך בין געקומען צו דער הויז וואו נעלי האָט געוואוינט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען מיין אומגעדולד זי צו זעהן.

דזשעני און נעלי פלאַמער זיינען ווירקליך געווען זעהר עהנליך איינע צו די אַנדערע. אָבער דאָס וואָס בעני האָט מיר מיט עטליכע חדשים צוריק דערצעהלט, אַז זיי זיינען אַזוי עהנליך איינע צו די אַנדערע אַז ער מאַכט אָפט אַ טעות און קושט נעלי׳ן אנשטאָט דשזעני׳ן, איז געווען ניט מעהר ווי איינער פון בעני׳ס מילדע בלאָפס. נעלי, די איינגערע, איז געווען הויך און שלאַנק, ווערהענד די עלטערע דזשעני, איז געווען פון מיטעלען וואוקס און איז געווען פעסט געבויט. ביידע זיינען געווען זעלטענע שעהנהייטען, און זיי האָבען זיך געקליידט מיט גרויס געשמאַק. נעלי האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אַלטען באַקאַנטען. זי האָט מיר איבערגעגעבען די סצענע ווי זי איז געזעסען אין דעם אויסערען אָפיס, אין מיין פאָטער׳ס געשעפט, און האָט געוואַרט אַז איך וועל זי אַריינרופען. זי איז געווען זיכער אַז איך וועל זי צונעמען. אָבער מיין פאָטער איז אַריינגעקומען און האָט געזאָגט: „מיידלאַך! עס טוט מיר לייד אייך צו זאָגען, אַז איך האָב שוין אַ בוכהאַלטערין. געהט אַהיים און העלפט אייערע מאַמעס אַ ביסעל אין הויז".

מיין פאָטער איז אימער געווען גרייט מיט אַ וויץ.

איך געדענק ניט ווי אַזוי בעני און דזשעני האָבען זיך ארויסגערדעהט פון דעם צימער, וואָרים איך האָב זיך פּלוצלינג געפונען אַליין מיט נעלי׳ן. קוקענדיג אויף איהר האָב איך זיך געקענט פאָרשטעלען ווי מיסעס גרעפטער האָט אויסגעזעהן אין איהרע מיידעל-

מר. קאפטאן האט זי מיט עטלעז אוועקגעשיקט אין לייקוואוד, טראַץ עטעל׳ס פארלאנג צו פארבלייבען אין שטאט און פארטזעצען איהר שטודיום. זי האט געוואלט אריינטרעטען אין קאלעדזש.

מיר איז געווען זעהר קאלעמוטנע אויפ׳ן הארצען. איך האב ווידער אפגערופען בעני׳ן און איהם געבעטען מיט מיר זיך דורכ־צוגעהן, אדער אויספאהרען.

בעני איז געקומען.

— איך פארשטעה שוין, — האט ער געזאגט, — אז א ליט־וואק עסט טשיקען איז ער מסתמא קראנק. און אז דו רופסט מיך ביזטו מסתמא פארליעבט, אדער דיסאפאינטעט אין א ליעבע. נו, וועסטו מיט מיר אמאל געהן צו די צוויי שעסטער? שא! איך האב דיר פארגעסען צו זאגען, אז די אינגערע פון זיי, נעלי, קען דיך. זי איז דאך גאר פארליעבט אין דיר!

— זי קען מיך? וואס רעדסטו זיך איין? — האב איך זיך געוואונדערט. — וואו האט זי מיך געזעהן?

— הע־הע־הע, — האט זיך בעני געגנומען רייצען מיט מיר. — זי איז איינמאל געווען אין דיין פאטער׳ס געשעפט. דו האסט דאמאלס געהאלטען אין אויסקלייבען אן אפיס־מיידעל פאר דיין פאטער. זי האט דיך געזעהן און האט זיך פארליעבט אין דיר. זי איז געווען זיכער אז זי וועט קריגען די שטעלע, ווייל די ביזט באקאנט מיט איהרע א שוועסטער.

— איהר שוועסטער? איך קען זיך מיט איהרע א שוועס־טער? — האב איך געפרעגט.

— יא, — האט בעני געזאגט. — איהר שוועסטער הייסט מיסעס גרעפטער. אלע קענען זי. זי איז א לעבעדיגע ווייבעל. א צאצקע.

יעצט איז מיר קלאר געווארען. דאס איז געווען יענע שעהנע רייצענדע מיידעל מיט די שווארצע פלאמענדע אויגען, וועמעס געזיכט איך האב די גאנצע נאכט ניט געקענט פארגעסען. און יעצט, ביי דעם געדאנק אז איך וועל זי באלד זעהן, האב איך געפיהלט א הייסע כוואליע בלוט זיך אויפהויבען אין מיין הארצען. און צו דער זעלבער צייט האב איך באקומען א מורא פאר איהר. דער געדאנק אז זי איז מיסעס גרעפטער׳ס א שוועסטער האט מיך אפ־

— דו קענסט געהן. איך וועל דאָ נאָך פאַרבלייבען.

מיט אַ פאַרשפּרעכען זי צו באַזוכען אַ צווייטען מאָל, האָב איך זיך געזעגענט מיט נעלי׳ן און אויך מיט איהר שוועסטער. (קיין עלטערן האָב איך ניט געזעהן, אָבער ווי איך האָב פאַרשטאַנען, האָט מען זיי געהאַלטען אין קיך, ווי די מאָדע איז אין מאַנכע אידישע פאַמיליען, ווען אַ יונגערמאַן קומט אויף אַ באַזוך).

נעלי האָט מיך באַגלייט צום טיר. ביים טיר האָט זי גע־וואַרט אויף עפּעס. אָבער איך האָב בלויז העפליך געדריקט איהר האַנד און בין אַרויסגעגאַנגען, צופרידען מיט זיך אַליין, וואָס איך האָב זיך אויפגעפיהרט העפליך און באַרעכענט.

יאָ, איך מוז זי זעהן נאָך אַמאָל. זי איז קערפּערליך אַזוי נאָהענט צו מיין אידעאַל, צו דער בת־מלכה וואָס איך האָב זיך אימער פאַרגעשטעלט אין מיין פאַנטאַזיע. איך מוז מיט איהר בעסער באַקאַנט ווערען. איך מוז שטודירען איהר כאַראַקטער. איך מוז זי בעסער קענען.

*

— וואו ביזטו געווען, מיין זוהן? — האָט מיך מיין מוטער געפרעגט, אַז איך בין אַהיים געקומען.

— איך האָב אַ ביסעל פאַרבראַכט מיט בעני׳ן, — האָב איך געענטפערט. (איך האָב געמעגט צולייגען אַז מיט נעלי׳ן אויך, אָבער דאָס איז דאָך ניט נויטיג געווען פאַר מיין מוטער צו וויסען.)

— האָסטו אָנגעוואָרען אַ שפּאָס, — האָט מיין מוטער גע־זאָגט. — דאָ איז געווען אַ שדכן, דיר צו ריידען אַ שידוך.

איך האָב זיך פאַרשעהמט. עס האָט זיך מיר אימער געדאַכט, אַז מיין מוטער ווייס וועגען מיר מעהר ווי איך דענק אַז זי וויים.

— און ווייסטו ווער עס האָט איהם געשיקט צו אונז? טרעף! דו געדענקסט די מיסעס גימפּעל, וואָס פלעגט אַזוי פיעל פרעסען דאָרט אויף מאָטעל׳ס פאַרם. זי וויל דיך האָבען פאַר איהר טאָכטער דאָרע.

שע יאָהרען. ווען איך וואָלט עטלעז ניט געקענט, וואָלט איך זיך זיכער פאַרליעבט אין נעלי פלאַמער. עס זיינען דאַ ליעבעס וואָס קומען ביסלעכווייז ווי דער ליכטיגער טאָג. פריהער ווערט עס גרוי, נאָכדעם ווערט ערגעץ דער הימעל רויט, דער מאָרגענשטערען שיינט אויף, און נאָכדעם צייגען זיך די ערשטע זון־שטראַלען, און צולעצט קומט אַרויס די ליכטיגע זון מיט איהר גאַנצע פראַכט און הערליכקייט. דאָס איז געווען מיין ליעבע צו עטלען. עס איז דאָ אויך אַ בליץ־ליעבע, וואָס טרעפט אונז אַזוי ווי אַ בליץ. עס פאַרבלענדעט אונזערע אויגען און פאַרטויבט אונזערע געפיהלען. דאָס איז געווען די ליעבע וואָס איך האָב געפיהלט צו נעלי פלאַמער.

נעלי איז געווען זעהר קלוג און האָט גערעדט זעהר אינטע־רעסאַנט. נאָר ווען זי פלעגט אַ לאַך טאָן פלעגט זיך מיר אָפּדאַכטען אַז דאָס לאַכט מיסעס גרעפּטער. פון דעם וואָס איך האָב געלעזען אין ביכער האָב איך געוואוסט, אַז קיין גוטס קומט ניט אַרויס פון די בליץ־ליעבעס, אַז זייער סוף איז אַן ענטוישונג, אַ ביטערע דיסאַפּאינטמענט. און איך האָב אויף זיך גענומען צו זיין פאַר־זיכטיג מיט מיינע רייד און מיט מיין האַנדלונג.

איך האָב מיט נעלי׳ן פאַרבראַכט צוויי אַנגענעהמע שטונדען. זי האָט מיר דערצעהלט פון איהרע ערפאַהרונגען אין פאַרשידענע געשעפטען. מיר האָבען אויך גערעדט פון ליטעראַטור און די דראַמע. ווען דער זייגער האָט געצייגט צעהן, האָב איך זיך אויפ־געהויבען אַוועקצוגעהן.

— אַזוי פריה? — האָט נעלי געפרעגט פאַרוואונדערט. — איהר האָט זיך דאָ געמוזט זעהר לאַנגווייליגען.

— ניין, — האָב איך געענטפערט. — איך האָב פאַרבראַכט זעהר אַ פאַרגעניגענדע צייט, אָבער איך בין אַ סטודענט און האָב נאָך עפּעס אַרבייט צו מאַכען איידער איך געה שלאָפען.

נעלי איז אַריין אין דעם אַנדער צימער, וואו בעני איז גע־זעסען מיט דזשעני׳ן, וואַרשיינליך איהם איבערצוגעבען אַז איך געה אהיים. איך האָב געהערט ווי בעני האָט אַ לאַך געטאָן. נאָכ־דעם איז ער אַרויסגעקומען צו מיר און האָט געזאָגט:

— וואָס לאַכסטו? — האָב איך איהם געפרעגט.

— ווי זאָל איך ניט לאַכען? — האָט ער געזאָגט. — ביזט געזעסען מעהר ווי צוויי שטונדען מיט אַזאַ מיידעל און דו האָסט איהר אפילו איינמאָל ניט א קוש געטאָן!

— פון וואַנען ווייסטו אז איך האָב איהר ניט געקושט? — האָב איך געפרעגט. עס האָט מיך פאַרדראָסען וואָס ער לאַכט פון מיר אזוי אָפּ.

— פון וואַנען איך ווייס? זי האָט דאָס מיר אַליין דער־צעהלט! — האָט בעני אויסגערופען. — זי האָט ביי מיר גע־פרעגט: וואָס פאַר א קאַלטער מלאך איז דאָס אייער פריינד? האַ־האַ־האַ! דעם נעקסטען מאָל, האָף איך, אז דו וועסט זיין קליגער.

א העלפט פון מיין בליץ־ליעבע איז פאַרשוואונדען אין יענעם מאָמענט... יאָ, נעלי איז מיסעס גרעפּטער'ס א שוועסטער...

מיין מוטער האָט זיך דערביי אַזוי צולאַכט, דאָס איך האָב געמוזט מיטלאַכען.

— זיי זיינען אפילו רייך, — האָט מיין מוטער ווייטער גערעדט, — איהר פאָטער לייהט געלט אויף מאַרטגיידזשעס און אַזוי צו ביזנעס־לייט אויף גרויסע פּראָצענטען. מען זאָגט אַז ער האָט אַן איינקונפט פון דרייסיג טויזענד אָדער פערציג טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר. און ער וויל דיר געבען וויפיעל דו ווילסט אַליין. צוואַנציג טויזענד און אפילו פינף און צוואַנציג טויזענד. מאַני נאַ אַבדזשעקט. דו זאָלסט נאָר וועלען איינגעהן אויף דעם שידוך. די טאָכטער איז פארליעבט אין דיר, און די מיסעס גימפּעל אַליין זאָגט, אַז אַזאַ יונגערמאַן ווי דו איז אין דער וועלט ניט צו געפינען.

— גענוג צו ריידען נאַרישקייטען! — האָט אויסגערופען מיין פאָטער, וועלכער איז אַריינגעקומען פון אַן אַנדער צימער. — גימפּעל איז אַ פּראָצענטניק וואָס שינט די הויט. זיין געלד קען קיין מזל ניט ברייגנען. איך דאַרף ניט זיין געלד און איך דאַרף ניט זיין יחוס. ניט פאַר אונזער משפחה!

— דער אַנדער שידוך וואָס דער שדכן האָט גערעדט, איז גראַד מיר יאָ געפעלען, — האָט מיין מוטער באַמערקט.

— סעם דאַרף יעצט קיין שידוכים ניט, — האָט מיין פאָטער ענטשלאָסען געזאָגט. — זאָל ער דיזען ווינטער ענדיגען קאָלעדזש, נאָכדעם וועט ער אַריין אין די ביזנעס אַלס פאַרטנער, און נאָכדעם וועלען מיר זעהן וועגען אַ רעכטען שידוך.

— זאָל זיין אַזוי ווי דו זאָגסט, מיין מאַן, — האָט מיין מוטער גוטמוטיג צוגעגעבען.

אויף מאָרגען האָב איך זיך באַגעגענט מיט בעני'ן, און ווי ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך צולאַכט.

ניט געזעהן די גאַנצע צייט. איך האָב ניט געזוכט צו זעהן אפילו עטלעך. איך האָב מורא געהאַט פאַר זיך אַליין, טאָמער וועט דער זעהן זיך מיט איהר מאַכען אַ שלעכטע ווירקונג אויף מיר.

מיס בראָדסקי האָט דורכגעפיהרט איהר פּלאַן און האָט גע־עפענט אַ מילינערי סטאָר. איהר פאָטער איז געוועזן שטאַרק דאָ־געגען אַז זי זאָל געהן אין ביזנעס, אָבער פעני איז געוועזן שטאַרק איינגעשפּאַרט און זי האָט אויסגעפיהרט.

זי האָט אויפגעפיקסט אַ עלעגאַנטע סטאָר אויף לאַנגוואוד עוועניו. אין די בראָנקס. און ווען איך בין געקומען אויף איהר איינלאַדונג אָנצוקוקען איהר געשעפט, האָט זי מיר געצייגט ווי שעהן זי האָט אַלעס איינגעריכטעט.

— ביי מיר איז מיין ביזנעס פאַרבונדען מיט אַן אידעאַל, — האָט זי געזאָגט צו מיר. — איך האָב איינגעזעהן, אַז די מייסטע פרויען האָבען אַ קנאַפּען באַגריף וועלכע העטס עס פּאַסען זיך זיי. זיי טראָגען אַזעלכע העטס וואָס מאַכען זיי אויסזעהן ווי סטראָ־שידלעס. אַ העט דאַרף זיין די קרוין פון קאָפּ. אַ גוט צוגעפּאַסטע העט מאַכט אַ פרוי אויסזעהן אינגער און שעהנער. איך וועל אַליין העלפען מיינע קאַסטאָמערס אויסקלייבען אַ העט וואָס פּאַסט זיך זיי אַמבעסטען. איך וועל קיינמאָל ניט קוקען אויף פּראָפיט. דער עיקר איז, אַז מיין העט זאָל זיין גוט צוגעפּאַסט. איך ווייס, אַז איך וועל האָבען אַ ביסעל שוועריגקייטען מיט די פרויען וואָס האָבען ניט קיין געשמאַק און קויפען אַ העט נאָר דערפאַר ווייל עס קאָסט מעהר געלט. אָדער ווייל זיי האָבען געזעהן אַן אַנדער פרוי טראָגען אַזאַ העט. איך וועל מיינע קאַסטאָמערס לערנען, איך וועל ענטוויקלען זייער געשמאַק. איך וועל זוכען אינטעליגענטע סיילס־לײדיס און וועל זיי לערנען מיינע אידעען. מיט דער צייט וועט מיין געשעפט באַקומען אַ נאָמען אין דער וועלט און עס וועט מיך פרעהען אַז איך וועל האָבען עפּעס אויפגעטאָן ניצליכעס.

אַט אַזוי האָט זי גערעדט צו מיר, ווען מיר זיינען געזעסען צוזאַמען אין דעם סטאָר, וועלכער איז נאָך דערוויי︎ל געוועזן כמעט ליידיג. ווייל די ארבייטער זיינען נאָך ניט פערטיג געוואָרען מיט די דעקאָראַציעס. פעני האָט אויסגעזעהן פול מיט לעבען, באַ־גייסטערט און גליקליך. איהר פּנים'ל האָט געלויכטען מיט זעלבסט־

צוויי-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

איך ווער אַ ביזנעס־מאַן

עס איז אַריבער דער ווינטער. איך האָב געענדיגט לאַא־סקוהל מיט אַ נס. איך בין שיער דורכגעפאַלען מיט מיינע עקזאַמענס, אָבער איך האָב זיך ווי עס איז דורכגעשטופּט און באַקומען דעם נאָמען „לאָיער". גלייך נאָכדעם בין איך אַריין אין מיין פאָטער'ס געשעפט און גענומען לערנען אַלע איינצעלהייטען פון קויפען שטאָף פאַר קליידער, מאַכען די קליידער, און — די הויפּט־זאַך — פאַר־קויפען די פאַרטיגע סחורה צו קליידער־געשעפטען אין ניו יאָרק און אין אַנדערע שטעט.

מיין לעהרער איז געווען מיס שעהנפעלד, וועלכע איז ביי דער צייט געוואָרען דער גאַנצער בעל־דעה אין מיין פאָטער'ס געשעפט. זי האָט שוין געהאַט צו זיך נאָך אַ מיידעל, אַלס אַ העל־פערין. אָהן מיס שעהנפעלד האָט מיין פאָטער קיין זאַך ניט גע־טאָן.

סימכאָוויטש איז אַוועק. ער האָט פאַרלאַנגט צופיעל. ער האָט געוואָלט זעהר אַ גרויסע געהאַלט און דערצו אַ פּראָצענט אין די פּראָפיטען פון דעם געשעפט. ווען מיין פאָטער האָט איהם ניט געוואָלט נאָכגעבען, איז סימכאָוויטש אַוועק און האָט זיך פאַרבונ־דען מיט איינעם פון מיין פאָטער'ס קאָנקורענטען און האָט אָנגע־הויבען צו ארבייטען געגען מיין פאָטער און שאַדען זיין געשעפט. עס איז איהם געלונגען אַוועקצונעמען אייניגע פון מיין פאָטער'ס קאַסטאָמערס און ער איז געקראָכען ווייטער. וואָס נאָר פאַר אַ שאָדען ער האָט געקענט טאָן האָט ער געטאָן.

עטעל האָט חתונה געהאַט מיט אַרנאָלד קאַפּטאַן, אין דזשון. די חתונה איז געווען גאַנץ פּריוואַט, אַזוי ווי די פאַרלאָבונג. אַר־נאָלד קאַפּטאַן האָט גענומען אַ שעהנע וואוינונג אויף וואַשינגטאָן האַיטס, ניט ווייט פון דעם שעהנעם האָדסאָן ריווער. דבורה איז אַוועק וואוינען מיט די יונגע פּאָר־פאָלק. איך האָב קיינע פון זיי

איז געווען שעהן און זעהר אַנציהענד. איך האָב זי געאַכטעט ווי
כ'עז אַכטעט אַ מענשען מיט אַ הויכען אינטעלעקט. איך האָב גע־
קוקט אויף איהר ווי אויף אַ ביזנעס־פּאַרטנער. וואָס זי האָט גע־
טראַכט וועגען מיר איז מיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען צו ער־
קונדיגען.

איינמאָל, אין רעכטען מיטען זומער, באַקום איך אַ בריעף פון
מיין מוטער, אַז פרייטאָג, ווען איך קום צו איהר, זאָל איך מיט־
ברייננען מיס שעהנפעלד. דאָס איז געווען אַן אַנגענעהמע איבער־
ראַשונג פאַר מיר. איך האָב זיך געפרעהט וואָס מיין מוטער האָט
שוין אויפגעהערט מורא צו האָבען, איך זאָל מאַכען באַקאַנטשאַפט
און זיך אפשר גאַר פאַרליעבען אין אַן אָרימע מיידעל. עס האָט
מיר געמאַכט פיהלען, אַזוי ווי אַ קנעכט וואָס האָט באַקומען זיין
פרייהייט. אָבער ווען איך האָב די איינלאַדונג איבערגעגעבען צו
מיס שעהנפעלד, איז זי שטאַרק רויט געוואָרען. זי האָט געזאָגט,
אַז זי מוז אַנפרעגען איהר מוטער. אויף מאָרגען איז זי געקומען און
איהר פּנים האָט זיך גערויטעלט און געשטראַהלט פאַר שמחה.
איהר מוטער האָט איהר ערלויבט צו פאָהרען!

עס איז געווען מיס שעהנפעלד'ס ערשטע רייזע צו די בערג.
מיר זיינען געזעסען צוזאַמען און איך האָב איהר פאָהרענדיג ער־
קלעהרט אַלעס וואָס איך האָב געוואוסט פון די שטעטלאך וואָס
מיר זיינען פאַרבייגעפאָהרען. ווען מיר זיינען אַנגעקומען ביי יע־
נעם סטיישאַן וואו די טריין שטעלט זיך אָפּ אויף צעהן מינוטען,
בין איך אַרונטער און האָב איהר געבראַכט אַ ביסעל פרוכט, אָבער
זי האָט גאַנץ ווענינ געגעסען. איך האָב זיך דערמאָנט אַן יענער
פּאַסירונג ווי מיין מוטער האָט מיך איינמאָל פאַרלאָרען מיט
עטלען, און מיר האָבען געמוזט פאַרברייננען צוויי שטונדען אין
פרייען פעלד, וואַרטענדיג אויף דער נעקסטער טריין. מיין האַרץ
איז אַנגעפילט געוואָרען מיט בענקשאַפט ביי דיזע עראינערונגען.

מיין מוטער האָט מיס שעהנפעלד אויפגענומען מיט אַזוי פיעל
פריינדשאַפט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ מיטגליעד פון אונזער
פאַמיליע. מיין מוטער איז כמעט די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען
מיט איהר און זי האָט מיר אַליין געהייסען איך זאָל מיס שעהנ־
פעלד נעהמען אויף אַ לאַנגען שפּאַציר און איהר ציינען די שעהנ־

צופרידענהייט. און אַז איך בין אוועק, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— קומט אַזוי אָפט ווי איהר קענט. איך האָב יעצט ניט פאַר וועמען וואָס מורא צו האָבען. איך שטעה ניט מעהר אין שידוכים. קומט ווען איהר האָט צייט און ברייננגט אייער מוטער מיט אייך. איך וועל פאַר איהר צופאַסען אַ העמד וואָס זי וועט גלייבען.

עטליכע טעג שפּעטער האָב איך געבראַכט מיין מוטער, וועל־כע איז געקומען געבען צו לייזען. מיס בראַדסקי האָט מיין מוטער ניט געלאָזט אויסקלייבען וואָס זי האָט געוואָלט, נאָר זי אַליין האָט פאַר מיין מוטער אויסגעקליבען אַ העמד. ווען מיין מוטער איז צוריק געקומען אַהיים מיט דער העמד, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— אַי, מיין זוהן, אַ רחמנות אויף פּעני'ן. זי וועט קיין ער־פאָלג ניט האָבען, ווען זי וועט ווייבער אויסקלייבען די סטיילס וואָס זי גלייכט. אַ שאָד דאָס געלט וואָס זי האָט אַריינגעלייגט אין די ביזנעס.

מיין מוטער האָט די העמד אוועקגעלייגט אין אַ שאַפע. בע־פאַר זי איז אוועק אין קאַנטרי האָט זי די העמד אוועקגעשאָנקען צו אַן אָרימער פרוי.

אַ וואָך נאָך עטעל'ס חתונה איז מיין מוטער אָפּגעפאָהרען אויפ'ן זומער אין קאַנטרי. מיין פאָטער האָט פאַר איהר גענומען אַ קאַטעדזש. ווייל מיין מוטער האָט ניט געקענט פאַרטראָגען דעם רעש אין די באָרדינג־הייזער, און אַזוי ווי איך בין שוין געווען אין געשעפט, פלעגט מיין פאָטער צובריינגען מעהר צייט מיט מיין מוטער און איך פלעג קומען בלויז אויף שבת און זונטאָג.

איך האָב זיך אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבען אין געשעפט. איך האָב אין דעם געפונען אַ צערשטרייאונג, אַ פאַרלייכטערונג. די ביזנעס האָט פאַרנומען מיין קאָפּ און איך האָב געהאַט ווייניג צייט צו טראַכטען פון אַנדערע זאַכען. מיט מיס שעהנפעלד זיינען מיינע באַציהונגען געווען ווי פון צוויי מענשען וואָס זיינען פאַר־אינטערעסירט אין איין געשעפט. איך פלעג מיט איהר זיצען שטונדען לאַנג אין אָפיס, מיר פלעגען אָפט זיצען ביי איין שרייב־טיש און מיין שטוהל האָט אַנגעריהרט איהרען. אָבער איך האָב גאָר ניט געפיהלט אַז זי איז אַ פרויענצימער, טראָץ דעם וואָס זי

דריי־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

די נאַכט און דער מאָרגען

— וואוהין פאָהרען מיר? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, אַזוי ווי איך וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ חלום.

— איך ווייס? — האָט נעלי געזאָגט מיט אַ שטיפערישען געלעכטער. — דאַכט זיך, אַז מיר זיינען אויפ׳ן וועג נאָך קוני איילאנד.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין זייגער און אויסגערופען:

— עס איז דאָך שוין האַלב נאָך צעהן!

— נו, איז וואָס? — האָט זי געענטפערט. — איהר זעהט דאָך ווי די טריין איז פול געפּאַקט. מענשען הויבען ערשט יעצט אַן צו פאָהרען.

אמת, די טריין איז געווען פול מיט יונגע מענשען, וועלכע האָבען גערעדט און געלאַכט מיט די פרייד פון לעבען.

די נאַכט איז געווען אַ שעהנע און מיר זיינען געגאַנגען ביים ים. עס מאַכט אַ מאַן פיהלען שטאָלץ ווען ער געהט צוזאַמען מיט אַ שעהנע פרויענצימער. ער זעהט די בליקען פון קנאה מיט וועלכע אַנדערע מענער קוקען אויף איהם, און ער פיהלט זיך ווי אַ מיליאָנער אויף אַן אָרימער חתונה. איך האָב געהערט אַז רייכע מענער פון די הויכע פענסטער צאָהלען שעהנע אַקטריסעס גרויסע סומען בלויז פאַר דעם וואָס די אַקטריסעס פאָהרען מיט זיי אוים אין אַן אָטאָ־מאָביל, אָדער עסען מיט זיי אַ מאָהלצייט אין וואָלדאָרף אַסטאָריאַ, אָדער אין אַן אַנדער אַריסטאָקראַטישען האָטעל. און נעלי פלאַמער איז געווען אַזוי שעהן ווי די שעהנסטע אַקטריסע וואָס איך האָב ווען געזעהן אויף דער ביהנע.

מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקעל וואָס איז גע־שטאַנען האַרט ביים וואַסער און מיר האָבען געשמועסט. גערעדט האָט נעלי און איך האָב זיך צוגעהערט. עס איז געווען אינטערע־סאַנט צו הערען זי ריידען. איהר קליינער מויל איז געווען אַזוי

קייטען פון דעם געגענד, ווייל מיין מוטער האָט ווייט ניט געקענט געהן. איך האָב איינמאָל באַמערקט, ווי מיין פאָטער האָט צו מיין מוטער אַ וואונק געטאָן אויף אונז ביידען, אָבער מיין מוטער איז דאָס ניט געפעלען געוועז. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין פאָטער האָט געטראַכט אַז מיס שעהנפעלד וואָלט געווען אַ פּאַסענדע כלה פאַר מיר, אָבער מיין מוטער האָט אַנדערש געדענקט.

וואָס אַנבאַלאַנגט מיר אַליין, האָב איך ניט געוואָלט מעהר טראַכטען פון מיידלאַך אָדער כלות. איך האָב געוואָלט וואַרטען. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך בין נאָך אומפעהיג צו ליעבען, ווייל עטעל פלעגט מיר זעהר אָפט אַרויפקומען אויף די געדאַנקען. איך האָב געוואָלט וואַרטען ביז איך וועל זי כאָטש אַ ביסעל פאַרגעסען.

איינמאָל, שפּאַצירענדיג אין גאַס, אין אָוועגד, האָב איך זיך באַגעגענט מיט נעלי פלאַמער. און ווי איך האָב זי דערזעהן, האָב איך ניט געקענט ביישטעהן איהר צויבער. איך בין צו איהר צוגעלאָפען און זיך ניט געקענט אָפּרייסען פון איהר. איך האָב זיך אַליין אָנגעבאָטען מיט איהר צו שפּאַצירען. און זי האָט מיר געזאָגט אַז זי געהט דאָס צו אַ פריינדין וואָס וואַרט אויף איהר, האָב איך זי געבעטען אַז זי זאָל די פריינדין אָפּרופען אויפ׳ן טעלעפאָן און איהר זאָגען אַז זי קען ניט קומען.

— מיין פריינדין האָט ניט קיין טעלעפאָן אין הויז, — האָט נעלי געענטפערט און איהרע אויגען האָבען מיך עלעקטריזירט. — אָבער עס מאַכט ניט. איך מעג זי דיסאַפּאָינטען... צוליעב איך.

מיר האָבען געהאַט צוזאַמען אַן אייז־קריעם און נאָכדעם בי[…] איך מיט איהר געגאַנגען און האָב ניט געוואוסט, אויב איך פיהו[…] זי אָדער זי פיהרט מיך. און איידער איך האָב זיך אומגעקוקט זיי[…] נען מיר שוין ביידע געווען אויף אַ טריין וואָס פאָהרט נאָך ברוקלין[…]

אייד, נאר ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידעל וועלכע ער האָט ניט געליעבט.

— עס פרעהט מיך צו הערען אזא קלוגע מיינונג פון אייך, — האָט זי געזאָגט און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פראַגע אין איהרע אויגען.

איך האָב געלעזען איהרע געדאַנקען. זי האָט געמיינט צו פרעגען, אויב איך וואָלט חתונה געהאַט מיט אַ מיידעל צוליעב איהר גדן.

— נאָך אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע וועל איך אייך דער־צעהלען, — האָט זי אָנגעפאַנגען: — די אַלטע זיינען נאָך פיעל ערגער פון די יונגע. איך האָב געאַרבייט אין אַ גרויסע ווערהויז און האָב דאָרט באַקומען אַ פיינע געהאַלט. האָט זיך געמאַכט אַז דער זוהן פון מיין באָס, אַ קאַלעדזש באָי, זעהר אַ שעהנער און אַ גוטער, האָט זיך אין מיר פאַרליעבט. אָבער טאַקע זיך פאַרליעבט אויף אַן אמת. ער פלעגט מיך אָפט אויסנעהמען אויף פּלעזשור און ער האָט מיך באַהאַנדעלט ווי אַ לײדי, העכסט אַנשטענדיג, אַזוי ווי איהר... איך האָב איהם אויך ליעב געהאַט... ניט צוליעב דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ רייכען טאַטען, איך שווער אייך, מיסטער פרומקין... ער איז געווען אַזאַ גוטער און אַזאַ נאָבעלער. נו, האָט זיך דער פאָטער דערוואוסט פון דעם, האָט ער דעם זוהן פאַרבאָטען זיך צו זעהן מיט מיר. איך בין פאַרבליבען, און ווען אַלע זיינען אַוועק, האָט ער צו מיר געזאָגט: „הער זיך צו, מיס, מיט מיין זוהן חתונה האָבען קענסטו ניט, ווייל איך האָב אַן אַנ־דער שידוך פאַר איהם, אָבער אַז דו וועסט ניט זיין קיין נאַר, קענסטו האָבען אַלעס וואָס דו ווילסט, גאָרניט אַרבייטען און לעבען ווי אַ פּרינצעסין. דו זיי נאַר גוט צו מ י ר, האָב מיך ליעב און דיר וועט זיין וואויל ווי די וועלט". עס האָט זיך מיר זעהר געוואָלט איהם אַנשפּייען אין זיין פּנים, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט אַן זיין זוהן, און איך בין אַוועק, ניט ריידענדיג אַ וואָרט.

— און מעהר האָט איהר זיך מיט דעם זוהן ניט געזעהן? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, ער האָט מיך מעהר ניט געזוכט. ער האָט מורא גע־האַט פאַר זיין פאָטער.

חנ׳עוודיג און איהרע אויגען האָבען געשאָסען ראַדיאָ־פונקען. זי האָט מיר דערצעהלט פון איהרע שטעלען און איהרע באָסעס. קוים איז זי אויף אַ פּלאַץ אַ וואָך צייט, ערקלערט זיך דער באָס איהר אין ליעבע. און זי מוז בייטען די פּלעצער, ווייל זיי גיבען איהר ניט קיין רוה.

— און וואָלט איהר וויסען ווער די מענשען זיינען! — האָט זי דערצעהלט. — סאָלידע ביזנעס־לייט, וואָס שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אין דער געזעלשאַפט. טאַטעס פון טעכטער וואָס זיינען עלטער פון מיר. איינעם אַזאַ, מיט גרויע האָר אויף זיין קאָפּ, האָב איך איינמאָל דערלאַנגט אַ פּאַטש, בין גלייך אַוועק און מעהר ניט צוריקגעקומען, כאָטש עס האָט מיר אַרויסגעקומט פאַר פיער טעג אַרבייט. אַן אַנדערער, וואָס האָט פון מיר געבאַפּט אַ פּסק, איז געווען אַ יונגער מאַנופעקטשורער, ערשט צוויי מאָנאַטען נאָך זיין חתונה. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער ליעבט ניט זיין פרוי, אַז ער האָט זי געהייראַט צוליעב איהר געלט, נאָר יעצט האָט ער חרטה און ער וויל מיט מיר פיהרען אַ ליעבע. איך האָב זיך געמאַכט ווי איך הער ניט, נאָר ווען ער איז צו מיר שטאַרק צוגעשטאַנען, האָב איך צוגעזאָגט איהם צו טרעפען אין אַ רעסטאָראַן. נאָכדעם, ווען ער האָט פאַרלאָזען דעם אָפיס, האָב איך טעלעפאָנירט זיין פרוי אַז איהר מאַן וועט היינט ניט קומען צו סאַפּער, ווייל ער האָט אַן אַפּאָינטמענט מיט אַ מיידעל אין אַ רעסטאָראַן. איך האָב איהר ניט געזאָגט ווער איך בין, אָבער איך האָב איהר אָנגעגעבען דעם פּלאַץ פון רעסטאָראַן. איך אַליין בין ניט געקומען.

— און וואָס איז געשעהן? — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— איך ווייס ניט, — האָט זי געענטפערט. — נאָר אויף מאָרגען איז דער באַלעבעסעל געקומען אין אָפיס אַ ברוגז׳ער און האָט מעהר ניט גערעדט צו מיר. ער האָט געהייסען זיין קעשיר מיר באַצאָהלען פאַר אַ פולער וואָך און איך בין אַוועק. איך דענק, אַז ער האָט מיך געוואָלט אונטערשמירען, אַז איך זאָל איהם מעהר קיין טראָבעל ניט מאַכען, ווייל מעהר ווי פאַר דריי טעג האָט מיר ניט געקומט.

— זעהר רעכט אויף איהם! — האָב איך באַמערקט. — אָב־וואָהל שולדיג איז ער געווען ניט ווען ער האָט זיך פאַרליעבט אין

*

איך האָב זיך פאַרשלאָפן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען נאָך ניין. איך האָב זיך שנעל איינגעוואַשן, זיך אָנגעטאָן און אַוועק אין געשעפט אָהן ברעקפעסט. ווען איך בין געקומען איז שוין געווען נאָך צעהן. מיס שעהנפעלד האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט, אָבער זי האָט מיך גאָרניט געפרעגט.

א גאַנצען טאָג בין איך געווען פאַרשלאָפען און געגענעצט. און יעדען מאָל וואָס מיס שעהנפעלד האָט א קוק געטאָן אויף מיר, האָב איך אָפּגעקערט מיין קאָפּ אָן א זייט. איך האָב מורא געהאַט זיך צו באַגעגנען מיט איהרע בליקען. איך געדענק ניט ווען איך האָב געפיהלט אַזוי שלעכט ווי יענעם טאָג.

דריי אוהר האָב איך געהאַט אַן אונערוואַרטעטען באַזוך פון מיס בראָדסקי. ווען מיס שעהנפעלד האָט זי דערזעהן און געהערט מיט וואָס פאַר א פריינדליכע ווערטער איך האָב זי עמפּפאַנגען, האָט זי זיך פאַרלאָרען. מעגליך אַז זי האָט פאַרבונדען מיין פאַר־שלאָפענעם צושטאַנד מיט דער מיס בראָדסקי׳ן, ווען זי האָט געזעהן פאַר זיך דעם ערשטען מאָל. איך האָב גלייך אָפּגעשאַפט דיזען איינדרוק מיט דעם, וואָס איך האָב די צוויי מיידלאך פאָר־געשטעלט איינע פאַר די אַנדערע. איך האָב נאָכדעם באַמערקט, אַז מיס בראָדסקי קוקט אויף מיס שעהנפעלד מיט באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

מיט א מערקווירדיגער שנעלקייט האָבען זיך די צוויי מייד־לאך באַפריינדעט און גענומען ריידען צווישען זיך אַזוי ווי אַלטע באַקאַנטע. עטליכע מינוטען האָבען זיי גערעדט, נאָכדעם האָט מיס בראָדסקי געזאָגט צו מיר:

— איך בין געקומען מיט אייך זיך דורכריידען, אָבער איהר זעהט מיר היינט אויס צו זיין ניט מיט אַלעמען. מסתמא פון די רעסטאָראַנס. ניט גוט צו עסען אין דער פרעמד?

— א, איהר קענט צו מיר ריידען, — האָב איך איהר פאַר־זיכערט. — איך לייד א ביסעל פון א קאָפּ־וועהטאָג. דאָס אַלעס.

אַט אַזוי האָבען מיר אָפּגעשמועסט עטליכע שטונדען, וועלכע זיינען אַוועק זעהר שנעל. מיר האָבען באַזוכט אַ רעסטאָראַן ארום איינס אוהר. מיר האָבען נאָכדעם ווידער שפּאַצירט. איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געוועזן אויף אַזוי שפּעט. נעלי האָט אויסגעזעהן רייצענדער ווי אימער. אָפטמאָל, ווען מיר זיינען גע־זעסען זעהר נאָהענט איינער נעבען אַנדערען און איך האָב געקענט פיהלען איהר אָטעם, האָט מיך אָנגענומען אַ חשק אַ קוש צו טאָן די ליפּען, וועלכע האָבען אויף דעם ווי געוואַרט. אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטען. מיין פעסטער באַשלוס איז געוועזן אַז מיין ערשטער קוש צו אַ פּרויענצימער געהערט נאָר צו דער, וועלכע וועט ווערען מיין פרוי. דיזער באַשלוס האָט מיך ניט פאַרלאָזען.

דריי אוהר האָבען מיר זיך גענומען קלייבען צו געהן אַהיים.

געהענדיג צו דער טריין, האָבען מיר געהאַט אַן אונאַנגענעה־מע באַגעגעניש. דריי קריסטליכע יונגען האָבען דערזעהן נעלי'ן און האָבען איהר באַגריסט מיט איהר נאָמען: „העלאָו, נעלי!" אַזוי ווי זי וואָלט געוועזן זייערע אַן אַלטע באַקאַנטע. נעלי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט מיין שוץ. די יונגען, ווען זיי האָבען מיך דערזעהן, האָבען זיך פאַרשעהמט און אָפּגעטראָגען. וואַרשיינליך האָבען זיי איינגעזעהן אַז זיי האָבען געטאָן אַן אונרעכט.

— איך האָב מיט אַ צייט צוריק געאַרבייט מיט זיי אין דעם שיפּינג דעפּאַרטמענט פון אַ מעיל און אָרדער ביזנעס, — האָט נעלי מיר ערקלעהרט די באַקאַנטשאַפט.

אויף דער רייזע צוריק איז נעלי שוין ניט געוועזן אַזוי אויפ־געלייגט ווי פריהער. די באַגעגעניש מיט די דריי יונגען און זייער לייכטזיניגע באַגריסונג האָט אויף איהר געמאַכט אַ שלעכטע וויר־קונג. זי האָט זיך געפיהלט באַליידיגט ווייל דאָס איז פאָרגעקומען אין מיין געגענוואַרט. איך האָב געזוכט איהר ערמונטערען, אָבער עס איז מיר ניט געלונגען.

איך האָב נעלי'ן באַגלייט ביז צו איהר היים און האָב איהר צוגעזאָגט קומען אויף אַ באַזוך. נאָכדעם בין איך אַוועק אַהיים און זיך געלייגט שלאָפען.

פיער־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

אַהער אָדער אַהין

ווען איך בין געקומען פרייטאָג פאַרנאַכט אויף שבת צו מיינע עלטערען, אין זייער זומער־היים, האָב איך געפונען מיין מוטער אַ ביסעל פאַרזאָרגט. איך האָב געמיינט אַז זי פיהלט ניט גוט. זי האָט זיך אימער באַקלאָגט אויף רומאַטיזם און אַנדערע וועהטאָגען. אָבער ווען איך האָב געפרעגט די אורזאַך פון איהר צוטראָגענהייט האָט זי מיר געענטפערט:

— ניט יעצט, מיין זוהן, נאָך סאַפּער וועל איך דיר דערצעהלען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס זי האָט מיר צו דער־צעהלען, איז פון גרויס וויכטיגקייט. וואָס האָט דאָס געקענט זיין? ביזנעס איז די לעצטע צייט געווען זעהר גוט גלענצענד. אָבער מיין פאָטער האָט מיין מוטער קיינמאָל ניט געלאָזט וויסען פון זיינע ביזנעס טראָבעלס. טאָ וואָס האָט זי געהאַט מיר צו פאַרטרויען? איך האָב זיך קוים דערוואַרט די צייט פון נאָך סאַפּער.

מיין פאָטער האָט געמאַכט קידוש מיט זיין געוואוינליכע שבת'דיגע ברייטקייט. די געפילטע פיש און די חלות, וועלכע מיין מוטער פלעגט אימער אַליין מאַכען און זיך ניט פאַרלאָזען אויף דיענסטען, האָבען זעהר גוט געשמעקט. איך האָב אָבער וועניג גע־געסען, ווייל איך בין געווען אונגעדולדיג.

נאָך סאַפּער האָט מיין מוטער מיך גענומען אויף אַ שפּאַציר, און עס איז געווען קענטיג אַז מיין פאָטער האָט געוואוסט וועגען וואָס זי האָט מיט מיר צו ריידען.

— זאָג מיר, מיין זוהן, דעם אמת, — האָט מיין מוטער גע־פרעגט, — דו גלייכסט פעני בראָדסקי?

איהר פראַגע האָט מיך צומישט, פאַרטומעלט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— איך וועל דיר דערצעהלען וואָרום איך פרעג דיך, — האָט מיין מוטער גענומען מיר ערקלעהרען. — בראָדסקי איז דאָ געווען

— וועל איך אייך טאקע דערצעהלען פון מיין קאפ־וועהטאג, וועלכער איז אזוי גרויס, אז איהר וועט פארגעסען אייערע, — האט מים בראדסקי געזאגט. — קורץ דערפון איז, אז איך בין באנ־קראט. מיין געשעפט איז די גאנצע צייט געגאנגען בארג־אראפ. די ווייבער ווילען זיך ניט פארלאזען אויף מיין געשמאק. כמעט יעדע פרוי וואס האט ביי מיר געקויפט א העט, האט דאס ענטוועדער אויף מארגען צוריקגעבראכט, אדער זי איז ארומגעגאנגען מיך באריידען אז איך נעם געלט פאר שמאטעס. עס נוצט ניט צו לער־נען די וועלט. די וועלט לאזט זיך ניט לערנען. איך האב מיין סטאר געמוזט פארקויפען. און איך האב פארלארען ביי דריי טויזענד דאלאר פון מיין פאטער׳ס געלט, און נאך דערצו א שטיק געזונט. נו, ווי געפעלט אייך אזא קאפ־וועהטאג?

איך האב זי געטרייסט ווי איך האב געקענט. פעני בראדסקי איז אוועק, זאגענדיג אז זי פאהרט אין קאנטרי צו איהר פאטער, זיך ארויסשלאגען די דאגות און זיך א ביסעל צו ערהאלען. איך האב זי געבעטען צו ווארטען ביז פרייטאג, ווען איך פאהר צו מיינע עלטערען, אום מיר זאלען קענען פאהרען א שטיק וועג צו־זאמען. (איך האב באמערקט, אז מים שעהנפעלד האט ווי א לייב־טען זיפץ געטאן.) אבער מים בראדסקי האט געזאגט, אז זי קען ניט ווארטען, ווייל איהר פאטער, וועלכער איז אין שטאט, פאהרט מיט איהר מארגען. מים שעהנפעלד האט ביי די ווערטער אויפ־געלעבט און אויסגעזעהן פרעהליכער.)

דיך אַוועקשענקען צו איהר. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דיינע פּיס־לאַך און האָט געשריען „דאָס איז מיין דאַלי!“ אַז מען האָט זי קוים אָפּגעריסען פון —

— און וואָס האָסטו געזאָגט צו מר. בראָדסקי? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס האָב איך איהם געקענט זאָגען? האָב איך איהם דען געקענט זאָגען אַז זי איז דאָך עלטער פון דיר? האָב איך איהם דען געקענט זאָגען אַז פאַר מיין זוהן פּאַסט זיך ניט אַ מיידעל וואָס מירמעלשטיין איז געוועזן איהר חתן? האָב איך איהם אַזוי, מיט אַ האַלבען מויל, אָפּגעשטויסען און געזאָגט, אַז צוערשט דאַרף מען דאָך ביי דיר אויך אַ פרעג טאָן. האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט קומען זונטאָג נאָכאַמאָל. וואָס דענקסטו איהם צו זאָגען?

— איך ווייס ניט, מאַמע, — האָב איך געענטפערט. — איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט פון פעני'ן אַלס אַ כלה. איך בין מיט איהר געוועזן באַקאַנט, באַפריינדעט, ווייל דו ביזט אויך געוועזן מיט איהר באַפריינדעט. פעני איז טאַקע אַ פיינע מיידעל, אָבער — איך האַלט נאָך ניט ביי אַ שידוך. איך וויל פריהער ווערען אַ גוטער ביזנעסמאַן, נאָכדעם וועל איך טראַכטען וועגען אַ שידוך.

מיין מוטער איז געוועזן צופרידען פון מיין ענטפער. אָבער מיר האָט גענומען עגבערען אין מח די פראַגע: וואָס וועלען מיר זאָגען מר. בראָדסקי, ווען ער וועט קומען זונטאָג נאָך אַן ענטשיי־דענעם ענטפער?

איך קען ניט זאָגען אַז איך האָב פעני'ן אין האַרצען ניט ליעב. איך האָב זי יאָ ליעב, ליעב ווי אַ גוטע פריינדין, ווי אַ שוועסטער. איך האָב שוין דאָס פיעלע מאָל זיך אַזוי געטראַכט. עטלעכע האָב איך פאַרלאָרען, פאַר נעלי'ן האָב איך מורא, מיט שעהנפעלד האָט ניט געווען מאַגנעט פאַר מיר. פעני בראָדסקי איז געוועזן די איינציגע, מיט וועלכער איך וואָלט אין אַ געוויסען גראַד געקענט זיין גליקליך. אָבער אין איין זאַך האָט מיר אָפּגעשראָקען יעדען מאָל ווען איך האָב אָנגעהויבען צו טראַכטען פון מיס בראָדסקי, און דאָס איז, ד י מ ע ג ל י כ ק י י ט א ז ז י ו ו י ל מ י ך נ י ט. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהאַט מיט איהר קיין אָפענעם געשפּרעך וועגען איהרע געפיהלען צו מיר.

היינט אין דער פריה און ער האָט מיר דערצעהלט פון פעני׳ס ביזנעס. ווי זי האָט אויסגעבראַכט אַזוי פיעל געלט צוליעב איהרע נאַרישקייטען. דאַכט זיך אַ קלוגע מיידעל און זי האָט זיך דאָך באַנאַרישט. וואָס דאַרף זי ביזנעס? וואָס דאַרף זי ארבייטען? אַ מיידעל דאַרף חתונה האָבען! איז ניט מירמעלשטיין, קען זי קריגען אַן אַנדערען און נאָך אַ בעסערען חתן. נו, פאַרפאַלען. זי וועט שוין יעצט זיין קליגער. קום, מיין זוהן, צו יענעם ביינקעל, איך וועל זיך צוזעצען.

מיר האָבען זיך צוגעזעצט און מיין מוטער האָט פאָרטגע־זעצט:

— נו, דער בראָדסקי, האָב איך מורא, האָט ניט מעהר שכל פון זיין טאָכטער. דאַכט זיך אַ קלוגער איד און דאָך אַ ביסעל אַ נאַר. ווייסטו ווענען וואָס ער איז געקומען? דיר ריידען אַ שידוך מיט זיין טאָכטער —

— מיר... מיט זיין טאָכטער? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערראַשונג.

— איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט זיין סורפרייזד, — האָט מיין מוטער געזאָגט. — ער האָט נאָך טענות צו אונז. ער זאָגט, אַז צוליעב דיר קען פעני קיין שידוך ניט טאָן. אַלע ווייסען, אַז דו ביזט באַפריינדעט מיט איהר. מענשען האָבען דיך געזעהן זי באַזוכען אין איהר געשעפט. דענקען לייט אַז דו שדכנ׳סט זיך צו איהר. און נאָך אַלעמען, זאָגט ער, וואָרום זאָל דאָס ניט זיין אַ גלייכער שידוך? איז דען פעני ניט אַ פיינע מיידעל? ער לייקענט אָפּ אַז זי איז עלטער פון דיר. ער זאָגט, אַז זי איז מיט דיר אין איינע יאָהרען און נאָך אפשר אַ יאָהר אינגער פון דיר. נו, דאָס ווייס איך, אַז זי איז עלטער פון דיר צום ווענינגסטענס מיט דריי יאָהר. אַז דו ביזט געבאָרען געוואָרען איז פעני שוין אַרומגעלאָפען אין אַ בלויע קליידעלע און זי האָט געהאַט געקרייזעלטע לאָקען. איך געדענק, אַז ווען איך בין געלעגען אין קימפעט מיט דיר, איז פעני׳ס מוטער — אונז אַלעמען אויף לאַנגע יאָהר — געקומען צו אונז און האָט מיטגעבראַכט פענעלע׳ן, און אַז פענעלע האָט דיך דערזעהן (אַ קליינע בייבי ביזטו דאַן געווען, אַ ליכטיג קינד), האָט זי געמיינט אַז דו ביזט אַ דאָל, און זי האָט געשריען אַז מען זאָל

פינף־און־דרייסיגסטער קאפיטעל

מען רעדט מיר שידוכים

די לעזער וואס זיינען געוואוינט צו אורטיילען יונגע לייט און יונגע מיידלאך נאך די ראמאנען וואס זיי האבען געלעזען, וועלען מיך געוויס ניט פארשטעהען ווען איך וועל זיי זאגען, אז נאך סוכות, ווען מיר זיינען שוין אלע געווען צוריק אין שטאט און מען האט מיר אנגעהויבען צו ריידען שידוכים, האב איך זיך גוט צוגעהערט און זיך שטארק פאראינטערעסירט. עס האט מיך זאגאר געפרעהט.

לויט דעם, ווי עס ווערט באשריבען אין די ראמאנען, האב איך זיך געדארפט צוריקציהען פון דער וועלט, נאכדעם ווי איך האב פארלוירען עטלען און אויך מים בראדסקי. איך האב געדארפט ווערען ענטוועדער א פרויען־פיינד, וואס האסט דאס גאנצע פרויען־געשלעכט, אדער איך האב געדארפט זיך פארשווערען צו בלייבען אן אלטער בחור אויפ'ן גאנצען לעבען. אבער איך שרייב ניט קיין ראמאן. איך שרייב א געשיכטע פון מיין אייגענעם לעבען. איך דערצעהל אייך וואס עס איז מיט מיר געשעהן, און ניט וואס איך האב אויסגעטראכט פון קאפ.

מענשען מיט א געזונדען פארשטאנד נעמען זיך ניט דעם לעבען ווען זייער ליעבע ווערט ניט פארווירקליכט אין א חתונה. איך האב געהערט פון עלטערע און מעהר ערפאהרענע מענשען ווי איך, אז גראד דער מאן וואס האט געהאט א גליקליכען צוזאמענלעבען מיט זיין פרוי קען לאנג ניט זיצען אליין, נאכדעם ווי זיין פרוי שטארבט. א הארץ וואס האט געליעבט, קען ניט לאנג רוהען אהן ליעבע. אזוי איז אויך געווען מיט מיר. מיין הארץ איז געווען פוסט און האט געלעכצט נאך ליעבע אזוי ווי גראז נאך א רעגען. גראד דערפאר, ווייל איך האב מיין ליעבע צו עטלען ניט געקענט פארגעסען, האב איך געזוכט דיזע ליעבע צו פארווענדען אויף אן

איינִיגע מאָל האָב איך געמאַכט אַן אָנפאַנג צו דער גערן וואָס ביי איהר איז אין הארצען, אָבער יעדען מאָל איז אונזער געשפּרעך איבערגעריסען געוואָרען, ווייל איך האָב זיך געשראָקען פון איהרע אַ באַמערקונג און איך האָב מורא געהאַט פאַר אַן ענטזאָג. איך האָב מורא געהאַט, אַז נאָך איהר ענטזאָג מיט מיר חתונה צו האָבען, וועל איך אויך פאַרלירען איהר פריינדשאַפט. און איהר פריינד־שאַפט איז ביי מיר געווען זעהר טייער.

איך בין געווען אַ שלעכטער שפּיעלער אין דעם האַזאַרד פון לעבען. איך האָב מורא געהאַט צו מאַכען אַ ריזיקאַלישען שריט. אַ סך יונגע לייט פאַרלירען זייער גליק בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבען מורא צו עפענען אַ מויל. זיי האָבען מורא פאַר אַן ענטזאָג. וואו נעם איך מוט צו זאָגען מיין מוטער אַז פעני בראָדסקי איז דאָך אַ גוטע און פּאַסענדע מיידעל פאַר מיר? האָב איך זיך געטראַכט. וואָס איז דער אונטערשיעד פון דריי יאָהר? וויפיעל זיינען דאָ מענשען וואָס צו דרייסיג זיינען זיי שוין אַלט און צובראָכען און עס זיינען דאָ אַזעלכע וועלכע זיינען נאָך יונג צו פופציג?

אין אַזעלכע געדאַנקען איז אַריבער דער שבת און עס איז גע־קומען זונטאָג. מיין מוטער, מיין פאָטער און איך זיינען אַלע גע־ווען אין אַ נערוועזען צושטאַנד.

אָבער מיר האָבען זיך אומזיסט געערגערט. מר. בראָדסקי איז ניט געקומען, און אַז דער טאָג איז אַריבער און מיר האָבען פון איהם ניט געהערט, האָבען מיר פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אויך ניט קומען, אַז ער האָט זיך באַדענקט, דאָס זיין פאָהרען איז אומזיסט. אַזוי האָט מיין פאָטער געזאָגט. מיין מוטער איז געווען איינשטימיג מיט איהם. אָבער איך האָב געטראַכט אַנדערש.

מיין מיינונג איז געווען, אַז ווען פעני האָט זיך דערוואוסט פון זיין באַזוך ביי מיינע עלטערען, איז זי געוואָרען בייז און האָט איהם ניט געלאָזט פאָהרען אַ צווייטען מאָל. איך האָב אָבער מיין מיינונג געהאַלטען פאַר זיך און האָב מיינע עלטערען גאָר ניט געזאָגט וועגען דעם. אַ צייט שפּעטער איז מיין באַהויפּטונג באַ־שטעטיגט געוואָרען. און דערווייל בין איך אָפּגעריסען געוואָרען פון פעני בראָדסקי, און איך האָב פאַרלאָרען מיין בעסטען פריינד אין דער וועלט. עס האָט געמוזט אַזוי זיין: אַהער אָדער אַהין.

פערזאָן. די מיידעל האָט גלייך דערקענט אַז איך בין גאַנץ אומ־באַקאַנט מיט דעם פּראָצעס פון מאַניקור, און זי איז געווען באַ־זונדערס פריינדליך צו מיר און האָט מיר אַרויסגעצייגט גרויס אויפמערקזאַמקייט. עס קען זיין, אַז ביי איהר איז דאָס געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך צו האַלטען די האַנד פון אַ פרעמדען מאַנספּערזאָן, אָבער ביי מיר איז דאָס געווען אַ נאָווינע. איך האָב זיך געשעהמט און בין אויך געווען באַגייסטערט. איך האָב אָפט געוואָרפען פאַרשענדע בליקען אויף איהר און זיך געטראַכט אויב מר. ברומסטיק׳ס טאָכטער איז אויך אַ ברונעטקע. און אפשר גאָר אַ בלאָנדינקע.

איך האָב געפיהלט אַזוי גרויסמוטיג, דאָס איך האָב באַוואָר־פען אַלעמען מיט טיפּס, און די ברונעטקע וואָס האָט מיינע נעגעל אַזוי שעהן פאַרפּוצט האָב איך געשענקט אַ האַלבען דאָלאַר. זי האָט מיר באַדאַנקט מיט אַ ברייטען שמייכעל, האָט זיך אויפגע־הויבען, געבעטען איך זאָל איהר ענטשולדיגען און גענומען אויס־גלייכען אויף מיר מיין נעקטאַי, וועלכען איך האָב שלעכט פאַר־בונדען נאָכ׳ן שייוו.

ווען איך בין אַריין אין אָפיס, אַ פאַרפּוצטער, אַ שיינענדער פון דעם מאַסאַזש, און אַ פּערפומירטער, האָט מיך מיס שעהנפעלד באַטראַכט מיט אַ שאַרפען בליק און האָט באַלד אַרונטערגעלאָזען די אויגען. מיין פאָטער האָט אויסגערופען „חתן דומה למלך!” (ער האָט אימער ליעב געהאַט צו שפּאַסען, און האָט פאַרגעסען אַז מיס שעהנפעלד קען העברעאיש). איך האָב באַמערקט, אַז מיס שעהנ־פעלד האָט נערוועז אַ ציטער געטאָן. מיין גאָט — האָב איך זיך געטראַכט — שוין זשע איז זי פאַרליעבט אין מיר?

איך בין צוערשט געפאָהרען אַהיים מיט מיין פאָטער עסען סאַפּער. מיין מוטער האָט מיך אונטערגעאיילט. עס איז איהר ניט געפעלען די נייע העמד וואָס איך האָב געקויפט, אָבער מיין פאָטער האָט שפּאַסענדיג צו איהר געזאָגט:

— מיש זיך ניט! דו קענסט איהם זאָגען דעות וואָס פאַר אַ כלה ער זאָל נעמען, אָבער אַ העמד זאָל ער זיך צופּאַסען נאָך זיין אייגענעם געשמאַק.

אנדער ליעבענסווירדיגע פערזאָן, וואָס וועט מיך פאַרשטעהן, זיין מיין חבר און מיין טרייסט.

מיט נעלי פלאַמער (מיסעס גרעפטער׳ס שוועסטער) האָב איך זיך מעהר ניט געזעהן. אויך בעני האָט אויפגעהערט צו געהן צו נעלי׳ס עלטערע שוועסטער. ווי ער האָט מיר ערקלעהרט, האָט ער זיך ארומגעזעהן, אַז עס איז שוין גענוג פאַר איהם זיך נאַריש צו מאַכען („טו פול עראַונד“, אין זיין אייגענעם לשון) און עס איז שוין צייט אַרויסצוקוקען אויף אַ תכלית.

דער ערשטער שידוך וואָס מען האָט מיר גערעדט אין יענעם סיזאָן (שידוכים האָבען זייערע סיזאָנס) איז געווען מיט אַ טאָכ־טער פון מר. ברומסטיק, אַ רייכער ניפּענטס מאַנופעקטשורער. מיין מוטער האָט זיך שטאַרק אַנגעכאַפּט אַן דעם שידוך. זי האָט די כלה איין מאָל געזעהן און זי האָט מיר געזאָגט אַז זי איז שעהן ווי אַ דאָל. מר. ברומסטיק גיט זיין טאָכטער אַלס נדן אַ טענעמענט הויז, אין וועלכע זיין עקוויטי באַטרעפט פינף און צוואַנציג טוי־זענד דאָלאַר. דער שדכן האָט אָפּגעמאַכט מיט דער כלה׳ס עלטע־רען, אַז איך זאָל קומען זעהן זייער טאָכטער אין דער הויז פון איהרע אַ קרובה אין סענטראַל פּאַרק וועסט.

דאָס איז געווען אַ מיטוואָך. אָבער ביי מיר איז דאָס געווען אַ יום־טוב. איך בין אפילו געגאַנגען יענעם טאָג אין ביזנעס, אַזוי ווי אימער, אָבער איך האָב זיך מעהר אָפּגעגעבען מיט די הכנות פאַר די אַפּאָינטמענט מיט מיס ברומסטיק ווי מיט ביזנעס. צוויי אוהר האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט זוכען אַ זיידענע העמד פון אַ באַזונדער פיינע קוואַליטעט. איך האָב זיך אויך איינגעהאַנדעלט אַ נעקטאַי וואָס איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען אין סטאָר. פיער אוהר בין איך אַריין צו אַ באַרבער, ניט צו דעם באַרבער וואָס איך פלעג אימער געהן, נאָר צו איינעם וואָס האָט געהאַלטען אַ פּלאַץ פאַר מענשען וואָס צעהלען ניט זייער געלט. דאָרט האָב איך זיך געלאָזט אַרומשערען, ראַזירען און אויך גענומען אַ שאַמפּו און אַ מאַסאַזש. צולעצט בין איך צוגעגאַנגען צו אַ טישעל ביי וועלכע עס איז געזעסען אַ שעהנע ברונעטקע וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ שפּאַניערין, צו מאַניקורען מיינע נעגעל. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב זיך געלאָזט פּוצען די נעגעל פון אַן אנדער

מיט א גוטמוטיגען, זעהר א סימפּאַטישען פּנים און איך האָב גע־זעהן, אַז איך האָב ביי איהר גלייך גוט אויסגענומען. זי האָט מיר געזאָגט, אַז ליזי, עס הייסט מיס ברומסטיק, וועט ערוואַרטעט יעדע מינוט. און נאָכדעם האָט זי מיך אַריינגעפיהרט אין דיינינג רום, וואו עס איז געשטאַנען אַ געגרייטער טיש מיט פאַרשידענע פּרוכטען און ניס, „כיבוד" אויפ'ן אַלטען אידישען שטייגער.

— מיין מאַן האָב איך אוועקגעשיקט, — האָט זי לאַכענדיג געזאָגט צו מיר, — און די קינדער זיינען ביי אַ שכנה.

— שאַדע, — האָב איך געזאָגט פון העפליכקייט וועגען, — איך וואָלט גערען זיך באַקענט מיט אייער מאַן.

— אַ, איהר וועט זיך נאָך מיט איהם קענען, — האָט זי גע־ענטפערט.

אין אַ פינף מינוטען ארום איז געקומען ליזי ברומסטיק מיט איהר מוטער. זיי זיינען גלייך אַריינגעקומען אין דיינינג רום אָנ־געטאָן אין זייערע פוטער־מאַנטלען. דאָס איז אַ גוט באַקאַנטע מאַנעוורע צו צייגען ווי די כלה זעהט אויס אין אַ שעהנעם פאַר־קאָוט. זיי האָבען זיך פאַרגעשטעלט, ארויסגעגאַנגען אין אַנדער צימער אַראָפּנעמען פון זיך די פוטערס, און נאָכדעם זיינען זיי צוריק אַריינגעקומען אין דיינינג רום.

איך האָב געכאַפּט מיין ערשטען בליק אויף דער כלה. פריהער האָב איך געקענט זעהן בלויז אַ פּערטעל פון איהר פּנים. ווייל דריי פערטעל זיינען געווען פאַרדעקט. מיין מוטער האָט געזאָגט ריכ־טיג. ליזי האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ דאָל. אַ נעזעל אויסגעטאַקט ווי פון אַ מייסטער. אַ שעהנער קליינער מויל, און רונדע פולע באַ־קען. איהרע האָר זיינען געווען פון אַ קאָליר ווי פלאַקס. ביי אידען רופט מען אַזאַ מיידעל „שיקסע". זי איז געווען פון מיטעלען וואוקס און איידעל געבויט. ווען איך בין עלטער געוואָרען האָב איך ער־פאַהרען דאָס אַזאַ קאָליר האָר באַקומט מען אין אַ „ביוטי פּאַרלאָר" פאַר צעהן דאָלאַר.

די ערשטע זאַך וואָס מיך האָט אָפּגעשלאָגען פון איהר איז וואָס איהר פּנים איז געווען אומנאַטירליך רויט, ווערענד איהר

אויף דער רייזע האָב איך געטראַכט פון דעם וואָס ערוואַרטעט מיך. איך האָב זיך גענומען פאָרשטעלען די געשטאַלט פון דער פּרינצעסין וואָס ערוואַרטעט מיך. איז זי אַ בלאָנדע אָדער אַ ברו־נעטין? איז זי הויך אָדער קורץ? איז זי איידעל געבויט אָדער פעט? ביים שרכן האָב איך זיך געשעהמט דאָס צו פרעגען און ביי מיין מוטער אויף דאָס זעלבע. איך האָב נאָר געטראַכט פון דעם וואָס מיין מוטער האָט געזאָגט, אַז זי האָט די מיידעל געזעהן און דאָס זי איז שעהן ווי אַ דאַל. מאַמעס האָבען ליעב אַז זייערע זיהן זאָלען חתונה האָבען מיט שעהנע מיידלאַך.

און מעגליך, — האָב איך זיך געטראַכט — אַז צו דער זעל־בער צייט טראַכט זי פון מיר און זוכט זיך פאָרצושטעלען אין איהרע געדאַנקען ווי איך זעה אויס. און אַמאָל, אַז מיר װעלען שוין חתונה האָבען, וועלען מיר איינע די אנדערע איבערדערצעה־לען וואָס מיר האָבען געטראַכט די נאַכט, איידער מיר האָבען זיך איינע די אנדערע געזעהן...

אויב זי איז שעהן, אַזוי ווי מיין מוטער זאָגט, מוז זי דאָך זיין גוט אויך, און קלוג, און ליעבליך, מיט אַ זיסע נשמה. אמת, ניט אַלע שעהנע זיינען גוט און קלוג... אָבער זי, ז י מוז זיין קלוג און מוז זיין גוט, און מוז האָבען אַ זיסע נשמה און אַ טרייע האַרץ...

אַזוי האָב איך געטראַכט די גאַנצע צייט פון מיין רייזע. ווען איך בין ענדליך געקומען צו דער הויז, וואו איך האָב זיך גע־דאַרפט טרעפען מיט מיס ברומסטיק, האָב איך אָנגעהויבען צו פיהלען אַ ביסעל פיבעריש. און ווי אַז איך וועל איהר ניט געפעלען ווערען? אין האָל, ביים אריינגאַנג, האָב איך געזעהן אַ שפּיגעל. איך בין צוגעגאַנגען, זיך באַטראַכט. כ׳לעבען, איך בין ניט קיין מיאוס׳ער בחור. גוט וואָס די מאַניקור מיידעל האָט געפיקסט מיין טאַי. עס ליגט אויסגעצייכענט אויף מיר. איך וועל איהר געבען אַ שאָו נאַכאַמאָל. אַזאַ יונגערמאַן ווי איך דאַרף זיך האַלטען זיינע נעגעל אין אָרדנונג.

איך בין אריין אין הויז. ביים טיר האָט מיך עמפּפאַנגען די קרובה ביי וועמען איך האָב זיך געדאַרפט טרעפען מיט מיס ברומסטיק. זי איז געווען אַ יונגע ווייבעל, ניט הויך, אָבער פעט,

וואָס מען האָט דאָרט געשפּיעלט און עס איז איהר אַזוי געפעלען געוואָרען, דאָס זי וויל עס געהן זעהן נאָך אַמאָל.

— איך וואָלט דאָס ניט געגאַנגען זעהן נאָך אַמאָל, — האָט ליזי ברומסטיק געזאָגט, — ווען מען זאָל מיר אָנשיטען מיט געלד. עס האָט מיר גענודיעט. איך האָב פיינט די ליטעראַרישע פּיעסען און איך גלייך ניט די ביליגע קלאַס מענשען וואָס געהן דאָס זעהן. ווען איך בין געגאַנגען דאָס זעהן, איז מיר אויסגעקומען צו זיצען נעבען אַ פרוי וואָס האָט געטראָגען אַ סקווירט מיט אַ וויסט. אַזאַ סלאָב! זי האָט אפשר אין איהר לעבען ניט געטראָגען אַן איווניננ־גאָון!

צעהן אוהר האָב איך געפּאַסט מוט און זיך אויפגעהויבען צו געהן אַהיים. איך האָב באַמערקט אַז דאָס האָט געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק אויף די ליידיס, אָבער איך האָב זיך געריסען אַוועקצוגעהן.

שווער געווען צו געפינען אַזאַ וואָס זאָל קענען פאַרנעמען עטעל'ס פּלאַץ ביי מיר אין הארצען!

אויף מאָרגען האָט דער שדכן באַקומען צוויי באַריכטען. איינעם פון מיין מוטער, אַז די כלה געפעהלט מיר ניט, און אַ צווייטען פון די כלה'ס מוטער, אַז איך בין אַ גרינער אינגעל, אָהן מאַניערען, ווייל איך בין אַוועק אַהיים און האָב זיך ניט אָנגעבאָטען צו באַגלייטען מיסעס ברומסטיק מיט איהר טאָכטער צו זייער היים.

נאָז איז געווען אומנאַטירליך ווייס. עד היום קען איך ניט פאַר־שטעהן צו וואָס שעהנע, יוננע מיידלאך פאַרבען די באַקען און קאַלכען דעם נאָז.

מיסעס ברומסטיק, די מוטער, איז מיר באַלד ניט געפעלען געוואָרען. זי האָט מיר געשיינט צו זיין אַ פרוי וואָס איז שטאָלץ אויף איהר מאַן׳ס געלט. איהרע מאַניערען ביים טיש (זי האָט כסדר געקנאַקט ניסלאַך און געכראָמטשקעט) און איהר פנים, האָבען אַרויסגעצייגט גראָבקייט און ניט אַ ברעקעל ראַפינירונג. זי האָט אָנגעפאַנגען אַ שמועס וועגען איהר פוטער וואָס האָט געקאָסט זעקס הונדערט און פופציג דאָלאַר און וואָס ער איז ווערט טויזענד. איהר טאָכטער׳ס פוטער קאָסט אויך אַן ערך די זעלבע געלד, אָבער עס איז ניט אַזאַ מציאה ווי איהרער. דערפאַר צו איהר חתונה וועט זי קריגען אַ נייעם פוטער און אַ בעסערען.

ליזי, די כלה־מויד, האָט דערצעהלט צו דער קרובה וועגען פיער נייע דרעסעס וואָס זי האָט זיך באַשטעלט ביי אַ מאָדיסטין און האָט מיט אַ סך איינצעלהייטען געשילדערט ווי די דרעסעס זיינען געשניטען און מיט וואָס פאַר אַ טרימינגס און פאַטשערקעס זיי ווערען פאַרפּוצט. איך בין נאָך עד היום פרעמד אין דער טעכ־ניק פון פרויען־קליידער, און עס האָט מיר שטאַרק גענודיעט ליזי׳ס באַריהמעריי, וועלכע איז געווען אָנגעפיהרט מיט דעם צוועק מיר צו צייגען וואָס זי קען אָפּאָרדען צו האָבען.

איך האָב זיך געפיהלט ווי אַ פרעמדער אין דער געזעלשאַפט. איך האָב זיך אָנגעהויבען צו פרעגען: ווי קום איך אַהער? ניט אַ וואָרט האָב איך געקענט אַרויסקריגען פון ליזי׳ן וועגען איהרע אידעאַלען, וועגען איהרע באַגריפען פון לעבען. איך האָב אפילו ניט געוואוסט אויב זי האָט וועלכע אידעאַלען, אָדער באַשטימטע באַגריפען פון לעבען.

הפנים אַז די קרובה, און וועמעס הויז מיר האָבען זיך צו־זאַמענגעטראָפען, איז ניט געווען קיין נאַר, ווייל זי האָט באַמערקט אַז דער געשפּרעך וועגען די סטיילס נודיען מיך, און זי האָט גע־מאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרקירעווען דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמא. זי האָט דערצעהלט, אַז זי איז געווען אין טעאַטער מיט איהר מאַן און האָט גרויס פאַרגעניגען געהאַט פון אַ שעהנע דראַמע

פאהרענדיג אהיים האט מיר מיין פאטער אויפ'ן וועג דער־צעהלט וועגען וואס דא האנדעלט זיך.

מר. גימפעל האט געהערט פון אונזערע שלעכטע אומשטענ־דען, און אזוי ווי ער האט שטארק געוואלט אז איך זאל נעמען זיין טאכטער דארע, האט ער געשיקט דעם שדכן נאך אמאל. ער האט געמאכט א פארשלאג, דאס אויב איך וועל זיך באשליסען צו נעמען זיין טאכטער, וועט ער, א חוץ א גרויסען נדן, אויך לייהען מיין פאטער געגוג געלט זיך אויסצודרעהען פון זיין ענגשאפט אויף וועקסלען אהן פראצענט.

— זיי האבען זיך אריינגענומען אין קאפ אז דו מוזט נעמען זייער מיידעל, — האט מיין פאטער באמערקט, נאכדעם ווי ער האט מיר איבערגעגעבען דעם שדכנ'ס פארשלאג. — וואס זאגסטו צו דעם? דו קענסט דאס מיידעל?

— איך קען זי, — האב איך געענטפערט, — אזוי פון דער־ווייטענס.

— ווי געפעלט זי דיר? וואס פאר אן איינדרוק האט זי גע־מאכט אויף דיר? — האט מיין פאטער געפרעגט.

— זעהר א פראסטע מיידעל, אן אויבערפלעכליכע און א נא־רישע. און זי געהט צו קריסטמעס פארטיס און רופט אלעמען „קאיקס", — האב איך געענטפערט.

— וואס קען מען ערווארטען פון אזא מיידעל, אז זי איז ער־צויגען אין אזא הויז ווי ביי גימפלען? — האט מיין פאטער גע־זאגט. אפשר, ווען זי וואלט זיך ערצויגען אין א רעכטער הויז, וואלט זי געוועזען א פיינע מיידעל —

איך האב געזעהן וואוהין מיין פאטער ציעלט.

איך האב איהם חלילה ניט חושד געוועזען אז ער וויל מיך צו־ריידען צום שידוך כדי צו פארריכטען זיין אייגענע לאגע. ער האט זיכער געמיינט מיין אייגענע טובה, און אויך מיין מוטער'ס.

מיינע געדאנקען האבען געארבייט שנעל. א וויכטיגע פראבלע־מע איז געשטאנען פאר מיר צו ענטשיידען.

וואס מאכט עס אויס אייגענטליך מיט וועמען איך וועל חתונה האבען? די וועלכע איך האב געליעבט, האב איך פארלארען. חתונה האבען וועל איך דאך מוזען, פריהער אדער שפעטער. טא

זעקס־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

באַרג אַראָפּ

ביזנעס איז געגאַנגען זעהר שלעכט. סימכאָוויטש, מיין פאָ־טער'ס געוועזענער ביזנעס־מענערדזשער, איז געוואָרען אַ געפעהר־ליכער קאָנקורענט, פון יענעם סאָרט קאָנקורענטען וועמעס מאָטאָ איז: „מיר אָן אויג, אַבי דיר צוויי אויגען". מיין פאָטער האָט שוין פאַרדראָסען וואָס ער האָט איהם געלאָזען געהן. אָבער איך און מיס שעהנפעלד האָבען אַנגעווענדעט אונזער גאַנצע מיה ניט צו לאָזען דעם געשעפט ליידען און אַז מיין פאָטער זאָל זיך ניט ערגערען.

איבערהויפּט האָבען מיר געזוכט צו באַהאַלטען די אומשטענ־דען פון מיין מוטער, וועלכע האָט אָנגעהויבען צו פיהלען שוואַכער מיט דעם אָנקומען פון דעם קאַלטען ווינטער און די שנעען. פאַר איהר האָבען מיר געדאַרפט אויסזעהן פרעהליך און אויפגעלייגט, ווען מיר פלעגען קומען אין אָווענד אַהיים.

ווידער איז דער זעלבער שדכן געקומען. אָבער דיזען מאָל איז ער ניט געקומען צו אונז אַהיים, נאָר אין מײַן פאָטער'ס אָפּיס.

ווען ער האָט דערזעהן מיס שעהנפעלד, האָט ער אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געטראַכט: עס וועט זיין אַ שווערע אַרבייט צוריידען דעם בחור צו אַ שידוך, ווען ער האָט אַזאַ פיינע מיידעל ביי זיך אין אָפּיס. מיין פאָטער האָט איהם געבעטען אַרויסגעהן מיט איהם, און זיי זיינען אַוועק אין אַ נאָהענ־טען רעסטאָראַן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער שדכן איז געקומען צו מיין פאָטער וועגען אַ וויכטיגע שליחות, ניט גראָד וועגן אַזוי אַ שידוך.

מיין פאָטער איז צוריקגעקומען אַ האַלבע שטונדע שפּעטער אַליין, אָהן דעם שדכן, אַ פאַרטראַכטער, אַ צוטראָגענער. איך האָב איהם ניט געפרעגט די סיבה פון זיין צוטראָגענהייט, ווייל מיס שעהנפעלד איז געווען דערביי.

איבערצורייידען מיט מיין מוטער. ביי א האלבע שטונדע האבען זיי גערעדט צווישען זיך. איך האב דערווייל פּרובירט זיך פאר־טיפען אין א בוך. דאס איז געווען א ראמאן וואס איך האב אמאל געליהען עטלען, אין וועלכען זי האט מיט א בלייפעדער אונטער־געשטריכען די שטעלען וואס זיינען איהר אם בעסטען געפעלען געווארען. איין שטעלע האט זיך אזוי געלעזען:

„די־מיידעל וואס האט חתונה מיט א געמבלער אדער א שכור, אדער מיט אן אויסגעלאסענעם בחור, אין דער האפנונג אז זי וועט איהם איבערשטעלען און אויסבעסערען, מאכט א גרויסען טעות און זי וועט זיין אומגליקליך. דער מאן וואס נעמט א נארישע מיידעל, אזא וואס שטעהט פון איהם נידעריגער אין אינטעליגענץ און מיינט, אז ער וועט זי קענען ענטוויקלען און בילדען, מאכט נאך א גרעסערען טעות."

ווי גוט דאס איז מיר צוגעטראפען! האט עטעל פאראויס געזעהן די צוקונפט? האט זי די ווערטער אונטערשטריכען אלס א ווארנונג פאר מיר?

עטליכע מאל האב איך די ווערטער איבערגעלעזען.

מיין מוטער איז אריינגעקומען צו מיר אין צימער און האט געזאגט:

— איך קען דאס גאר ניט פארשטעהן. ניט לאנג צוריק איז דיין טאטע געווען אזוי שטארק געגען דעם שידוך מיט דארע גימ־פעל, און יעצט איז ער פּלוצלינג אנדערש געווארען און עס געפעלט איהם. זאג מיר, מיין זוהן, דעם אמת, וואס טוט זיך דא? איך דערקען אן זיינע רייד, אז ער באהאלט עפּעס פון מיר. אפשר האסטו זיך פארליעבט אין דער מיידעל?

איך האב געשוויגען. איך האב ניט געהאט דעם מוט אפּצו־נארען מיין מוטער אזוי גראב. אבער איך האב זיך ניט געקענט העלפען, און מיט א געמאטערטען שמייכעל האב איך געענטפערט:

— זי געפעלט מיר...

— אויב דיר געפעלט, זאל זיין מיט מזל, — האט מיין מו־טער געענטפערט און אין איהר שטימע האט זיך געהערט א מיס־טרויאישער טאן. — פאר אונזער שטאט האט זיך אפילו געפּאסט

ווארום זאָל איך נישט טאָן אַ פּראַקטישען שידוך און רעטען מיינע עלטערען פון אַ פינאַנציעלען קריזיס?

דאָרע גימפּעל איז נאַריש און אונענטוויקעלט. עס איז דאָך אָבער ניט איהר שולד. מעגליך אַז איך וועל מיט איהר חתונה האָ־בען, וועט זי פון מיר לערנען, זי וועט ווערען אַן אַנדער מענש. איך וועל זי אַריינברייננגען אין דזשואיש סענטער. איך וועל זעהן, אַז זי זאָל זיך באַקענען מיט אינטעליגענטע מענשען, און דאַן וועט זי זיין אַ גאַנץ אַנדער מענש.

— דו האָסט רעכט, פּאַפּאַ, — האָב איך געזאָגט. — זי איז גאָר ניט שולדיג. צווישען רעכטע מענשען וואָלט זי געווען אַ גאַנץ אַנדערע.

מיין פאָטער האָט הפנים געלעזען מיינע געדאַנקען. איך האָב געזעהן אַז עס איז איהם שווער געווען צו ריידען ווייטער וועגען דעם.

ער האָט שוין מעהר ניט גערעדט וועגען דעם דעם גאַנצען וועג. נאָר אַז מיר זיינען שוין געווען נעבען אונזער וואוינונג, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— הער צו, סעם. צו דער מאַמען זאָלסטו ניט ריידען. זי וויים דאָך גאָר ניט וואָס עס טהוט זיך ביי אונז... איך וועל צו איהר ריידען... מען דאַרף וויסען ווי צו ריידען, אַז זי זאָל ניט מערקען וואָס זי דאַרף ניט וויסען...

און וועהרענד מיין פאָטער האָט דאָס מיר געזאָגט, האָט ער געקוקט אַן אַ זייט. ער האָט זיך געשעהמט מיר צו קוקען אין די אויגען.

מיין גוטער פאָטער! ער האָט זיך געשעהמט פאַר מיר. אפשר האָט זיך אַזוי אויך געשעהמט אברהם אָבינו צו קוקען די אויגען פון זיין זוהן יצחק, ווען ער האָט איהם געפיהרט צו דער עקידה.

— אַז עס איז באַשערט וועט עס מוזען ווערען, — האָט מיין פאָטער באַמערקט, ווען מיר זיינען שוין געווען ביי דער טיר פון אונזער וואוינונג. — דו זעהסט דאָך ווי דער רעדעל האָט זיך געדרעהט ביז עס איז געקומען צו דעם פּונקט...

נאָך סאַפּער בין איך, אויף דעם וואונק פון מיין פאָטער, אַריין אין מיין צימער, אום צו געבען מיין פאָטער אַ געלעגענהייט

זיבען־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ווען הערצערריידען

ניו יאָרק איז אַ שטאָט פון פרעמדע מענשען, און וואו אפילו אייגענע ווערען אָפּגעפרעמדט איינער פון אנדערען. איך ווייס פון אַ פאַל אַז צוויי פאַמיליען האָבען זיך באַקאַנט אין אַ האָטעל אין לייקוואוד: זיי האָבען זיך זאָגאר באַפריינדעט, און ווי גרויס איז געווען זייער איבערראַשונג, ווען זיי האָבען אויסגעפונען אַז זיי וואוינען ביידע אין ניו יאָרק, אין איין הויז, שוין זייט דריי יאָהר! ווען אַ פריינד מופּט אוועק פאַר אַ צעהן בלאָק פון אייך, איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט אוועקגעפאָהרען נאָך איירָאָפּא, און עס קען אריבערגעהן יאָהרען ביז איהר וועט זיך ווידער טרעפען מיט איהם.

אַ לאַנגע צייט האָב איך געטראַכט פון דעם, ווען איך וועל זיך אַמאָל דורך אַ צופאַל באַגעגענען מיט עטלען, וועלכע איז יעצט געווען די פרוי פון אַרנאָלד קאַפּטאַן. פון אונזער וואוינונג ביז איה־רען איז געווען אַ רייזע פון קאַרגע פינף און פערציג מינוטען. און דאָך בין איך ניט געווען זיכער, אויב איך וועל זיך מיט איהר טרעפען באַלד אָדער אין צעהן יאָהר ארום. מיר ביידע וואוינען אין ניו יאָרק, און ניו יאָרק איז אַ שטאָט פון פרעמדע און אָפּ־געפרעמדטע.

קענט איהר זיך פאָרשטעלען מיין זיסע איבערראַשונג, ווען איך האָב זיך געטראָפען מיט עטלען די נאַכט וואָס איך בין גע־גאַנגען מיט דאָרע גימפּעל אין טעאַטער? עס האָט אויסגעזעהן, ווי די געהיימע האַנט פון דער השגחה האָט אונז צוזאַמענגעפיהרט, אַז מיר זאָלען זיך טרעפען אין טעאַטער, זיצענדיג איינע קעגען די אנדערע.

איך האָב גענומען באָקס־סיטס. און ווען מיר זיינען שוין גע־זעסען אויף אונזערע פּלעצער, האָט מיס גימפּעל מיר געזאָגט אין אויער:

א שעהנערער מחותן, ווי גימפעל, אבער, ווי דער טאטע זאגט, מען זעהט דאך, אז עס איז א באשערטע זאך...

זי האט געוואָרט איך זאָל נאך עפּעס זאגען אום אויפצוקלערען די זאך. אבער איך האָב מעהר ניט גערעדט פון דעם, און מיין מוטער האט מיר בלויז א קוש געטאן אין שטערען און איז ארויס.

דריי טעג שפּעטער בין איך שוין געגאנגען מיט דאָרא גימפּעל אין טעאטער. פון א פארלאָבונג האָבען מיר דערווייל נאך ניט גערעדט. מיר האָבען געוואָלט זיך צוערשט בעסער באקענען. עס איז נאך געווען צו פריה פאר א פארלאָבונג.

ווען איך בין געקומען נאך איהר, איז זי שוין געווען אָנגעטאָן און איך האָב גלייך באמערקט, אז א גרויסע ענדערונג איז אין איהר פארגעקומען. איך האָב אימער באדויערט דאָרע׳ס שלעכטען געשמאק אין קליידונג, אבער דיעזען מאָל, ווי עס שיינט, האָט זי געזוכט מיר צו געפעלען צו זיין. זי איז געווען געקליידעט זעהר באשיידען און מיט טאקט, און אויף איהר פנים איז געווען קוים קענטיג עטוואס רוזש אָדער פּוידער. דאס איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען. דער שרייבער פון יענעם בוך איז אפשר געווען גערעכט, אבער עס זיינען דאָ אויסנאמען. דאָרע וועט זיין די אויסנאמע. זי וועט זיך ענדערען צוליעב מיר. זי וועט ווערען אַן אנדער מענש. איך וועל נאך אמאָל שטאָלצירען מיט איהר.

אזוי האָב איך זיך געטראַכט.

איך האָב זי געפיהרט אין טעאטער אין א טעקסי. איידער זי איז ארויס מיט מיר פון הויז, האָב איך באמערקט, אז איהר פאָטער האָט איהר עפּעס געזאָגט אויפ׳ן אויער. ווארשיינליך האָט ער איהר אנגעזאָגט וועגען איהר אויפפיהר מיט מיר. מר. גימפּעל איז געווען באזונדערס פריינדליך צו מיר, און האָט מיר געוואונשען אז איך זאל זיך „ענדזשאָיען“.

איז געשטאָרבען איידער ער האָט געוואוסט אז זי ליעבט איהם. ווי ליעב און טייער איז זי מיר פלוצלינג געוואָרען אין יענעם מאָמענט! ווי עס האָט זיך געפרעהט מיין הארץ, וואָס איך זעה זי ווידער! מיינע אויגען האָבען זיך זאָט ניט געקענט אָנקוקען אויף איהר. און זי האָט געשמייכעלט אַזוי ווי עס שמייכעלט די לעצטע רויז פון זומער ווען דער קאַלטער פראָסט נעמט זי ארום.

נאָך דעם צווייטען אַקט, איז אַרנאָלד קאַפּטאַן ארויפגעקומען מיט עטלען אויף אַ באַזוך צו אונזער באַקס. אַרנאָלד האָט פאַר־שטאַנען די פארהעלטניסע צווישען מיר און דאָרע גימפּעל. מען האָט איהם אויך געהאט פריהער פאָרגעשלאָגען אַ שידוך מיט איהר. און אַלס פריינד פון ביידע צדדים האָט ער געפיהלט, אַז עס איז זיין פּפליכט אונז ביידען איינצולאַדען צו אַ סאַפּער נאָך דער פאָרשטעלונג. איך האָב געוועהנליך געמוזט לאָזען מיין „ליידי“ צו באַשטימען אויב מיר קענען די איינלאַדונג אָננעמען. אָבער דאָרע האָט גלייך אָנגענומען. און איך בין איהר געווען זעהר דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס זי האָט מיר געגעבען די געלעגענהייט צו זיצען אַ ביסעל מיט עטלען.

— דאָרט אונטען, אין דער פינפטער רייהע, זיצט אַרנאָלד קאַפּטאַן מיט זיין פרוי — איהר ווייסט דאָך, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ דיענסטמיידעל.

דאָרט איז זי טאַקע געזעסען. איך האָב זי דערקענט, אַבוואָהל זי האָט מיך ניט געזעהן. און פּלוצלינג איז אין טעאַטער געוואָרען פינסטער. מען האָט אַרויפגעצויגען דעם פאָרהאַנג און מען האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען.

מיך האָט שוין דער שפּיעלען ווענינ אינטערעסירט. מיינע אויגען פלעגען אָפּט וואַנדערען פון דער ביהנע צו יענעם פּונקט, וואו עטעל איז געזעסען מיט איהר מאַן. איך האָב מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט ביז דער ערשטער אַקט וועט זיך ענדיגען. און דאָרע גימפּעל האָט מיך דערוויילע אינפאָרמירט וועגען פיעל וויכטיגע און אינטערעסאַנטע זאַכען. יענע אַקטריסע, האָט זי מיר געזאָגט, האָט שוין חתונה געהאַט מיט פיער מענער און יעצט קלאָגט זי אַ גרויסען מיליאָנער, וועלכער האָט געזאָלט ווערען איהר פינפטער מאַן און איז ניט געוואָרען צוליעב אַ קליינינקייט, ווייל ער אַליין פּיט זיך אין קאָורט מיט צוויי ווייבער. די לידינג ליידי טראָגט אַ דרעס וואָס קאָסט פינף טויזענד דאָלאַר. זי איז די מעטרעסע פון אַ באַנקיר וואָס איז אַלט גענוג צו זיין איהר זיידע. יענער אַקטיאָר איז אַ „קאָרעספּאָנדענט“, עס הייסט, ער האָט אָפּגערעדט ביי אימעצען אַ ווייב, און יענער פאָדערט יעצט פון דער ווייב אַ שיידונג. דאָרע גימפּעל האָט געוואוסט צופיעל פאַר איהרע יאָהרען.

ווען דער ערשטער אַקט האָט זיך געענדיגט, האָט מיך אַרנאָלד קאַפּטאַן דערזעהען. ער האָט אויך, ווי עס ווייזט אויס, דערקענט דאָרע'ן. ער האָט אונז ביידען באַגריסט מיט אַ נייג פון זיין קאָפּ. צו דער זעלבער צייט האָט ער עפּעס געזאָגט צו עטלען. עטעל האָט אויפגעהויבען איהר שעהנעם קאָפּ און מיר האָבען זיך געזעהן איינע די אַנדערע נאָך אַ לאַנגער און פּיינפולער שיידונג.

ווי פאַרענדערט זי איז געוואָרען! ווי ערנסט און ווי פאַר־טיעפט. מיר האָט געשיינט, אַז זי איז מיט עטליכע יאָהר עלטער געוואָרען און אויף איהר שעהנעם פּנים האָט געשוועבט אַ שטילער טרויער. אַזוי טרויערט אַ יונגע מיידעל נאָך אַ גליעבטען וועלכער

זיך פאַרדרעהט מיט אַן אינוועסטמענט אין אַ קויהלען געשעפט, וועלכער האָט ניט געטראָגען אַזוי פיעל ווי מען האָט ערוואַרטעט.

מר. קאַפּטאַן האָט געזאָגט, אַז ער וועט טאָן אַלעס אין זיין מאַכט. נאָכדעם איז מיין מוטער אַוועק צו מר. בראָדסקי. אויך ער האָט פאַרשפּראָכען צו זעהן זיך מיט מיין פאָטער און זיך מיט איהם דורכריידען. זי האָט דאָרט פאַר איין וועג געזעהן פעני בראָדסקי, און פעני האָט איהר דערצעהלט, אַז נאָכדעם ווי זי האָט זיך דערוואוסט אַז איהר פאָטער איז געוועזן ביי אונז און האָט געפרעגט אויב איך דענק מיט איהר חתונה צו האָבען, איז זי אויף איהר פאָטער בייז געוואָרען און האָט צו איהם ניט גע־רעדט דריי וואָכען. מיין מוטער האָט זיך געזעהן מיט נאָך אַ פּאָר פריינד, און מיין פאָטער איז שוין געוועזן געזיכערט.

— ווי איז דאָס ביי דיר רעכט געוועזן אונזער איינציג קינד אַוועקצוגעבען צו אַזאַ נאַרישע מויד און צו אַזעלכע שווער און שוויגער? — האָט זי פאַרגעהאַלטען מיין פאָטער. — וואָרום האָסטו ניט געדענקט פון פריינד? מיר האָבען דאָך, גאָט צו דאַנקען, זעהר גוטע פריינד. מיר האָבען זיי פיעל מאָל געהאָלפען, ווען זיי זיינען געוועזן אַ ביסעל געדריקט.

— איך האָב איהם, חלילה, ניט געוואָלט נייטען צו דעם שידוך, — האָט מיין פאָטער זיך פאַרענטפערט. — סעס איז שוין אַ ביסעל אַריבער פון איין און צוואַנציג. איהם איז שוין צייט חתונה צו האָבען. האָב איך געטראַכט, אפשר איז דאָס אַ שידוך. איך קען בלויז די עלטערען, אָבער ניט די מיידעל. האָב איך איהם געפרעגט, אויב זי געפעלט איהם, און ווי איך פאַרשטעה, האָט ער זיך מיט איהר געוואָלט בעסער באַקאָנען. אויב ער וויל ניט, קען דאָס זיין אוים שידוך.

— מען קען ניט סתם אַזוי אָפּזאָגען, נאָכדעם ווי ער איז מיט איהר שוין אויסגעגאַנגען און מען קוקט אויף איהם ווי אויף אַ חתן, — האָט מיין מוטער געזאָגט.

— מען דאַרף זוכען עפּעס אַ וועג וואָס זאָל ניט זיין קיין שאַנדע פאַר איהר און זיין אָרענטליך פאַר אונז. זי איז דאָך אויך אַ קינד ביי עלטערען, און זי איז ביי זיי טייער, אַזוי ווי סעס איז טייער ביי אונז.

אַכט־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

מיין מוטער קומט צו הילף

צו דער זעלבער צייט וואָס מיין פאָטער און איך האָבען גע־זוכט צו באַהאַלטען פון מיין מוטער די ריכטיגע אומשטענדען אין אונזער געשעפט, אין דער צייט וואָס מיר האָבען געזוכט צו רעטען דעם פריעדען און דעם וואוילזיין פון מיין מוטער דורך אַ שידוך מיט די גימפּעלס, האָט מיין מוטער ביסלעכווייז זיך דער וואוסט פון אַלעס און זי האָט גענומען זוכען מיטלען אַוועקצושטעלען מיין פאָטער׳ס פינאַנסען אויף אַ פוס.

דער שידוך מיט די גימפּעלס איז איהר גלייך פון אָנפאַנג פאַרגעקומען זעהר אויפפאַלענד. זי האָט גלייך זיך אָנגעשטויסען, אַז מען באַהאַלט עפּעס פון איהר. און ווי מיין פאָטער איז געווען פאַרזיכטיג, האָט זי איהם דאָך מאַנכעסמאָל געמוזט אויסריידען אַ וואָרט וועגען ביזנעס. מיין מוטער האָט גענומען נאָכפרעגען און ביסלעכווייז האָט זי דערגאַנגען אַלעס וואָס מיר האָבען פון איהר באַהאַלטען. און ווען זי האָט דאָס דערגאַנגען, איז איהר שוין קלאָר געוואָרען די אורזאַכע, וואָרום מיין פאָטער און איך האָבען זיך אַזוי אָנגעכאַפּט אַן דעם שידוך.

און מיין מוטער האָט ביי זיך באַשלאָסען מיך צו ראַטעווען.

אַנשטאַט צו וויינען, אָדער צו מאַכען אונז פאָרווירפע, אָדער אַריינצופאַלען אין היסטעריקע, האָט די שוואַכע פרוי זיך אָנגע־גאַרטעלט מיט נייע כחות און האָט זיך גענומען צו אַרבייטען אין דער זאַך. צוערשט איז זי אַוועק צו איהר לאַנדסמאַן, מר. קאַפּטאַן, און האָט פאַר איהם פאַרגעלייגט די גאַנצע לאַגע. מיין פאָטער האָט זיך גענויטיגט אין דרייסיג טויזענד דאָלאַר אויף אַ יאָהר צייט. געאיינגט איז ער געווען ניט ווייל ביזנעס איז אַזוי שלעכט. פאַר־העלטניסמעסיג האָט ער נאָך געהאַט אַ גוטען געשעפט און געטאָן גרויסע ביזנעס. ער האָט זיך אָבער פאַראיינגט ערשטענס צוליעב שלעכטע קאָלעקשאַנס, און צווייטענס, צוליעב דעם, וואָס ער האָט

קיין גדן ניט באַשטימען. אויב עס וועט זיך מאַכען אַ יונגערמאַן וואָס וועט איהר געפעלען זיין און ער קען מאַכען אַ בכבוד׳ן לע־בען, וועט ער איהם געבען אַ שעהנעם טשעק נאָך דער חופה, אָבער ער וויל ניט זאָגען וויפיעל. ער וויל ניט אַזאַ חתן וואָס קוקט אַרויס אויפ׳ן געלד. אַט אַזאַ מענש איז ער!

— איז זי איין איינציגע? — האָט מיין מוטער געפרעגט.

— ניין, עס זיינען נאָך דאַ צוויי עלטערע שוועסטער, אָבער יענע האָבען שוין חתונה געהאַט, — האָט דער שרכן געענטפערט.

— און וואָס פאַר אַ טשעק האָבען יענע עלטערע צוויי טעכ־טער באַקומען צו זייער חתונה? — האָט מיין מוטער געפרעגט.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך וויים ניט, — האָט דער שרכן געענטפערט. — אָבער איך גלויב, אַז איהר קענט דעם פאָטער פון דער מיידעל. ער הייסט זאַנענפעלד און האָט אַ גרויסע פעקטאָרי פון ליידים אַנדערוועער.

— אַ גאַליציאַנער! — האָט מיין מוטער אויסגערופען. — שור, איך קען איהם און קען זיין פרוי. די מיידעל גראָדע קען איך ניט. זיי זיינען גאַליציאַנער.

— די גאַליציאַנער זיינען אויך מענשען, — האָט מיין פאָ־טער זיך אָפּגערופען. — זיי בילדען זייערע טעכטער און גיבען זיי אַ בעסערע ערציהונג ווי אונזערע רוסישע אידען. און דער זאַנענפעלד אַליין, ווייס איך, איז אַ פיינער דזשענטעלמאַן און אַ גרויסער בעל־צדקה, און קומט פון אַ שעהנער משפחה.

איך, זייענדיג געבאָרען אין אַמעריקאַ, האָב גאָר ניט געקענט פאַרשטעהן וועגען וואָס מיינע עלטערען האָבען זיך געשפּאַרט. איך האָב גאָר ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָרום מיין מוטער זאָל האָבען אַ שלעכטע מיינונג פון אַ אידען וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין אַן אַנדער געגענד אין אייראָפּאַ ווי זי.

— די מיס שעהנפעלד איז אויך פון גאַליצישע עלטערען, — האָט מיין פאָטער געזאָגט, וועלענדיג מאַכען זיין אַרגומענט שטאַר־קער.

— און זי זעהט גאָר ניט אויס ווי אַ גאַליציאַנערין, — האָט מיין מוטער זיך געוואונדערט.

— איך האָב אַ פּלאַן, — האָט מיין פאָטער געזאָגט. — מיר וועלען רופען דעם שדכן. דער וואָס קען פאַרבינדען, דאַרף אויך אָפּבינדען. דער שדכן וועט שוין געבען אַן עצה וואָס צו טאָן.

דער שדכן איז געקומען גלייך אויף מאָרגען. דיזען מאָל איז ער געקומען צו אונז אַהיים. מיין פאָטער האָט איהם דערצעהלט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך און האָט איהם געפרעגט אַן עצה וואָס צו טאָן.

— לאָזט עס צו מיר. עס איז מיין ארבייט, — האָט דער שדכן געזאָגט. — איך האָב שוין אַן אַנדער חתן פאַר איהר, וועמען זי וועט בעסער גלייכען. איהר פאָטער האָט מיר מיט אַ פּאָר טעג צוריק טאַקע געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער האָט מורא דאָס אייער זוהן איז צו פיין פאַר זיין טאָכטער, און אַז זיי וועלען זיך איינע דעם אַנדערען ניט פאַרשטעהן. ער איז ניט קיין נאַר אַ איד, דער מיסטער גימפעל. נאָר זיין טאָכטער גלייכט אייער זוהן און די מוטער דענקט, אַז קיין יונגערמאַן איז ניט צו גוט פאַר איהר טאָכטער. אָבער איהר דאַרפט זיך ניט זאָרגען. איך וועל עס מאַכען אַזוי, אַז דער וואָלף זאָל זיין זאַט און די ציעג וועט בלייבען גאַנץ. פאַרלאָזט זיך שוין אויף מאַטיע דעם שדכן!

— פון דעם שדכנ'ס רייד איז צו זעהן, — האָט מיין פאָטער געזאָגט, נאָכדעם אַז דער שדכן איז אַוועק, — אַז דער אַלטער גימפעל יאָגט זיך גאָר ניט אַזוי נאָך דעם שידוך. עס ווילט זיך איהם ניט אַרויסלאָזען אַזוי פיעל געלד פון דער האַנד. ער איז ניט געוואוינט צו לייהען געלד אָהן הויכע פראָצענטען. נו, מיר וועלען שוין זעהן וואָס פאַר אַ נייעס דער שדכן וועט אונז בריינגען.

דער שדכן האָט אונז געבראַכט אַ ידיעה, אַז דער שידוך איז בטל און נאָך אין דער זעלבער וואָך בריינגט ער אַ נייעם חתן פאַר דאָרע גימפעל, און זי איז שוין אַזוי ווי פאַרלאָבט פאַר יענעם.

— און פאַר אייער זוהן האָב איך אַן אַנדער כלה, אַן אַנטיק! — האָט ער אויסגערופען מיט גרויס באַגייסטערונג. — אַ שעהנע און אַ הויך געבילדעטע. איך זאָג אייך, אַז זי איז אַ זעלטענהייט. נאָר איין פעהלער. דער טאַטע איהרער איז אפילו זעהר רייך. ער איז ווערט זיינע הונדערט און פופציג טויזענד דאָלאַר און נאָך מעהר, אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וועט זיין טאָכטער

נײַן־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

איך געה זעהן נאָך אַ כלה

מאַטיע דער שדכן האָט ניט אָפּגעלאָזען. ווען די זאַנענפעלדס זיינען צוריקגעקומען פון לייקוואוד האָט ער געמאַכט אַן אַפּאָינט־מענט. דיעזען מאָל האָב איך געדאַרפט קומען צו די מחותנים אין דער היים. די טאָכטער האָט מיך געוואָלט זעהן דווקא אין דער הויז פון איהרע עלטערען.

דעם טאָג פון אַפּאָינטמענט, ווען עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג, האָב איך פאַרלאָזען דעם אָפיס און האָב זיך געלאָזט געהן אין דעם זעלבען גרויסען באַרבער שאָפּ אין וועלכען איך בין געגאַנגען ווען איך האָב געדאַרפט זיך זעהן מיט ליזי ברומסטיק. איך האָב זיך דערמאָנט אָן יענער ברונעטקע, די נעגעל־פּוצערין, וואָס זעהט אויס ווי אַ שפּאַניערין. איך האָב זי נאָך ניט פאַר־געסען. וואָס וועט זי יעצט זאָגען, ווען זי וועט מיך זעהן? וועט זי ניט פרעגען פאַר וואָס איך בין אַזאַ לאַנגע צייט ניט געווען פּוצען מיינע נעגעל? וואָס וועל איך איהר זאָגען?

איך האָב וועגען דעם געטראַכט די גאַנצע צייט וואָס איך בין געזעסען אין דעם באַרבער'ס שטוהל, בעת ער האָט מיך ראַזירט און געפּוצט. מערקווירדיג וואָס פאַר אַ נאַרישע געדאַנקען עס קריכען דעם מענשען אין קאָפּ אין זיינע גאַנץ ערנסטע מאָמענטען! אָט געה איך היינט זעהן אַ כלה, אַ העכסט אַנשטענדיגע אידישע מיידעל פון פיינסטען אָרט און עס קריכט מיר אין קאָפּ גאָר אַ נעגעל־פּוצערין, וואָס שמייכעלט זיס צו יעדען פרעמדען מאַנס־פּערזאָן דערפאַר, וואָס ער שענקט איהר אַ פערטעל אָדער אַ האַלב־בען דאָלאַר. עס מוז זיין אמת וואָס די פּסיכאָלאָגען זאָגען, אַז טיעף אין דעם מענשען'ס האַרצען געפינט זיך אַ צווייטער „איך", וועל־כער דענקט און פיהלט גאַנץ אַנדערש ווי דער ערשטער „איך".

ווען איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט'ן באַרבער, בין איך אַריין אין דער זייטיגער אָפּטיילונג, וועלכע איז געווען פאַרשטעלט

— וואָס האָסטו געוואָלט ? — האָט מיין פאָטער געלאַכט, — זי זאָל האָבען הערנער ?

דער שדכן איז אַוועק מיט דעם פאַרשפּרעכען, אַז ער וועט מאַכען אַן אַפּאַינטמענט, אום איך זאָל זיך קענען זעהן מיט דער מיידעל. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס מוז נעמען אַ ביסעל צייט, ווייל די מיידעל איז אַפּגעפאָהרען אויף אַ פּאָר וואָכען אין לייקוואוד.

*

אַ וואָך שפּעטער האָט מיך בעני אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן און האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל מיך זעהן. ער האָט מיר וויכטיגע נייעס צו דערצעהלען. איך האָב איהם געבעטען צו טרעפען מיך אין אַ רעסטאָראַן מיטאָג־צייט און ער איז געקומען.

— ווינש מיר גליק ! — האָט ער אויסגערופען, אַז ער האָט מיך דערזעהן. — איך בין געוואָרען אַ חתן פאַר דער שעהנסטער, זיסטער און רייצענדסטער מיידעל אין דער וועלט !

איך האָב געדריקט זיין האַנד און געזאָגט:

— איך ווינש דיר גליק פון טיעפען האַרצען. עס פרעהט מיך וואָס דו האָסט זיך ענדליך געסעטעלט. נו, ארויס מיט לשון — ווער איז דאָס די וואָס האָט דיך גליקליך געמאַכט ?

זי הייסט דאָרע גימפּעל, די טאָכטער פון אַ רייכען ריעל עסטייט ספּעקולייטאָר. זי האָט אַליין אַ הויז וואָס איז איהר נדן. אָבער דאָס איז ביי מיר גאָר ניט. זי איז אַליין דער שעהנסטער נדן. איך האָב זיך אין איהר פאַרליעבט ביים ערשטען בליק. זי איז אַ זעלטענע מיידעל — איך בין אַזוי גליקליך, דאָס איך קען דיר ניט אָפּשילדערען ווי גליקליך איך בין

מיך האָט די נייעס ווענינג איבערראַשט. דאָרע איז געווען אַ מיידעל לויט דעם געשמאַק פון מיין חבר בעני, וועלכער איז קיינמאָל ניט געווען ערנסט אין זיין לעבען.

— דו מוזט מיט איהר באַקאַנט ווערען, — האָט ער געזאָגט.

אַ שוידער איז מיר אריבער ביי די רייך.

— איהר האָט רעכט, — האָב איך צוגעגעבען.

— איהר האָט זעהר שעהנע הענד, — האָט זי געזאָגט, אָנ־נעמענדיג מיין האַנד מיט אַזוי פיעל צערטליכקייט, אַז מיר האָט אַנגעהויבען שווינדלען אין קאָפּ. — איהר האָט אַהער געדאַרפט קומען אַפטער. אַזעלכע שעהנע הענד דאַרף מען ניט פאַרנאַכלע־סיגען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב מיך געפיהלט געשמייכעלט פון איהרע רייד.

— די מייסטע מענער וואָס קומען אַהער מיינען, אַז אַ מיי־דעל וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַזאַ באַשעפטיגונג, באַזיצט ניט קיין מאָראַל און קיין אנשטענדיגקייט, — האָט זי געזאָגט. — אָבער זיי מאַכען אַ טעות. עס איז קיין שאַנדע צו פּוצען די נעגעל ביי מענער. אַ שאַנדע איז צו מאַכען אַ מיידעל שענדליכע פאָרשלעגע, ניט נעמענדיג אין אַכט אַז זי האָט אויך אַ האַרץ און אַ נשמה, און עלטערען וואָס ווילען זעהן פאַר איהר אַ גליקליכע צוקונפט.

— איהר האָט עלטערען? — האָב איך געפרעגט.

— געוויס האָב איך עלטערען, — האָט זי געענטפערט, — און פיינע אידישע עלטערען.

— איהר... אַ אידיש מיידעל? — האָב איך זיך געוואונ־דערט. — איך האָב געמיינט, אַז איהר זייט אַ שפּאַניערין, אָדער אַן איטאַליענערין.

— שמע ישראל! — האָט זי לאַכענדיג אויסגערופען. — איך בין אַ כשר'ע אידישע מיידעל, און מיין פאָטער איז אַ שדכן. האָט איהר געהערט פון מאָטיע דעם שדכן?

איך בין שיער ניט אַראָפּגעפאַלען פון שטוהל הערענדיג די ווערטער. זי איז די טאָכטער פון דעם שדכן וואָס שיקט מיך היינט זעהן אַ כלה! אָבער איך האָב דאָס איהר ניט אויסגעזאָגט.

— מיין פאָטער איז אַ גוטער שדכן, — האָט זי ווייטער גע־זאָגט, — און ער באַריהמט זיך, אַז די אַלע פּאָרלאַך וואָס ער האָט צוזאַמענגעפיהרט לעבען אַלע גליקליך.

— און פאַר אייך, — האָב איך פאַרשעהמט געפרעגט, — פאַר אייך האָט ער קיין חתן ניט געקענט צופּאַסען?

מיט אַ יאַפּאַנעזישען ווענטעל. איך האָב דאָרט געפונען מיין נענעל־פוצעריין, אָבער זי איז געווען פאַרנומען, פוצענדיג די נענעל פון אַ יונגענמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, וועלכער האָט זיך געהאַלטען זעהר היימליך צו איהר. ווען זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי מיך באַגריסט מיט אַ זעהר פריינדליכען שמייכעל און זי האָט מיך געפרעגט וואָס איך מאַך. איך האָב איהר געענטפערט אין אַ העפ־ליכען טאָן, אָבער קאַלט און טרוקען. עפּעס בין איך געווען אומ־צופרידען וואָס דער פרעמדער זיצט נעבען איהר זי האַלט זיין האַנד.

איך האָב באַמערקט, אַז ער איז ניט געווען צופרידען פון מיין אַנקומען. עס איז געווען קענטיג, אַז איך בין איהם געווען אַ שטער־רונג. ער האָט געהאַט עפּעס אָנגעפאַנגען צו ריידען און ער האָט געמוזט לאָזען אין מיטען די רייד. איך האָב אויך באַמערקט, אַז זי איז גראַד געווען צופרידען פון מיין אָנקומען, און אַזוי ווי זי וואָלט זיך געריי צט מיט איהם, פלעגט זי מיר אָפּט צוּוואַרפען אַ זיסען שמייכעל מיט אַ פריינדליכען וואָרט.

דער יונגערמאַן איז אַוועק אַ ברוגז׳ער. דאָך האָט ער איהר צוגעוואָרפען אַ גאַנצען דאָלער אַלס „טיפּ“. זי האָט עס צוגענומען מיט אַ קאַלטען „טהענק־יו“.

— ווהאַט עי באָור! (וואָס פאַר אַ נודניק!) — האָט זי גע־זאָגט צו מיר נאָכדעם ווי דער יונגערמאַן איז אַוועק און איך האָב פאַרנומען זיין פּלאַץ ביי איהר טישעל. — ערשט דריי וואָכען אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פיינער מיידעל און מיט אַ סך געלד, און ער שווערט אַז ער איז פאַרליעבט אין מיר. ער וויל אַז איך זאָל מיט איהם מאָרגען אָוונעד געהן אין טעאַטער און נאָכדעם עסען מיט איהם סאַפּער אין אַ האָטעל. ער האָט אַ סך געלד, דאָס ווייס איך. און ער וויל מיר קויפען אַ שעהנעם פּרעזענט. אָבער איך האָס איהם אַזוי ווי גיפט!

— און איהר געהט גאָר קיינמאָל ניט אויס מיט יונגע לייט?

— האָב איך געפרעגט, ניט מיינענדיג דערביי קיין זאַך.

— מיט אַ רעכטען יונגעמאַן וואָלט איך אויסגעגאַנגען, אָבער ער דאַרף זיין אַ בחור. ווען אַ פאַרהייראַטער מאַן געהט אויס מיט אַ מיידעל, מיינט ער ניט קיין גוטעס.

אויף עקזאמען. זי האט זיך גלייך אריינגעלאזט מיט מיר אין א געשפרעך. זי האט מיך געפרעגט אויב איך קען ריידען העברעאיש. איך האב פארשעהמט געענטפערט, אז איך בין געגאנגען אין חדר זעהר וועניג, און עס פארדריסט מיך וואס איך האב ניט געלערנט העברעאיש, כאטש איך קען גוט דעם תנ"ך אין ענגליש און בין אויך באקאנט מיט אידישע היסטאריע און קען לעזען און שרייבען מאמע$לשון.

— עס דארף אייך ניט פארדריסען, — האט זי געזאגט, — ווייל עס איז קיינמאל ניט צו שפעט צו לערנען העברעאיש. איהר מוזט עס לערנען. איהר מוזט קענען ריידען און שרייבען אין דיעזער שעהנער שפראך.

איך האב זיך דערמאנט, אז מיס שעהנפעלד האט דאס מיר אויך שוין פיעלע מאל געזאגט און זי האט זאגאר זיך אנגעבאטען אליין מיך צו לערנען.

— איך וועל פאלגען אייער ראט, — האב איך געזאגט. — איך וועל לערנען העברעאיש. איך האב גראדע א לעהרערין, די בוכ־האלטערין וואס ארבייט אין מיין פאטער'ס געשעפט.

— א בוכהאלטערין אין א קליידער־געשעפט און קען העב־רעאיש! — האט מיס זאנענפעלד אויסגערופען פארוואונדערט. — ווער איז זי? אפשר קען איך זי?

— זי הייסט מיס שעהנפעלד, — האב איך געענטפערט.

— מיס שעהנפעלד? — האט שולמית איבערגעפרעגט. — ניין ,איך קען זי ניט. אבער איך וואלט וועלען זיך באקענען מיט איהר. איך וויל זי מאכען פאר א מיטגליד אין אונזער קלוב. מיר האבען א קלוב פון העברעאיש־שפרעכענדע מיידלאך.

— דאס איז זעהר שעהן, — האב איך צוגעגעבען.

— איהר ווייסט דאָך, — האָט זי אין שפּאָס געענטפערט, — אַלע שוסטער געהן באָרפוס.

אין אַ צוואַנציג מינוטען אַרום בין איך געווען צוריק אין אָפּיס. מיין פאָטער איז געווען אַוועק. מיס שעהנפעלד האָט מיך אָנגעקוקט און זי האָט מיך דרייסט אַ פרעג געטאָן:

— איהר געהט זעהן אַ כלה?

זי איז שוין געווען אַזוי ווי אַן אייגענער מענש אין געשעפט און האָט זיך ערלויבט אַמאָל שפּאַסען פון מיר.

— יאָ, — האָב איך מוטיג געענטפערט, — איך געה זעהן אַ כלה.

— נעמט מיך מיט, — האָט זי געשפּאַסט.

— צו וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— איך בין אַ גוטער מבין, — האָט זי געזאָגט. — איך וועל אייך זאָגען די ריכטיגע מבינות. וואָס ווייס אַ מאַן וועגען אַ פרוי? איך וועל נאָר אויף איהר אַ קוק טאָן, בלויז ריידען מיט איהר אַ פּאָר ווערטער, וועל איך שוין דערגעהן איהר כאַראַקטער אויפ׳ן האָר.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז געווען בלויז געשפּאַסט און אַז געגאַנגען בין איך אַליין, אָהן מיס שעהנפעלד.

די זאַנענפעלדס האָבען געוואוינט אין אַ שעהנע פּריוואַט־הויז אַנטקעגען מאַונט־מאָריס פּאַרק. איך האָב דאָרט געפונען אַ שעהן איינגעאָרדענטע הויז, וואו אַלעס איז געווען אויסגעשטאַ־טעט מיט גרויס געשמאַק. מיסטער און מיסעס זאַנענפעלד האָבען מיך אויפגענומען מיט וואַרימע גאַסטפריינדליכקייט. נאָכדעם איז אַנגעקומען זייער טאָכטער, די כלה וואָס מען האָט מיר גערעדט — שולמית זאַנענפעלד.

זי איז געווען שעהן און הויך געוואַקסען, אַן אַמאַזאָנקע. און כאָטש זי האָט געהייסען שולמית, האָט זי געהאַט בלאָנדע האָר און זיי זיינען געווען צוזאַמענגעפלאָכטען אויף איהר קאָפּ אין אַ קרוין פון דיקע צעפּ. זי האָט אויף מיר גלייך געמאַכט דעם איינ־דרוק פון אַ מיידעל מיט אַ הויך ענטוויקעלטען פאַרשטאַנד. און ווען זי האָט מיך אַנגעקוקט, האָב איך געפיהלט ווי אַ קליינער אינגעל וועלכער שטעהט פאַר אַ שטריינגע לעהרערין אין סקוהל,

— און דאָך, — האָב איך גענומען איינוווענדען, — קען עס דאָך אַמאָל פּאַרקומען, אַז עלטערען און קינדער האָבען ניט די זעלבע מיינונג וועגען אַ מענשען. וואָס וואָלט איהר געטאָן אין אַזאַ פאַל?

דער ניט־געראָטענער שילער האָט געמיינט, אַז ער האָט גע־פרעגט אַזאַ הארבע קשיא, דאָס די לעהרערין וועט ניט וויסען וואָס צו ענטפערען. אָבער די לעהרערין האָט מיט אַ שמייכעל געענט־פערט:

— ווען אַזוינס זאָל פּאַרקומען, דאַן וועל איך בעטען מיינע עלטערען זיי זאָלען מיר געבען צייט זיך בעסער צו באַקענען מיט דעם יונגען מאַן, בעסער צו שטודירען זיין כאַראַקטער, אום צו זעהן אַז מיינע עלטערען האָבען רעכט.

— און אויב איהר געפינט אויס אַז אייערע עלטערען האָבען דאָך געמאַכט אַ טעות? — האָב איך חוצפה׳דיג געפרעגט. (איך בין שוין אַריבער אַלע גרעניצען. פון וואַנען האָט זיך צו מיר פּלוצ־לינג גענומען אַזאַ מוט?).

— מיינע עלטערען וועלען קיינמאָל ניט מאַכען אַ טעות! — האָט זי מיט שטאָלץ אויסגערופען.

— אייער גרויסער צוטרויען צו אייערע עלטערען מאַכט אייך עהרע, — האָב איך געזאָגט.

— ענטשולדיגט מיר, — האָט זי געפרעגט, — און איהר האָט קיין צוטרויען אין אייערע עלטערען?

— איך בין נאָך דערווייל ניט געקומען צו אַ פּראָבע, — האָב איך געענטפערט. — אָבער איך בין אימער גרייט צו פאַרבויגען מיין ווילען פאַר זייערען.

— זיינען מיר דאָךביידע גוטע קינדער, — האָט זי לאַכענדיג באַמערקט.

דער ניט־געראָטענער שילער האָט זיך געפיהלט אַזוי ווי די לעהרערין וואָלט איהם אַ גלעט געטאָן איבער׳ן קעפּעלע.

איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אַ פּאָר אַנגענעהמע שטונדען. אום האַלב נאָך צעהן בין איך אַוועק אַהיים.

מיין מוטער האָט מיך אָפּגעוואַרט. עס איז שוין געוועזען נאָך עלף, ווען איך בין אַהיים געקומען.

פערציגסטער קאַפּיטעל

גוטע נייעס

שולמית זאַנענפעלד איז געשטאַנען פיעל העכער פון מיר אין בילדונג און אינטעליגענץ. אַבער ווי אַ גוטע ישוהל לעהרעריז, וועלכע איז גענעדיג צו איהר אומגעראַטענעם שילער, האָט מיך געמאַכט פיהלען פרייער, היימליכער. זי האָט מיר דערצעהלט פון אַ רייזע וואָס זי האָט געמאַכט אין פלאָרידאַ, וואָס זי האָט דאָרט געזעהן, די מענשען מיט וועלכע זי האָט זיך באַקאַנט, און אַזוי ווייטער. ביסלעכווייז זיינען מיר אַרויף דער טעמאַ פון פאַמיליען־לעבען און שידוכים.

איך האָב געפאַסט מוט און איהר אַ פרעג געטאָן:

— זייט אָפענהערציג, מיס זאַנענפעלד, איהר גלויבט אין שדכנים?

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן. האָט מיך אָנגעקוקט ווי די שוהל־לעהרערין קוקט אָן איהר ניט געראָטענעם שילער ווען ער פרעגט אַ נאַרישע קשיא, און זי האָט געענטפערט:

— איך לאָז דאָס צו מיינע ליעבע עלטערען. דער שדכן איז געקומען צו זיי און האָט פאָרגעשלאָגען אַ פּאַרטיע. מיינע עלטערען איז די פּאַרטיע געפעלען. האָבען זיי באַשלאָסען די פּאַרטיע איינ־צולאַדען אַהער און מיר זאָלען זעהן. איך טו אַלעס וואָס מיינע על־טערען זאָגען מיר. זיי ווייסען וואָס עס איז גוט פאַר מיר.

— און ווי איז, — האָב איך געפרעגט, — אַז אייערע על־טערען וועט געפעלען זיין אַ פּערזאָן, וואָס וועט אייך ניט גע־פעלען זיין?

— איך קען מיר דאָס גאָר ניט פאָרשטעלען, אַז מיינע על־טערען זאָלען אויסוועהלען פאַר מיר אַ מענשען וואָס וועט מיר ניט געפעלען זיין. וואָס מיינע עלטערען איז געפעלען, דאָס מוז מיר אויך געפעלען זיין, — האָט זי געענטפערט.

איך בין ערשטוינט געוואָרען צו הערען דעם אויסדרוק פון אַזאַ שטאַרקען גלויבען אין עלטערען.

פאַטער האָט געקענט דעם מר. זאַנענפעלד אַלס אַ מענטשן מיט וועמען עס איז אַ כבוד צו זיין מחותנים.

אויף מאָרגען, אַז איך בין אַריין אין מיין פאַטער'ס אָפיס, האָט מיך מיס שעהנפעלד נייגעריג אָנגעקוקט. זי האָט אָבער מיך ניט געוואָלט פרעגן אין געגענוואַרט פון מיין פאַטער. אַ שטונדע שפּעטער, ווען מיין פאַטער איז ערגעץ אַוועק וועגן ביזנעס, האָט זי מיך געפרעגט:

— נו, מען קען שוין אייך אָפּגעבן מזל־טוב?

— צו־פריה, — האָב איך געענטפערט. — וואָס האָט איהר אַזוי קיין צייט ניט? איהר ווילט פון מיר פּטור ווערען?

— אָ, ניין, — האָט זי געזאָגט. — אָבער אַ פרוי איז דאָך נייגעריג, וויל איך וויסען, אויב זי איז עפּעס אַ רעכטע כלה.

— ערשטע קלאַסע, — האָב איך קורץ געענטפערט.

— אַזוי גאָר! — האָט זי אויסגערופען אין האַלב שפּאַס, האַלב ערנסט. — נו, קען איך דאָך שוין זאָגען מזל־טוב.

— איהר ווייסט דאָך, — האָב איך געזאָגט, — אין אַ שידוך זיינען דאָ צוויי פּאַרטייען. מען האָט נאָך ניט געהערט פון דער אַנדער פּאַרטיי.

מיס שעהנפעלד'ס אויגען האָבען גענומען לאַכען.

— הייסט עס, אַז איהר זייט נאָך אין ספק אויב איהר געפעהלט דער כלה. מוז זי דאָך טאַקע זיין עפּעס אַן אויסנאַהמע.

— זי קען העברעאיש, — האָב איך געזאָגט אַ ביסעל פאַרשעהמט.

— נו, — האָט מיס שעהנפעלד געזאָגט. — בין איך דען ניט גערעכט געווען, ווען איך האָב איינינגע מאָל פאָרגעשלאָגען אַז איהר זאָלט לערנען העברעאיש? איך אַליין האָב אייך געוואָלט לערנען. נו, איהר קענט זיך נאָך העלפען. קיינמאָל איז ניט צו שפּעט צו לערנען.

— איך האָב איהר דערצעהלט וועגען אייך, — האָב איך געזאָגט.

— וועגען מיר האָט איהר גערעדט מיט איהר? — און מיס שעהנפעלד איז רויט געוואָרען.

— נו, מיין זוהן, עפּעס א פיינע כלה?

— נאָך צו פיין, — האָב איך געענטפערט.

— וואס הייסט צו פיין? — האָט זי געפרעגט.

— איך בין אזא מיידעל גאָר ניט ווערט מאמע, — האָב איך זיך מודה געווען. — זי שטעהט א סך העכער פון מיר.

— א זכיה אויף דער גאַליציאַנערקעס קאָפּ, אז זי געפעלט דיר גאָר! — האָט מיין מוטער אויסגערופען. — דו נארישער קינד איינער! געפונען פון וועמען נתפעל צו ווערען. זאָג מיר, זי איז טאקע א שעהנע?

— זעהר א שעהנע.

—די גאַליציאַנערקעס זיינען אַלע שעהן, — האָט מיין מוטער באַמערקט, — דאס איז אמת. איז זי א הויכע, איז שעהן געוואַקסען?

— א פּרינצעסין, — האָב איך געענטפערט.

— און א געבילדעטע?

— זעהר א געבילדעטע. נאָך מעהר פון מיר. און זי קען אפילו העברעאיש.

— אַלע גאַליציאַנערקעס זיינען געבילדעט. נו, מיין זוהן, ביי דיר איז נאָך די פראַגע, אויב זי וועט דיך ועלען?

— א גרויסע פראַגע, — האָב איך געענטפערט.

— מיינסטו, מיין זוהן, אז זי איז טאקע אזא גרויסע מציאה? האָסט א טעות. א גאַליציאַנערקע איז זי, און נדן וויים מען ניט אויב איהר פאָטער וועט געבען, טאָ וואו איז דער גליק?

איך האָב איבערגעגעבען מיין מוטער'ס רייד, וואָרט פאַר וואָרט, ניט חלילה ווייל איך וויל ארויסשטעלען מיין מוטער צו ליטישע געלעכטער, נאָר ווייל איך וויל אָנצייגען אויף דעם טראַגישען צושטאַנד וואס הערשט ביי אונז אידען. דער פאַראורטייל פון איד געגען איד, פון ליטוואַק געגען פוילישען, פון רוסישען געגען גאַליצישען און פון דייטשען אידען געגען אַלע אַנדערע אידען. געבענשט זאָל זיין אמעריקא, דער גרויסער שמעלץ־טאָפּ, וואס צושמעלצט די אַלע אידען אין איין גרויסען יודענטום.

און פון דעסטוועגען האָב איך באַמערקט, אז מיין מוטער האָט זעהר געוואָלט אז דער שידוך זאָל דורכגעפיהרט ווערען. מיין

— אט דאָס האָב איך דאָך זיי געזאָגט! — האָט מאַטיע אויסגערופּעז. — מיט די דייטשעז דאַרף מען וויסען ווי צו ריידען.

— וואָס דייטשען, וועז דייטשען, — האָט מיין מוטער געזאָגט, — איהר מיינט איך ווייס ניט אַז זיי זיינען גאַליציאַנער?

— וואָס רעדט איהר, מיסעס פרומקין! — האָט מאַטיע גענומען אַראָפּדינגען. — זיי זיינען ניט קיין גאַליציאַנער. ווי פאַלט אייך איין צו זאָגען גאַליציאַנער? זיי זיינען עסטרייכער?

— אַלע בראַנזוווילער זאָגען אַז זיי וואוינען אין איסט ניו־יאָרק, — האָט מיין מוטער געענטפערט.

— גענוג אייך שוין צו ריידען נאַרישקייטען! — האָט מיין פאָטער זיך אַריינגעמישט. — אַלע אידען זיינען גלייכע מיוחסים, סיי זיי קומען פון ביטשאַטש אָדער פון בערדיטשעוו, פון בערלין אָדער פון קאָוונע.

דער שדכן איז נאָך אַ היבשע צייט געזעסען און גערעדט. ער האָט דערצעהלט, אַז דאָרע גימפּעל וויל נאָך אַלץ מיך האָבען, אָבער איהר פאָטער איז דורכאויס געגען מיר. ער זאָגט, אַז איך בין אַ שלומיאל און וועל ניט האָבען קיין ערפאָלג אין לעבען.

נאָכדעם ווי דער שדכן איז אוועק, האָב איך גענומען איבער־טראַכטען די גוטע נייעס וואָס ער האָט געבראַכט. ביי די זאָגענ־פעלדס האָב איך זעהר שטאַרק אויסגענומען, ביי זייער טאָכטער אויך. אָבער די טאָכטער בעט מען זאָל איהר געבען אַ געלעגענ־הייט מיך בעסער צו קענען.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם וואָס שולמית האָט מיר געזאָגט:

„איך טו אַלעס וואָס מיינע עלטערען זאָגען מיר. זיי ווייסען וואָס איז גוט פאַר מיר... וואָס מיינע עלטערען איז געפעלען, דאָס מוז מיר אויך געפעלען זיין... ווען אַזוינס זאָל פאָרקומען, וועל איך בעטען מיינע עלטערען זיי זאָלען מיר געבען צייט זיך בעסער צו באַקענען מיט דעם יונגען מאַן...“

אט דאָס זיינען איהרע ווערטער. איך בין איהר גאָר ניט געפעלען. זי וויל מיך זעהן נאָך אַמאָל צוליעב איהרע עלטערען. איך מוז איהר געפעלען זיין. עס איז מיר אַריין אין אַמביציע.

— איך האָב איהר דערצעהלט, אַז איהר קענט גוט העברעאיש. האָט זי געזאָגט, אַז זי וואָלט וועלען זיך מיט אייך באַקאַנען, ווייל זי באַלאַנגט צו אַ קלוב פון מיידלאך וואָס ריידען העברעאיש.

— דאָס איז זעהר שעהן! — האָט מיס שעהנפעלד אויסגע־רופען. — געוויס וואָלט איך וועלען באַלאַנגען צו אַזאַ קלוב. אויב דער שידוך וועט ווערען, וועט איהר מיך שוין באַקאַנט מאַכען מיט אייער... כלה —

איהר שטימע האָט זיך ביי די לעצטע ווערטער איבערגע־ריסען און זי האָט ניט געענדיגט. איהרע ליפּען האָבען נערוועז אַ ציטער געטאָן.

אום זי אַרויסצונעמען פון איהר פאַרלעגענהייט, האָב איך שנעל אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, איך וועל אָנהויבען צו נעמען פון אייך לעסאָנס אין העברעאיש.

— זיכער? — האָט זי אויסגערופען מיט שמחה.

— זיכער, — האָב איך געענטפערט.

— אָפּגעמאַכט? — און זי האָט גענומען מיין האַנד צו שלי־סען דעם אָפּמאַך.

— אָפּגעמאַכט! — האָב איך געענטפערט און אַ דריק געטאָן איהר האַנד.

צוויי טעג זיינען אַריבער ביז דער שדכן איז געקומען אָפּ־געבען זיין באַריכט.

— אייער בחור האָט דאָרט אויסגענומען, — האָט מאַטיע דער שדכן באַריכטעט צו מיין מוטער. — מילא, די עלטערען זיינען גאַר משוגע פאַר אייער זוהן, און די מיידעל, זי איז זעהר אַ שטאָל־צע, איז ער אויך געפעלען. נישט מעהר, זי איז דאָך פון די הייג־טיגע, האָט זי געזאָגט, אַז זי וויל אַ ביסעל בעסער באַקענט ווע־רען מיט אייער בחור. זי וויל, זאָגט זי, דערגעהן זיין כאַראַקטער. דאָס איז שוין אַזוי גוט ווי געסעטעלט. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, מיסעס פרומקין, אַז איך האָב פון אָנפאַנג מורא געהאַט... ווייל די מיידעל איז ניט אַזוי אַבי ווער.

— מיין זוהן איז אויך ניט אַזוי אַבי ווער, — האָט מיין מוטער געענטפערט.

לערנט, אבער ווען איך בין געווען אין דער געגענוואַרט פון מיס זאַנענפעלד און פלעג פּרובירען ריידען צו איהר אין העברעאיש, פלעג איך זיך פאַרלירען. איך פלעג זיך פאַרפּלאָנטערען, פאַרגעסען די ריכטיגע ווערטער, פאַרבייטען אַן עתיד אויף אַן עבר, אַ רבים אויף אַ יחיד, און סתם מאַכען גרייזען אין די עברי. איך פלעג אין מיין פאַרלעגענהייט בייז ווערען אויף מיינע עלטערען און אויף זיך אליין, ווארום איך האָב ניט געלערנט העברעאיש ווען איך בין געווען אינגער. געה און לערן אַ שווערע שפּראַך אויף׳ן צוויי און צוואַנציגסטען יאָהר

שולמית זאַנענפעלד האָט קיינמאָל ניט געלאַכט פון מיינע גרייזען, נאָר זי פלעגט זיי קאָרעגירען מיט געדולד און מיט סימפּאַטיע. זי האָט ניט געוואוסט ווער מיין לעהרערין איז געווען, ווייל איך האָב זיך געשעהמט דאָס איהר צו זאָגען, האָט זי מיר איינמאָל באַמערקט:

— איהר דאַרפט זיך זוכען אַן אַנדער לעהרער, אַ פעהיגערען. אייער לעהרער שיינט צו זיין אונפעהיג.

— מיין לעהרער איז ניט שולדיג, — האָב איך אָפענהערציג געענטפערט. — שולדיג זייט איהר. אין אייער געגענוואַרט פאַרליר איך זיך און פאַרגעס וואָס מיין לעהרער האָט מיך געלערנט.

זייט דאַן האָט שולמית זאַנענפעלד אויפגעהערט צו קאָרעגירען מיינע פעהלערען, אום מיך ניט צו ברייגנען אין פאַרלעגענהייט.

מיט יעדען באַזוך האָב איך איינגעזעהן, אַז מיין מיה צו געווינען מיס זאַנענפעלד׳ס האַנד און האַרץ איז אַן אומזיסטע. זי איז געוואָרען צו מיר קעלטער מיט יעדען באַזוך, אַבוואָהל זי האָט מיך אויפגענומען מיט דער זעלבער העפליכקייט און מיט דעם זעלבען פריינדליכען שמייכעל.

אָפטמאָל, אַז איך פלעג זיצען מיט מיס שעהנפעלד ביי דער העברעאישער מעטאָדע, פון וועלכע זי האָט מיך געלערנט, פלעגט מיר איינפאַלען אַ געדאַנק: ווארום ניט די, וועלכע זיצט נעבען דיר, וועלכע איז דיר אַזוי נאָהענט, צו וועמען דו פיהלסט אַ גרויסע מאָס פריינדשאַפט און מיט וועמען דו ביזט אַזוי היימיש?

איין־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

מיין פאָטער אויך אַ שדכן

איך קען ניט זאָגען, אַז איך האָב זיך פאַרליעבט אין שולמית זאַנענפעלד, אָבער איך האָב געפיהלט, אַז איך קען זי ליעבען שפּע־טער, אויב ניט יעצט.

און ווען איך האָב פון דעם שדכן'ס רייד זיך אָנגעשטויסען אַז איך האָב אויף איהר געמאַכט אַ גאַנץ שוואַכען איינדרוק, איז אין מיר אַריין די אַמביציע איהר צו געפעלען ווערען.

איך האָב איהר אָנגעהויבען צו באַזוכען גאַנץ אָפט. איהרע עלטערען האָבען מיך זעהר ווארים אויפגענומען און שולמית אַליין איז אויך ניט געווען אונפריידליך צו מיר. אום איהר בעסער צו געפעלען ווערען, האָב איך אָנגעהויבען צו נעמען העברעאישע לע־קציאָנס פון מיס שעהנפעלד. יעדען מאָל, ווען מיר האָבען געפונען אַ פּאָאַר פרייע מינוטען און מיין פאָטער איז אין אָפיס ניט געווען, האָב איך גענומען אַ לעסאָן. דאָס איז געווען אַ סוד צווישען איהר און מיר, ווייל איך האָב ניט געוואָלט מיין פאָטער זאָל וויסען פון דעם. איך האָב מורא געהאַט פאַר זיין אָפּשפּאַסען.

דער סוד האָט אונז איינגער פאַרבונדען איינעם צום אַנדערען. מיר האָבען געהאַט אַ געמיינשאַפטליכע אינטערעסע אונזער סוד צו באַהאַלטען. מיר פלעגען מיט אומגעדולד וואַרטען ביז מיין פאָטער פלעגט אַוועקגעהן, זיך פרעהען ווען ער פאַרלאָזט דעם אָפיס, און בעת דעם לערנען אָנשטרענגען אונזערע אויגען און וואַרפען בליקען צו דער טיר, און שמייכלענדיג איינער צום אַנ־דערען, ווען יעדער שרעק האָט זיך אויסגעלאָזען צו זיין אַן אומ־זיסטער.

אַלס תלמיד ביי מיס שעהנפעלד בין איך געווען אַן ערפאָלג. אָבער אַלס חתן ביי מיס זאַננעפעלד בין איך געווען ווייט פון ערפאָלג. איך האָב דאַכט זיך גוט געלערנט און האָב אַלעס גוט פאַרנומען מיט מיין קאָפּ, וואָס מיס שעהנפעלד האָט מיך גע־

— ער וועט קענען. איהר מעגט שוין אַנגרייטען דעם טשעק,— האָט מיס שעהנפעלד לאַכענדיג געענטפערט.

זי איז אַרויסגעגאַנגען אין דעם אויסערען אָפיס. מיין פּאָטער האָט זיך נעבען מיר אַוועקגעזעצט און געזאָגט:

— הער צו, סעם, זאָלסט ניט זאָגען אַז דיין טאַטע איז אַ נאַר. אָבער איז איך זאָג דיר, אַז ווען איך וואָלט געווען אויף דיין אָרט, וואָלט איך זיך גאָר ניט געקימערט פאַר אַנדערע שידוכים, נאָר איך וואָלט גענומען אָט די מיידעל.

— וועלכע מיידעל? — האָב איך געפרעגט, אום צו זיין זיכער וועמען ער מיינט.

— אָט טאָקע די וואָס איז ערשט אַרויס פון דאַנען. זי איז אַ שעהנע, אַ קלוגע, אַ געבילדעטע און זי וועט דיר זיין אַן אמת׳ע הילף, זי קען דאָך די ביזנעס אַזוי גוט, ווי זי וואָלט אין דעם גע־בוירען געוואָרען. אַזאַ פעהיגע מיידעל איז דאָך אַ זעלטענהייט.

איך האָב אַרונטערגעלאָזט מיין קאָפּ און געשוויגען.

— דער גאַנצער אָפּהאַלט איז דאָך דיין מוטער, — האָט מיין פּאָטער ווייטער געזאָגט, — זי האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ אַ כלה מיט נדן. נאָר איך גלויב, אַז אויב דו וואָלסט געזאָגט, אַז דו ווילסט דורכאויס די מיידעל, וואָלט דיין מאַמע דיר נאָכגעגעבען.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס איהם צו זאָגען, אָבוואָהל איך האָב געפיהלט אַז ער רעדט גאַנץ לאָגיש.

— באַרעכען די זאַך גוט מיט זיך אַליין, — האָט מיין פּאָטער געזאָגט. — און אויב דו דענקסט, אַז דאָס איז פאַר דיר אַ גלייכע זאַך, וועל איך שוין העלפען דאָס דורכפיהרען.

מיין פּאָטער האָט מיר אַ פּאַטש געטאָן איבער מיין פּלייצע, צום צייכען אַז דער געשפרעך וועגען דעם איז פאַרלויפיג גע־ענדיגט.

און פון דעסטוועגען בין איך יענעם אָוועגד ווידער געגאַנגען צו מיס זאָנענפעלד. ווייל זי האָט מיר טעלעפאָנירט אַז איך זאָל קומען. מיין אַמביציע איהר צו געפעלען זיין איז געווען זעהר שטאַרק.

איך ווייס פון אַ פאַל, וואָס אַ בחור אין מיינע אומשטענדען האָט זיך פאַרליעבט אין אַ מיידעל פינף יאָהר עלטער פון איהם.

איינמאָל, אַז מיין פאָטער איז אַוועק און איך בין געזעסן און געלעזן אַ האַנדעלס־צייטונג, איז זי געקומען צו מיר פון הינטן און האָט מיר אַ זאָג געטאָן אין אויער:

— מיר'ן יעצט לערנען.

איך האָב געפיהלט איהר קאָפּ האַרט נעבען מיינעם, איהרע ליפּען האָבען אָנגעריהרט מיינע אויערען. איך בין ווי עלעקטריזירט געוואָרען. אַלע שוואַכע, דונקעלע פונקען וואָס האָבען זיך פאַר אַ לאַנגע צייט אָנגעקליבען אין מיין בחור'שע האַרץ און דאָרט געגליעט, האָבען פּלוצלינג אויפגעפלאַמט. איך האָב מיט מיין רעכטער האַנד אַ כאַפּ געטאָן איהר שעהנעם קאָפּ און צוגעדריקט צו מיינעם. זי האָט זיך אַרויסגעריסען, אַ ביסעל דערשראָקען, אָבער מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכעל אויף איהרע ליפּען, און צולייגענדיג אַ פינגער צו איהר נאָז האָט זי זיך אָנגעבייזערט אויף מיר:

— הרף! לא טוב הדבר הזה! — און גלייך האָט דאָס איבערזעצט פאַר מיר אין ענגליש: — סטאָפּ! דהיז איז נאָו גוד!

אין דעם אויגענבליק איז אַריינגעקומען מיין פאָטער. ער האָט געפונען מיס שעהנפעלד שטעהן מיט'ן ביכעל אין האַנד און מיך — שטאַרק רויט.

ווען ער וואָלט אָנגעקומען אַ מינוט פריהער! — האָב איך זיך געטראַכט און מיין האַרץ האָט געפיהלט לייכטער ביי דעם געדאַנק, אַז מיין גוטע לעהרערין און איך האָבען אויסגעמיידט אַזאַ געלעגענהייט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ביכעל? — האָט מיין פאָטער ניי־געריג אַ פרעג געטאָן, אַרויסנעמענדיג דאָס ביכעל פון מיס שעהנפעלד'ס האַנד.

ער האָט אַ קוק געטאָן און מיט אַ פרעהליכען טאָן אויסגעגערופען:

— איך האָב אייך געקעטשט, קינדער! יעצט ווייס איך! שוין אַ צייט אַז איך באַמערק, דאָס איהר האָט סודות צווישען זיך. אַזוי גאָר, מיס שעהנפעלד, איהר קנעלט מיט מיין בן־יחיד? נו, אַז איהר וועט איהם אויסלערנען העברעאיש, קריגט איהר ביי מיר אַן עקסטרא טשעק, אָבער אַ גרויסען. נו, ער קען שוין עפּעס?

אז מיר האָבען זיך אָוועקגעזעצט, האָט זי מיך געפרעגט, אויב איך וויל האָבען אַ גוטע לעהרערין פאַר העברעאיש. זי האָט מיר ערקלעהרט, אַז אויב איך וויל אמת קענען העברעאיש, זאָל איך לערנען ביי דער לעהרערין וועלכע זי האָט אויסגעקליבען פאַר מיר. „זי איז די בעסטע אין ניו יאָרק".

איך האָב זיך דערמאָנט אַז מיס שעהנפעלד — זי וועט מוזען פאַרלירען איהר איינציגען תלמיד. אָבער איך בין געצוואונגען צו טאָן דעם פאַרלאַנג פון שולמית זאָנענפעלד. זי האָט זיך דאָך אַזוי פיעל באַמיהט פון מיינעטוועגען!

— די לעהרערין איז דאָ יעצט אין הויז, — האָט מיס זאָנענ־פעלד געזאָגט. — איך וועל זי אַריינרופען.

זי האָט די לעהרערין אַריינגערופען און איך האָב פאַר זיך דערזעהן אַן עלטערע מיידעל פון אַ יאָהר פערציג, הויך און דאַר, מיט אַ לאַנגען שמאָלען פּנים און מיט גרויסע אויגענגלעזער. אויף איהר נאָז האָט זי געהאַט אַ גרויסע באָראָדעווקע, אויף וועלכען עס זיינען געוואַקסען דריי איינציגע הערעלאַך.

מיס זאָנענפעלד האָט אונז פאָרגעשטעלט איינעם פאַר'ן אַנ־דערען:

„מיסטער פרומקין — מיס שימקין".

שוואַרץ און מיאוס, בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט געהערט אימעצען זאָגען, אַז די מיידעל שטעהט העכער פון איהם און זי וועט איהם ניט ווילען. יענע איז ווירקליך געווען אַ מיידעל מיט אַ הויכע בילדונג און פון זעהר פיינע משפחה, אָבער אָהן נדן. דאָך, הערענ־דיג די באַמערקונג אַז די מיידעל שטעהט העכער פון איהם און אַז זי וועט איהם ניט ווילען, איז דעם בחור אריין אין דער אַמביציע דוקא צו קריגען די מיידעל, און ער האָט געאַרבייט מיט דער גרינער גאַל ביז ער האָט זי באַקומען.

שולמית זאַנענפעלד האָט געהאַט דעם פּאַרצוף, וואָס אַ חוץ איהר הויכע בילדונג, האָט זי באַזעסען אַ שעהנעם פּנים, אַ שעהנע פיגור און אַן אריסטאָקראַטישען אויסזעהן. זי האָט מען געקענט ליעבען פאַר איהר אַליין, אַ חוץ איהרע גייסטיגע מעלות.

„איך מוז זי געווינען! זי מוז זיין מיינע! — האָב איך צו זיך געזאָגט.

און גראָדע דעם טאָג האָט זי מיך אָפּגערופען אויפ׳ן טעלע־פאָן און איינגעלאַדען צו קומען צו איהר. איך האָב אין דעם גע־זעהן אַ צייכען, אַז מיין אַמביציע האַלט ביי פאַרווירקליכט ווערען.

איך בין געקומען. איך האָב ווידער געהאַט אַ וואַרימע אויפ־נאַהמע פון איהרע עלטערען. אָבער שולמית האָט מיך שנעל אָוועק־גענומען פון זיי, זאָגענדיג:

— לאָזט איהם, פּאַפּאַ, מאַמאַ. ער איז היינט געקומען אויף מיין איינלאַדונג. ער איז געקומען צו מיר. איך האָב עפּעס וויכטי־געס מיט איהם צו ריידען.

זי האָט מיך געפיהרט אין לייברערי, זי איז געגאַנגען פאָראויס און איך בין איהר נאָכגעגאַנגען, באַוואונדערענדיג איהר שעהנע פיגור און מאַיעסטעטישען גאַנג. „אָט באַלד וועל איך פון איהר הערען יענעם גרויסען וואָרט, וואָס וועט זי מאַכען פאַר מיינע — מיינע אויף אייביג״.

זיין פאטער איז געקומען און האט געמאכט א שלום. און דבורה, וועלכע האט שוין איינינע מאל געוואלט אוועקגעהן, איז פארבליבען. ווייל עטעל האט געזאגט, אז דעם טאג וואס איהר מוטער געהט אוועק, פארלאזט זי אויך די הויז.

נאר מיט דעם האט זיך נאך די געשיכטע ניט געענדיגט. סאפיע קאפטאן האט באקומען א פארדאכט, אז דאס וואס איהר מאן נעמט זיך אזוי שטארק אן פאר דבורה'ן איז ניט אומזיסט. אז זיי זיינען לאנדסלייט האט זי געוואוסט, אבער פון קאפטאן'ס רייד, ווי ער פלעגט פארטיידיגען די ארימע דבורה'ן, האט סאפיע באקומען א חשד, אז דאס איז מעהר ווי פריינדשאפט פון מענשען וואס קומען פון איין שטאט. זי האט זיך גענומען נאכפרעגען ביי לאנדסלייט און עס איז איהר געלונגען צו הערגעהן די גאנצע גע־שיכטע, אז איהר מאן האט זיך אמאל גע'שדכנ'ט צו דבורה'ן און דבורה האט איהם ניט געוואלט.

פאר סאפיע קאפטאן איז דאס געווען א שרעקליכער קלאפ. איהר שטאלץ האט שטארק געליטען פון דעם. מעגליך, אז איהר מאן איז נאך יעצט אויך פארליעבט אין דבורה'ן, אין דער „דיענסט“, ווי זי פלעגט איהר רופען. ניט אומזיסט האט ער זיך די גאנצע צייט אזוי געזארגט פאר איהר, איהר געגעבען א שטעלע און געטאן א שידוך מיט איהר.

און מר. קאפטאן, וועלכער האט אלץ געזוכט אנצוהאלטען דעם שלום בית צווישען זיין זוהן און עטלען, האט זיך גאנץ אונער־ווארטעט געפונען אליין אין א שטורמדיגען ים, און זיין אייגענע שיף איז געווען אין געפאהר צו זינקען. זיין פרוי איז פון טאג צו טאג געווארען קאפריזנער. די אייפערזוכט האט איהר ווילד גע־מאכט. מעהר פון אלעמען האט געליטען די ארימע דבורה.

— וואס טו איך? וואס טו איך? — האט זי געפרעגט א פארצווייפעלטע, ווען זי איז איינמאל געקומען צו מיין מוטער. — צוליעב מיר געהען צוויי פאמיליען צו גרונד. גוואלד, פאר וואס קומט מיר אזא שטראף, רבונו של עולם?

מיין גוטע מוטער האט אויף זיך גענומען אריבערצוגעהן צו סאפיע קאפטאן און מיט איהר איבעררעדען. מיין פאטער און

צוויי־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

דער שטורם ברעכט אוים

פאַר א צייט האָט מען געהערט פון דעם, אַז ביי די קאַפּטאַנס איז ניט פרעהליך. אַז דער שלום בית איז געשטערט געוואָרען זייט אַרנאָלד קאַפּטאַן האָט חתונה געהאַט מיט עטלען. די שטאָלצע סאַפּיע קאַפּטאַן האָט אַלץ געהאפט, אַז איהר זוהן וועט זיך אַרומזעהן אַז עטעל איז ניט פאַר איהם און ער וועט איהר געבען א סומע געלד און זי אָפּ׳גט׳ן. ווי גרוים איז אָבער געווען איהר ענטטוישונג, אַז איהר זוהן אַרנאָלד האָט גאָר ניט געטראַכט פון שיידען זיך מיט זיין יונגער פרוי, ווען ער האָט נאָך אַלץ געליעבט. סאַפּיע קאַפּטאַן האָט גענומען אָנפיהרען אינטריגעס. די ערשטע זאַך האָט זי גענומען העצען איהר זוהן געגען עטעל׳ס מוטער, דבורה. סאַפּיע קאַפּטאַן האָט איהר זוהן איינמאָל געזאָגט: „אַזוי לאַנג ווי דיין שוויגער, די אַלטע דיענסט, איז ביי דיר אין הויז, וועל איך צו דיר ניט קומען“. אַרנאָלד האָט גענומען בעטען עטלען, אַז זי זאָל איהר מוטער אוועקשיקען. עטעל האָט זיך ניט געוואָלט שיידען מיט איהר מוטער. אַרנאָלד האָט אָנגעהויבען צו פאָדערען אַז זי זאָל געהן. האָט איהם עטעל געענטפערט: „איך האָב מיט דיר געהייראַט מעהר צוליעב מיין מוטער ווי צוליעב זיך. איך האָב געוואָלט, אַז מיין מוטער זאָל האָבען רוה אויף די עלטערע יאָהרען“.

דאָס און די אַנדערע זאַכען וואָס איך שרייב דאָ וועגען די קריעג, האָט דבורה אַליין דערצעהלט ביי אונז אין הויז.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַרנאָלד׳ן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסען, ווען עטעל האָט איהם געזאָגט אַזאַ זאַך. עס האָט געהייסען אַז זי האָט איהם גאָר קיינמאָל ניט געליעבט, און ער האָט צו איהר פאַר א פאָר טעג ניט גערעדט.

— א צער צו קוקען .ווי זי זעהט אויס. נעבעך. — האָט מיין מוטער געזאָגט צו מיין פאָטער, און דבורה איז אוועק אין קיך. (דבורה האָט אויף זיך גלייך גענומען צו מאַכען זיך ניצליך אין הויז און צו העלפען מיין מוטער).

— און אַלע האָבען געמיינט אַז דאָס איז אַ גליק־שידוך. — האָט מיין פאָטער באַמערקט.

— אַט דאָס איז דאָך וואָס איך זאָג אימער. — האָט מיין מוטער געזאָגט. — אַז אַ רייכער באַי זאָל דוקא חתונה האָבען מיט אַ רייכער מיידעל. פון זיין שטאַנד. און אַן ארימע מיידעל זאָל זיך זוכען אַ חתן פון איהר שטאַנד. הויבט מען אָן צו מישען, קומט אַרויס אַלע אומגליקען.

נאָך אַ פּאָר טעג זיינען אַריבער און איך האָב געזעהן עטלען. דאָס איז געווען שבת, ווען איך בין געווען אין דער היים.

ביים ערשטען בליק אויף איהר האָט מיר אָנגענומען אַ שטאַר־קער ווייטאָג ביים הארצען. זי איז פיעל אַרונטער זייט יענעם אָווענד וואָס איך האָב זי באַגעגענט אין טעאַטער, ווען איך בין געווען מיט דאָרע גימפּעל. איהרע באַקען זיינען געווען אָנגעבלאָזען, אין איהרע אויגען האָט זיך געזעהן אַ באַהאַלטענער שרעק, אַזוי ווי זי ערוואַרטעט עפּעס אַן אומגליק. איהר גאַנג איז געווען שווער, אַזוי ווי זי וואָלט פּלוצלינג פאַרעלטערט געוואָרען. זי האָט די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געזעסען ביי אונז, זיך געשעהמט מיר צו קוקען גלייך אין די אויגען. איך פון מיין זייט האָב מיינע אויגען ניט געקענט אַראָפּנעמען פון איהר אויף אַ מינוט. וואָס איז מיט איהר געשעהן? האָב איך זיך געטראַכט. שוין זשע איז איהר אַזוי שלעכט? איך האָב זיך דערמאָנט מיין שבועה, וואָס איך האָב זיך אַמאָל געגעבען, אַז אויב עטעל וועט חתונה האָבען מיט אַ מאַן וואָס וועט זי שלעכט באַהאַנדלען, וועל איך איהם שלאָגען. אַ ווילדער כעס האָט זיך אין מיין הארצען אָנגעצונדען אויף אַרנאָלד קאַפּטאַן. איך מוז צו איהם ריידען, איך מוז פון איהם פאָדערען, ער זאָל עטלען בעסער באַהאַנדלען, איהר ניט באַליידיגען, איהר ניט פאַרשאַפען קיין קרענקונג.

און מיט אַמאָל האָט אַ געדאַנק אַ בליץ געטאָן אין מיין קאָפּ — איך האָב יעצט פאַרשטאַנען וואָרום עטעל זעהט אויס אַזוי אונ־

איך האָבּן איהר פּרובירט אַפּריידען פון אַזאַ שליחות. אָבער מיין מוטער האָט זיך איינגעגעקשנ'ט אַז זי וועט גהען, זאָגענדיג:

— מעהר ווי אַרויסטרייבען מיך קען זי ניט.

מיין מוטער איז אַוועק און איז געקומען אַהיים אַ דערשלאָגענע:

— זי האָט מיך אַרויסגעטריבען און נאָך גוט אָנגעזידעלט דערצו. זי האָט געזאָגט. אַז איך בין שולדיג אין אַלעס. איך בין געוועזן די שדכנ'טע, זאָגט זי.

איז אַוועקנד, באַלד ווי מיר האָבען אָפּגעגעסען סאַפּער, איז אַריינגעקומען דבורה מיט אַ סוט־קייס אין די הענד.

— איך האָב גע'פּועל'ט ביי מיין עטלען אַז זי זאָל מיך לאָזען אַוועקגעהן, — האָט זי געזאָגט. — לאָזט מיך זיין ביי אייך ביז איך וועל זיך אויסזוכען עפּעס אַ שטעלע.

— איהר קענט ביי מיר זיין און זיין, — האָט מיין מוטער געענטפערט. — איהר וועט ניט געהן אַרבייטען, דבורה. איך וועל אייך האַלטען ווי אַן אייגענע שוועסטער. מיר האָבען פאַר אייך אַ צימער, און דאָס וואָס מיר קאָכען פאַר אונז וועט זיין גענוג פאַר נאָך אַ מענשען.

מיין פאָטער האָט אויך צוגעשטימט, און דבורה איז פאַרבליבען ביי אונז.

*

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז עטעל געקומען צו באַזוך. זי איז אָבער געקומען בייטאָג, ווען איך בין ניט געוועזן אין דער היים. עס האָט מיך דאָך געפרעהט וואָס עטעל איז ביי אונז געוועזן. אַ האָפנונג אַז איך וועל זי נאָך זעהן ביי אונז אין הויז. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין די צימערען טראָגט זיך נאָך אַרום די לופט וואָס זי האָט געאָטעמט. איך האָב אויסגערעכענט, אַז אין יענעם שטוהל איז זי געזעסען און דאָ האָבען איהרע פיס געטראָטען. און אפשר איז זי אַריין אין מיין צימער. זי איז דאָך געוועזן אַזוי געוואוינט אַריינצוגעהן אין מיין צימער, דאָרט אויפזוכען אַ בוך און דאָס לעזען. איך בין אַריין אין מיין צימער. קיין זאַך איז דאָרט ניט געריהרט געוואָרען. ניין, יעצט וועט זי אַהין ניט אַריינגעהן, גלאַט אַזוי. יעצט איז שוין אַנדערש.

דריי־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

המן'ס מפּלה

איך האָב אָנגעהויבען צו פיהרען אַ לעבען פון אַ ביגאַמיסט, אויב מען קען אַזוי רופען אַ שילער וואָס לערנט די זעלבע זאַך ביי צוויי לעהרער. צוויי מאָל אַ וואָך, אין אָווענד, פלעג איך געהן צו מיסשימקין לערנען העברעאיש. קיינער ביי אונז אין הויז און אויך מיס שעהנפעלד האָט פון דעם ניט געוואוסט, און ביי מיס שעהנפעלד האָב איך אויך פאַרגעזעצט די לעסאָנס, אַבוואָהל ניט אַזוי אָפט ווי פריהער, ווייל דער לערנען ביי מיס שעהנפעלד האָט מיר געשאַדט דעם לערנען ביי מיס שימקין. מיס שעהנפעלד האָט מיך געלערנט העברעאיש מיט דער אשכנז'ישער אויסשפּראַכע, וועהרענד מיס שימקין, וועלכע האָט זיך ערצויגען אין ארץ ישראל, האָט מיך געלערנט מיט דער ספרדי'שער אויסשפּראַכע.

די לעסאָנס ביי מיס שימקין האָב איך גענומען ביי איהר אין הויז. זי האָט געוואוינט מיט איהרע עלטערען און דריי אינגע־רע ברידער צוזאַמען. זיי האָבען אַלע זיך באַשעפטיגט מיט מאַכען סיגאַרעטען, און די הויז איז אימער געווען פול מיט טאַבאַק אַזש צו דערשטיקט ווערען, דען די אַרבייט האָבען זיי געמאַכט אין דער היים. זיי האָבען אַלע גערעדט העברעאיש מיט דער ספרדי'שער אויסשפּראַכע, און זיי פלעגען ריידען אַזוי שנעל, דאָס עס האָט זיך מיר אָפּגעדאַכט, אַז עס דאַרף נעמען הונדערט יאָהר צו פאַרשטעהן די העברעאיש וואָס זיי ריידען.

אַז איך פלעג זיך אָוועקזעצען נעמען מיין לעסאָן, פלעגט זיך די גאַנצע הויז־געזינד אַרומקלייבען אַרום טיש און העלפען מיט מיר קנעלען. איך האָב ביי זיי אויסגעזעהן ווי אַ רוסישער קאָזאַק וואָס נעמט זיך אויף דער עלטער לערנען סאַנסקריט. יעדען מאָל. אַז איך פלעג אַרויסזאָגען אַ וואָרט מיט דער אשכנזי'שער אויס־

געוואוינליך. איך האָב אין איהר דערקענט צייכענס פון אַ נייעם לעבען, צייכענס פון מוטערשאַפט...

איך בין רויט געוואָרען ביי דעם געדאַנק. זי האָט גראָדע אין יענעם מאָמענט אויף מיר אַ קוק געטאָן. מיר האָבען איינע די אַנדערע פאַרשטאַנען. זי איז אויך רויט געוואָרען און האָט אַראָפּ־געלאָזען די אויגען.

עס קומט נאָך אַ פּערזאָן צווישען אונז, האָב איך זיך גע־טראַכט. פריהער איז געווען בלויז אַרנאָלד קאַפּטאַן. יעצט קומט איינער פון אַ געהיימער וועלט צו פאַרגרעסערען די וואַנט וואָס שטעהט צווישען עטלען און מיר.

און צוריק גערעכענט, האָב איך זיך געטראַכט, ווארום דאַרף עס מיך קימערען? שוין צייט צו פאַרגעסען. עס איז ניט רעכט צו דענקען יעצט פון דער, וועלכע איז שוין פון מיר אָפּגעריסען און אָפּגעפרעמדט. און נאָך אין דער צייט ווען איך זוך צו געווי־נען די הארץ פון שולמית זאָנענפעלד. שולמית מוז געווים מיינען אַז מיין הארץ איז נאָך אין גאַנצען פריי, קיינמאָל ניט באַריהרט געוואָרען פון ליעבע...

עטעל איז פאַר איהר אַוועקגעהן געוואָרען אַ ביסעל מוטיגער און פרייער. זי האָט מיך געפרעגט: „וואָס מאַכט מים גימפעל?" איך האָב איהר געענטפערט, אַז איך זעה זי שוין ניט מעהר. און געענטפערט האָב איך אין אַזאַ טאָן, אַז עטעל זאָל פאַרשטעהן, אַז עס איז שוין ביי מיר אוים מיט דאָרע גימפעל און אַז איך האָב זי קיינמאָל ניט געוואָלט מיט'ן גאַנצען האַרצען.

עטעל האָט מיך פאַרוואונדערט אַנגעקוקט. זי האָט מיך אָבער מעהר ניט געפרעגט וועגען דעם.

אבער איידער וואָס, איז אָנגעקומען אַ שטורם און האָט אַ שטויס געטאָן מיין שיף אָן אַ פעלז. איין קראַך — און מיין שיף מיט אַלע מיינע האָפנונגען זיינען צושמעטערט געוואָרען און גע־זונקען אין מיטען ים.

צווישען די אונפאַרגעסענע מאָמענטען פון מיין לעבען וועט אויך פאַרבלייבען יענע נאַכט פורים. ריכטיגער געזאָגט, די נאַכט נאָך דעם תענית. איך בין געגאַנגען צו די זאַנענפעלדס מיט אַ שליחות פון מיינע עלטערען, איינצולאַדען שולמית'ן און איהרע עלטערען צו אונז אויף דער מאָרגענדיגער פורים־סעודה. מיין מו־טער האָט זיך שוין געגרייט אויף די געסט. און מיך האָט גע־פרעהט וואָס שולמית וועט קומען צו אונז און זעהן ווי מיר וואוינען. זאָל זי זעהן אַז מיר זיינען ניט אַבי ווער.

ווי גוט וואָלט געווען, האָב איך זיך געטראַכט, ווען עטעל זאָל אויך קומען ווען שולמית וועט ביי אונז זיין. און זאָל דאַן עטעל זעהן ווען איך האָב אויסגעוועהלט אַנשטאָט מיס גימפעל. עטעל האָט זיך געמוזט פיהלען גוט געקריינקט ווען זי האָט געזעהן אַז מיס גימפעל פאַרנעמט איהר פּלאַץ. אָבער ווען זי וועט זעהן מיס זאַנענפעלד, וועט דאָס איהר ניט אַזוי פאַרדריסען.

מיט אַזעלכע געדאַנקען בין איך געגאַנגען צו די זאַנענפעלדס.

ווען איך בין אריינגעקומען האָט מיך אויפגענומען מר. זאַ־נענפעלד אַליין און ער האָט מיך געבעטען אריינגעהן מיט איהם אין לייברערי רום. אין הויז איז געווען שטיל, קיינעם אויסער די דיענסט האָב איך דאָרט ניט געזעהן. פון מר. זאַנענפעלד'ס ערנס־טען אויסזעהן האָב איך באַמערקט, אַז ער האָט מיר זעהר וויכ־טיגעס מיטצוטיילען.

מיין הארץ האָט גענומען קלאַפּען אין מיר. איך האָב געפיהלט אַז עס קומט עפּעס אַ צרה.

— הערט צו, יונגער מאַן, — האָט מר. זאַנענפעלד געזאָגט צו מיר, ניט בעטענדיג איך זאָל זיך אַוועקזעצען. (ער אַליין איז אויך געבליבען שטעהן אויף די פיס). — הער צו, איך האָב אייך זעהר ניט געוואָלט פאַרשטערען דעם פורים, אָבער איך קען זיך ניט העלפען. איהר זאָלט וויסען זיין, יונגערמאַן, אַז קיין סודות זיינען ניטאָ אויף דער וועלט. אַלעס מוז אַרויס ווי בוימאויל אויף

שפּראַכע, אַזוי ווי „טייראס מיישע" (תורת משה) אנשטאַט טאָראַטה מאָשע, פלעגן זיי זיך האַלטן ביי די בייכער לאַכענדיג, און יעדער איינער, דער טאַטע, די מאַמע און די בנים מיט דער טאָכטער, פלעגן מיר אונטערזאָגן די ריכטיגע עברי.

מיס שעהנפעלד האָט אָנגעהויבן צו באַמערקען, אַז איך בין ניט אַזוי רעגעלמעסיג אין מיינע לעסאָנס מיט איהר. זי האָט אויך באַמערקט, ווי איך בין פון דער העלער הויט געוואָרען אַ ספרדי. זי האָט ניט געקענט פאַרשטעהן פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ אויסשפּראַכע.

נאָך דעם לעסאָן ביי מיס שימקין פלעג איך אריינגעהן צו מיס שולמית זאָנענפעלד, וועלכע האָט געוואָהנט אַ צעהן מינוטען רייזע פון מיין לעהרערין. מיס זאָנענפעלד פלעגט מיך מיט גרויס אינטע־רעסע איבערפרעגען וואָס איך האָב געלערנט, אַזוי ווי אַ מאַמע וואָס וויל אַז איהר זוהן זאָל קענען און פרעהט זיך מיט זיין פּראָגרעס אין לערנען. מיין האָפנונג איז געוואַקסען. איך האָב איינ־געזעהן, אַז שולמית זאָנענפעלד רעכענט מיך ווי איהרען אַן אייגע־נעם. נאָר צייטענווייז, אַז זי פלעגט אָנהויבען צו לויבען פאַר מיר מיין ארץ־ישראל לעהרערין און מיר דערצעהלען וואָס פאַר אַ נאָ־בעלע זעעלע זי האָט און וואָס פאַר אַ טרייע אידישע הארץ זי באַ־זיצט, פלעג איך זיך פרעגען: צו וואָס לויבט זי אַזוי די מיס שימ־קין? שוין זשע רעדט זי מיר אַ שידוך מיט איהר?

יעצט, ווען איך שרייב דיזע צייל̈ען, אַ צייט נאָכדעם ווי די זאַכען זיינען פאָרגעקומען, וואונדער איך זיך אויף מיין געדולד, ווי איך האָב געקענט אויסהאַלטען די סצענעס וואָס פלעגען פאָרקומען ביי מיינע לעסאָנס אין מיס שימקין׳ס הויז. אָבער איך בין געווען ענטשלאָסען אויף אַלעס, אום נאָר צו געווינען מיין באַגעהר. איך האָב געוואָלט זיין „געסעטעלט", פעסטגעשטעלט אויף מיין פּלאַץ אין דער וועלט. איך האָב געוואָלט באַפעסטיגען מיין אַנקער צו אַ זיכערען באָדען און ניט מעהר לאָזען מיין שיף אַרומגעשליידערט ווערען פון די כוואַליעס פון לעבען. איך האָב געוואָלט אַ היים און אַ פרויאַ וועמען אַוועקצוגעבען מיין הארץ און אַלע מיינע געפיהלען.

דריסט אייך באמת אויף אייער פאַרגאַנגענהייט. זאָל אייך גאָט שטאַרקען אייער האַרץ, אַז אין דער צוקונפט זאָלט איהר זיך נעה־מען צו לעבען אַן אָרענטליכען און מאָראַלישען לעבען. גוט נאַיט!

און דאָס זאָגענדיג איז ער אַרוים פון צימער און האָט מיך איבערגעלאָזען איינעם אַליין.

וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב גענומען זוכען מיין וועג, איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי איך האָב געטראָפען צום טיר און ווי אַזוי איך בין אַרוים אין גאַס. אַלעס איז פאַר מיר געוועזן ווי באַצויגען מיט אַ געדיכטען נעבעל. קוים וואָס איך האָב געזעהן די גאַס.

מיט גרויס מיה בין איך געקומען אַהיים. מיין מוטער איז גע־וועזן איינע אַליין אין הויז, און ווען זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי מיט שרעק אויסגערופען:

— זוהן מיינער! וואָס איז דיר געשעהן?

— מוטער! — האָב איך געזאָגט, — איך בעט דיך, פרעג מיך ניט. רייד מעהר ניט פון די זאָנענפעלדס. איך בעט דיך, דער־מאָן מיר קיינמאָל —

— וואָס איז דער מעהר? — האָט מיין מוטער אויסגערו־פען — זיי געפעלט נאָך ניט, די גאַליציאַנער? איז ניט געפידעלט! אַ גרויסע מציאה! גאַליציאַנער זיינען זיי, נדן ווילען זיי ניט זאָגען וויפיעל זיי וועלען געבען, טאַ וואָס איז די מציאה מיט זיי? אַזעלכע שידוכים קען מען קריגען צוואַנציג פאַר איינעם!

ווי איך האָב מקנא געוועזן מיין מוטער, אַז זי קען נעמען די זאַך אין אַזאַ ליכט! מיין מוטער האָט אַ מינוט געטראַכט און פּלוצלינג האָט זי זיך נערוועז צולאַכט:

— האַ־האַ־האַ, אַ קאָמעדיע! די גאַליציאַנער ווילען נאָך ניט!

וואַסער. איך האָב אייך געטרויט. מיין פרוי און מיין טאָכטער האָ־בען אין אייך געגלויבט. לײַדער האָב איך ערפאַהרען וועגען אייך זאַכען וואָס צווינגען מיך אייך צו בעטען איהר זאָלט אויפהערען צו באַזוכען מיין הויז —

ער האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף מיר פון אונטער זיינע ברילען, נאָכדעם האָט ער ווייטער געזאָגט:

— דורך בריעף איז מיר אַלעס באַקאַנט געוואָרען וועגען אייך. איהר זייט ניט דער אומשולדיגער בחור, וואָס איך און מיין פאַמיליע האָבען געדענקט. אמת, די גרויסע מאַיאָריטעט פון היינ־טיגע יונגע לייט זיינען ניט בעסער, אָבער מיין טאָכטער פאַר־דיענט אַ חתן וואָס זאָל זיין אַן אויסנאַהמע, מאָראַליש ריין און אָרענטליך. איהר האָט געהאַט נאָהענטע באַציהונגען מיט איינע אַ מיסעס גרעפטער, אַ פרוי פון צווייפעלהאַפטען כאַראַקטער. ניט אמת, אה? איהר האָט געשפּיעלט אַ ליעבע מיט אַ מיידעל וועמעס מוטער האָט געדיענט ביי אייערע עלטערען. איהר האָט אָפּגערעדט אַ כלה פון אַ חתן און נאָכדעם האָט איהר זיך ענטזאָגט פון אַליין חתונה צו האָבען מיט איהר. איהר האָט פאַרבראַכט אין קאָני איילאַנד מיט אַ שוועסטער פון יענע מיסעס גרעפטער. איהר האָט זיך גע׳שדכנ׳ט צו אַ מיס גימפּעל און זי האָט נאָכדעם געבראָכען דעם ענגיידזשמענט ווייל זי האָט ערפאַהרען וועגען אייער לייכט־זיניגען כאַראַקטער. דער בריעף זאָגט אויך, אַז איהר פיהרט אַ ליעבע מיט אייער פאָטער׳ס בוכהאַלטערין. אָט דאָס איז דער צע־טעל פון אייערע ליגקע ראָמאַנען. איך דאַנק גאָט וואָס איך האָב דאָס אַלעס ערפאַהרען איידער עס איז צו שפּעט.

די גאַנצע צייט וואָס מר. זאָנענפעלד האָט גערעדט, האָב איך קיין איין וואָרט ניט ארויסגעזאָגט, נאָר די טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון מיינע אויגען. זיי זיינען געפאַלען אין גרויסע טראָפּענס אויף מר. זאָנענפעלד׳ס קאָרפּעט. איך בין זיכער, אַז מיינע זודיגע טרעהרען האָבען אין דעם קאָרפּעט אויסגעבערענט טיעפע פלעקען וועלכע קיין מיטל אין דער וועלט האָט נאָכדעם ניט געקענט פאַרניכטען.

— איהר וויינט, יונגער מאַן, — האָט ער געזאָגט שוין מיט אַ ביסעל ווייכקייט אין זיין שטימע. — איך האָף, אַז עס פאַר־

האנדשריפט. איך מוז כאטש מאכען א פארזוך אויסצוגעפינען מיין פאלשען פארלוימדער. איך מוז אויך זאגען דעם מר. זאנענפעלד, אז ער האט קיין רעכט ניט מיך צו משפט'ן אהן באווייזע, בלויז אויף דער מסירה פון א באהאלטענעם שונא. איך וועל איהם בעטען, ער זאל מיך־בלויז אויסהערען און איך וועל איהם ערקלערען מיינע באציהונגען צו די אלע פרויען און מיידלאך, וועלכע ער האט אויסגערעכענט. זאל ער זעהן אז אנשטאט מיך צו פארדאמען, דארף ער מיך רעספעקטירען.

איך בין גרייט צו פארלירען שולמית זאנענפעלד, אבער ניט אויף אזא וועג. איך האב ניט געוואלט, אז זי זאל מיך פאראכטען און דענקען פון מיר אז איך בין א לייכטזיניגער פרויען־יעגער.

איך מוז געהן, איך מוז געהן. — אזוי האב איך געטראכט. אבער איך בין געבליבען ביי דעם טראכטען. אט דאס איז געווען מיין נאטור. איך האב ניט געהאט דעם מוט דורכצופיהרען מיין ווילען.

פון טאג צו טאג האב איך אפגעלייגט מיין געהן, און איך בין ניט געגאנגען. איך האב מורא געהאט, אז ווען איך וועל קומען, וועט מיך מר. זאנענפעלד ארויסטרייבען און מיר מאכען מעהר שאנדע ווי פריהער.

עס איז בעסער אז איך זאל פארגעסען, — האב איך זיך נאך אלעמען באטראכט. איך האב געשיקט מיס שימקין א טשעק וואס האט איהר ארויסגעקומט פאר די עטליכע לעסאנס און איך האב מיט דעם אפגעשניטען מיינע באציהונגען מיט די זאנענפעלדס אויף אימער.

וואס מיך האט נאך געמאטערט איז דער געדאנק פון יענעם באהאלטענעם שונא, וואס פארפאלגט מיך אזוי אהן רחמנות. צוערשט דאן, ווען מר. מירמעלשטיין האט באקומען א בריעף אז איך פיהר א ליעבע מיט זיין כלה, מיס בראדסקי. און יעצט דער צווייטער בריעף, וואס האט אויף מיר ארויפגעווארפען אזוי פיעל בלבולים אויף אמאל. ווער קען דאס זיין? זאל עס אלץ זיין מיסעס גרעפטער? וואס האט זי צו מיר? וואס האב איך איהר געטאן?

מיס שעהנפעלד האט באמערקט מיין צוטראגענהייט, אבער זי האט פארשטאנען אז עס איז בעסער אז זי זאל מיך גאר ניט

פיער־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

אַ מענשענ'ס האַרץ איז שטאַרקער פון אייזען

פאַר עטליכע טעג כסדר האָב איך ניט געקענט קומען צו זיך. מיין פּורים איז געווען אַ פאַרשטערטער. איך האָב זיך געפיהלט ווי איינער וואָס איז אומשולדיגערהייט פאַר'משפּט געוואָרען צום טויט. מיר האָבען אַלע געלעזען פון מענשען וואָס זיינען באַשולדיגט און פאַר'משפּט געוואָרען פאַר פאַרברעכענס וואָס זיי האָבען ניט באַגאַנגען. מיר זיינען אַלע באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דעם אידישען קאַפּיטאַן דרייפוס, וועמענס שווערד מען האָט צובראָכען אין דער אַנוועזענהייט פון זיינע סאָלדאַטען און וועמען מען האָט פאַר'משפּט אַלס אַ פאַררעטער צו זיין לאַנד. אָבער צו פיהלען די ליידען, דעם טיעפען צער און דעם גרויסען האַרצווייטאָג פון אַ מאַרטירער קען נאָר איינער, וועלכער איז אַליין געווען אַ קרבן פון אַ בלבול. און דאָס בין איך גראָדע געווען.

גוט וואָס מיין קלוגער פאָטער האָט מיך גאָרנישט געפרעגט. איך פאַרשטעה, אַז מיין מוטער האָט איהם די זאַך ערקלעהרט, אויף אַזוי פיעל ווי זי האָט געוואוסט, און זי האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל צו מיר ניט ריידען וועגען דעם. אָה, ווען זיי וואָלטען געוואוסט ווי איך, זייער זוהן, איז אַזוי שענדליך און אומשולדיגערהייט באַליידיגט געוואָרען! זיי וואָלטען געווים ניט געשוויגען. זיי וואָלטען וועלטען איבערגעקעהרט צו באַווייזען מיין אומשולד...

און אין מיר אַליין האָט אָנגעהויבען צו זידען און צו קאָכען אַ שטאַרקער געפיהל פון פּראָטעסט. מיין עהרען־געפיהל האָט אָנגעהויבען צו פאָדערען פון מיר, אַז איך זאָל זיך ריינוואַשען אין די אויגען פון מים זאַנענפעלד. איך מוז אַריבערגעהן צו איהר פאָטער, איהם אויפפאָדערען, אַז ער זאָל מיר צייגען דעם געהיימען בריעף, וואָס ער האָט באַקומען וועגען מיר. איך מוז זעהן די

— איך גלויב, אַז אַרנאָלד קאַפּטאַן וועט יעצט זיין גוט צו איהר, — האָב איך געזאָגט, שוין גאַנץ ערנסט, וועלענדיג טרייסטען דבורה'ן.

— עס איז מיין אייגענע שולד, — האָט דבורה געזאָגט. — גאָט שטראָפט מיך פאַר מיינע זינד —

— זינד? וועלכע זינד? — האָב איך אויסגערופען.

— איך האָב געזינדיגט געגען אייך געגען מיין עטלען. איך האָב אייך געזאָגט ביידען ליגענס —

— אונז... ליגענס? ווען? — האָב איך געפרעגט.

— ווי אַ שווערער שטיין איז די זינד געלעגען די גאַנצע צייט מיר אויפ'ן הארצען, — האָט דבורה זיך צואוויינט. — איך האָב דאָס ניט געדאַרפט טאָן. אָט דערפאַר שטראָפט מיך גאָט.

איך האָב איהר אָנגעקוקט. איך האָב איהר ניט געקענט פאַרשטעהן.

— שוין איינינגע מאָל אַז איך האָב געוואָלט זיך מודה זיין פאַר אייך, אייך דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, — האָט זי ווידער אָנגעפאַנגען, זיך באַמיהענדיג איינצוהאַלטען איהרע טרעהרען. — טייערער פריינד! געדענקט איהר יענעם אָוונד, אַז איהר זייט צוריקגעקומען פון קאַנטרי? איהר זייט אריינגעקומען צו מיר אין הויז און האָט געוואָלט זעהן עטלען. איך האָב אייך געזאָגט, אַז עטעל איז אין דער היים ניטאָ, אַז זי איז אויסגעגאַנגען מיט אַ יונגענמאַן און אַז דער יונגערמאַן דענקט מיט איהר חתונה צו האָבען. געדענקט איהר עס? אודאי געדענקט איהר. נו, דאָס איז געווען אַ ליגען, אַ שענדליכער ליגען. אין דער זעלבער צייט איז מיין עטעלע געזעסען אין אַן אנדער צימער און האָט ביטערליך געוויינט הערענדיג מיינע רייד צו אייך. ווען איהר זייט אַוועק, האָב איך זי געפונען אַ צוקלעמטע און די טרעהרען האָבען זיך פון איהר געגאָסען ווי פון אַ קוואַל. „מאַמעלע, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — איך וועל בעטען גאָט פאַר דיר, אַז ער זאָל דיר מוחל זיין און זאָל דיך ניט שטראָפען פאַר דער זינד!" און איך האָב נאָך מעהר געזינדיגט. איך האָב מיין ליגען פאַרשטאַרקט מיט נאָך אַ ליגען. איך האָב געזאָגט צו מיין טאָכטער: „מיט אַזעלכע יונגעלייט קען מען מיט דעם אמת ניט געהן. אָט ווייס איך, אַז ער האָט שוין אַ

פרעגען. איך פון מיין זייט האָב זעהר געגאַרט צו האָבען אַ מענ־
שען וועמען איך זאָל דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, זיך אויס־
ריידען פאַר איהם מיין הארץ. אָבער איך האָב ניט געהאַט פאַר
וועמען. מאַנכעסמאָל האָב איך געמיינט, אז מיין הארץ פּלאַצט
אין מיר. אַ מענשענ׳ס הארץ איז ווירקליך שטאַרקער פון אייזען.
ווען עס קען פאַרטראָגען די ווייטאָגען וואָס מיין הארץ האָט אין
יענער צייט דורכגעלעבט.

*

צוויי וואָכען פאַר פסח איז דאָס געשעהן. עס איז געוועזן אין
אָווענד. מיין פאָטער און מוטער זיינען אַוועק צו אַ בענעפיט־
פאָרשטעלונג אין אידישען טעאַטער. איך בין געבליבען אין הויז
מיט דבורה׳ן.

דבורה האָט צו מיר קיינמאָל ניט גערעדט וועגען איהר טאָכ־
טער. זי האָט מיר קיינמאָל ניט דערמאָנט פון מיין פריינדשאַפט
צו עטלען. אָבער יעדען מאָל וואָס זי פלעגט אויף מיר אַ קוק געבען,
פלעג איך פיהלען אַז זי האָט נאָך גאָרניט פאַרגעסען, און אַז זי
פיהלט זיך שולדיג געגען מיר.

— ווי גוט וואָלט געווען, — האָט דבורה געזאָגט צו מיר, —
ווען עטעל זאָל אַהער יעצט קומען. עס וואָלט דערמאָנט די אַלטע
גוטע צייטען און עטעל וואָלט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסען איהרע
צרות.

— וואָס פאַר אַ צרות האָט זי דען? — האָב איך גע־
פרעגט. — איך דענק, אַז יעצט לעבען זיי שוין רוהיג. אַרנאָלד־
קאַפּטאַן איז אַ פיינער יונגערמאַן. שולדיג איז זיין מוטער, וואָס
האָט דאָ אַ ביסעל געהעצט. אָבער יעצט איז שוין שטיל.

איך האָב אַזוי גערעדט, ניט ווייל איך האָב געוואוסט אַז דאָס
איז אַזוי, נאָר ווייל איך האָב געוואָלט אויסגעפינען אויף וויפיעל
דאָס איז ניט אַזוי ווי איך האָב געזאָגט.

— זי העצט נאָך יעצט אויך, — האָט דבורה מיט אַ זיפץ
געזאָגט. — אַט גראָדע יעצט ווען מיין טאָכטער דאַרף האָבען
רוה און טאָר זיך די הארץ ניט עסען. איהר זייט דאָך אַן אייגענער
מענש. פאַר אייך מעג איך דאָך זאָגען... מיין טאָכטער דאַרף באַלד
ווערען אַ מוטער...

פינף־און־פערציגסטער קאפיטעל

איך בין אַ שלעכטער

אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי דבורה האָט זיך מודה געווען וועגען דעם, ווי זי האָט אָפּגענאַרט מיך און עטלען, מיט דעם צוועק אונז צו שיידען, איז דבורה פון אונז אַוועק גאַנץ אומגערוואַרטעט. אַר־נאָלד קאַפּטאַן האָט אין אַוועגנד טעלעפאָנירט אַז עטעל איז קראַנק געוואָרען און ער האָט געבעטען אַז דבורה זאָל גלייך קומען. ניט טוים ניט לעבעדיג איז דבורה אַוועקגעלאָפען. מיר זיינען אַלע געווען זעהר אומרוהיג. און איך האָב נאָך געדאַרפט באַהאַלטען מיין זאָרג פאַר מיין מוטער. מיין מוטער האָט זאַגאַר געוואָלט מיט מיר אהין פאָהרען און זעהן וואָס דאָרט טוט זיך. אָבער אין אַ דריי שטונדען אַרום נאָכדעם ווי דבורה איז אַוועק, האָט זי אונז טעלעפאָנירט אַז עטעל האָט מפיל געווען, אָבער זי פיהלט שוין בּעסער.

מיר האָבען אַלע פאַרשטאַנען, אַז די אורזאַך פון דיזען אומ־גליק איז, וואָס עטעל האָט זיך שטאַרק געערגערט צוליעב די אינ־טריגעס פון איהר שוויגער סאָפיע קאַפּטאַן. מיין מוטער האָט זיך די זאַך גענומען צום האַרצען.

אויף דעם אַנדער אָוועגד איז ביי אונז געווען מר. קאַפּטאַן אַליין. און ווי געוואוינליך, איז ער געקומען אויסגיסען זיין האַרץ פאַר מיין מוטער. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז זיין פרוי ווערט אַלץ ערגער און ערגער, אַז ער קען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען פון איהרע קאַפּריזען און איהר ווילדען כעס, און אַז ער האָט מורא דאָס ער וועט זיך מוזען אויף די עלטערע יאָהרען מיט זיין פרוי שיידען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז מיין מוטער האָט געזוכט די זאַך צו פאַרגלעטען, אום עס זאָל זיין שלום.

כּלה און ער זוכט דיך בלויז פון צייט־פּאַרטרייב וועגען". מיין טאַכטער האָט ניט געגלויבט. אָבער עפּעס האָט זיך ביי איהר אין קאָפּ דאָך צוגעקלעפּט... און ווען אַרנאָלד קאַפּטאַן האָט זיך אין איהר פאַרליעבט און זיין פאָטער האָט מסכּים געווען צום שידוך, בין איך שוין ניט געווען דאַגעגען. איך האָב עס נאָך גערעכענט פאַר דעם גרעסטען גליק...

ווי שטאַרק איהר ערצעהלונג האָט מיר וועה געטאָן, האָב איך זיך דאָך געפרעהט ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז עטעל איז אין יענעם זומער אָווענד ניט אַרוים מיט אַ יונגענמאַן, און אַז זי האָט מיך טאַקע געליעבט, שטאַרק געליעבט, און אַז מיט אַרנאָלד קאַפּטאַן האָט זי חתונה גהאָט אויס פאַרצווייפלונג. אַט זוך איך יעצט אויך חתונה צו האָבען אויס פאַרצווייפלונג...

— עסט זיך ניט אָפּ די האַרץ, דבורה, — האָב איך זי גע־נומען בעטען. — עס איז דאָך שוין פאַרפאַלען. איהר האָט געטאָן דאָס וואָס איהר האָט געמיינט עס איז גוט פאַר אייער טאָכטער.

— איך האָב געוואוסט, אַז אייער מוטער וועט קיינמאָל ניט איינגעהן אויף דעם, אַז איהר זאָלט חתונה האָבען מיט עטלען, — האָט דבורה געזאָגט.

— גענוג, דבורה! לאָמיר דאָס פאַרגעסען און בלייבען די בעסטע פריינד ווי געווען, — האָב איך געזאָגט.

און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געטראַכט פון דער נייער ענט־דעקונג.

עטעל האָט מיך די גאַנצע צייט געליעבט. זי ליעבט מיך נאָך יעצט אויך. איך האָב געפיהלט אַז אַנגענעהמע ווארימקייט זיך צוגיסען איבער מיין האַרצען. איך האָב אויפגעזוכט יענעם בוך, אין וועלכען עטעל האָט אַמאָל מיט אַ בלייפעדער אונטערשטראָכען די ווערטער:

„דער עיקר פון ליעבע איז צו ליעבען. געליעבט צו ווערען איז אַן אַנדער זאַך. די גליקליכסטע צייט אין מענשען׳ס לעבען איז דער מאָמענט ווען ער פאַרליעבט זיך און ניט ווען די געליעבטע גיט איהם איהר יאָ וואָרט."

איך בין געווען גליקליך.

ליכע באגעגעניש איז געווען בלויז אויף א קורצער צייט. זי האט געמוזט צוריק געהן אין ז׳עם פאלאץ פון איהר רייכען מאן וואו זי האט זיך געפיהלט פרעמד און אומגליקליך. און ער איז אוועק אין זיין ארימער וואוינונג, אויף א בוידים פון א ביליגען האטעל.

שפעטער איז ער ארעסטירט געווארען פאר א מארד. ער האט געטויטעט א מאן וואס האט באליידיגט דעם נאמען פון זיין פאר־שטארבענע מוטער. די רייכע אריסטאקראטין, זיין פריינד פון די קינדערשע יאהרען, האט זיך פאר איהם אנגענומען און האט אויס־געפיהרט, אז אנשטאט טויט־שטראף זאל מען איהם געבען לעבענס־לענגליכע געפענגעניש. צו דער זעלבער צייט האט זיך די פרוי גע׳גט מיט איהר אריסטאקראטישען מאן, און האט געווידמעט איהר לעבען צו וואהלטאט.

און זייט דאן האבען די געליעבטע געהערט איינער צום אנ־דערען, אבער בלויז אין זייערע געדאנקען. ער האט זי געבעטען, אז זי זאל איהם קיינמאל ניט קומען באזוכען, נאר זיי זאלען זיך זעהן איינע די אנדערע אין זייערע חלומות. יעדע נאכט פלעגען זיי טרוימען דעם זעלבען חלום. אין זייערע חלומות האבען זיי באר־ייזט די גאנצע וועלט. יעדע נאכט אין אן אנדער לאנד. אין זייערע חלומות האבען זיי פארבראכט איינער מיט׳ן אנדערען, גע־רעדט פון זייער ליעבע און געשווארען אייביגע טרייהייט, און מיט די חלומות האבען זיי אויף מארגען געלעבט דעם גאנצען טאג.

אט דיעזע געשיכטע האט אויף מיר געמאכט א טיעפען איינ־דרוק. איך האב באשלאסען צו זיין אויך אזוי ווי יענער ליעב־האבער און ווידמען מיינע געדאנקען און מיינע פאנטאזיעס צו עטלען.

מיט מיין נייעם באשלוס האב איך זיך גענומען פיהלען גליק־ליכער. איך האב געפיהלט, אז איך האב יעצט פאר וועמען צו לעבען אויף דער וועלט. איך האב געוואוסט, אז אויף דער וועלט איז דא נאך א פערזאן וואס גיט אפ איהרע געדאנקען און טרוימען צו מיר, פונקט ווי איך גיב מיינע צו איהר.

מיט מים שעהנפעלד בין איך פארבליבען אין די זעלבע פריינדליכע באציהונגען ווי פריהער. ניט מעהר, איך האב אויפ־געהערט צו נעמען לעסאנס אין העברעאיש. זי האט מיך פיעלע

— זי איז דאָך פּשוט פון זינען אַראָפּ! — האָט קאַפּטאַן אויסגערופען. — ווען זי האָט דערהערט פון דעם אומגליק וואָס עטלען איז געשעהן האָט זי געזאָגט: „ווען זי וואָלט געווען אַן אָרענטליכע, וואָלט עס איהר ניט געטראָפען“. און ווען איך האָב דאָס דערהערט, בין איך געוואָרען אַן אָנגעצונדענער. „סטייטש!
— האָב איך געשריען — ווי זאָגט מען דאָס אַזוינס אויף אַן איי־גענער שנור, ובפרט אַז דו ווייסט אַז זי איז אַ פיין קינד, אַ ריינע נשמה!“ נו, האָט זי זיך צוקאָכט און האָט אויף דער אומשולדיגער עטלען אָנגערעדט וואָס אין קאָרט שטעהט. און ווען איך האָב זיך פאַר איהר אַנגענומען, האָט סאָפיע מיר אַ זאָג געטאָן אַזאַ זאַך, וואָס האָט אויפגעזאָטען מיין בלוט. איהר ווייסט וואָס זי האָט גע־וואָגט צו זאָגען?

מר. קאַפּטאַן האָט זיך איינגעבויגען און האָט דאָס געזאָגט מיין מוטער אויף'ן אויער. אַזוי שטיל, דאָס ניט איך און ניט מיין פאָטער האָבען געהערט אַ וואָרט. מיין מוטער האָט זיך אַ הויב געטאָן מיט שרעק און האָט אויסגערופען:

— וועה צו מיר, צו וואָס כעס קען ברענגען!

איך בין יעצט געווען פאַר אַ צייט אָפּגעריסען פון עטלען, אָבער איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון איהר. זייט איך האָב ערפאַהרען פון דבורה'ן אַז עטעל האָט מיך די גאַנצע צייט געליעבט, איז זי מיר אַ סך ליעבער געוואָרען ווי נאָך אין יענעם זומער ווען אונזער ראָמאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען. איך האָב איבער דאָס נייע גענומען צו איהר ווידמען מיין הארץ, מיינע געדאַנקען און מיינע חלומות.

צו יענער צייט איז מיר אַריינגעפאַלען אין האַנד אַ ראָמאַן מיט אַ זעהר מערקווירדיגען אינהאַלט. אַ בחור און אַ מיידעל האָבען איינע די אַנדערע שטאַרק געליעבט פון קינדווייז אָן, אָבער אומשטענדען האָבען זיי צושיידט און זיי אָפּגעפרעמדט איינע פון די אַנדערע. זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ רייכען אַריסטאָקראַט אין אַן אַנדער לאַנד, און ער איז געבליבען אַן אָרימער בחור, וואָס האָט געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, גיט געפינענדיג קיין רוה. איינמאָל האָט זיי דער שיקזאָל צוזאַמענגעבראַכט אין אייז שטאָט. זיי האָבען איינע די אַנדערע דערקענט, אָבער זייער גליי־

— מיס שעהנפעלד! איהר פארדיענט א בעסערען חתן. ענט־שולדיגט מיר וואס איך זאג אייך א דעה, ניט געפרעגטערהייט. אבער איך בין אייך א — פריינד.

— קיין בעסערע מאכען זיך ניט, — האט זי האלב לאכענ־דיג געענטפערט. — א מיידעל אהן נדן האט ניט קיין רעכט צו קלייבען.

(וויטער „אהן נדן!" איך בין שוין קראנק געווען צו הערען די צוויי פארפלוכטע ווערטער.)

— איהר האט זיך ניט וואס צו איילען, — האב איך גע־זאגט. — איהר זייט נאך יונג. עס קען נאך קומען דער ריכטיגער... איך ראט אייך ניט צו פארבינדען זיך אזוי יונג...

זי האט מיך אנגעקוקט און מיט שטראהלענדע אויגען האט זי געענטפערט:

— איך דאנק אייך, מר. פרומקין, פאר דער אינטערעסע וואס איהר נעהמט אין מיר. איך וועל אייך פאלגען... איך וועל וואר־טען...

אך, מיט וואס פאר א רעכט האב איך אריינגעגעבען א פאל־שע האפנונג אין הארצען פון דער ארימער מיידעל? ווי אזוי האב איך צו איהר געוואגט אזוי צו ריידען, ווען איך האב גאר ניט געדענקט מיט איהר אמאל חתונה צו האבען?

מיר נישט — דיר נישט! איך בין א שלעכטער!

מאָל דערמאָנט, אַז איך זאָל פּאַרטזעצן מיין לערנען, אָבער איך האָב אַלץ אָפּגעלייגט, אַלץ געווען ענטוועדער ביזי, אָדער ניט אויפגעלייגט. איך האָב געזעהן, אַז איהר האָט עס פאַרדראָסען. זי האָט אַזוי געוואָלט לערנען מיט מיר!

איינמאָל, פאַרנאַכט, ווען מיר האָבען שוין געהאַלטען אין שליסען דעם אָפיס, איז געקומען אַ יונגערמאַן צו נעמען מיס שעהנפעלד אַהיים. מיס שעהנפעלד האָט איהם פאַר מיר פאָרגע־שטעלט אַלס אַ מר. פערקין. דער יונגערמאַן איז מיר גלייך ניט געפעלען געוואָרען, אַ קורצער, אַ בלאָנדער און מיט אַ בעלמע אויף זיין לינקער אויג. וואָס איך האָב צו איהם געהאַט ווייס איך ניט, אָבער עס איז מיר ניט געפעלען געוואָרען וואָס ער איז אַוועק מיט מיס שעהנפעלד צוזאַמען.

איך בין אין מיס שעהנפעלד ניט געווען פאַרליעבט. כאָטש עס זיינען דאָ געווען אַ סך אורזאַכען פאַר וועלכע איך האָב זיך יאָ געדאַרפט אין איהר פאַרליעבען. זי איז געווען שעהן, קערפּער־ליך גוט ענטוויקעלט, קלוג, העכסט געבילדעט, ביזנעס־פעהיג. עס איז געווען אַ פאַרגעניגען מיט איהר צו ריידען. און דאָך ווייס איך אַליין ניט ווארום, איך האָב זיך אין איהר ניט געקענט פאַרליעבען. ליעבע איז בלינד. פונקט אַזוי ווי מיר קענען זיך ניט אָפּגעבען אַ רעכנונג פאַר דעם וואָס מיר פאַרליעבען זיך אין מענשען וואָס זיינען אונזער ליעבע גאָר ניט ווערט, אַזוי קענען מיר ניט וויסען ווארום מיר פאַרליעבען זיך נ י ט אין מענשען, וואָס לויט דעם שכל האָבען מיר זיך אין זיי יאָ געדאַרפט פאַרליעבען. יאָ, ליעבע איז בלינד!

אויף מאָרגען האָב איך מיס שעהנפעלד געפרעגט ווער דער יונגערמאַן איז.

— מיר האָבען זיך ניט לאַנג באַקענט, — האָט זי געזאָגט אַ ביסעל פאַרשעהמט. — ער איז אַ פּרינסיפּאַל אין אַ תלמוד־תורה. זעהר אַ גוטער העברעער. ער שרייבט העברעאישע אַרטיק־לען.

איך האָב איהר אָנגעקוקט מיט אמת'ע סימפּאַטיע, און גע־זאָגט:

שטרעבען צו זיין פרייער, לייכטער, לעבעדיגער. מיט איין וואָרט, דער פרויען־אינסטינקט צו געפעלען ווערען, צו רייצען, צו פאַנגן, האט אין איהר אנגעהייבען צו ארבייטען. זי איז פאר מיר געוואָרען א רעטעניש, א נייע מיידעל, און איך האָב געפיהלט, אז די כישוף־פעדים, אין וועלכע זי זוכט מיך צו פאַרפּלאָנטערען, ווערען שטאַר־קע שטריק...

איין טאָג איז זי געקומען צו דער ארבייט אין אַ נייע קלייד, וועלכע איז געווען א ביסעל אויסגעשניטען און קאָקעטיש... אַז זי איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָב איך דערשפּירט אַן אַנגענעהמע איידעלע פּערפומע. איך האָב געוואָלט אויסרופען: „ווי שעהן איהר זעהט היינט אויס, מיס שעהנפעלד!" די ווערטער זיינען שוין ביי מיר געווען אויפ׳ן שפּיץ צונג, אָבער איך האָב זיך איינגעהאַל־טען און בלויז געזאָגט:

— מיס שעהנפעלד — מיר וועלען ווידער אָנהויבען לערנען העברעאיש...

— וואָס איז דער מעהר וואָס אייך האָט זיך פּלוצלינג ווי־דער פאַרוואָלט לערנען? — האָט זי געפרעגט לאַכענדיג.

פּילייכט האָט זי געמיינט מיט דער פראַגע מיך צו באַוועגען אַז איך זאָל איהר געבען עפּעס אַ קאָמפּלימענט, אָדער זי האָט געמיינט צו צייגען אַז זי איז גאַנץ אומשולדיג און זעהט ניט קיין אורזאַכע פאַר דעם, וואָס איך האָב פּלוצלינג ווידער אָנגעהויבען צו וועלען לערנען העברעאיש. וואָס איהר מאָטיוו איז געווען, האָט זי דאָך קאָליע געמאַכט. איהר פראַגע האָט מיך ווי אָפּגע־גאָסען מיט קאַלטע וואַסער, און איך האָב אַרויסגעשטאַמעלט:

— איך דענק, אַז יעצט איז ניט אַזוי ביזי... איך וועל האָ־בען מעהר צייט!...

זי איז געווען ענטטוישט, שטאַרק דיסאַפּאָינטעט פון מיין ענטפער. זי האָט ערוואַרטעט אַנדערע ווערטער. האָט זי מיט א ציטערדיגע שטימע געפרעגט:

— ווען ווילט איהר אָנפאַנגען לערנען?

— איך וויים, — האָב איך זיך גענומען באַרעכענען, — מאָרגען, איבערמאָרגען, אפשר בעסער אָפּלייגען אויף נאָך פּסח. זאָל טאָקע זיין אויף נאָך פּסח.

זעקס־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

איך לערן ווידער העבּרעאיש...

נאָכדעם ווי איך האָב געגעבּען מיס שעהנפעלד אָנצוהערע־ניש אַז זי זאָל אויפגעבּען איהר פריינדשאַפט מיט דעם תלמוד־תורה פּרינציפּאַל, האָב איך אין איהר באַמערקט אַ גרויסע ענדע־רונג. זי איז געוואָרען פרעהליכער, איהר פּנים האָט זיך באַצויגען מיט אַ פרישען ראָזע־קאָליר. איהרע אויגען האָבּען גענומען שיינען מיט אַ נייעם גלאַנץ...

איך האָב פאַרשטאַנען פון וואָס די ענדערונג איז געקומען. עס איז געקומען פון די גענאַרטע האָפנונג וואָס איך האָב אין איהר אריינגעגעבען. אין איין וועג האָט עס מיך געפרעהט. עס האָט מיר געמאַכט צו פיהלען שטאָלץ, דען וועלכער יונגערמאַן פיהלט ניט שטאָלץ ווען ער ווייס אַז אַ שעהנע און געבּילדעטע מיידעל איז פאַרליעבּט אין איהם און איז גרייט צו אָפּפערען אַלעס אין דער וועלט פאַר איהם? ;אין דעם הינזיכט זיינען מיר מענער ניט בּע־סער פון פרויען. מיר ווילען אויך אַז מען זאָל אונז באַוואונדערען, זיך ליעבּען אין אונז, בּיינקען און לעכצען נאָך אונז. ווען אפילו מיר קענען ניט באַצאָהלען מיט ליעבּע פאַר ליעבּע. אָבּער אין אַן אַנדער וועג האָט עס מיך פאַרדראָסען. אויבּ מיס שעהנפעלד ווענט פאַרזיצען, אָדער זי וועט זיך פיהלען אומגליקליך, וועט עס זיין צוליעב מיין שולד.

איך האָב אויך באַמערקט, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבען צו פּוצען אויף אַ וועג וואָס זי האָט בּיז יעצט ניט געטאָן. זי האָט אָנגעהויבען צו פאַרקאָמען איהרע האָר אויף אַן אַנדער פאַסאָן, וואָס האָט איהר זעהר געפּאַסט, געמאַכט אינגער און מיידעלשער. זי האָט געזוכט אָראָפּצוואַרפען פון זיך די ערנסטקייט און אין איהרע מאַניערען ווי אויך אין איהר שפּראַך האָט זיך געפיהלט אַ

עס איז מיר אָבער געווען קלאָר, אַז עטעל איז ניט מיינע, אַז זי געהערט ניט מעהר צו מיר. אויסער אין מיינע פאַנטאַזיעס און חלומות.

— לאָמיר אַלע צופאַהרען זיי באַזוכען, — האָט מיין מוטער פאָרגעשלאָגען. — דבורה האָט זיך געבעטען. זי האָט געזאָגט, אַז עטעל וועט זיך פרעהען אונז אַלעמען צו זעהן.

מיין פאָטער האָט איינגעשטימט. איך בין גרייט געווען איהם אַרומצונעמען פאַר גרויס ליעבשאַפט. אַזאַ גוטער

מיר האָבען אָפּגעגעסען סאַפּער און מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען צו עטלען.

ביידע, אי אַרנאָלד, אי עטעל, האָבען זיך טאַקע געפרעהט אונז צו זעהן. דבורה האָט דערלאַנגט טעע. מיין פאָטער האָט געזוכט אַלעמען פרעהליך צו מאַכען מיט זיינע שפּאַסען. ער האָט געמאַכט אַ קאָמפּלימענט עטלען אַז זי ווערט אינגער יעדען מאָל וואָס ער זעהט זי. עטעל, וועלכע איז געווען אין אַ לייכטען טי־גאָון, האָט טאַקע אויסגעזעהן זעהר יונג. איהרע האָר האָט זי געהאַט צו־זאַמענגעפלאָכטען אין צוויי דיקע צעפּ, וועלכע זיינען געהאנגען איבער איהרע שולטערען. זי איז געזעסען נעבען אַרנאָלד'ן. פון צייט צו צייט האָב איך געוואָרפען אויף איהר פאַר'גנב'עטע בליקען. איך האָב געוואָלט לעזען דעם סוד פון איהרע אויגען, אויב זי ליעבט איהם, אָדער ניט. איינמאָל האָב איך אַ כאַפּ געטאָן איהר בליק ווי זי האָט געקוקט אויף איהם. דער בליק האָט מיר אַלעס דערצעהלט. עס האָט מיר דערמאָנט אַן אַלטע געשיכטע.

די געשיכטע איז אַזוי:

אַמאָל, אין די אַלטע צייטען, ווען מענשען האָבען געלעבט ווילד, פלעגען די מענשען פון איין דאָרף מאַכען אָנפאַלען אויף די מענשען פון אַן אַנדער דאָרף. זיי פלעגען רויבען דאָס האָב און גוטס פון זייערע שכנים און צונעמען זייערע שעהנסטע פרויען. און ווען די מענער פון די געראויבטע פרויען פלעגען זיך ערהאָלען פון דעם אָנפאַל, פלעגען זיי צוריק מאַכען אַן אָנפאַל אויף זייערע שונאים און זוכען צו באַפרייען זייערע געראויבטע פרויען. אָבער די פרויען פלעגען פון זייערע רויבער ניט וועלען אַוועקגעהן. ווען זיי פלעגען דערזעהן זייערע מענער קומען נאָך זיי, פלעגען די פרויען

זי איז אוועק אז אומעטיגע צו איהר דעסק און האט זיך פאר־
נומען מיט די ביכער.

גראדע אין דער מינוט איז מיין פאטער אנגעקומען און אז
ער האט א קוק געטאן אויף מיס שעהנפעלד, און האט באמערקט
איהר נייע קלייד, האט ער, אויף זיין שטייגער, גענומען שפאסען:

— מיס שעהנפעלד, איהר שיינט היינט ווי א כלה־מיידעל.
ווען איך וואלט געווען א בחור, וואלט איך זיך פארליעבט אין אייך.

— דאס דאכט זיך אייך אזוי, — האט איהם געענטפערט
מיס שעהנפעלד, וועלכע איז שוין געווען געוואוינט צו זיינע שפא־
סען. — ווען איהר וואלט געווען א בחור, וואלט איהר געזוכט א
שעהנערע און א — ר י י כ ע ר ע .

איך האב געפיהלט דעם שטאך. מיין פאטער האט עס אויך
פארשטאנען. איך האב געזעהן ווי זיין שטערן האט זיך פאר־
קנייטשט.

אין אוועגד, אז איך בין געקומען מיט מיין פאטער אהיים,
האט מיין מוטער געהאט פאר אונז „פרעהליכע נייעס“. דבורה איז
געווען ביי איהר בייטאג און זי האט דערצעהלט, אז זייט דעם
אומגליק וואס עטלען האט געטראפען איז ארנאלד קאפטאן גע־
ווארען גאר אז אנדער מענש. ער איז געווארען אזוי גוט און אזוי
געטריי צו עטלען, און ער האט ארויסגעוויזען נאך מעהר ליעבע
ווי ווען ער האט מיט איהר חתונה געהאט. ער האט זיך ביי
דבורה'ן געבעטען, אז זי זאל ביי זיי פארבלייבען אויף אימער.
אבער דבורה האט זיך ענטזאגט. זי וויל ארנאלד'ן ניט שיידען פון
זיין מוטער. ביי דבורה'ן איז פארבליבען אז זי זאל צוריקקומען
צו אונז באלד נאך פסח.

פון דעם וואס מיין מוטער האט דערצעהלט, האב איך בלויז
געוואוסט אז עטעל האט צוריקגעוואונען די פריהערדיגע ליעבע
פון איהר מאן. אבער אויב זי האט איהם אויך אנגעהויבען צו
ליעבען, דאס איז מיר ניט געווען באוואוסט. ביי דער שפיעלט
קיין ראלע ניט אויב די פרוי ליעבט אויך דעם מאן. דער עיקר איז,
אויב ער ליעבט זי. און אויב ער ליעבט זי, דארף זי זיך שוין
פיהלען גליקליך... עס קען זיין, אז דיזען באגריף פון פאמיליען־
גליק האט אויך געהאט מיין מוטער.

זיבעך־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

מיסעס גרעפּטער ווידער אויף דער סצענע

אַ וואָך נאָך פּסח איז מיין מוטער קראַנק געוואָרען און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צו שרעקען פאַר איהר צושטאַנד, ווייל אין די לעצטע פאָר יאָהר איז זי געווען זעהר שוואַך. מיין פאָטער האָט גענומען פאַר איהר אַ נוירס און דבורה איז אויך געקומען צו געבען מיין מוטער די ריכטיגע אויפפּאַסונג און פלעגע.

אויפ'ן דריטען טאָג נאָכדעם ווי מיין מוטער איז קראַנק געוואָרען, האָב איך געהאַט אַן אונערוואַרטעטע באַגעגעניש. איך בין געזעסען אין אַ רעסטאַראַן און געגעסען מיין מיטאָג, ווען עס איז אריינגעקומען קיין אַנדערע ווי מיסעס גרעפּטער. ווען איך האָב זי דערזעהן, האָט מיין האַרץ אַ קאָך געטאָן. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם בריעף מיט די בלבולים אויף מיר, וואָס מר. זאָנענפעלד האָט באַקומען. אָבער ווען זי האָט מיך דערזעהן, איז זי מיט איהר רייצענדען שמייכעל צוגעגאַנגען צו מיין טיש און האָט געזאָגט:

— אויב איהר האָט ניט דאַגעגען, וועל איך זיך דאָ אוועקזעצען.

— מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען, — האָב איך געענטפערט.

קיין מענש אין דער וועלט האָט צו איהר ניט געקענט אַנדערש ריידען, נאָכדעם ווי זי האָט צו איהם אַזאַ שמייכעל געטאָן.

און אין הארצען האָב איך אָנגעהויבען צו צווייפלען, אויב זי איז ווירקליך די שולדיגע. זי איז לייכזיניג, אָבער ניט שלעכט. אַ פרוי וואָס שרייבט אַזעלכע גיפטיגע בריעף וואָס בייסען אַזוי ווי אַ שלאַנג, קען ניט אַזוי שמייכלען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט, געוואָלט איהר העלפען ארונטערנעמען איהר פוטער, אָבער זי האָט עס שנעל אראָפּגענומען פון זיך און אויפגעהאַנגען אויפ'ן וואַנט.

מיט זייערע הענד ארומכאַפּען זייערע רויבער און זיך ניט געלאָזט אָפּרייסען פון זיי.

אַט אַן דער געשיכטע האָב איך זיך דערמאָנט ווען איך האָב געזעהן ווי עטעל האָט געוואָרפען אַ בליק פול מיט צערטליכקייט אויף אַרנאָלד'ן און האָט איינמאָל אַ ווײַלע אַנגעשפּאַרט איהר קאָפּ אַן זיין שולטער.

אַט דאָס איז די פרוי — האָב איך זיך געטראַכט. די פרוי פון יענע צייטען און פון היינטיגען טאָג. פרויען האָבען ליעב די שטאַרקע מאַכט וואָס באַהערשט זיי, וואָס האַלט זיי געפאַנגען. אויב איהר זעהט איינע וואָס איז ניט אַזוי, איז זי אַן אויסנאַהמע.

אָבער איז דאָס מעגליך, אַז עטעל זאָל אויך זיין אַזוי?

איך האָב זיך קיין ענטפער ניט געקענט געבען.

אויף מאָרגען, אין אָפּיס, אַז איך בין געבליבען מיט מיס שעהנפעלד אַליין און איך האָב באַמערקט ווי זי האָט אויסגעזעהן אין אַ נייע ווייסטעל, וואָס זי האָט זיך יענעם טאָג אַנגעטאָן, האָב איך צו איהר געזאָגט:

— מיס שעהנפעלד! איהר האָט דאָ דעם העברעאישען בי־בעל? איך בין יעצט גרייט צו נעמען אַ לעסאָן.

און אַזוי האָב איך ווידער גענומען לערנען העברעאיש.

פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. איהר וואָלט פון זיי קיין האָניג ניט געלעקט. יאָ, אַ נס איז אייך געשעהן!

זי האָט אָפּגעשניטען אַ שטיקעל קייק, גענומען אַ ביסען און ווייטער גערעדט:

— איהר ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַ שלאַנג די אַלטע מיסעס גימפּעל איז. איהר האָט דאָך וואהרשיינליך געלעזען פון פרויען וואָס שיקען „פּאַיזען לעטערס". בריעף מיט גיפטיגע בלבולים און רשעות אויף מענשען וועמען זיי ווילען שלעכטס טאָן, אָדער אָנמאַכען אַ בייז לעבען צווישען מאַן און ווייב, אָדער צווישען חתן און כלה. אַט אַזעלכע זאַכען האָט ליעב צו טאָן די מיסעס גימפּעל, און ווי איך ווייס זיכער, העלפט איהר די טאָכטער אין דעם. איהר קענט דאָך וואַרשיינליך די קאַפּטאַנס. שור, איהר קענט זיי. איהר ווייסט דאָך אויך, אַז סאַפּיע קאַפּטאַן איז געווען געגען דעם, אַז איהר זוהן זאָל חתונה האָבען מיט עטעל בלום, כאָטש איהר מאַן איז גראַדע יאָ געווען פאַר דעם שידוך. נו, קומט אָן איינמאָל סאַפּיע קאַפּטאַן אַ בריעף אָהן אַן אונטערשריפט, אַז זי זאָל וויסען דאָס עטעל'ס מוטער, הבורה, וועלכע איז געווען דזשעניטרעס אין מר. קאַפּטאַנ'ס אַ הויז, איז מר. קאַפּטאַנ'ס אַן אַלטע געליעבטע פון דער היים. היינט שטעלט זיך פאַר וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט געמאַכט אויף סאַפּיע קאַפּטאַן! און ווער האָט דעם בריעף געשריבען? טאַקע די אַלטע מיסעס גימפּעל מיט איהר טעכטערל!

— ווי אַזוי האָט מען דאָס אויסגעפונען? — האָב איך געפרעגט.

— קיינער ווייס נאָך ניט ביז היינטיגען טאָג אַז די גימפּעליכע האָט אַ האַנד אין דעם. קיינער, אויסער איך. ווייל נאָך איידער אימיצער האָט געוואוסט דאָס סאַפּיע קאַפּטאַן האָט אַזאַ בריעף באַקומען האָט דאָרע גימפּעל דאָס מיר דערצעהלט די ערשטע. און אַז איך האָב איהר געפרעגט, פון וואַנען זי ווייס וועגען דעם בריעף, האָט זי געענטפערט: „מיין מאַמע ווייס אַלעס וואָס עס טוט זיך ביי יענעם אונטער'ן נאָגעל. מיין מאַמע איז אַ רעגעלער רעפּאָרטער. זי קען ביטען אַלע דעטעקטיווס. ווי נאָר עפּעס געשעהט, ווייס זי די ערשטע".

— איהר ווייסט, — האט זי צו מיר געזאגט לאכענדיג, — מיר קומט א מזל טוב. איך האב זיך שוין גע׳גט מיט מיין מאן. מיין ערגסטען שונא זאל גאט ניט שטראפען מיט אזא שטראף ווי צו לעבען מיט א פערזאן, וועלכען מען ליעבט ניט... איך האב איהם קיינמאל ניט געליעבט, נאר מיינע עלטערען האבען מיר פארדרעהט דעם קאפ מיט איהם חתונה צו האבען.

איך האב ניט געוואוסט וואס איהר צו זאגען. עס האט זיך מיר געוואלט איהר עפעס זאגען, אבער איך האב ניט געוואוסט וואס עס פאסט זיך אין אזא פאל.

— וואס איז דער מעהר? — האט זי געפרעגט מיך אנקוקענ־דיג שארפער. — איהר זעהט עפעס אויס צוטראגען.

— מיין מוטער איז קראנק, — האב איך שטיל געענטפערט.

— א, ענטשולדיגט מיר, — האט זי געזאגט מיט פארדרוס, — און איך האק אייך אין קאפ אזעלכע נארישקייטען! איז זי זעהר קראנק?

— זעהר, — האב איך געענטפערט.

— עס טוט מיר ווירקליך לייד, — האט זי געזאגט. — דענקט איהר אז איך וועל איהר ניט שטערען ווען איך וועל קומען זי בא־זוכען?

— זי מוז האבען פאלקאמע רוה, — האב איך געענטפערט.

זי האט לאנגזאם גענומען זופען די קאפע וואס דער ווייטער האט איהר געבראכט. א ווייל'ע זיינען מיר ביידע געווען שטיל. נאכדעם האט זי געזאגט:

— ווען איך בין אהער אריינגעקומען האב איך געמיינט, אז איהר וועט מיך ניט וועלען דערקענען. איהר זייט אזוי אפגעפרעמדט געווארען פון מיר. אבער איך האב זיך וועגען אייך יא אינטערע־סירט. ווען איך האב געהערט אז איהר געהט ווערען א חתן פאר דארע גימפעל, האט מיך אויף אייך זעהר לייד געטאן. און ווען איך האב געהערט אז עס איז געווארען אויס שידוך, האב איך זיך געפרעהט. איהר ווייסט גאר ניט וואס פאר א גליק עס איז אייך געשעהן וואס איהר זייט ניט אריינגעפאלען אין די הענד פון די גימפעלס — אוי, איז דאס א גזינדעל! דער טאטע מיט דער מאמען און די טאכטער האלטען זיך אין איין ארומרייסען

טער. איך בין געוואָרען אַן אַנדער מענש. איך האָב זיך באַשלאָסען צו בויען אַ נייע וועלט פאַר זיך. איך בין געווען פאַרפיהרט פון אַנדערע און פון זיך אַליין. איך האָב געליטען צוליעב דעם, וואָס מיינע עלטערען האָבען מיך געוואָלט אַרויס׳פּטר״ען פון הויז. איך האָב געלעבט שלעכט און נאַריש ניט ווייל איך בין פון נאַטור שלעכט, נאָר ווייל איך האָב געוואָלט נקמה נעמען פון מיינע עלטערען און פון די יונגע לייט וואָס האָבען מיך געליעבט און האָבען מורא געהאַט מיט מיר חתונה צו האָבען, ווייל איך בין געווען אַן אָרימע מיידעל. איהר זייט צו יונג און צו אומשולדיג צו פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ פאַרדאָרבענע געזינדעל די מענער זיינען. און גלויבט מיר, מיסטער פרומקין, אַז נאָך די אַלע זאַכען וואָס מען האָט אויף מיר גערעדט, בין איך גאָר ניט אַזוי פאַרדאָרבען. געווים ניט אַזוי פאַרדאָרבען ווי יענע מענער וואָס האָבען ווייבער און טעכטער און שפּיעלען אַ שעהנע ראָלע אין דער געזעלשאַפט און לויפען מיר נאָך וויסענדיג אַז איך האָב זיי פיינד ווי אַ שפּין! אַ סוף! איך אַנטלויף פון ניו יאָרק. איך פאָהר אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט. איך וועל אַרבייטען, איך וועל אָנפאַנגען אַ נייעם לעבען און פאַרגעסען מיין פאַרגאַנגענהייט. איהר וועט נאָך פון מיר אַ מאָל גוטעס הערען, מיסטער פרומקין!

— הלואי! — האָב איך געזאָגט מיט געפיהל.

מיר זיינען אַרויס פון רעסטאָראַן, זיך געזעגענט און זיינען זיך צוגאַנגען אין פאַרשידענע וועגען.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דאָרע גימפּעל האָט פאַר מיר אויך איינמאָל אַזוי באַריהמט איהר מאַמען.

— איך ווייס, — האָט מיסעס גרעפּטער ווייטער געזאָגט, — אַז זי האָט מיין נאָמען אויך אַריינגעמישט אין איהרע פּאַסקווילען. די אַלטע פרעסערקע. זי איז אַ געפעהרליכע פרוי. איך זאָג אייך, אַז איהר האָט גליק וואָס איהר האָט זיך אויסגעדרעהט פון איהרע הענד. עס קען זיין אַז דאָרע גימפּעל׳ס פאָטער קען געבען אַ גרויסען נדן, אָבער איהר קענט קריגען אַ פיינערע מיידעל מיט נדן.

די ווערטער „מיט נדן" האָ זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ ביטערען שפּאָס און דאָס האָט מיך גראָדע פאַרדראָסען.

— ענטשולדיגט מיר, — מיסעס גרעפּטער, — האָב איך איינגעווענדעט, — איהר האָט וועגען מיר אַ ניט ריכטיגע מיינונג. איך זוך גאָר ניט קיין נדן.

— זוכט איהר, וואָס מען רופט עס, אַ „פּרעזענט". דאָס איז אַ נייער נאָמען פאַר נדן. עס איז אַזוי ווי אַ גלח וואָס צלמ׳ט איבער אַ הוהן און גיט זי אַ נאָמען „פיש", כדי ער זאָל זי מעגען עסען אום פרייטאָג. און אויב איהר זוכט ניט אַ פּרעזענט, זוכט איהר אַזוי אַ רייכען שווער. אַן אָרימע מיידעל וועט איהר זיכער ניט וועלען נעמען.

— ווען עס זאָלט זיך מיר מאַכען די ריכטיגע... — האָב איך אויסגעשטאַמעלט.

— יאָ, די ריכטיגע, — האָט זי נאָכגעזאָגט. — און דאָך וועלען אייערע אויגען ניט זעהן די ריכטיגע, ווען זי איז אַן אָרימע מיידעל. עס קען זיין, אַז איהר זייט גאָר ניט שולדיג. שולדיג זיינען די עלטערען וואָס האָבען זיהן און וואָס פאָדערען אַז מען זאָל זייערע זיהן אָפּגילטען. וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ שעהנע מיידעל, אַ געבילדעטע, אַ געראָטענע, ווען זי האָט ניט קיין נדן? איך ווייס דאָס פון זיך און איהר ווייסט דאָס אויך — אָבער גענוג צו ריידען פון דעם. אייך ליגט דאָס יעצט ניט אין קאָפּ. אייער מוטער איז קראַנק, און איך ווייס אַז איהר ליעבט אייער מוטער!

זי האָט זיך אויפגעהויבען צום געהן. איך האָב געוואָלט באַצאָהלען פאַר איהר, אָבער זי האָט מיך ניט געלאָזען, זאָגענדיג:

— ניין, מיסטער פרומקין! איך בין ניט מעהר מיסעס גרעפּ־

וועט באַלד אַריבער, האָב איך געפּיהלט אַ גרויסען חשק אַרומצו־
נעמען מיס שעפּאַרד און איהר געבען אַ וואַרימען ברודער־קוש.
און ניט מעהר ווי אַ ברודער־קוש וואָס ווערט געגעבען צו אַ ליעבער
אין האַרצען איינגעבאַקענער שוועסטער. קיין אַנדער עלעמענט איז
ניט געווען אין דעם פאַרלאַנג מיינעם.

גאַנץ אָפט, ווען דבורה פלעגט אַוועקגעהן צו עטלען און מיין
פאָטער פלעגט אַוועקגעהן צו אַ מיטינג, פלעגען מיר בלייבען אַליין
ביי מיין מוטער. און נאָכדעם ווי מיין מוטער פלעגט איינשלאָפען,
פלעגען מיר בלייבען זיצען אין דייגינג־רום און שמועסען.

מיס שעפּאַרד האָט געהאַט אַן אָפענהערציגע און פאַרטרויליכע
כע נאַטור. זי איז דערצו געווען אַן עלענדע אין ניו יאָרק. זי איז
אהער געקומען פון באָסטאָן. גלייך ווי זי איז אהער געקומען האָט
זיך אין איהר פאַראינטערעסירט אַ יונגער דאָקטאָר, וועלכער האָט
זיך מיט איהר באַקאַנט ביי אַ פּאַציענט. דער דאָקטאָר האָט איהר
איינגעלאַדען צו זיך אין אָפיס און האָט איהר אָנגעהויבען צו באַ־
זאָרגען מיט פּאַציענטען. וואָס ווייטער האָט דער דאָקטאָר אַלץ
גרעסערע אינטערעסע גענומען אין איהר. ווען זי האָט געהאַט אַ
פרייען אָווענד, האָט ער זי גענומען אין אַ טעאַטער אָדער אין אָפּערא.

מיס שעפּאַרד האָט געוואוינט צוזאַמען מיט נאָך אַ נוירס,
אַ מיס ווייסקאָפּ. ניט האָבענדיג קיין אַנדערע פריינד אין ניו יאָרק,
האָט זיך מיס שעפּאַרד פאַרטרויט אין דער נוירס, מיט וועלכער
זי האָט צוזאַמען געוואוינט. זי האָט איהר דערצעהלט אַלעס וועגען
געגען דעם דאָקטאָר. „איך וואַרען אייך, אַז איהר זאָלט זיך היטען
פון איהם. אַ דאָקטאָר וואָס איז גוט צו אַ נוירס, האָט ניט קיין
עהרליכע אויסזיכטען. ער מיינט זי בלויז צו פאַרפיהרען". אַזוי
האָט מיס ווייסקאָפּ געזאָגט. מיס שעפּאַרד האָט עס ניט געוואָלט
גלויבען. „אַך, מיס ווייסקאָפּ, ווען איהר וואָלט איהם נאָר געזעהן,
ווען איהר וואָלט מיט איהם גערעדט בלויז אַ פּאָר ווערטער!"

— וויל איך איהם טאַקע זעהן! — האָט מיס ווייסקאָפּ געזאָגט. — אַז איך וועל מיט איהם אַ רעד טאָן, וועל איך שוין
וויסען אויב מען קען איהם טרויען.

די אומשולדיגע מיס שעפּאַרד האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר
אַ פּלאַן איהר פריינדין האָט דאָ אויסגעאַרבייט. זי האָט די מיס

אַכט־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

מיין מוטער'ס נוירס

עס איז גאַנץ נאַטירליך, אז ווען מיין מוטער האָט אַ נוירס און די נוירס איז אַ שעהנע און אַ סימפּאַטישע, דאָס איך זאָל זיך פאַראינטערעסירען אין איהר.

מיין מוטער איז שוין געווען בעסער. אָבער זי האָט נאָך גע־דאַרפט האָבען די נוירס. די ערשטע טעג האָב איך זי ווייניג באַ־מערקט. איך בין געווען צופיעל באַזאָרגט וועגען מיין מוטער. און די ערשטע זאַך וואָס האָט געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט צו דער נוירס איז געווען איהר גוטסקייט מיט וועלכע זי האָט באַהאַנדעלט מיין מוטער. יעדען מאָל ווען מיין מוטער פלעגט קריגען אַ שטאַר־קע אַטאַקע, שמערצען, פלעגט מיס שעפּאַרד (איבערגעמאַכט פון „שעפּקין״) מיט איהרע גוטע ווערטער, מיט איהר שמייכעל און מיט איהר צערטליכקייט די וועהטאָגען אַזוי ווי מיט דער האַנד אַראָפּנעמען.

מיס שעפּאַרד איז ניט געווען פון דעם טיפּ מיידלאַך, וואָס איך האָב זיך אימער פאָרגעשטעלט אַלס מיין אידעאַל. זי איז גע־ווען קליין געוואַקסען, איידעל געבויט, אַזוי ווי מיס בראָדסקי. דער אונטערשיעד איז געווען אין דעם, דאָס מיס בראָדסקי איז געווען אַ בלאָנדע און מיס שעפּאַרד — אַ ברונעטין. מיס בראָדסקי'ס פּנים האָט אימער געלאַכט, אָבער מיס שעפּאַרד'ס פּנים איז גע־ווען ערנסט און געשמייכעלט האָבען בלויז איהרע קלוגע שיינענ־דע אויגען, אין וועלכע מען האָט געקענט זעהן גוטקייט אָהן אַ גרעניץ.

יעדען מאָל ווען זי האָט ארומגענומען מיין מוטער און איהר געהאָלפען זיך אוועקזעצען, אָדער ווען זי האָט געגלעט מיין מו־טער'ס קאָפּ און איהר געטרייסט אז די אַטאַקע פון שמערצען

איך בין שוין געווען גרייט צו באצאָהלען איהר מיט צוטרויען פאַר צוטרויען. איך בין געווען גרייט איהר צו דערצעהלען דעם ראָמאַן פון מיין אייגענעם לעבען, אָבער איך האָב זיך אָפּגעהאַל־טען און איך האָב אַביסעל געענדערט די געשיכטע וואָס איך האָב איהר געוואָלט דערצעהלען.

— עס הייסט, ניט מיין אייגענע ערפאַהרונג, נאָר די ער־פאַהרונג פון מיינעם אַ נאָהענטען פריינד וויל איך אייך דערצעה־לען. ער איז געווען פאַרליעבט אין אַן אָרימער מיידעל. זיינע רייכע עלטערען זיינען געווען געגען דעם. ער האָט געוואוסט אַז זיינע רייכע עלטערען וועלען זיין געגען דעם, אַז ער זאָל חתונה האָבען מיט דער אָרימער מיידעל. דערוויילע האָט זיך געמאַכט אַז אַן אַנדער רייכער יונגערמאַן, וועלכער האָט געהאַט מעהר מוט ווי מיין פריינד, האָט זיך פאַרליעבט אין דער זעלבער מיידעל און האָט מיט איהר חתונה געהאַט טראָץ דעם וואָס זיין מוטער האָט דאָס ניט געוואָלט. נו, איך קען אייך זאָגען, אַז מיין פריינד ליעבט נאָך זיין ערשטע געליעבטע אַזוי ווי פריהער, און פון דעסטוועגען האָט ער זיך ניט ענטזאָגט פון דער וועלט. ער האָפט נאָך צו געפינען אַ מיידעל וועלכע ער וועט קענען ליעבען און אַכטען, און זיין מיט איהר גליקליך.

מיס שעפּאַרד האָט מיך אַ ביסעל שאַרפליך אָנגעקוקט מיט איהרע קלוגע אויגען. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— נו, מענער זיינען אַנדערש. אַ מאַן איז באַשאַפען געוואָרען פון אַ שטאַרקערען שטאָף. ער קען אַלעם אַריבערטראָגען. זיין האַרץ היילט זיך שנעל. אָבער ניט אַ שוואַכע פרויענצימער — מיר זיינען באַשאַפען געוואָרען פון אַן איידעלערען שטאָף.

*

אויף דער אַנדער נאַכט, ווען אַלע ביי אונז אין הויז זיינען שוין געשלאָפען, האָט מיס שעפּאַרד פּאַוואָלינקע אַנגעקלאַפּט אין מיין צימער. איך האָב זיך דערשראָקען. איך האָב באַלד פאַר־שטאַנען, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט מיין מוטער. און אַזוי איז דאָס געווען. מיס שעפּאַרד האָט געדאַרפט אַרונטערגעהן אין אַפּ־טייק און זי האָט מורא געהאַט צו לאָזען מיין מוטער אַליין.

ווייסקאָפּ איינמאָל מיטגענומען אויף א באזוך צום דאָקטאָר. מיס ווייסקאָפּ פלעגט זיך דערנאָך אליין איינלאַדען מיטצוגעהן יעדען מאָל ווען מיס שעפּאַרד פלעגט געהן מיט'ן דאָקטאָר צו א פאַר־שטעלונג, אַן אָפּערא, אָדער אַ קאָנצערט. זי האָט שטילערהייט גענומען אינטריגירען, מאַכען א העצקע צווישען איהר פריינדין און דעם דאָקטאָר. זי האָט אליין אָנגעהויבען צו באזוכען דעם דאָק־טאָר און זי האָט איהם פאַרפּלאָנטערט אין א נעץ, פון וועלכען ער האָט זיך ניט געקענט אַרויסרייסען. ער האָט געמוזט מיט דער מיס ווייסקאָפּ חתונה האָבען.

מיס שעפּאַרד'ס אויגען זיינען אָנגעלאָפען מיט טרעהרען ווען זי האָט געענדיגט מיר דערצעהלען איהר געשיכטע. איך האָב גע־זעהן אַז זי ליידעט נאָך פון איהר פאַרלאָרענער ליעבע.

— דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב א געלעגענ־הייט צו דערצעהלען א מענשען פון מיין אומגליק, — האָט זי באַ־מערקט.

— איהר דאַרפט עס ניט רעכענען פאַר אַן אומגליק, — האָב איך זי געטרייסט. — איהר ווייסט נאָך ניט, אויב איהר וואָלט געווען גליקליך מיט דעם דאָקטאָר. און ווי לעבען זיי צוזאַמען?

— איך ווייס אַז ער איז זעהר אומגליקליך, — האָט מיס שעפּאַרד געזאָגט, טרויעריג שאָקלענדיג מיט איהר קאָפּ. — ער איז צו פיין, צו איידעל פאַר איהר. זי קומט גאָר ניט צו איהם. א פאַלשער, א נידעריגער כאַראַקטער, איז זי. ווי קען ער זי ליע־בען? זי האָט איהם אויף א ווייל פאַרדרעהט דעם קאָפּ און יעצט איז ער געבונדען אויפ'ן גאַנצען לעבען.

— איהר וועט עס פאַרגעסען, — האָב איך זי ווייטער גע־טרייסט. — איהר וועט נאָך ווידער ליעבען.

— ניין, — האָט זי געזאָגט. — איך וועל שוין קיינמאָל קיין אַנדערען ניט ליבען. איך גלויב ניט, אַז איך וועל אַמאָל קענען וועמען ליעבען.

— דאָס האָט איהר גענומען די אידעע פון די ראָמאַנען, — האָב איך געזאָגט און זיך אַרומגעקוקט, אויב אימיצער הערט אונז, כאָטש איך האָב געוואוסט אַז קיינער, אויסער אונז, איז דאָ אין צימער ניטאָ. — איך וועל אייך זאָגען פון ערפאַהרונג —

— בלייב שוין היינט אין דער היים און רוה זיך אויס, — האָט מיין פֿאָטער געזאָגט. — און זעה אַז די נוירס זאָל אויך האָבען אַ געלעגענהייט זיך אויסצורוהען. דו ווייסט, סעם, אַז זי איז זעהר אַ פיינע נוירס? איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז זי איז זעהר אַ גוטע און איידעלע מיידעל.

איך בין געלעגען אין בעט נאָך אַ שטונדע. די טיר איז גע־ווען אָפען. איך האָב געהערט ווי מיס שעפּאַרד עוסק'ט זיך אין קיך. שפּעטער איז זי צוגעגאַנגען צו מיין טיר און געפרעגט צי איך בין גרייט צו עסען פריהשטיק, זי האָט שוין אַלעס פערטיג.

— איך בין נאָך מיעד, — האָב איך געזאָגט, איך פיהל נאָך שלעפעריג.

— אַלראַיט, — האָט זי געזאָגט, — וועל איך אייך געבען אַ גלאָז וואַרימע מילך און איהר וועט זיך נאָכדעם קענען ווייטער שלאָפען.

זי האָט אַריינגעטראָגען אַ גלאָז מילך אויף אַ טעצעל. איך האָב אויסגעטרונקען די מילך, איהר אַנגעקוקט מיט דאַנקבאַרקייט, און אַליין ניט ווייסענדיג וואָס עס טוט זיך מיט מיר, האָב איך אָנ־גענומען איהר האַנד און האָב עס לאַנגזאַם צוגעצויגען צו מיין מויל, קוקענדיג איהר אין די אויגען. זי האָט זיך ניט געוועהרט, אָבער זי האָט מיר צוריקגעוואָרפען אַ בליק, וועלכער האָט אויס־געדריקט אַ טשאַלענדזש, אַזוי ווי זי וואָלט פּראָטעסטירט.

עס האָט איהר גענומען אַ היבשע צייט אויפצואוועקען דעם דראָגיסט. אָבער ענדליך איז זי געקומען מיט די מעדיצין וואָס זי האָט געדאַרפט. (אין דער צייט וואָס איך בין געשלאָפען אין מיין צימער און מיין פאָטער אין אַן אַנדער צימער האָט מיס שעפּאַרד גערופען דעם דאָקטאָר און ער האָט פאַרשריבען אַ נייעם רעצעפּט). איך האָב איהר פאַרגעהאַלטען וואָרום זי האָט מיך פריהער ניט אויפגעוועקט, אָבער זי האָט בלויז געענטפערט: „צו וואָס?“

איך האָב אַן איהר באַמערקט, אַז זי האָט די גאַנצע נאַכט נאָך ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג.

— מיס שעפּאַרד, — האָב איך געזאָגט, — איך האָב שוין געשלאָפען. יעצט וועל איך זיצען אַ ביסעל ביי מיין מוטער און איהר געהט אַריין אין מיין צימער און לעגט זיך צו.

זי האָט זיך ענטזאָגט פון מיין פאָרשלאַג. אָבער ווען מיין מוטער האָט זי אויך געבעטען, אַז זי זאָל געהן זיך צולייגען, האָט זי געפאָלגט.

די מעדיצין האָט געמאַכט אַ גוטע ווירקונג אויף מיין מוטער. זי האָט אָנגעהויבען צו פיהלען לייכטער און איז איינגעשלאָפען. איך בין אויך איינגעשלאָפען אין דעם שטוהל, אויף וועלכען איך בין געזעסען.

ווען עס איז געוואָרען טאָג, איז מיס שעפּאַרד אַריינגעקומען, האָט מיך פאָרזיכטיג אויפגעוועקט און אַ וואונק געטאָן, אַז איך קען שוין געהן אין מיין צימער, דען זי האָט זיך שוין אַ ביסעל אויס־געשלאָפען. אַז איך בין אַריין אין מיין צימער, האָב איך געזעהן, אַז מיין בעט איז געווען אומבאַריהרט. מיס שעפּאַרד איז גע־שלאָפען אין מיין וויעג־שטוהל.

איך האָב זיך אויף מאָרגען פאַרשלאָפען און אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך געזעהן מיין פאָטער שטעהן נעבען מיר. ער איז שוין געגאַנגען צו ביזנעס.

— פאַר וואָס האָט מען מיך ניט אויפגעוועקט? — האָט ער געפרעגט.

— מיס שעפּאַרד האָט ניט געוואָלט שטערען דיין שלאָף, — האָב איך געענטפערט, געבענדיג מיס שעפּאַרד דעם גאַנצען קרע־דיט פאַר דיזער אויסגערעכענטהייט.

וועלכע איז אויך געזעסען דערביי, האָט אויף זיי ביידען געקוקט און אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף איהרע ליפּען. אפשר אַלס פּרוי האָט זי פאַרשטאַנען וואָס זיי ביידע טראַכטען.

מיין מוטער האָט געבעטען מיס שעהנפעלד זיצען און מיס שעפּאַרד האָט איהר צוגעטראָגען אַ שטוהל האַרט נעבען בעט. מעהר ווי פינף מינוטען איז מיס שעהנפעלד ניט געזעסען אין מיין מוטער'ס צימער. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ חולה דאַרף מען ניט באַלעסטיגען מיט צופיעל פריינדשאַפט. זי איז דערנאָך אַריין אין דיינינג רום, וואו דבורה און איך האָבען מיט איהר אַ ביסעל פאַר־בראַכט.

שפּעטער אין אָוועגד, ביי אַ געלעגענהייט, ווען איך בין גע־בליבען מיט מיס שעפּאַרד אַליין, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— מיס שעהנפעלד איז אַ זעלטענע מיידעל, זי איז זעהר שעהן, און איהר שעהנקייט איז ניט פון די געוואוינליכע שעהנע פּנים'לאַך וואָס מען זעהט צווישען די מיידלאַך. איהר שעהנקייט איז עפּעס אַ אַנדערע, אַ העכערע. עס איז אַ שעהנקייט פון דער נשמה אַזוי ווי פון קערפּער. הײנט איהר שטימע, אַזוי ווי פון אַ קולטיווירטע פּערזאָן!

— מיס שעפּאַרד, — האָב איך געזאָגט, — איהר רעדעט אַזוי ווי איהר וואָלט געווען פאַרליעבט אין מיס שעהנפעלד.

— ווען איך וואָלט געווען אַ מאַנספּערזאָן, וואָלט איך זיך פאַרליעבט אין איהר ביז די וואָרצלען פון מיינע האָר, — האָט מיס שעפּאַרד אויסגערופען.

אָבער אין איהר שטימע האָט זיך געהערט אַ לייכטער ציטער. עס איז איהר שווער געווען די ווערטער אַרויסצורײדען און ניט פיהלען אַז זי גיט אַוועק אַלעס און נעמט זיך גאָרנישט.

עס האָט מיך געפרעהט צו הערען פון מיס שעפּאַרד אַזאַ מיי־נונג וועגען מיס שעהנפעלד. איך אַליין האָב נאָך קיין באַשטימטע מיינונג געהאַט פון מיס שעהנפעלד. איך האָב ערשט אין דער לעצ־טער צייט אָנגעהויבען צו באַמערקען אַז זי איז שעהן און טאַקע זעהר שעהן.

נײַן־און־פֿערציגסטער קאַפּיטעל

יענער זונטאָג!...

מיס שעהנפעלד פלעגט זעלטען באַזוכען אונזער הויז. איך ווייס ניט אויב זי איז ביי אונז אין הויז געווען דריי מאָל זייט זי אַר־בייט ביי אונז, אויסער די פּאָר טעג וואָס זי האָט זומער־צייט פאַרבראַכט ביי אונז אין קאַנטרי. און אַז זי איז געקומען מבקר־חולה זיין מיין מוטער, איז זי געווען אַ זעהר אנגענעהמער גאַסט. איך האָב זי אַליין אַריינגעפיהרט צו מיין מוטער, זאָגענדיג:

— זעה, מאַמע, ווער עס איז צו דיר געקומען. דער מענע־דזשער פון אונזער פירמע. זי מענעדזשט דעם פּאַפּאַ, מיך און די גאַנצע ביזנעס.

מיין מוטער האָט געשמייכעלט און האָט מיס שעהנפעלד דער־לאַנגט איהר דאַרע שוואַכע האַנד. מיס שעהנפעלד איז געווען גע־ריהרט פון דעם פאַמיליארען קבלת פנים וואָס איך האָב איהר גע־געבען, נאָר זי האָט געמאַכט אַן אַנשטעל, אַז זי איז אונצופרידען וואָס איך מאַך אַ ביסעל חוזק פון איהר.

מיט שעפּארד, וועלכע איז דערביי געווען אין צימער, האָט גע־וואָלט אַרויסגעהן, אָבער איך האָב זי געבעטען צו פאַרבלייבען.

— געהט ניט, מיס שעפּאַרד, — האָב איך געזאָגט. — איך וויל, אַז איהר זאָלט באַקאַנט ווערען מיט מיס שעהנפעלד, אַ פריינ־דין פון אונזער פאַמיליע. זי איז מענעדזשער פון מיין פאָטער'ס געשעפט. מיס שעהנפעלד — מיס שעפּאַרד.

זיי האָבען זיך העפליך פאַרבייגט איינע פון די אַנדערע. נאָכ־דעם האָבען זיי זיך מיט זייטיגע בליקען איינע די אַנדערע אָפּ־געמאָסטען. פרויען האָבען אַזאַ קונץ צו קוקען אַז קיינער זאָל ניט באַמערקען אַז זיי זעהן. וואָס אין זייערע געדאַנקען איז אין דער צייט פאָרגעקומען, איז שווער צו וויסען. איך האָב באַמערקט, אַז דבורה,

מעהר מיידעלשען אויסזעהן, האט זי ביי מיר אן אנדער פּנים באקומען.

העברעאיש האבען מיר אין דער לעצטער צייט ווידער פאר־נאכלעסיגט. אבער אין דעם איז קיינער ניט געווען שולדיג, אויסער מיין מוטער׳ס קראנקהייט. מים שעהנפעלד איז געוועזן ניט דרינגענד. ווי א גוטע לעהרערין האט זי געפיהלט, אז יעצט איז ניט די צייט פון לערנען, נאר פון מיטפיהלען און סימפאטיזירען.

— אייער מוטער האט זעהר א פיינע נוירס, — האט זי מיר געזאגט אויף מארגען נאך איהר באזוך. — מען קען גלייך זעהן, אז זי האט א גוטע נשמה. עס איז א גליק פאר א חולה, ווען ער קען קריגען אזא גוטע נוירס. אזא זיסער, איידעלער פּנים —

און עס האט מיך געפרעהט וואס מיס שעהנפעלד האט אזא גוטע מיינונג וועגען מיס שעפּארד. מיט דעם האט זי מיין אייגענע מיינונג באשטעטיגט.

*

מיין מוטער׳ס קראנקהייט האט פלוצלינג אנגענומען א שלעכ־טע ווענדונג. מיר זיינען געווארען שטארק באזארגט וועגען איהר. מיין פאטער האט געלאזט ברייגנען די גרעסטע פּראפעסארען. מען האט געטאן אלעס אום זי צו קענען דערהאלטען ביים לעבען.

אבער איין זונטאג פריהמארגען האב איך געהערט ווי איינער וועקט מיך פון שלאף. דאס איז געווען מיין פאטער.

— וואס איז, פאטער? — האב איך געפרעגט. — וואס מאכט די מאמע?

ער האט גארניט געענטפערט. ער האט נאר אראפּגעלאזען דעם קאפּ און טרעהרען האבען זיך אנגעהויבען צו גיסען פון זיי־נע אויגען.

— זי איז שוין בעסער, — האט ער געזאגט וויינענדיג. — איהר איז שוין גוט. זי איז דארטען מיט די צדיקים. — און ער האט געצייגט מיט א פינגער צום הימעל.

איך האב ניט געשריען, איך האב ניט אויסגעבראכען אין א געוויין. איך האב זיך אליין געוואונדערט וואס מיט מיר איז. מיין מוטער׳ס טויט האט מיך געטראפען ווי א דונער. איך בין געווארען פארטויבט, אלע מיינע חושים זיינען געווארען טעמפּ, אזוי ווי

ווען זי איז צו אונז אָנגעקומען איז זי געווען בלאַס און אויס־געצעהרט. איך האָב געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז זי איז אָנגעגריפען פון שווינדזוכט. שפּעטער, ווען זי האָט שוין אָנגעהויבען צו קריגען מעהר געלד, האָט אָנגעהויבען צו לעבען בעסער און האָט זיך פאַר־ריכט אין איהר אויסזעהן, האָט זי נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין צו־ציהונגס־קראַפט פאַר מיר. און די אורזאַך פון דעם איז געווען (איך שעהם זיך דאָס אפילו אויסצוזאָגען, אָבער איך האָב ביי זיך אָפּ־געמאַכט צו שרייבען נאָר דעם אמת וועגען זיך). וואָס זי פלעגט זיך קליידען זעהר איינפאַך, „פליין“, ווי מען רופט דאָס. זי האָט געטראָגען איהרע האָר גלייך פאַרקאַמט, אַן איינפאַכע ווייסע ווייסט מיט אַ טונקעלע סקוירט איז געווען איהר טעגליכע באַקליידונג. איהרע מאַניערען זיינען געווען איינגעהאַלטען, טרוקען, ערנסט, ביזנעס־מעסיג. ערשט אין דער לעצטער צייט, ווען מיס שעהנפעלד האָט געמאַכט אַן ענדערונג אין איהר געוואוינטהייט, האָב איך זיך אָנגעהויבען בעסער צו קוקען אויף איהר.

איך וויים, אַז ערנסטע מיידלאַך און ערנסטע יונגע לייט וועלען לאַכען פון מיר און זיי וועלען שוין פאָראויסזאָגען מיין סוף, אַז צולעצט האָב איך חתונה געהאַט מיט אַ פוסטער קאָקעטקע, וואָס קען זיך בלויז שמירען דעם פנים און טראָגען קליידער וואָס באַ־קליידען ניט. זאָלען זיי זיך אָבער ניט איילען מיט זייער נבואה. אַ קלוגער דאַרף זיך ניט כאַפּען זאָגען נביאות. איבעריגער פוץ, גע־פאַרבטע פּנימ׳ער, אָפּגעקאַלכטע נעזער און פאַרשייטע קליידער האָבען מיך קיינמאָל ניט פאַראינטערעסירט. איך האָב אימער ליעב געהאַט די נאַטירליכקייט, דעם אומגעפעלשטען חן פון אַ פרויענ־צימער. אָבער איך האָב געהאַט אַ פאָראורטייל געגען „מאָנאַשקעס“ און „מאַנסבילשע מיידלאַך“. איך האָב געוואָלט זעהן אין אַ מיידעל דעם נאַטירליכען חשק צו פוצען זיך (מיט אַ געוויסער מאָס — געוועהנליך) צו צוציהען, צו פאַראינטערעסירען. אפשר האָט מיס שעהנפעלד אַליין איינגעזעהן איהר טעות, אָדער אַ גוטע פריינדין האָט איהר דאָס געראַטהען. אָבער דער פאַקט איז, אַז נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעהויבען צו פאַרקאַמען איהרע האָר אין אַ וועג וואָס האָט איהר געמאַכט שעהנער, און נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעהויבען צו קומען אין אָפּיס אין קליידער, וואָס האָבען איהר צוגעגעבען אַ

פופציגסטער קאַפּיטעל

טרויער און טרייסט

די זעלבע פריינד וואָס איך האָב געזעהן ביי מיין מוטער׳ס לויה זיינען אויך געקומען צו אונז אין הויז, אין די שבעה־טעג, מנחם אבל זיין. איין פערזאָן האָט געפעהלט און דאָס איז געווען מיס שעפּאַרד, די נוירס. זי איז אַזוי ווי פאַרשוואונדען געוואָרען. נוירסעס האַלטען ניט אָן זייער פריינדשאַפט מיט פּאַציענטען. איך האָב געהערט פון פּאַציענטען וואָס האָבען זיך בעת זייער קראַנקהייט פאַרליעבט אין זייערע נוירסעס, אָבער ווען זיי זיינען געזונד געוואָרען האָבען זיי די נוירסעס פאַרגעסען. די ליעבע איז אוועק צוזאַמען מיט דער קרענק. מיט מיר איז אפילו אנדערש געווען. איך בין ניט געווען מיס שעפּאַרד׳ס פּאַציענט, אָבער מיר האָבען זיך אויף אַזוי פיעל באַפריינדעט, אַז עס האָט מיר זיך אַ צייט נאָכדעם ווי זי איז אַוועק, געוואָלט זי זעהן נאָך אַמאָל. די געשיכטע פון איהר לעבען, וואָס זי האָט מיר פאַרטרויט, האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט.

עטעל איז געקומען מיט איהר מאַן, אַרנאָלד, און מיט זיינע עלטערען צוזאַמען. און ווי טרויעריג עס איז מיר געווען אויפ׳ן האַרצען, האָב איך געפיהלט אַ טרייסט אין דעם וואָס סאָפיע קאַפּטאַן האָט זיך פאַרהאַלטען פריינדליך צו דבורה׳ן. אָט אַזאַ ווירקונג מאַכט עס דער טויט, דאָס ער פאַראייניגט די צוש־ידענע און באַפריינדעט די שונאים. מיס שעהנפעלד איז גראָדע אָנגעקומען אין דער צייט, און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס זי האָט זיך באַקאַנט מיט עטלען. דבורה האָט זיי פאָרגעשטעלט איינע פאַר דער אַנדערער. און איך האָב באַמערקט, אַזביידע זיינען זיך איינע די אַנדערע שטאַרק געפעלען געוואָרען.

מיס בראָדסקי איז געקומען מיט איהר פאָטער און איהר שטיעפמוטער. זיי זיינען געקומען שבת, ווען מיר זיינען שוין

אפגעשטארבען. פאר וואס קען איך ניט וויינען? עפעס גלויבט זיך מיר ניט. עס איז אונמעגליך. אפשר חלומ'ט זיך דאס מיר. איך האב אויף זיך ארויפגעווארפען א שלאפראק און בין אריין אין מיין מוטער'ס צימער. און אז איך האב דערזעהן איהר אויסגעצויגענעם קערפער ליגען באוועגלאז, איבערגעדעקט מיט א ליילאך, האב איך אויסגעבראכען אין א געוויין:

— אוי, מאמע, מאמעלע מיינע!...

און דא האבען אנגעהויבען צו פליסען מיינע טרעהרען אזוי ווי פון קוואלען וואס נעמען זיך קיינמאל ניט אויס. אפילו יעצט, ווען איך שרייב דיזע ציילען, און איך שטעל זיך פאר ווי איך בין געשטאנען ביי מיין מוטער'ס בעט, דאן, יענעם זונטאג, לויפען אן מיינע טרעהרען און גיסען זיך אויפ'ן פאפיר, בעת מיינע ליפען מורמלען: „אוי, מאמע, מאמעלע מיינע...“

די לויה איז געווען אויף מארגען, מאנטאג. א סך באקאנטע האב איך געזעהן קומען צום ריינעם ארט צו זעהן ווי מען לייגט אוועק מיין טייערע מאמען אין איהר אייביגער רוה. איך געדענק, איך האב דארט געזעהן עטלען מיט איהר מאן, סאפיע קאפטאן איז דארט אויך געווען מיט מר. קאפטאן. אויך מיס בראדסקי מיט איהר פאטער. דבורה האט פון מיר ניט אפגעטראטען און מיס שעהנפעלד האט כמעט געפיהרט מיין פאטער אונטער די הענד. מיס שעפארד האב איך ניט געזעהן. זי איז אוועק נאך זונטאג. און איך געדענק, אז זי האט שטארק געוויינט ביי איהר אוועקגעהן.

יענעם זונטאג וועל איך קיינמאל ניט פארגעסען. עס איז מיר שווער געווען זיך אפצורייסען פון יענעם בערגעל ערד, אונטער וועלכען עס איז יעצט געלעגען די טייערסטע זאך אין דער וועלט — מיין מאמע...

אַנגעהויבען צו באַמערקען, אַז מיין פֿאָטער קוקט אויף דבורה׳ן מיט אַ באַזונדער צערטליכקייט... מיט אַזעלכע בליקען, וואָס איך האָב נאָך איהם ניט געזעהן קוקען אויף קיין אַנדער פֿרוי ווי מיין מוטער... דעם ערשטען מאָל וואָס איך האָב דאָס באַמערקט האָב איך זיך דערשראָקען... עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט ווי אימיצער טרייבט אַרויס מיין מוטער פֿון הויז און פֿאַרנעמט איהר אָרט. אָבער אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָב איך זיך באַרוהיגט. איך האָב אָנגענומען אַז מיין פֿאָטער׳ס בליקען צייגען אַרויס בלויז געפֿיה־לען פֿון גרויס דאַנקבאַרקייט, ווייל דבורה איז געווען זעהר גוט צו אונז.

די צייט איז זיך ווייטער געלאָפֿען. ווען די הייסע וועטערען זיינען אָנגעקומען, האָבען מיר פֿאַרשלאָסען די הויז. דבורה איז אַוועקגעפֿאָהרען איבער׳ן זומער צו עטלען, וועלכע האָט מיט איהר מאַן געהאַט אַ קאָטעדזש אין די מאַונטענס. מיין פֿאָטער און איך זיינען איינגעשטאַנען אין אַ אידישען האָטעל אין ראָקאַוויי ביטש. און מיר פֿלעגען יעדען טאָג, אויסער שבת און זונטאָג, קומען אין ניו יאָרק צו ביזנעס.

אין דזשולײַ האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג פֿון עטלען אין נאָמען פֿון איהר מאַן, אַז איך זאָל קומען צו איהר אויף שבת און זונטאָג, און אויב איך קען, זאָל איך אויך מיטברייננגען מיס שעהנפֿעלד. איך האָב געצייגט די איינלאַדונג צו מיס שעהנפֿעלד און איהר געפֿרעגט, אויב זי וויל פֿאָהרען.

— מיט אייך? צו יעדער צייט! — האָט זיך ביי איהר פֿון מויל אַרויסגערעדט, און באַלד האָט זי זיך אַ ביסעל פֿאַרשעהמט וואָס זי האָט אַזוי שנעל די איינלאַדונג אָנגענומען.

— און איהר וועט גאָר ניט פֿרעגען אייער מוטער? — האָב איך געפֿרעגט.

— ניין... איך בין שוין אַ גרויסע... מיין מוטער וויל מיר מעהר קיין עצות ניט געבען — האָט זי געזאָגט מיט אַ געמאַכטער שטאָלץ.

אויף דער רייזע מיט מיס שעהנפֿעלד האָב איך אויך אָנגע־הויבען צו פֿיהלען ווי אַ אינגעל וואָס איז גרויס געוואָרען. איך בין יעצט געפֿאָהרען מיט מיין אייגענער ערלויבניש. מיין פֿאָטער

אויפגעשטאנען פון שבעה. עס איז אונז געלונגען צו ריידען א פּאר ווערטער צווישען אונז. זי האָט מיך זעהר וואַרים געטרייסט, גע־זאָגט אַז מיין מוטער איז איהר זעהר ליעב געווען ווי אַן אייגענע. איך האָט זי אריינגעוואָרפען א פּאָר ווערטער וועגען דעם, אַז עס שאַדט ניט אַז מיר זאָלען זיך אַמאָל טרעפען אין „דזשוּאיש סענטער״. זי וויל איך זאָל זיך באַקאַנען מיט איהרען א פריינד.

איך האָב איהר געוואָלט פרעגען ווי האָט זי אַזוי שנעל גע־ענדערט איהר מיינונג. זי האָט דאָך ניט לאַנג צוריק געזאָגט, אַז זי וועט קיינמאָל ניט חתונה האָבען. אָבער איך האָב זיך אָפּגעהאַל־טען און ניט געפרעגט. עס זיינען דאָ א סך אַזעלכע ערנסטע און קלוגע פילאָזאָפקעס ווי מיס בראַדסקי וואָס ענדערען זייערע מיי־נונגען.

די לעזער מוזען זיך געוויס וואונדערען, וואָס אַזעלכע זאַכען זיינען מיר געלעגען אין קאָפּ אין מיין גרויסען טרויער. זיי קענען מיינען, אַז איך האָב שוין געהאַלטען אין פאַרגעסען מיין מוטער... ניין, מיינע פריינד! איך האָב מיין מוטער עד היום ניט פאַרגע־סען. זי איז פאַר מיר עד היום נאָך אפילו ניט געשטאָרבען. זי לעבט ביי מיר אין האַרצען, זי לעבט אין מיינע געדאַנקען.

פּאַר א היבשע צייט נאָך איהר אַוועקגעהן צום עולם האמת פלעג איך זי אָפט זעהן אין חלום. איך פלעג מיט איהר ריידען אין חלום. איך פלעג הערען ווי זי בענשט מיך אין חלום. צייטענ־ווייז בין איך געווען גענייגט צו גלויבען, אַז דאָס קומט זי טאַקע צו מיר פון יענער וועלט. זי האָט זיך פאַרבענקט נאָך מיר... א מאַמע בלייבט א מאַמע. אפילו דער טויט קען די מוטער־ליעבע ניט פאַרניכטען...

די אינטערעסע וואָס איך האָב גענומען אין לעבעדיגע מענשען איז געקומען פון דעם, ווייל איך אַליין בין דאָך געבליבען צווישען די לעבעדיגע, מיט וועלכע איך האָב געהאַט די זעלבע געמיינשאַפט־ליכע אינטערעסען. מיר זיינען געגאַנגען אויף דער זעלבער ערד, מיר האָבען געאָטעמט די זעלבע לופט, און איין זון האָט פאַר אונז געשיינט, אונז געטרייסט און געהיילט...

דבורה איז ביי אונז פאַרבליבען און האָט געפיהרט די ווירט־שאַפט און זיך געזאָרגט פאַר אונזער וואוילזיין. שפּעטער האָב איך

— נייז, טאקע רחל, — האט מיס שעהנפעלד זיך איינגע־שפארט.

— גוט, רחל'ע, — האט עטעל געזאגט. — אט דאס איז מיין מאן, ארנאלד הייסט ער, ניט מיסטער קאפטאן. דו הערסט, אר־נאלד? דאס איז רחל, און דאס איז סעם, און איך בין עטעל, און מיר זיינען אלע ברידער און שוועסטער.

— זייט איהר צופרידען, מיס שעהנפעלד? — האב איך גע־פרעגט אין שפאס.

— א, ער מאכט שוין א מיסטייק! — האט עטעל זיך גע־בייזערט. — א צווייטען מאל וועל איך שוין פארגעבען א שטראף. עטעל איז די באלעבאסטע. ווער עס פאלגט איהר ניט, וועט מוזען עסען אין קיך.

— שרעקט זיך ניט, שוועסטער רחל, — האט ארנאלד געזאגט צו מיס שעהנפעלד, — אויב איהר וועט זיך פארזינדיגען און זי וועט אייך שיקען עסען אין קיך, וועל איך מיט אייך דארט מיט־עסען.

— אוי, דו אזוינער און אזוינער, — האט זיך עטעל אין שפאס צובייזערט אויף איהר מאן. — שוין אזוי גיך פלירטסטו מיט שעהנע מיידלאך. דערלעבט נחת א יאהר נאך דער חתונה! נו, סעם, וואס זאגסטו צו דעם?

— זאל דאס דיך ניט ארען, שוועסטער עטעל, — האב איך געזאגט. — זאלען זיי עסען אין קיך. וועלען מיר עסען צוזאמען אין דיינינג־רום.

— בראוואָ! גוט געענטפערט! — האט אויסגערופען דבורה, אפלאדירענדיג מיט די הענד.

און נאכדעם זיינען מיר אוועק אין ארטשארד.

— פארגעסט ניט, אז היינט איז שבת, — האט עטעל אונז געווארענט. — רייסען עפעל טאר מען ניט. עס זיינען דא אבער גענוג עפעל וואס זיינען שוין ארונטערגעפאלען פון בוים.

האָב איך ניט געפרעגט. איך האָב איהם בלויז געזאָגט וואוהין איך פאָהר. און מיין מוטער איז ניט געוועזן...

ניין, דאָס האָט מיר זעהר ווייניג פרייד געבראַכט, וואָס מיין מוטער איז שוין ניט געוועזן מיר צו זאָגען אַ דעה. מיין מוטער וואָלט מיר זיכער ערלויבט די איינלאַדונג אָנצונעמען און צו פאָה־רען מיט מיס שעהנפעלד אַליין. ווען מיין מוטער האָט געלעבט, האָט זי מיר אַליין איינמאָל פון איהר זומער־פּלאַץ געשריבען, אַז איך זאָל מיטברייינגען מיס שעהנפעלד.

מיר האָבען געהאַט אַ זעהר וואַרימע אויפנאַהמע. דבורה האָט אַרומגעטאַנצט אַרום מיר אַזוי ווי איך וואָלט געווען איהר אייגען קינד, און עטעל האָט געקושט מיס שעהנפעלד אַזוי ווי אַן אייגענע שוועסטער. צווישען זיי ביידען איז גלייך אויפגעוואַקסען אַ שטאַרקע פריינדשאַפט.

איך האָב יענעם שבת געהאַט אַן אמת'ן שבת נחמו. איך האָב זיך געפרעהט וואָס עטעל האָט אַזוי ליעב מיס שעהנפעלד. און איך האָב זיך אויך געפרעהט, וואָס עטעל לעבט אַזוי רייך, און וואָס אַלעס אין איהר לעבען האָט זיך געענדערט צום גוטען.

„גוטער גאָט! — האָב איך אין הארצען געבעטען — גיב איהר גליק און אַל־דאָס גוט! עטעל האָט עס פאַרדינט. זי האָט גענוג געליטען, די טייערע, די גוטע נשמה, איז עלענד און אָרימ־קייט. פאַר יעדען טרעהר גיב איהר אָפּ אַ ים מיט זונענשיין!“

— וואָס זייט איהר עפּעס צוטראָגנען? — האָט עטעל גע־זאָגט צוקומענדיג צו מיר און שטיפעריש מיך שלעפּענדיג פאַר'ן האַנד. — קומט! מיר'ן געהן איז אָרטשאַרד. מיר האָבען שוין צייטיגע עפּעל. קומט, מר. פרומקין!

— איך בעט אייך, — האָב איך געזאָגט גערירהרט, — הערט מיך אויף צו „מיסטערען“. רופט מיך סעם, ראַטס אַלל, אַזוי ווי איך רוף אייך עטעל.

— אַלראַיט, סעם ראַטס אַלל, — האָט זי געשפּאַסט. — לאָ־מיר אַלע ווערען ברידער און שוועסטער און זיך רופען ביי די ער־שטע נעמען! ווי איז אייער ערשטער נאָמען, מיס שעהנפעלד?

— רחל, — האָט זי געענטפערט.

— רייטשעל, — האָט איהר דבורה פאַרריכט.

ווי קום איך צו פאַדערען טרייהייט פון עטלען, ווען איך האָב געהאַנדעלט געגען איהר אַזוי אומגעטריי, ווען איך בין געגאַנגען זעהן כלות מיט נדן אין דער צייט ווען איך האָב געטרוימט נאָר פון איהר?

און יעצט, ווי דאָס רעדעל האָט זיך איבערגעדרעהט! עטעל איז רייך. זי האָט מיך איינגעלאַדען, ווייל זי וויל מיר געבען אַ פרייען וואקיישאַן, אַזוי ווי מען גיט אַן אָרימען קרוב. און איך בין צו איהר מאַן אַ בעל־חוב, דען מיין פאָטער איז נאָך שולדיג אַ גרויסע סומע געלד צו דער פירמע אין וועלכע אַרנאָלד קאַפּטאַן און זיין פאָטער זיינען פאַרטנערס.

אויף מאָרגען, זונטאג, איז געקומען נאָך אַ גאַסט, דאָס איז געווען אַרנאָלד׳ס אַ קרוב, אַ יונגער ראַבינער וואָס האָט ערשט געענדיגט אין סינסינאַטי, דאָקטאָר וויים, האָט ער געהייסען. ער איז געווען שעהן, הויך און ברייט געוואַקסען און ווען ניט זיין גאַנג, וואָס איז געווען אַ ביסעל אומגעלומפּערט, וואָלט ער געווען אַ ריכטיגער אַפּאָלאָ. דיזער גאַנג איז איהם פיליייכט געקומען פון צופיעל זיצען איבער די ביכער.

דער יונגער ראַבינער האָט זיך גלייך, ביים ערשטען בליק, פאַראינטערעסירט אין מיס שעהנפעלד, און ווען ער האָט זיך דער־וואוסט אַז זי קען העברעאיש, האָט ער גענומען מיט איהר ריידען נאָר העברעאיש. ער האָט זיך אין איהר איינגעטשעפּעט ווי סמאָלע. מיס שעהנפעלד האָט זיך געפרעהט מיט דער געלעגענהייט וואָס זי קען צייגען ווי גוט זי רעדט העברעאיש, דען זי האָט גערעדט פיעל שנעלער פון דעם ראַבינער. און ביידע האָבען געפונען גרויס פאַרגעניגען שמועסענדיג צוזאַמען.

מיך האָט עס גענומען פאַרדריסען. איך האָב ניט אַלעס פאַר־שטאַנען וואָס זיי האָבען גערעדט. און דערפאַר, יעדען מאָל אַז זיי האָבען אַ לאַך געטאָן, האָט זיך מיר געדאַכט אַז מען לאַכט פון מיר. איך בין געוואָרען בייז אויף דעם ראַבינער, איך בין געווען ברוגז אויף מיס שעהנפעלד, און איך האָב שוין ביי זיך באַשלאָסען, אַז איך זאָל מעהר קיין העברעאיש ניט לערנען. צו וואָס דאַרף מען אַזאַ שפּראַך?

איין=און=פופציגסטער קאַפּיטעל

רעטענישען און געהיימניסען

איז עטעל טאַקע געווען גליקליך? האָט זי טאַקע ענדליך ליעב באַקומען איהר מאַן, אַזוי ווי זי וואָלט אין איהר לעבען קיין אַנדערען ניט ליעב געהאַט? אָט דיזע פראַגען האָב איך זיך געפרעגט יענעם שבת ביינאַכט, ווען איך בין געבליבען אַליין אין דעם צימער וואָס מען האָט מיר אָפּגעגעבען צו שלאָפען.

עטעל׳ס פרעהליכקייט, וועלכע זי האָט ארויסגעצייגט בייטאָג, ווען זי האָט אונז איינגעלאַדען צו געהן אין פרוכט־גאָרטען, האָט מיר געשיינט צו זיין אַ ביסעל אַנגעשטרענגט, ניט אַ פול־האַרציגע. און אפשר איז מיין חשד געווען אַ גרונדלאָזער. עס קען דאָך אויך זיין, אַז עטעל האָט זיך מיט אַרנאָלד׳ן איינגעוואוינט, געוואָרען מיט איהם היימיש און זי האָט איהם אָנגעהויבען צו ליעבען. אַ שעהנער יונגער מאַן איז ער, נאָך שעהנער פון מיר, אַ ביסעל העכער און פולער. עס קען זיין, אַז ווען זי וואָלט איהם פריהער געטראָפען, וואָלט זי זיך פאַרליעבט אין איהם און ניט אין מיר.

וואָס עס האָט מיך אויך געוואונדערט איז, וואָרום עטעל האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט מיס שעהנפעלד. זי האָט איהר אַרויסגעצייגט גרויס ליעבע און דאָך האָב איך באַמערקט, אַז עטעל פיהלט אַז מיס שעהנפעלד האָט פאַרנומען איהר אָרט ביי מיר אין האַרצען.

מיר מענער קענען זיך אַליין ניט פאַרשטעהן, הייננט ווי קענען מיר פאַרשטעהן די פרויען?

מיר מענער האָבען אָפּגעמאַכט אונזערע כּללים וועגען פרויען, נעמליך: פרויען זיינען פאַלש, פרויען פאַרגעסען זעהר שנעל, פרויען זיינען ניט טריי, פרויען פאַרקויפען זיך פאַר לוקסוס אָדער געלד. אָבער דאָס זיינען אונזערע אייגענע פעהלערען וואָס מיר וואַרפען אָן אויף די פרויען.

נאָכמיטאָג איז געקומען מיס בראָדסקי. זי איז געשטאַנען מיט איהר פאָטער און איהר שטיעפמוטער אין א קאָטעדזש פאַר אכט מייל ווייט, און ווי איך האָב זיך דערוואוסט, פלעגט זי צו עטלען קומען גאַנץ אָפט. נאַטירליך האָבען מיר ביידע זיך גע־פרעהט צו זעהן איינער דעם אַנדערען.

— ווען איך וואָלט געוואוסט אז איהר זייט דאָ, וואָלט איך נאָך פריהער געקומען, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט. — היינט אין דער פריה איז ביי אונז אויך געווען מיין חתן. אָט ערשט איז ער אָפּגעפאָהרען נאָך ניו יאָרק. ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז איהר זייט דאָ, וואָלט איך איהם געבעטען אָפּלייגען זיין רייזע און אויך קומען אַהער.

— ס'אַ פאַרגעניגען וואָס איהר האָט שוין א חתן, — האָב איך געזאָגט ווען מיר האָבען זיך שפּעטער אַוועקגעזעצט א ביסעל אָן א זייט. — איך דאַרף קיין מורא ניט האָבען צו ריידען צו אייך.

— עס פעהלט נאָך אָבער אַז איהר זאָלט אויך האָבען א כלה, און דאַן וואָלט נאָך בעסער געווען. נו, וואָס איז וועגען מיס שעהנ־פעלד ?...

— איהר זייט אויך פון יענע וויבער, וואָס אַז ווי זיי זעהן א בחור מיט א מיידעל געהן צוזאַמען, שרייען זיי אַז דאָס איז שוין א באַשערטער שידוך ? — האָב איך געפרעגט.

— איך דענק, אַז מיס שעהנפעלד איז די פּאַסענדסטע מיי־דעל פאַר אייך, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט. — אויב איהר ליעבט זי ניט, זעהט איהר, דאָס איז שוין אַן אַנדער זאַך, אָבוואָהל איך זעה ניט איין ווארום איהר זאָלט איהר ניט ליעבען.

— צייטענווייז דענק איך אַזוי, — האָב איך געענטפערט. — איך זעה אויך ניט איין וואָרום איך זאָל זי ניט ליעבען, און דאָך בין איך ניט פאַרליעבט אין איהר.

— דאָס איז פילייכט ווייל איהר זייט אימער צוזאַמען, — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט. — איהר זיצט דעם גאַנצען טאָג אין איין אָפּיס. איהר האָט זי אימער אַרום אייך. אַזוי איז אויך דער פאַל מיט פאַרהייראַטע. פאַר דער חתונה איז מען היים פאַרליעבט, מען בענקט איינע נאָך די אַנדערע, עס דאַכט זיך אַז מען קען ניט

מיס שעהנפעלד האָט אָנגעהויבען צו באַמערקען מיין פאַרלעגענהייט און האָט זיך פאַרשעהמט. זי האָט אָנגעהויבען צו ריידען ענגליש און האָט דערביי געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זאָגען: „וואָס קען איך טאָן, אַז ער האָט זיך אַזוי צוגעטשעפּעט? אַנטלויפען? צו וואָס? קיין מיאוסער יונגערמאַן איז ער דאָך ניט, און מיט דיר בין איך דאָך ניט זיכער?"

אַזוי האָב איך אויסגעטייטשט איהר בליק, און אפשר האָט איהר בליק אַזוי געמיינט: „דיר געפעלט ניט? ווי דו ווילסט זיך! דו האָסט מיר נאָך קיין וואָרט פון ערמוטיגונג ניט געגעבען, טאָ פאַרוואָס זאָל איך צוריקווייזען די פריינדשאַפט פון אַזאַ פיינעם געבילדעטען יונגענמאַן וועלכער האָט פאַר זיך אַ שעהנע צוקונפט?"

דער ראַבינער האָט פון מיס שעהנפעלד ניט אָפּגעטראָטען ביז די מיטאָג שטונדען, און נאָכדעם האָב איך באַמערקט אין איהם אַן אונערוואַרטעטע ענדערונג. ער האָט זיך אין גאַנצען דערווייטער פון מיס שעהנפעלד און האָט זעהר וועניג גערעדט צו איהר. און אויף מיר האָט ער געקוקט מיט קנאה.

איך האָב זיך אָנגעשטויסען, אַז ענטוועדער אַרנאָלד, אָדער עטעל, האָט איהם געגעבען אַן אָנצוהערעניש, אַז ער זאָל זיך אָפּטשעפּען, ווייל מיס שעהנפעלד האָט אַן אַנדער בעלן אויף זיך.

דאָס האָט מיך שוין ווידער פאַרדראָסען. וואָס פאַר אַ רעכט האָבען זיי צו דענקען אַז איך בין פאַרליעבט אין מיס שעהנפעלד, אָדער אַז איך קוק אויף איהר ווי אויף מיינע אַ כלה?

איך האָב זיך אַליין אָנגעהויבען דערווייטערען פון מיס שעהנפעלד. ביים טיש, צו דינער, האָב איך צו איהר וועניג גערעדט און איך האָב געזוכט זי צוריק אָנצוואַרפען אויף דעם ראַבינער. איך האָב געוואָלט ווייזען, אַז אַרנאָלד און עטעל האָבען ניט געטראָפען!

יענעם טאָג זיינען מיר קלאָר געוואָרען מיינע באַציהונגען מיט מיס שעהנפעלד. איך האָב זי געוואָלט נאָר ווען איך האָב געזעהן אַ געפאַהר זי צו פאַרלירען. און ווען איך בין געווען זיכער, אַז קיין אַנדערער וועט זי פון מיר ניט אַוועקנעמען, האָב איך זיך פאַרהאַלטען גלייכגילטיג צו איהר. און ניט נאָר גלייכגילטיג, זאָגאָר קאַלט.

צוויי־און־פופציגסטער קאַפּיטעל

מיין פאָטער׳ס פּראָבלעמע

צו בלייבען איינער אַליין, אָהן אַ פרוי, אין די פופציגער יאָהרען, איז פאַר אַזאַ אידען, אַ בעל־הבית, ווי מיין פאָטער, געווען אַ גרויסע טראַגעדיע, אַ חורבן. ער איז דאַן געווען קאַרגע פינף און פופציג יאָהר אַלט, געזונד, פול מיט לעבען און ענערגיע, מיט בלויז אַ קוים באַמערקבאַרע צאָהל גרויע האָר. ער איז געווען אין דעם עלטער און אין דעם צושטאַנד ווען מאַנכע מענשען פאַנגען ערשט אַן צו לעבען.

און פּלוצלינג איז ער געבליבען אַן „אלמן“. איך גלויב, אַז קיין טרויעריגער וואָרט איז אין דער אידישער שפּראַך ניטאָ. עס איז פיעל טרויעריגער ווי דאָס וואָרט „אלמנה“. די פרוי איז דער קאַפּיטאַן פון דער הויז. און אַזוי לאַנג ווי דער קאַפּיטאַן לעבט איז די שיף נאָך ניט פאַרלאָרען. זי איז פרוי און מוטער. זי איז הויז־ווירטהין, ערציהערין, שפּייזערין, פּפלעגערין, וועג־ווייזערין, ראַטגעבערין און טרייסטערין. זי איז אַ טרייער חבר, אַן עזר כנגדו, זי ערמוטיגט, זי גיט אריין אַמביציע און פאַרוואַנדעלט די היים אין אַ גן־עדן און די אַלע שעהנע און גוטע מעלות פון אַ פרוי זיינען אויסגעדריקט אין דעם איין וואָרט „באַלעבאָסטע“!

אַ איד אָהן אַ „באַלעבאָסטע“ איז אַ האַלבער מענש. די גוים האָבען באַרדינג הייזער און קלאָבס וואו איינזאַמע מענשען קענען זיך מאַכען אַ באַקוועמע היים אָהן אַ פרוי. אָבער ניט דער איד וועלכער ווייס און וויל ניט וויסען פון קיין אַנדער היים ווי זיין אייגענע היים, פון קיין אַנדער לעבען ווי פאַמיליען לעבען. מען קען דאַרום ניט באַשולדיגען וואָס ווען אַ איד אַ בעל־הבית ווערט אַן אלמן זוכט ער גלייך ווידערצושטעלען די גאַנצקייט פון זיין פאַמיליען־לעבען.

לעבען אַ טאָג איינער אָהן דעם אַנדערען. אָבער נאָך דער חתונה הערט מען אויף פאַרליעבט צו זיין. מען פיהלט די פאַרליעבעניש ערשט דאַן ווען מען צושיידט זיך איינער פון דעם אַנדערען פאַר אַ צייט, אָדער —

— אָדער וואָס?

— אָדער עס קומט אַריין צווישען די פּאָר פּאָלק אַ דריטע פּערזאָן, אַ געליעבטער אָדער אַ געליעבטע. דאַן הויבט אָן די ליע־בע צו ריידען דורך אייפערזוכט!

(זי האָט געטראָפען זי לעזט מיינע געדאַנקען! — האָב איך זיך געטראַכט. — איך פיהל, אַז איך ליעב מיס שעהנפעלד נאָר דאַן, ווען עס באַווייזט זיך אַ געפאַהר זי צו פאַרלירען.)

— מעגליך, — האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכעל. — דערצעהלט מיר בעסער וועגען אייער חתן.

— איך וועל אייך גאָר ניט דערצעהלען וועגען איהם, — האָט זי געזאָגט. — איך וויל אַז איהר זאָלט איהם צוערשט זעהן און זאָגען אייערע אייגענע מבינות אויף איהם. ער איז אַ דענטיסט, דר. זיידענפאַדים הייסט ער און האָט זיין אָפיס אויף מעדיסאָן עוועניו. געהט אַריין און ווערט באַקאַנט מיט איהם.

— איך דאַרף טאַקע האָבען אַ דענטיסט, — האָב איך גע־זאָגט.

— טאָ געהט צו איהם אַריבער, — האָט מיס בראָדסקי גע־זאָגט, — ווען איהר וועט זיין אין ניו יאָרק, און גיט איהם אָפּ אַ גרוס פון מיינעטוועגען. איהר וועט ביי איהם אין אָפיס געפינען צו יעדער צייט אַ סך שעהנע מיידלאך. זיי קומען אַלע צו איהם. איך אַליין האָב זיך אין איהם פאַרליעבט צוליעב אַ צאָהן. מיין צאָהן האָט געדאַרפט נעמען בלויז אַ וואָך צייט צו אָטענדען, אָבער ער האָט עס פאַרצויגען אויף חדשים, און צום סוף, אנשטאָט אַ ביל, האָט ער מיר געשיקט אַ הייראַטס אנטראָג, און מיר זיינען גע־וואָרען חתן־כלה.

— זעהר ראָמאַנטיש, — האָב איך צוגעגעבען. — איך וועל ביי איהם זיכער זיין די קומענדע וואָך.

מוטער. איך האָב זאָגאַר אויפגעהערט צו פאַנטאַזירען פון מיין אייגענער צוקונפט. מיינע פאַנטאַזיעס זיינען יעצט אָפּגעגעבען געוואָרען צו מיין צוקינפטיגע שטיעפמוטער. איך האָב זיך אָנגעהויבען פאָרצושטעלען ווי זי וועט אויסזעהן, וואָס פאַר א גאַנג און מאַניערען זי וועט האָבען, ווי זי וועט ריידען צו מיין פאָטער, ווי זי וועט זיך באַנעמען צו מיר. זי מוז זיין א פרוי וואָס זאָל ניט פאַרשעהמען דעם הייליגען אָנדענקען פון מיין מוטער. זי מוז זיין גוט, פרום און גאָבעל.

איך בין זעהר נייגעריג געווען צו וויסען וואָס פאַר א שידוכים מען רעדט מיין פאָטער, אָבער איך האָב ניט געוואוסט ווי מען דערגעהט דאָס. עס איז מיר איינגעפאַלען, אַז איך זאָל ווידער געהן אין יענעם באַרבער־שאָפּ, וואו מאָטיע דעם שדכנ'ס טאָכטער פלעגט מאַניקורען נעגעל, און זי בעטען אַז זי זאָל דערגעהן פאַר מיר וואָס איך וויל וויסען וועגען מיין פאָטער. אָבער איך האָב באַלד איינגעזעהן, אַז דאָס וואָלט געווען ניט קלוג פון מיין זייט.

נאָר באַלד איז די אינפאָרמאַציע, וואָס איך האָב געוואָלט וויסען, צו מיר אַליין געקומען, גאָר ניט געבעטענערהייט.

מיסעס שוואַרצקאָפּ, די פרוי וואָס האָט געפיהרט פאַר אונז די ווירטשאַפט, האָט מיר די אינפאָרמאַציע אַליין, פרייוויליג, צוגעשטעלט. זי האָט מיר איבערגעגעבען א גענויען באַריכט פון יעדען שידוך וואָס דער שדכן פלעגט קומען ריידען מיין פאָטער. איך בין זיכער, אַז בעת דער שדכן איז געזעסען און גערעדט מיט מיין פאָטער, איז די אַלטע געשטאַנען הינטער א טיר און זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט. און א געלעגענהייט מיר צו דערצעהלען האָט זי געפונען זעהר אָפט, ווייל מיין פאָטער האָט אָנגעהויבען „אויסצוגעהן" גאַנץ אָפט, א דריי, פיער מאָל אין דער וואָך.

פון מיסעס שוואַרצקאָפּ האָב איך ערפאַהרען, אַז דעם ערשטען שידוך וואָס דער שדכן האָט מיין פאָטער גערעדט, איז געווען מיט אַן אַלמנה פון א גרויסען רב. זי איז געווען אין זעלבען עלטער ווי מיין פאָטער, אָבער מיין פאָטער האָט קיין חשק ניט געהאַט צו געהן זעהן זיך מיט דער רביצין. נאָר ווען דער שדכן האָט איהם געזאָגט, אַז ער זאָל ניט מיינען דאָס באשר זי איז א רביצין איז זי אַן אַלט־מאָדישע אידענע, נאָר גראַדע פאַרקעהרט, זי געהט זעהר

איך האָב געזעהן, ווי זייט מיין מוטער איז געשטאָרבען האָט מיין פאָטער זיך געפיהלט ווי א פרעמדער אין זיין אייגענער היים. דבורה האָט מעהר ניט געקענט זיין ביי אונז. יזס האָט ניט געפאַסט פאַר איהר און אויך ניט פאַר מיין פאָטער. ווען דער זומער האָט זיך געענדיגט און מיר האָבען צוריק געעפענט אונזער שטאָטיגע היים, האָבען מיר אריינגענומען אין הויז אן עלטערע פאַרפאָלק, זיי אָפגעגעבען א שעהנעם צימער און די פרוי האָט געפיהרט די הויזווירטשאַפט פאַר אונז.

איך ווייס ניט אקוראַט וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען מיין פאָטער און דבורה'ן. איך ווייס אַז מיין פאָטער האָט זי געוואָלט האָבען פאַר אַ פרוי, אָבער ווי עס זעהט אויס, האָט דבורה מורא געהאַט. עס איז איהר ניט אַנגענעהם געווען געגען מיר. אַזוי האָב איך זיך אַנגעשטויסען, כאָטש, איך פון מיין זייט, בין גאָר ניט געווען געגען איהר.

ווען דער ווינטער האָט זיך אַנגעפאַנגען, האָב איך זיך געפונען אין אַ גאַנץ נייער לאַגע. מיין אייגענער פאָטער איז געשטאַנען אַלס קאָנקורענט געגען מיר... ער איז יעצט געשטאַנען אין שידוכים. מאָטיע דער שדכן, וועלכער האָט מיר שוין עטליכע שידוכים גערעדט בעת מיין מוטער האָט געלעבט, האָט יעצט אָנגעהויבען צו קומען צו מיין פאָטער. און אַז איך פלעג איהם דערזעהן, פלעג איך ענטוועדער אריין אין מיין צימער, אָדער איך פלעג מאַכען אַן אויסרייד אַז איך דאַרף ערגעץ אַוועקגעהן, און איך פלעג געהן. די ערשטע פאַר מאָל פלעגט זיך מיין פאָטער פאַר מיר שעהמען, אָבער שפּעטער האָט ער זיך צוגעוואוינט און פלעגט שוין אַרויסקוקען אויף דעם אַז איך זאָל אַרויסגעהן, אום ער זאָל קענען בלייבען מיט'ן שדכן אַליין און קענען ריידען אונגעשטערט.

צוליעב מיין פאָטער האָט מיך דער שדכן אויף אַ צייט ארונטערגענומען פון דער „פראָגראַמע“. איך האָב יעצט געדאַרפט וואַרטען. אָבער מיך האָט עס ניט פאַרדראָסען. פאַרקעהרט, עס איז מיר געווען צום האַרצען. ווי שטאַרק לייד עס האָט מיר געטאָן וואָס אַן אַנדער פרוי זאָל אריינקומען אין מיין פאָטער'ס לעבען, האָב איך דאָך געוואָלט אַז מיין פאָטער זאָל טרעפען די ריכטיגע פערזאָן וואָס וועט זיין פאַסענד צו פאַרנעמען דעם אָרט פון מיין

מייז פאָטער איז אַ סך געענדערט געוואָרען. ער האָט זיך אָנ־געהויבען צו פּוצען און געזוכט אויסצוזעהן אינגער. ער האָט אָנ־געהויבען צו קומען אַהיים גאַנץ שפּעט, עטליכע מאָל אין דער וואָך. דאָס איז ער געגאַנגען זיך זעהן מיט אַ כלה. איך פלעג קיינמאָל ניט קענען איינשלאָפען איידער ער איז געקומען. און איינ־מאָל, אַז ער איז געקומען שפּעט. אַרום האַלב נאָך צוועלף, און האָט געזעהן אַז ביי מיר אין צימער איז נאָך ליכטיג, איז ער צו מיר אריינגעקומען און האָט געפרעגט:

— סעם, וואָס איז מיט דיר? דו געהסט גאָר אין ערגעץ ניט אַרוים? דו האָסט שוין גאָר קיין קאָמפּאַניע ניט? ביי לייטען אַ בחור אין דיינע יאָהרען געהט אויס, האָט פּלעזשור, זעהט זיך מיט... מענשען. דו וועסט דאָך אַזוי פאַרזויערט ווערען...

איך האָב געענטפערט מיט אַ שמייכעל. איך האָב ניט גע־וואוסט וואָס איהם צו ענטפערען, און ווען איך האָב זיך איינגעקוקט אין איהם, האָב איך געזעהן אַז ער איז דיסאַפּאָינטעט, ענטטוישט.

מיין פאָטער האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ, אַ זיפץ געטאָן און באַמערקט:

הער צו, סעם. אַזאַ פרוי ווי דיין מאַמע איז געווען, איז אויף דער וועלט ניטאָ און — עס וועט ניט זיין!...

זיינע אויגען זיינען פול געווען מיט טרערען. איידער איך האָב זיך אַרומגעזעהן האָב איך געפיהלט אַז מיין האַלז איז מיר פאַרשטיקט פון מיינע אייגענע טרערען, וועלכע איך האָב געזוכט איינצוהאַלטען.

אַ ווייל׳ע האָבען מיר ביידע געשוויגען, נאָכדעם איז מיין פאָ־טער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום טיר און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט, זאָגענדיג:

— די מכשפה האָט ליעב צו שטעהן הינטערען טיר און זיך צוהערען וואָס מען רעדט. עס איז פון איהר גאָר קיין באַהעלטעניש ניטאָ. איך האָב ביי דיר געוואָלט עפּעס פרעגען, מיין זוהן, זאָג מיר דעם אמת — וואָס דענקסטו פון דבורה׳ן? וואָלסטו געוואָלט אַז איך זאָל מיט איהר חתונה האָבען?

סטייליש געקליידעט און האלט זיך בעסער ווי אנדערע ווייבלאך צו דרייסיג. האט מיין פאטער איינגעוויליגט זיך צו געהן זעהן מיט איהר. אבער די רביצין האט איהם ניט געוואלט.

דער צווייטער שידוך איז געווען מיט א רייכע אלמנה. ווענען איהר מאן האט איבערגעלאזען א גרויסען פארמעגען און זי האט גע־זוכט א סאלידען ביזנעסמאן ווי מיין פאטער. מיסעס שווארצקאפ האט ניט געוואוסט ווארום דער שידוך איז ניט אויסגעפיהרט גע־ווארען, אבער זי האט זיך אנגעשטויסען. אז מיין פאטער האט ניט געוואלט, ווייל די אלמנה האט געהאט פיער אונפארהיירטע טעכטער.

דער דריטער שידוך איז געווען מיט א יונגער גרושה, זעהר א שעהנע. זי האט זיך לאנג גע־גט מיט איהר מאן. אזא שעהנע וואס איז גאר א זעלטענהייט. אבער ווען מיין פאטער האט געהערט איהר נאמען (מיסעס שווארצקאפ האט גראדע דעם נאמען ניט גע־קענט הערען, ווייל דער שדכן האט עס ארויסגעזאגט זעהר שטיל), האט מיין פאטער זיך שטארק צולאכט און האט געזאגט צום שדכן: „אי, ר׳ מאטיע, א איך אין אייערע יאהרען האט געדארפט האבען מעהר שכל ווי מיר צו ריידען אזא שידוך!“ עס איז געווען זיכער אז מיין פאטער האט די גרושה געקענט... און א שוידער איז אריבער מיין לייב ווען איך האב זיך אנגעשטויסען ווער דאס איז געווען...

לאנג לעבען זאל מיין פאטער וואס ער האט דעם שדכן אזוי געענטפערט, — האב איך זיך געטראכט.

צווישען די שידוכים וואס מאטיע דער שדכן האט איהם גע־רעדט, איז אויך געווען אן עלטערע מיידעל פון א יאהר פינף און דרייסיג, פון א פיינער פאמיליע, יורדים, ווענען די עלטערען הא־בען ניט געקענט געבען א נדן. ווי איך האב דערוואוסט האט מיין פאטער זיך געזעהן מיט דער מיידעל א פאר מאל, אבער ער האט זיך ניט געקענט באשליסען אין זיינע יאהרען חתונה צו האבען מיט א מיידעל.

איך האב שטארק אנגעהויבען מורא צו האבען פאר מיין פאטער. ער זאל ניט אריינפאלען אין עפעס א צרה. איך האב גע־זעהן אז מאטיע דער שדכן איז גאר ניט אויסען נאר בלויז צו מאכען א פאר דאלאר.

דריי־און־פופציגסטער קאַפּיטעל

ביים דענטיסט

אַ צאָהן איז אַ שטאַרקער מאַהנער. אַז אַ צאָהן הויבט אָן וועה צו טאָן וועט ער שוין ניט אָפּלאָזען. ער וועט אָפּלאָזען אויף אַ ווײַלע, אָבער ער וועט צוריקקומען מיט אַ שטאַרקערער מאַכט און מיט מעהר חוצפּה און וועט שרייען: „נעם מיך צום דענטיסט!”

איך האָב געהאַט אַ קליינעם טראָבעל מיט אַ צאָהן, וועלכען איך האָב די גאַנצע צייט פאַרנאַכלעסיגט. ער פלעגט מיר וועה טאָן און אָפּלאָזען, ביז עס זיינען געקומען די קאַלטע וועטערען און ער האָט אָנגעהויבען צו מאַהנען, שטאַרק צו מאַהנען.

דאַן האָב איך זיך דערמאָנט אָן דר. זיידענפאָדים, מיס בראָד־סקי׳ס חתן, וועגען וועלכען זי האָט מיר דערצעהלט, ווען מיר האָבען זיך זומער געטראָפען ביי עטלען. און איך בין צו איהם אַוועק איינ־מאָל, אין אָוענד, נאָך סאַפּער.

איך בין געקומען אַרום אַכט. דער וואַרטס־צימער פון דעם דענטיסט איז געווען גוט באַזוכט. בלויז איין מאַן האָב איך דאָרט געפונען, ווייטער זיינען דאָרט געווען אַ זעקס יונגע מיידלאך און אַ צוויי ווייבלאך. איינע פון די ווייבלאך האָט מיט זיך געהאַט אַ קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פינף.

דער צימער האָט אויסגעזעהן ווי אַ קליינער האַרעם פון אַ רייכען פּאַשאַ. די פּאַציענטקעס זיינען אַלע געווען אויסגעפּוצט אין די שעהנסטע סטיילס און עס איז מיר איינגעפאַלען אַ חשד, אַז איידער די פּאַציענטקעס זיינען געגאַנגען צו דענטיסט, האָבען זיי באַזוכט אַ ביוטי פּאַרלאָר, וואו זיי האָבען זיך געלאָזט פריזירען די האָר און מאַניקורען זייערע נעגעל.

די ווייבעל מיט׳ן קינד האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. איך בין צוערשט צוגעצויגען געוואָרען צו די עהנליכקייט פון דער

— דער פּאַסענדסטער שידוך פאַר דיר! — האָב איך אויס־נערופּען. איך האָב זיך נעפּרעהט ביי דעם נעדאַנק, אַז עטעל און איך וועלען יעצט ווערען ברודער און שוועסטער.

— דבורה וויל אָבער ניט, — האָט מיין פאָטער געזאָגט. — זי האָט עפּעס מורא. זי האָט מיר נעגעבען אַנצוהערעניש, אַז דו וואָלסט עס ניט געוואָלט ליידען דאָס זי זאָל פאַרנעמען דיין מוטער'ס פּלאַץ. אָבער נעכטען ביינאַכט — וועסט עס גלויבען, מיין זוהן — איז דיין מוטער מיר צו חלום געקומען, אַזוי ווי אַ לעבעדיגע האָט זי זיך באַוויזען פאַר מיר און זי האָט געזאָגט: „האָב חתונה מיט דבורה'ן“ און זי איז גלייך פאַרשוואונדען.

— אין חלום! — האָב איך אויסגערופען פאַרוואונדערט.

— איך גלויב אפילו ניט אין חלומות. קיין פאַרנינפטיגער מענש גלויבט ניט אין חלומות, און דאָך... קען מען ניט וויסען... גראַדע גרעסטע פילאָזאָפען, פון די היינטיגע, גלויבען, אַז אייגענע קומען אַמאָל פון יענער וועלט זיך צו זעהן מיט אונז און מיט אונז צו ריידען... וואָס דיינקסטו?...

— מעגליך, — האָב איך קורץ געענטפערט. — **איך בין ניט** קיין פילאָזאָף.

מיין פאָטער האָט געשוויגען. ער האָט געוואַרט איך זאָל נאָך עפּעס זאָגען.

— רייד איבער מיט דבורה'ן, — האָב איך געזאָגט. — דער־צעהל איהר וועגען דעם חלום און זאָג איהר, אַז איך וועל זיך שעצען גליקליך ווען זי וועט ווערען מיין צווייטע מוטער.

מיין פאָטער האָט מיך ארומגענומען און האָט מיר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ.

נאָכדעם איז ער אַרויס פון מיין צימער ווי ניי באַלעבט. קענטיג אַז ער האָט שוין לאַנג געוואָלט פאַר מיר זיך אויסריידען די האַרץ.

— מאָרגען וועל איך זיין ביי דבורה'ן, — האָט ער געזאָגט.— נו, לייג זיך שלאָפען. עס איז שוין איינס אוהר. גוד נאַיט!

— גוד נאַיט! — האָב איך געענטפערט.

דערהערט, אז די ווייבעל איז א שוועסטער, האָט עס מיך שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס איך האָב דעם דענטיסט חושד געווען אומזיסט און אומנישט, און עס האָט מיך שוין ווייניג געקימערט, וואָס ער האָט זיך ארויסגעוויזען זעהר פריינדליך צו די אַנדערע פּאַציענטקעס. דאָס איז זיין ביזנעס. אזא באהאַנדלונג ערוואַרטען די פּאַציענטקעס.

און די ווייבעל מיט דער מיידעלע האָט מיך נאָך מעהר פאַר־אינטערעסירט. אויב זי איז מיס בראָדסקי׳ס חתן׳ס א שוועסטער, איז דאָ א האָפנונג מיט איהר באקאַנט צו ווערען. צו וואָס אייגענט־ליך האָב איך מיט איהר געוואָלט באקאַנט ווערען, א פרוי וואָס האָט שוין א קינד פון פינף יאָהר, האָב איך ניט געוואוסט. איך האָב נאָר געפיהלט, אז עס וואָלט מיר געווען זעהר אנגענעהם צו ריידען מיט איהר.

איך און די ווייבעל זיינען געבליבען פון די לעצטע פּאַציענטען.

ווען עס איז געקומען צו איהר רייהע, האָט זי מיך געפרעגט, אויב איך בין אין דער איילע. (זי האָט מיך אויך די גאַנצע צייט אָפּט באַטראַכט). זי איז געווען גרייט צו בלייבען אויף שפּעטער, ווייל סיי ווי סיי וויל זי שוין וואַרטען ביז איהר ברודער וועט זי קענען אָפּפיהרען אהיים.

— אויב איהר וועט מיר ערלויבען, — האָב איך געזאָגט, זיך אַנגעמענדיג מיט מוט, — וועל איך אייך נאָכדעם אָפּפיהרען אהיים. איך בין ניט אינגאַנצען א פרעמדער. איך בין אהערגעקומען אויף דער רעקאָמענדאַציע פון מיס בראָדסקי — מיין נאָמען איז סעמועל פרומקין.

— אָ, איהר זייט מר. פרומקין! — האָט דר. זיידענפאָדים אויסגערופען דריקענדיג מיין האַנד מיט וואַרימער פריינדשאַפט. — איך קען אייך זעהר גוט פון דעם וואָס מיין כלה האָט מיר וועגען אייך דערצעהלט. (איך האָב זיך ביי דיזע ווערטער פאַרשעהמט. מיס בראָדסקי האָט איהם פּילייכט צופיעל דערצעהלט וועגען מיר.) אָבער וואָרום זייט איהר ביז יעצט ניט געקומען? איך האָב די גאַנצע צייט אייך ערוואַרטעט — קומט אריין. מיין שוועסטער קען וואַרטען. זי מוז סאַי ווי וואַרטען אויף מיר.

מיידעלע צו איהר מוטער. די מיידעלע האט אויסגעזעהן ווי א מיניאטור בילד פון איהר מוטער. די מוטער איז געווען א הויכע, שלאנקע, יונגע פרויענצימער, מיט פעך־שווארצע האר און בלויע אויגען. אויף איהר פנים איז געווען אויסגעגאסען אן אנגענעהמער חן און א סארט איידעלקייט, וואס האט ארויסגערופען צו איהר רעספעקט צוזאמען מיט באוואונדערונג.

גליקליך איז דער מאן, וואס באזיצט דיזע פרוי, — האב איך זיך געטראכט און פון מיין הארצען האט זיך ארויסגעריסען א האלב אונטערדריקטער זיפץ פון בענקשאפט נאך עפעס אונערררייכטעס.

פון דעם דענטיסט'ס ארבייטס־צימער האט זיך געהערט א גערויש פון אן עלעקטרישען אפאראט מיט וועלכען ער האט געפיילט א קראנקען צאהן. מיר האבען אלע געווארט מיט אומגעדולד. ווען דער דענטיסט האט געעפענט די טיר פון זיין ארבייטס־צימער ארויסצולאזען א פאציענט און אריינלאזען אן אנדערען, האב איך פאר זיך געזעהן א שעהנעם הויכען פעסט־געבויטען מאן פון א יאהר פינף און דרייסיג, מיט שווארצע האר און א דונקעלען פנים אזוי ווי א שפאניער. ער האט זיינע פאציענטען באטראכט מיט א פולער מאס. און איינינגע האבען איהם באגריסט מיט א פאמיליאר־נעם „העלאו, דאקטאר!“ די ווייבעל מיט'ן קינד האט זיך אויפגע־הויבען. איז גלייך צו איהם צוגעגאנגען, האט איהם ארומגענומען און האט זיך מיט איהם צוקושט פאר אלעמען אין די אויגען.

די בלוטען זיינען איז מיר פארגליווערט געווארען. אט דאס איז מים בראדסקי'ס חתן! — האב איך זיך געטראכט. איהר איז דאס נעבעך באשערט אימער אריינצופאלען. דער דענטיסט האט נאכ־דעם אויפגעהויבען די מיידעלע צו זיך און האט איהר געגעבען צוויי קושען אויף איין באק, צוויי קושען אויף דער אנדער באק און א פינפטען אין קאפ.

— איך דענק, איך וועל מוזען ווארטען אויף מיין רייהע, — האט די ווייבעל געזאגט צום דענטיסט, בעת איהרע שעהנע אויגען האבען געלאכט.

— געוויס, טייערע שוועסטער! — האט דער דענטיסט גע־ענטפערט. — דא בין איך דענטיסט און ניט א ברודער.

— אויב איהר ווילט... מיר טאָן די טובה... קענט איהר באַ־גלייטען מיין שוועסטער אהיים. איך וועל דאָ היינט מוזען זיצען שפּעט. עס זיינען אָריינגעקומען נאָך פּאַציענטען.

— עס וועט מיך זעהר פרעהען אייך די טובה צו טאָן, — האָב איך געענטפערט, קוקענדיג אויף מיסעס ראָבינס.

איך בין צוריק אַריין אין דעם וואַרטס־צימער און זיך געזעצט וואַרטען. מעהר ווי אַ דריי מינוטען האָב איך ניט געדאַרפט וואַר־טען. איך בין געווען זיכער, אַז דער דענטיסט האָט געמאַכט אַ שנעלען דזשאָב כדי מיך לאַנג ניט צו פאַרהאַלטען.

— אַלזאָ מיר געהן, — האָט מיסעס ראָבינס געזאָגט צו מיר און איך האָב געזעהן אַז מיין געזעלשאַפט געפעלט איהר.

איך האָב גענומען דער מיידעלע פאַר אַ האַנד און מיר זיינען אַרויס.

— און ווי הייסט די קליינע לידי? — האָב איך געפרעגט ביי דער מיידעלע.

— עללאַ! — האָט זי געענטפערט, אויפהויבענדיג איהר קליינעם קאָפּ צו מיר.

איך האָב געפיהלט אַז איך ווער צוגעבונדען צו דער מיידע־לע, וועמענס פּוכקע הענטעל איך האָב געפיהלט אין מיינער.

איך האָב דעם גאַנצען וועג וואָס מיר זיינען געגאַנגען גערעדט מיט דער מיידעלע. איך האָב געוואוסט אַז מאַמעס האָבען ליעב אַז מען ציינגט אויפמערקזאַמקייט צו זייערע קליינע קינדער, און דער בעסטער וועג צו געפעלען זיין אַ מוטער איז, צו לויבען איהר קינד.

מיר זיינען אָפּגעפאָהרען בלויז אַ זעקס בלאָק, ווען מיסעס ראָבינס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויסע אַפּאַרטמענט־הויז און געזאָגט:

ער האָט מיך ווי מיט גוואַלד אַריינגעשלעפּט אין זיין אַרבייטס־צימער און מיר געהייסען זיך זעצען אין א טשער. איך האָב געפרעגט אויף מיס בראַדסקי און ער האָט לאַנגעדיג באַמערקט אַז איהרער א שלעכטער צאָהן איז געווען זייער שרכן.

— איהר האָט א זעלטען שעהנע שוועסטער, — האָב איך שפּעטער געזאָגט.

— ביטע דערצעהלט עס אַלעמען, — האָט ער געזאָגט. — זי דאַרף האָבען א ביסעל פּאָבליסיטי. זי שטעהט אין שידוכים.

— אין שידוכים? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט. — איך האָב געמיינט אַז זי איז פאַרהייראַט.

— זי איז אַן אַלמנה, — האָט דר. זיידענפאַדים געענטפערט, ווערענדיג ערנסט. — זי האָט איהר מאַן פאַרלאָרען ערשט מיט צוויי יאָהר צוריק. געפאָהרען אין זיד־אַמעריקא וועגען ביזנעס און געכאַפּט די געלע פיבער.

— דאָס איז זעהר טרויעריג, — האָב איך באַמערקט.

— אייער צאָהן וועל איך מוזען אַטענדען נאָך אַן עטליכע מאָל, — האָט דער דענטיסט געזאָגט. — איהר וועט דאַרפען קומען איבערמאָרגען א צווייטען מאָל.

— איך וועל קומען, — האָב איך געזאָגט אַרויפציהענדיג מיין ראָק, וועלכען איך האָב געהאַט אַרונטערגענומען.

קוים האָב איך אָנגעטאָן מיין ראָק, האָט דער דענטיסט געעפענט די טיר און אַריינגעלאָזען זיין שוועסטער מיט דער מיידעלע, נאָך איידער איך בין אַרוים.

— דאָס איז מיין שוועסטער, מיסעס ראַבינס, — האָט דער דענטיסט זי פאָרגעשטעלט. — ענטשולדיגט מיר וואָס איך האָב זי אייך פריהער פאַרגעסען פאָרצושטעלען. איך בין געווען א ביסעל צומישט. איך האָב היינט שווער געאַרבייט.

מיסעס ראַבינס האָט מיר גערייכט איהר האַנד און געזאָגט, אַז עס פרעהט איהר זיך צו באַקענען מיט פעני'ס א פריינד.

איך האָב אויך עפּעס געזאָגט, האָב א גלעט געטאָן דער מיידעלע אין קאָפּ און געוואָלט אַרויסגעהן. דער דענטיסט האָט מיך אָפּגעהאַלטען און געזאָגט:

פיער־און־פופציגסטער קאַפּיטעל

איך ווער גוט פריינד מיט עללאַ'ן

די קליינע עללא האט געביטען איהרע בליקען פון איהר מו־טער אויף מיר און פון מיר אויף איהר מוטער. איך האָב געקענט זעהן פון מיסעס ראָבינס אז זי האט געטראַכט דאָס זעלבע וואָס איך. זי האט אויך געוואָלט אז איך זאָל ארויפקומען. אָבער ווי פּאַסט עס איינצולאַדען א יונגענמאַן ביי דער ערשטער באַקאַנט־שאַפט? און איך האָב זיך געטראַכט: ווי פאַסט עס ארויפצוקומען אויף דער איינלאַדונג פון א קליין קינד? איך האָב ענדליך גע־פונען אַ אויסוועג פון דער פארלעגענהייט און האָב געזאָגט צו עללא'ן:

— ניט יעצט, עללא. אַן אַנדערש מאָל.

— מאָרגען? — האָט עללא געפרעגט.

איך האָב ווידער ניט געוואוסט וואָס איהר צו ענטפערען און האָב געקוקט אויף איהר מוטער מיט אַ בעטענדען בליק, אז זי זאָל מיר אויסהעלפען.

— ניט אַזוי גיך, — האָט מיסעס ראָבינס געענטפערט, זיך איינבויגענדיג צו עללא'ן. — מיסטער פּרומקין וועט קומען ווען ער וועט האָבען צייט. דו וועסט איהם שיקען אַן אינוויטיישאָן.

עללא האָט זיך אונטערגעגעבען, כאָטש זי איז געווען אונצו־פרידען.

— אָלרייט, — האָט זי געזאָגט. — מאָרגען וועל איך אייך שיקען אַן אינוויטיישאָן. וואו וואוינט איהר?

— סטאָפּ, עללא! — האָט די מוטער בלומרשט מיט אַ בייזער אויסגערופען. — דו מוזט ניט אַזוי צו שטעהן צו מיסטער פּרומקין.

— אַט דאָ איז מיין היים.

איך בין געבליבען שטעהן שטאַרק ענטטוישט. אזא קורצער מהלך און איך מוז שוין אוועקגעהן.

— איהר קומט גאָר ניט אַרויף צו אונז? — האָט די קליינע עללאַ געפרעגט.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. איך האָב געקוקט אויף דער מוטער, וועלכע האָט זיך פאַרשעהמט און געשוויגען.

הויז און יעדען אָווענד ווען איך פלעג אהיים קומען, פלעג איך מיט ערוואַרטונג אַריינקוקען אין אונזער בריעפקאַסטען, אויב עס איז דאָ דער בריעף, אויף וועלכען איך וואַרט.

עס זיינען געווען קלאָרע מאָמענטען, אין וועלכע איך האָב פון זיך אַליין געלאַכט פון מיין נייע קאָפּ־פאַרדרעהעניש. און דאָך האָב איך געפיהלט גליקליך מיט דיזער נייער באַקאַנטשאַפט.

אויף דעם דריטען אָווענד האָב איך געדאַרפט צום צווייטען מאָל געהן צום דענטיסט וועגען מיין צאָהן, אַזוי ווי ער האָט מיר געהייסען. איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל דאָרט טרעפען מיסעס ראָבינס מיט איהר מיידעלע, אָבער איך בין געווען ענטטוישט אין מיין האָפנונג. דער וואַרטעס־צימער איז ווידער געווען גוט באַזוכט פון פּאַציענטען און עס איז מיר אויסגעקומען צו וואַרטען אויף מיין רייהע אַ גאַנצע שטונדע, אָבער מיסעס ראָבינס איז ניט געקומען.

אָהן חשק בין איך געגאַנגען צום דענטיסט'ס שטוהל. ער האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אַלטען באַקאַנטען. איך האָב זיך צוערשט נאָכגעפרעגט אויף זיין כלה, מיס בראָדסקי, און נאָכדעם אויף זיין שוועסטער.

— מיס בראָדסקי איז דאָ געווען היינט בייטאָג, — האָט ער מיר געענטפערט אויף מיין ערשטער פראַגע, — און מיר האָבען גערעדט וועגען אייך.

אויף מיין צווייטער פראַגע האָט ער געענטפערט:

— מיין שוועסטער איז אַלראַיט. זי דענקט פון אייך אַז איהר זייט אַ זעהר פריינדליכער און גוטער מענש, גאָר אָהן אַ גאַל. און די קליינע עללאַ לאָזט אייך פון מויל ניט אַרויס. זי וויל אייך איינלאַדען צו איהר אויף אַ באַזוך. די מוטער האָט איהר געזאָגט, אַז זי וועט אייך איינלאַדען זומער־צייט, ווען עללאַ וועט ווערען זעקס יאָהר אַלט. אָבער די קליינע וויל איהר זאָלט קומען וואָס פריהער.

איך האָב געלאַכט מיט אינערליכער פרייד, און געפיהלט אַזוי ווי איך וואָלט געוואונען אַ גרויסען געווינס.

אַ טאָג שפּעטער איז די איינלאַדונג אָנגעקומען. עס איז געווען געשריבען אויף אַ קליין בויגעלע פּאַפּיר פון ראָזע קאָליר אין דער האַנדשריפט פון אַן ערוואַקסענער פרוי. די אונטערשריפט

— עס איז אַלראַיט, — האָב איך עלאַ'ן פאַרטיידיגט. — מײן אַדרעסע איז אין טעלעפאָן בוך.

איך האָב פריהער געגעבען מײן האַנד צו מיסעס ראָבינס און נאָכדעם צו עלאַ'ן. װען איך האָב זיך געזעגענט מיט עלאַ'ן, האָט זי אױפגעהױבען איהר קעפעלע, האָט אױסגעשטעלט איהרע ליפּען און איך האָב זיך מיט איהר צוקושט.

— זי איז זעהר אַ צוגעלאָזענע, — האָט די מוטער באַמערקט.

— אָבער אַזױ שנעל איז זי נאָך מיט קײנעם ניט באַפרײנדעט געװאָרען.

— בין איך טאַקע שטאָלץ אױף דעם, — האָב איך געזאָגט און גענומען געהן.

— באַי־באַי ! — האָט מיר עלאַ נאָכגעשריען און געמאַכט מיט איהר הענטעלע.

איך בין אװעק אַהײם באַהערשט פון נײע געפיהלען. די קלײנע עלאַ איז געשטאַנען פאַר מײנע אױגען און איך האָב זי אױף אַ מינוט ניט געקענט פאַרגעסען, אָבער אין דעם הינטערגרונד איז פאַר מיר געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון איהר מוטער. װאָס האָט מיך אַזױ צוגעצױגען צו דאָס קינד ? עס פאַרשטעהט זיך אַז אַ טײל פון דעם מאַגנעט איז געװען די מוטער. אָבער איך האָב דאָס ניט געװאָלט צוגעבען. אין מײנע אײגענע געדאַנקען האָב איך געזוכט זיך אײנצורײדען אַז איך האָב ליעב באַקומען דאָס קינד, װײל עס איז אַזױ שעהן, אַזױ ליעבליך און צוגעלאָזען, און דערצו אָהן אַ פאָטער.

אָט אַזױ זוכט דער מענש זיך אַלײן אָפּצונאַרען !

איך בין נאָך ניט געװען זיכער אױב די אײנלאַדונג פון דער קלײנער עלאַ װעט קומען. זי אַלײן שרײבען קען דאָך ניט. װעט די מוטער פאַר איהר שרײבען ? װעט זי װעלען אָנהאַלטען די באַקאַנטשאַפט ? װעט עלאַ פאָדערען פון איהר מוטער, אַז זי זאָל שיקען די אײנלאַדונג. װעט איהר מוטער איהר זאָגען, אַז מען דאַרף מיך ניט אײנלאַדען, אַז איך קען ניט קומען, אָדער אַן אַנדער אױסרײד ? װעט עלאַ אַלײן מיך פאַרגעסען ?

אַזעלכע געדאַנקען האָבען זיך געדרעהט בײ מיר אין קאָפּ צװײ טעג כסדר. בײדע פריהמאָרגענס װען איך האָב פאַרלאָזען די

מיסעס זילבערמאַן, די פאַרהייראַטע שוועסטער, ביי וועמען מיסעס ראַבינס האָט געוואוינט, האָט אויף מיר געקוקט מיט נייגעריגע אויגען, אַזוי ווי זי וואָלט וועלען דערגעהן דעם צוועק פון מיין באַזוך. קיין מאַן האָב איך אין הויז נים געזעהן. ווי דער שטייגער איז, ווערען מענער אַרויסגעשיקט פון הויז ביי אַזעלכע פעלע. פרויען וואָס קוקען אויף „תכלית" גלויבען, אַז זייטיגע מענשען זיינען ביי אַזאַ פאַל איבעריג.

איך האָב דאָרט פאַרבראַכט איבער צוויי גליקליכע שטונדען, אין וועלכע די קליינע עללאַ האָט געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע. זי האָט פאַר מיר דעקלאַמירט, זי האָט געזונגען קינדער־ליעדער, זי האָט געטאַנצט. ווען איהר מוטער האָט פאַר אַן אָפּוועקסלונג מיר פאַרגעלייגט צו שפּיעלען אַ ביסעל פּיאַנאָ פאַר מיר, האָט זיך עללאַ אַרויפגעכאַפּט צו מיר אויפ'ן שויס. איהר מוטער האָט איהר געהייסען אַרונטערגעהן, אָבער איך האָב געזאָגט אַז זי קען בלייבען זיצען.

מיסעס ראַבינס האָט געשפּיעלט ווי אַן אַרטיסטין. איך האָב פאַר זיך געזעהן אַ פרוי, וועלכע איז געוועזן אויסערגעוועהנליך.

איז דאָס ענדליך די... די יענע וועלכע איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט, אויף וועלכע איך האָב געוואַרט, פון וועלכע איך האָב געטרוימט ? וועט זי פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די, וועלכע איך האָב ניט געקענט ערגייכען ?...

איך האָב צוגעדריקט מיין קאָפּ צו דער קליינער עללאַ'ן. אין מיין האַרצען האָבען אָנגעהויבען צו ריידען פאָטערליכע געפיהלען... איך האָב געפיהלט, אַז עללאַ איז מיינע.

זי האָט זיך אויך אינסטינקטיוו צוגעטוליעט צו מיר און געקוקט מיר אין די אויגען.

— איך וועל אייך צייגען מיין פּיקטשור ! — האָט זי געזאָגט אַרויסלויפענדיג אין אַן אַנדער צימער. זי איז פון דאָרט באַלד צוריקגעקומען מיט צוויי פאָטאָגראַפיעס און מיר זיי געצייגט. אויף איינער איז זי געוועזן מיט איהר מוטער, אויף דער אַנדערער גאַנץ אַליין.

— וועלכע ווע‍סטו מיר געבען ? — האָב איך געפרעגט.

— וועלכע איהר ווילט. — האָט זי געענטפערט. — איהר ווילט די מיט מיין מאַמען ?

איז געווען ווי פון אַ קינד וואָס פאַנגט ערשט אָן צו לערנען זיך שרייבען.

איך האָב זיך אַזוי געפרעהט מיט דעם בריעף, דאָס איך האָב זיך מיט איהם ניט געקענט שיידען, און איך האָב איהם באַהאַלטען און געטראָגען ביי זיך אין טאַש.

די איינלאַדונג איז געווען אויף זונטאג אָווענד. עס איז נאָך געווען צוויי טעג צו זונטאג. האָב איך גלייך אָנגעשריבען אַן ענט־פער צו עללאַ׳ן, געדאַנקט איהר פאַר דער איינלאַדונג און פאַר־שפּראָכען אַז איך וועל קומען. ביי דער ענדע האָב איך געבעטען עללאַ׳ן, אַז זי זאָל פון מיינעטוועגען אָפּגעבען אַ גרוס צו איהר מוטער.

מיסעס ראָבינס האָט געוואוינט ביי אַ פאַרהייראַטע שוועס־טער, וועלכע איז געווען עלטער פון איהר און איז געווען קינדער־לאָז. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די קליינע עללאַ האָט געהאַט צוויי מאַמעס וועלכע זיינען אַרום איהר אַרומגעגאַנגען.

ווען איך בין אַהין געקומען אין דעם באַשטימטען אָווענד, האָב איך די קליינע עללאַ געפונען אויסגעפּוצט לכבוד מיר אין אַ „פּאַרטי דרעס״, אַזוי ווי צו אַ קינדערשע שמחה. מיסעס ראָבינס האָט געטראָגען אַ טי־גאַון וואָס האָט איהר זעהר געקליידעט און איהרע פּעך־שוואַרצע האָר זיינען געווען פאַרקאַמט אין אַ פּאַסאָן וואָס האָט פאַרגרעסערט איהר חן און ליעבליכקייט.

— וואָס פאַר אַ ליעבליכע רייצענדע פרוי — האָב איך צו זיך געזאָגט און איך האָב געפיהלט אַז מיין האַרץ ציהט צו איהר וואָס אַ מינוט מעהר.

איהר גאַנג, איהר קעהר, איהר יעדע באַוועגונג איז געווען פול מיט חן. איהר שטימע — עס איז געווען די שטימע פון אַ זיסע נשמה. אַזוי האָב איך געפיהלט וועגען איהר יענעם זונטאג אָווענד.

איך האָב געהאַט אַ זעהר וואַרימע אויפנאַהמע. עללאַ האָט זיך מיט ביידע הענד איינגעקלאַמערט פאַר מיין האַלז און האָט מיך געקושט. די מוטער האָט איהר געמוזט פירהאַלטען, ווייל זי האָט מיר צוקנייטשט מיין קראַגען. מיסעס ראָבינס האָט מיך עמפּפאַנגען מיט דעם ליעבליכסטען שמייכעל וואָס איך האָב ווען געזעהן און איהרע אויגען האָבען אַרויסגעזאָגט איהר פרייד.

פינף־און־פופציגסטער קאַפּיטעל

איך ווער מיין פאָטער׳ס שדכן

דבורה האָט מיין פאָטער אָפּגעלייגט. זי האָט נאָך אַלץ ניט געקענט באַשליסען חתונה צו האָבען מיט איהם. מיין פאָטער האָט איהר פון דעם חלום ניט דערצעהלט. ער האָט זיך געשעהמט. דבורה האָט געבעטען צייט, און אַזוי ווי מיין פאָטער האָט סאַי ווי ניט געדענקט חתונה האָבען איידער דער טרויער יאָהר וועט אַריבער, האָט ער געמוזט האָבען געדולד.

דערווייל איז געוועזען צרות. די מיסעס שוואַרצקאָפּ, וועלכע האָט געפיהרט אונזערווירטשאַפט, האָט אָנגעהויבען צו פאַרנאַכ־לעסיגען די הויז. זי פלעגט אָפּזיצען טעג ביי די שכנות, זיך מי־שען אין אַלעס וואָס איך מיט מיין פאָטער האָבען גערעדט, און זאָגען אונז דעות. דערצו פלעגט זי זיך אָפט קריגען מיט איהר מאַן. דער אַלטער האָט ליעב געהאַט די וויין־קעלערען פון ברום סטריט בעסער ווי זיין ווייב. אויך האָט זי אָנגעהויבען צונעמען פאַר־שידענע קליינינגקייטען וואָס האָבען באַלאַנגט צו מיין זעליגער מוטער.

מיין פאָטער׳ס געדולד האָט ענדליך געפּלאַצט און ער האָט זי אַוועקגעשיקט, באַצאָהלענדיג איהר פאַר אַן עקסטרא מאָנאַט.

דורך אַן אַדוועטייזמענט אין אַ צייטונג איז אונז געלונגען צו קריגען אַ זעהר אָנשטענדיגע פרוי אַן אַלמנה, און זי האָט גע־האַט אַלע מעלות. זי איז געוועזען אַן אויסגעצייכענטע קעכין און אַ ציכטיגע הויז־יירטין. זי איז געוועזען אַ פרוי פון אַ׳יאָהר אַכט און פערציג, אַ זעהר סימפּאַטישע און האָט אויסגעזעהן צו זיין פון אַ פיינער פאַמיליע. זי האָט גערעדט ווי אַן אינטעליגענטע פּערזאָן, און ווען מיין פאָטער האָט איהר איינמאָל געפרעגט, ווי זי קומט צו זוכען אַזאַ שטעלע, האָט זי געענטפערט:

מיסעס ראַבינס איז רויט געוואָרען און אויסגערופען:

— אַ, עללאַ!

איך האָב באַטראַכטביידע בילדער און געזאָגט:

— איך וועל נעמען די, וועלכע די מאַמע וועט מיר געבען.

מיסעס ראַבינס האָט מיר געלאָזט נעמען די בילד אויף וועלכע עללאַ איז געווען אַליין, זאָגענדיג מיט אַ געלעכטער:

— וואָס טויג אייך אַ בילד פון אַן אַלטער אידענע? נעמט די בילד פון עללאַ'ן אַליין.

איך האָב דאָס בילד גענומען און באַהאַלטען אין מיין טאַש.

— וועט איהר מיר שיקען אייער פיקטשור? — האָט עללאַ געפרעגט.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— עללאַ, יו אַר טערריבל — האָט די מוטער אויסגערופען.

— עס מאַכט ניט, — האָב איך געזאָגט. — קינדער זאָגען אַרויס דאָס וואָס גרויסע האָבען ניט מוט אַרויסצוזאָגען און טראָגען דאָס ביי זיך אין הארצען.

מיסעס ראַבינס האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פראַגענדען בליק. איך האָב זיך פאַרשעהמט. איך האָב זיך צו פריה אַרויסגעכאַפּט.

איידער איך בין אַוועק, האָב איך געמוזט צוזאָגען עללאַ'ן צו קומען נאָך אַמאָל. דיזען מאָל האָט שוין איהר מוטער געבעטען דאָס זעלבע.

— דו מוזט מיר ווידער שיקען אַן אינוויטיישאַן, — האָב איך געזאָגט צו עללאַ'ן.

— מאַמע, — האָט עללאַ זיך געווענדעט צו איהר מוטער, — שרייב איהם שוין אַן אינוויטיישאַן און איך וועל זיך אונטערשרייבען.

מיר האָבען זיך ביידע צולאַכט פון דעם איינפאַל.

אויף מאָרגען האָב איך געשיקט עללאַ'ן מיין בילד מיט אַ שעהן בריוועלע. און אויסער דעם האָב איך איהר געשיקט אַ מתנה, אַ בוך מיט קינדער מעשה'לאך און בילדער.

איינגעפאלען, אז איך זאל זיך דורכריידען מיט עטלען. זי איז דאך די נאהענטסטע פערזאן אויסער מיר, וואס דארף זיין פאראינטע־רעסירט אין דיזער פראגע. עס האנדעלט זיך וועגען איהר מוטער און מיין פאטער. איז ניט מעהר ווי רעכט, אז מירביידע זאלען אין דעם נעמען א גלייכען אנטייל.

איך האב זיך אפגעריסען א צייט בייטאג און בין אוועק פון אפיס גלייך צו עטלען אהיים. איך האב אנגעגרייט אן אויסרייד פאר מיין אונערווארטעטען באזוך. איך האב כלומר'שט געדארפט זיין אין יענעם געגענד, האב איך זיך געטראכט איך וועל אריין צו עטלען. ביי מיר איז נאר געווען א פראגע, וואס וועל איך טאן ווען דבורה וועט אויך זיין אין דער היים. אבער איך בין געווען זיכער, אז איך וועל שוין געפינען א וועג ווי צו ריידען מיט עטלען אליין.

דריי מאל האב איך אנגעקלונגען ביז מען האט מיר געעפענט די טיר. עטעל איז צו מיין גליק געווען איינע אליין אין הויז. הינטער דער טיר האט זי געפרעגט ווער דאס איז און אז איך האב איהר געזאגט, אז דאס בין איך, און ווי אזוי איך קום אהער (דעם זעלבען ליגען וואס איך האב פריהער אויסגעטראכט), האט זי מיך אריינגעלאזען. אליין איז זי גלייך אריינגעלאפען אין א בעד־רום, פון דארט האט זי צו מיר אויסגעשריען:

— באלד קום איך ארויס. איך בין געווען ניט אנגעטאן פאר א גאסט. ענטשולדיג מיר, סעם!

— עס איז אלראיט! — האב איך געענטפערט.

— מיין מוטער האט איהר גאר ניט באגעגענט? — האט זי געפרעגט פון יענעם צימער.

— ניין, — האב איך געענטפערט.

— זי איז ערשט ארויס פון הויז. זי איז אוועקגעפאהרען דאון טאון, — האט עטעל געזאגט.

דער געדאנק, אז איך בין יעצט מיט עטלען אליין, האט אין מיר ארויסגערופען די עראינערונג פון יענעם אונפארגעסליכען שעהנעם זומער־טאג, ווען מיר האבען אין מיטען וועג פארשפע־טיגט צוריק צו קומען צו דער טריין, אויף וועלכע מיין מוטער האט געווארט אויף אונז און מיר זיינען פאר עטליכע שטונדען פאר־

— עס איז פיעל אנשטענדיגער פאַר א פרוי אַליין צו מאַכען אַ ערענטליכען לעבען, איידער אַנצוקומען צו קינדער.

מיסעס גרינצווייג (אַזוי האָט די פרוי געהייסען) איז געווען זעהר גוט צו אונז ביידען, אַזוי ווי דבורה, ווען זי איז ביי אונז געווען. זי האָט זיך ניט געמישט ווען איך און מיין פאָטער האָבען גערעדט, סיידען מיר האָבען גערעדט פון זאַכען, וואָס געהערען צו דער הויז־ווירטשאַפט. אַז עס פלעגט קומען אַ גאַסט האָט זי גע־וואוסט ווי איהם אויפצונעמען אַלס הויז־ווירטין און צו דערזעלבער צייט האָט זי געוואוסט אויף וויפיעל זיך צו דערווייטערען אַלס פרעמדע.

די פרוי איז אונז געוואָרען זעהר היימיש, אָבער וויפיעל מאָל מיין פאָטער און איך האָבען זי געבעטען צו עסען מיט אונז ביי דעם זעלבען טיש, האָט זי אונזער ביטע ענטזאַגט און האָט גע־געסען איהרע מאָלציייטען אין קיך.

מיט דער צייט האָב איך אָנגעהויבען צו באַמערקען, אַז מיין פאָטער קוקט אויף איהר מיט אַנדערע בליקען, מיט אַזעלכע בלי־קען ווי ער האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף דבורה׳ן נאָכדעם ווי מיין מוטער איז געשטאָרבען. איך האָב מיין פאָטער ניט געקענט באַשולדיגען. מיסעס גרינצווייג איז געווען אַ גוטע און אַ סימפּאַ־טישע פרוי און זי האָט מיין פאָטער זעהר פיעל רעספּעקטירט. איך האָב באַמערקט, אַז זי קוקט אויף איהם ווי אויף אַ מלאך. עס איז דאָרום קיין וואונדער ניט געווען, וואָס צווישען די ביידע האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אַ געגענזייטיגע שטאַרקע סימפּאַטיע.

איך האָב אָבער מורא געהאַט. פון אַלע פרויען האָב איך בע־סער געוואָלט, אַז מיין פאָטער זאָל נעמען דבורה׳ן. איך האָב אָנגע־הויבען אָפּטמאָל נאָכצושפּירען מיין פאָטער, און איינמאָל אַז איך האָב איהם געטראָפען אין קיך ריידענדיג מיט מיסעס גרינצווייג אין אַן ערנסטען טאָן, (ער האָט זיך אַ ביסעל דערשראָקען ווען ער האָט מיך דערזעהן), האָב איך צו זיך געזאָגט: יעצט איז די צייט עפּעס צו טאָן.

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? געהן צו דבורה׳ן און מיט איהר אַליין ריידען? דאָס האָב איך זיך געשעהמט צו טאָן. איז מיר

סירעז. איך האָב מורא, אַז ער זאָל ניט אַריינפאַלעז. עס איז
פאַר אַ מאַן צו מאַכעז איין מאָל אַ טעות, אָבער דעם טעות
מעז נאָכדעם פאַר אַ גאַנצעז לעבעז ניט פאַרריכטעז...

— איך פאַרשטעה שוין וואָס דו מיינסט, — האָט עטעל געענטפערט און זי האָט זיך טיעף פאַרטראַכט.

— רייד איבער מיט דיין מוטער, — האָב איך געבעטעז.

— איך וועל דאָס טאָן, — האָט עטעל ערנסט פאַרשפּראָכעז. — און איך בין זיכער, אַז מיינע רייד וועלעז ווירקעז. ווארום זאָלעז צוויי מענשעז פאַרוואַרפעז דאָס וואָס איז אַ גליק פאַר זייביידעז?

— איך האָף, אַז דו וועסט אויסווירקעז, — האָב איך געזאָגט מיט פרייד, — און דאַן, עטעל, וועלעז מיר זיין אַ ברודער מיט אַ שוועסטער!

— אוי, ווי גוט דאָס איז! — האָט עטעל אויסגערופעז. זי איז אויפגעשפּרונגעז פון איהר שטוהל, איז צוגעלאָפעז צו מיר און האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרביידע הענד.

— איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט אַ שוועסטער! — האָב איך געזאָגט. — עס הייסט, געהאַט האָב איך יאָ, אָבער איך האָב זי קיינמאָל ניט געזעהן.

— און איך האָב קיינמאָל, קיינמאָל ניט געהאַט אַ ברודער! — האָט עטעל געזאָגט. — און אַז דו, סעם, וועסט זיין צו מיר אַ גוטער ברודער, וועל איך צו דיר זיין אַ גוטע שוועסטער. דעם טאָג וואָס מיין מאַמע האָט חתונה מיט דיין טאַטעז, גיב איך דיר אַ קוש — פאַר אַלעמעז אין די אויגעז!

בליבען צוזאַמען אין פעלד, וואו מיר האָבען געהאַט אַ פרעהליכען פיקניק. איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך האָב עטלען דאַן אָנגענומען פאַר'ן אָרם און האָב זי געוואָלט אַ קוש טאָן. און ווי אַז איך זאָל דאָס יעצט פּרובירען טאָן? איך בין דאָך דער זעלבער און עטעל איז דאָך אויך די זעלבע... איך האָב אָנגעהויבען צו פיהלען פיבעריש. ניין, איך האָב קיין רעכט ניט געהאַט אַרייפּצוקומען צו עטלען ווען זי איז אַליין. עס איז ניט רעכט. זי איז שוין אַ פאַרהייראַטע פרוי.

זי איז אַריינגעקומען. און ווען איך האָב דערזעהן איהרע גוט־מוטיגע אונשולדיגע אויגען — בין איך געווען גרייט צו פאַלען פאַר איהר אויף די קניע און בייז איהר בעטען פאַרצייהונג פאַר די זינ־דיגע געדאַנקען וואָס איך האָב ערשט געהאַט אין מיין קאָפּ. ניט נאָר האָב איך געפיהלט, אַז איך ליעב נאָך עטלען מיט אַן אמת'ער ריינער ליעבע, נאָר מיין רעספּעקט איז פאַר איהר געווען אַזוי גרויס, דאָס איך האָב זי געהאַלטען פּשוט פאַר אַ הייליגע.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען מיר ביי אַ טישעל און גע־פרעגט:

— וואָס מאַכט דיין פאָטער?

— ווענען איהם בין איך דאָס יעצט געקומען, — האָב איך געענטפערט. — עטעל! דו מוזט מיר אַרויסהעלפען. מיין פאָטער איז געוואָרען עלענד, אַ צובראָכענער מענש. דו ווייסט גאָר ניט וואָס דאָס מיינט פאַר אַ מאַן אין זיינע אומשטענדען צו זיין איינער אַליין, אָהן אַ פרוי. אָבער דיין מוטער. ער ליעבט דיין מוטער ליעגט איהם אָפּ אַלץ פון צייט צו צייט. ווי איך פאַרשטעה ליעבט זי איהם אויך, אָבער עפּעס האַלט איהר אָפּ. אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל זי איז שוין אַזאַ לאַנגע צייט איינגעוואוינט געוואָרען צו לעבען אַליין —

— האָסט רעכט, סעם, — האָט עטעל געזאָגט. — אַן אַלמנה איז אַזוי ווי אַן אַלטע מויד. פאַרזיצט זי איינמאָל, בלייבט זי שוין זיצען. זי געוואוינט זיך איין מיט איהר איינזאַמען לעבען.

— און יעצט איז דאָ נאָך אַ געפאַהר, — האָב איך ווייטער גערעדט. — איך האָב מורא, אַז מיין פאָטער פאַרלירט שוין די האָפנונג אויף דיין מוטער, און איך וויים ניט וואָס עס קען פּאַ־

ווען איך בין צוריקגעקומען אין אָפּיס, האָב איך דאָרט גע־
נען מיס שעהנפעלד אַליין. מיין פּאָטער איז נאָך אַוועק פאַר־
מיטאָג און האָט געזאָגט אַז ער וועט דעם גאַנצען טאָג ניט זיין
אין אָפּיס, ווייל ער האָט זעהר וויכטיגע ביזנעס צו באַזאָרגען. און
דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גוטע געלעגענהייט זיך אַריבער צו כאַ־
פּען צו עטלען און ריידען מיט איהר וועגען אונזערע עלטערען.

מיס שעהנפעלד האָט באַמערקט, אַז איך זעה אויס זעהר
ערנסט און זי האָט לאַכענדיג מיך געפרעגט די אורזאַך.

— אויב איהר וועט עס האַלטען בסוד, וועל איך אייך דער־
צעהלען, האָב איך געזאָגט.

— עס מוז זיין ראָמאַנטיש, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמיי־
כעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַקעגען מיר, ביי מיין שרייב־טיש.

איך האָב איהר דערצעהלט וואו איך בין געווען און וועגען
וואָס. און ווי איך האָב שוין די זאַך כמעט דורכגעפיהרט. זי האָט
מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— דבורה איז די פּאַסענדסטע פרוי פאַר אייער פּאָטער. איהר
האָט געהאַנדעלט ווי אַ טרייער זוהן מיט דעם וואָס איהר האָט זיך
אויף אַן אונדירעקטען אופן אריינגעמישט אין דעם. דבורה, אויף
וויפיעל איך ווייס, איז ביי אייך ווי אַן אייגענע.

— און איהר טאָכטער אויך, — האָב איך צוגעלייגט מיט
געפיהל.

— יאָ, איך ווייס... — האָט מיס שעהנפעלד געזאָגט און
איז אַ ביסעל רויט געוואָרען.

איך האָב געפיהלט, אַז מיר זיינען אויך די בלוטען אריין
אין פּנים.

— און אַז איהר ווייסט, — האָב איך ווייטער געזאָגט, —
וועל איך אייך פאַרטרויען אַז מיין גאַנצער גליק הייגגט אָפּ אָן דעם
אַז מיין פּאָטער זאָל חתונה האָבען מיט דבורה׳ן, אום עטעל און
איך זאָלען זיין אַ ברודער מיט אַ שוועסטער... און דאַן וועל איך
שוין קיינמאָל ניט חתונה האָבען. איך וועל נאָר לעבען פאַר דעם
גליק פון מיין שוועסטער. איך וועל מיין גאַנצען לעבען ווידמען צו
איהר און צו איהרע קינדער.

זעקס־און־פופציגסטער קאַפּיטעל

ווי די האַרץ האָט מיר געזאָגט!

איך בין אַוועק פון עטלען אַ פרעהליכער. איך האָב געפיהלט גליקליך ביי דעם געדאַנק, אַז אָט באַלד, און עטעל ווערט מיינע אַ שוועסטער, און איך וועל זיין נאָהענט צו איהר, און איך וועל קענען קומען צו איהר ווען איך וויל, און איך וועל קענען ביי איהר שטעהן אַזוי לאַנג ווי איך וויל. אויף די געדאַנקען איז מיר אַרויף אַ אידיש ליעדעל, וואָס איך האָב איינמאָל געהערט זינגען אין אידישען טעאַטער:

מיין ליעבע איז ווי א נר תמיד,
עס לייכט און לעשט זיך ניט אויס.

עס איז געווען אַ ריינע ליעבע, פריי פון עגאָאיזם, אַזוי ריין ווי די ליעבע פון דוד און יהונתן, די ליעבע וועלכע דער פילאָזאָף פּלאַטאָ האָט געמאַכט פאַר אַ מוסטער פאַר דער מענשהייט...

איך גלויב, אַז אַזוי איז אימער די ערשטע ליעבע פון יעדען מענשען.

און עס איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז איך זאָל קיינמאָל ניט חתונה האָבען. איך וועל אויף מיין גאַנצען לעבען בלייבען אונפערהייראַט, אום קיין פרוי זאָל מיר ניט שטערען צו ליעבען עטלען, זיך צו זעהן מיט איהר און צו ריידען מיט איהר. עטעל וועט אַמאָל האָבען אַזאַ מיידעלע ווי מיסעס ראָבינס און די מיידעלע וועט מיך רופען „אָנקעל“, און איך וועל צו מיין פּלימעניצע זיין זעהר גוט.

יאָ, איך בלייב אַ בחור. איך וועל אויפהערען צו טראַכטען פון מיס שעהנפעלד. איך וועל איהר געבען אַן אָנצצוהערעניש, אַז זי האָט ניט מעהר וואָס צו האָפען אויף מיר. איך וועל מעהר ניט געהן צו מיסעס ראָבינס. איך וועל מעהר ניט לאָזען זיך ריידען שידוכים. איך וועל ניט חתונה האָבען!

— מיין מוטער קען זיך נאָך אַלץ ניט באַשליסען. איך האָב מיט איהר גערעדט און אַרנאָלד האָט גערעדט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. ניט זי קען זאָגען יאָ, ניט זי קען זאָגען ניין.

— איך האָב מורא, — האָט אַרנאָלד געזאָגט — אַז זי וועט חרטה האָבען. אייער פאָטער וועט ווערען אומגעדולדיג און אַז עס וועט זיך איהם מאַכען אַן אַנדער פּאַסענדער שידוך, וועט מיין שווינער מוזען אויסענבלייבען...

ביי איהם איז דאָס געווען אַ שפּאַס, אָבער ביי מיר האָבען געציטערט הענד און פיס ווען איך האָב זיך גענומען פאַרשטעלען, טאָמער וועט אַזוינס טאַקע געשעהן.

*

אָפּטמאָל קומט פאָר אין לעבען זאַכען שנעלער ווי מיר ערוואַרטען זיי.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון עטלען, האָב איך געפונען מיין פאָטער אין דער היים, אויסזעהן יום־טוב'דיג און זעהר אויפגעלייגט.

— וואו ביזטו געווען? — האָט ער געפרעגט.

—ביי אַרנאָלד קאַפּטאַן, — האָב איך געענטפערט.

מיין פאָטער האָט אויף אַ מינוט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און געשוויגען. נאָכדעם האָט ער געפרעגט:

— זאָג מיר דעם אמת, האָט מען דאָרט גערעדט וועגען מיר? איך מיין, אין פאַרבינדונג מיט דבורה'ן —

איך האָב געשוויגען. ווי האָב איך איהם געקענט זאָגען?

— הער צו, מיין זוהן, זאָל עס דיך ניט פאַרדריסען וואָס איך האָב היינט געטאָן. איך האָב שוין חתונה געהאַט... ערשט געקומען פון רב, ער האָט אונז געגעבען חופּה וקדושין. מיר מיט מיסעס גרינצווייג...

איך בין שיער ניט אומגעפאַלען פון איבערראַשונג.

— שרעק זיך ניט, מיין זוהן, — האָט מיין פאָטער מיך גענומען באַרוהיגען. — אַבוואָהל איך בין געווען זיכער, אַז זי איז אַ פיינע און העכסט אָרענטליכע פרוי, פון דעסטוועגען האָב איך זיך

אויף מיס שעהנפעלד׳ס פּנים האָט זיך באַוויזען אַ טרויעריגער שמייכעל. זי האָט ניט געלאַכט פון מיר, נאָר זי האָט סימפּאַטיזירט. און צו דער זעלבער צייט האָב איך געזעהן ווי איהר שטערען האָט זיך פאַרוואָלקענט.

עס איז בעסער אַז זי זאָל וויסען דעם אמת, — האָב איך זיך געטראַכט. — און וואָס פריהער, איז בעסער, כדי זי זאָל ניט לעבען מיט פאַלשע האָפנונגען.

— דאָס וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט וועגען אייך איז זעהר שעהן, — האָט זי באַמערקט מיט געפיהל, אָבוואָהל אין איהר שטימע האָט זיך געהערט אַ טאָן פון טרויער. — איך האָב געמיינט, אַז אין היינטיגע צייטען, ווען דער מאַטעריאַליזם הערשט אַזוי שטאַרק, קענען גאָר ניט פאָרקומען אַזעלכע ריינע און אמת אידעאַלע ליעבעס.

איך האָב זי אָנגעקוקט מיט גרויס מיטלייד... אפשר זי... אפשר זי וואָלט פאַרשטאַנען און וואָלט ניט געשטאַנען אין וועג פון מיין פריינדשאַפט מיט עטלען...

אָבער ניין! איך וועל ניט חתונה האָבען. מיין צוקונפט געהערט נאָר עטלען.

*

איך האָב געוואַרט אַ טאָג, צוויי, און אַ דריטען. קיין נייעס פון עטלען. האָב איך באַשלאָסען אין אָוענד אַריבער צו געהן צו איהר אויף אַ באַזוך און אויסגעפינען וואָס הערט זיך מכח דעם שידוך.

דבורה האָט מיך באַגעגענט ביים אַריינגאַנג מיט אַן אויסדרוק אַזוי ווי קיינע נייעס זיינען ניט פאָרגעקומען. עטעל און אַרנאָלד קאַפּטאַן האָבען זיךביידע געפרעהט מיט מיין קומען. און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן עטלען אין די אויגען, צו דערגעהן אויב זי האָט שוין גוטע נייעס פאַר מיר, האָט זי כמעט אומבאַמערקבאַר פון קיינעם אַ לייכטען דרעה געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף ניין.

וואָס זאָל דער „ניין“ באַדייטען?

איז דאָס אַן ענטזאָג אויף אימער?

שפּעטער, ווען דבורה איז אַ ווײַלע אַרויס פון צימער, וואו מיר זיינען געזעסען, האָט עטעל געזאָגט צו מיר:

איך בין צו איהר צוגעגאַנגען. איך געדענק ניט וואָס איך האָב אַרויסגערעדט. זי האָט מיך אַרומגענומען, מיך צוגעדריקט מיט אמת׳ער צערטליכקייט, און געזאָגט:

— מיין קינד! ווען דו וועסט מיך אַמאָל ליעב האָבען כאָטש אַ העלפט ווי איך האָב דיך ליעב געקראָגען אין דער קורצער צייט וואָס איך קען דיך, וועל איך זיין גליקליך.

דער טאָן פון איהר שטימע איז געווען אַזוי ערנסט, אַזוי האַרציג, דאָס איך האָב ניט געצווייפעלט אַ האָר אין דעם וואָס זי האָט געזאָגט.

נאָר ביינאַכט, ווען איך האָב זיך געלייגט שלאָפען, האָב איך געוויינט. די טרעהרען האָבען זיך מיר געגאָסען ווי פון אַ קוואַל און איך האָב זיי ניט געקענט צוריקהאַלטען. איך האָב זיך דער־מאָנט אָן מיין זעליגער מוטער און די אַלטע וואוינונג אין מיין האַרץ האָט זיך ווידער געעפענט און געשמערצט פון דאָס ניי...

אפשר וואָלט איך אַזוי געפיהלט אויך ווען מיין פאָטער וואָלט חתונה געהאַט מיט דבורה׳ן?

איך ווייס ניט. נאָר עס האָט זיך מיר געוואָלט וויינען יענע נאַכט און מיינע ליפּען האָבען געמורמעלט: „מאַמע, מאַמעלע" —

אויף איהר גוט נאָכגעפרעגט ביי באַקאַנטע און לאַנדסלייט און איך האָב אויסגעפונען, אַז, ערשטענס קומט זי פון אַ זעהר פיינע משפחה, יחסנים, און צווייטענס, איז זי אַליין געווען זעהר רייך. היינט האָט זי דערצו זעהר פיינע קינדער, אַלע פאַרהייראַט דאָ אין ניו יאָרק.

— אודאי, האָב איך געוואָלט דבורה'ן. זי איז דאָך מעהר היימיש מיט אונז. טאַקע ווי אַן אייגענע. אָבער דבורה האָט מיר אַלץ אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט, און יעצט, אַז גאָט האָט מיר צו־געשיקט אַזאַ פיינע פרוי אין הויז, האַלט איך דאָס פאַר אַ באַ־שערטע זאַך. און וואָס זאָלען מיר דאָ לייקענען? זי איז אינטעלי־גענטער פאַר דבורה'ן. זי איז אַ פרוי אַ ליידי, וואָס קען קומען אין דער פיינסטער געזעלשאַפט, און —

מיין פאָטער האָט ניט געענדיגט. אָבער איך וויים וואָס עס איז איהם געלעגען אויף דער שפּיץ צונג. ער האָט געוואָלט זאָגען: „און זי איז אינגער און שעהנער פון דבורה'ן".

עס האָט מיר וועה געטאָן, אָבער איך האָב מיין פאָטער ניט געקענט באַשולדיגען. ער האָט דאָך גענומען אַ פיינע פרוי. איך האָב קיין פעהלער ניט געקענט אויפווייזען אויף מיסעם גרינצווייג, וועלכע האָט יעצט פאַרנומען מיין מוטער'ס אָרט, און וועמען איך וועל יעצט דאַרפען עהרען און אכטען און רופען „מוטער".

— זי איז אין איהר צימער, — האָט מיין פאָטער געזאָגט, — און אַז זי וועט אַרויסקומען, זאָלסטו ווי אַ דזשענטעלמאַן צוגעהן צו איהר, גראַטולירען און זאָגען אַ פּאָר פריינדליכע ווערטער. זי האָט דיך זעהר ליעב. זי רעדט פון דיר מיט גרויס רעספּעקט. זי דענקט אַז דו ביזט דער פיינסטער יונגערמאַן וואָס זי האָט ווען געזעהן.

אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז זי אַרויסגעקומען. זי האָט זיך געענדערט זייט איך האָב זי געזעהן אין דער פריה! אַן אַנדער פרוי געוואָרען! אינגער, שעהנער, שטאַלצער און זאַגאַר העכער. (זי האָט איבערגעביטען די הויז־פּאַנטאָפּעל אויף הויכע שטיוועל־לאַך.)

ערוואַרטעטער שריט פון מיין פאַטער האָט חרוב געמאַכט אַלע מיינע לופט־שלעסער. און אפשר האָט זי זיך אין הארצען געפרעהט. זי האָט געוואוסט, אַז יעצט, ווען איך בין ווידער אָפּגעפרעמדט פון עטלען, וועל איך מוזען ענדערען מיין באשלוס ניט חתונה צו האָבען. אפילו די בעסטע מענשען זיינען ניט פריי פון אייגענליעבע. ניטאָ קיין אמת'ע זעלבסטאָפּפערונג אין דער וועלט.

אויפ'ן פערטען טאָג, אַז מיין פאַטער איז געקומען אין אָפּיס, האָט ער געהאַט אַן ערנסטען געשפּרעך מיט מיס שעהנפעלד. איך האָב בלויז אונטערגעהערט ווי ער האָט צו איהר געזאָגט:

— איך ווייס, אַז לייט וועלען מיך באַריידען. זיי וועלען זאָגען, אַז איך האָב געדאַרפט וואַרטען אַ פולען יאָהר נאָך מיין ערשטע פרוי'ס טויט און נאָכדעם נעמען אַ צווייטע. איך אַליין האָב געוואָלט פריהער חתונה מאַכען מיין זוהן און נאָכדעם אַליין חתונה האָבען — אָבער איך האָב געמוזט פריהער חתונה האָבען. איך האָב געפונען אַ פרוי וואָס איז געווען צו מיין הארצען, און זי איז געווען מיט מיר אין איין הויז — עס איז ניט אַנגענעהם צו שטעהן אין איין הויז מיט אַ פרוי וועלכע מען ליעבט און מען דאַרף זיך היטען ווי אַ גנב פאַר אַן אייגענעם זוהן, טאָמער רעדט זיך אויס אַמאָל אַ פריינדליכער וואָרט, אָדער מען וואַרפט אַמאָל אַ צערט־ליכען בליק. איך גלויב, אַז איהר פאַרשטעהט מיך, מיס שעהנ־פעלד.

מיס שעהנפעלד האָט געענטפערט אַז זי פאַרשטעהט, און זי האָט פאַרשפּראָכען מיין פאַטער צו קומען שבת מיט איהר מוטער און באַקאַנט ווערען מיט דער נייער מיסעס פרומקין.

אַ טאָג שפּעטער, אין אָוונד, אַז איך בין געפאָהרען מיט מיין פאַטער אַהיים, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— פאַר דיר, סעם, וואָלט געווען די בעסטע זאַך, אַז דו זאָלסט שוין אַמאָל חתונה האָבען און זיך סעטלען. דו ביזט שוין אַ ביסעל אַריבער 24, די ריכטיגע צייט חתונה צו האָבען.

איך האָב געשוויגען. איך האָב געפיהלט אַזוי ווי מיין פאַטער רעדט עס ווייל ער רעכענט מיך יעצט פאַר אַן איבעריגען מענשען אין הויז. ער וויל וואָרשיינליך יעצט זיין אַליין מיט זיין נייער פרוי. אָבער איך האָב באַלד איינגעזעהן, אַז איך האָב מיין פאַטער אומ־

זיבעןֿאוןֿפופציגסטער קאַפּיטעל

נייע ווענדונגען

פאַר דעם זייטיגען צושויער האָט ביי אונז אין הויז זיך גאָר־נישט געענדערט: אַלעס איז אָנגעגאַנגען אַזוי ווי פריהער. מיין שטיעפמוטער האָט ניט געוואָלט אריינגעמען אַ דיענסט און האָט אַליין געטאָן די הויז־ארבייט אַזוי ווי פריהער. (פאַר די שווערע אַרבייט פלעגט סאַי ווי קומען צו אונז אַ פרוי צוויי מאָל אין דער וואָך). זי האָט געקאָכט אַליין און האָט דיזע אַרבייט ליעב געהאַט, אַזוי ווי יעדע גוטע אידישע ווירטין. זי האָט אַפילו אָנגעהאַלטען איהר צימער. דעם זעלבען וועלכען מיר האָבען פריהער אָפּגעגעבען צו מיסעס שוואַרצקאָפּ. ווי איך האָב פאַרשטאַנען, האָט זי זיך געשעהמט פאַר מיר אַזוי שנעל צו פאַרנעמען דעם צימער, וועלכער האָט פריהער געהערט צו מיין מוטער ע"ה.

מיין פאָטער איז דריי טעג נאָך דער חופּה ניט געגאַנגען אין ביזנעס און איז פאַרבליבען אין דער היים. ער האָט געוואָלט אַוועק־פאָהרען אויף אַ וואָך אין לייקוואוד, אָבער מיין נייע מוטער האָט געזאָגט, אַז עס וואָלט ניט רעכט געווען געגען מיר, מיך איבער־צולאָזען אַליין, אויף די רעסטאָראַנס. זי איז געווען איינע פון יענע פרויען, וואָס האָבען געקוקט אויף דער קיך ווי אויף אַ היי־ליגטום, ווי אויף אַ קוועלע פון וואַנען דער געזונד און דער גליק פון דער פאַמיליע העננט אָפּ. געגען רעסטאָראַנס האָט זי געהאַט אַ שטאַרקען פאָראורטייל.

מיס שעהנפעלד האָט שוין געוואוסט. די אַרבייטער אין דער פעקטאָרי האָבען אויך געוואוסט. מיס שעהנפעלד איז געווען ערנסט און האָט אויסגעמיידט צו ריידען וועגען דעם מיט מיר. און כאָטש איך האָב זיך געהאַלטען צופריעדען און זאָגאַר פרעהליך, האָט זי דאָך פאַרשטאַנען, אַז איך גאַנצען גליקליך בין איך ניט. דער אונ־

אהן א פעני געלד? סיידען אזא וואס איז אליין רייך, וואס פאר־שטעהט איהר ווערדע, און וואס זוכט ניט קיין נדן. וויפיעל זיינען דא אזעלכע יונגעלייט היינטיגע צייטען וואס ווילען נעהמען אן ארימע מיידעל?

פון זיין פראקטישען שטאנדפונקט איז מיין פאטער געווען גערעכט.

די טריין איז אנגעקומען ביי אונזער סטיישאן און מיר זיינען ארויסגעגאנגען. איידער מיר זיינען ארויף אין אונזער הויז, האט מיין פאטער זיך אפגעשטעלט און מיך א פרעג געטאן:

— דענקסטו, איך קען זיך ארייננמישען אין דעם שידוך?

— פון מיינטוועגען — קענסטו, — האב איך געענטפערט מיט אנשטרענגונג, ניט ארויסווייזענדיג אז מיך ארט עס.

אויף מארגען זיינען בארני ניסענהאלץ און זיין זוהן, דזשעק, געקומען אין אונזער אפיס. דזשעק איז געווען א הויכער, דארער בחור פון א יאהר אכט און צוואנציג, ער איז געווען ניט שעהן און האט געהאט א פאר אויערען איבער דער פראפארציע. אבער טראץ דעם וואס ער איז געווען ניט שעהן, האט ער פון זיך שטארק געהאלטען. ער האט גערעדט ווי א כוואט, אזוי ווי אלע מיידלאך דארפען איהם נאכלויפען. און ווען מיין פאטער האט איהם פאר־געשטעלט פאר מיס שעהנפעלד, האט דזשעק ניסענהאלץ איהר דער־לאנגט זיין האנד און האט איהר האנד אזא דריק געטאן, אזוי ווי זי וואלט געווען זיינער א גוטער ברודער. ער האט איהר גלייך גע־געבען א קאמפלימענט, אז זי זעהט אויס ווי א קאנטרי מיידעל. די אלע ניו יארקער מיידלאך וואס ער האט ביז יעצט געזעהן, האט ער געזאגט, זיינען הויט, ביינער און זאקען. מיס שעהנפעלד האט זיך שטארק פארשעהמט פון דעם, ווי ער האט זי פרעך גע־מאסטען מיט די אויגען, אזוי ווי ער וואלט געזוכט צו טרעפען וויפיעל זי וועגט. אבער זייענדיג אזוי לאנג אין ביזנעס און האבענ־דיג זיך געוואוינט צו ריידען מיט פארשידענע מענער, איז זי געווען געדולדיג צו זיינע קאמפלימענטען. זי האט איהם געבעטען זיך זעצען און האט געענטפערט אויף אלע זיינע פראגען.

זיסט חושר געווען. דען ער האָט באַלד גענומען ערקלעהרען זיינע רייד:

— דו ווייסט דאָך, אַז ניסענהאָלץ פון סאַן אַנטאָניאָ איז דאָ. עס האַלט ביי דעם, אַז ער זאָל אונז געבען אַ שעהנעם אָרדער. מיס שעהנפעלד זאָגט, אַז עס איז שוין כמעט ווי זיכער. נו, האָט דער ניסענהאָלץ זיך פאַראינטערעסירט אין מיס שעהנפעלד. דער אַלטער האָט זיך פּשוט פאַרליעבט אין איהר. ער וויל זי האָבען פאַר אַ שנור. און אַזוי ווי ער איז דאָ גראַדע מיט זיין זוהן, אַ יונגער לאָיער, וויל ער אַז זיין זוהן זאָל זיך מיט איהר באַקענען. נו, האָט ער, ווען איך האָב איהם באַזוכט אין זיין האָטעל, מיך אַ פרעג געטאָן וואָס איך קען איהם זאָגען וועגען דער מיידעל. וואָס האָב איך געקענט זאָגען? נאַטירליך, האָב איך קיין שלעכטס וועגען איהר ניט געקענט ריידען. און פון דעסטוועגען פאַרדריסט מיך וואָס זי דאַרף אַוועק פון אונז. אמת, אין די ביזנעס איז זי שוין אונז ניט אַזוי נויטיג, יעצט, אַז דו ביזט אין די ביזנעס. אָבער איך האָב אַלץ געהאָפט, אַז זי וועט זיין אַ כלה פאַר דיר —

— און זי וויל דעם שידוך? — האָב איך געפרעגט, פאַר־דעקענדיג מיין אומרוהיגקייט מיט אַ שמייכעל.

— מיט איהר האָב איך נאָך ניט גערעדט, — האָט מיין פאָטער געענטפערט. — ער האָט פריהער געוואָלט אויסגעפינען וועגען איהר פאַמיליע, וועגען איהר כאַראַקטער, און נאָך זאַכען. נאָכדעם וועט ער ברייננגען זיין זוהן, ער זאָל זי זעהן און מיט איהר ריידען. און אויב זי וועט דעם זוהן געפעלען זיין, וויל ער, אַז איך זאָל זיך אַריינמישען אַלס שדכן.

איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון לאַכען.

— וואָס לאַכסטו? — האָט מיין פאָטער געפרעגט.

— ווי מר. ניסענהאָלץ גלויבט, ווענדעט זיך דאָס בלויז אַן דעם, דאָס זיין זוהן זאָל וועלען. ער רעכענט זיך גאָר ניט, אַז מיס שעהנפעלד האָט אויך אַ דעה. עס קען דאָך אַמאָל זיין אַז זי זאָל איהם ניט וועלען.

— פאַר וואָס זאָל זי איהם ניט וועלען? — האָט מיין פאָטער זיך געוואונדערט, — וואָס איז מיט איהר אַזוי דער יחוס? אמת, זי איז אַ פיינע און געבילדעטע מיידעל, אָבער ווער וועט זי נעמען

אכט־און־פופציגסטער קאַפּיטעל

וואָס איז מיט מיר?

די גאַנצע צייט וואָס דזשעק ניסענהאָלץ האָט גערעדט מיט מיס שעהנפעלד, האָב איך באַמערקט, אַז זיין פאָטער און מיין פאָ־טער הערען זיך צו. עס איז אונמעגליך געווען זיי ניט צו הערען, ווייל דער אָפיס־צימער איז געווען ניט איבעריג גרויס און מיר זיינען דאָרט געזעסען געפּאַקט. עס איז געווען דייטליך צו זעהן, אַז מר. באַרני ניסענהאָלץ האָט שטאַרק אַנגעקוואָלען פון זיין זוהן. דען יעדען מאָל ווען דער בחור האָט זיך אַ חכמה געטאָן מיט מיס שעהנפעלד, האָט מר. ניסענהאָלץ אַ שטופּ געטאָן מיין פאָטער מיט זיין רעכטע קניע (זיי זיינען די גאַנצע צייט געזעסען צוזאַמען ביי מיין פאָטער׳ס שרייב־טיש).

צולעצט, ווען דזשעק האָט גע׳פּועל׳ט ביי מיס שעהנפעלד, אַז זי זאָל מיט איהם אויסגעהן אין אָפּערא, האָט מר. ניסענהאָלץ אַזאַ שטאַרקען טורכע געטאָן מיין פאָטער אין זייט, אַז מיין פאָטער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן. מר. ניסענהאָלץ האָט דערמיט געמיינט: אנו. איהר זעהט וואָס פאַר אַ העלד מיין בחור איז און ווי אַלע מיידלאַך ווערען די כפּרה פאַר איהם ביים ערשטען בליק?

מיין פאָטער האָט דאַן געמאַכט אַזאַ פאָרשלאַג: אַזוי ווי מיס שעהנפעלד האָט צוגעזאָגט צו זיין ביי אונז שבת מיט איהר מוטער, אויף אַ באַזוך, זאָל מיסטער ניסענהאָלץ און זיין זוהן אויך קומען צו אונז. מען וועט טרינקען טעע, מען וועט זיך אונטערהאַלטען, און איז אָווענד וועט מר. דזשעק ניסענהאָלץ קענען מיט מיס שעהנ־פעלד אין אָפּערא.

גוואַלד! — האָב איך געוואָלט שרייען. צו וואָס האָט עס מיין פאָטער געטאָן? איך זאָל דאַרפען זיצען צוזאַמען מיט דעם קאַובאָי און הערען ווי ער חכמה׳ט זיך? אָבער פאַרפאַלען מיין

— איך בין אין ניו יאָרק שוין דריי טעג און האָב נאָך כמעט גאָרנישט געזעהן, — האָט ער געזאָגט. — עס פעהלט מיר א וועג־ווייזער.

מים שעהנפעלד האָט פאַרשטאַנען וואוהין ער ציעלט און זי האָט איהם געענטפערט:

— אויף יעדען קאָרנער איז דאָ א פּאָליסמאַן וואָס וועט אייך זאָגען דעם וועג וואו איהר ווילט געהן.

ער האָט געלאַכט. א מאָדנער געלעכטער איז דאָס געווען, אזוי ווי א לאָשאַק צוהירזשעט זיך. ער האָט אָבער גענומען ריידען דייטליכער. ער האָט געוואָלט אז מים שעהנפעלד זאָל מיט איהם געהן אין אָפּערא. איך האָב געזעהן, אז זי איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען.

מים שעהנפעלד האָט זיך געלאָזט א ביסעל בעטען. נאָכדעם איז זי איינגעגאַנגען זי זאָל מיט איהם געהן שבת־צו־נאַכט.



עסט, האָט זיך מיין האָפנונג, אַז מיס שעהנפעלד וועט איהם ניט וועלען, פאַרשטאַרקט. ער האָט געשטופּט דאָס עסען אין מויל מיט אַ מעסער, און יעדען מאָל וואָס ער האָט אָפּגעבראָכען אַ שטיק ברויט פון אַ פעניץ, האָט ער דעם אַנדער טייל פון פעניץ צוריק־געוואָרפען אין דעם ברויט־טאַץ.

איך האָב געזעהן אַ סך יונגע לייט פון קאַנטרי, וואָס פיהרען זיך אויף ביי אַ טיש נאָך פיינער ווי די ניו יאָרקער באָיס, אָבער דיזער איז געווען אַ אויסנאַהמע. ער האָט זיך אויפגעפיהרט ווי ער וואָלט ערצויגען געוואָרען צווישען די קאַובאָיס.

זיבען אוהר האָט זיך די קאָמפּאַני צוטיילט. דזשעק ניסענהאָלץ און מיס שעהנפעלד זיינען אַוועק אין אָפּערא, זיין פאָטער האָט איינגעלאַדען מיין פאָטער, מיין שטיעפמוטער און מיס שעהנפעלד'ס מוטער אין אידישען טעאַטער. איך האָב זיך אויסגעדרעהט, זאָ־גענדיג, אַז איך האָב אַן אַפּאָינטמענט מיט'ן דענטיסט.

דאָס איז געווען אַ שטיקעל אמת. איך האָב צוליעב די לעצטע פּאַסירונגען פאַרפעהלט צו געהן צום דענטיסט. כאָטש איך האָב ביי איהם געדאַרפט זיין שוין צוויי מאָל אין דער צייט.

אַז אַלע זיינען אַוועק, האָב איך אָנגערופען דר. זייעדענ־פאָדים אויפ'ן טעלעפאָן און האָב איהם געפרעגט, אויב איך קען קומען.

— פּליהז, ניט היינט אָוונט, — האָט ער זיך געבעטען, — עס איז ביי מיר היינט זעהר געפּאַקט. קומט בעסער מאָרגען. פעני וועט דאָ אויך זיין. קומט ארום אכט.

בין איך שוין פאַרבליבען אין דער היים. איך האָב שוין קיין חשק ניט געהאַט ערגעץ צו געהן יענעם אָוונד. איך האָב דעם אָוונד פאַרבראַכט אין טראַכטען וועגען דעם, ווי מיס שעהנפעלד און דזשעק ניסענהאָלץ פאַרברייננגען צוזאַמען די צייט. אָט יעצט זיצען זיי אין אָפּערא — אָט נעמט ער אַרויס אַ זעקעלע פּינאַטס און הויבט אָן צו קנאַקען... מיס שעהנפעלד פאַרשעהמט זיך און נעמט ביי איהם אַוועק די פּינאַטס... און איך צולאַך זיך אַליין פון די קאָמישע פּאַסירונג וואָס איך האָב אַליין אויסגעטראַכט.

אָט האָט דזשעק פאַרלייגט דעם קאָפּ און איז איינגעשלאָפען אין מיטען דער אָפּערא. אָט הערט מען איהם כראָפּען... מיס

פּאַטער האָט שוין די איינלאַדונג געגעבן און די איינלאַדונג איז שוין אָנגענומען געוואָרען.

דאָס איז געווען דאָנערשטאָג. שבת זיינען זיי אַלע געקומען. איך האָב געוואָלט אַוועקגעהן פון הויז איידער זיי זיינען געקו־מען,, אָבער מיין פּאַטער האָט מיך געהייסן פאַרבלייבען.

— ווי פּאַסט עס, אַז דו זאָלסט יעצט אַוועקגעהן ? — האָט ער מיר פאַרגעהאַלטען. — די מענשען וועלען דאָך פיהלען באַליי־דיגט. דו דאַרפסט דעם דזשעק אויפנעמען ווי אַ פריינד און איהם ציינען גאַסטפריינדשאַפט.

האָב איך שוין געמוזט פאַרבלייבען. מיס שעהנפעלד און איהר מוטער זיינען פריהער געקומען. זיי האָבען געוואוינט ניט ווייט. מיין שטיפמוטער האָט שויז געוואוסט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך און זי האָט מיס שעהנפעלד אויפגענומען אַזוי ווי מען נעמט אויף אַ כלה. אַ האַלבע שטונדע שפּעטער זיינען אָנגעקומען אונ־זערע געסט פון סאַן אַנטאָניאָ. דזשעק איז געווען אויסגעפּוצט ווי צו אַ חתונה און ער האָט יעדע ווײַלע געקוקט אויף זיינע נעגעל. עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט זיך געלאָזט מאַניקורען די נע־געל ספּעציעל צוליעב דעם וויזיט, און נאָך אום שבת ! כאָטש איך בין קיינמאָל ניט געווען צו פרום, דאָך אַ באַרבער־שאָפּ האָב איך קיינמאָל ניט באַזוכט אום שבת.

איך בין יעצט געווען זיכער, אַז מיס שעהנפעלד וועט איהם ניט וועלען.

מיין שטיעפמוטער האָט דערלאַנגט טעע און מיס שעהנפעלד האָט וואָלונטירט צו העלפען. מיין פּאַטער האָט אַלעמען אַמוזירט מיט אידישע אַנעקדאָטען. ער האָט געקענט זעהר פיעל פון זיי. מיין פּאַטער איז אימער געווען אַ געזעלשאַפטליכער מענש. איך האָב איהם שוין לאַנג ניט געזעהן אַזוי אויפגעלייגט ווי אין יענעם שבת נאָכמיטאָג.

אַרום פינף האָט מיין שטיעפמוטער דערלאַנגט אַ ריכטיגען שלש־סעודות מאָלצייט. ווידער האָט איהר מיס שעהנפעלד געהאָל־פען, און עס איז געווען אַ פאַרגעניגען צו זעהן ווי זי העלפט גריי־טען צום טיש, מיט אַזאַ נעטקייט און זויבערקייט ווי זי פלעגט פיהרען די ביכער אין אָפיס. זעהענדיג ווי דזשעק ניסענהאָלץ

— יא, — האָב איך געענטפערט. — דאָס איז דער נומער וועלכען איהר ווילט. צו וועמען האָט איהר געוואָלט ריידען?

— איז דאָס מר. סעם פרומקין? — האָט די שטימע געפרעגט. — איהר דערקענט ניט מיין שטימע?

איך האָב זיך דאָך ניט געקענט עראינערען. די שטימע איז מיר געוועזען זעהר באַקאַנט, אָבער איך בין זיכער, אַז דיזע שטימע האָט צו מיר קיינמאָל אויפ׳ן טעלעפאָן ניט גערעדט, און אַ שטימע אויפ׳ן טעלעפאָן איז דאָך אַ ביסעל אַנדערש.

— טאָ טרעפט ווער איך בין? — האָט יענע געלאַכט.

— עס איז מיר שווער צו טרעפען, — האָב איך געזאָגט שטיל און פאַרשעהמט, אַזוי ווי איינער וואָס האָט זיך פאַרשולדיגט.

— איהר מוזט האבען אַ גרויסע צאָהל וואָס רופען אייך אָפּ אויפ׳ן טעלעפאָן, — האָט יענע געשפּאַסט.

דאָס האָט מיך שוין פאַרדראָסען.

און פּלוצלינג האָב איך דערהערט נאָך אַ שטימע, אַ קינדערשע, וואָס האָט זיך געריסען צום טעלעפאָן, און דאַן איז עס מיר קלאָר געוואָרען. דאָס האָט מיך אָפּגערופען מיסעס ראָבינס.

— מיסעס ראָבינס! — האָב איך אויסגערופען.

— ענדליך! — האָט זי געזאָגט. — ענטשולדיגט מיר וואָס איך שטער אייך. מיין עללאַ איז היינט אַ ביסעל קריינקליך און איך מוז איהר נאָכגעבען איהרע קאַפּריזען. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, זי וויל ריידען צו אַנקעל סעם, ווי זי רופט אייך.

— מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען, מיסעס ראָבינס, — האָב איך געענטפערט, זיך פרעהענדיג אויף אַן אמת. — וואָס מאַכט איהר אַליין?

— איך בין אָלראַיט, טהענק יו, — האָט זי געענטפערט מיט איהר זיסער שטימע. — אָט איז עללאַ.

— העללאָו, — האָב איך באַלד געהערט עללאַ׳ס קינדערשע שטימע.

— העללאָו, האַו אַר יו? — האָב איך געפרעגט.

— אָלראַיט, אַנקעל. ווען וויל יו קאַם?

— עניטאַים יו סעי, — האָב איך געענטפערט.

שעהנפעלד וועקט איהם אויף... די אַנדערע וואָס זיצען דערביי שמייכלען...

איך האָב זיך ווידער צולאָכט פון מיין אייגענער פאָרשטעלונג...

אָבער ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבען צו פיהלען ערבייטערט. אַנדערע געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען אָנצופיהלען מיין מוח. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט... די אָפּערא האָט זיך שוין געענדיגט. ער האָט זי אָװעקגעפיהרט אין אַ קאַפע־הויז. זיי זיצען צוזאַמען און טרינקען קאַפע און עסען קעיק (איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז אַלעס וואָס זי וויל געניסען אין דער פרעמד, וואו זי איז ניט זיכער וועגען כשרות). אַדער זיי פאָהרען צוזאַמען אין אַ טעקסיקעב און ער זיצט דאָרט האַרט נעבען איהר און מאַכט איהר קאָמפּלימענטען. און זי טראַכט זיך: אַ רייכער בחור איז ער, ליעבען ליעבט ער מיך, טאָ וואָרום זאָל איך מיט איהם ניט חתונה האָבען? אַי, ער איז ניט אַזוי פאַלירט? נו, אַז מיר וועלען חתונה האָבען, וועל איך איהם אויסמענשלען... איך מוז אַריינכאַפּען אַ רעכטען חתן, אַזוי לאַנג ווי איך בין נאָך יונג. אויף סעם פרומקין איז ניטאָ וואָס צו וואַרטען...

ניין! דאָס טאָר ניט זיין! — האָב איך אויסגערופען. — דאָס טאָר ניט פאַרקומען! זי ליעבט נאָר מיך. זי געהערט צו מיר... איך האָב עטלען פאַרלאָרען, זי טאָר איך ניט פאַרלירען...

פלוצלינג האָט דער טעלעפאָן אָנגעהויבען צו קלינגען. מיינע געדאַנקען זיינען איבערגעריסען געוואָרען. ווער קען דאָס אָפּרופען? איך האָב קיין חשק ניט געהאַט צו קיינעם צו ריידען אויפ'ן טעלעפאָן. אָבער דער טעלעפאָן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען און איך בין צוגעגאַנגען, גענומען די טרייבעל צום אויער און געפרעגט:

— ווער רעדט עס?

אַ פרויענשטימע האָט געפרעגט, אויב זי רעדט צום ריכטיגען נומער. די שטימע איז מיר געווען אָנגענעהם באַקאַנט, אָבער איך האָב זיך אין דעם אויגענבליק ניט געקענט דערמאָנען וועמעס דאָס איז.

נײַן־און־פופציגסטער קאַפּיטעל

איך מאַך זיך צו נאַר

ניטאָ קיין גרעסערע נאַרישקייט אין דער וועלט ווי אַן אונ־באַרעכטיגטע אײַפערזוכט, וועלכע קען אַ מענשען פיהרען צו לײַ־טישע געלעכטער, אָדער צו אונגליק.

ביי מיר איז גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז ווען דזשעק ניסענהאָלץ פון סאַן אַנטאָניאָ וועט נאָר וועלען מיס שעהנפעלד, וועט זי איהם געבען איהר האַנד מיט איהר האַרץ צוזאַמען. אַזוי איז געווען מיין פאַטער׳ס מיינונג און איך האָב אין זיין מיינונג געגלויבט. ער האָט די וועלט בעסער געקענט ווי איך. פון מאַטעריע־לען שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען אַ „גליק“ פאַר מיס שעהנ־פעלד.

אַזוי ווי שבת איז געווען אונזער געשעפט געשלאָסען, פלעגט מען דאָרט אַרבייטען זונטאָג. איך פלעג אָבער זעלטען געהן אַהין זונטאָג, ווייל אין דעם טאָג איז געווען ווייניג וואָס צו טאָן.

דיזען זונטאָג האָט זיך מיר יאָ געוואָלט געהן אין אָפיס, ווייל איך האָב געוואָלט זעהן מיס שעהנפעלד און וויסען ווי עס האָלט מיט איהר. אָבער איך האָב געוואוסט, דאָס אויב איך וועל קומען, וועט זי זיך אָנשטויסען אַז איך בין נייגעריג, אָדער אונרוהיג ווע־גען איהר... און אפשר, האָב איך זיך געטראַכט, איז זי געגאַנגען מיט דעם קאָנטרי־באָי אום מיך אײַפערזיכטיג צו מאַכען... דאַרף איך איהר געווייס ניט צייגען אַז דאָס אַרט מיך.

די מעגליכקייט אַז זי העצט אין מיר אַ געפיהל פון אײַפער־זוכט האָט מיך נאָך מעהר צורייצט. איך וועל איהר צייגען, אַז מיך קימערט ניט די גאַנצע זאַך. איך וועל חתונה האָבען מיט מיסעס ראָבינס, זי איז שעהנער, סטיילישער. איז איז מעהר פאָ־לירט. אמת, זי איז אַ פּאָר יאָהר עלטער פון מיר, אָבער דערפאַר האָט זי אַנדערע מעלות און איז מוזיקאַליש.

— קאם טונאיט, — האט זי געבעטען מיט א האלב וויינענ־דיגער שטימע.

דא האט די מוטער איבערגענומען דעם טעלעפאן און זי האט געזאגט:

— הערט איהר ניט וואס זי זאגט. זי איז היינט אזוי קאפריז־נע, דאס זי וויים אליין ניט וואס זי וויל. אויב איהר קענט, קומט אריין די וואך, מארגען — איבערמארגען.

— איך וועל קומען, — האב איך געענטפערט. און איך האב געהערט דורכ'ן טעלעפאן ווי עללא האט זיך צואוויינט, און די מוטער האט מיר געזאגט א האסטיגען „גוד־באי” און אויפגעהאנ־גען דעם טרייבעל.

איך האב ארויסגענומען עללא'ס בילד, וועלכע איך האב נאך אלץ געטראגען ביי זיך. אין עללא'ס בילד האב איך געזעהן דעם געשטאלט פון איהר מוטער. די שעהנע, שטאלצע, ראפינירטע דאמע מיסעס ראבינס. און איך האב זיך געשטעלט די פראגע:

מיס שעהנפעלד, אדער מיסעס ראבינס?

די געשטאלט פון דיביידע פרויען זיינען געשטאנען פאר מיינע אויגען, און א קליין מיידעלע, שעהן ווי א מלאכ'ל, איז גע־שטאנען צווישען זיי און געווארט אויף מיין אורטייל...

— געווים האָב איך איהר דאָס געזאָגט, און האָב אַ גאַנצען טאָג געהאַלטען אין איין לאַכען. הקיצור, איך וועל שוין מעהר קיין שדכן ניט זיין. איך זעה, אַז איך טויג ניט צו דער מלאכה, — האָט מיין פאָטער געזאָגט.

איך האָב געהאַט געדענקט צו געהן יענעם זונטאַג צו מיסעס ראָבינס, אָבער איך האָב דאָס אָפּגעלייגט אויף מאָרגען, מאָנטאַג. מיין נקמה־געפיהל האָט זיך אָפּגעקיהלט. איך האָב איינגעזעהן ווי נאַריש איך בין געווען.

איך האָב זיך געשטעלט אויף דעם צופאַל, ווייל איך ווייס פון אַ סך פעלע, וואו מענשען האָבען חתונה געהאַט ניט אויס ליעבע, נאָר אויס נקמה. איך ווייס פון אַ יונגענמאַן, וועמען אַ מיידעל האָט צו לאַנג געהאַלטען אויפ׳ן שנירעל, האָט ער גענומען און האָט חתונה געהאַט מיט איהרע אַ חבר׳טע, בלויז צו להכעיס זיין געליעבטע.

מאָנטאַג אָוועגד בין איך געגאַנגען צו דר. זיידענפאָדים. איך האָב דאָרט געטראָפען מיס בראָדסקי, וועלכע האָט זיך שטאַרק געפרעהט מיט מיין קומען. וואַרטענדיג אויף מיין רייהע ביז דער דענטיסט וועט מיך רופען, האָב איך מיט איהר געהאַט אַ לאַנגען שמועס. זי האָט שוין געוואוסט וועגען מיין פאָטער׳ס חתונה. איהר פאָטער האָט וועגען דעם באַקומען פון מיין פאָטער אַ קאַרטעל מיט אַן אַנאָנסמענט. זי האָט אויך געהערט אַז ביידע, אי איך אי מיין פאָטער, האָבען גוט געטראָפען, ער מיט אַ גוטע פרוי און איך מיט אַ גוטע מוטער. זי האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז אין ניבען וועט זיין ביי איהר חתונה און זי האָפט אַז איך וועל קומען.

— געווים וועל איך קומען, — האָב איך פאַרזיכערט.

איך האָב באַמערקט, אַז זי וויל נאָך עפּעס זאָגען, אָבער זי האַלט זיך איין. נאָר שפּעטער האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, מיט וואָס האָט איהר אַזוי באַצויבערט די קליינע עללאַ ראָבינס? זי לאָזט דאָך אייך פון מויל ניט אַרויס!

— אַז די גרויסע גליבען מיך ניט, מוזען מיך גלייבען כאָטש די קליינע, — האָב איך געשפּאַסט.

— און וואָס דענקט איהר וועגען איהר מוטער?

זונטאג איז געווען אַ קורצער ארבייטס־טאָג, און שפּעט נאָכ־מיטאָג, אַז מיין פאָטער איז געקומען אהיים און מיין שטיעפמוטער האָט איהם געפרעגט וואָס עס הערט זיך וועגען דעם שידוך, האָט מיין פאָטער מיט זיין געוואוינליכען שפּאָס אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— אַי, מיר געהט נעבעך ניט אַלס שדכן. מיס שעהנפעלד איז שוין אויס כלה און ווידער מויד.

— פון וואַנען איז די מניעה? — האָט מיין שטיעפמוטער געפרעגט.

— פון ביידען, ביידע ווילען ניט, — האָט מיין פאָטער גע־ענטפערט.

— איז דאָך דאָס אַ גלייכער שידוך, — האָב איך אריינגע־בראָקט. זאָיך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון זאָגען אַ וויץ. די זאַך האָט מיך דאָך געפרעהט.

— עס איז געווען אַ רעגעלע קאָמעדיע, — האָט מיין פאָטער דערצעהלט. — צוערשט האָב איך געפרעגט ביי מיס שעהנפעלד. איז זי גאָר געווען איבערראַשט ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דזשעק ניסענהאָלץ איז זי געקומען זעהן אַלס אַ הייראַטס־קאַנדי־דאַט. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט אָנגענומען זיין איינלאַדונג אויס־צוגעהן מיט איהם, וויילֿ זי האָט געוואָלט זיין פריינדליך צו אַ קאָס־טאָמער פון דער פירמע. און נאָכדעם האָט זי זיך צולאַכט און גע־זאָגט צו מיר: „אַט אַזאַ חתן ווילט איהר מיר געבען, מר. פּרומקין? קיין בעסערען קענט איהר שוין ניט אויסגעפינען?״ בין איך דאָך טשיקאַווע געווען צו וויסען וואָס דער יונגערמאַן דענקט וועגען איהר. בין איך אַריבער אין זיין האָטעל, און הערט וואָס ער האָט מיר געזאָגט: „זי איז סלאָו! די מיידלאך וואָס וואוינען אין די קליינע דערפער פון טעקסעס זיינען לעבעדיגער און סטיילישער פון איהר. זי איז צו דער אָפּערא געווען אָנגעטאָן אַזוי ווי מען געהט אין שוהל“. אַזוי האָט ער געזאָגט. ער האָט דאָרט געזעהן לידים, זיינען זיי געווען סטייליש, ווי געהער צו זיין. בקיצור, ער איז זעהר דיסאַפּאָינטעט.

— נו, פּאָפּאָ, און דו האָסט עס איהר געזאָגט? — האָב איך געפרעגט.

— איהר וועט אפשר צוגעהן זעהן די קליינע עללא ? — האט מיך מיס בראדסקי געפרעגט. — איך געה יעצט אהין. עללא איז נעבעך קראנק, עס וועט איהר פרעהען אז זי וועט אייך זעהן.

— זי האט מיך נאך שבת אפגערופען אויפ'ן טעלעפאן, — האב איך געזאגט. — איך וועל טאקע געהן מיט אייך.

דר. זיידענפאדים האט צוגעזאגט אז ער וועט אויך קומען שפעטער, אזוי שנעל ווי ער וועט פערטיג ווערען מיט זיינע פא־ציענטען.

מיסעס ראבינס האט אונז באגעגענט ביים טיר. זי איז גע־ווען שטארק פארטרויערט. זי האט מיר געזאגט, אז עללא פיהלט ניט גוט שוין זייט א פאר טעג. דער דאקטאר זאגט אז דאס איז א לייכטער פאל פון לונגען־ענטצינדונג.

מיר זיינען אריין אין דעם צימער וואו עללא איז געלעגען. ווען זי האט מיך דערזעהן, האט זי א מאך געטאן מיט דער האנד, אזוי ווי זי וואלט מיך באגריסט. זי האט אבער גארנישט געזאגט. זי איז געלעגען ווי א שטיק בליי. מיין הארץ איז צוגאנגען פאר רחמנות. איך האב אזוי ליעב באקומען דאס קינד, דאס איך האב קיין חשק ניט געהאט זיך צו שיידען מיט איהר.

— איך מוז האבען א נוירס פאר איהר, א גוטע נוירס, — האט מיסעס ראבינס געזאגט, — דאס קינד מוז האבען פלעגע און אויפפאסונג. איך האב א גאנצע נאכט ניט געשלאפען, געזעסען ביי איהר בעט...

איך האב גענומען טראכטען... א נוירס... איך קען דאך א גוטע נוירס, האב איך זיך דערמאנט... אויב זי איז נאר פריי...

— מיר דאכט זיך, אז איהר קענט א גוטע נוירס, — האט מיס בראדסקי א זאג געטאן, אזוי ווי זי וואלט געלעזען מיינע גע־דאנקען. — אט די מיס שעפארד... וואס איך האב ביי אייך גע־זעהן...

— וואס איז זי, אן איירישע ? — האט מיסעס ראבינס גע־פרעגט.

— ניין, גראדע א אידישע, — האב איך ערקלעהרט. — דער נאמען שעפארד איז איבערגעמאכט פון שעפקין.

— איז זי א גוטע ?

— אַ פאַלקאָמענע ליידי! — האָב איך געזאָגט מיט אַן ערנסטען טאָן.

— וועל? — האָט מיס בראָדסקי געזאָגט און איהרע לאַ־כעדיגע אויגען האָבען מיך שעלמיש באַטראַכט.

— „וועל“ אויף אידיש איז „נו“, און „נו“ האָט אַ סך באַדײַ־טונגען, — האָב איך געענטפערט.

— איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען, — האָט זי מיר אַ שעפּטשע געטאָן אויפ׳ן אויער, — איהר וועט שוין קיינ־מאָל ניט חתונה האָבען. איהר זייט אַ צוקראַכענער מענש, זאָלט איהר מיר מוחל זײַן. איהר האָט ניט קיין ברעקעל ענטשלאָסענהייט ביי זיך. אַט זעהט, איך בין שוין אַנדערש. איך בין געקומען צו דר. זיידענפאָדים פּלאָמבירען אַ צאָהן. ביים ערשטען וויזיט איז ער מיר שוין געפעלען געוואָרען. ביים צווייטען וויזיט האָב איך געמאַכט אַז ער זאָל זיך אין מיר פאַרליעבען. ביים דריטען וויזיט האָט ער זיך אַנגעבאָטען צו זײַן מײַן דענטיסט אויפ׳ן גאַנצען לעבען.

— אַ דענטיסט׳ס שטוהל איז זעהר אַ ראָמאַנטישע זאַך, — האָב איך געענטפערט. — אפשר ווייסט איהר פון אַ שעהנע דענ־טיסטין?

— איהר זוכט דען נאָר שעהנהייט?

— און דערצו גוטסקייט, און אַ זיסע באַנעהמונג, און אַ ליעבליכען שמייכעל וואָס געהט קיינמאָל ניט אַרונטער, און אַ האַרץ מיט אַ נשמה, — האָב איך גענומען אויסרעכענען.

— און אַ פּופּצעהן אָדער צוואַנציג טויזענד דאָלאַר — האָט זי צוגעלייגט.

— איהר באַליידיגט מיך, — האָב איך פּראָטעסטירט.

אין די רייד האָט דר. זיידענפאָדים געעפענט די טיר און מיך אַריינגערופען.

— געהט, איך וועל אויף אייך וואַרטען, — האָט מיס בראָד־סקי געזאָגט.

דר. זיידענפאָדים האָט געאַרבייט אויף מײַן צאָהן ביי צעהן מינוטען און נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— איהר וועט מוזען קומען איבערמאָרגען נאָך אַמאָל.

זעכציגסטער קאַפּיטעל

ווידער חלומות...

מיס בראַדסקי'ס חתן, דר. זיידענפּאַדים, איז אָנגעקומען ארום צעהן אוהר. מיר זיינען דאָרט געזעסען ביז עלף. אין דער צייט האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט צו כאַפּען אַ פּאָר ווערטער מיט מיס שעפּאַרד, די נוירס.

— איך בעט אייך, — האָב איך צו איהר געזאָגט, — פּאַסט אויף גוט אויף מיינע קליינע פריינדין. זי איז די בעסטע פריינדין וואָס איך האָב אין דער וועלט.

— אַזאַ ליעב קינד מוז יעדער ליעב האָבען, — האָט מיס שעפּאַרד געזאָגט.

— איהר ווייסט, — האָב איך צו איהר געזאָגט, — איך האָב גאַנץ אָפט געטראַכט וועגען אייך.

איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט פרייד און דאַנקבאַרקייט. צו וואָס האָב איך דאָס איהר געדאַרפט זאָגען? דאָס הייסט אריינגעבען פאַלשע האָפנונג איהר אין הארצען.

און אום אָפּצושוואַכען דעם איינדרוק פון מיינע רייד, האָב איך צוגעלייגט:

— איך האָב ניט געקענט פאַרגעסען די געשיכטע פון אייער לעבען, וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט, און איך בין די גאַנצע צייט געווען נייגעריג צו וויסען אויב נייעס זיינען פאָרגעקומען.

די פרעהליכקייט איז פארשוואונדען פון איהר פּנים. זי האָט זיך פארשעהמט און פאַרלאָרען.

— קיין נייעס זיינען ביי מיר ניט פאָרגעקומען, — האָט זי שטיל געענטפערט. — און וואָס הערט זיך מיט אייער פריינד, וועגען וועלכען איהר האָט מיר אַמאָל דערצעהלט?

— מיין פריינד? וועלכער פריינד? — האָב איך געפרעגט.— איך האָב אַ סך פריינד.

— זעהר אַ גוטע, — האָב איך פאַרזיכערט. — אויב זי איז נאָר פריי. זי האָט איהר נאָמען אין טעלעפאָן דירעקטאָרי.

מיס בראָדסקי האָט זיך אונטערגענומען אָפּצורופען די נוירס. צום גליק איז זי געווען פריי. זי האָט צוגעזאָגט גלייך צו קומען.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט נעבען עללאַ'ן און איהר געקוקט אין די אויגען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן אַזוי ווי מיט אַ וואָלקען פאַרצויגען. איך האָב צוגעלייגט מיין האַנד צו איהר קאָפּ צו פיהלען איהר טעמפּעראַטור. זי האָט גענומען מיין האַנד אין איהרע ביידע הענד און געדריקט צו איהר האַרצען אַזוי ווי אַ קינד דריקט אַ דאָל.

וואָרום איז דאָס קינד אַזוי צוגעצויגען צו מיר? האָב איך זיך געפרעגט. אפשר לעבט אין איהר אַ נשמה פון פאַרגאַנגענע דורות, אַ נשמה וועלכע איז מיר געווען זעהר נאָהענט אין יענע צייטען, און דיזע נשמה זוכט צו באַנייען אַ פאַרוואַנדשאַפט פון פיעלע דורות צוריק? אָדער דאָס איז פּשוט אַן אינסטינקט פון אַ קינד, אָהן אַ פאָטער, וועלכע פיהלט זיך אַן אַ באַשיצער און זי טוליעט זיך צו מיר ווי אַ קליין פויגעלע, אַ יתומה, וועמעס טאַטע און מאַמע זיינען געפאַלען קרבנות פון אַ יעגער'ס קויל? ווי די זאַך איז, איך האָב דאַן ביי זיך באַשלאָסען אַז מיין פריינדשאַפט מיט דער קליינער עללאַ'ן זאָל קיינמאָל ניט אויפהערען.

מיס שעפּאַרד איז געקומען, און ווען זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי ברייט געעפענט איהרע אויגען צו דערגעהן אויב זי זעהט מיך אין חלום. זי איז צוגעגאַנגען צו עללאַ'ן, האָט צו איהר גע־רעדט אַ פּאָר ווערטער און האָט זי באַלד געוואונען פאַר אַ פריינד. מיס שעפּאַרד איז דערנאָך אַריין אין אַן אַנדער צימער, וואו זי האָט אָנגעטאָן איהר ווייסען אוניפאָרם מיט'ן ווייסען קאָפּ. עללאַ האָט גליקליך געשמייכעלט. אַלע קינדער האָבען ליעב צו זעהן אַ נוירס אַרום זיך.

אויף מאָרגען האָב איך פון אָפּיס טעלעפאָנירט צו מיס שע־פאַרד און אָנגעפרעגט וועגען עללאַ'ן. איך האָב אָפּגעוואַרט אַ צייט וואָס מיין פאָטער איז ניט געווען אין אָפיס, נאָר מיס שעהנפעלד און איך.

איך בין געווען זיכער, אַז מיס שעהנפעלד, וועלכע האָט מיך געהערט טעלעפאָנירען, וועט מיך פרעגען „ווער איז עללאַ?״ אָבער זי האָט ניט געפרעגט. אַ סימן אַז דאָס קימערט איהר גאָר ניט. און דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסען.

און דערצעהלען האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט. איך האָב איהר געוואָלט דערצעהלען ווער עללאַ איז, און וועגען איהר מוטער, וואָס פאַר אַ ליעבליכע פערזאָן זי איז... צו וואָס? דאָס האָב איך ניט געקענט פאַרשטעהן. עס האָט זיך מיר געוואָלט אין איהר ער־וועקען אַ געפיהל פון אייפערזוכט...

ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק בין איך אויף איהר געווען בייז ווייל מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זוכט מיך אייפערזיכטיג צו מאַכען, און היינט האָב איך איהר געוואָלט פאַרשאַפען אַזאַ האַרצוועהטאָג...

האָב איך ארויסגענומען עללאַ'ס בילד און האָב דאָס געצייגט צו מיס שעהנפעלד. זי האָט נאָר אַ בליק געטאָן אויפ'ן בילד און זי האָט עס אַ כאַפּ געטאָן פון מיינע הענד.

— אוי, אַ זיס קינד! וועמענס איז דאָס?

— דאָס איז מיין געליעבטע, — האָב איך געענטפערט.

— פאַר אַ גרעסערע, שיינט צו זיין, האָט איהר מורא, — האָט מיס שעהנפעלד געזאָגט, שפּאַסענדיג פון מיר.

זי האָט אַלץ געהאַלטען דאָס בילד אין האַנד און געקוקט אויף דעם, מורמלענדיג: „עפּעס איז מיר דער פּנים באַקאַנט, אָדער עס דאַכט זיך מיר אַזוי. ווי הייסען איהרע עלטערען?

— קיין פאָטער האָט זי ניט. איהר מוטער הייסט מיסעס ראַבינס. זי איז אַן אַלמנה, — האָב איך געענטפערט.

— ווייס איך שוין וואָרום זי קומט מיר פאָר אַזוי באַקאַנט!

— האָט מיס שעהנפעלד אויסגערופען. — איך קען די מוטער, אַזוי פון דערוויטענס. איהר פאָטער האָב איך בעסער געקענט. די מוטער איז אַ גרויסע שעהנהייט און אַ טאַלאַנטפולע פרוי. זי

— איהר געדענקט, איהר האָט מיר דערצעהלט פון אייערן אַ פריינד, אַ זוהן פון רייכע עלטערן. ער האָט זיך געליעבט אין אַן אָרימער מיידעל. און ווייל ער האָט געוואוסט אַז זיינע עלטערן וועלען זיין געגען אַזאַ שידוך, האָט ער ניט געהאַט דעם מוט צו זאָגען אַז ער ליעבט די מיידעל. דערווייל איז געקומען אַן אַנדער רייכער יונגערמאַן, וועלכער האָט געהאַט מעהר מוט פון אייער פריינד און ער האָט מיט די מיידעל חתונה געהאַט. איהר האָט מיר דאַן דערצעהלט, אַז כאָטש אייער פריינד האָט נאָך ניט אויפגע־הערט צו ליעבען יענע מיידעל, פון דעסטוועגען מאַכט ער באַקאַנט־שאַפט מיט אַנדערע מיידלאַך און האָפט נאָך צו געפינען זיין גליק צווישען זיי. יעצט געדענקט איהר?

— אַ, יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט, — האָב איך געזאָגט און איך האָב געפיהלט, אַז די בלוטען לויפען מיר אָן אין פנים. אַ ליג־נער פאַרגעסט שנעל זיינע ליגענס. דאָס איז געווען די געשיכטע פון מיין אייגענעם לעבען, וועלכע איך האָב פאַלש אָנגעגעבען אַלס די געשיכטע פון מיינעם אַ פריינד.

איך האָב אָנגעהויבען צו פאַרדעכטיגען, אַז מיס שעפּאַרד האָט געוואוסט ווער „מיין פריינד" איז געווען. דען זי האָט מיך אָנגעקוקט שאַרפליך און געפרעגט:

— נו, וואָס איז מיט אייער פריינד? האָט ער שוין געפונען זיין גליק?

— עס... האַלט... ביים דעם... — האָב איך קוים אַרויסגע־זאָגט, און אָפּגעווענדעט מיינע בליקען פון דער נוירס אויף עללאַ'ן וועלכע איז געשלאָפען.

— און וואָס מאַכט מיס שעהנפעלד? — האָט זי געפרעגט.

— זי שטעהט אין שידוכים, — האָב איך געענטפערט שפּאַ־סענדיג, אַזוי ווי מיך אַרט דאָס גאַר ניט.

— ווי איך פאַרשטעה, — האָט זי געזאָגט, — האָב איך דאָס אייך צו פאַרדאַנקען וואָס מען האָט מיך גערופען אַהער.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, — אָבער קיין דאַנק קומט מיר ניט. איך האָב אייך טאַקע געוואָלט זעהן.

ווידער איז איהר פנים פרעהליכער געוואָרען.

יעצט. ווען איך וואָלט עס דאָן פאַרשטאַנען, וואָלט איך איהר גלייך אויפ׳ן אָרט ערקלעהרט, אַז זי האָט וועגען מיר אַ פאַלשע מיינונג.

אַ געדאַנק האָט זיך פאַר׳גנב׳עט אין מיין הארצען, אַז עס איז דאָך בעסער וואָס מיסעס ראָבינס איז ניט אָרים און האָט אַ שטי־קעל פאַרמעגען. מענשען וועלען פון מיר ניט לאַכען, אַז איך האָב גענומען אַן אַלמנה מיט אַ קינד. מען וועט ריידען פון דעם, אַז איך האָב גענומען אַ רייכע אַלמנה מיט געלד. אַזוי איז די וועלט און אַזוי איז דער שטאַנדפונקט פון מענשען... און מען מוז פאַר דער וועלט יוצא זיין, כאָטש מען ווייס און מען פיהלט אַז די וועלט איז נאַריש און משוגע... איך וועל זיך ניט דאַרפען שעהמען. אפילו מיין פאָטער וועט זיין צופרידען. ער וועט זאָגען: „געוואַרט און געוואַרט און געטאָן דעם קליגסטען שידוך״.

אָבער א י ך וועל וויסען דעם אמת... איך האָב געפינען די, וועלכע איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט: שעהן, ליעבליך, אַ הארץ מיט אַ נשמה, וואָס וועלען אַנפילען מיין לעבען מיט זונענשיין און פרייד... און עללאַ וועט האָבען אַ פאָטער... און זי וועט מעהר ניט זיין עלענד...

עללאַ׳ס געזונד האָט זיך געבעסערט פון טאָג צו טאָג. איך פלעג אריינקומען אַ טאָג איבער אַ טאָג. כאָטש דר. זיידענפאַדים האָט שוין געענדיגט זיין אַרבייט אויף מיין צאָהן. מיט מיסעס ראָבינס בין איך אין דער צייט געוואָרען זעהר באַפריינדעט, זאָגאַר היימיש. מיר האָבען געפיהלט צוגעצויגען איינער צום אַנדערען. צוזאַמען האָבען מיר געפּלאַנט פּלענער פאַר עללאַ׳ן. מיר האָבען באַשלאָסען, אַז זי מוז האָבען אַ גוטע ערציהונג און אַ הויכע ביל־דונג, און אַזוי ווי עס צייגען זיך אין איהר אָרוים צייכענס פון אַ פידעל־שפּילערין, מוז מען זעהן אַז איהר טאַלאַנט זאָל ענטוויי־קעלט ווערען. און מיר האָבען געטרוימט פון דעם, ווי מיר וועלען אַמאָל זיצען אין אַ באָקס, אין אַ גרויסען טעאַטער, און הערען עללאַ׳ן געבען אַ ריסייטעל אויפ׳ן פידעל.

איז נאָך זעהר יונג, פינף און צוואַנציג אָדער זעקס און צוואַנציג יאָהר אַלט. און אויסזעהן זעהט זי אויס נאָך ווי אַ מיידעל...

מיס שעהנפעלד האָט אויף מיר געוואָרפען אַ פאַרשענדען בליק אַזוי ווי איינער זאָגט: איך ווייס אַלעס. די טאָכטער איז בלויז אַ רינגעלע אין דער קייטעלע וואָס האַלט דיך צוגעבונדען צו דער מוטער.

— איך האָב וועגען זייער חתונה געהערט אַ שעהנע געשיכטע, — האָט מיס שעהנפעלד דערצעהלט. — ראָבינס האָט זי צום ערשטען מאָל געזעהן אויף אַ חתונה, איז זי איהם זעהר געפעלען געוואָרען. האָט ער זיך באַריהמט פאַר אַ פריינד, אַז ער קען מאַכען אַז זי זאָל איהם ערלויבען איהר אַ קוש צו טאָן. דער פריינד האָט איהם געזאָגט, אַז ער וועט דאָס ביי איהר קיינמאָל ניט פועל'ן, ווייל זי איז ניט פון דעם סאָרט מיידלאך וואָס לאָזען זיך קושען פון אַ פרעמדען יונגענמאַן. ראָבינס האָט זיך אָבער געוועט אַז ער וועט אויספיהרען. האָט ער זיך מיט דער מיידעל באַקאַנט, באַקומען ערלויבניס זי צו באַזוכען ביי איהר אין דער היים. ביי זיין דריטען באַזוך האָט ער זי געוואָלט אַ קוש טאָן, האָט זי איהם אָבער געזאָגט, אַז איהר ערשטער קוש באַלאַנגט נאָר צו דעם, וואָס וועט געהן מיט איהר צו דער חופה, און בעפאָר די חופה וועט ער דעם קוש ניט קריגען. נו, איז דאָס איהם אַזוי געפעלען געוואָרען, דאָס ער האָט איהם געמאַכט אַ הייראַטס־אַנטראַג און זיי האָבען חתונה געהאַט. ליידער האָט זייער גליק לאַנג ניט געדויערט. זי איז שוין באַלד צוויי יאָהר אַן אַלמנה.

— און פון וואָס לעבט זי? — בין איך נייגעריג געווען צו ווייסען.

— ווי הייסט? איהר ווייסט ניט? איהר מאַן האָט איהר איבערגעלאָזען אַ שעהנעם פאַרמעגען. זי האָט אָפּגענומען דרייסיג טויזענד דאָלאַר לייף אינשורענס. איך האָב געמיינט אַז איהר ווייסט עס שוין.

די ווערטער „איך האָב געמיינט אַז איהר ווייסט עס שוין" זיינען, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, געזאָגט געוואָרען מיט אַ באַזונדער מיין. מיס שעהנפעלד האָט געמיינט צו זאָגען, אַז איך שדכן זיך צו מיסעס ראָבינס צוליעב איהר געלד. אַזוי פאַרשטעה איך

האט געזוכט צו מאכען פריינדשאפט מיט מיס שעהנפעלד, דעם פאהריגען זומער, ווען איך און מיס שעהנפעלד זיינען געווען אויף א באזוך ביי ארנאלד און עטעל קאפטאן.

ער האט מיך אויך דערקענט, און איז געווען איבערראשט מיך דארט צו זעהן. איך האב באמערקט, אז מיסעס ראבינס האט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך און ער האט געקוקט אויף איהר מיט אזעלכע בליקען, וואס זיינען מיר גאר ניט געפעלען געווען און האבען זאגאר מיך א ביסעל אויפגערעגט. טאקע, ווי קומט ער צו קוקען אזוי אויף איהר? וואס וויל ער? וואס זוכט ער דא, דער ראבינערעל? וואו נאר א שעהן מיידעל אדער א ווייבלע איז ער א בעלן אויף איהר!

איך בין זיכער, אז די זעלבע געדאנקען האט ער אויך גע־טראכט וועגען מיר.

דאקטאר זיידענפאדים איז צו דער פארטי געקומען מיט זיין כלה, מיס בראדסקי, און פון מיס בראדסקי האב איך ערפאהרען, אז דער ראבינער איז געווען א קאנדידאט אויף מיסעס ראבינס׳ האנד און הארץ איידער זי האט זיך געטראפען מיט איהר בא־שערטען אויף א חתונה.

מיס בראדסקי האט מיר ווייטער דערצעהלט, אז יעצט, ווען מיסעס ראבינס איז געווארען אן אלמנה, האט דר. וויים זיך ווידער גענומען שרכנ׳ען צו איהר.

ווארום האב איך איהם ביז יעצט ניט געטראפען? די אורזאכע האב איך באלד אויסגעפונען. ער איז די לעצטע וואכען ניט געווען אין ניו יארק.

די העפליכקייט האט געפאדערט, אז איך זאל מיט איהם ריידען, אבער ניט ער האט מיך געקענט פארטראגען און ניט איך איהם. מיר האבען זיך איינער דעם אנדערען פיינד באקומען גלייך ווי מיר האבען „געשייקט הענדס".

יעדען מאל וואס מיסעס ראבינס האט צו איהם א שמייכעל געטאן, אדער אים דערלאנגט א גלאז טעע, אדער געענטפערט אויף זיינע א באמערקונג, האט זיך ביי מיר אין הארצען אנגעצונ־דען א פייער פון אייפערזוכט. איך האב אבער באמערקט, אז ווען

איין־און־זעכציגסטער קאַפּיטעל

אַ ליעבע מיט ״דריי״

שפּיעלען אַ ליעבע
איז אודאי כדאי,
איז אודאי כדאי.
אָבער ווען איז דאָס נערעדט געוואָרען?
מיט איינער און ניט מיט דריי...

אַט דיעזע אידישע ליעדעל קומט מיר ארויף אויפ׳ן קאָפּ, ווען איך פאַנג אָן צו שרייבען דיעזען קאַפּיטעל.

ווען די קליינע עללאַ איז אין גאַנצען געזונד געוואָרען, איז מיס שעפּאַרד, די נוירס, אַוועק. איך האָב אפילו קיין געלעגענהייט ניט געהאַט זיך מיט איהר צו זעגענען. איך בין איין מאָל געקומען אין אָוועגד, איז עללאַ שוין ארומגעלאָפען איבער׳ן הויז און מיס שעפּאַרד איז שוין ניט געווען צו זעהן. און עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסען ווארום איך האָב זי ניט געזעהן נאָך אַמאָל בעפאָר איהר אַוועקגעהן. עס האָט זיך מיר זעהר געוואָלט זי טרייסטען און איהר צייגען פריינדשאַפט.

עטליכע טעג שפּעטער, אין אַ זונטאָג אָוועגד, האָט מיסעס ראַבינס געמאַכט אַ פּאַרטי פאַר עללאַ׳ן, לכבוד איהר געזונד ווערען. עס זיינען איינגעלאַדען געוואָרען אַלע איהרע חבר׳טעס פון דער נאַכבאַרשאַפט און קוזינעס, און אַ צאָהל ערוואַקסענע מענשען פון דער משפּחה. איך האָב עס געהאַלטען פאַר אַ באַזונדער פריווילעגיע וואָס מען האָט מיך אויך איינגעלאַדען. אַ סימן, אַז מען האַלט מיך פון דער משפּחה. אָבער ווען איך בין געקומען צו דער פּאַרטי, האָב איך דאָרט געפונען נאָך אַ יונגענמאַן, אַ גאַסט, וואָס האָט ניט געהערט צו דער משפּחה. זיין נאָמען איז געווען דר. וויס, אַ יונגער ראַבינער, און איך האָב איהם גלייך דערקענט. דאָס איז געווען דער זעלבער קרוב פון ארנאַלד קאַפּטאַן, וועלכער

דיר דערצעהלעז אַ מעשה וועלכע דו האָסט נאָך ניט געהערט. אַמאָל, אַמאָל, מיט יאָהרעז און יאָהרעז צוריק, האָט געלעבט אַ יונגער פּרינץ. ער איז געווען שעהן און גוט, און עס האָט איהם ניט גע־פעהלט קיין זאַך. זיין פאָטער האָט איהם געגעבען אַלע פאַרגעני־גיגענס וואָס ער האָט געוואָלט. און ווען דער פרינץ איז געוואָרען צוואַנציג יאָהר אַלט, האָט זיין פאָטער, דער קעניג, געזאָגט צו איהם: „מיין זוהן, דו ביזט שוין יעצט אַלט גענוג צו נעמען אַ פרוי, וועלכע זאָל ווערט זיין צו זיין אַמאָל די קעניגין פון מיין לאַנד. דאַרום, טו וואָס איך וועל דיך הייסען. נעם אַ צאָל פערד און דיענער, דיך צו באַגלייטען, און נעם מיט שפּייז, און גאָלד, און זילבער, און שעהנע מתנות, און פאָהר ארויס איבער דער וועלט זוכען אַ כלה. געדענק, מייז זוהן, זאָלסט אויסקלייבען די שעהנסטע, די קליגסטע און די בעסטע, און זי זאָל זיין אַ פרינצעסין“. דער פרינץ איז אַרומגעפאָהרען פון לאַנד צו לאַנד. איבעראָל האָט מען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד. אין יעדען לאַנד האָט איהם דער קעניג איינגעלאַדען אין זיין פּאַלאַץ און איהם פאָרגעשטעלט פאַר זיינע טעכטער, די פרינצעסינס. דער פרינץ האָט זיי באַ־טראַכט, מיט זיי גערעדט און נאָכגעפאָרשט וועגען זייער כאַראַק־טער. צולעצט האָט ער פון אַלע פרינצעסינס אויסגעקליבען דריי וועלכע זיינען געווען די שעהנסטע און די קליגסטע און די בעסטע אין דער גאַנצער וועלט, און אַלע דריי זיינען געווען אַזוי שעהן און אַזוי ליעבליך און רייצענד, דאָס דער פרינץ האָט זיי אַלע דריי גלייך ליעב באַקומען און ער האָט ניט געוואוסט וועלכע פון די דריי צו נעמען פאַר אַ ווייב. איז דער פרינץ צוריקגעקומען אהיים און האָט באַשלאָסען קיינמאָל ניט חתונה צו האָבען.

עללאַ האָט זיך פאַרטראַכט און נאָכדעם האָט זי מיט סימ־פּאַטיע געזאָגט: „פּור פּרינס!“ (אָרימער פרינץ).

— איז דהים איי טרו סטאָרי? (איז דאָס אַן אמת'ע גע־שיכטע?) — האָט זי מיך געפרעגט מיט קינדערשע נייגעריגקייט.

— יעס, — האָב איך געענטפערט. — אַזוי אמת ווי אַלע מעשיות.

— אַ סך פון זיי זיינען אויסגעטראַכטע, — האָט עללאַ גע־זאָגט, נאָכדענקענדיג. — אָבער עס קען זיין, אַז דאָס איז אמת.

מיסעס ראבינס האט צו מיר געשמייכעלט אדער א זאג געטאן א פריינדליכען ווארט. האט עס איהם אויך געקרענקט.

זיינען מיר געזעסען אזוי ווי צוויי העלדען ליעבהאבער פון די אלטע ראמאנען, יעדערער מיט זיין שווערד ביי דער זייט, גרייט צו קעמפפען א דועל פאר זייער געליעבטער.

די קליינע עללא האט פון מיר באקומען א מתנה, א שעהנעם אלבום, און זי איז ארומגעגאנגען צווישען די געסט און געבעטען אז יעדער זאל אין דעם עפעס אריינשרייבען. עס איז מיר אויס־געקומען צו שרייבען גראדע נאך דעם ראבינער, און ווען איך האב געקוקט אויף זיין האנדשריפט האט זיך מיר געדאכט, אז יע־דער בוכשטאב איז געשריבען מיט דעם צוועק מיך צו שטעכען. א מאדנע האנדשריפט איז דאס געווען. יעדער שטריך לאנג און שמאל אזוי ווי א דינער טשוואק.

איך האב געזוכט אוועקצוגעהן שפעטער פון איהם. אבער ער האט פון דארט ניט געוואלט אפטרעטען, אזוי ווי ער וואלט געווען צוגעשלאגען מיט טשוועקעס צו זיין שטוהל. ניין — האב איך געזאגט ביי זיך אין הארצען — איהר, רבי'ניו, וועט זי ניט קריגען. מיסעס ראבינס וועט זיין מיינע, און קיין אנדערענס.

עללא איז געגאנגען שלאפען א פאר שטונדען נאך איידער די ערוואקסענע געסט זיינען צוגאנגען. (די קינדער וואס זיינען גע־קומען צו איהר שמחה זיינען אוועק אום אכט). און איידער עללא איז איינגעשלאפען האט זי געפאדערט אז איך זאל זיך אוועקזע־צען נעבען איהר בעט און איהר דערצעהלען א געשיכטע. דאס האט מיך זעהר געפרעהט, זאל דער ראבינער זעהן ווי די טאכטער ליעבט מיך, מוז מיך די מוטער אויך ליעב האבען.

אבער וואס פאר א מעשה איך האב אנגעפאנגען צו דער־צעהלען האט עללא שוין געוואוסט, ענטוועדער איהר מוטער האט איהר דערצעהלט, אדער זי האט עס אליין געלעזען אין די קינדער־מעשה'לאך, וועלכע זי האט שוין געקענט לעזען גאנץ גוט. זי האט געהאט א גוטען קאפ. עס פארשטעהט זיך, אז איך האב קיין אנדער ברירה ניט געהאט, סיידען אליין אויסטראכטען עפעס א שעהנע געשיכטע, און דאס איז מיר ניט לייכט אנגעקומען

— הער צו, עללא, — האב איך אנגעהויבען. — איך וועל

האָבעז א סך ווייבער און איך וואָלט חתונה געהאַט מיט אַלע דריי.

מיסעס ראָבינס האָט געלאַכט מיט אַ פאַרשטיקטען געלעכטער און זי האָט עללאַ'ן אויפגע'מוסר'ט:

— יו אַר אָפול, עללאַ! — (ביזט שרעקליך, עללאַ!)

און זי איז אַרויסגעגאַנגען לאַכענדיג.

איך גלויב, אַז זי האָט דאָרט שטילערהייט איבערדערצעהלט עללאַ'ס חכמה צו די געסט.

— מיין נוירס האָט מיר איבערגעלאָזען איהר פּיקטשור, — האָט עללאַ מיר געזאָגט. — ווילט איהר עס זעהן?

— יעס. — האָב איך געענטפערט מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי איך וויל דאָס עללאַ'ן צוליעב טאָן.

עללאַ האָט מיר אָנגעצייגט אויף אַ קליינעם בילדער־אַלבום אין אַ קליינעם ביכער־שראַנק. איך האָב דעם אַלבום איהר צוגע־טראָגען און זי האָט מיר געצייגט אַ פאָטאָגראַפיע פון מיס שעפּארד אויף אַ פּאָסט קאַרטע.

איך האָב באַטראַכט דאָס בילד. איך האָב געזעהן פאַר זיך יענע גוטע נשמה־אויגען וועלכע האָבען אין זיך אָפּגעשפּיגעלט אַ ים מיט מענשען־ליעבע. אויך אויפ'ן בילד האָט איהר פּנים צו זיך געצויגען אַזוי ווי די זון ציהט צו זיך די בלומען פון פעלד...

פון דעם גרויסען צימער וואו אַלע זיינען געזעסען האָט זיך געהערט די שטימע פון דעם ראַבינער דר. וויס.

עללאַ האָט אָנגעהויבען איינצושלעפערען. איך האָב זי צוגע־דעקט, געגעבען צוויי קושען און זי איבערגעלאָזט אין איהר בעטעל.

אַריינקומענדיג אין דעם גרויסען צימער, האָב איך געזעהן דעם ראַבינער שטעהן נעבען מיסעס ראָבינס. זיי האָבען אויסגע־זעהן פון די זעלבע הויך און די זעלבע פיגור, אַזוי ווי אַ ריכטיגע פּאָר...

— איהר דאַרפט לערנען אייער עללאַ'ן העברעאיש, — האָב איך איהם געהערט זאָגען צו מיסעס ראָבינס. — עס איז אַזוי שעהן ווען אַ מיידעל קען ריידען העברעאיש. איך האָב לעצטען זומער זיך באַקאַנט מיט אַ מיידעל, האָט זי גערעדט העברעאיש — אַ פאַרגעניגען!

פור פרינס! ער האט געזאלט חתונה האבען כאטש מיט איינער פון די דריי.

— האט ער דאך די אנדערע אויך ליעב געהאט, — האב איך ערקלעהרט, — און עס וואלט איהם באנג געטאן אויף די אנדערע צוויי, ווען ער וואלט חתונה געהאט מיט איינער.

עללא האט זיך פלוצלינג א הויב געטאן פון איהר געלעגער, האט זיך אוועקגעזעצט אין בעטעל, א פאטש געטאן מיט איין הענטעל אן דער אנדערער און אויסגעשריען:

— אי העוו איט! (איך האב עס!) ווען איך וואלט געווען דער פרניץ, וואלט איך גענומען די דריי פרינצעסינס, אוועקגע־פאהרען מיט זיי אין א לאנד וואו מענער מעגען האבען א סך, א סך פרויען, און איך וואלט חתונה געהאט מיט אלע דריי!

איך האב זיך ניט געקענט איינהאלטען און האב אויסגעשאסען מיט א געלעכטער. עללא איז געווען גאנץ ערנסט און זי האט גאר קיין אהנונג ניט געהאט אז איהר עצה קומט אויס לעכערליך. אבער ווען זי האט געהערט אז איך לאך, האט זי זיך אויך צולאכט, אזוי ווי א קינד וואס לאכט נאכדעם ווי עס דערוויסט זיך אז עס האט געזאגט א חכמה.

אין טיר האט זיך באוויזען מיסעס ראבינס.

— וואס איז דאס פאר א געלעכטער? — האט זי געפרעגט און איהר פנים האט געלאכט קוקענדיג אויף אונז ווי מיר לאכען.

— אנקעל סעם האט מיר דערצעהלט א שעהנע סטארי, — האט עללא געענטפערט.

— וואס איז די סטארי? מעג איך אויך וויסען? — האט מיסעס ראבינס געפרעגט.

עללא האט איהר בקיצור איבערדערצעהלט די מעשה מיט'ן פרינץ און די דריי פרינצעסינס.

— פון אזא געשיכטע לאכט איהר? — האט מיסעס ראבינס זיך געוואונדערט, — דאס איז דאך זעהר טרויעריג.

— יעס, — האט עללא ערקלעהרט, — אבער איך האב גע־זאגט, אז ווען איך וואלט געווען דער פרינץ, וואלט איך מיט די דריי פרינצעסינס אוועקגעפאהרען אין א לאנד וואו מענער מעגען

צוויי־און־זעכציגסטער קאַפּיטעל

מיס שעהנפעלד מאַכט אונז אַ סורפּרייז

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך באַמערקט אַז מיס שעהנפעלד איז אַ ביסעל אויפגערעגט און צוטראָגען. איך האָב געטראַכט, אפשר האָט זי זיך דערוואוסט אַז איך בין געוואָרען אַן אָפטער אריינגעהער ביי מיסעס ראָבינס? און נאַטירליך דאַרף עס איהר פאַרדריסען. ביי איהר קומט פּיליכט אויס, אַז דער איינציגער פאַרצוג וואָס מיסעס ראָבינס האָט איבער איהר איז, וואָס יענע האָט געלד.

ווען איך האָב זיך אָנגעהויבען צוצוקוקען צו מיס שעהנפעלד, האָב איך באַמערקט אַז די אורזאַכען פון איהר צוטראָגענהייט איז אַ בריעף וואָס זי האָט באַקומען. איך האָב באַמערקט ווי זי האָט אַזאַ בריעף ארויסגענומען פון אַ קליין שופלאָדעל אין איהר שרייב־טיש און האָט עס געלעזען און אַוועקגעלייגט. זי האָט עס יענעם טאָג געטאָן עטליכע מאָל.

פון וועמען קען דאָס זיין דער בריעף?

וואָס האָט דער בריעף ענטהאַלטען?

וואָרום איז זי אַזוי צוטראָגען?

איך האָב זיך קיין ערקלערונג ניט געקענט געבען און איך האָב ניט געקענט רוהען. איך מוז דערגעהן צום ווענינגסטענס פון וועמען דער בריעף איז געווען.

ביי אונז איז געווען איינגעפיהרט, אַז אַלע בריעף וואָס פלעגען אָנקומען צו דער פירמע, פלעגען אַוועקגעלייגט ווערען אויף מיס שעהנפעלד׳ס שרייב־טיש, און זי פלעגט זיי עפענען, אויסער די וואָס זיינען געווען באַצייכענט „פּערזאָנאַל“ פאַר מיין פאָטער, אָדער פאַר מיר. אַזעלכע בריעף פלעגען גראָדע אָנקומען זעהר זעל־טען.

איך האָב געוואָלט פאַרבלייבען אין אָפיס אַ ביסעל שפּעטער, אום אַרויסצונעמען דעם בריעף פון איהר שרייב־טיש און זעהן פון וועמען דאָס איז געשיקט. אָבער איידער זי איז אַוועק האָט מיס

די לעצטע ווערטער האט ער קוים ארויסגעשטאמעלט. ער האט זיך הפנים געהאט פארגעסען אז איך בין דאן אויך געווען מיט מים שעהנפעלד, און אז איך האב א געוויסע רעכט אויף איהר.

עס האט מיך פארדראסען וואס ער רעדט אזוי וועגען מים שעהנפעלד, אז ער האט זיך באקאנט מיט איהר! מיט וואס פאר א רעכט זאגט ער אז ער האט זיך באקאנט מיט איהר? און נאך מיר אין די אויגען!...

דער ראבינער איז ענדליך אוועק מיט מיר אין איין צייט. ביים ערשטען קארנער האבען מיר זיך צושיידט און יעדער פון אונז איז אוועק אין אן אנדער וועג.

און וואָס ביזטו?... — האָט אַ שטימע אין מיר געפרעגט.
איך בין אַנדערש... איך בין ניט שולדיג... איך וויל קיינעם ניט נאַרען... נאָר איך ווייס ניט... איך קען זיך ניט באַשליסען... איך בין אַ צוקראַכענער מענש... ווי מיס בראָדסקי זאָגט... אויף מיר איז אַ רחמנות...

אום צו פאַרדעקען מיין אויפרעגונג, אַז מיס שעהנפעלד זאָל אויף מיר גאָר ניט קענען מערקען, האָב איך זיך אוועקגעזעצט לעזען אַ האַנדעלס־צייטונג.

זי איז באַלד צוריקגעקומען. זי האָט גלייך זיך גענומען צו די בריעף. איך האָב געקוקט אַן אַ זייט, זיך געמאַכט ווי איך בין גאַרניט פאַראינטערעסירט, כדי זי זאָל אויף מיר גאָרניט מערקען. איך בין זיכער אַז יענעם בריעף האָט זי געלעזען צוערשט...

*

יענעם אָוועגד, אַז איך האָב געגעסען סאַפּער מיט מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער, האָט מיין פאָטער געזאָגט צו מיר:
— ווייסט, סעם, מיס שעהנפעלד געהט דאָך אוועק פון אונז.
דער גאָפּעל וועלכען איך האָב געהאַלטען איז שיער ארויסגעפאַלען פון מיין האַנד. עס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבערראַשונג, און איך האָב דאָס גאָר ניט געזוכט צו באַהאַלטען.
— ווי איך פאַרשטעה, האָט זי שוין אַ חתן און וויל חתונה האָבען, — האָט מיין פאָטער געזאָגט. — און ווייטער, מיין זוהן, וועל איך דיר זאָגען דעם אמת. מיס שעהנפעלד איז פאַר אַ צייט געווען זעהר ניצליך אין די ביזנעס, אָבער יעצט דאַרפען מיר זי שוין ניט האָבען. דו און איך קענען פיהרען די ביזנעס. די חובות וואָס מיר האָבען געמאַכט האָבען מיר שוין אויסגעצאָהלט. ביזנעס געהט ווידער גוט, און אַלעס וואָס מיר דאַרפען האָבען איז אַ מיידעל וואָס זאָל פיהרען די ביכער און טייפּרייטען בריעף. דאָס קען מען קריגען פאַר אַ צוואַנציג אָדער פינף און צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך.
גראָדע ווי עס האָט מיר וועה געטאָן וואָס מיס שעהנפעלד געהט אוועק אַזוי אומערוואַרטעט, אַזוי האָט מיר אויך וועה געטאָן מיין פאָטער׳ס גרינגשעצונג, ווי ער האָלט מיס שעהנפעלד פאַר גאַנץ אונוויכטיג. איך האָב זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען און־

שעהנפעלד אַרויסגענומען דעם בריעף און האָט עס מיטגענומען אין איהר האַנד־טאַש.

אויף מאָרגען האָט זיך אָבער געמאַכט אַ בעסערע געלעגענהייט. מיטאָג־צייט איז מיס שעהנפעלד אַ ווײַלע אַוועק. איך האָב געוואוסט, אַז זי איז אַריין אין אַ נאָהענטען אָפיס, אויף דעם זעלבען פלאָר, וואו זי האָט געהאַט אַ פריינדין, וועלכע האָט דאָרט געאַרבייט. איך האָב געוואוסט, אַז עס וועט נעמען צום ווענינגסטענס עטליכע מינוטען ביז זי וועט צוריקקומען. איך האָב געזעהן איהר האַנד־טאַש ליגען אין אַ ווינקעל פון איהר שרייב־טיש. איך בין צוגעגאַנגען... מיין האַרץ האָט אין מיר אָנגעהויבען צו קלאַפּען... איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געטאָן אַזאַ זאַך אין מיין לעבען... אויב איך וועל דאָס טאָן וועל איך זיך אַליין קיינמאָל ניט מוחל זיין... אָבער איך מוז... איך האַלט שוין מיין האַנד אויף'ן האַנד־טאַש... איך פיהל אַז איך ווער פּאַראַליזירט... איך הער אימיצער כאַפּט אַן די ענטעל פון טיר... איך שפּרינג צוריק... עס קומט אַריין דער בריעפטרעגער...

ער דערלאַנגט מיר אַ פּעקעל בריעף און געהט גלייך אַרויס. מיינע הענד ציטערען נאָך און קוים וואָס זיי קענען האַלטען דעם פּעקעל בריעף. איך צוליי זיי אויף מיין שרייב־טיש. איך זוך... און מיט אַמאָל דערזעה איך אַ קאָנווערט אַדרעסירט צו „מיס ר. שעהנפעלד". און די האַנדשריפט איז יענע מיט די לאַנגע און שמאָלע בוכשטאַבען וואָס זעהן אויס אַזוי ווי לאַנגע טשוועקעס, די זעלבע וואָס איך האָב געזעהן דעם ראַבינער דר. וויים איינשרייבען אין עללאַ'ס אַלבום.

זאָל איך דעם בריעף באַהאַלטען? ניין... עס וועט זיך דערגעהן... איך טאָר ניט... און איך האָב שנעל גענומען דעם גאַנצען פּעקעל בריעף און האָב אַוועקגעלייגט אויף מיס שעהנפעלד'ס שרייב־טיש.

יעצט האָב איך פאַרשטאַנען... דר. וויים שרייבט צו איהר בריעף און ליעבע־בריעף אויף געוויס! און צו דער זעלבער צייט שדכנ'ט ער זיך אויך צו מיסעס ראַבינס — דער לומפּ! איך מוז אַראָפּרייסען די מאַסקע פון זיין פּנים... די וועלט איז איהם ווענינ... איז אַלעמען ליעבט ער זיך...

— וואו איז זי? — האָט מיין פּאָטער געפרעגט.

— זי געפינט זיך ביי מיין עלטערע טאָכטער, פרידא. זי וועט דאָ זיין מאָרגן אָוונט.

מיין פּאָטער האָט זיך פאַראינטערעסירט און געזאָגט:

— אפילו קרובה׳שאַפט האָט ניט צו טאָן מיט ביזנעס, נאָר אויב זי וועט קענען זיך צופּאַסן אין אונזער ביזנעס, וועלען מיר זי האַלטן ווי אַן אייגענע. און טאָמער וועט זי זיך ניט קענען צו־פּאַסן צו אונזער ביזנעס, וועלן מיר זי באַזאָרגן מיט אַ שטעלע אין אַן אַנדער פירמע. וואָס דענקסטו, סעם?

— יעס, איך דענק אויך אַזוי, — האָב איך געענטפערט.

— זי איז זעהר אַ ליעב קינד, — האָט מיין שטיעפמוטער ווייטער דערצעהלט. — איהר מוטער, עס הייסט מיין שוועסטער, האָט מיר עטליכע מאָל געשריבען, אַז זי וואָלט וועלען שיקען איהר ליזינקען אין ניו יאָרק. זי זעהט פאַר איהר קיין צוקונפט ניט אין מילוואָקי. אפשר ווילסטו זעהן ווי זי שרייבט? איך האָב עטליכע בריעף פון איהר.

די לעצטע ווערטער זיינען געווען געווענדעט צו מיר.

— אָלראַיט, — האָב איך געענטפערט. — די בריעף מוזען זיין אינטערעסאַנט.

שפּעטער, ווען איך בין אריין אין מיין צימער, האָט מיין שטיעפמוטער מיר אריינגעטראָגען אַ פּעקעל בריעף און איז גלייך ארויסגעגאַנגען.

איך האָב אַרויסגענומען איין בריעף. די האַנדשריפט איז גע־ווען זעהר נעט. איך האָב גענומען לעזען... איך האָב זיך ניט גע־קענט אָפּרייסען. עס האָט געשריבען אַ מיידעל פול מיט לעבען און מיט יוגענד־קראַפט, וועלכע האָט זיך געריסען צו אַ ברייטערע און פרייערע ספערע, ווייל אין דעם אָרט וואו זי האָט זיך געפונען איז געווען איינג און פאַרשטיקט... איך האָב צווישען די שורות געזעהן די נשמה פון דער קאַנטרי מיידעל וואָס בענקט נאָך דער גרויסער שטאָט... נאָך דעם שטורמישען געזאַנג פון לעבען... איך האָב גענומען לעזען אַ צווייטען און אַ דריטען בריעף... אינטערע־סאַנט ווי דער אינטערעסאַנטסטער ראָמאַן... איך האָב גענומען לע־זען לאַנגזאַמער... איך האָב זיך ניט פאַרגונען צו לעזען אַלעס אויף

זער אַפּיס אַהן מיס שעהנפעלד. ווי וועט עס אויסזעהן אַהן איהר?...

איך בין געווען זיכער, אַז איהר אַוועקגעהן האָט צו טאָן מיט דעם ראַבינער׳ס בריעף וואָס זי האָט באַקומען אין דער לעצטער צייט. ווער ווייס ווי לאַנג ער שרייבט צו איהר!

עס קען זיין, אַז די קאָרעספּאָנדענץ ציהט זיך נאָך זייט ער האָט זי געזעהן צום ערשטען מאָל ביי אַרנאָלד קאַפּטאַן אויף זייער זומער־פּלאַץ... ער האָט צו איהר געשריבען אויף דער אַדרעסע פון דער פירמע, ווייל איהר הויז־אַדרעס האָט ער ניט געהאַט. און מעגליך אַז זי האָט איהם געלאָזט שרייבען אויף דער פירמע׳ס אַדרעסע, ווייל זי האָט ניט געוואָלט אַז איהר מוטער זאָל וויסען פון איהר פריינדשאַפט מיט דעם ראַבינער. אַט אַזוי האָט די שטילע טייבעלע געטאָן... הינטער מיינע פּלייצעס האָט זי געפיהרט אַ ליעבע קאָרעספּאָנדענץ מיט דר. ווייס...

מיין שטיעפמוטער האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט אין ביזנעס, און ווען מיין פאָטער האָט מיט מיר גערעדט וועגען מיס שעהנ־פעלד׳ס אַוועקגעהן, האָט מיין שטיעפמוטער זיך אויפמערקזאַם צו־געהערט און האָט גאַרנישט גערעדט. ערשט נאָכדעם, ווען מיר זיינען שוין פערטיג געוואָרען מיט׳ן סאַפּער, האָט זי, זיך ווענדענדיג צו אונז ביידען, אַ זאָג געטאָן:

— אויב איהר דאַרפט האָבען אַ גוטע אָפּיס מיידעל, אַזאַ וואָס זאָל קענען פיהרען ביכער און טייפּרייטען, וואָלט איך אייך וועלען רעקאָמענדירען אַ זעהר פיינע מיידעל —

— אַ שעהנע? — האָט מיין פאָטער שפּאַסענדיג געפרעגט.

— וועגען שעהנקייט איז אָפּגערעדט, — האָט מיין שטיעפ־מוטער איהם געענטפערט אין דעם זעלבען שפּאַסיגען טאָן. — זי איז אַ ביוטי, נאָך גאָר אַ יונגיטשקע. ערשט ניט לאַנג געוואָרען זיבעצעהן יאָהר. אַ מיידעל אַ גערעטעניש. קלוג און לעבעדיג. און — זי איז מיינע אַ פּלימעניצע, מיין שוועסטער׳ס אַ טאָכטער, ערשט געקומען פון מילוואָקי. איך וואָלט זי וועלען אַריינברייננגען אין אַ פיינע ביזנעס־הויז, וואו זי וועט קענען אַרבייטען צווישען אַנשטענ־דיגע מענשען.

דריי־און־זעכציגסטער קאַפּיטעל

מים שעהנפעלד'ס ערקלעהרונג

איך וואָלט זיך דאָס קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז מיס שעהנפעלד זאָל אַוועקגעהן פון אונז אַזוי אונערוואַרטעט. נאָהענט פון פיער יאָהר איז זי ביי אונז געווען און אין דער צייט איז זי געוואָרען ניט נאָר אַ טייל פון די ביזנעס, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ פּאַרטנער אין געשעפט, נאָר אויך אַ טייל פון מיין לעבען. כאָטש איך בין געווען אַן אונענטשלאָסענער מענש און יעדע נייע באַקאַנטשאַפט האָט אין מיר ערוועקט אַ נייע אינטערעסע מיט נייע סימפּאַטיען, דאָך אין מיינע געדאַנקען בין איך אָפטמאָל געווען גענויגט צו גלויבען אַז סוף כל סוף וועל איך חתונה האָבען מיט מיס שעהנפעלד.

עס איז דאָרום קיין וואונדער ניט, וואָס די זאַך האָט מיך אַזוי פאַרדראָסען, און הויפּטזעכליך האָט מיך פאַרדראָסען וואָס מיס שעהנפעלד האָט צו מיר קיין וואָרט ניט גערעדט וועגען איהר אַוועקגעהן. זי האָט עס געזאָגט מיין פאָטער. זי האָט מיך איגנאָרירט... זי האָלט מיך פאַר ניט וויכטיג...

אויף מאָרגען, אַז איך בין געפאָהרען צו ביזנעס, האָב איך אויפ'ן וועג באַשלאָסען אַז איך מוז ביי איהר פרעגען וואָס איז די אורזאַכע וואָס זי האָט מיך אַזוי איגנאָרירט.

ווי געוועהנליך פלעגט מיס שעהנפעלד קומען אין אָפיס פריי־ הער פון מיין פאָטער. ווען איך בין אריינגעקומען אין אָפיס, האָב איך באַמערקט אין איהר אַ באַדייטענדע ענדערונג. זי האָט זיך פאַרפּוצט אַזוי, אַז זי האָט אויסגעזעהן אַ פאָר יאָהר יונגער... איך האָב זיך ניט געקענט אָפּגעבען אַ גענויעם רעכענונג וואָס האָט איהר געמאַכט אויסזעהן יונגער. אַ קליינע ענדערונג אין דער אַרט און ווייזע ווי זי האָט פאַרקאַמט איהרע האָר, אַ קירצערע און אַ ביסעל שמעלערע סקווירט, אַ זיידענער „ספּאָרט" סוועטער איבער איהר וויסטעל און נאָך אַזעלכע מיטלען וואָס מיין מאַנסבילשע

איין מאָל. מיט באַדויערען האָב איך געקוקט אויף דעם פּעקעל בריעף וואָס ווערט אַלץ קלענער און קלענער. עס האָט זיך מיר פאַר־געשטעלט, ווי איך זעה זי פאַר די אויגען, א לעבעדיגע... כאָטש קיין ריכטיגע פאָרשטעלונג פון איהר געשטאַלט האָב איך ניט גע־קענט אויסמאַכען. און פּלוצלינג — אַן איבערראַשונג! אין דעם זעקסטען בריעף האָב איך דערטאַפּט א קאַרטעל... מיין האַרץ האָט א ציטער געטאָן... זאָל דאָס זיין א בילד? יאָ, א בילד! דאָס איז זי... אונטען אַן אונטערשריפט: „מיט ליעבע צו מיין גוטע טאָנטע איידע, פון ליזי".

אויפ'ן בילד האָט זי אויסגעזעהן זעהר יונג, כמעט קינדעריש. אפשר, האָב איך זיך געטראַכט, איז דאָס בילד גענומען געוואָרען לאַנג צוריק. איך האָב א קוק געטאָן אויף דעם קאָנווערט אין וועל־כען איך האָב דאָס בילד געפונען. דער פּאָסט־שטעמפּעל האָט גע־צייגט אַז דאָס איז געשיקט געוואָרען מיט פיער מאָנאַטען צוריק... א יונגע בלום... איך בין א זיבען יאָהר עלטער פון איהר... איך וועל זיין גוט צו איהר... איך וועל זי לערנען, איך וועל זי באַשיצען. איך וועל איהר העלפען שטייגען אין לעבען...

זי איז מיין צווייטע מוטער'ס א פּלימעניצע... זיינען מיר דאָך קאָזינס. עס איז גוט צו האָבען א קוזינע... קיין אַנדערע קרובים האָב איך ניט...

איך האָב דורכגעלעזען די אַנדערע בריעף. איך האָב יעצט געלעזען מיט מעהר אינטערעסע. איך האָב שוין יעצט די בריעף בעסער פאַרשטאַנען...

— נו, ווי שרייבט זי? — האָט מיין שטיעפמוטער געפרעגט שפּעטער א ביסעל.

— זעהר שעהן, — האָב איך געענטפערט.

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָ איז איהרע א פּיקטשור אויך.

— יאָ, איך האָב געזעהן די פּיקטשור.

מיין שטיעפמוטער האָט צוגענומען די בריעף, און עס האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן... וואָלט זי כאָטש איבערגעלאָזען דאָס בילד...

— וועל, — האָט זי קוים אַרויסגערעדט און האָט זיך פאַר־שעהמט, — אין לעבען מאַכען זיך אויך אַנדערע אומשטענדען. אַ מיידעל אַרבייט ניט דעם גאַנצען לעבען... עס קומט אַמאָל אַן ענ־דערונג...

— טאַ וואָרום האָט איהר מיר מורא געהאַט צו זאָגען? וואָרום האָט איהר דאָס געזאָגט נאָר צו מיין פאָטער?

— איך האָב דערביי גאָר ניט געמיינט, — האָט זי זיך פאַר־ענטפערט. — דער אמת איז, אַז איך האָב דאָס אייך געוואָלט זאָ־גען פריהער פון אייער פאָטער, נאָר עפּעס האָט מיך ניט דער־לאָזען...

— וואָס האָט איהר מורא געהאַט פאַר מיר? וואָס האָט אייך ניט דערלאָזען?

— איך האָב מורא געהאַט אַז... אַז איהר וועט מיר איינ־ריידען דאָ צו פאַרבלייבען... און איך וויים, אַז איך דאַרף דאָ מעהר ניט זיין —

יעצט איז מיר אַלעס קלאָר געוואָרען.

זי האָט איינגעזעהן, אַז אויף מיר האָט זי ניט וואָס צו האָפען, האָט זי אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דעם ראַבינער דר. ווייס מיט איהם חתונה צו האָבען. זי האָט געוואוסט, אַז ווען זי וואָלט מיר זאָגען אַז זי געהט אַוועק, וואָלט איך זי אָפּגערעדט, איך וואָלט איהר ווידער אַריינגעגעבען אַ פאַלשע האָפנונג און ווידער אויפ־געגעסען אַ פּאָר פון איהרע בעסטע יאָהרען. זי האָט דאַרום באַשלאָ־סען צו טאָן דעם שריט און פאַרברענען אַלע בריקען. זי האָט געוואוסט, אַז מיין פאָטער וועט זיך ביי איהר ניט בעטען צו פאַר־בלייבען ווען זי וועט איהם זאָגען אַז זי מ ו ז אַוועקגעהן. אָט דער־פאַר האָט זי וועגען איהר אַוועקגעהן געזאָגט צו מיין פאָטער און ניט צו מיר.

„דיין לעצטער שאַנס“, האָט אַ שטימע געזאָגט ביי מיר אין האַרצען. „זיי אָפענהערציג מיט איהר. זאָג איהר אַז דו ליעבסט זי. בעט זי זאָל ניט אַוועקגעהן!“

איך האָב אָבער ניט געהאַט דעם מוט צו פאָלגען די שטימע פון מיין האַרצען. און זי האָט אין יענעם מאָמענט אויסגעזעהן אין

אויג האָט ניט געקענט אויפכאַפּען... אָבער איך האָב געפיהלט אַז דאָס איז אַלעס צוליעב מיר... אַ לעצטער אולטימאַטום... ווילסטו, האַסטו נאָך אַ געלעגענהייט... עפּען דיין מויל און רעד ווערטער, געה אַרוים מיט לשון, און איך בין דיינע, דיינע און קיין אַנ־דערענ׳ס...

זי האָט אויף מיין „גוט מאָרגען" געענטפערט מיט דעם זעל־בען פריינדליכען שמייכעל, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר ניט געשעהן. מיין פאַטער איז אין אָפיס ניט געווען. ער איז אויפ׳ן וועג פון דער היים פאַרבליבען ביי אַ קאַסטאָמער.

ווען איך האָב אויפגעהאַנגען מיין הוט און אויבערראָק און זיך אוועקגעזעצט ביי מיין שרייב־טיש, האָט זי מיר געצייגט אַ בריעף פון איינעם פון אונזערע קאַסטאָמערס אין די וועסט און געוואָלט מיט מיר ריידען ביזנעס. איך האָב דעם בריעף צוגע־נומען פון איהר, אוועקגעלייגט אויף מיין טיש, איהר אָנגעקוקט (מיין הארץ האָט אַ ביסעל געקלאַפּט ביי דעם) און געפרעגט:

— ווי? איהר געהט אוועק פון אונז?

— אויף וואָס דאַרפט איהר מיך? — האָט זי צוריקגעפרעגט, קוקענדיג מיר גלייך אין די אויגען. — איך דענק, אַז יעצט קענט איהר זיך גוט באַגעהן אָהן מיר.

די ווערטער „יעצט קענט איהר זיך גוט באַגעהן אָהן מיר" האָבען געהאַט אַ דאָפּעלטע באַדייטונג... איך האָב זיך פאַרלאָרען... איך האָב פאַרלאָרען דעם מוט ווייטער צו ריידען.

זי האָט הפּנים געפיהלט אַז זי איז געווען אונהעפליך צו מיר, האָט זי געענדערט איהר טאָן און געזאָגט:

— איך האָב ערקלעהרט אייער פאַטער, אַז איך בין ניט מעהר נויטיג אין אייער ביזנעס, איהר און אייער פאַטער קענט גוט פיהרען די ביזנעס אָהן מיר. איך בין געווען נויטיג אין דער צייט ווען איהר זייט געגאַנגען אין קאָלעדזש און אויך אין דער צייט איידער איהר האָט זיך אויסגעלערנט דעם געשעפט. איצט דאַרפט איהר מיך ניט. איהר קענט אויסקומען מיט אַ מיידעל וואָס וועט זיין צופרידען צו אַרבייטען פאַר אַ דריטעל וואָס איך באַקום...

— איז דאָס די איינציגע אורזאַכע וואָרום איהר ווילט אוועק־געהן? — האָב איך איהר דרייסט געפרעגט.

האט טעלעפאנירט, אז זי וועט קענען קומען ערשט א דריי טעג שפעטער.

— וואס איז דער מעהר? — האט מיין פאטער געפרעגט.

— פרעג ניט קיין קשיות, — האט מיין שטיעפמוטער גע־ענטפערט. — די מיידעל מאכט זיך א נייע דרעס, וויל זי קומען ווען איהר נייע דרעס וועט שוין זיין פארטיג. דו ווייסט דאך ווי די מיידלאך זיינען.

— דאס איז צוליעב דיר! — האט מיין פאטער געזאגט שפאסענדיג פון מיר. — צוליעב אונז וואלט זי געקומען אין דער אלטער דרעס.

— אפשר וואלטען מיר זי בעסער איינגעלאדען צום סדר? — האט מיין שטיעפמוטער געפרעגט. — מיר האבען דאך אין גאנצען בלויז א פינף טעג צו פסח.

— דאס איז א גוטער פלאן, — האט מיין פאטער געזאגט, — אויב זי איז טאקע אזוי שעהן ווי דו זאגסט, וועט זי פארשיינען דעם סדר. וואס זאגסטו, סעם?

איך האב ניט געענטפערט אויף מיין פאטער׳ס שפאס. ער האט גאר ניט געמיינט צו קריגען אן ענטפער. איך האב זיינע שפאסען אימער אנגענומען אין גוטען מוט.

מיינע אויגען אַזוי רייצענד, אַזוי ליעבליך... איך האָב זיך גאָר ניט געקענט גלויבען אַז אַט באַלד פאַרליער איך זי.

— בלייבט נאָך ביי אונז, מים שעהנפעלד, — האָב איך גע־זאָגט און אין האַלז האָב איך געפיהלט ווי עס שטיקט מיך. — פאַרבלייבט —

— צו וואָס ? — האָט זי געפרעגט און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ שטומען אולטימאַטום אין איהרע אויגען, וואָס האָט געמיינט צו זאָגען : „אויב דו ווילסט מיך, טאָ רייד ווערטער, זאָג, וואָרום דו ווילסט איך זאָל פאַרבלייבען !"...

איהר „צו וואָס" האָט מיך צוטומעלט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס איהר צו זאָגען.

מיינע געדאַנקען האָבען געאַרבייט ווי אויף בליצען. איך מוז עפּעס אויסגעפינען אַז אויסרייד זי צו פאַרהאַלטען. כאָטש אויף אַ צייט... ביז איך וועל זיך באַרעכענען אויב איך ליעב זי טאַקע און קיין אַנדערע...

— מים שעהנפעלד ! — האָב איך געזאָגט. — איהר זייט אַזוי לאַנג געווען אין די ביזנעס, דאָס איך רעכען ניט פאַר פּראַק־טיש דאָס איהר זאָלט אַוועקגעהן אַזוי שנעל... איהר מוזט נאָך מיט אונז בלייבען אַ צייט...

אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף איהר פּנים.

— אייער פאָטער האָט מיך געבעטען, איך זאָל פאַרבלייבען ביז ער וועט קריגען אַן אַנדער אָפּיס־מיידעל, וואָס זאָל קענען פאַרנעמען די שטעלע פון בוקקיפּער און סטענאָגראַפיסטין. די וואָך וועלען מיר האָבען פּסח, וועל איך פאַרבלייבען אַ פּאָר וואָכען נאָך פּסח. און אויב מען וועט דאַרפען, וועל איך פאַרבלייבען לענגער אַ ביסעל.

דיזער ענטפער האָט מיך באַרוהיגט. איך האָב יעצט צייט נאָכצודענקען...

*

אין אָווענד, ווען איך בין געקומען מיט מיין פאָטער אַהיים, האָט מיין שטיעפמוטער אונז געזאָגט :

— איך האָב היינט געהאַט אַזאַ דיסאַפּאָינטמענט ! ליזי וועט היינט ניט קענען קומען צו סאַפּער. מיין טאָכטער פרידאַ

זי האָט זיך איינגעבויגען, אַרויסגענומען אייענם פון די ביכער. אַן ענגלישער ראָמאַן וואָס הייסט „דער געזאַנג פון ליעבע“, דאָס באַטראַכט און געזאָגט:

— איך האָב פון דעם בוך געהערט אַז עס איז זעהר אינטערעסאַנט. איהר וועט עס מיר געבען צו לעזען?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, און זיך דערמאָנט אַז דאָס איז דער זעלבער בוך וועגען ליעבע וואָס עטעל האָט אַמאָל ביי מיר געליהען און אין וועלכען זי האָט מיט אַ בלייפעדער אונטערשטריכען איינינגע געדאַנקען וואָס זיינען איהר אַמבעסטען געפעלען געוואָרען.

מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט ריידען. איך האָב זי גענומען אַרומפרעגען וועגען דעם וואָס זי האָט געלערנט און וואָס זי קען. זי האָט מיר אויף אַלעס געענטפערט אָפענהערציג, און האָט מיר דערצעהלט פון איהר לעבען ביי איהרע עלטערען. איך האָב באַמערקט אַז עפּעס באַהאַלט זי פון מיר. עס איז מיר פאָרגעקומען, אַז עס מוז אין דעם זיין; אַ געוויסע אורזאַכע ווען עלטערען שיקען אַוועק אַ טאָכטער פון דער היים. מיין שטיפמוטער האָט ניט אַלעס אויסגעזאָגט וועגען ליזי'ן. אָבער וואָס האָט אַזאַ יונגע מיידעל געקענט טאָן? איהר פּנים איז געווען אַזוי קינדערש אומשולדיג, אַז מען האָט גאָר ניט געקענט גלויבען אפילו אַ האָר שלעכטס אויף איהר.

*

איך בין געגאַנגען מיט מיין פאָטער אין שוהל. אויפ'ן וועג אַהיים האָט מיך מיין פאָטער געפרעגט:

— וואָס דענקסטו פון דער מיידעל? מען וועט זי קענען איינטרייען אין אונזער ביזנעס? איז זי עפּעס פעהיג?

— איך דענק אַז זי וועט זיך צופּאַסען, — האָב איך געענטפערט. — עס דאַרף געוועהנליך נעמען צייט.

— פאַרשטעהסטו מיך, מיין זוהן, — האָט מיין פאָטער מיר ערקלעהרט, — דיין טאַנטע (איך פלעג רופען מיין שטיעפמוטער „טאַנטע“) האָט מיך געבעטען אַז מיר זאָלען טרייען מיט אַלע מעגליכקייטען ליזי'ן צו האַלטען ביי אונז, ווייל זי האָט מורא אַז צווישען פרעמדע מענשען וועלען איהר יונגע לייט פאַרדרעהען אַ קאָפּ.

פיער־און־זעכציגסטער קאַפּיטעל

אַ סדר מיט ליזי׳ן

צום סדר איז ליזי געקומען.

זי איז געווען אַ סך שענער ווי זי האָט אויסגעזעהן אויפ׳ן בילד. אַ בלום, אַ לעבעדיגע ראָזע. אַ ברונעטקע מיט אַן אויסגעצאָקטע פיגור, מיט אַ פּאָר באַקען וואָס האָבען דערמאָנט אַ פּאָר רויטע קאַנטרי עפּעל אין אויגוסט. זי איז געווען נאָך ניט דער־וואַקסען, אַ בלום וואָס האַלט זיך נאָך אין ענטוויקלען. איהרע אוי־גען און איהרע פּיס האָבען ניט גערוהט אַ מינוט. אין דיזע קליינע פיגור האָט געברויזט אַ ים מיט לעבען.

ליזי האָט זיך צוערשט צוקושט מיט מיין שטיעפמוטער און נאָכדעם מיט מיין פאָטער, וועלכער איז יעצט געווען איהר אָנקעל. נאָכדעם איז זי פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר מיר אַלס „קאָזין". זי האָט מיר דערלאַנגט איהר האַנד, מיך אָנגעקוקט און זיך צו־לאַכט. איך האָב זיך אויך צולאַכט. מיר האָבען זיך ניט צוקושט. אפשר, ווען איך וואָלט אַרויסגעצייגט דעם קלענסטען ווילען אַז איך פאַרלאַנג מיין קוש אַלס קאָזין, וואָלט זי מיר דאָס געגעבען.

מיר זיינען באַלד געוואָרען באַפריינדעט און זאָגאָר היימיש.

ווען זי איז געקומען איז נאָך געווען טאָג. מיין פאָטער איז געווען באַשעפטיגט מיט די הכנות צום סדר און מיין שטיעפמו־טער — אין קיך. האָבען זיי אויף מיר אַרויפגעלייגט די פליכט ליזי׳ן צו אונטערהאַלטען. איך האָב זי אַרומגעפיהרט איבער׳ן הויז, געצייגט אונזער וואָהנונג און אויך מיין צימער. זי האָט אַ קוק געטאָן, איז צוגעגאַנגען צו מיין ביכער־שראַנק, באַטראַכט די בי־כער דאָרט און געשמייכעלט.

— איהר מוזט זיין זעהר קלוג, — האָט זי געזאָגט, — ווען איהר לעזט אַזעלכע ביכער. האָט איהר עפּעס אַ שעהנעם ראָמאַן?

— אין דער אונטערשטער רייהע שטעהען איינינגע גוטע ראָ־מאַנען. — האָב איך געענטפערט.

טאַכטער. איך וועל אַליין אַנהויבען פלייסיג צו לערנען אידישע היסטאָריע, כדי איך זאָל דאָס קענען דערצעהלען ליזי׳ן... איך וועל ווערען אַ תּלמיד פאַר זיך, כדי איך זאָל קענען ווערען אַ לעהרער צו ליזי׳ן.

— דו ביזט דאָך אַ גאַנצער רב, — האָט מיין שטיעפמוטער מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט ווען זי האָט געהערט ווי איך קנעל מיט ליזי׳ן די מעשה פון יציאת מצרים.

— אַז ער וועט חתונה האָבען מיט אַ רביצין, וועט ער ווערען אַ רב, — האָט מיין פאָטער זיך אַ וויצעל געטאָן.

ביים עסען האָט מיין פאָטער פאַרגעשלאָגען, אַז ליזי זאָל ביי אונז פאַרבלייבן ד׳ גאַנצע וואָך פּסח, און דאָס האָט מיר זעהר געפרעהט. איך האָב געזעהן, אַז ליזי האָט זיך אויך שטאַרק דער־פרעהט.

נאָך דעם ווי מיר זיינען פערטיג געוואָרען מיט דעם גאַנצען סדר און מיט דעם „חד גדיא״, וועלכען ליזי האָט שנעל איבער־גענומען און געהאָלפען מיטזינגען (דעם ניגון, אָהן די ווערטער), האָב איך זי גענומען אויף אַ שפּאַציר.

ווען מיר זיינען שוין געווען אין דרויסען, האָט ליזי אריינ־גערוקט איהר אָרם אונטער מיינעם און האָט זיך געהאַלטען פעסט צו מיר, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט מיין שוץ. ביסלעכווייז האָב איך אין איהר אָנגעהויבען צו זעהן אַז עהנליכקייט צו די קליינע עללאַ. נישט מעהר, ליזי איז שוין גרעסער, און מיט ליזי׳ן דאַרף איך זיין אַ ביסעל פאָרזיכטיג.

מיר זיינען געגאַנגען דורך פּראָספּעקט עווענױ. די גאַס איז געווען פול מיט יונגע מיידלאַך און יונגע לייט וואָס האָבען שפּאַ־צירט אין זייערע יום־טוב׳דיגע קליידער. ליזי האָט זיך שטאַרק אינ־טערעסירט אין דעם וואָס די אַנדערע מיידלאַך האָבען געטראָגען. זי האָט מיר, געהענדיג, דערצעהלט, אַז זי קען גוט טאַנצען און „עקטען״, און אַז זי האָפט אַמאָל צו שפּיעלען אויף דער ביהנע. איך האָב איהר ערקלעהרט, אַז עס שטעהט פאַר איהר אַ בעסערע צוקונפט ווען זי זאָל זיך לערנען ביזנעס. עס איז זיכערער, גע־זינטער און אַנשטענדיגער, ניט אַזוי ווי אַ קאַריערע אויף דער ענג־לישער ביהנע וועלכע דויערט ניט לאַנג און איז פאַרבונדען מיט

און עס איז דאָ מיט דער מיידעל עפּעס אַ געשיכטע, אָבער זאָלסט עס קיינעם ניט דערצעהלען. דו הערסט?

— איך הער, — האָב איך געענטפערט אַ ביסעל צושראָקען.

— די עלטערען האָבען זי אַוועקגעשיקט פון דער היים, ווייל זיי ווילען זי אָפּגעוואוינען פון אַ שייגעץ וואָס האָט זיך אין איהר פאַרליעבט. זיי ווילען, אַז זי זאָל דאָ אַרבייטען, דאָ לעבען, און דאָ באַקאַנט ווערען מיט אַ רעכטען אידישען יונגענמאַן. זי איז נאָך גאָר אַ קינד. זי מעג נאָך וואַרטען אַ דריי פיער יאָהר. ווי די מעשה איז, איז זי אין ניו יאָרק זיכערער ווי אין קאַנטרי, דאָרט וואו עס איז אָפּטמאָל זעהר שווער צו מאַכען באַקאַנטשאַפט.

— איך פאַרשטעה, — האָב איך געענטפערט.

— שאָדע וואָס זי איז אַזוי יונג, אַ זיבען יאָהר אינגער פון דיר. ווען זי וואָלט געווען אין דיינע יאָהרען, וואָלט זי געווען אַ גוטע כלה פאַר דיר, — האָט געזאָגט מיין פאָטער, וועלכער האָט קיינמאָל ניט פאַרפעהלט די געלעגענהייט צו מאַכען אַ שפּאַס.

א סדר האָבען מיר געהאַט אַ ריכטיגען, מיט אַלע פּרטים. אָבער ליזי האָט די הגדה ניט געקענט זאָגען און אפילו מיט אַן ענג־לישער איבערזעצונג האָט זי דאָרט ווייניג וואָס פאַרשטאַנען. די איבערזעצונג פון דער הגדה קלינגט אַזוי פרעמד אין אַן אַנדער שפּראַך. מיין פאָטער האָט מיר געהייסען איהר ערקלעהרען אין ענגליש די מעשה פון יציאת מצרים, די באַדייטונג פון פּסח און די צערעמאָניע פון סדר. איך האָב געטאָן מיין בעסטעס און מיין פאָטער האָט מיר אונטערגעהאָלפען. ליזי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. אַלעס איז פאַר איהר געווען כמעט גאַנץ ניי. איך האָב יעצט פאַרשטאַנען אַז די הויפּט סיבה פון דעם וואָס אידישע קינ־דער געהען אַוועק פון זייער פאָלק איז ווייל זיי קענען ניט זייער פאָלק און ווייסען ניט פון אידישקייט. ליזי'ס אידישע ערציהונג איז געווען שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט.

איך האָב אָנגעהויבען צו פיהלען צו ליזי'ן אַ פאָטערליכע סימ־פּאַטיע. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט אין די געדאַנקען, אַז איך זאָל זיין גוט צו איהר. איך וועל זי באַשיצען פון שלעכטען איינ־פלוס, איך וועל זי היטען אַז זי זאָל ניט אַריינפאַלען אין שלעכטע קאָמפּאַני, און איך וועל זי לערנען צו זיין אַ שטאָלצע אידישע

פינף-און-זעכציגסטער קאַפּיטעל

ליזי און מיס שעהנפעלד

די ערשטע צוויי טעג יום־טוב זיינען אַוועק זעהר פרעהליך. איך האָב דיביידע טעג כמעט אין גאַנצען אָפּגעגעבען פאַר ליזי'ן. דעם ערשטען טאָג האָב איך זי גענומען אין בראָנקס פּאַרק און דעם צווייטען טאָג צו אַ מאַטינעע. איך בין געוואָרען אַזוי אַריינ־געטאָן אין איהר, אַז איך האָב פאַרגעסען אַלעס און אַלעמען אין דער וועלט.

ביי אונזער ערשטען שפּאַציער אין בראָנקס פּאַרק האָט ליזי מיר דערצעהלט דעם וויכטיגען קאַפּיטעל פון איהר לעבען, איהר ראָמאַן מיט „טשאַלי", אַ זוהן פון קריסטליכע עלטערען, וועמעס פאָטער איז געווען אַ רייכער אייז און קוילען הענדלער. טשאַלי איז געווען אַ קעפּטען אין אַ בייז־באָל טיעם און איז דערצו געווען אַן אַמאַטער אַרטיסט. ער פלעגט שפּיעלען אין אַ לאָקאַלען טעאַטער יעדען פרייטאַג, ווען עס איז געווען „אַמאַטער נאַכט", ווען עס פלעגען שפּיעלען ניט־פּראָפעסיאָנעלע שוישפּיעלער. ליזי האָט איי־ניגע מאָל געשפּיעלט מיט איהם צוזאַמען.

— זאָגט מיר, איהר ליעבט איהם נאָך? — האָב איך גע־פרעגט. (מיר האָבען גערעדט אין ענגליש. און אין ענגליש ווערען אַלע גע„איהר'צט.)

— איך קען ניט זאָגען אַז איך בין משוגע פאַרליעבט אין איהם, — האָט זי געענטפערט, — אָבער ער איז מיר געפעלען געווען ווייל ער איז געווען זעהר פריינדליך און העפליך צו מיר, און ווייל — איך האָב דאָרט ניט געהאַט די געלעגענהייט צו באַ־קענען זיך מיט בעסערע באָיס.

— אין ניו יאָרק זיינען דאָ אַ סך פיינע באָיס, — האָב איך איהר פאַרזיכערט, — און דוקא אידישע.

גרויסע שווערינקייטען. זי האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד, אָבער זי האָט גאָר נישט איינגעווענדעט געגען מיינע אַרגומענטען.

די האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עס וועט מיר ניט זיין אַזאַ לייכטע זאַך צו מאַכען אַז ליזי זאָל פאָלגען מיינע עצות אין יעדען הינזיכט. זי האָט געהאַט איהרע אייגענע צוקונפטס־פּלענער, און ווער ווייס — האָב איך זיך געטראַכט — אפשר האָט זי נאָך ניט פאַרגעסען איהר ליעבהאָבער און האָפט נאָך זיך מיט איהם ווידער אַמאָל צו טרעפען.

איך מוז איהר באַאיינפלוסען אַז זי זאָל מיך פאָלגען — האָב איך יענע נאַכט באַשלאָסען — איך וועל זי נעמען צו מיסעס ראָבינס, צו עטלען. איך וועל זי באַפריינדען אין פיינע אנשטענדיגע הייזער. דאָס וועט אויף איהר אויסאיבען אַ גוטען איינפלוס. זי וועט זיך באַקאָנען מיט פיינע אידישע יונגע לייט און וועט דעם קאָנטרי דזשעק פאַרגעסען.

אבער נים קיין געשטעלטער מענש. ער קען זיך אליין נים. ער ווייס נים וואס ער וויל. ער קען זיך היינט פארליעבען אין איינער און מארגען אין אן אנדערער. ער קען ליעבען צוויי און דריי אויף אמאל און נים וויסען וועמען ער ליעבט אויף ריכטיג. ער מיינט נים קיין שלעכטס, ער איז חלילה נים קיין פארפיהרער, נאר סתם אזוי נים קיין געשטעלטער מענש. זאג איך אייך, אז איהר זאלט זיך פון איהם היטען. איהר זאלט זיך נים לאזען איינריידען אז ער ליעבט אייך. ער וועט שוין קיינמאל נים חתונה האבען, סיידען עס וועט זיך מאכען א מיידעל א כוואט וואס וועט איהם מיט גוואלד אוועק־שלעפען צו דער חופה.”

אט אזוי האב איך זיך פארגעשטעלט אין מיינע געדאנקען, ווי מיס שעהנפעלד רעדט צו ליזי’ן, און איך האב זיך כמעט איינ־גערעדט אז אזוי האט מיס שעהנפעלד טאקע גערעדט.

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען פון רעסטאראן, האב איך זיי אנגעקוקט מיט פארשענדע בליקען, אבער איך האב גאר נים גע־קענט באמערקען אן זיי ווגס זאל מיין פארדאכט באשטעטיגען.

פארנאכט, אז מיר זיינען געפאהרען אהיים, איז מיר אויס־געקומען צו זיצען אין טריין מיט ליזי’ן א ביסעל ווייטער פון מיין פאטער.

— מיס שעהנפעלד איז זעהר א פיינע לידי, — האט ליזי א זאג געטאן.

— יעס, זי איז א פיינע לידי, — האב איך צוגעגעבען.

ליזי האט מיך אנגעקוקט מיט א פינטעל אין איהרע לעבע־דיגע אויגען און האט געפרעגט:

— ווארום האט איהר נים חתונה מיט איהר?

די פראגע האט מיך געטראפען אזוי אונערווארטעט, דאס איך האב פון אנפאנג נים געוואוסט וואס צו ענטפערען.

— וועל, — האב איך געזאגט, — ווי איז אז זי האט שוין א חתן?

— ווארום האט איהר צוגעלאזען אז אנדער חתן צו איהר?

— האט ליזי ווייטער געפרעגט. זי האט מיך נים געוואלט אפלאזען, זי האט געוואלט אלעס דערגעהן.

אין קאָפּ האָב איך גענומען טראַכטען פון פּאַסענדע יונגע ליים, מיט וועמען עס וואָלט זיך געפּאַסט אַז ליזי זאָל זיך באַקאַנען מיט זיי. מערקווירדיג, אַז פון אַלע יונגע לייט וועלכע איך האָב געקענט, האָב איך ניט געפונען איינעם וועלכען איך וואָלט געוואָלט אַז ליזי זאָל מיט איהם באַפריינדעט ווערען...

דעם ערשטען טאָג חול המועד האָבען מיר ליזי'ן מיטגענומען אין אָפּיס, אום זי זאָל באַקאַנט ווערען מיט איהר אַרבייט און איהרע פליכטען. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי איבערראַשט מיס שעהנפעלד וועט זיין ווען זי וועט דערזעהן וועמען מיר האָבען געבראַכט צו פאַרנעמען איהר פּלאַץ... זי וועט דערזעהן אַזאַ זעלטענע שהנהייט וועט זי ביי זיך שטאַרק אַראָפּפאַלען... איך קען גאָר ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי אַזאַ געפיהל פון נידעריגע נקמה האָט מיך דאַן געקענט באַהערשען... וואָס האָב איך אייגענטליך געהאַט צו מיס שעהנפעלד? וואָס איז געווען איהר שולד וואָס איך בין געווען אַזאַ אונענטשלאָסענער מענש?

מיין פאָטער האָט זיי פאָרגעשטעלט איינע פאַר די אַנדערע:

אנשטאַט ביי זיך אַראָפּצופאַלען, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, האָט מיס שעהנפעלד מיט ליזי'ן זיך גאָר דערפרעהט. זי האָט איהר אַרומגענומען זעהר פריינדליך, אַזוי ווי זי וואָלט מיר וועלען צייגען אַז דאָס אַרט איהר אַזוי ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי. מיס שעהנפעלד האָט זי אין גאַנצען איבערגענומען אונטער איהר אויפזיכט און איהר גענומען גלייך לערנען די אַרבייט, אַזוי ווי זי וואָלט וועלען וואָס שנעלער אַוועקגעהן פון אונז.

זי האָט ליזי'ן מאָנאָפּאָליזירט דעם גאַנצען טאָג און זי איז אפילו געגאַנגען מיט איהר אין רעסטאָראַן עסען צוזאַמען. איך האָב שוין אָנגעהויבען מורא צו האָבען, טאָמער וועט מיס שעהנפעלד ליזי'ן באַאיינפלוסען געגען מיר. זי קען אין איהר אַריינגעבען אַ פאָראורטייל געגען מיר. און בעת זיי זיינען אַוועק צוזאַמען עסען, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, ווי מיס שעהנפעלד גיט איהר אַזאַ עצה:

„הערט צו, יאַנג ליידי. איך בין עלטער פון אייך און איהר מעגט מיך פאָלגען. אייער קאָזין, סעם, איז זעהר אַ פיינער בחור, זעהר אַ ליעבענסווירדיגער מענש און אַ דזשענטעלמאַן. ער איז

עס איז מיר איינגעפאַלען, אַז מים שעהנפעלד זוכט ענטוועדער צו פאַרלייגגערען די צייט וואָס זי דאַרף נאָך זיין ביי אונז, אָדער זי וויל אין גאַנצען אויף ווייטער פאַרבלייבען ביי אונז.

— מיר וועלען מוזען זוכען פאַר ליזי'ן אַ שטעלע ביי איינעם פון אונזערע באַקאַנטע, — האָט מיין פאָטער ווייטער געזאָגט. — מיר מוזען האָבען אַ ריכטיגע בוקקיפּערין.

אַ ביסעל האָט עס מיך געפרעהט. מים שעהנפעלד וויל פאַרבלייבען. די האַרץ לאָזט איהר ניט אַוועקגעהן... איך וועל איהר מוזען זאָגען אַז איך פאַרשטעה זי... זי דאַרף זיך ניט שעהמען צו זאָגען אַז זי ליעבט מיך... איך ליעב זי אויך...

אַזוי וועל איך איהר זאָגען... איך וועל זאָגען. יאָ, איך וועל זאָגען...

אָבער די אַנדערע טעג יום־טוב האָט זיך געמאַכט אַ זאַך, וואָס האָט אין גאַנצען געענדערט דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען. דאָס איז געווען אַ צופאַל, וואָס האָט אין מיר ערוועקט אַן אַלטע ליבעס וואונד, אויפגעפלאַקערט אַ האַלב פאַרלאָשענעם פונק אין אַ גרויסען פייער...

איך האָב פאַר זיך פּלוצלינג געזעהן די ביטערע טראַגעדיע פון לעבען, און מיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ גיפט, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין מיין נשמה...

— ווי איז אַז זי ליעבט מיך ניט? — האָב איך ווידער געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— נעוועך מיינר, דאָס וועט איהר מיר ניט איינריידען, — האָט ליזי געזאָגט. — זי גלייכט אייך שוין זעהר פיעל.

— זי האָט עס דען געזאָגט? — האָב איך נייגעריג געפרעגט, אָבער איך האָב מיין נייגעריגקייט באַהאַלטען אונטער אַ שמייכעל.

— זאָגען האָט זי ניט געזאָגט, אָבער איך פאַרשטעה... איך קען דאָס זעהן אַן איהרע אויגען... ווי זי קוקט אויף אייך... ווען איהר זעהט ניט...

— און ווי איז אַז איך ליעב אַן אַנדערע? — האָב איך געפרעגט.

— טאַקע? ! — האָט ליזי איבערראַשט אויסגערופען. — אָרימע מיס שעהנפעלד! אָבער איהר וועט דאָך מיך באַקאַנט מאַכען מיט אייער סוויטהאַרט.

— וועגען דעם וועלען מיר זעהן. עס האָט נאָך צייט, — האָב איך געענטפערט. — איך וועל אייך צוערשט באַקאַנטמאַכען מיט איינגע פון מיינע פריינדינס און איהר וועט דאַרפען טרעפען וועלכע איז מיין סוויטהאַרט.

— איך האָב מורא פאַר אייך, — האָט זי געזאָגט אַנבלאָזענדיג איהרע ליפען מיט אַ געמאַכטען שרעק. — איהר מוזט האָבען מעהר ווי איין סוויטהאַרט... איהר זייט אַ שרעקליכער מענש... איך האָב געמיינט אַז מיין קאָזין איז אַ מלאך...

— שרעקט זיך ניט, קאָזין ליזי, — האָב איך זי געטרייסט.

נאָך סאַפּער, ווען מיין פאָטער האָט געפונען אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט מיר אַליין, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— מיס שעהנפעלד דענקט, אַז עס וועט זיין זעהר שווער פאַר ליזי׳ן צו פיהרען אונזערע ביכער. די אַנדערע אָפיס אַרבייט וועט זי יאָ קענען טאָן.

אין אַ שוואַרצען קעיפּ. איהר פּנים איז געווען אָנגעבלאָזען, אַזוי ווי אָנגעשוואָלען... איהר נאָז און מויל ברייט... אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן אין מיין קאָפּ: עטעל איז ווידער אין דעם צושטאַנד פון נאָהענטע מוטערשאַפט.

אי עטעל, אי דבורה האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דער אונערוואַרטעטער באַגעגניש. און ווען איך האָב פאַר זיי פאָרגע־שטעלט ליזי'ן, און זיי ערקלעהרט אַז זי איז יעצט מיינע אַ פאַר־וואַנדטע, האָבען זיי אונז ביידען איינגעלאַדען צו געהן מיט זיי אהיים.

— מיר זיינען שוין דאָ איבער צוויי שטונדען, — האָט דבורה געזאָגט, — און מיר האָבען זיך שוין געקליבען צו געהן אהיים, ווען מיר האָבען זיך געטראָפען מיט אייך. קומט מיט אונז, קינדער, איהר וועט זיין גוטע געסט.

איך האָב די איינלאַדונג זעהר גערען אָנגענומען. דבורה האָט אַזוי געמאַכט, אַז ליזי זאָל געהן מיט עטלען און איך זאָל געהן מיט איהר, און דערביי האָט זי מיר געגעבען אַ צייכען, אַז זי האָט מיר עפּעס צו דערצעהלען.

מיר האָבען ליזי'ן מיט עטלען געלאָזט געהן פריהער און מיר האָבען זיך לאַנגזאַם נאָכגעשלעפּט ווייטער אַ ביסעל.

— איהר האָט געזעהן אַרנאָלד'ן די לעצטע צייט? — האָט מיך דבורה געפרעגט.

— ניין, — האָב איך געענטפערט, זיך וואונדערענדיג וואָרום זי פרעגט מיך אַזאַ פראַגע.

— האָט איהר עפּעס געהערט וועגען איהם? — האָט דבורה ווייטער געפרעגט.

— גאָרניט, — האָב איך געענטפערט. — איך זעה זיין פאָ־טער גאַנץ אָפט. איך האָב איהם געזעהן אַ פאָר טעג פאַר פּסח און ער האָט מיר גאָרניט געזאָגט. וואָס איז געשעהן?

איך האָב שוין אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, אַז צווישען עטלען און איהר מאַן איז פאָרגעקומען עפּעס זעהר ערנסטעס.

דבורה האָט מיר באַלד גענומען אויסזאָגען:

— מיין עטעל שטעהט אויס נעבעך יעצט גרויסע צרות. אַר־נאָלד איז אַראָפּ פון וועג. ער איז גאָר ניט דער זעלבער... וואָס

זעקס־און־זעכציגסטער קאַפּיטעל

מיין אַלטע שבועה

דעם זיבעטען טאָג פּסח האָב איך גענומען ליזי'ן אויף אַ לאַנגען שפּאַציר ביים שעהנעם טייך האָדסאָן. מיר האָבען צוערשט באַזוכט גרענט'ס קבר, וואוהין עס קומען יעדען טאָג טויזענדער מענשען פון אַלע עקען וועלט, צו באַוואונדערען די שעהנע מאַסיווע געביידע מיט די פּאַטעטישע אומגעבונג. נאָכדעם זיינען מיר געגאַנגען וייטער אַפּטאַון, צו וואַשינגטאָן האַיטס. אַ וואַרימע, ליבליגע זון האָט געשיינט פון אויבען און אין די קלאָרע וואַסערען פון דעם האָדסאָן האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט צוויי וועלטען: פון איין זייט די הויכע צוועלף און פערצעהן שטאָקיגע עלעווייטער אַפּאַרטמענטס פון די רייכע ניו יאָרקער, און פון דער אַנדער זייט די הויכע שטיינערנע בערג פון די פּאַליסעידס. די אַרבייט פון מענשליכע הענד און די אַרבייט פון דער נאַטור האָבען זיך געמאָסטען אין וואַסער און געקעמפּפט פאַר פּרעסטידזש...

אַ באַהאַלטענער פאַרלאַנג האָט מיך געטריבען צו יענעם געגענד. דאָרט האָט געוואוינט עטעל... זייט מיין פאָטער האָט חתונה געהאַט בין איך ביי עטלען ניט געוועזן. איך האָב ניט געזעהן, ניט זי און ניט איהר מוטער. איך האָב זיך ניט געפיהלט באַקוועם צו באַזוכען זיי. איך האָב זיך געשעהמט פאַר זיי... פאַר זיך אַליין...

מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און זיך געבאָדען אין די זון־שטראַהלען. עס איז געווען אַ גאָלדענער טאָג... עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט היינט פאַרגעסען אַלע צרות און האַלט נאָר אין איין פרעהען זיך...

פון וויטען האָבען זיך באַוויזען צוויי פיגורען. צוויי פרויען. איינע איז מיר קענטיג געווען לויט איהר גאַנג... דאַכט זיך עס איז דבורה. יאָ—דבורה... ווער זאָל זיין די אַנדערע ? עטעל ?... עס זעהט אָבער ניט אויס ווי זי... נעהנטער און נעהנטער געהן צו די פיגורען... עס איז דאָך עטעל !...

ווי פאַרענדערט זי איז געוואָרען... זי איז געווען איינגעהילט

דאן האָב איך זיך געגעבען אַ שבועה, דאָס אויב עטעל וועט חתונה האָבען מיט אַ מאַן וואָס וועט זיין שלעכט צו איהר, וועל איך זיך מיט איהם אָפּרעכענען. מיט אַ צוזאַמענגעדריקטען פויסט האָב איך זיך יענע שבועה געגעבען. איך טאָר אַרנאָלד'ן ניט פאַרשווייגען. איך מוז איהם צווינגען צו זיין גוט צו עטלען... צו מיין עטלען...

מיין עטעל... האָב איך אַ רעכט אַזוי צו טראַכטען פון איהר? זי איז דאָך אַ פרוי פון אַ פרעמדען. זי טראָגט אונטער איהר ברוסט יענעמ'ס קינד...

און עס איז פיליכט בעסער אַז זיי זאָלען זיך שיידען. עטעל זאָל ווערען פריי... איך וועל ווערען איהר שיצער... זאָל דאָס קינד געבוירען ווערען. נאָכדעם וועט עטעל ווידער אָנהויבען צו בליהען און ווערען אַזוי שעהן ווי געוועזן, און נאָך אפשר שעהנער. ווער קען פאַרשטעהן די האַנד פון דער השגחה? ווער ווייס, אפשר בין איך דאָך עטעל'ס אמת'ער באַשערטער און די השגחה פיהרט אונז דורך ווייטע קרומע וועגען בלויז אום אויסצופּראָבירען אונזער ליעבע.

שנעל, ווי אַ בליץ, זיינען דיעזע געדאַנקען געפלויגען אין מיין קאָפּ. איך בין געווען גרייט צוזאַמענצוברעכען אונטער דער געוויכט פון מיינע געפיהלען און זיך צואוויינען ווי אַ קינד... עטעל איז אַ מאַרטירערין... פאַר וואָס, פאַר ווען קומט איהר אַזוי צו ליידען?

— אַז איהר וואָלט קומען אַ ביסעל אָפּטער, — האָט דבורה געזאָגט, — וואָלט אפשר אַרנאָלד געווען אַ ביסעל אַנדערש. ער וואָלט זיך געשעהמט פאַר אייך.

— עפּעס גלויבט זיך מיר אַלץ ניט אַז אַרנאָלד זאָל זיין אַזוי שלעכט, — האָב איך געזאָגט.

און געזאָגט האָב איך דאָס, ניט ווייל איך האָב אין דעם גע־צווייפעלט. ניין. איך האָב אַרנאָלד'ן געקענט פאַר אַ לעבע־יונג וואָס האָט זיך אימער געיאָגט נאָך מיידלאַך און ווייבלאַך. ער איז אין דיזען הינזיכט ניט געווען בעסער פון מיין חבר באַרני. אָבער אַרנאָלד איז געווען מעהר פאַרזיכטיג און האָט געזוכט זיך צו האַל־טען אַנשטענדיגער, כאָטש פאַר לייטען. און ווען איך האָב זיך דערוואוסט אַז ער האָט זיך פאַרליעבט אין עטלען און וויל מיט

זאל איך אייך דערצעהלען... איך שעהם זיך גאר צו זאגען...

דבורה האט א טיעפען זיפץ ארויסגעלאזען און נאכדעם האט זי פארטגעזעצט:

— ער האט זיך אריינגעלאזען אין א שלעכטע קאמפאניע. קארטענשפּיעלער, אקטריסעס, קאבארעט טענצערקעס... א שרעק וואס מען דערצעהלט זיך אן וועגען איהם... און איך, די ארימע מאמע, דארף זיך דאס אלעס צוהערען!

— איהר דארפט ניט גלויבען וואס מען דערצעהלט, — האב איך דבורה'ן געטרייסט. — ארנאלד איז א פיינער יונגערמאן, א דזשענטעלמאן.

— אוודאי וואלט איך דאס ניט וועלען גלויבען, — האט דבורה געענטפערט. — עס האט זיך מיר פון אנפאנג בשום אופן ניט גע־וואלט גלויבען, אבער ארנאלד אליין זוכט ניט צו באהאלטען זיינע מעשים טובים... ער געהט אוועק אויף גאנצע נעכט און קומט אהיים צוויי אין דריי נאך האלבע נאכט... און עטעל איז נעבעך אין אזא צושטאנד! האט איהר באמערקט ווי זי זעהט נעבעך אויס? דעם ערשטען מאל אז זי האט געשווענגערט איז דאס גאר־ניט געווען קענטיג אויף איהר, און היינט —

איך האב זיך פארשעהמט. עס איז מיר ניט אנגענעהם גע־ווען צו הערען דבורה'ן ריידען וועגען אזעלכע אינטימע זאכען... איך בין נאך געווען א בחור...

און צו דער זעלבער צייט האט זיך ביי מיר צוברענט א העלי־שער פייער. וואלט ארנאלד זיך באוויזען אין יענעם מאמענט פאר מיינע אויגען, וואלט איך זיך ארויפגעווארפען אויף איהם און איך וואלט איהם דערשטיקט.

געפיהלען פון כעס און רחמנות האבען זיך געמישט אין מיר. מיין הארץ איז אין מיר צוגאנגען פאר מיטלייד צו עטלען. פאר וואס קומט עס איהר צו ליידען? פאר וואס איז איהר גאנצער יונגער לעבען פול מיט ערנידערונג און ביטערקייט? די גאנצע וועלט איז געגען איהר. איהרע בעסטע פריינד זיינען געגען איהר. איהר אייגענער מאן איז געגען איהר... איך האב זיך דערמאנט די שבועה וואס איך האב זיך אמאל געגעבען, נאך דאן ווען מיין מוטער האט געלעבט און עטעל פלעגט אריינקומען צו אונז אין הויז.

— עס איז פון מיר געווען א נארישקייט. צו וואָס האָב איך געדאַרפט אזעלכע גליקען פאַר עטלען? עס וואָלט געווען בעסער, אז זי וואָלט חתונה געהאַט מיט אן אָרענטליכען ארבייטער וואָס מאַכט אן אנשטענדיגען לעבען. ער וואָלט זי געליעבט און ניט גע־זוכט זיך קיין אנדערע.

עטעל האָט באַמערקט, אז מיר געהען א ביסעל ווייטער פון איהר און זי האָט זיך אָנגעשטויסען אז מיר ריידען צווישען זיך סודות. זי האָט זיך אומגעקעהרט צו אונז און געגעבען א צייכען צו ליזי'ן אז זי זאָל בלייבען שטעהן און וואַרטען. ווען מיר זיינען צוגעקומען נאָהענט, האָב איך באַמערקט ווי עטעל האָט אָנגע־קוקט איהר מוטער מיט א פאָרוואורף אין איהרע אויגען. איך האָב פאַרשטאַנען, אז עס האָט איהר פאַרדראָסען וואָס איהר מוטער האָט מיר דערצעהלט פון איהר טראַגעדיע. אזוי ווי א פאָרוואונ־דעטע טייבעלע דעקט צו מיט איהרע פליגעל די וואונד וואָס זי האָט באַקומען פון א יעגער'ס קויל, אזוי האָט עטעל געוואָלט באַהאַלטען איהר צובראָכענע הארץ פון דער וועלט...

און כאָטש עטעל האָט א וואָרט ניט ארויסגערעדט, האָט דבורה פאַרשטאַנען וואָס איהר שטומער בליק האָט געמיינט און זי האָט גאַנץ שטיל אונטער'ן נאָז א זאָג געטאָן:

— ער איז ווי אן אייגענער... ער מעג ווישען...

עטעל איז שטאַרק רויט געוואָרען, דערווייסענדיג זיך אויף זיכער אז איך וויים אלעס. זי האָט אָבער געהאַלטען איהר קאָפּ גלייך און האָט זאָגאַר געשמייכעלט...

איך האָב געוואוסט ווי טייער דער שמייכעל האָט איהר גע־קאָסט.

ליזי האָט אויך עפּעס באַמערקט. זי האָט געוואָרפען פאַר־שענדע בליקען אויף מיר, און דערווייל זיינען מיר שוין אָנגעקומען צו דער הויז וואו עטעל האָט געוואוינט.

— איהר וועט ביי אונז עסען סאַפּער, — האָט דבורה גע־זאָגט. עטעל האָט אויך געבעטען אז מיר זאָלען פאַרבלייבען. אר־נאָלד דאַרף באַלד קומען. ער איז צוגעגאַנגען צו זיינע עלטערען.

איך האָב טעלעפאָנירט אהיים אז ליזי און איך געפינען זיך ביי עטלען און אז מיר פאַרבלייבען אויף סאַפּער.

איהר חתונה האָבען, האָב איך געגלויבט אַז פון יעצט אָן וועט ער ווערען „געסעטעלט“ און לעבען אָנשטענדיג.

איך האָב אָבער געוואָלט דערגעהן פון דבורה׳ן מעהר פּאַקטען וועגען אַרנאָלד׳ס אויפפיהרונג, און דאָרום האָב איך אויסגעדריקט מיין צווייפעל, אַז מיר גלויבט זיך נאָך אַלץ ניט וועגען וואָס מען רעדט אויף איהם.

— איהר קענט איינע אַ מיסעס גרעפּטער? — האָט דבורה געפרעגט. — איך דענק אַז איהר דאַרפט זי קענען. זי איז אַמאָל איינגעשטאַנען מיט אייך און מיט אייער מוטער עליה השלום (זאָל זי דאָרט זיין פאַר אונז אַ גוטע בעטערין!) אין איין פּאָרם־הויז. נו, האָט זי אַ שוועסטער נעלי פלאָמער, איז זי אַזאַ סחורה ווי מיסעס גרעפּטער, און אָט מיט דער שלעפּט ער זיך אַרום. איך האָב נעכטען ביי איהם געפונען אַ בריעף, זעה איך, אַז ער קען זיך מיט איהר שוין אַ היבשע צייט.

נעלי פלאָמער! — האָב איך זיך אין די געדאַנקען געטראַכט. — זי איז אויך אַוועק אויף דעם וועג פון איהר שוועסטער... און ווער איז שולדיג? איך, מיין פריינד באַרני און נאָך אַזעלכע יונגע לייט וואָס פאַרדרעהען אַזעלכע שעהנע אָרימע מיידלאַך די קעפּ אומזיסט און אומנישט, עסען אויף זייערע בעסטע יאָהרען און וואַרפען זיי נאָכדעם אַוועק... נעלי פאַנגט אָן איהר נקמה... נקמה פון אַ וועלט וואָס איז זעהר שלעכט, ברוטאַל צו אָרימע מיידלאַך...

— און וואָס זאָגען זיינע עלטערען? זיי ווייסען? — האָב איך געפרעגט.

— איך מוז זאָגען דעם אמת, אַז דיזען מאָל האָט זיין מוטער, סאַפיע קאַפּטאַן, געהאַנדעלט אָרענטליך, — האָט דבורה געענטפערט. — זי באַדויערט זעהר וואָס אַרנאָלד איז אַראָפּ פון גלייכען וועג, אָבער זי טרייסט אונז, זי זאָגט, אַז ער וועט זיך בעסערען. און אפשר אין הארצען פרעהט זי זיך... ווער ווייס?... זי איז דאָך פריהער געווען אַזוי שטאַרק געגען דעם, אַז אַרנאָלד זאָל חתונה האָבען מיט עטלען... אפשר האָט זי רעכט געהאַט... עס איז דאָך ניט קיין גלייכער שידוך...

דבורה האָט אַ זיפץ געטאָן און נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— איהר זייט זעהר פריינדליך, — האָט ליזי געענטפערט שטאַרק גערירט. — אויב איהר וועט מיר קענען העלפען אין מיין אַמביציע, וועל איך אייך אימער, אימער דאַנקבאַר זיין.

— אָ, עס איז אַ קלייניגקייט, — האָט אַרנאָלד געזאָגט. — איהר קענט מיך אימער אָפּרופען אויפ'ן טעלעפאָן. אָדער איך וועל פריהער אַ רעד טאָן מיט איינעם פון מיינע באַקאַנטע אַרטיסטען, און נאָכדעם וועל איך מיט אייך מאַכען אַן אַפּאָינטמענט.

— וואָס זאָגט איהר, קאָזין סעם? — האָט ליזי זיך אָפּגערופען צו מיר. — מר. קאַפּטאַן איז זעהר גנעדיג צו מיר.

— יעס, — האָב איך צוגעגעבען און זיך באַמיהט צו זיין שטרענגער, — אָבער יעצט איז איבעריג צו ריידען פון טעאַטער. די ערשטע זאַך איז זיך אויסצולערנען די אָפּיס אַרבייט.

אַרנאָלד האָט פאַרשטאַנען וואוהין איך ציעל. ער האָט איינגעזעהן, אַז איך וועל איהם ניט צולאָזען צו פאַרדרעהען ליזי'ן דעם קאָפּ. און ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען פון אַנדערע זאַכען.

דבורה האָט געגרייט צום טיש. דער סאַפּער איז צוגעגאַנגען זעהר שטיל. יעדער איז געווען אין אַן אנגעשטרענגטער שטימונג. עטעל איז געווען די לעבעדיגסטע און די פרעהליכסטע אין אונזער געזעלשאַפט.

דאָס איז אַלץ צוליעב מיר, — האָב איך זיך געטראַכט. — עטעל וויל ניט אַז איך זאָל זי באַדויערען... זי וויים אַז איך ליעב זי...

באַלד נאָך סאַפּער האָב איך זיך אויפגעהויבען און געזאָגט אַז מיר מוזען געהן, ווייל מיר זיינען דעם גאַנצען טאָג אין דער היים ניט געווען.

אויפ'ן וועג אהיים האָט מיך ליזי גענומען אויף אַ פאַרהער. זי האָט באַמערקט אַ סך זאַכען. זי האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז צווישען מיר און עטעלען עקזיסטירט אַ באַהאַלטענער ראָמאַן.

— איהר קענט זי לאַנג, די מיסעס קאַפּטאַן? — האָט ליזי געפרעגט. —

— זי און איהר מוטער זיינען געווען אונזערע הויז־פריינד זייט זיי זיינען אין ניו יאָרק, — האָב איך געענטפערט.

זיבעַן־און־זעכציגסטער קאַפּיטעל

אויל אויפ'ן פּייער

ווען אַרנאַלד קאַפּטאַן איז געקומען אַהיים, איז ער געווען אַ היבשע ביסעל איבערראַשט מיך צו טרעפען ביי איהם. נאָך מעהר האָט ער זיך געוואונדערט, ווען ער האָט דערזעהן ליזי'ן. אָבער דבורה האָט איהם דערצעהלט פון אונזער באַגעגעניש און ווי זי האָט אונז איינגעלאַדען און דאַן האָט אַרנאַלד געשמייכעלט און איז אַריין מיט אונז אין אַ לעבהאַפּטען געשפּרעך, אַזוי ווי קיין זאַך האָט מיט איהם ניט פּאַסירט.

איך האָב באַמערקט, אַז ליזי איז איהם זעהר שטאַרק געפעלן געוואָרען. ער האָט זיך איינגעהאַלטען זיך ניט אַרויסצוזאָגען, אָבער מען האָט געקענט זעהן, אַז ער עסט זי מיט די אויגען. און דאַן בין איך געווען שוין זיכער, אַז די אַלע מעשיות וואָס דבורה האָט וועגען איהם געהערט זיינען אמת.

ער האָט זיך צורעדט מיט ליזי'ן, און זי, אין אַ גאַנץ אונשולדיגען וועג, האָט איהם דערצעהלט אַז זי איז געקומען אין ניו יאָרק טאָן עפּעס אַרבייט. אָבער עס ציהט איהר צו דער ביהנע.

— די ביהנע? אַה, זעהר גוט! — האָט אַרנאַלד זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען. — איהר זייט יונג און שעהן, איהר האָט גראַציע און איהר זייט זעהר באַוועגליך. איך גלויב, אַז איך קען אייך בייהילפיג זיין... איך האָב באַקאַנטשאַפט מיט איינינגע פּערזאָנען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער ביהנע.

איך האָב אַ ציטער געטאָן ווען איך האָב געהערט וואוהין אַרנאַלד ציעלט. דבורה האָט אויסגעזעהן פינסטער, און עס איז געווען קענטיג אַז איהר אַז זי איז גרייט געווען צו רייסען אויף זיך די האָר דערפאַר, וואָס זי האָט זיך אַזוי באַנאַרישט און האָט איינגעלאַדען מיך מיט דער מיידעל אין הויז. בלויז עטעל איז געזעסען רוהיג און האָט געשמייכעלט מיט איהר גערולדיגען מערטירער שמייכעל.

רעז ווײַל זײ האָבעז ניט געוואוסט ווי זיך צו היטעז, ווײַל זײ האָ־
בעז געגלויבט אַזעלכע מענשעז.

— איך פאַרשטעה, — האָט ליזי קאַלט געזאָגט. — אָבער
איך האָב קײן מורא ניט. איך בין ניט קײן קאַץ. איך בין אַ מײדעל
וואָס פאַרשטעהט.

— ווען ער רופט אײַך אָפּ אויפ׳ן טעלעפאָן, דערצעהלט מיר,
— האָב איך ליזי׳ן געבעטעז. — ער מײנט ניט קײן גוטעס. איך
וויל אײַך באַשיצעז. עס איז מײַן פפליכט... אַלס אַ קאָזין —

ליזי האָט אַרויפגעלײגט איהר האַנד אויף מײַנער און האָט
לײַכט אַ דריק געטאָן, אַרויסצײגענדיג איהרע דאַנקבאַרע גע־
פיהלעז.

— איך וועל אײַך אימער פאָלגעז, קאָזין סעם, — האָט זי
מיר פאַרשפּראָכעז.

די קאַר, אין וועלכער מיר זײַנעז געפאָהרעז אהײם, איז ענד־
ליך אָנגעקומעז אין אַ פּלאַץ וואו מיר האָבעז געדאַרפט בײַטען
אויף אַן אַנדער קאַר. עס איז אונז אויסגעקומען צו שטעהן עט־
ליכע מינוטען אין דרויסעז און וואַרטעז.

ליזי האָט געעפנט איהר האַנד טאַש ארויסצונעהמען פוי דאָרט
אַ שפּיגעלע. צוזאַמען מיט דער שפּיגעלע האָט זיך נאָכגעשלעפּט
אַ קאַרטעל וועלכע איז געפאַלעז צו דער ערד.

איך האָב זיך אײנגעבויגען די קאַרטעל אויפצוהויבעז. אונ־
גערעז האָב איך געזעהן אויף דער קאַרטעל דעם נאָמעז „אַרנאָלד
קאַפּטאָן".

ערשטווינט בין איך געבליבעז שטעהן מיט דער קאַרטעל אין
האַנד, ניט וויסענדיג וואָס ווײַטער צו טאָן.

ליזי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קאַרטעל און געפרעגט:

— ווי קומט דאָס צו מיר?

נאָכדעם האָבעז מיר געלעזען די ווערטער וואָס זײַנעז געווען
מיט אַ בלײַפעדער אָנגעשריבעז אויף דער אַנדער זײַט: „פאַרגעסט
ניט מיך אָפּצורופעז אין מײַן אָפּיס מאָרגען צווישען דרײ און פיער.
קײנער וועט ניט וויסען".

איך האָב די קאַרטעל אַרײַנגעלעגט אין מײַן וועסט־טאַש.
ליזי איז ניט געווען אין גאַנצען צופרידען פון דעם.

— און... — ליזי האָט געוואָלט עפּעס פרעגען, אָבער זי האָט מורא געהאַט.

— וואָס? — האָב איך געפרעגט אַ ביסעל ערשראָקען. איך האָב זיך אָנגעשטויסען וואָס זי וויל מיך פרעגען, אָבער איך האָב בעסער געוואָלט אַז זי זאָל מיך פרעגען און איך זאָל איהר קענען ענטפערען, איידער איהר פראַגע זאָל בלייבען אונבאַאַנטוואָרטעט און זי זאָל זיך אַליין פאַרענטפערען.

— איך האָב געוואָלט פרעגען, אויב... איהר... זייט אַמאָל געווען פאַרליעבט אין איהר, אין מיסעס קאַפּטאַן.

איך האָב געלאַכט. עס האָט מיך געפרעהט וואָס ליזי האָט עס דערקענט אַן מיר. נאָך אַלעמען האָב איך דאָך קיינמאָל ניט געוואוסט אַז איך בין אויף ריכטיג פאַרליעבט אין עטלען, אָבער אַז ליזי האָט עס באַמערקט, צייגט עס, אַז איך בין טאַקע פאַר־ליעבט. דאָך האָב איך דאָס ניט געוואָלט צוגעבען.

— פאַרליעבט גראָדע ניט, — האָב איך געענטפערט, — אָבער מיר זיינען געווען די בעסטע גוטע פריינד.

— וואָס איז דער אונטערשיעד? — האָט ליזי געפרעגט. — פאַרליעבט, אָדער די בעסטע גוטע פריינד?

— וועל, — האָב איך ערקלעהרט, — מען קען זיין די בעס־טע גוטע פריינד און דאָך ניט זיין פאַרליעבט. פאַרליעבען קען מען זיך נאָר אין איינער, גוטע פריינד קען מען זיין מיט פיעלע.

— איך דענק, — האָט ליזי ווייטער געזאָגט, — אַז אַרנאָלד קאַפּטאַן ליעבט ניט זיין פרוי. ער איז מיט איהר בלויז גוטע פריינד.

ליזי האָט זיך געוויצעלט, ניט וויסענדיג אַז דאָס טוט מיר וועה.

— אַז וואָס פאַרשטעהט איהר עס? — האָב איך געפרעגט.

— יעדער איינער האָט געקענט זעהן, ווי ער האָט געקוקט אויף איהר און ווי ער האָט זיך איינגעטשעפּעט אין מיר.

— ליזי, איהר דאַרפט זיין פאָרזיכטיג צו מאַכען באַקאַנט־שאַפט מיט פרעמדע מענשען, איבערהויבט מיט פאַרהייראַטע און מיט אַקטיאָרען... אַ סך גוטע מיידלאַך זיינען אומגליקליך געוואָ־

אכט־און־זעכציגסטער קאַפּיטעל

ליזי האָט אַ געהיימניס

אויף מאָרגען, דער לעצטער טאָג פּסח, האָט ליזי געזאָגט, אַז זי וויל געהן צוריק צו איהר קוזינע, פרידא.

פרידא שאַפּיראָ איז געווען די עלטסטע טאָכטער פון מיין שטיעפמוטער. איהר מאַן איז געווען אַ דזשולער און האָט געפיהרט אַ באַלעבאַטישען שטאָט.

מיר האָבען לכתחילה געפּלאַנט אַז ליזי זאָל ארבייטען ביי אונז, אָבער וואוינען זאָל זי ביי דער קוזינע, ווייל ביי אונז איז ניט געווען באַקוועם זי צו האַלטען.

פון דעסטוועגען, אַז זי האָט געזאָגט אַז זי וויל אַוועקגעהן, האָט מיין פאָטער געפרעגט:

— וואָס איילסטו זיך? וועסט אהין געהן מאָרגען, פון דער ארבייט.

— איך האָב עפּעס צו באַזאָרגען און איך... איך האָב צוגע־זאָגט אַ פריינדין זיך צו זעהן מיט איהר היינט, — האָט ליזי גע־ענטפערט.

פון דעם וואָס זי האָט געהאַלטען די אויגען אַרונטערגעלאָזען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי באַהאַלט עפּעס. אַ געדאַנק איז מיר איינגעפאַלען, אפשר וויל זי דאָס טאַקע היינט אָפּרופען ארנאָלד קאַפּטאַן אויפ׳ן טעלעפאָן, ווי ער האָט זי געבעטען.

— באַגלייט איהר צו פרידא׳ן, — האָט מיין פאָטער געזאָגט צו מיר.

— איך האָב געוואָלט איינווענדען אַז ליזי זאָל נאָך פאַר־בלייבען. איך האָב געזוכט אַ פּרעטענזיע, אָבער איך האָב ניט גע־קענט געפינען.

נאָכדעם האָב איך זיך געטראַכט: אויב ליזי וועט וועלען אָפּ־רופען ארנאָלד קאַפּטאַן, וועט זי שוין געפינען אַן אַנדער צייט ווען איהם אָפּצורופען און איך וועל זי ניט איינהיטען. אָבער ווי

נאכדעם האב איך זיך דערמאנט, אז איידער מיר האבען זיך געזעצט צום טיש עסען, איז ארנאלד אויף א מינוט פארשוואונדען געווארען, און איך האב יעצט פארשטאנען, אז דאס איז ער אריין אין דעם צימער וואו ליזי האט איבערגעלאזען איהרע זאכען און האט דארט אריינגעלעגט די קארטעל אין איהר האנד־טאש.

איך האב זיך קוים געקענט פארשטעלען אז ארנאלד זאל ווערען אזוי פארדארבען, און נאך אין אזא צייט ווען זיין פרוי ערווארטעט זייער קינד צו קומען אויף דער וועלט.

אז די צווייטע קאר איז אנגעקומען און מיר האבען זיך אין דעם אריינגעזעצט, האט ליזי מיך ווידער גענומען מוטשען מיט פראגען:

— גלויבט איהר, אז זיי וועלען זיך גט'ן?

— ווער? — האב איך געפרעגט.

— ארנאלד קאפאטן און זיין פרוי, — האט ליזי געענטפערט.

— איך וויים ניט, — האב איך געענטפערט.

— זי איז נאך יונג און שעהן, — האט ליזי געזאגט אזוי ווי זי וואלט גערעדט צו זיך. — און זי איז זעהר א ליעבע פערזאן. זי וועט געפינען א בעסערן פון איהר מאן.

— ליזי, ווארום רעדסטו אזעלכע זאכען? — האב איך געפרעגט.

— איך האב געמיינט, אז איהר, אלס דער בעסטער פריינד פון עטעל קאפטאן, אינטערעסירט זיך מיט איהר.

— לאמירריידען וועגען אנדערע זאכען, — האב איך זי געבעטען.

אבער איך האב ניט געקענט געפינען קיין אנדער זאך וועגען וואס צו ריידען. מיין קאפ און מיין הארץ זיינען דאך געווען פול מיט עטלען. זיינען מיר געפאהרען און געשוויגען.

— איהר דאַרפסט עס מיר גאָר ניט דערמאָנען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

ליזי האָט זיך פאַרהאַלטען צו מיר אַזוי ווי אַ אינגערע שוועסטער פאַרהאַלט זיך צו אַן עלטערען ברודער. זי האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו געווינען מיין צוטרויען און אָפּצושאַפען דעם פאַרדאַכט אַז זי האָט זיך פאַראינטערעסירט אין אַרנאָלד קאַפּטאַן, אָדער אין אַנדערע. עטליכע מאָל האָב איך זי געטראָפען ריידענדיג אין האָל, ביים עלעוויטאָר פון דער אָפּיס געביידע, מיט יונגע לייט, קלוירקס וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט אין דער בילדינג, אָבער יעדען מאָל האָט זי מיר ערקלערט, אַז די יונגע לייט טשעפּען זיך צו איהר געגען איהר אייגענעם ווילען, טראָץ דעם וואָס זי קען זיי ניט ליידען און זי טרייבט זיי פון זיך. און נאָך יעדען מאָל וואָס איך פלעג זי טרעפען אין אַזאַ פּאָזיציע, פלעגט זי זיך צו מיר טוליען אַזוי ווי אַ קעצעלע.

אַ טאָג נאָכדעם ווי מיס שעהנפעלד איז אַוועק, ווען איך בין צוריקגעקומען פון אַ ביזנעס אַפּאָינטמענט, האָב איך געפונען ליזי׳ן אַליין אין אָפּיס, האַלטענדיג דעם טעלעפאָן אין האַנד. ווי זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי געזאָגט „גוד באַי“ און האָט אָפּגעהאַקט דעם געשפּרעך אין מיטען. איך האָב זיך געמאַכט ווי כ׳יך קימערט דאָס גאָר ניט צו וועמען זי רעדט, און האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי מיין שרייב־טיש. ערשט פּלוצלינג שפּרינגט צו מיר צו ליזי פון הינטען, כאַפּט אַרום מיין קאָפּ מיט ביידע הענד און זאָגט:

— איהר זייט אַ שלעכטער, שלעכטער קאָזין! שוין דריי וואָכען אַז מיר זיינען יעדען טאָג צוזאַמען און איהר האָט מיר נאָך קיין איין מאָל ניט אַ קוש געטאָן!

איך בין געווען איבערראַשט פון איהרע רייד, אָבער איידער איך האָב צייט געהאַט זיך צו באַדענקען וואָס זי האָט געזאָגט, האָט זי מיר געגעבען אַ שטאַרקען, געשמאַקען, זאַפטיגען קוש אין דער לינקער באַק.

אַ כוואַליע בלוט איז מיר אַריין אין פּנים. איך האָב זיך אומגעדרעהט און איהר אָנגעקוקט שטאַרק פאַרוואונדערט... זי האָט זיך צולאַכט און געזאָגט:

איבערראשט בין איך געוואָרען, ווען ליזי האָט אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— איהר דאַרפט זיך ניט באַמיהען. איך קען געהן אַליין. אהער בין איך דאָך אויך געקומען אַליין.

מיין פאַרדאַכט אויף ליזי'ן איז נאָך שטאַרקער געוואָרען.

מיין בלוט האָט אָנגעהויבען צו קאָכען אויף אַרגאַלד קאָפּ־טאָן. אין מיין הארצען האָב איך געטראַכט צו נעמען נקמה פון איהם, אָדער צום ווענינגסטענס איהם אָנצולערנען פאַר זיין פאַר־דאָרבענהייט.

*

עטעל'ס טראַגעדיע האָט אַזוי פאַרנומען מיין קאָפּ, דאָס איך האָב גאָרניט געקענט טראַכטען פון אַן אַנדער פּערזאָן. איך האָב כמעט פאַרגעסען אַלעס און אַלעמען אין דער וועלט. איך האָב זאָ־גאר אויפגעהערט צו געהן צו מיסעס ראַבינס. איך האָב געזוכט זי צו פאַרגעסען. איך האָב געוואוסט, אַז פּסח האָט זי מיט איהר קינד און איהר פאַרהייראַטע שוועסטער פאַרבראַכט אין לייק־וואוד, און ווען זי איז צוריקגעקומען, האָב איך פון איהר מעהר ניט געהערט. עס צייגט, האָב איך זיך געטראַכט, אַז זי אינטערעסירט זיך ניט אין מיר.

ליזי איז געבליבען אַרבייטען אין אונזער אָפיס. אום איהר אַרויסצוהעלפען אין פיהרען די ביכער, האָט מיין פאָטער ענגאַ־זשירט אַן עקאַונטענט וועלכער פלעגט קומען יעדען טאָג אויף אַ פּאָר שטונדען און צורעכט מאַכען די שווערערע אַרבייט פון די בוכהאַלטונג.

עס איז ענדליך געקומען דער טאָג ווען מיס שעהנפעלד האָט געדאַרפט אַוועקגעהן. איך האָב זיך געמאַכט אַ פעסטען באַשלוס זיך ניט צו קימערען וועגען איהר אַוועקגעהן. איך האָב זיך פאַר־פאַנצערט מיין הארץ און געזוכט זיך צו פאַרהאַלטען רוהיג און קאַלטבלוטיג. און עס איז מיר געלונגען. איך האָב זיך אַליין גע־וואונדערט אויף דעם, מיט וואָס פאַר אַ קאַלטבלוטיגקייט איך האָב זיך מיט איהר געזעגענט און געוואונשען איהר גליק, און זאָגאַר ניט פאַרגעסען איהר צו דערמאָנען, אַז זי זאָל מיך לאַדען צו איהר חתונה.

— ליזי! — האָב איך געזאָגט מיט האַרץ. — איהר זייט נאָך זעהר יונג און איהר האָט פאַר זיך אַ שעהנע צוקונפט. איהר דאַרפט זעהן קושען צו באַהאַלטען פאַר דעם, וואָס וועט מיט אייך חתונה האָבען. אַ מיידעל וואָס גיט קושען אַזוי לייכט און אַזוי פריי, קען קיין מאַן ניט האָבען פאַר איהר קיין רעספּעקט. ווען איהר וועט אַמאָל חתונה האָבען און אייער מאַן וועט זיך דערוויסען אַז איהר האָט אַנדערע געקושט פריהער פון איהם, וועט ער אייך ניט ליעבען. ער וועט ניט גלויבען, אַז איהר ליעבט איהם. אַ מיידעל וואָס איז אַ ריכטיגע ליידי, וועט האַלטען איהרע קושען הייליג. זיי געהערען צו עלטערען, צו ברידער, צו שוועסטער, צו אייגענע, אָבער ניט צו פרעמדע. געדענקט דאָס, ליזי, און איהר וועט מיר דאַנקבאַר זיין פאַר דער עצה.

— און ווי קען מען שפּיעלען פאָסט־אָפיס אָהן קושען? — האָט זי געפרעגט.

— פאָסט־אָפיס? וואָס איז דאָס?

— איהר ווייסט ניט וואָס פאָסט־אָפיס איז? — האָט זי זיך געוואונדערט. — ביי אידען רופט מען עס „פאַנדען“. עס איז אַ קיסינג געים.

— איך האָב קיינמאָל ניט געשפּיעלט אין קיסינג גערמס, — האָב איך געענטפערט. — אויך די ליידיס, מיט וועלכע איך האָב זיך געקאָנט, האָבען קיינמאָל ניט געשפּיעלט אין דעם.

ליזי האָט־זיך פאַרטראַכט.

וואָס איך האָב פאַר איהר ערקלעהרט, איז פאַר איהר געווען אַ נייעס.

— אי׳ל בעטשיו אַז דאָס איז דעם ערשטען מאָל וואָס איהר האָט באַקומען אַ קוש פון אַ מיידעל...

— עס איז דאָס ערשטע מאָל, — האָב איך געענטפערט, קומענדיג צו זיך. איך האָב דאָס געזאָגט מיט אַ טאָן פון פאַר־וואורף.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך ליזי צולאַכט. — דאַן קריגט איהר נאָך אַ צווייטען.

איך בין אויפגעשפּרונגען און אויסגערופען:

— ליזי! עס איז ניט שעהן! אין אַ אַפּיס!

— איך האָב אייך געקושט אין פּנים, ניט אין אַפּיס, — האָט זי זיך געוויצעלט. — אונדאַנקבאַרער מענש! עס זיינען דאַ באָיס וואָס וואָלטען מיר געגעבען בלומען און קענדי און אפילו דזשועלערי בלויז פאַר איין קוש... נאָ מאַר, ווען איהר וועט זיך אפילו בעטען!

— ליזי! — האָב איך געזאָגט מיט געפיהל. — דענקט איהר, אַז דאָס איז רעכט צו קושען אַ פרעמדען יונגען מאַן?

— אויב ער איז אַ שעהנער און אַן עהרליכער, מאַכט ניט אויס, — האָט זי געענטפערט.

— וואָס מיינט איהר אַן עהרליכער? — האָב איך געפרעגט.

— ניט אַזאַ וואָס געהט דערנאָך אַרום און באַריהמט זיך מיט דעם פאַר אַלע זיינע פריינד, — האָט ליזי ערקלעהרט.

— און ווי קענט איהר וויסען, ווער עס וועט זיך באַריהמען און ווער ניט?

— איך קען שוין וויסען! — האָט זי געזאָגט מיט זיכער־הייט.

— איהר האָט געמוזט האָבען אַ סך ערפאַהרונג, — האָב איך געזאָגט, דראָהענדיג אויף איהר מיט אַ פינגער.

— וואָס מיינט איהר? איך בין אַ טויטע? — האָט זי גע־זאָגט.

— איהר אָפענהערציגקייט און גרינגקייט, מיט וועלכע זי האָט דאָס באַטראַכט, איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש. די מיידלאָך מיט וועלכע איך האָב זיך געקענט, האָבען געהאַט גאַנץ אַנדערע מיינונגען וועגען אַזאַ פרייע באַנעהמונג.

וואונדערעז, ווער איז דיזער יונגער מאן וואס זיצט מיט אזא שעה־נער און יונגער מיידעל ?...

ניט זאגענדיג צו וואס פאר א צוועק דאס איז, האב איך ליזי'ן, אין דעם טאג פון מיין געבורטסטאג, געפרעגט, אויב זי וויל מיט מיר געהן אין אווענד אין טעאטער. זי האט זיך ווי א כאפ געטאן, איבערראשט, און האט געזאגט:

— עס טוט מיר זעהר לייד... קענען מיר דאס מאכען מאר־גען ? איך פיהל היינט ניט צום בעסטען. איך קען היינט ניט געהן.

דערהערענדיג אזא ענטפער, האב איך געפיהלט אזוי ווי זי וואלט מיך אפגעגאסען מיט קאלטע וואסער. דען נאך אלעמען, וואס פאר א קאמפאניע בין איך פאר איהר, אן אלט־מאדישער בחור וואס שרעקט זיך פאר א קוש און ווייס ניט ווי דאנקבאר צו זיין ווען ער קריגט א קוש.

איז ביי מיר געבליבען, אז איך זאל אפרופען עטלען און פרע־גען זי, אויב איך קען אריינקומען. דארט וועל איך זיי אלעמען דערצעהלען, אז היינט איז מיין געבורטסטאג און מיר וועלען א ביסעל פארברענגען די צייט.

איך האב אפגערופען אין אווענד, באלד נאך סאפער. דבורה האט געענטפערט. איהר שטימע איז געווען זעהר טרויעריג. ווען זי האט דערהערט אז איך רייד צו איהר, האט זי געענטפערט:

— קענט איהר קומען היינט ? אבער טאקע באלד. איך דארף אייך נויטיג האבען.

— איך קום ! — האב איך געענטפערט. איך האב אבער פארגעסען צו זאגען. אז איך האב סאי ווי געדענקט צו קומען.

אין דריי פערטעל שטונדע צייט בין איך דארט געווען. א דיענסט האט געעפענט די טיר. עטלען האב איך ניט געזעהן. דבורה'ן האב איך געפונען שטעהן ביים טעלעפאן. איך האב גע־הערט זי זאגען:

— ער איז צו סאפער ניט געקומען. מיר ווייסען גאר ניט וואו ער איז. דער דאקטאר און די נוירס זיינען שוין דא. איך האב גערופען סעם פרומקין, פיליכט וועט ער קענען איהם אויפזוכען.

נאך דעם האט דבורה זיך אומגעקעהרט צו מיר און האט מיר גענומען ערקלעהרען וואס דא טוט זיך. אבער עס איז איהר שוין

מיין געבורטסטאָג

ניין־און־זעכציגסטער קאַפּיטעל

ראש חודש אייר איז געווען מיין געבורטסטאָג. אין דעם טאָג בין איך אַלט געוואָרען פיער און צוואַנציג יאָהר.

עטליכע טעג פאַר ראש חודש האָב איך געטראַכט ווי זאָל איך פייערען מיין געבורטסטאָג. קיין ריכטיגע חברים האָב איך ניט געהאַט. איך האָב זיך אָפּגעפרעמדט פון זיי און זיי פון מיר. און פייערען האָט זיך דאָך געוואָלט. פיער און צוואַנציג יאָהר איז אַ וויכטיגער פונקט אין אַ יונגענמאַנ'ס לעבען. עס האָט זיך מיר געוואָלט יענעם אָוענד פאַרברייינגען מיט אַ פערזאָן, מיט וועלכער איך זאָל קענען ריידען פריי, אויסגיסען מיינע געפיהלען און בויען מיינע צוקונפטס־פּלענער.

איך האָב זיך צום ערשטען מאָל פאַר אַ לאַנגע צייט געפונען עלענד און אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. מיס שעהנפעלד איז אַוועק, עטעל איז ניט מיינע און איז יעצט ניט אין אַ צו־שטאַנד צו פרעהען זיך מיט מיין געבורטסטאָג, ליזי איז נאָך יונג און קינדעריש. פון מיסעס ראָבינס האָב איך זיך אָפּגעפרעמדט. איך האָב אַלץ געוואַרט אויף אַן איינלאַדונג וואָס זאָל קומען כאָטש פון דער קליינער עללאַ. אָבער ווי עס שיינט האָט עללאַ מיך אויך פאַר־געסען .עס איז מעהר ניט געבליבען ווי מיס שעפּאַרד, די נוירס. אָבער אונטער וואָס פאַר אַן אויסריידּ זאָל איך זי אָפּרופען און איהר פרעגען אויב זי קען מיט מיר אויסגעהן דעם אָוענד?

נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת איז ביי מיר געבליבען, אַז איך זאָל מיין געבורטסטאָג דאָך פייערען מיט ליזי'ן צוזאַמען. זי איז דאָך יעצט מיינע אַן אייגענע. איך וועל זי נעמען אין טעאַטער אין דעם אָוענד פון מיין געבורטסטאָג, נאָכדעם אין אַ שעהנעם רעסטאָראַן וואו מוזיק שפּיעלט און טענצער טאַנצען, און דאָרט ביים טיש וועל איך איהר אויסזאָגען אַז היינט איז מיין געבורטס־טאָג און זי וועט מיר ווינשען גליק. און אַלע אַרומיגע וועלען זיך

שטאַרק גענומען צום האַרצן. מר. קאַפּטאַן האָט גענומען דעם טעלעפאָן בוך און האָט פון דאָרט אויסגעשריבען די טעלעפאָן־נומער פון אַרנאָלד׳ס פריינד. נאָכדעם האָט ער זיי איינציגווייז גענומען אָפּרופען און זיי פרעגען אויב זיי ווייסען ניט וואו אַר־נאָלד געפינט זיך. קיינער האָט ניט געוואוסט.

אין דער צייט וואָס דבורה איז אריין אין עטעל׳ס צימער, האָט סאָפיע קאַפּטאַן צו מיר געמאַכט אַ באַמערקונג:

— איך האָב געוואוסט דאָס אַזוי וועט זיך די זאַך ענדיגען... איך האָב פאָראויס געזאָגט, אַז דאָס איז ניט קיין גלייכער שידוך. נו, מיין זוהן און מיין מאַן האָבען מיך ניט געוואָלט הערען, און יעצט זעהט מען דעם סוף...

איך האָב איהר עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער מיינע געפיהלען האָבען געדריקט מיין האַרץ און האָבען פאַרשטיקט דעם האַלז. זי וויל נאָך מאַכען איהר זוהן פאַר אַ מלאך און עטלען פאַר די שול־דיגע!...

דער דאָקטאָר האָט די אָפּעריישאַן געמאַכט מיט דער ערלויב־ניס פון מר. קאַפּטאַן. דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען אַרום האַלב נאָך עלף. אַ שטונדע שפּעטער איז אַרנאָלד געקומען. ער איז גע־ווען איבעראַשט צו געפינען אין הויז זיינע עלטערען, מיך, אַ דאָק־טאָר און אַ נוירס.

ער האָט זיך גענומען ענטשולדיגען. ער האָט גאָר ניט גע־וואוסט. ער האָט געמיינט אַז דאָס דאַרף געשעהן אין אַ פּאָר וואָכען אַרום. וואו איז ער געווען? אין טעאַטער. נאָכדעם האָט ער אַ ביסעל שפּאַצירט אין גאַס... ער האָט געהאַט קאָפּוועהטאָג...

איך בין אוועק אַזוי ווי אַ פאַר׳חלום׳טער...

מיט וואָס וועט זיך די געשיכטע ענדיגען?

די גאַנצע צייט וואָס איך בין דאָרט געווען, האָב איך עטלען ניט געזעהן... עס האָט ניט געפּאַסט אַז איך זאָל אריין אין איהר צימער.

נו, אַ געבורטסטאָג!... איך און עטעל׳ס קינד וועלען אַמאָל פייערען אונזער געבורטסטאָג אין איין טאָג...

געווען פֿאַרשפּאַרט צו רערצעהלען. פון די עטליכע ווערטער וואָס איך האָב געהערט זי ריידן ביים טעלעפאָן איז מיר שוין אַלעס געווען קלאָר: עטעל-געהט יעצט צו קינד. דער דאָקטאָר און די נוירס זיינען שוין דאָ. נאָר דער פאָטער איז ניטאָ... דעם גאַנצען טאָג אין הויז ניט געווען... און דבורה בעט זיך רחמים איך זאָל איהר געבען אַ עצה וואו מען קען געפינען אַנראָלד'ן.

איך בין געווען הילפלאָז. ניו יאָרק איז אַזוי גרויס... געה געפין אוים אַ שטרויעלע וואָס איז פאַרטראָגען געוואָרען פון דעם ווירבעל־ווינד פון לעבען...

און איך בין דאָס געקומען אהער צו פייערען מיין געבורטס־טאָג...

— גיב אַן עצה, — האָט דבורה זיך געבעטען ביי מיר, — אפשר ווייסטו וואו מען קען איהם זוכען. אפשר ווייסטו וואו ער געהט. גוואַלד האָב רחמנות... אַזאַ שאַנדע... דער טאַטע איז ניטאָ ביי דעם געבורט פון זיין אייגען קינד. עטעלע וועט דאָס ניט אויס־האַלטען.

— וואו זאָל איך איהם זוכען? — האָב איך גע'טענה'ט. — איך הויב גאָר ניט אָן צו וויסען וואו איהם צו זוכען... אפשר וועט ער באַלד אַליין קומען.

— אַז ער איז ניט געקומען צו סאָפּער, — האָט דבורה גע־זאגט מיט אַ קלאָנגעדיגער שטימע, — האָב איך מורא, אַז ער וועט שוין קומען פארטאָג.

אַ נוירס איז אַרויסגעקומען און האָט געפרעגט:

— ער איז שוין דאָ?

— ניין, — האָט דבורה געענטפערט טרויעריג. — אָבער זיין פאָטער און מוטער קומען באַלד.

נאָכדעם האָט מיר דבורה אַזוי ערקלערט:

— דער דאָקטאָר זאָגט, אַז זי האָט אַ שווערען האָבען און ער וועט דאָס קינד מוזען אַרויסנעמען דורך קינסטליכע מיטלען, וויל ער האָבען דעם פאָטער'ס ערלויבנים אויף דאָס צו טאָן.

שפּעטער אַ ביסעל זיינען אָנגעקומען מיסטער קאַפּטאַן און זיין פרוי סאָפיע. מר. קאַפּטאַן איז געווען אויסער זיך פאַר ערגער־ניש און פאַר שאַנדע, אָבער זיין פרוי האָט זיך די זאַך ניט אַזוי

זיבעציגסטער קאַפּיטעל

אין פּלאָנטער

איך האָב זיך אָנגעהויבן צו פּיהלען אַלץ טיעפער און טיעפער פאַרדרעהט אין אַ פּלאָנטער. צוליעב ליזי׳ן האָב איך אָפּגענאַרט מיין שטיעפמוטער. איך האָב אָפּגענאַרט איהר טאָכטער, איך האָב אָפּגענאַרט אַלעמען.

ווי וועל איך אַמאָל אַרויסקריכען פון דעם פּלאָנטער? — האָב איך זיך געפרעגט.

ליזי איז געווען אַ לייכטזיניגע מיידעל, פון דעם טיפּ וואָס זייער ערציהונג ווערט שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט. זיי לערנען גאָר־נישט און זייער קאָפּ איז פול מיט פּוסטע ראָמאַנען, מיט נאַרישע סאָנגס און מיט טאַנץ־מוזיק. אַזעלכע מיידלאַך הערען אויף צו וואַקסען אין גייסט ווען זיי קומען אין דעם עלטער פון צוועלף אָדער דרייצעהן. און זיי בלייבען ביי דער שטופע ביז זיי ווערען מאַמעס. וויפיעל זיינען דאָ אַכצעהן און צוואַנציג יעהריגע מייד־לאַך, מיט שעהנע פּנים׳לאַך, אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, אַ פאַרגעניגען אַ קוק צו טאָן אויף זיי, און נעמט איהר צו זיי ריידען געפינט איהר אויס, אַז אין פאַרשטאַנד שטעהען זיי ניט העכער פון אַ צעהן, אָדער אַן עלף יעהריגע סקול מיידעל.

ליזי איז אפילו געשטאַנען אין אינטעליגענץ העכער פון דיע־זען סאָרט מיידלאַך, אָבער איהר מאָראַלער כאַראַקטער איז געווען זעהר שוואַך. זי האָט ניט פאַרשטאַנען די וויכטיגקייט פון זאָגען דעם אמת. אַ ליגען צו זאָגען איז ביי איהר געווען אַ גאַנץ געוועהנ־ליכע זאַך. „קושען אַ פעלער“ איז געווען פון די קלייניגקייטען.

ווען איך האָב אויסגעזוכט אַ געלעגענהייט צו זיין מיט איהר אַליין אין אָפּיס, האָב איך צו איהר געזאָגט:

— ליזי! איהר האָט געזאָגט אַ ליגען... איהר האָט געזאָגט, אַז איהר זייט געווען מיט מיר אין טעאַטער... מיר האָט איהר ענט־

*

אויף מאָרגען איז ליזי געקומען אין אָפּיס זעהר שפּעט, א פארשלאָפענע. א ווידער געדאַנק איז מיר אריין אין קאָפּ, אָבער איך האָב דאָס ניט געקענט גלויבען. דאָך, אין אָווענד האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט געעפענט מיינע אויגען.

נאָך סאַפּער האָט מיך מיין שטיעפמוטער אָפּגערופען אָן א זייט און האָט מיך געפרעגט, אויב איך בין נעכטען געווען מיט ליזי אין טעאַטער. ליזי איז נעכטען אַוועק און האָט איהר טאָכטער גע־זאָגט, אַז זי געהט מיט מיר אין טעאַטער. זי איז געקומען נאָהענט צו איינס, און פרידא, ביי וועמען ליזי האָט געוואוינט, האָט א פאַרדאַכט, אַז ליזי האָט איהר ניט געזאָגט דעם אמת.

איך האָב אָנגעקוקט מיין שטיעפמוטער א ביסעל פאַרשעהמט. איך האָב איהר ניט געוואָלט זאָגען אַ ליגען, אָבער איך האָב ניט געוואָלט אָנמאַכען ליזי'ן פאַרדרוס און שאַנדע, האָב איך געמאַכט א געוואַגטען שריט, און געענטפערט:

— יאָ, זי איז געגאַנגען מיט מיר.

— איך דאַנק דיר, סעם, — האָט מיין שטיעפמוטער גע־זאָגט. דו האָסט מיך באַרוהיגט. אבי מיין טאָכטער האָט געהאַט א פאַרדאַכט, אַז זי איז אויסגעגאַנגען מיט א פרעמדען. איך בעט דיך, פּאַס אויף איהר אויף א ביסעל. זי איז נאָך א יונג קינד. איך האָב אַלץ מורא, זי זאָל זיך ניט באַקענען מיט שלעכטע קאָמפּאַניע.

— עס איז אַלראַיט, איהר דאַרפט זיך ניט זאָרגען וועגען איהר, — האָב איך געענטפערט.

יעצט האָב איך שוין געוואוסט מיט וועמען אַרנאָלד קאַפּטאַן איז געגאַנגען אין טעאַטער פאַריגע נאַכט...

ווענט, קריכעז אריין אין פרעמדע הייזער, און נעמען צו אלעס וואס זיי קענען טראגען. און טאמער שטעלט זיך עמיצער געגען זיי, זיינען זיי גרייט איהם שטיל צו מאכען מיט א מעסער אדער מיט א פיסטאל. עס האט שוין איינ־גע מאל געטראפען, אז אונ־שולדיגע יונגע מיידלאך האבען זיך באקאנט מיט אזעלכע רושענ־טעלייט, זיך פארליעבט אין זיי, חתונה געהאט מיט זיי, און אין מיטען דער האנימון האבען זיי זיך דערוואוסט, אז זיי זיינען פארהייראט צו גענגסטערס...

— אבער ארנאלד איז דאך ניט א גענגסטער, — האט ליזי איינגעווענדעט.

— קיין פיינער מענש איז ער געווים ניט, — האב איך גע־ענטפערט, — ווען אין דער נאכט וואס זיין פרוי געהט צו קינד, געהט ער אוים אין טעאטער מיט א פרעמדער מיידעל.

— וואס? — האט ליזי ערשטוינט אויסגערופען. — זיין פרוי האט אין דער נאכט א קינד געבוירען? און ער האט מיר גע־זאגט, אז זי האט ביי זיך אין הויז א קארד־פארטי!

דא איז מיין פאטער אריינגעקומען און אונזער געשפרעך איז אונטערבראכען געווארען.

*

די קאפטאנס האבען געלאזט מאכען א שעהנעם ברית פאר דעם ניי־געבוירענעם. מיין פאטער, מיין שטיפמוטער און איך זיי־נען איינגעלאדען געווארען. מיין שטיעפמוטער איז אבער ניט גע־גאנגען, בלויז מיין פאטער און איך זיינען געקומען אויף דער איינ־לאדונג.

עס איז געווען א שעהנער ברית — פאר לייטען. בלויז די קאפטאנס, דבורה און איך האבען געוואוסט פון דער ביטערער טראגעדיע וואס איז געלעגען הינטער דער שמחה. דעם נייגעבוי־רענעם האט מען, אויף עטעל'ס פארלאנג, א נאמען געגעבען אברהם, נאך איהר פאטער.

איך האב אין יענעם טאג געהאט א געלעגענהייט צו זעהן עטלען. זי האט, זיצענדיג אין איהר בעט, מיר געצייגט איהר קליי־נעם זוהן און איך האב באמערקט, אז זי פרעהט זיך מיט איהם זעהר שטארק.

זאָגט צו געהן אין טעאַטער דעם זעלבען אָוועגד. מיט וועמען זייט איהר דען געגאַנגען?

זי האָט זיך בלויז א ביסעלע פאַרשעהמט און האָט זיך גלייך צולאַכט, אזוי ווי זאָגען ליגען איז א חכמה, ניט א פאַרברעכען, און האָט געזאָגט:

— זיי לאָזען מיך ניט אָפּ פון אויג. אימער היטען זיי מיך. האָב איך זיי געמוזט זאָגען א ליגען, אַז איך בין געגאַנגען מיט אייך... איך בין דאָס געגאַנגען מיט א מיידעל, וואָס איך האָב זיך מיט איהר באַקאַנט... זי קען זיך מיט א סך אַקטיאָרען און אַקט־ריסעס. און האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיך באַקאַנען מיט זיי.

— ליזי, — האָב איך געזאָגט מיט א ביטערען שפּאָס, — די מיידעל מיט וועלכע איהר זייט געגאַנגען אין טעאַטער הייסט אַרנאָלד קאַפּטאַן!

— וואָס פאַלט אייך איין אַזוינס צו זאָגען? — האָט ליזי געמאַכט אַן אָנשטעל, אָבער דערזעהענדיג ווי איך קוק אויף איהר אזוי שטרענג, האָט זי פאַרלאָרען איהר קוראַזש און האָט גע־זאָגט:

— איך האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט, און ער האָט זיך אויפגעפיהרט ווי א דזשענטעלמאַן. איך האָב ניט געטאָן קיין אומ־רעכט, איך פאַרזיכער אייך. איך בין געווען בלויז נייגעריג צו וויסען וואָס ער קען טאָן פאַר מיר. איך בין זיכער, אַז איך וואָלט זיך געקענט צופּאַסען צו דער אַמעריקאַנער ביהנע, און אַרנאָלד קאַפּטאַן האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר העלפען מיין ציעל צו דערגרייכען.

— גלויבט איהם ניט. ער איז א בלאָפער, — האָב איך זי גע־וואָרענט. — ער מיינט ניט קיין גוטעס. ליזי, איהר קענט ניט ניו יאָרק. דאָ זיינען אַנדערע מענשען ווי אין קאַנטרי. דאָס קען יעדער איינער זיך פאַרשטעלען פאַר א דזשענטעלמאַן. ליזי, איהר קענט דאָ אַמאָל באַגעגענען מענשען וואָס זיינען מיט פיינע מאַניערען, וואָס זיינען זעהר העפליך אין זייער באַנעהמונג, און זיי ריידען אַזוי שעהן און זיינען געקליידעט אזוי ווי דזשענטעללייט, און ביינאַכט טוען זיי אָן מאַסקעס אויף זייערע פּנים׳ער, דראַפּען זיך אויף די

אויך גאר ניט נעמען, אויסער וויפיעל דאס קינד וועט דארפען האבען.

— און זיינע עלטערען ווייסען פון דעם? — האב איך גע־פרעגט.

— זיי ווייסען. און עס האט שוין ביי זיי ווידער אויסגעבראָ־כען א קריעג צוליעב דעם. איהר ווייסט דאך, אז סאפיע קאפטאן איז אימער געווען געגען מיין ארימער עטלען, און יעצט האט זי ווידער גענומען זיין געגען איהר. זי זאגט, אז ארנאלד איז גאר ניט שולדיג. זי האט גע ואוסט דאס אזוי וועט זיך די זאך ענדיגען.

עטליכע טעג שפעטער איז דאס וואס דבורה האט מיר דער־צעהלט שוין מעהר קיין סוד ניט געווען. אלע באקאנטע האבען שוין גערעדט וועגען דעם. דער אלטער מר. קאפטאן האט אנגע־ווענדעט אלעס אין דער וועלט צו מאכען שלום צווישען עטלען און זיין זוהן, אבער עטעל האט ניט געוואלט הערען און זעהן. און צוליעב דעם האט ווידער אויסגעבראכען א קריעג צווישען מר. קאפ־טאן און זיין פרוי סאפיע. מיסעס קאפטאן האט געווארענט, אז דעם טאג וואס עטעל וועט פארלאזען ארנאלד'ן, וועט זי אויך פאר־לאזען איהר מאן.

עטעל איז וויינער געווארען. זי האט ניט געוואלט זיין די אור־זאכע פון צושיידען איהרע שוויגער־עלטערען. זי האט דעם אלטען קאפטאן ליעב געהאט ווי אן אייגענעם פאטער.

און עטעל איז פארבליבען.

פון אויבען־אויף האט עס געשיינט אז אלעס איז ווידער גע־ווארען שלום ושלוה אין זייער הויז, אבער ערגעץ אין א ווינקעלע איז געזעססען דער שטן, געמאכט זיינע בייזע פלענער און גע־שמייכעלט. עס איז עטלען ניט באשערט געווען צו לעבן רוהיג...

אבער דאס געהערט צו די ווייטערע פאסירונגען. איך מוז דער־צעהלען זאכען וואס זיינען געשעהן אין דער צווישענצייט.

דער יונגער ראבינער דר. ווייס, מים שעהנפעלד'ס חתן, וועל־כער איז געווען די קאפטאנ'ס א קרוב, איז אויך געקומען צום ברית. עס איז מיר געווען א וואונדער וואס מים שעהנפעלד איז ניט געקומען. איך האב זיך אנגעשטויסען, אז זי איז ניט געקומען צוליעב מיר. זי האט זיך מיט מיר וואהרשיינליך ניט געוואלט טרעפען דארט.

דבורה האט אלץ געזוכט א געלעגענהייט צו ריידען מיט מיר אליין, אבער צוליעב דעם גרויסען עולם איז דאס געווען אומ־מעגליך. יעדען מאל אז מיר פלעגען זיך אפשטעלען ריידען, פלעגט אנקומען עפעס א שטערונג. איינער פון די געסט פלעגט צוגעהן, אנהויבען צו ריידען צו דבורה'ן, איהר גראטולירען, פרעגען וואס זי מאכט, וואס עטעל מאכט און אזוי ווייטער.

ווען דער עולם האט זיך שוין אנגעהויבען צו צוגעהן, האט דבורה געפונען א געלעגענהייט צו בלייבען מיט מיר אליין א פאר מינוטען און זי האט צו מיר געזאגט:

— איהר זאלט זיך ריכטען אויף נייעס. עטעל האט ביי זיך פעסט אפגעמאכט א באשלוס, אז זי זאל מעהר מיט איהם ניט וואוינען. זי וויל זיך אין גאנצען שיידען מיט איהם... אויף אימער.

מיין הארץ האט א ציטער געטאן פאר פרייד... זיי וועלען זיך שיידען... עטעל וועט ווערען פריי... אבער עס האט ניט געפאסט, אז איך זאל ארויסצייגען מיין צופרידענהייט מיט דעם, האב איך געזאגט:

— יעצט, גלויב איך, וועט ארנאלד זיין בעסער צו איהר... צוליעב דאס קינד. ער איז אזוי שטאלץ אויף דעם קינד.

— עס ווענדט זיך ניט אן ארנאלד'ן, — האט דבורה ער־קלעהרט.—עטעל האט באשלאסען, דאס זי וועט איהם קיינמאל ניט מוחל זיין וואס ער איז ניט געווען אין דער היים אין דער נאכט וואס זי האט דעם קינד געבוירען. זי האט געשווארען, אז באלד ווי זי וועט פאלקאם געזונד ווערען, וועט זי אוועק פון איהם.

— און וואס וועט זי טאן? — האב איך געפרעגט א ביסעל באזארגט.

— זי זאגט, אז זי וועט ארבייטען, זי וועט טאן אלעס אין דער וועלט. אבער מיט איהם וועט זי ניט זיין. זי וועט פון איהם

הויזען. איך האָב זיך מיט זיי ביידען פריינדליך באַגריסט, און אין האַרצען האָב איך גומל געבענשט וואָס איך בין ניט אריינגעפאַלען צו איהר אין די הענד.

איך האָב דאָרט געטראָפען מיס שעהנפעלד מיט איהר חתן, דעם יונגען ראַבינער דר. בענדזשאַמין וויס. ער איז געווען דער מסדר קדושין.

מיס שעהנפעלד איז צו מיר צוגעגאַנגען גלייך ווי זי האָט מיך דערזעהן, מיר האָבען זיך פריינדליך באַגריסט, און נאָכדעם ווי מיר האָבען גערעדט אַ ביסעל, האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווען וועלען מיר טאַנצען אויף אייער חתונה?

— וואָס האָט איהר אַזוי קיין צייט ניט? — האָט זי לאַ־כענדיג געזאָגט. — איך וויל נאָך געניסען אַ ביסעל פרייהייט. איהר ווייסט דאָס וואָס אידען זאָגען אַ ווערטעל, שטאַרבען און חתונה האָבען ווערט מען קיינמאָל ניט אָן.

פעני בראָדסקי, די כלה, איז יענעם אָוועגד געווען אַזוי שעהן, דאָס אַ סך פון די געסט האָבען געזאָגט, אַז זיי האָבען נאָך ניט געזעהן אַזאַ שעהנע כלה. איך האָב זיך דערמאָנט וויפיעל גליקליכע שטונדען איך האָב פאַרבראַכט אין איהר געזעלשאַפט. וואָרום האָב איך ניט חתונה געהאַט מיט איהר? זי האָט מיך קיינמאָל ניט גע־וואָלט אָננעמען ערנסט. זי האָט מיך אימער געהאַלטען פאַר אַ לייכטזיניגען, און האָט מיר בעסער געוואָלט זיין אַן עלטערע שוועסטער איידער אַ כלה.

קיינער פון די קאַפטאַנס איז צו דער חתונה ניט געקומען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי איז יעצט ניט געלעגען אין קאָפּ צו געהן אויף חתונות.

איך האָב געזוכט מיסעס ראָבינס. איך האָב זי געוואָלט זעהן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיט איהר וועל איך קענען האַלטען קאָמפּאַניע פאַר דעם אָוועגד. קיין אנדער „לײדי" האָב איך ניט געהאַט און איך האָב זיך געפיהלט ווי אַן אַלטער בחור, אַן אָפּגע־לעבטער, וואָס קיינער אינטערעסירט זיך ניט וועגען איהם.

מיסעס ראָבינס איז געקומען שפּעטער, אָבער זי האָט גע־האַט אַ באַגלייטער. ער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג און האָט אויסגעזעהן ווי אַ סאָלידער ביזנעסמאַן. זי האָט איהם פאַר

איין=און=זיבעציגסטער קאפיטעל

אויף פעני בראָדסקי׳ס חתונה

שבת נאָך שבועות איז געווען די חתונה פון פעני בראָדסקי מיט דעם דענטיסט דר. זיידענפאָדים.

די חתונה איז געווען א צוזאמענקונפט פון אלע באקאנטע. איך האָב דאָרט געטראָפען א סך באקאנטע וועלכע איך האָב גע־וואלט זעהן.

מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער זיינען אויך געווען איינ־געלאדען, אָבער אזוי ווי מיין שטיעפמוטער האָט ניט געוואָלט געהן, איז מיין פאָטער אויך פארבליבען אין דער היים. איך האָב דאן צום ערשטען מאָל פארשטאנען, ווארום מיין שטיעפמוטער מיידעט אוים אלע שמחות וואוהין זי ווערט איינגעלאדען מיט מיין פאָטער. זי האָט זיך געפיהלט ניט אין פלאץ. זי האָט ניט געקענט פאר־געסען, אז איידער מיין פאָטער האָט מיט איהר חתונה געהאט, האָט זי געדיענט ביי איהם, און זי האָט מורא געהאט, טאָמער וועט זיך מיין פאָטער שעהמען מיט איהר ווען ער וועט קומען מיט איהר צוזאמען צווישען זיינע פריינד.

דאָס האָט מ׳ר שטארק לייד געטאָן, ווייל מיין שטיעפמוטער איז געווען א העכסט נאָבעלע פרוי מיט א גוטער נשמה. אָבער עס איז מיר געווען שווער צו ריידען מיט איהר וועגען דעם.

בין איך צו דער חתונה געגאנגען איינער אליין.

איך האָב דאָרט געטראָפען מיין חבר בעני מיט זיין פרוי דאָרע, די געוועזענע מיס גימפעל. זיי האָבען אין דער צייט חתונה געהאט (ניט מיך און ניט מיין פאָטער האָבען זיי איינגעלאדען) איך האָב באמערקט, אז דאָרע לאָזט איהם ניט אָפּ אויף א מינוט און האלט איהם כסדר אונטער׳ן אָרעם. איך האָב פון זיינע אויגע געלעזען, אז ער איז שוין ניט מעהר דער פרייער לעבענס־לוסטיגע בעני, נאָר ער איז אין גאנצען א געצאמטער, אן איינגעבראָכענער געהאָרכזאמער, אונטערטעניגער מאן ביי א פרוי וואס טראָגט ד

אלע געסט זיינען שוין געווען פארזאמעלט און מען האט זיך שוין גענומען גרייטען צו דער חופה־צערעמאניע. מר. בראדסקי, דער כלה'ס פאטער, איז צו מיר צוגעגאנגען און געפרעגט נעבען וועלכע פון מיינע פריינד איך וויל זיצען ביים מאלצייט.

איך האב ניט געוואוסט וואו צו ענטפערען.

— איהר וועט זיצען נעבען מיסעס ראבינס, — האט ער גע־זאגט. — איך דענק, איהר זייט גוט באקאנט מיט איהר. איך האב אייך ערשט געזעהן ריידען צוזאמען.

— אלראיט, — האב איך געענטפערט. — איך בין צופריע־דען.

איינער פון די דיענער פון דעם האל איז צוגעקומען צו מר בראדסקי און איהם עפעס שטיל א פרעג געטאן.

— א טעלעפאן פאר מר. פרומקין? — האט מר. בראדסקי אביערגעפרעגט א ביסעל פארוואונדערט. — אט דאס איז מר פרומקין. — און ער האט אנגעצייגט אויף מיר.

ווער קען דאס צו מיר טעלעפאנירען? ווער דארף עס מיך יעצט אזוי נויטיג? איך האב זיך א ביסעל געשראקען, טאמער האט עפעס פאסירט אין דער היים. איך בין נאכגעגאנגען דעם דיענער אין אפיס פון האל. ער האט מיר אנגעצייגט אויף א טעלע־פאן בוטה און איך בין אין דעם אריין.

דאס האט טעלעפאנירט מיין פאטער.

ער האט מיך צוערשט באַרוהיגט, אז איך זאל זיך ניט איבער־שרעקען. נאכדעם האט ער מיר אין קורצע ווערטער דערצעהלט, אז ליזי איז אנטלאפען פון איהר קוזינע'ס היים. האט איבערגע־לאזען א צעטעלע, אז זי איז אוועק מיט איינעם וועמען זי ליעבט, און די קוזינע, פרידא שאפירא, וויל וויסען, אויב איך האב עפעס א פארדאכט מיט וועמען ליזי האט עס געקענט אנטלויפען.

איך האב נאטירליך געוואלט זאגען „ארנאלד קאפטאן!“ אבער איך האב זיך איינגעהאלטען. איך טאר אזא באשולדיגונג ניט מאכען איידער איך ווייס אויף זיכער. אפשר איז אין ניו יארק אנגעקומען יענער שייגעץ מיט וועלכען ליזי איז ארומגעגאנגען אין דער היים און צוליעב וועמען איהרע עלטערן האבען זי אפגעשיקט אין ניו יארק.

מיר פאַרגעשטעלט אַלס אַ מיסטער יאַבלאָנסקי. ער האָט מיר גיג־געבען זיין האַנד און האָט מיך אַ ביסעל שאַרף אָנגעקוקט. איך האָב נאָכדעם ערפאַהרען, אַז דער מיסטער יאַבלאָנסקי איז אַ האַלבער מיליאָנער, אַן אַלמן, און ער שדכנ׳ט זיך צו מיסעס ראָבינס.

ווידער האָב איך פאַרנאַכלעסיגט אַ גוטע געלעגענהייט. ווידער האָט איינער אויסגעכאַפּט אַ גליק פון מיינע הענד.

און מיסעס ראָבינס האָט אין יענעם אָוונד אויסגעזעהן שעה־נער ווי אימער. איך האָב מיינע אויגען ניט געקענט אַראָפּנעמען פון איהר. וויפיעל איך האָב זיך אָנגעשטרענגט ניט צו קוקען אין איהר זייט, זיינען מיינע בליקען אַלץ געפאַלען אויף איהר.

זי האָט עס הפנים באַמערקט, און ערקלעהרענדיג עפּעס צו איהר באַגלייטער האָט זי איהם פאַרלאָזען און איז צוגעקומען צו מיר, זאָגענדיג:

— מיין עללאַ פאָהרט אָפּ אין אַ זומער־קעמפּ פאַר קינדער אויפ׳ן גאַנצען זומער. זי וויל אייך זאָגען גודבאַי. אויב איהר ווילט, קומט אריין. עס וועט איהר זעהר פרעהען אייך צו זעהן ביי אונז.

— איך וועל קומען — מיט דעם גרעסטען פאַרגעניגען.

איך האָב זיך קוים געקענט איינהאַלטען פון ארויסווייזען מיין פרייד. די איינלאַדונג, כאָטש זי איז כלומר׳שט געקומען פון עללאַ׳ן, האָט עס דאָך אויסגעדריקט אויך דעם פאַרלאַנג פון מיסעס ראָבינס.

אפשר איז נאָך ניט צו־שפּעט ? — האָב איך זיך געטראַכט...

— איהר דאַרפט אָבער אייער באַזוך לאַנג ניט אָפּלייגען, — האָט מיסעס ראָבינס געזאָגט. — עללאַ פאָהרט אַוועק נעקסטען מאָנטאַג. איהר מוזט אונז באַזוכען דיעזע וואָך.

איך האָב צוגעזאָגט צו מאַכען מיין באַזוך אַזוי שנעל ווי מעגליך.

נאָכדעם האָט זיך מיסעס ראָבינס צוריקגעקעהרט צו איהר באַגלייטער. איך האָב באַמערקט, אַז ווען זי האָט זיך צוריקגע־קעהרט האָט זי צו איהם עפּעס געזאָגט, וואָס האָט מיר אויסגע־זעהן צו זיין ווי אַן ערקלעהרונג. ער האָט געשמייכעלט.

צוויי־און־זיבעציגסטער קאַפּיטעל

ווי אין וואַסער אַריין!

ווען איך בין געקומען אין הויז פון פרידא שאַפּיראָ, האָב איך דאָרט געפונען איהר מאַן, מיין פאָטער, מיין שטיעפמוטער און נאָך אַ פּאָר מענשען פון איהר משפּחה. אַלע זיינען געווען שטאַרק צוטראָגען און אויפגערעגט. ווען איך בין אַריינגעקומען האָבען זיי זיך אַלע דערפרעהט, אַזוי ווי דער שליסעל פון דער געהיימנים וואָלט געלעגען אין מיינע הענד.

— עס איז זעהר גוט פון אייך וואָס איהר זייט געקומען, — האָט פרידא געזאָגט. — ווי טרויעריג עס איז אונז אויפ'ן האַר־צען, האָט זיך קיינעם פון אונז ניט געוואָלט אייך אוועקנעמען פון דער שמחה פון אייערע פריינד. אָבער מיר זיינען אַזוי צוטומעלט צוליעב ליזי'ס פאַרשווינדען, אַז מיר ווייסען ניט אויף וועלכער וועלט מיר זיינען. מיין מוטער האָט זיך היינט אַזוי פיעל אָנגעוויינט. אויף אַ טויטען, גאָט באַהיט, וויינט מען ניט אַזוי פיעל.

— און איך בין זיכער אַז עס איז גאָר ניט, — האָט געזאָגט מר. שאַפּיראָ, פרידאַ'ס מאַן. — איהר וועט זעהן, אַז זי וועט מאָרגען אָדער איבערמאָרגען צוריק קומען און קיין בייז וועט איהר ניט געשעהן. ליזי איז אַ ביסעל אַ ווילדע, אָבער קיין נאַר איז זי ניט. זי וועט זיך ניט לאָזען פאַרפיהרען פון קיינעם. שולדיג זיינען מיר, וואָס מיר האָבען זי געהאַלטען אַ ביסעל צו שטרענג.

מיין שטיעפמוטער איז די גאַנצע צייט געזעסען מיט פאַר־וויינטע אויגען און זיך צוגעהערט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. זי האָט מיר דערלאַנגט אַ שטיקעל פּאַפּיר, וועלכען מען האָט געפונען אין ליזי'ס צימער צוגעשלאָגען צו דער וואַנד אין אַן אָרט, וואו מען קען עס גלייך באַמערקען. ליזי האָט געשריבען:

„מיינע טייערע! איך געה אוועק מיט דעם מאַן וועלכען איך ליעב און וועלכער ליעבט מיך. מיר קענען איינער אָהן דעם אַנדערען ניט לעבען. זאָרגט זיך ניט וועגען מיר. נאָכדעם

— ווייסטו עפּעס, אָדער ניט? — האָט מיין פאָטער גע־פרעגט.

— איך ווייס ניט, — האָב איך געענטפערט. — אָבער איך וועל באַלד, גלייך נאָך דער חופּה, פאָהרען צו מיסעס שאַפּיראָ. איך וועל ניט ווארטען אויף סאַפּער.

— וואָס איז געשעהן? — האָט מיך מר. בראָדסקי געפרעגט ווען איך בין צוריק געקומען אין האָל.

— עס איז עפּעס געשעהן, ניט גראָדע מיט א פערזאָן וועלכע איהר קענט, — האָב איך ערקלעהרט. — יעצט איז ניט די צייט צו ריידען פון דעם. אָבער איך וועל ניט קענען פארבלייבען אויפ'ן מאָלצייט. איך מוז אוועקגעהן גלייך נאָך דער חופּה.

— טוט ווי איהר פארשטעהט, — האָט מר. בראָדסקי געזאָגט מיט גרויס געפיהל. — איך האָף, אז אַלעס וועט זיך אויסלאָזען גוט.

די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעפאנגען. אימיצער האָט מיר אין האַנד אריינגעטאָן אַ ליכטעל. בין איך אויך געשטאַנען מיט די אַנדערע יונגע מענשען ביי דער חופּה מיט א ליכט אין דער האַנד. איך האָב קוים געקענט באַוויזען צו ווינשען די פּאָר־פּאָלק מזל טוב. נאָכדעם בין איך אוועק. מר. בראָדסקי האָט מיך באַגלייט ביז צום טיר און האָט געזאָגט:

— איך וועל שוין ערקלעהרען אייערע פריינד, דאָס איהר האָט געמוזט אוועקגעהן.

האָבנ געמוזט איהר האַלטען א ביסעל אין צאַם. א קאָנטרי מיידעל. וואָס קען ניט די גרויסע שטאָט מיט די מענשען אין דעם, קען זעהר לייכט פאַרפיהרט ווערען פון געוויסענלאָזע יונגע לייט. אָבער גענוג וועגען דעם. איך האָב אייך אָהער אריינגערופען וועגען אַן אַנדער צוועק. איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר זאָגען דעם אמת וועגען ליזי'ן. אַלעס וואָס איהר ווייסט. איך האָב א פאַרדאַכט, אַז איהר ווייסט מעהר וויפיעל איהר ווילט אויסזאָגען. האָט קיין פאַראיבעל ניט אויף מיר וואָס איך רייד צו אייך אַזוי. עס איז מיר ביטער אויפ'ן הארצען... איך בין פאַרצווייפעלט... אַזוי ווי מען וואָלט ביי מיר מיין אייגען קינד געקידנעפּט...

— איהר דאַרפט זיך ניט ענטשולדיגען פאַר מיר, — האָב איך געזאָגט. — איהר קענט מיך פרעגען וואָס איהר ווילט. איך וועל אייך ענטפערען אָבער נאָר דאָס וואָס איך ווייס.

— דאָס אַלעס וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך, — האָט פרידאַ געזאָגט. — און יעצט. זאָגט מיר דעם אמת: אין יענער נאַכט, וואָס ליזי האָט געזאָגט, אַז זי איז געווען מיט אייך אין טעאַטער, זייט איהר דאָס טאַקע געווען מיט איהר. אָדער אַן אַנדערער?

איך האָב געשוויגען. איך האָב אַרונטערגעלאָזען די אויגען צו דער ערד און א וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

— איך פאַרשטעה, — האָט פרידאַ געזאָגט. — איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז איהר האָט אונטערשטיצט ליזי'ס ליגען, ווייל איהר האָט זי ניט געוואָלט ברייננגען אין א פאַרלעגענהייט. אייער מיין איז געווען גוט. איך באַשולדיג אייך ניט. אפשר האָט איהר ליזי'ן נאָכדעם אויסגע'מוסר'ט פאַר דעם ליגען. אָבער איך האָב נאָך א פראַגע צו פרעגען. איהר מוזט דאָס מיר פאַרענטפע־רען. מיט וועמען. דענקט איהר. איז זי אַנטלאָפען?

— דאָס גראַדע ווייס איך ניט, — האָב איך געענטפערט. — איך פאַרזיכער אייך. אַז ווען איך וואָלט געוואוסט, וואָלט איך ניט געשוויגען. איך וואָלט גלייך אויסגעזאָגט.

— ווייסט איהר פּיליכט מיט וועמען זי איז אויסגעגאַנגען יענעם אָוונד אין טעאַטער?

איך האָב זיך פאַרטראַכט. זאָל איך זאָגען, אַז זי איז אויסגע־גאַנגען מיט אַרנאָלד קאַפּטאַן? קען איך דאָס זאָגען מיט זיכער־

ווי מיר וועלען חתונה האָבען, וועל איך אייך געבען צו וויסען וואו איך געפינען זיך.

ליזי."

איך האָב דאָס איבערגעלעזען, באַטראַכט דאָס שטיקעל פּאַפּיר אויף אַלע זייטען, אַזוי ווי אַ גוטער דעטעקטיוו וואָס זוכט זייטיגע שפּורען. אָבער מעהר ווי דאָס וואָס איז געווען אָנגעשריבען אויפ'ן פּאַפּיר האָב איך ניט געקענט דערגעהן.

— אפשר האָסטו אַ פאַרדאַכט מיט וועמען זי האָט אַמאָל זיך געפינען, אָדער מיט וועמען זי איז אַוועק? — האָט מיין שטיעפמוטער געפרעגט.

איך האָב ווידער אַ טראַכט געטאָן וועגען אַרנאָלד קאַפּטאַן, אָבער ווידער האָב איך זיך איינגעהאַלטען און זיין נאָמען ניט דערמאָנט. איך האָב געוואָלט וואַרטען ביז איך וועל האָבען מעהר באַווייזע צו באַשטעטיגען מיין פאַרדאַכט.

— אפשר האָסטו זי געזעהן ריידען מיט וועמען אין דער לעצטער צייט? — האָט מיין שטיעפמוטער ווייטער געפרעגט.

איך האָב ניט געהאַט דעם מוט צו ענטפערן, האָב איך בלויז אַ דרעה געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף „ניין".

פרידאַ האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן האַנד און האָט געזאָגט:

— איך האָב מיט אייך געוואָלט עפּעס ריידען, פּריוואַט. קומט מיט מיר אַריין אין אַן אַנדער צימער.

אַלע האָבען אונז ביידען אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. וואָס פאַר אַ סודות האָבען מיר געקענט האָבען צווישען זיך? איך האָב אָבער געמוזט פאָלגען, כאָטש עס איז מיר ניט אָנגענעהם געווען וואָס פרידאַ וויל מיט מיר ריידען סודות און שטעלט מיך דורך דעם אין אַ שלעכטער ליכט געגען די אַנדערע פּערזאָנען, און איבערהויפּט געגען מיין פאָטער און שטיעפמוטער.

מיר זיינען אַריין אין אַ זייטיגען צימער.

— דאָס איז ליזי'ס צימער, — האָט זי געזאָגט. — איהר זעהט, מיר האָבען זי געהאַלטען זעהר פיין, ווי אַן אייגענע. אַ סענט ניט גענומען ביי איהר. דאָס געלד וואָס זי האָט פאַרדיענט האָבען מיר זי געלאָזט האַלטען און טאָן מיט דעם וואָס זי וויל. אמת, מיר זיינען געווען אַ ביסעל שטרייננג מיט איהר, אָבער מיר

איך געוואוסט ווער „אַרטשי“ איז. דאָס איז געווען אַרנאָלד׳ס ליעבלינג נאָמען, ווי ער פּלעגט זיך רופען צווישען אינטימע פריינד. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, וואָס וועט זיין ווען איך וועל זיין נאָמען אַרויסגעבען און מען וועט פון דעם מעלדען צו דער פּאָליציי? אַרנאָלד וועט אַרעסטירט ווערען. עס וועט זיין אַ גרויסער סקאַנדאַל. און ווער וועט ליידען מעהר פון אַלעמען? עטעל! זי, די טייערסטע, די ליעבענסווירדיגסטע פרוי אויף דער וועלט. עטעל, וועמעס נאָמען ביי מיר איז אַ הייליגטום... עטעל, די גוטע, די טרייע, די נאָבעלע מאַרטירערין! ניין! איך וועל זיין נאָמען ניט אַרויסגעבען. איך וועל זיך מיט איהם אַליין זעהן. איך וועל ביי איהם פאָדערען, אַז ער זאָל מיר זאָגען, וואו ליזי איז און אַז ער זאָל זי צורוה לאָזען. איך וועל איהם סטראַשען אויב ער וועט ניט וועלען אויסזאָגען. אַזוי האָב איך זיך געטראַכט אין האַרצען. און פרידא האָט געוואַרט. זי האָט געמיינט, אַז איך פּרוביר זיך דער־מאָנען ווער דער „אַרטשי“ איז.

— אַלזאָ, איהר ווייסט ניט ווער דער אַרטשי איז? — האָט זי געפרעגט.

— ניין! — האָב איך געזאָגט מיט אַ פעסטער ענטשלאָסענ־הייט. — אָבער איך וועל פּרובירען דערגעהן ווער ער איז.

— דאָס אַלעס וואָס איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדען, — האָט זי געזאָגט. — איך האָף, אַז איהר זייט ניט בייז אויף מיר.

ניין, — האָב איך געענטפערט. — איך בין גאָר ניט בייז אויף אייך. פאַרקעהרט, איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס איהר האָט מיר אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל צוטרויען.

מיר זיינען צוריק אריין אין דיינינג רום, וואו אַלע זיינען געזעסען. פרידא האָט געזאָגט צו די פאַרזאַמעלטע:

— מיר האָבען זיך דורכגערעדט, אויב עס וואָלט געווען ראַט־זאַם צו מעלדען דער פּאָליציי. עס איז ביי אונז געבליבען, אַז מיר זאָלען וואַרטען ביז מאָנטאַג. ליזי וועט אפשר איבער זונטאַג חרטה האָבען און אַליין קומען אַהיים.

אַלע זיינען געווען איינפאַרשטאַנען מיט דער מיינונג. און עס האָט מיך שטאַרק געפרעהט וואָס פרידא האָט אונזער געשפּרעך געהאַלטען בסוד.

הייט? עס קען זיין, אז נאך אלעמען איז דאס בלויז א צופאל וואס ליזי איז געגאנגען אין טעאטער אין דעם זעלבען אווענד וואס ארנאלד קאפטאן איז געגאנגען. אבער עס הייסט ניט, אז זיי זיינען געגאנגען צוזאמען. און פרידא איז דערוויל געשטאנען און געקוקט מיר אין די אויגען. איך האב געזעהן, אז זי וויל מיך ניט אפלאזען.

— דעם אמת זאגענדיג, — האב איך געענטפערט, — האב איך יא א פארדאכט אויף איינעם, אז ער איז דאס דער מאן וואס האט ליזי'ן יענעם אווענד ג׳נוב׳, אין טעאטער, אבער אזוי ווי איך האב קיין באווייזע ניט און איך בין ניט זיכער אין מיין פארדאכט, האב איך קיין רעכט ניט זיין נאמען אריינצושלעפען אין דער געשיכטע.

— איז ער אייערער א פריינד? — האט פרידא געפרעגט.

— יא... — האב איך אויסגעשטאמעלט, — די גאנצע פאמיליע זיינען פריינד מיט אונז, און מיר זיינען אויך פארבונדען אין ביזנעס.

— אבער ווען איהר וואלט געווען זיכער אז דאס איז ער, וואלט איהר זיין נאמען ארויסגעגעבען?

— יא, — האב איך געענטפערט.

— ניט קוקענדיג אויף דעם וואס איהר זייט פריינד?

— קיין זאך אין דער וועלט וואלט מיך ניט אפגעהאלטען פון ארויסצוגעבען זיין נאמען, — האב איך געענטפערט. — עס הייסט, ווען איך וואלט געוואוסט אויף ריכטיג, אז דאס איז ער.

— און ווי איז אז איך וועל אייך העלפען צו דערגעהן זיין נאמען? — האט פרידא געפרעגט.

ניט ווארטענדיג אויף מיין ענטפער האט זי ארויסגענומען פון א שיפאניר א קעסטעלע, אין וועלכען עס זיינען געלעגען א פאר זיידענע זאקען פון זעהר א פיינעם סארט. צו די זאקען איז געווען צוגעשטאכען א קליין קארטעל מיט די ווערטער „פראם ארטשי" — פון „ארטשי".

— ווייסט איהר ניט ווער דער ארטשי איז? — האט פרידא געפרעגט.

עס האט זיך מיר ווי אפגעריסען אין הארצען. אודאי האב

איך האָב דאָס גלייך געוואָלט זאָגן דבורה'ן אויפ'ן טעלעפאָן, אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטען. דבורה האָט מיך געפרעגט אויב איך וועל קענען אריינקומען אין אָווענד. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל שוין וואַרטען ביז אַרנאָלד וועט צוריק קומען. דאַכט מיר, אַז זי האָט אַ לאַך געטאָן ווען זי האָט געהערט מיין ענטפער.

דאָס איז מיין שולד. איך בין שולדיג אין דעם אומגליק — האָב איך געזאָגט צו זיך ווען איך בין צוריק אריין אין הויז. ווען איך וואָלט דאַן, דעם זיבעטען טאָג פסח, ניט אריינגעקומען מיט ליזי'ן צו עטלען אין הויז, וואָלט אַרנאָלד גאָר ניט געוואוסט פון איהר און דער סקאַנדאַל וואָלט ניט ארויסגעקומען.

אָבער צוריק גערעדט, וואָס איז דאָס אייגענטליך געווען מיין שולד? דבורה און עטעל האָבען דאָך אַליין אונז איינגעלאַדען צו געהן מיט זיי אהיים.

שולדיג, אָדער ניט שולדיג. אונגערען בין איך דאָך געווען די סיבה וואָס האָט אויף עטלען געבראַכט אַזאַ אונגליק און אַ שאַנדע.

נאָך סאַפּער זיינען מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער אַוועק צו פרידאַ'ן. זיי זיינען נאָך אַלץ געווען אין דער האָפנונג אַז ליזי וועט זיך נאָך אפשר היינט צוריקקעהרען. איך בין פארבליבען אין דער היים. אַ שוואַכער פונק פון האָפנונג האָט נאָך געשיינט פאַר מיר. מעגליך אַז אַרנאָלד קאַפּטאַן איז דאָך געפאָהרען וועגען ביז־נעס און ליזי איז אין ניו יאָרק.

דאָרום האָב איך בעסער געוואָלט פארבלייבען אין הויז, טאָמער וועט מיך ליזי אָפּרופען אויפ'ן טעלעפאָן.

איך האָב גענומען ליזי'ס בילד, וואָס מיין שטיעפמוטער האָט געהאָט אָנגעגרייט אין פאַל זי וועט דאַרפען מעלדען וועגען ליזי'ס פארשווינדען צו דער פּאָליציי. איך האָב דאָס באַלד באַטראַכט... ווי אונשולדיג, ווי קינדעריש זי זעהט אויס אויפ'ן בילד... ווי זיס... ווי סימפּאַטיש... עס ווילט זיך גאָר ניט גלויבען, דאָס אַזאַ יונג קינד זאָל קענען זיין פאַרדאָרבען... ניין, זי איז ניט פאַרדאָרבען, נאָר קינדיש, נאַריש... אונערפאַהרען... זי האָט זיך געלאָזט פאַרפיהרען אונטער גלענצענדע פאַרשפּרעכענס. אפשר האָט אַרנאָלד אַפּעלירט צו איהר אַמביציע, זאָגענדיג אַז ער וועט פון איהר מאַכען אַ גרויסע אַקטריסע?... שולדיג בין איך, וואָס איך האָב אויף איהר ניט ריכ־

דריי־און־זיבעציגסטער קאפיטעל

ליזי איז נאָך אַלץ ניטאָ

זונטאג איז געווען אַן אומרוהיגער טאָג. מיר זיינען אַלע גע־וועזן ווי אין אַ פיעבער, ערוואַרטענדיג יעדע מינוט צו הערען עפּעס פון ליזי'ן. עטליכע מאָל האָט פרידאַ שאַפּיראָ טעלעפאָנירט צו אונז אויב מיר האָבען באַקומען עפּעס אַ באַריכט, אָדער אַ שפּור פון ליזי'ן. און מיין שטיעפמוטער האָט צוריק טעלעפאָנירט יעדע האַלבע שטונדע און האָט כמעט דעם גאַנצען טאָג געהאַלטען אין איין וויינען.

מיר האָט זיך געוואָלט וויסען אויב אַרנאָלד איז אויך פאַר־שוואונדען געוואָרען צוזאַמען מיט ליזי'ן, אָדער ער איז גאָר אין דער היים. איך בין אָבער געווען זיכער אַז ער איז אין דער היים. ווייל אויב ער וואָלט אויך פאַרשוואונדען געוואָרען, וואָלט מען מיך אָפּגערופען. צום זעניגסטענס וואָלטען מיר זיך דערוואוסט פון זיינע עלטערען, און דבורה אַליין וואָלט זיכער מיר באַלד געלאָזען וויסען. פון דעסטוועגען, אום צו זיין גאָר זיכערער, בין איך אַרויס אין גאַס און האָב טעלעפאָנירט צו דבורה'ן פון אַ דראָג־סטאָר (איך האָב ניט געוואָלט מען זאָל ביי אונז אין הויז וויסען). איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך וויל וויסען וואָס מען מאַכט ביי זיי.

דבורה האָט זיך דערפרעהט הערענדיג אַז איך רייד צו איהר. זי האָט מיר געענטפערט, אַז עטעל פיהלט זיך גוט, דאָס קינד פיהלט אויך גוט און אַרנאָלד איז אָפּגעפאָהרען מיט סעמפּעלס קיין פילאַדעלפיאַ. ער וועט צוריקקומען אין אַ טאָג אָדער צוויי.

ווען איך האָב דאָס דערהערט, איז אין מיר מיין האַרץ איינ־געפאַלען. יעצט איז מיר די זאַך קלאָר געוואָרען. אַרנאָלד האָט אָפּגענאַרט זיין פאַמיליע. ער איז ניט געפאָהרען וועגען ביזנעס. ער איז אָפּגעפאָהרען מיט ליזי'ן.

— ענטשולדיגט מיר, — האָב איך געזאָגט שטאַרק פאַר־שעהמט (אַ נס וואָס זי האָט ניט געקענט זעהן ווי רויט איך בין געוואָרען). — איך האָב ניט געמיינט אייך צו רופען ביים ער־ערשטען נאָמען... מיין שטיעפמוטער'ס אַ פּלימעניצע... איך וועל אייך דערצעהלען וועגען איהר...

— איהר דאַרפט זיך גאָר ניט ענטשולדיגען, — האָט מיסעס ראָבינס געזאָגט. — איהר מעגט מיך יאָ רופען ביים ערשטען נאָ־מען, יעצט, אַז איהר ווייסט שוין. איהר ווייסט וועגען וואָס איך האָב אייך אָפּגערופען? מיין עללאַ האָט זיך פאַרביינקט נאָך אייך... און גראָדע היינט האָב איך זיך געריכט אויף אַ סך געסט, און קיינער איז ניט געקומען. אפשר וואָלט איהר געקומען?

גערן, אָדער ניט גערן? — האָב איך זיך געפרעגט.

— אפשר האָט איהר אַן אַנדער אַפּאָינטמענט? — האָט מיסעס ראָבינס געזאָגט, — דאַרפט איהר דאָס צוליעב מיר ניט אָפּלייגען. איך וועל אייך פון קיינעם ניט אָוועקנעמען.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די ווערטער: איך וויל אייך פון קיינעם ניט אָוועקנעמען" האָבען אַ געוויסען מיין.

— איך וועל קומען, — האָב איך געענטפערט. — איך פאָהר גלייך אַרוים.

ווען איך בין שוין געווען נאָהענט פון דער הויז וואו מיסעס ראָבינס האָט געוואוינט, האָב איך זיך דערמאָנט אַז איך דאַרף עללאַ'ן ברייננגען אַ מתנה. זי פאָהרט דאָך אָוועק אויפ'ן גאַנצען זומער. גראָדע דערביי האָט זיך געפונען אַ סטיישאָנערי געשעפט. בין איך אַריין און האָב אויסגעקליבען אַ שעהנעם בוך מיט מעשה'־לאָך פאַר קינדער.

איך בין אַריינגעקומען. עללאַ איז מיר אַנטקעגען געלאָפען, האָט מיך אַרומגענומען און זיך צוקושט מיט מיר. איך האָב איהר דערלאַנגט דעם בוך און זי האָט מיר געדאַנקט און נאָכדעם האָט זי געזאָגט צו איהר מוטער:

— דאָס איז אַ שעהנערער בוך ווי דער וואָס מיסטער יאַבלאָנ־סקי האָט מיר געבראַכט.

מיסעס ראָבינס האָט זיך שטאַרק פאַרשעהמט.

טיג אויפגעפאסט... איך האב איהר געדארפט ארויסצייגען מעהר ליעבע... איך האב געדארפט פארגעסען אז איך בין עלטער פון איהר מיט א זיבען יאהר. איך האב זיך געדארפט האלטען מיט איהר ווי מיט א גלייכען. איך האב זי געדארפט צובינדען נעהנטער צו זיך, ניט אפשטופען פון זיך ווי יענעם מאל ווען זי האט מיך אין אפים ארומגעכאפט און געקושט ווי מען קושט א ליעבען קאזין... אפשר מיט דער צייט... זי וואלט עלטער געווארען, רייפער געווארען... עס הייסט אין גייסט, אין פארשטאנד.

איך האב אנגעהויבען צו פיהלען א גרויסע בענקשאפט... מיין פאנטאזיע האט זיך צוואווארימט, מיין הארץ האט אנגעהויבען צו ציהען. איך האב צוגעלייגט ליזי'ס בילד צו די ליפען און געשעפּ־טשעט:

„נא דיר, ליעבעס קינד, דעם קוש וואס דו האסט פארלאנגט... וואס עס זאל מיט דיר געשעהן, איך וועל בלייבען דיין פריינד און באשיצער... און ווען די גאנצע וועלט וועט זיך שטעלען געגען דיר און דיך באשולדיגען אוןווארפען שטיינער אויף דיר, וועל איך זיך שטעלען איינער אליין געגען דער גאנצער וועלט און וועל דיך פארטיידיגען און באשיצען...

מיט גרויס אונגעדולד האב איך געווארט טאמער וועט דער טעלעפאן קלינגען. עטליכע מאל האט דער טעלעפאן געקלונגען און יעדען מאל בין איך צוגעלאפען מיט א קלאפענדע הארץ בלויז צו ווערען ענטטוישט. ענדליך, ארום א פערטעל נאך אכט, האט דער טעלעפאן ווידער געקלונגען. דיזען מאל האט מיר מיין הארץ עפעס געזאגט, אז דאס איז פון ליזי'ן. איך בין געווען במעט זיכער, אז דאס איז פון איהר... אויף מיין „העלאו" האט געענטפערט א פרויען־שטימע, וואס איז מיר געווען זעהר באקאנט. די שטימע איז געווען א ביסעל הייזעריג, פארקיהלט, אדער אפגעמאטערט.

— ליזי! — האב איך אויסגערופען, נאך איידער די שטימע האט מיר געזאגט ווער עס רעדט.

— ליזי? — האט יענע איבערגעפרעגט. — מיין ערשטער נאמען איז ליבי, ניט ליזי...

איך האב פארשטאנען, אז דאס רעדט מיסעס ראבינס.

אינטערעסירט צו וויסן אויב איהר אליין האט געהאט עפעס א טראבעל.

אונזער שמועס האט זיך יענעם אוונט ניט געקלעפט. מיסעס ראבינס האט דאס באמערקט. זי האט צוגערופען עללא׳ן, וועלכע האט זיך געהאט פארטיעפט אין דעם בוך וואס איך האב איהר גע־בראכט. זי האט פרובירט דורך עללא׳ן אפצופרישען אונזער שמועס. עס איז אבער ניט געגאנגען. עס האט זיך געצויגען ווי פון פעך.

מיין קאפ איז געווען פארנומען מיט די צוויי אומשולדיגע קרבנות פון ארנאלד קאפטאן. ווען עטעל וועט זיך דערוויסען וואס איהר מאן האט אפגעטאן!

דער טעלעפאן האט גענומען קלינגען. עללא איז צוגעלאפען אין דעם נעקסטען צימער, וואו דער טעלעפאן איז געשטאנען אויף א קליינעם טישעל.

— זי האט זעהר ליעב צו באדיענען דעם טעלעפאן, — האט מיסעס ראבינס געזאגט צו מיר מיט א שמייכעל.

איך האב געענטפערט בלויז מיט א געמאטערטען שמייכעל.

דאכט מיר, אז מיסעס ראבינס האט א זיפץ געטאן.

— מאמא! — האט עללא געזאגט אריינקומענדיג אין צימער וואו מיר זיינען געזעסען. — מיסטער יאבלאנסקי האט אפגערו־פען. ער וויל וויסען אויב דו ביזט אין דער היים און אויב ער קען קומען.

— זאל ער קומען. זאג אז איך ערווארט איהם!

דאס האט מיסעס ראבינס אויסגערופען מיט אזא טאן, וואס איז געווען געציעלט צו מיר.

זי האט זיכער געוואלט פון מיר נעמען נקמה פאר מיין קאלט־קייט און שלעכטקייט אין יענעם אוונט.

עללא האט זיך אבער ניט גערירט פון ארט און האט איינ־געווענדעט:

— מאמא! דו זאגסט דאך אז דו קענסט איהם ניט ליידען...

— א עלֿלא ! — האָט זי אויסגערופען. — דו רעדסט אמאָל זאַכען וואָס זיינען שרעקליך. א פּרעזענט איז א פּרעזענט. מען טאָר עס ניט מעסטען און זאָגען א בעסערער פּרעזענט אָדער אַן ערגע־רער. די הויפּט זאַך איז די פריינדשאַפט פון דעם וואָס גיט דעם פּרעזענט.

— אָך, זי איז דאָך נאָך א קינד, — האָב איך עלֿלא׳ן פאַר־טיידיגט.

אין הארצען האָט מיך געפרעהט וואָס איך האָב געבראַכט א שעהנערע מתנה פון יאַבלאָנסקי, דער רייכער אַלמן וואָס שדכנ׳ט זיך צו מיסעס ראָבינס.

— איהר זעהט היינט אויס ווי ניט מיט אַלעמען, — האָט מיסעס ראָבינס באַמערקט. — איך אַליין בין אויך היינט ניט ביי מיין בעסטען. איך האָב געכאַפּט א לייכטען קאַלט... אָבער עס וועט איבערגעהן.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו זאָגען און ווי מען קניפּט אַן א שמועס. איך האָב באַטראַכט מיסעס ראָבינס. יענעם אָוועגד האָט זי ניט אויסגעזעהן אַזוי שעהן ווי אויף דער חתונה... איך האָב געפיהלט עפּעס א פרעמדקייט... איך האָב אַליין ניט גע־קענט זיך ערקלעהרען וואָרום... מעגליך ווייל מיין הארץ און מיינע געדאַנקען זיינען יענעם אָוועגד געווען פאַרנומען מיט ליזי׳ן...

וואָס טהו איך דאָ ? ווי קום איך אַהער ? — זאָל דאָס מעג־ליך זיין, אַז מיסעס ראָבינס האָט פאַרלאָרען ביי מיר א גרויסען טייל פון איהר חן ?

— עס איז געווען זעהר א שעהנע חתונה, — האָט זי גע־זאָגט, אום צו פאַרפיהרען א געשפּרעך. — א שאָד וואָס איהר האָט געמוזט אוועקגעהן אַזוי פריה... איך האָף, אַז ווען איהר זייט גע־קומען אַהיים איז אַלעס געווען אַלראַיט...

— עס איז דאָ פיעל צו דערצעהלען, — האָב איך געזאָגט. — אָבער אַזוי ווי אין דעם זיינען פאַרמישט זייטיגע פּערזאָנען און די זאַך איז נאָך ניט געקומען צו אַן ענטשיידונג, קען איך דאָס ניט דערצעהלען.

— איך האָב ניט געמיינט ביי אייך אויסצופרעגען, — האָט מיסעס ראָבינס זיך פאַרענטפערט. — איך בין נאָר געווען פאַר־

פיער־און־זיבעציגסטער קאַפּיטעל

מיסעס גרעפּטער ווידער אויף דער סצענע

גלייך ווי איך בין אַרויס פון מיסעס ראָבינס הויז, האָב איך אָנגעהויבן צו פילן חרטה. איך האָב זיך געשעהמט פאַר זיך אַליין פאַר מיין שלעכטע האַנדלונג. איך האָב גאָר ניט געקענט באַגרייפן ווי עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ גראָבע באַנעהמונג, צו קומען, זיצען אַזוי קאַלט און אַנגעבלאָזען און באַלד אַנטלויפען... איך בין שוין געווען גרייט צו געהן צו איהר צוריק, איהר בעטען אַז זי זאָל מיר פאַרצייהען און איהר ערקלעהרען וואָרום איך בין היינט געווען אַזוי שלעכט אויפגעלייגט.

אָבער יעצט, ווען ־יאַבלאָנסקי זיצט דאָרט, פּאַסט ניט, — האָב איך געטראַכט. — איך וועל וואַרטען ביז ליזי וועט צוריקקומען און די געהיימניס פון איהר פאַרשווינדען וועט זיך אויפקלעהרען. דאַן וועל איך קומען צו מיסעס ראָבינס און וועל איהר דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע, וועט זי מיך פאַרשטעהן און וועט מיר מוחל זיין פאַר מיין היינטיגען באַנעהמען זיך.

קומענדיג אַהיים, האָב איך געפונען מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער וואַרטען אויף מיר. זיי זיינען געווען אונטער דעם איינדרוק אַז איך בין אַוועק זוכען אַ שפּור פון ליזי'ן. און זעהענ־דיג אַז איך זאָג זיי גאָר ניט, האָבען זיי מיך גאָר ניט געפרעגט. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז איך האָב ניט קיין נייעס פאַר זיי, גוטע אָדער שלעכטע.

— מיר וועלען וואַרטען ביז מאָרגען, — האָט מיין פאָטער געזאָגט. — אויב זי וועט זיך ניט אָפּרופען ביז מאָרגען אין דער פריה, וועלען מיר מעלדען דער פּאָליציי.

איך געדענק ניט וואָס מיר האָבען ווייטער גערעדט, אָבער איך געדיינק ווי ריידענדיג מיט מיינע עלטערען האָב איך נאָך אַלץ געטראַכט פון מיסעס ראָבינס און מיסטער יאַבלאָנסקי, וואָס זיצט

מיסעס ראבינס איז געווארען בייז. צום ערשטען מאל אז איך האב זי געזעהן א בייזע.

— זאג איהם וואס איך האב דיר געהייסען! — האט זי זיך אנגעבייזערט. און עללא האט געמוזט אויספיהרען איהר שליחות.

לאנג בין איך נאכדעם ניט געזעסען. איך האב זיך צוקושט מיט דער קליינער עללא'ן. איך האב פאר איהר אנגעשריבען מיין אדרעסע און זי געבעטען אז זי זאל מיר שרייבען פון קאנטרי.

— אבער איהר מוזט קומען נאך אמאל איידער איך פאהר אוועק, — האט עללא געבעטען.

— איך וועל טרייען, — האב איך געזאגט און איך בין אוועק איידער מר. יאבלאנסקי איז אנגעקומען.

— לאמיר האפען צום בעסטען, — האט מיין פאטער זי געטרייסט. — צו וואס זאלען מיר טראכטען גראדע פון דאס ערגסטע?

יעצט, אז ליזי האט אליין געמעלדעט, אז זי איז אין פילאַ־דעלפיא, איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל ניט אז זי איז געפאהרען מיט ארנאלד קאפטאן און אז דער לומפ האט זי רואינירט.

„ער וועט מוזען טייער באצאהלען פאר דעם!" — האב איך געזאגט צו זיך אליין.

לויט דעם געזעץ וואס איז באקאנט אלס דער „מאן־עקט", קומט א שווערע שטראף פאר אפפיהרען א פרוי פון איין סטייט אין דעם אנדערען צוליעב א פארברעכערישען צוועק. ארנאלד קאפטאן מוז די שטראף באקומען. זיין ארט איז אין געפענגענים.

אבער איך האב גענומען טראכטען פון עטלען. וואס פאר א שאנדע דאס וועט זיין פאר איהר. ווי שטארק זי וועט מוזען ליי־דען פון דעם!

אום צו זיין זיכער, אז ארנאלד איז נאך אלץ מיט ליזי'ן, האב איך מיטאג־צייט אפגערופען דבורה'ן און איהר געפרעגט אויב ארנאלד ווערט ערווארטעט דיזע טעג.

— מיר האבען גאר ניט געהערט פון איהם, — האט דבורה געענטפערט. — מיר זיינען א ביסעל באזארגט וועגען דעם. אבער עס קען זיין, אז ער איז שוין ארויסגעפאהרען, אדער זיינער א בריעף איז פארלארען געגאנגען. ווען ער וועט קומען, וועלען מיר אייך אפרופען, און איהר וועט קומען צו אונז אויף א באזוך. איהר דארפט זעהן עטעל'ס באיטשיקעל — אי איז דאס א קינד, קיין עין הרע!

ארימע דבורה! זי האט נאך גאר ניט געוואוסט וואס פאר אן אומגליק עס איז געקומען אויף איהר טאכטער!...

א גאנצער טאג מאנטאג און א טייל פון דיענסטאג זיינען אוועק אין פיעבערישער ערווארטונג. גארנישט איז אנגעקומען פון ליזי'ן. פון דבורה'ן האב איך יא באקומען א טעלעפאן, אז ארנאלד איז דינסטאג מיטאג־צייט צוריק געקומען. זי האט מיך געפרעגט אויב איך וועל קומען אין אווענד.

— מארגען, פיליכט, — האב איך געענטפערט.

יעצט ביי איהר. איך האב איהם אנגעהויבען פיינד צו האבען. פאר וואס? סתם אזוי! דערפאר וואס ער זיצט יעצט ביי מיסעס ראבינס. איך האב זיך דערמאנט וואס עללא האט געזאגט צו איהר מוטער: „מאמא! דו זאגסט דאך אז דו קענסט איהם ניט ליי־דען!“... דאס האט מיך געפרעהט און איך האב א שמייכעל גע־טאן.

— וואס לאכסטו? — האט מיין פאטער געפרעגט.

איך האב זיך געמוזט ארויסדרעהען מיט א ליגען און איך האב געזאגט:

— איך טראכט, אז נאך אלעמען קען זיך ארויסצייגען אז ליזי האט אונז אלעמען אומזיסט אנגעשראקען. זי האט אונז געוואלט אפטאן און האט זיך באהאלטען ביי א חבר׳טע.

— הלואי זאל דאס אמת זיין, — האט מיין שטיעפמוטער געזאגט. — אבער זי וועט שוין מוזען פאהרען אהיים. ווי די מעשה זאל ניט זיין, פאר א מיידעל איז די בעסטע זאך צו זיין ביי די עלטערן. קיינער קען א קינד ניט אזוי גוט אפהיטען ווי אייגענע עלטערן און ווען אייגענע עלטערן קענען א קינד ניט אפהיטען פון שלעכטס, וועלען אנדערע געוויס נים אפהיטען.

*

אויף מארגען אין דער פריה, ארום האלב נאך זיבען, האט פרידא אפגערופען. עס איז דא א בריעף פון ליזי׳ן. זי איז אין פילאדעלפיא. זי בעט אז מען זאל זיך ניט זארגען, און אויב מען וויל די זאך ניט ערגער מאכען, זאל מען ניט מעלדען צו דער פאליציי. זי וועט אין קורצען צוריק קומען מיט דעם מאן, וועמען זי האט פארטרויט איהר צוקונפט.

— זאל ער כאטש זיין א רעכטער מענש, — האט מיין שטיעפמוטער אויסגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען. — א דאנק גאט וואס זי לעבט.

אבער גלייך האט זיך איהר שטימונג געענדערט און זי האט געזאגט:

— עס קען דאך אבער אויך זיין, אז די באנדיטען וואס האבען זי געפאנגען און האלטען זי דארט, האבען איהר געצוואונגען אזוי צו שרייבען.

איך האָב אמאָל ערגעץ געלעזען וועגען א פרוי וואָס איז פאַר־משפּט געוואָרען צו הייגגען, אז ווען מען האָט איהר געזאָגט „דער תּליון קומט“, האָט זי ארויסגעכאַפּט א קליין שפּיגעלע וואָס זי האָט געהאַט פאַרבאָרגען ביי זיך און האָט זיך באַטראַכט אין דעם שפּיגעלע און פאַרגלעט איהרע האָר.

מענער זיינען אויך אזוי.

איך האָב אויסגעזוכט דעם בעסטען באַרבער אין דעם גע־גענד, איך האָב זיך געלאָזט ראַזירען, זיך אָפּגעפרישט מיין פּנים מיט א מאַסאַזש, געלאָזט אָבפּוצען מיינע שיך, און דערנאָך אריין צוריק אין אָפיס און אָנגעטאָן א פרישען קראַגען מיט א נייעם נעקטאַי, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך אין מיין שרייב־טיש.

איך האָב זיך געטראַכט: פּוצט זי זיך אזוי פון מיינעטוועגען? עס איז זיכער, אז צו דער זעלבער צייט שטעהט זי פאַר׳ן שפּיגעל און טראַכט ווי מיר צו געפעלען זיין.

איז זי נאָך אזוי שעהן ווי געווען? איז זי ניט פאַרעלטערט געוואָרען?

איך ווייס ניט וואָרום איך האָב זיך געפרעגט דיעזע זאַכען? און נאָך אין אזא צייט, וואָס מיין הארץ איז געווען אזוי באַ־טריעבט...

עס איז מיר געווען אנגענעהם צו טראַכטען פון דעם, אז דיעזע רייצענדע פרוי, וואָס מענער זיינען אין איהר אזוי פאַרקאָכט און פאַרוואַרפען זי מיט דזשולעריי, זוכט מיין פריינדשאַפט. עס איז געווען א נאַרישער שטאָלץ, אָבער קיינער איז ניט בעסער פון מיר אין דיזען הינזיכט.

יעדער איינער וויל באַוואונדערט ווערען פון אנדערע. עס איז יעדען איינעמ׳ס שוואַכקייט.

מיט דיעזע געדאַנקען בין איך געפאָהרען צו מיסעס גרעפ־טער.

ארום פינף, ווען איך בין געזעסען אין אפיס און האב זיך גע־קליבען צו געהן אהיים, איז אריינגעקומען א שיק־אינגעל און האט מיר דערלאנגט א בריעף.

איך בין געווען שטארק איבערראשט ווען איך האב דערקענט די שרייב־פאפיר, די האנדשריפט און די אונטערשריפט „ליליען גרעפטער".

„טייערער פריינד! — האט זי צו מיר געשריבען. — עס זאל אייך ניט וואונדערען וואס איך בין יעצט צוריק אין ניו יארק, נאכ־דעם ווי איך בין אוועקגעפאהרען אין קאנטרי. איך וועל אייך אלעס ערקלערען. איהר מוזט צו מיר היינט קומען, אזוי שנעל ווי מעגליך. איך האב דעם שליסעל צו א געהיימנים וואס איהר זוכט צו דער־געהן. קומט פון אייער אייגענער טובה וועגען און די טובה פון אייערע אייגענע און פריינד. קומט אויף סאפער, אויב מעגליך. דערווייל זאגט קיינעם ניט פון אייער באזוך ביי מיר. איך וויל מיין נאמען ניט פארמישען מיט דער געשיכטע."

זי ווייס וואו ליזי איז! דאס איז זעהר דייטליך פון איהר שרייבען.

עס פארשטעהט זיך אליין, אז איך בין געווען זעהר אומגע־דולדיג צו וויסען וואס מיסעס גרעפטער האט מיר צו זאגען.

מיין פאטער איז באלד אנגעקומען, גרייט צו געהן מיט מיר אהיים. איך האב איהם געזאגט, אז איך וועל קומען אהיים שפעט אין אווענד און וועל עסען סאפער אין א רעסטאראן. מיין פאטער האט זיך קיינמאל ניט געמישט אין מיינע פריוואטע זאכען. ער האט געמיינט, אז איך האב מסתמא אן אפאינטמענט מיט א מיי־דעל, איז ער אוועק אהן מיר.

אינסטינקטיוו האב איך א פיהר געטאן מיין האנד איבער מיין געזיכט. איך האב געדארפט האבען א שייוו. האב איך גע־זוכט געפעלען צו זיין מיסעס גרעפטער? איך ווייס ניט. אבער אין דעם הינזיכט זיינען די מענער אזוי ווי די פרויען. אז מען געהט זיך זעהן מיט א פערזאן פון דעם אנדער געשלעכט, ווילט זיך אויס־זעהן נעט און אנציהענד.

אזוי איז די נאטור פון דעם מענשען. עס ווילט זיך מאכען א גוטען איינדרוק, סאי מען ליעבט די אנדער פערזאן, אדער ניט.

אין די הענד. נאָכדעם האָט זי זיך אומגעקערט און מיך געבעטען אריינצוגעהן אין פראָנט צימער.

איך בין נאָכגעגאַנגען און באוואונדערט די פיגור וועלכע איז געוועזן אַ קאָפּיע פון דער באריהמטער ווענוס. עד היום קען איך ניט פארשטעהן וואו איך האָב גענומען די שטאַרקייט צו באַזיעגען די געפיהלען וואָס די פרוי האָט געוועקט אין מיר. איך בין שוין דאַן געוועזן אַ מאַן נאָהענט צו פינף און צוואַנציג. ניט אַנדערש ווי דער זכות פון מיין הייליגער מוטער איז מיר בייגעשטאַנען און מיך פארהיט פון פאַלען אין אַפּגרונד.

זי האָט מיר אָנגעצייגט איך זאָל זיך זעצען אויף אַ סאָפע און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ניט ווייט פון מיר, אויף דער זעלבער סאָפע.

— איך וואונדערט וואָס איך בין צוריק געקומען אין ניו יארק, נאָכדעם ווי איך בין געוועזן אַוועקגעפאָהרען אין די קאַנטרי, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אין קאַנטרי קענען לעבען רוהיג. אָבער אויך דאָרט האָב איך קיין רוה ניט געקענט געפינען. איך האָב געוואָלט זיין גוט, אָבער די מענער האָבען מיך ניט געלאָזען. פאַרפאַלען! און די פרויען האָבען מיך פאַרפאָלגט, מיך באַליידיגט אין מיטען גאַס. איך בין שולדיג וואָס איך בין שעהנער פון זיי!... האָב איך געמוזט צוריק קומען אין ניו יארק. דאָ איז כאָטש פרייער. קיינער קוקט אייך ניט אויף די פינגער. און דאָך האָט מיר די קאַנטרי פיעל גוטעס געטאָן. איך פלעג ארומגעהן זעהר פיעל, מאַכען אַ סך באַוועגונג, און איהר זעהט ווי איך בין געוואָרען? —

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט לאַנגזאַם אַ דרעה געטאָן פאַר מיר, אַזוי ווי אַ מאָדעל ביי אַ מאָדיסטקע, אום איך זאָל קענען באַטראַכטען איהר פיגור, נאָכדעם האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט נעבען מיר און געפרעגט:

— זאָגט דעם אמת, ווי געפעלט איך אייך היינט?

אַ שטימע האָט מיר געזאָגט אין אויער: שפּרייט אויס דיינע אָרעמס און נעהם דאָס גליק וואָס ווערט דיר געאָפּפערט צו געניסען. דו דאַרפסט נאָר אַ שאָקעל טאָן מיט׳ן קאָפּ און די גרויסע שעהנהייט ווערט דיין איבערגעגעבענע שקלאַפין.

פינף־און־זיבעציגסטער קאפיטעל

ביי מיסעס גרעפטער

א יונגע דיענסט מיט א געפארבטען פנימ'ל און מיט א געקאלכטען נעזעל און אנגעטאן אין א ווייסען פארטוכעל האט געעפענט די טיר ווען איך האב אנגעקלונגען ביי מיסעס גרעפטער'ס אפארטמענט.

— די מאדאם ערווארט אייך, — האט זי געזאגט ווען איך האב איהר געזאגט מיין נאמען, און זי האט פון מיר צוגענומען מיין העט.

זי האט מיר געציינט דעם וועג צום פראנט צימער און אליין איז זי פארשוואונדען געווארען.

איך האב באלד דערזעהן פאר זיך מיסעס גרעפטער. זי האט זיך אוועקגעשטעלט צווישען די פארטיערס, אזוי ווי א בילד אין א ראמקע.

און א בילד איז דאס געווען א פראכטפולע, שעהן און רייצענד. זי איז פיעל שעהנער געווארען זייט איך האב זי געזעהן דעם לעצטען מאל. זי איז געווארען דינער, שלאנקער, באוועגליכער. דער קאליר פון איהר פנים איז געווארען פרישער, יוגענדליכער, אזוי ווי א נייע הויט וואלט זיך אויף איהר ארויפגעצויגען.

איך בין געבליבען שטעהן אזוי ווי צוגעשמידט צום ארט. פאר מיר איז געשטאנען א פרוי אין דעם שטארקסטען זין פוןווארט. א פרוי וואס פאנגט די הארץ און פארשלעפערט די נשמה ביים ערשטען בליק. א לעבעדיגע באטערעע וואס עלעקטריזירט מיט איהר שמייכעל און מיט דעם בליק פון איהרע אויגען.

— א גאסט, כ'לעבען! — האט זי געזאגט לאכענדיג און ציינגענדיג צוויי רייהען מארמאר ווייסע נאטור ציינער.

פארזיכטיג האב איך אנגענומען די האנד וואס זי האט מיר אויסגעשטרעקט, אזוי ווי א קינד נעמט אן א ברענענדע שוועבעלע

רער מאדאם ניט אריינגעהן ווען א דזשענטעלמאן איז ביי איהר צו גאסט.

— ווארט איין מינוט, — האט מיסעס גרעפטער געזאגט צו מיר. — איך וועל זעהן אויב אלעס איז אין ארדנונג. אויף די היינטיגע מיידלאך קען מען זיך פיעל ניט פערלאזען.

נאכדעם איז מיסעס גרעפטער צוריק אריינגעקומען אין פארלאר און מיך גערופען אין דיינינג רום. פארבייגעהענדיג א קליינעם טישעל האב איך אויף דעם געזעהן שטעהן א בילד פון מר. מירמעלשטיין.

יעצט איז מיר אלעס קלאר געווארען. איך האב פארשטאנען פון וואנען מיסעס גרעפטער האט אזא עלעגאנטע וואוינונג און א דיענסט איהר צו באדיענען.

— איהר זאלט מיר ענטשולדיגען פאר מיין קארגען סאפער, — האט זי געזאגט צורוקענדיג צו מיר א טעלער מיט סאלאטע און געקאכטע אייער. — איך עס זעהר ווייניג. איך האב מורא פאר פעט ווערען. איך וויל ניט פארלירען מיין שייפ.

זי האט געמעגט צולייגען: „און אויב איך וועל פארלירען מיין שייפ, וועל איך פארלירען מיין חן ביי מר. מירמעלשטיין אין די אויגען, און עס וועט ניט זיין ווער עס זאל צאהלען מיינע בילס".)

— איך בין אויך ניט קיין גרויסער עסער, — האב איך געענטפערט.

— אפשר זייט איהר פארליעבט? — האט זי געזאגט. — פארליעבטע עסען ווייניג.

איך האב בלויז א שמייכעל געטאן. איך האב ניט געקאנט זאגען אויב איך בין פארליעבט אדער ניט.

— זאגט מיר, — האט זי געפרעגט, איהר האט שוין א כלה, אדער אן אויסזיכט אויף א כלה?

— דערווייל נאך ניט, — האב איך געענטפערט אין דעם זעלבען שפאסיגען טאן.

— עס קען זיין ווייל איהר ליעבט צופיעל, — האט זי געזאגט.

— ניין, — האב איך געענטפערט. — דאס מוז זיין ווייל איך בין א שלעכטער און איך ליעב צו ווייניג.

טהו עס ניט! — האָט אַן אַנדער שטימע געזאָגט. — פאַרליר ניט דיין ריינקייט, דיין געוויסען, דיין כאַראַקטער אין אַן אומ־באַרעכענטען מאָמענט. פאַרפלעק ניט דיין נשמה. דער גענוס איז קורץ, די חרטה איז לאַנג. דער גרעסטער העלד איז דער, וואָס באַזיעגט זיך אַליין...

זי האָט זיך צוריקגעזעצט אויף דער סאָפע און געזאָגט:

— איהר זייט דאָך געוויס נייגעריג צו וויסען וועגען וואָס איך האָב אייך גערופען. וועל איך אייך זאָגען. אַרנאָלד קאַפּטאַן איז דאָ נעכטען ביינאַכט געווען מיט אַ יונגער מיידעל. זי איז אייערע אַ קוזינע. ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל די מיידעל האַל־טען ביי זיך ביז אַ געוויסער צייט. איך האָב דאָס איהם ענטזאָגט, טאַקע צוליעב אייך...

— וואו איז זי? — האָב איך אַ פרעג געטאָן אָנכאַפּענדיג מיסעם גרעפּטער פאַר'ן האַנד.

— דאָס דאַרפט איהר פרעגען אַרנאָלד קאַפּטאַן, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל. — מיר האָט ער ניט געזאָגט וואוהין ער נעמט זי.

— פון וואַנען ווייסט איהר אַז די מיידעל איז מיינע אַ קו־זינע? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב זי איינמאָל באַמערקט אין אַ רעסטאָראַן, מיטאָג צייט. זי איז אַריינגעקומען מיט אייך. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אייערע אַ כלה, אָדער אַ פריינדין, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט און מען האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אייער שטיעפמוטער'ס אַ פּלי־מעניצע.

— ער איז מיינער אַ פריינד זייט יאָהרען. דעם אָוועגד פאַר זיין חתונה האָט ער ביי מיר סאָפּער געגעסען.

דערביי האָט זי זיך צולאַכט מיט איהר געלעכטער, וועלכער האָט געקלונגען אַ ביסעל פרעך.

יעצט האָב איך געזעהן ווער אַרנאָלד קאַפּטאַן איז געווען. ווי קונציג ער האָט זיך געקענט באַהאַלטען און שפּיעלען פאַר דער וועלט די ראָלע פון אַ זיידענעם יונגענמאַנטישיק.

— סאָפּער איז פערטיג, — האָט געמעלדעט די דיענסט פון הינטער דער טיר. קענטיג אַז זי האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף צו

— יאָ, איך קען דאָס אויך קוים גלויבען, — האָב איך גע־ענטפערט.

— אפשר וואָלט איך בעסער געהאַנדעלט, ווען איך וואָלט די מיידעל געלאָזט שטעהן ביי מיר, און דאַן וואָלט איהר זי גע־קענט צונעמען פון מיין הויז.

— עס איז דאָך אָבער פארפאלען, — האָב איך געזאָגט.

— דענקט איהר, אַז עטעל וועט איהם מוחל זיין ? — האָט מיסעס גרעפּטער געפרעגט.

— דאָס קען איך ניט וויסען, — האָב איך קאַלט געענט־פערט.

— און פעני בראָדסקי האָט טאַקע חתונה געהאַט, האָב איך געהערט. האָט זי גענומען עפּעס אַ פיינעם חתן ? — האָט מיסעס גרעפּטער געפרעגט.

— יעס, זעהר אַ פיינער יונגערמאַן, — האָב איך געענט־פערט.

— און זיי לעבען גליקליך ? — האָט זי געפרעגט.

— זעהר גליקליך. — האָב איך געענטפערט.

— איך מוז איהם זעהן, — האָט מיסעס גרעפּטער געזאָגט.

— איך מוז צו איהם אריבערגעהן. איך וויל טאַקע ער זאָל מיר פּיקחען אַ צאָהן.

— דאַכט זיך. אַז איהר האָט גוטע ציינער, — האָב איך גע־זאָגט.

— עס שאַדט ניט ער זאָל אַ קוק טאָן אויף מיינע ציינער, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל. — דער עיקר איז. אַז איך בין נייגעריג איהם צו זעהן.

איך האָב אָנגעהויבען אַ ביסעל מורא צו האָבען. ווער ווייס, טאָמער געלינגט איהר צו פאַרדרעהען דעם קאָפּ פעני'ס מאַן.

אום האַלב נאָך אַכט האָב איך זיך שוין צוגעקליבען צו געהן אַהיים, אָבער איידער איך האָב צייט געהאַט צו נעמען אַבשיעד, האָט די טיר־גלאָק אָנגעהויבען צו קלינגען.

— דאָס קען אויך אַמאָל זיין די אורזאַכע, — האָט זי צוגע־געבען, אנגיסענדיג פאַר מיר אַ טאַסע קאַפּע.

עסענדיג איז מיר אריין אַ געדאַנק אין קאָפּ: וואָס זיץ איך דאָ? איך האָב געדאַרפט געהן וואָס שנעלער אהיים און זעהן וואָס צו טאָן וועגען ליזי'ן.

איך האָב זיך אָבער ניט געאיילט. ערשטענס בין איך געווען נייגעריג צו דערגעהן נאָך זאַכען פון מיסעס גרעפּטער. און צווייטענס, פּאַסט עס דאָך ניט אַזוי גיך צו אַנטלויפען. מיסעס גרעפּטער האָט דאָך מיר אַ טובה געטאָן מיט דעם וואָס זי האָט מיך גע־רופען און מיר געגעבען אין האַנד דעם שליסעל צו דער געהיימ־ניס וועגען ליזי'ן.

— זי איז אַ זעלטענע שעהנהייט, אייער קוזינע, — האָט מיסעס גרעפּטער געזאָגט. — אָבער זי איז נאָך קינדיש. איך האָב מורא, אַז אַרנאָלד האָט איהר אומגליקליך געמאַכט און ער אַליין וועט האָבען אַ היבש ביסעל טראָבעל. און וואָס וועט זיין פרוי זאָגען? איהר זעהט זי אַמאָל?

— יאָ... — האָב איך ניט ווילענדיג געענטפערט. — עס איז מיר ניט געפעלען געווען וואָס זי זוכט צו דערגעהן זאַכען וואָס זי דאַרף ניט וויסען.

— איהר דאַרפט קיין פאַראיבעל ניט האָבען אויף מיר, — האָט זי זיך ענטשולדיגט. — איך האָב ניט געמיינט אייך צו קריינ־קען, אָדער אייך אויסצופרעגען... איך האָב געהאַט אַ גאַנץ אַנדער געדאַנק אין זינען.

עס האָט מיך ניט אינטערעסירט איהר צו פרעגען וואָס איז געווען דער אַנדער געדאַנק וואָס זי האָט געהאַט אין זינען. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אַז זי האָט געמיינט מיך צו פרעגען, אויב עס וואָלט ניט געווען גוט פאַר מיר ווען אַרנאָלד זאָל זיך שיידען מיט עטלען און איך זאָל מיט עטלען קענען חתונה האָבען.

אַ ווײַלע האָבען מיר ביידע געשוויגען. נאָכדעם האָט זי באַ־מערקט, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט וועגען וואָס צו ריידען:

— אַזאַ אונשולדיגען פּנים ווי אייער קוזינע האָט! עס ווילט זיך קוים גלויבען, דאָס אַזאַ מיידעל זאָל האָבען דעם מוט צו אַנט־לויפען מיט אַ פאַרהייראַטעטע מאַן!

— איהר האָט זי באַדאַרפט אַריינגעמען, — האָב איך געזאָגט.

— איך האָב אַזוי געטאָן, — האָט מיסעס גרעפּטער געענטפערט. — איך האָב איהם פון אָנפאַנג ענטזאָגט, אָבער נאָכדעם האָב איך זיך באַרעכענט און געזאָגט, אַז ער קען זי אַהער ברייננגען. זי וועט דאָ זיין אין אַ האַלבע שטונדע אַרום. ווילט איהר וואַרטען אויף איהר?

— יעס, — האָב איך געזאָגט. — און איך וועל זי פון דאָנען אָפּפיהרען אַהיים צו איהר קוזינע, ביי וועמען זי האָט געוואוינט.

— און איהר זייט דאָס זיכער, אַז זי וועט געהן מיט אייך?
— האָט מיסעס גרעפּטער געפרעגט.

איהר פראַגע האָט מיר צומישט. טאַקע, ווי בין איך זיכער, אַז ליזי וועט מיט מיר וועלען געהן?

אָבער איך האָב באַשלאָסען צו בלייבען און וואַרטען אויף ליזי'ן, און איך האָב פון מיין באַשלוס געזאָגט צו מיסעס גרעפּטער.

— דאַן מוזט איהר זיך באַהאַלטען אין דעם צימער ווען זיי קומען, און אַרנאָלד וועט אַוועקגעהן, וועט איהר קענען אַרויסקומען און ריידען צו איהר.

— איך וועל טאָן אַזוי ווי איהר הייסט מיר, — האָב איך געענטפערט, און בין אַרויס מיט איהר אין פּאַרלאָר.

פּונקט אין אַ האַלבע שטונדע אַרום האָט ווידער געקלונגען דער טיר־גלאָק.

— זיי זיינען דאָ! — האָט מיסעס גרעפּטער אויסגערופען. — געהט אַריין אין יענעם בעד־רום.

איך האָב זיך געמוזט ווידער באַהאַלטען. אין אַ צעהן מינוטען אַרום איז אַריין צו מיר מיסעס גרעפּטער און שטילערהייט געזאָגט:

— אַרנאָלד איז שוין אַוועק. די מיידעל איז דאָ פאַרבליבען. זי ווייס נאָך ניט אַז איהר זייט דאָ. זאָל איך איהר זאָגען?

— ניין, — האָב איך געענטפערט. — איך וויל זי איבעררא־שען.

זעקס=און=זיבעציגסטער קאַפּיטעל

צוויי קרבנות

ווען דער טיר־גלאָק האָט גענומען קלינגען איז מיסעס גרעפּ־טער אַרויסגעלאָפען זעהן ווער דאָס איז.

איך בין געבליבען אין עס־צימער אַליין, אַ ביסעל דערשראָקען.

ווי איז, אַז דאָס איז מירמעלשטיין געקומען? האָב איך זיך געפרעגט.

וואָס וועט ער זאָגען, אַז ער וועט מיך געפינען דאָ ביי זיין גע־ליעבטער?

מיסעס גרעפּטער איז באַלד צוריק אַריין אין צימער, שטאַרק אויפגערעגט, און כאַפּענדיג מיך פאַר׳ן אָרם האָט זי מיך מיט געוואַלד געשלעפּט פון עס־צימער אין פּאַרלאָר און פון פּאַרלאָר אין אַ פראָנט בעד־רום, שעפּטשענדיג דערביי:

— איהר מוזט זיך באַהאַלטען ביז איך וועל איהם אַרויס־פּטר׳ן פון הויז. שנעל! פרעגט ניט קיין שאלות.

זי איז אַרויס און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. נאָכדעם האָב איך געהערט זי טענה׳ן מיט אימיצען. איך האָב דערקענט די שטימע. דאָס איז געווען אַרנאָלד קאַפּטאַן.

איך האָב ניט געקענט גוט הערען וואָס זיי האָבען גערעדט, אָבער נאָך דעם טאָן פון זייער שמועס האָב איך זיך אַנגעשטויסען אַז ער בעט עפּעס פון מיסעס גרעפּטער און זי איז ניט וויליג איהם דאָס נאָכצוגעבען.

אַ האַלבע שטונדע נאָכדעם ווי ער איז געקומען, איז ער אַוועק. דאַן איז מיסעס גרעפּטער אַריין צו מיר און געזאָגט:

— דאָס איז געווען אַרנאָלד קאַפּטאַן. ער איז ווידער געקו־מען מיך בעטען אַז איך זאָל נעמען אייער קוזינע אויף אַ קורצע צייט אין מיין הויז. זי פיהלט זיך ניט באַקוועם צו שטעהן אין אַ האָטעל. זי האָט מורא די משפּחה זאָל איהר ניט אויסגעפינען,

ליבע מיידעל מיט אַ האַרץ אַזוי ריין ווי ביי אַ מלאך. איך אַליין האָב זי ליעב געהאַט, אָבער אַרנאָלד קאַפּטאַן איז געווען דער גליק־ליכער מיט איהר חתונה צו האָבען. איך ווייס, אַז זי האָט איהם גאָר ניט געוואָלט און ער איז געווען משוגע פאַר איהר. איהר מוטער און זיין פאָטער האָבען זיך אַריינגעמישט און איהר צוגערעדט אַז זי זאָל מיט איהם חתונה האָבען. און יעצט געהט אַרום דער באַנדיט און באַשמוצט איהר נאָמען. ניט גענוג ער האָט איך פאַר־פיהרט און געבראַכט צו אַזאַ סקאַנדאַל, געהט ער נאָך באַשמוצען דעם נאָמען פון זיין פרוי, וועמענס נאָמען ער איז ניט ווערט צו טראַגען אויף זיינע ליפּען!

ליזי האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ. איך האָב געזעהן אַז זי דענקט יעצט ערנסט וועגען איהר אונבאַרעכענטען שריט.

— הער צו, ליזי, — האָב איך געזאָגט. — מיר קענען דאָס נאָך גוט מאַכען. קיינער, אויסער איך און מיסעס גרעפּטער, ווייסען פון דעם ניט, אַז איהר זייט אַוועק מיט אַרנאָלד קאַפּטאַן. איך וועל בעטען מיסעס גרעפּטער, אַז זי זאָל קיינעם ניט זאָגען. מיר וועלען אויסטראַכטען עפּעס אַן אויסרייד פאַר אייער אַבוועזענהייט. קומט יעצט מיט מיר אַהיים. צו פרידאַ׳ן.

ליזי האָט אַ דרעה געטאָן מיט׳ן קאָפּ. ריידען האָט זי ניט געקענט. זי האָט פאַרדעקט איהר פּנים מיטביידע הענד און האָט זיך צוואוויינט.

— איהר דאַרפט ניט וויינען, ליזי, — האָב איך זי געטרייסט, גלעטענדיג איהר קאָפּ. — אַלעס קען ווידער זיין גוט. איך בין מיט אייך! איך בין אייער פריינד, אייער באַשיצער. איך וועל מאַכען אַז אַלעס וועט זיין גוט אַזוי ווי פריהער. קיינער דאַרף ניט וויסען וועגען אַרנאַלד קאַפּטאַן.

— פאַרפאַלען, — האָט ליזי געקלאָגט, — איך קען שוין ניט געהן צוריק.

אַ קאַלטער שווייס איז דורכגעלאָפען מיין קערפּער. ערשט יעצט האָב איך באַגריפען ווי שלעכט די לאַגע איז. אַרנאָלד קאַפּ־טאַן האָט די יונגע מיידעל רואינירט.

— אויב אַזוי וועט ער געהן אין פּריזאָן, — האָב איך גע־זאָגט און מיינע בלוטען האָבען געגומען קאָכען אין מיר פאַר כעס.

איך האָב געוואַרט אַ פינף מינוטען נאָכדעם ווי מיסעס גרעפּ־טער איז אַרויס פון דעם צימער און איך האָב זיך געלאָזט געהן אין דיינינג רום, ווי ליזי איז געזעסען צוזאַמען מיט מיסעס גרעפּ־טער ביי אַ באָקס שאָקאָלאַדע.

ליזי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן ווען זי האָט מיך דערזעהן. זי האָט אָבער באַלד געפאַסט מוט און געפרעגט:

— ווי קומט איהר אַהער?

— דאָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגען: ווי קומט איהר אַהער? — האָב איך צוריקגעפרעגט און איהר געקוקט גלייך אין די אויגען.

ליזי האָט זיך פאַר מיר ניט דערשראָקען. זי האָט מיר צוריק געקוקט גלייך אין די אויגען.

— איך האָב געוואָלט מיט אייך ריידען פריוואַט. — האָב איך געזאָגט צו ליזי'ן.

מיסעס גרעפּטער, ניט וואַרטענדיג אַן אויגענבליק, האָט פאַר־לאָזען דעם צימער.

— ליזי! — האָב איך געפרעגט און דערביי געפיהלט אַ בי־סעל נערוועז — איהר פאַרשטעהט וואָס איהר האָט געטאָן? איהר האָט אונז אַלעמען פיעל שמערצען פאַרשאַפט מיט אייער פאַר־שווינדען. פרידאַ שלאָפט ניט נעכט, די טאַנטע האַלט אין איין וויינען —

— וואָרום זאָלען זיי זיין אַזוי אונרוהיג וועגען מיר? — האָט ליזי געענטפערט. — איך האָב זיי דאָך געשריבען, אַז זיי זאָלען זיך ניט זאָרגען, אַז איך בין אַוועק... מיט... מיין חתן.

— אַרנאָלד קאַפּטאַן איז ניט אייער חתן, — האָב איך איהר געענטפערט. — ער האָט אַ ווייב מיט אַ קינד.

— אָבער ער ליעבט נאָר מיך. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיין פרוי קיינמאָל ניט געליעבט. איהר מוטער איז געווען אַ דזשעניטרעס ביי זיין פאָטער און ער איז געווען געצוואונגען חתונה צו האָבען מיט איהר טאָכטער, אום צו פאַרמיידען אַ פּראָ־צעס אין געריכט.

— זאָג אַרנאָלד קאַפּטאַן אַז ער איז אַ פאַרדאַמטער ליגנער — האָב איך אויסגעשריען. — עטעל איז געווען אַ העבסט ארענט

ווען איך בין פון איהר אוועקגעגאנגען איז שוין געווען נאָך צעהן. איך האָב באַשלאָסען צו מאַכען דעם וועג אַהיים צופוס. איך האָב געוואָלט קומען ווען אַלע וועלען שוין שלאָפען. אום עס זאָל ניט זיין ווער עס זאָל מיך פרעגען אויב איך האָב עפּעס געהערט פון ליזי'ן, און איך זאָל ניט דאַרפען זאָגען קיין ליגען.

איך האָב געהאַט אַ לאַנגען שפּאַציר, און די גאַנצע צייט געטראַכט וועגען דער פראַגע: ווער וועט דאָ פאַלען אַלס קרבן? עטעל, אָדער ליזי? די ווערטער וואָס ליזי האָט מיר געזאָגט: „ווען אַ מאַן וואַרפט אַוועק זיין פרוי בלייבט די שאַנדע אויף איהם, אָבער ווען ער וואַרפט אַוועק אַ מיידעל בלייבט די שאַנדע אויף דער מיידעל", האָבען זיך גוט איינגעקריצט אין מיין קאָפּ. איך האָב זיך אַזוי פאָרגעשטעלט: ווען אַרנאָלד זאָל זיך גט'ן מיט עטלען, וועט עטעל בלייבען ביי איהר גוטען נאָמען. אַלע וועלען פאַרדאַמען איהר מאַן און פאַר איהר וועלען זיי האָבען לויטער סימפּאַטיע. אָבער ווען אַרנאָלד זאָל אַוועקוואַרפען ליזי'ן, נאָכדעם ווי ער האָט זי רואינירט, וועט ליזי אַן אויסוואורף און יעדער איינער וועט זי באַטראַכטען מיט פאַראַכטונג...

אין האַרצען האָב איך זיך געטראַכט: זאָל זיך בעסער עטעל שיידען מיט איהם. מיט אַרנאָלד'ן וועט זי שוין סאַי ווי ניט זיין גליקליך... פאַר עטלען שטעהט נאָך פאַר אַ גוטע צוקונפט.

מיט דיזע געדאַנקען בין איך געקומען אַהיים. אין הויז איז געווען שטיל. איך בין אריין אין מיין צימער און זיך באַלד געלייגט אין בעט.

מאָרגען וועל איך זעהן וואָס איך האָב צו טאָן.
מיט דיזען געדאַנק בין איך איינגעשלאָפען.

— ער מוז באַצאָהלען פאַר דעם ! ! — האָב איך ווייטער געזאָגט.

— לאָזט איהם צורוה, ליעבער סעם, — האָט ליזי געבעטען. — וואָס וועט זיין שטראָף מיר העלפען? און וואָס וועט דאָס העלפען זיין פרוי? ער האָט מיר צוגעזאָגט, דאָס ער וועט זיין פרוי גט'ן און חתונה האָבען מיט מיר. אויב ער וועט ניט האַלטען וואָרט, דאַן קומט מיר אויס צו וואַרפען זיך אין וואַסער.

— און ווי איז אַז ער וועט יעצט מיט אייך חתונה האָבען, און אין אַ פּאָר יאָהר אַרום וועט ער זיך פאַרליעבען אין אַן אַנדערער? האָט איהר געטראַכט וועגען דעם?

— איך וויל יעצט ניט טראַכטען וועגען דעם, — האָט ליזי געענטפערט. — ווען אַ מאַן וואַרפט אַוועק זיין פרוי, בלייבט די שאַנדע אויף איהם. ווען ער וואַרפט אַוועק אַ מיידעל, בלייבט די שאַנדע אויף איהר.

דיעזער אַרגומענט האָט מיך נידערגעשלאָגען. איך האָב זיך געוואונדערט, ווי דאָס קומט צו אַזאַ יונגע מיידעל ווי ליזי. אפשר האָט זי דיעזען געדאַנק אַמאָל געהערט פון אַן עלטערע פערזאָן.

— גלויבט איהר ערנסט, אַז ער וועט מיט אייך חתונה האָבען? — האָב איך געפרעגט. — אין נ"ו יאָרק סטייט איז זעהר שווער פאַר אַ פאָר־פאָלק זיך צו גט'ן. אַ אידישער גט אַליין איז נאָך ניט גענוג.

— וועגען דעם ווייס איך ניט, — האָט ליזי געענטפערט. — אָבער איך בין זיכער, אַז אַרנאָלד וועט האַלטען זיין פאַרשפּרעכען וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט.

— ליזי, — האָב איך צולעצט געזאָגט, — זאָל איך זאָגען אין דער היים אַז —

— איהר קענט זאָגען וואָס איהר ווילט. אָבער איך וועל צוריק ניט געהן צו פרידא'ן. אָבער איין זאַך פאָדער איך פון אייך: איהר זאָלט ניט אויסזאָגען וואו איך געפין זיך. איך באַשווער אייך, אַז איהר זאָלט ניט אויסזאָגען. איך וויל ניט זיי זאָלען קומען מיך מוסר'ן. וואָס איך האָב געטאָן האָב איך געטאָן און איך אַליין בין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם.

אז זיי זיינען אהין געקומען, האָבען זיי געפונען דבורה'ן א פאַרוויינטע. איהר קאָפּ איז געווען פאַרבונדען מיט א קאָמפּרעס. קוים וואָס זי האָט זיך געהאַלטען אויף די פיס.

עטעל, דאַגעגען, איז געווען גאַנץ רוהיג. זי האָט זאָגאַר גע־שמייכעלט. עס איז אָבער געווען קענטיג, אז די רוהיגקייט איז א געמאַכטע, אן אָנגעשטרענגטע, אז הינטער די רוהיגקייט געהט אָן א גרויסער קאַמפּף אין הארצען, און אז דער שמייכעל איז פון א מאַרטירער וואָס נעמט אָן זיינע יסורים מיט איבערנאַטירליכען געדולד...

— וואָס איז געשעהן, מיין קינד? — האָט מר. קאַפּטאַן גע־פרעגט, אַננעמענדיג עטלען צערטליך פאַר דער האַנד.

— וואָס זאָל געשעהן? — האָט עטעל געענטפערט מיט איהר געוועהנליכער רוהיגקייט. — איך בין ניט די ערשטע און ניט די לעצטע. עס טרעפט גאַנץ אָפט אזעלכע געשיכטען. אַרנאָלד האָט גע־פונען איינע וואָס איז שעהנער און אינגער פון מיר...

— עטעל! — האָט מר. קאַפּטאַן אויסגערופען. — רייד ניט אזוי צו מיר. ווייסטו דען ניט אז דיין יעדעס וואָרט שטעכט מיר אין הארצען? וואָס הייסט ער האָט געפונען א שעהנערע און א אינגערע? ער איז דאָך דיין מאַן, דער פאָטער פון דיין קינד... דערצעהל מיר אַלעס וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— עס איז כמעט ניטאָ וואָס צו דערצעהלען, — האָט עטעל געענטפערט. — ער איז געווען אוועקגעפאָהרען אין פילאַדעלפיאַ אויף עטליכע טעג. וועגען ביזנעס, האָט ער מיר געזאָגט. אז ער איז צוריקגעקומען האָט ער מיט מיר געהאַט אָן אָפענעם געשפּרעך. ער האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט זיך פאַרליעבט אין א מיידעל. ער ווייס אז ער האַנדעלט ניט ריכטיג געגען מיר, אָבער ער קען זיך ליידער ניט העלפען. ער פיהלט, אז ער קען אָהן דער מיידעל ניט לעבען, אז זי איז זיין ריכטיגע אפיניטי, און אז מיר מוזען זיך שיידען...

— דער לויפער!... דער אויסוואורף! — האָט מר. קאַפּטאַן אויסגעשריען. — און וואָס האָסטו איהם געזאָגט?

זיבען־און־זיבעציגסטער קאַפּיטעל

דער סוד איז אַרויס

פריהער פון אַלעמען האָב איך געוואָלט דערצעהלען מיין פאָטער פון אַלעס וואָס איך האָב ערפאַהרען וועגען ליזי'ן. איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף מאָרגען ביז מיר האָבען אָפּגעגעסען אונזער פריהשטיק און מיר זיינען אָפּגעפאָהרען דאַון טאַון צו ביזנעס.

אויפ'ן וועג האָב איך מיין פאָטער דערצעהלט מיט וועמען ליזי איז אנטלאָפען. איך האָב איהם אָבער ניט געזאָגט אז איך וויים וואו זי געפינט זיך. איך האָב איהם אויך געזאָגט, אַז איך בין אונטער אַ פאַרשפּרעכען ניט אַרויסצוגעבען דעם נאָמען פון די פערזאָן וואָס האָט עס מיר אַלעס דערצעהלט.

מיין פאָטער האָט עס קוים געקענט גלויבען.

— דו פאָהר אין אָפיס, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — און איך וועל זיך אָפּשטעלען אין וועג און אַריינגעהן צו מר. קאַפּטאַן און וועל דאָס איהם דערצעהלען.

ווען מיין פאָטער איז געקומען צו די קאַפּטאַנ'ס. האָבען זיך ביידע, אי די מוטער, אי דער פאָטער, זיך אָנגעכאַפּט פאַר די קעפּ.

— איהר זייט פון זינען אַראָפּ! — האָט מר. קאַפּטאַן אויסגעשריען אויף מיין פאָטער.

— איך האָב מורא, אז אייער אַרנאָלד איז פון זינען אַראָפּ, — האָט מיין פאָטער איהם געענטפערט. — באַרוהיגט זיך. בעסער לאָמיר אַריבערפאָהרען צו עטלען אהיים און זעהן וואָס דאָרט טוט זיך.

מר. קאַפּטאַן איז מיט איהם גלייך געגאַנגען. ער האָט קוים איינגעבעטען זיין פרוי, אַז זי זאָל פאַרבלייבען אין דער היים. ער האָט מורא געהאַט זי זאָל זיך דאָרט ניט אויפרעגען. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דאַרף מען פאַרהיטען אַז עס זאָלען פון דעם ניט וויסען קיין זייטיגע מענשען און פאַרמיידען לייטישע געלעכטער. אויב עס איז נאָר מעגליך.

אַז איך האָב איהם שוין פון לאַנג פאַרלאָזען. עס פרעהט מיך וואָס עס איז ענדליך געקומען אַן ענדע צו אַזאַ סאָרט לעבען. איך האָב זיך געפיהלט ווי אַ פויגעל אין אַ שטייג. עס איז בעסער אַזוי. יעצט וועל איך זיין פריי. איך וויל איהם מעהר ניט האָבען. איך וועל אַליין ערציהען מיין קינד.

— עטעלע, וועגען דעם זאָלסטו זיך גאָר ניט זאָרגען, — האָט מר. קאַפּטאַן געזאָגט. — איך רעכען דיך פאַר מיין קינד. ניט דיר און ניט דיין קינד וועט עפּעס פעהלען. געדענק אַז די פּראָפּער־טי וואָס איך האָב פאַרשריבען אויף דיין נאָמען צוזאַמען מיט אַרנאָלד'ס איז ווערט פופציג טויזענד דאָלאַר, און ער קען דאָס אָהן דיר ניט פאַרקויפען. דער איינקונפט געהערט אייך ביידען העלפט אויף העלפט. דאָס אַליין איז כמעט גענוג פאַר דיר מיט דיין מוטער און קינד. איך וועל שוין זעהן אַז דו זאָלסט דיין חלק קריגען ניט פון זיין האַנד, נאָר דורך מיר. און אין מיין צוואה וועל איך אָפּשרייבען אַ היבשע סומע פאַר דיין קינד.

— בעסער זאָלט איהר לעבען, און ניט טראַכטען פון צוואות, — האָט עטעל געזאָגט.

דבורה איז די גאַנצע צייט געזעסען אַן אַ זייט און האָט זיך צוגעהערט. ניט אַ וואָרט האָט זי אויסגערעדט.

— איך וועל דיר שיקען אַ גוטען לאָיער, — האָט מר. קאַפּטאַן געזאָגט צו עטלען. — באַצאָהלען דאַרפסטו איהם ניט. איך וועל באַצאָהלען דעם לאָיער'ס עקספּענסעס.

— צו וואָס דאַרף איך אַ לאָיער? — האָט עטעל געפרעגט.

— איך מאָהן ביי איהם גאָר ניט. איך פאַרלאַנג פון איהם גאָר ניט. איך וויל נאָר ער זאָל מיך באַפרייען!

— אויף דעם אַליין, אַז ער זאָל דיך באַפרייען, דאַרפסטו אויך האָבען אַ לאָיער, — האָט מר. קאַפּטאַן ערקלעהרט. — די זאַך מוז פאָרקומען פאַר אַ ריכטער, אָדער פאַר אַ רעפרי וואָס וועט באַשטימט ווערען פון אַ ריטכער. עס איז ניט קיין אַנגענעמע זאַך, מיין קינד, אָבער מען קען זיך אַנדערש ניט העלפען. וואָס מיר אַנ־באַלאַנגט איז אַרנאָלד ניט מעהר מיין זוהן.

— צו וואָס זאָלט איהר זיך ענטזאַגען פון אייער אייגען בלוט

— איך ? וואס האָב איך איהם געקענט זאָגען ? — האָט טעטעל אונשולדיג מיט ביטערקייט געפרעגט. — ווי אַ געטרייע ווייב האָב איך איהם געוואונשען גליק מיט זיין אפיניטי. נאָר איך האָב איהם געבעטען, אַז פאַר מיר זאָל ער זיך מעהר ניט צייגען...

— דו האָסט איהם ניט געדאַרפט לאָזען געהן ! — האָט מר. קאַפּטאַן אויסגערופען. — דו האָסט געדאַרפט טעלעפאָנירען צו מיר. און איך וואָלט גלייך געקומען און איהם דער'הרג'עט אויפ'ן אָרט פאַר אַזעלכע רייד. איך וועל איהם שוין פיקסען !

— איך בעט אייך, מאַכט ניט קיין סקאַנדאַלען, — האָט טעטעל געבעטען. — עס איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך. איך האָב שוין לאַנג פאַרלאָרען מיין ליעבע צו איהם, בעסער זאָל ער בלייבען ביי דער מיידעל. עס איז אויף איהר אויך אַ רחמנות. ער האָט גענומען אַן אונשולדיגע מיידעל, האָט איהר דעם קאָפּ פאַרדרעהט און זי פאַר־פיהרט. ווילט איהר גאָר ניט אַ טראַכט טאָן וואָס וועט יעצט ווע־רען פון איהר ? זיהר וואָלט זעהן די מיידעל — זי איז נאָך אַ יונג קיוד...

— טעטעל, די ביזט אַ מלאך ! — האָט מר. קאַפּטאַן אויסגע־רופען. — אָבער ווער איז די מיידעל ? דו קענסט זי דען ?

— איך האָב זי איינמאָל געזעהן, — האָט טעטעל געענטפערט, — אָבער איך ווייס ניט ווער זי איז.

טעטעל האָט מיך ניט געוואָלט אריינמישען אין דעם סקאַנדאַל. מיין פאָטער האָט זיך אָבער ניט איינגעהאַלטען און ער האָט מר. קאַפּטאַן דערציעהלט ווער די מיידעל איז.

מר. קאַפּטאַן איז דאַן ארויפגעשפרונגען אויף מיין פאָטער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען שולדיג אין דעם און ער האָט זיך צו־שריען :

— ווען איהר האָט אַזאַ געפעהרליכע מויד ביי זיך, וואָרום האָט איהר אויף איהר ניט געהאַלטען אַן אויג ?

אָבער טעטעל האָט זיך אריינגעמישט און געזאָגט :

— וואָס איז מר. פרומקין שולדיג ? וואָס האָט ער געקענט וויסען ? און אַז ניט די מיידעל, וואָלט געווען אַן אַנדערע. אַרנאָלד איז שוין לאַנג געווען ניט אַ געטרייער מאַן. איהר ווייסט דאָך,

אכט־און־זיבעציגסטער קאַפּיטעל

אַ פאַמיליען ראַטה

עטליכע טעג שפּעטער, אין אָווענד, האָבען זיך אַלע פאַרקלי־בען צו עטלען. אַרנאָלד'ס עלטערען, מר. און מרס. קאַפּטאַן, דבורה, מיין פאָטער, פרידאַ שאַפּיראָ און נאָך אַ קוזינע פון ליזי'ן, און איך, אַלס פריינד און אַלס לאָיער. איך האָב נאָך געגילט אַלס לאָיער, כאָטש איך האָב די גאַנצע צייט ניט פּראַקטיצירט.

פון מאַכען שלום צווישען עטלען און אַרנאָלד'ן איז ניט געוועזען וואָס צו ריידען. עטעל האָט פאַרבאָטען אפילו צו ריידען וועגען אַ שלום. עס האָט איהר גאָר ניט געאַרט צו וועמען ער זאָל יעצט געהערען, מיט איהר קען ער מעהר ניט זיין אונטער איין דאַך. אַזוי האָט זי אונז געזאָגט.

מיין שטיעפמוטער איז געוועזען צו קראַנק צו קומען צו דעם פאַמילען־ראַטה, אָבער זי האָט געבעטען מיין פאָטער אַז ער זאָל דאָך יאָ געהן.

עס איז געבליבען ביי דעם צד פון ליזי'ס משפּחה, אַז נאָכ־דעם ווי עטעל און אַרנאָלד וועלען זיין געשיעדען זאָל אַרנאָלד גוט מאַכען זיין פאַרשפּרעכען וואָס ער האָט געגעבען צו ליזי'ן און זי מאַכען פאַר זיין געזעצליכע פרוי, אום כאָטש זי צו רעטען פון שאַנדע און אונגליק.

סאָפיע קאַפּטאַן האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ באַליידיגונג. זי האָט געגעבען דייטליכע אָנצוהערענים, אַז ליזי און איהר משפּחה האָבען געמאַכט אַ פאַרשווערונג געגען איהר זוהן, איהם צו פאַר־פיהרען און צו ברעכען זיין הײם, ווייל ער האָט אַ רייכען טאַטען.

מר. קאַפּטאַן האָט איהר אָבער געענטפערט:

— ער איז אַליין אַן אויסוואורף, קיינער דאַרף איהם ניט אַראָפּפיהרען פון וועג. דו ווייסט עס גוט, מיין פרוי. איך האָב גע־מיינט, אַז צוליעב זיין ליעבע צו עטלען וועט ער זיך פּלייסען צו

און פלייש? — האָט עטעל גע׳טענה׳ט. — אַרנאָלד איז דאָך אייער זוהן.

— ניט מעהר! — האָט מר. קאַפּטאַן ענטשיעדען אויסגע־רופען. — איך וויל מעהר זיין טריפה׳נעם פּנים ניט אָנקוקען!

ווען מיין פאָטער איז געקומען פון דאָרט אין אָפיס, האָט ער מיר איבערגעגעבען דעם גאַנצען געשפּרעך צווישען מר. קאַפּ־טאַן און עטלען.

— אפשר וואָלט מען נאָך געקענט מאַכען שלום צווישען זיי?

— האָט מיין פאָטער געפרעגט. — אָבער דאַן וואָס טוט מען מיט ליזי׳ן? עס איז דאָך אַ שאַנדע פאַר אונז אַלעמען — אַזאַ סקאַנ־דאַל! ווי דערצעהלט מען דאָס אין דער היים? רוף אָפּ פרידאַ׳ן אויפ׳ן טעלעפאָן און דערצעהל איהר וואָס דאָ האָט פּאַסירט. אַמאָל מוזען זיי דאָך וויסען. פרידא וועט שוין דאָס איבערגעבען אַלע־מען. איך האָב קיין מוט ניט דאָס אַליין צו דערצעהלען צו מיין פרוי...

איך האָב אָפּגערופען פרידאַ׳ן. זי איז געוואָרען היסטעריש ביים טעלעפאָן. איך האָב געמוזט לויפען צו איהר אַהיים און קלאָר מאַכען פאַר איהר די גאַנצע געשיכטע. זי האָט מיך קוים געקענט פאַרשטעהן אויפ׳ן טעלעפאָן.

אין אָוועגד האָט שוין מיין שטיעפמוטער אויך געוואוסט. „וואו איז זי?“ האָבען אַלע געשריען. איך האָב געמוזט זאָגען אַז איך ווייס ניט. שפּעטער האָב איך אָפּגערופען מיסעס גרעפטער און זי האָט מיר געענטפערט, אַז גראַדע דעם פאַרנאַכט איז אַרנאָלד געקומען און האָט ליזי׳ן אוועקגעפיהרט אין אַן אָטאָמאָביל. זי דענקט, אַז ער האָט זי גענומען אויסען שטאָט.

וואָס ווייטער איז פאָרגעקומען אין די נעקסטע עטליכע טעג, בין איך גאָר ניט אימשטאַנדע צו באַשרייבען.

פאַר שאַנדע און האַרצווייטאָג איז מיין שטיעפמוטער קראַנק געוואָרען און איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטען. איך האָב זיך געפיהלט שולדיג אין דער אומגליקליכער פּאַסירונג. איך האָב דאָך ליזי׳ן געבראַכט אין עטעל׳ס הויז און צוליעב דעם איז דער אונגליק געשעהען...

און דבורה — ווען איך בין אוועק יענעם אוועגד האָט זי מיין האנד געדריקט מיט א באַזונדער פריינדשאַפט און זי האָט געזאָגט:

— איך בעט אייך, טייערער פריינד, קומט וואָס אָפטער. אָט יעצט דאַרף מיין עטעלע האָבען אַזאַ גוטען פריינד ווי איהר. ווען האָט זי אַן אַנדערען?

פאַהרענדיג אַהיים האָט מיין פאָטער דעם גאַנצען וועג געטראַכט זעהר ערנסט. ער האָט געקוקט אויף מיר, אַזוי ווי ער וואָלט מיך עפּעס וועלען פרעגען, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטען. ווען מיר זיינען שוין געווען נעבען אונזער וואוינונג, האָט מיין פאָטער זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— סעם, זאָג מיר דעם אמת, פאַרוואָס האָסטו ניט חתונה געהאַט מיט עטלען?

איך האָב געשוויגען. אַרונטערגעלאָזען מיין קאָפּ צו דער ערד און א וואָרט ניט געזאָגט.

— איך פאַרשטעה, — האָט מיין פאָטער אַליין פאַרענטפערט זיין פראַגע, נאָך א קורצען נאָכדענקען. — דו האָסט זיך געשעהמט פאַר מיר אָדער פאַר דיין מוטער עליה השלום. זי — זאָל זי מיר מוחל זיין — וואָלט געוויס געווען געגען דעם, אַז דו זאָלסט נעמען אַן אָרימע מיידעל... וועל... מיר וועלען נאָך ריידען וועגען דעם שפּעטער.

מיר זיינען אַרויפגעקומען אין הויז. מיין שטיעפמוטער, וועלכע האָט שוין געפיהלט א ביסעל בעסער, האָט נאָך ניט געשלאָפען. זי האָט געוואַרט אויף אונז. מיין פאָטער האָט איהר איבערגעגעבען בקיצור אַלעם וואָס איז גערעדט געוואָרען אויף דער באַראַטונג.

— זאָל ער מיט ליזי'ן חתונה האָבען, אָדער ניט חתונה האָבען... איך וויל זי מעהר ניט קענען, — האָט מיין שטיעפמוטער געזאָגט. — איך וויל זי מעהר ניט אָנקוקען.

— איך האָב לאַנג געהאַט א פאַרדאַכט אַז דו ליעבסט עטלען, — האָט מיין פאָטער געזאָגט צו מיר אויף מאָרגען, אַז מיר זיינען געזעסען אין אָפיס. — אָבער איך בין וועגען דעם ניט געווען זיכער. אויב דו האָסט זי געליעבט, וואָרום האָסטו מיר קיינ־

זיין אַ מענש, אָבער מעהר ווי אַ פּאָר יאָהר האָט ער ניט געקענט אָנהאַלטען. זאָל ער יעצט זיך האַלטען מיט דער מיידעל, אַז ניט, קען ער געהן אין דזשייל.

— איך וועל בעסער זיי אַלעמען זעהן אין דזשייל, איידער מיין קינד! — האָט סאָפּיע קאַפּטאַן אויסגערופען.

דער סוף איז געווען, אַז פרידא שאַפּיראָ און די אַנדערע קוזינע פון ליזי זיינען אוועק ברוגז׳ע. זיי האָבען ניט געוואַרט אויף דער ענדע פון דער באַראַטונג און געזאָגט אַז זיי וועלען זעהן זייער אייגענעם לאָיער וועגען דעם.

אויף מר. קאַפּטאַנ׳ס פאָדערונג האָב איך געגעבען אַן ער־קלערונג איבער די שיידונגס־געזעצען אין ניו יאָרק סטייט און ווי דער שווערער פּראָצעס געהט צו. די שנעלסטע שיידונג קען מען קריגען ווען עס איז דאָ אַ באַווייז פון אַ מאָראַלישען פאַר־ברעך פון דעם מאַן, אָדער פון דער פרוי (דיזווירשאָן), אָדער פאַר ניט געבען מזונות (נאָן סופּאָרט) נעמט עס לענגער. איך האָב אויך ערקלערט, אַז איך וועל דעם פּראָצעס ניט קענען אונטערנעמען, ווייל איך פּראַקטיציר ניט קיין לאָא. מר. קאַפּטאַן האָט געזאָגט, אַז ער וועט אָנשטעלען זיינעם אַ באַקאַנטען לאָיער צו פאַרטרעטען עטעל׳ס צד אין געריכט. זיין פרוי איז געווען אויסער זיך, ווען זי האָט געהערט אַז איהר מאַן שטעלט זיך אַרויס געגען זייער איי־גענעם זוהן.

בעת איך האָב גערעדט און ערקלערט די פּראָצעדורע פון אַ שיידונג, לויט די געזעצען פון ניו יאָרק סטייט, האָבען זיך מיינע אויגען באַגעגענט מיט עטעל׳ס... מיר האָבען זיך פאַרשטאַנען... זי האָט געהערט אין דעם טאָן פון מיינע רייד, אַז ניט איך אַרבייט אויס דעם פּלאַן פון איהר שיידונג מיט אַרנאָלד׳ן, נאָר איך אַרבייט אויס דעם פּלאַן פון פאַראייניגען מיך מיט איהר... איך האָב גע־רעדט מיט אַזאַ לעבהאַפטיגקייט, מיט אַזאַ באַגייסטערונג, דאָס יעדער איינער האָט עס געמוזט מערקען. מיין פאָטער האָט עס גע־ווים באַמערקט. ער האָט אויף מיר איינמאָל אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ בליק, אַזוי ווי איהם וואָלט פּלוצלינג קלאָר געוואָרען אַ זאַך, וועלכע ער האָט ביז יעצט גאָר ניט באַמערקט.

זיין אַזוי שטאַרק ווי אַמאָל, אויב די ליעבע קען אָנהאַלטען... פאַר־געס ניט, אַז זי האָט שוין אַ קינד. פאַרגעסט ניט, אַז זי איז פאַר אַ צייט געווען די פרוי פון אַן אַנדערען און פאַר דער וועלט איז זי אַ גרושה... עס וועט דיר אפשר אַמאָל ניט זיין אַנגענעהם צו הערען ווי מענשען וועלען דערמאָנען אַז איהר מאַן האָט זי אַוועק־געוואָרפען —

מיין פאָטער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט ניט געענדיגט. קענטיג אַז ער האָט געפיהלט אַז מיט זיינע לעצטע רייד האָט ער קאַליע געמאַכט זיינע פריהערדיגע אַרגומענטען. אין ביזנעס האָט ער געהאַט מעהר טאַקט אין ריידען, אָבער ליעבע איז פאַר איהם געווען אַ נייע טעמאַ, און ער האָט זיך פאַרלאָרען.

— פאָטער, — האָב איך געענטפערט, קריגענדיג מוט פון זיין דורכגעפאַלענע רעדע, — איך ווייס ניט אויף וויפיעל איך ליעב עטלען, אויב איך ליעב זי מעהר, אָדער ווייניגער. אָבער דאָס קען איך דיר זאָגען, אַז איך בין ניט מעהר נאַריש צו טראַכטען פון דעם וואָס די וועלט וועט זאָגען וועגען מיר אָדער עטלען. איך האָב זעהר טייער באַצאָהלט פאַר דעם וואָס איך האָב ביז יעצט געטראַכט פון דעם וואָס די וועלט וועט זאָגען. אַזוי לאַנג ווי איך פיהר זיך אויף אָרענטליך און טהו קיינעם קיין שלעכטס ניט, האָט די וועלט מיר קיין דעות ניט צו זאָגען. אָבער איך פאַרזיכער דיר, פאָטער, אַז איך וועל ניט האַנדלען אָהן באַרעכענונג. דו דאַרפסט ניט פאַר־געסען, אַז דאָ איז נאָך אַ פּערזאָן וואָס האָט אַ דעה, און דאָס איז טאַקע עטעל אַליין... אפשר וועט זי מיך יעצט ניט וועלען?

— זי וועט דיך שוין יאָ וועלען, — האָט מיין פאָטער גע־ענטפערט מיט זיכערהייט. — געדענק וואָס איך האָב דיר געזאָגט. קיין דעות וועל איך דיר ניט זאָגען. דו ביזט שוין אַלט גענוג צו וויסען אַליין וואָס דו דאַרפסט טאָן. אָבער, ווי איך האָב פריהער גע־זאָגט, עס איז בעסער אַז דו זאָלסט זיין אַ ביסעל באַרעכענט און ניט טאָן קיין זאַך איבערגעאיילט.

— דאָס האָסטו רעכט, — האָב איך צוגעגעבען.

אין די רייד האָט דער טעלעפאָן אָנגעהויבען צו קלינגען. דאָס האָט מען געפרעגט אויף מיר.

מאָל ניט געזאָגט ? — איך דענק, אַז פאַר מיר האָסטו זיך ניט גע־דאַרפט שעהמען.

— עס איז מיין שולד, — האָב איך זיך מודה געווען. — איך האָב ניט געהאַט דעם מוט. איך האָב ניט געוואָלט פאַרשאַפען די מינדסטע שמערצען יענע פערזאָן, וועלכע מיר האָבען ביידע זעהר געליעבט און געאַכטעט...

— איך פאַרשטעה, — האָט מיין פאָטער געזאָגט און אַרונ־טערגעלאָזען זיין קאָפּ.

מיר האָבען זיך ביידע פאַרטראַכט. מיר האָבען זיך ביידע פאַראייניגט אין אונזערע געדאַנקען. היילינגע זיינען געווען די עט־ליכע מינוטען. אפשר האָט מיין מוטער אויף יענער וועלט אין דער מינוט געטראַכט פון אונז... אפשר האָט זי דאָרט אויפ'ן עולם האמת, די וועלט פון גלייכהייט, חרטה באַקומען דערפאַר, וואָס זי האָט מיך געהיט פון עטלען...

— און וואָס וועסטו יעצט טאָן ? — האָט מיין פאָטער גע־פרעגט.

איך האָב זיך פאַרשעהמט. איך האָב געוואוסט וואוהין זיינע רייד ציעלען. און מיין פאָטער האָט ווייטער גערעדט:

— זיי כאָטש מיט מיר יעצט אָפענהערציג, מיין זוהן. איך בין אפילו א איד פון דער אַלטער וועלט, אָבער איך פאַרשטעה די היינטיגע וועלט אויך. איך האָב געכטען באַמערקט, אַז דו ביזט נאָך יעצט אויך ניט גלייכגילטיג צו עטלען, אָבוואָהל איך וויים ניט, אויב דו ליעבסט זי אַזוי ווי אַמאָל. עס קען זיין, אַז דאָס איז מעהר רחמנות ווי ליעבע... דאַרום זאָג איך דיר, מיין זוהן, אַז דו זאָלסט גוט באַטראַכטען איידער דו געהסט וואָס טאָן. אַמאָל, אין אַן אונבאַרעכענטער מאָמענט, קענסטו אַרויסזאָגען א וואָרט, וואָס וועט אין איהר אַריינגעבען פאַלשע האָפנונג, און נאָכדעם וועסטו דעם וואָרט ניט קענען צוריקנעמען... איך זאָג דיר קיין דעה ניט און איך וויל דיר קיין דעה ניט זאָגען, אָבער ווי א פאָטער וויל איך דיר בלויז אַן עצה געבען אַז דו זאָלסט גוט באַרעכענען איידער דו געהסט עפּעס באַשליסען... געפין אוים פריהער ביי זיך אין האַרצען אויב דו ליעבסט זי נאָך ווי אַמאָל... אויב די ליעבע קען

ניין־און־זיבעציגסטער קאַפּיטעל

עטעל'ס נייע היים

עטעל'ס נייע וואוינונג איז באַשטאַנען פון פיער קליינע צימערען, אָבער ווייל עטעל האָט מיטגענומען בלויז די נויטיגע מעבעל האָט די וואוינונג אויסגעזעהן גאַנץ גראָם. עטעל האָט וואַרשיינליך געוואָלט זיך באַפרייען פון אַ סך נוצלאָזע זאַכען צוזאַמען מיט איהר מאַן...

— ווי געפעלט איך מיין נייע וואוינונג? — האָט עטעל מיך געפרעגט, נאָכדעם ווי זי האָט מיך אַרומגעפיהרט איבער די צימערען. — עס איז זעהר ווייניג אָנגעשטעלט. אַלע איבעריגע זאַכען האָב איך דאָרט איבערגעלאָזען צוזאַמען מיט מיין מאַן... איך וויל פיהלען פאָלקאָמען פריי... איך וויל ניט פאַרנעמען פּלאַץ מיט איבעריגע מעבעל.

— עס איז טאַקע באַקוועם, — האָב איך געזאָגט, באַוואונדערענדיג די אויסשטאַטונג. — איך ווייס טאַקע ניט צו וואָס מענשען מאַכען איינג זייערע וואוינונגען מיט אונגעהויער שווערע מעבעל, און פאַרוואַנדלען זייערע היימען אין סטאָריידזש רומס. דאָ איז אַ פאַרגעניגען. מען קען זיך באַוועגען, עס איז דאָ פּלאַץ דורכצוגעהן.

— און קיין מאַן איז ניטאָ, אויף וועמען מען דאַרף זיצען און וואַרטען ביז שפּעט אין דער נאַכט, — האָט עטעל אונטערגעשפּאַסט.

— לאָמיר האָפען צו גאָט, אַז דו וועסט ניט לאַנג זיצען אַליין, — האָט דבורה זיך אַריינגעמישט. — מענער זיינען דאָ אויך גוטע און טרייע.

— ניין, מאַמע, — האָט עטעל געענטפערט. — ניט אַזוי גיך וועל איך זיך לאָזען פאַרדרעהען דעם קאָפּ. אפילו מיט דעם בעס־

— העלאָו! — האָט די שטימע נעפרעגט. — איז דאָס מיס־טער סעם פרומקין?

— יאָ, מיסעס בלום! — האָב איך געענטפערט, דערקענענ־דיג דבורה׳ס שטימע. — וואָס מאַכט איהר? וואָס מאַכט אייער טאָכטער?

— מיר זיינען אָלראַיט, גאָט צו דאַנקען, און אייבעלע איז אויך אָלראַיט. איך האָב אייך אָפּגערופען צו אָנזאָגען, אז מיר האָ־בען שוין געמופּט אויף נייע וואוינונג. דעם אַדרעס האָט איהר שוין. ווען קומט איהר?

— היינט, — האָב איך געענטפערט. — גלייך נאָך סאָפּער.

— פאַרוואָס ניט אויף סאָפּער? איהר גלייכט ניט מיינע געקעכטס? — האָט דבורה געפרעגט אין א שפּאַסיגען טאָן. — קומט אויף סאָפּער. פּעני זיידענפאָדים וועט אויך זיין.

— אָלראַיט, — האָב איך געענטפערט. — איך וועל קומען אויף סאָפּער.

און ווען איך האָב צוריק אויפגעהאָנגען די טרייבעל, האָב איך באַמערקט, אז מיין פאָטער זעהט אוים א ביסעל פאַרזאָרגט... פילייכט האָב איך לויט זיין מיינונג צו שנעל אָנגענומען די איינ־לאַדונג...

— ענטשולדיג מיר, — האָט עטעל געזאָגט, נעמענדיג דאָס קינד פון מיינע הענד. — ער האָט געשריען ניט אומזיסט. ער וויל עסען...

איך האָב פאַרשטאַנען און בין גלייך אַרויסגעגאַנגען, איבער־לאָזענדיג דעם קינד מיט זיין מוטער.

פעני האָט זיך פאַרשפעטיגט. פון קיך, וועלכע איז געווען אין דעם נעקסטען צימער, האָט זיך געטראָגען אַפּעטיטנע ריחות. איך בין שוין געווען גוט הונגעריג. איך האָב זיך דערמאָנט וואָס מען זאָגט, אַז פאַרליעבטע האָבען ניט קיין אַפּעטיט צום עסען. איז עס מעגליך אַז איך בין גאָר ניט פאַרליעבט?...

— איך האָב היינט געקאָכט גריטשענע קאַשע, — האָט דבורה צו מיר אַ געשריי געטאָן פון קיך.

איך האָב זיך צולאַכט. גריטשענע קאַשע איז אַמאָל, ווען מיין זעליגע מוטער האָט געלעבט, געווען מיין ליעבלינגס שפּייז, און דבורה, וועלכע פלעגט אָפט קומען אויסהעלפען מיין מוטער מיט די הויז־אַרבייט, פלעגט אָפט אַליין אויסקאָכען די קאַשע. איך גע־דענק ווי איך פלעג אָפט שפּאַסען מיט מיין זעליגער מוטער, אַז דבורה קאָכט בעסערע קאַשע ווי זי. און יעצט, אַז דבורה האָט זיך באַמיהט צו קאָכען פאַר מיר מיין אַלטען מאכל האָט דאָס מיר אַרויפגעבראַכט אויפ'ן קאָפּ אַלטע עראינערונגען...

— געווען אַמאָל יאָהרען... — האָט דבורה געזאָגט אַרויס־קומענדיג פון קיך. — ווער וואָלט זיך עס געקענט פאָרשטעלען מיט אַ דריי, פיער יאָהר צוריק אַזאַ איבערקערעניש... אייער מוטער איז טויט... מיין עטעל, איהר אויף צו לאַנגע יאָהר, איז אַזוי אומ־גליקליך... עס איז מיין שולד, מיין טייערער סעם... איך מיין מיס־טער פרומקין.

— איך בעט אייך, דבורה, רופט מיך סעם, ווי איהר פלעגט מיך רופען אַמאָל און ווי איך רוף אייך דבורה... זעהט איהר דאָך, אַז דורך די אַלע איבערקעהרעינישען בין איך נאָך אין די זעלבע פריינדליכע באַציהונגען מיט אייך און מיט — עטלען... מיר זייי־נען פאַרבליבען אייגענע מענשען —

טען מאָן אין דער וועלט... איך וויל פאַרגעסען, איך וויל לעבען רוהיג...

איך האָב געפּיהלט, אַז דיזע ווערטער האָט טעטל געציעלט גע־גען מיר. אומזיסט האָט זיך מיין פאָטער געזאָרגט וועגען מיר... טעטל האָט מיך גאָר ניט אין זינען...

פּלוצלינג האָט זיך געהערט אַ געשריי... טעטל'ס אינגעלע, וועל־כער האָט די גאַנצע צייט געשלאָפען, האָט זיך אויפגעכאַפּט. טעטל האָט מיך אַנגענומען פאַר'ן אָרם און־האָט מיך אריינגעפיהרט אין בעדרום, וואו די בייבי איז געלעגען און האָט זיך געוואָרפען.

— העלאָו, אייבי. בייבי! — האָט איהם טעטל באַגריסט און האָט איהם אויפגעהויבען פון זיין בעטעלע. — קוקט איהם אַן ווי עהנליך ער זעהט אויס צו מיר. ניט אַ האָר געראָטען אין איהם... עס איז מיין קינד... נעמט, הויבט איהם אויף און זעהט ווי שווער ער איז — אהן עין הרע אַ בחור!...

איך האָב איהם אויפגעהויבען. ער איז גאָר ניט געווען אַזוי שווער. האַלטענדיג איהם אויף מיינע אָרעמס האָב איך געכאַפּט אַ בליק אין שפּיגעל... טעטל האָט עס באַמערקט און זי האָט לאַ־כענדיג געזאָגט:

— יאָ, עס פּאַסט זיך אייך צו זיין אַ טאַטע... איהר זעהט אויס אַזוי שעהן מיט אַ בייבי אויף די הענד...

ווידער האָב איך געפּיהלט האָפנונג. איך האָב אָנגעקוקט טע־טלען מיט דאַנקבאַרע בליקען. און אין הארצען האָב איך זיך גע־טראַכט: אַך, טעטל, וואָרום רעדסטו מיט מיר ניט אָפענהערציג? וואָרום זאָלען מיר אויף ווייטער באהאַלטען אונזערע הערצער איי־נער פון אַנדערען? טעטל, דו ווייסט דאָך אַז איך האָב דיך גע־ליעבט, איך ליעב דיך און וועל דיך ליעבען... קיינעם האָב איך ניט געליעבט אַזוי ווי דיך... גיב מיר האָפנונג... איך וועל וואַרטען... לאַנג וואַרטען... איך וועל וואַרטען אפילו ביז דו וועסט ווערען גרוי און אַלט, און כאָטש די לעצטע פון מיינע יאָהרען פאַרברייננגען מיט דיר צוזאַמען...

— איך וועל איהם קידנעפּען! — האָט פּעני געזאָגט.

— וואָס דאַרפט איהר קידנעפּען פרעמדע קינדער, — האָט דבורה געזאָגט. — איהר וועט, אם ירצה השם, באַלד האָבען אייערע אייגענע.

און לאַכענדיג זיינען מיר אַלע געגאַנגען צום טיש.

איך האָב געגעסען און האָב זיך גאָר ניט געשעהמט, דען איך האָב זיך געהאַט גוט אויסגעהונגערט. פּעני האָט זיך פאַראינטערעסירט אין די גריטשענע קאַשע און די געשיכטע וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט דעם מאכל.

— מען דאַרף עס טרייען קאָכען פאַר מיין מאַן, — האָט זי געזאָגט און האָט גענומען אויספרעגען ביי דבורה׳ן ווי מען קאָכט עס.

נאָכדעם האָט פּעני דערצעהלט:

— מיין מאַן באַקלאָגט זיך, אַז זייט ער האָט חתונה געהאַט מיט מיר, איז איהם אָפּגעפאַלען פּאַציענטען. עס קומען צו איהם נאָר אַזעלכע מיידלאַך וואָס זיינען באמת קראַנק אויף די צייהן. די געזונטע קומען ניט מעהר... זייט ער האָט חתונה געהאַט האָבען זיי פאַרלאָרען זייער אינטערעס אין איהם. אָבער נעכטען האָט ער ביי זיך געהאַט אַ גאַסט, איינע טאַקע מיט געזונטע צעהן. און זי איז געקומען אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, און מיט דזשולערי אַ גאַנצען באַרג, און דערצו אַ שעהנע אויך...

— מסתמא האָט זי ניט געוואוסט אַז אייער מאַן איז שוין פאַרהייראַט, — האָט עטעל געזאָגט.

— ניין, זי האָט גראַדע יאָ געוואוסט, און זי איז געקומען מיט אַ מיין... זי האָט איהם געזוכט צו פאַראינטערעסירען אין זיך... טרעפט ווער דאָס איז געווען?

— מיר קענען זי דען? — האָט עטעל געפרעגט.

— איך גלויב, אַז מיר אַלע קענען זי, — האָט פּעני געזאָגט. — דאָס איז די מיסעס גרעפּטער!...

און כאָטש איך האָב געוואוסט, איז ביי מיר שיער דער גאָפּעל אַרויסגעפאַלען פון האַנד ווען איך האָב דערהערט דעם נאָמען.

אין דיזע רייד איז אַנגעקומען פעני זיירענפּאַרים, די געוועזענע מיס בראָדסקי און האָט מיך ניט געלאָזט ענדיגען מיינע רייד. זי איז אַריינגעקומען מיט איהר געוועהנליכען שטייגער, לעבעדיג, לאַכענדיג און טאַנצענדיג. זי האָט זיך האַרציג צוקושט מיט דבורה'ן און האָט מיר וואַרים „געשייקט" מיין האַנד.

— עס פרעהט מיך אייך צו זעהן דאָ, — האָט זי מיר געזאָגט מיט ערנסטער פרייד. — עס זעהט אויס ווי אַ צוזאַמענקונפט פון דער משפחה — און וואו איז עטעל?

— זי אַטענדעט איהר באָרדער, — האָט דבורה געענטפערט.

— וואָס? ? אַ באָרדער האָט איהר אַריינגענומען? — האָט פעני זיך געוואונדערט. — וואָס איז, איהר האָט מורא צו זיין אין הויז אַהן אַ מאַנסביל?

— איהר קליינעם באָרדער, אייבי, — האָט דבורה ערקלערט.
פעני האָט זיך צולאַכט:

— אוי, וואָס פאַר אַ נאַר איך בין געוואָרען! זייט איך האָב חתונה געהאַט האָב איך מיין פאַרשטאַנד פאַרלאָרען. ניט אומזיסט רופט מיך מיין מאַן „יו ליטל פול"... ווי האָב איך נים פאַרשטאַנען ווער דער באָרדער איז?

און פעני איז גלייך אוועקגעלאָפען צו עטלען, אָבער זי איז באַלד צוריקגעקומען, כלומרשט אַ ברוגז'ע, זיך באַקלאָגענדיג:

— זי האָט מיך אַרויסגעטריבען. זי וויל ניט איך זאָל שטערען דעם באָרדער'ס מאָהלצייט. אַ משוגענע מאַמע!...

אַ פּאָר מינוטען שפּעטער האָט אונז עטעל אַלעמען אַריינגעלאָזען אַנצוקוקען „בייבי־אייבי", וועלכער איז שוין געוועזען אָפּגעסענער און איז זיך געלעגען אַ רוהיגער, אַ צופרידענער אין זיין וויגעלע. פעני האָט איהם געוואָלט אויפהויבען, אָבער עטעל האָט זי ניט געלאָזען:

— ער מוז רוהען נאָכ'ן עסען, — האָט עטעל ערקלערט.

— זעה, זעה, זי לאָזט זיך גאָר ניט צוריהרען צו איהם! — האָט פעני זיך באַקלאָגט. — אַ מציאה! פו!...

— טאַקע קיין עין הרע זאָל איהם ניט שאַדען! — האָט דבורה געזאָגט. — אַ קינד, אַ גאָלד.

— און נאָכדעם וואָס וועט זיין ? — האָט פּעני געפרעגט, מיך שאַרף אָנקוקענדיג מיט איהרע קלוגע אויגען.

— ווייס איך שוין ניט וואָס איהר פרעגט, — האָב איך געענטפערט אַ ביסעל בייזליך.

— פון וואַנען ווייסט איהר, אַז איך האָב דאָס געמיינט ? — האָט פּעני מיר פאַרגעהאַלטען.

— ווייל אַלע פרעגען מיך די זעלבע זאַך.

— מעג איך אויך פרעגען די זעלבע זאַך, — האָט זי געלאַכט.

— איהר ווייסט דאָך וואָס מען זאָגט אַ ווערטעל אין ענגליש : צו מאַכען אַ מסחר דאַרף מען האָבען צוויי מענשען. און אויך אַ שידוך דאַרף מען דאָך געוויס האָבען צוויי צדדים. וואָס ווייס איך וואָס יענער צד דענקט פון דעם ? ווארום פרעגט איהר בלויז מיך ?

— ששששאַ... — האָט פּעני געזאָגט שטיל. — איך בין גאָר ניט אַזאַ נאַר ווי איהר דענקט. איך האָב געפרעגט יענעם צד אויך...

— איהר האָט זי געפרעגט ? ? — (איך בין געוואָרען אויסער זיך) — ווען ?

— אַט טאַקע היינט... ווען איך בין אַריין אין איהר צימער אַנטאָן מיין העט ביי איהר שפּיגעל און פאַר איין וועג אַרויפלייגען אַ קאַפּעלע פּוידער אויף מיין נאָז... איך בין דאָך אַ פרוי, יו נאָו...

מיינע בלוטען האָבען מיר געשפּאַרט אין פּנים. איך האָב פּעני'ן ניט געקענט מוחל זיין פאַר איהר אונצייטיגען אריינמישען זיך. ווי פּאַסט עס זיך יעצט ?... אין אַזאַ צייט...

— איהר שווייגט ? איהר פרעגט גאָר ניט וואָס זי האָט געזאָגט ? — האָט פּעני מיר פאַרגעהאַלטען. — איך פאַרשטעה, איהר האָט מורא... טאָמער... טאָמער... ווייל זי אייך ניט. נו, האָט זי אָבער עפּעס געזאָגט, וואָס אייך וועט זעהר פרעהען...

איך האָב געקוקט אויף איהר שטאַרק נייגעריג. פרעגען האָב איך אַליין ניט געהאַט דעם מוט, אָבער דאָס וואָס זי האָט מיר געזאָגט איז שוין געווען גענוג פאַר מיר.

אַכציגסטער קאַפּיטעל

איך האָב אַ גוטע פריינדין

איך האָב באַמערקט ווי איהר האָט זיך דערשראָקען, ווען איך האָב דערצעהלט אז מיסעס גרעפּטער האָט אָפּגעשטאַטעט א באַזוך צו מיין מאַן, — האָט פּעני זיידענפאַדים געזאָגט צו מיר ווען איך האָב זי באַגלייט אהיים, אין דעם אָוועגד וואָס מיר זיינען געווען ביי עטלען אויף סאַפּער.

— די פרוי איז פאַר מיר אַ רעטעניש, — האָב איך געזאָגט.

— און עס איז מיר ארויף אויף די געדאַנקען, אז קיין גוטעס האָט זי ניט געמיינט מיט איהר באַזוך. עס איז גוט צו זיין פאָרזיכטיג

— שרעקט זיך ניט, — האָט פּעני מיך באַרוהיגט מיט איהר זיסען שמייכעל. — ערשטענס אַרט דאָס מיך ניט. אַ מאַן וואָס מען קען אַזוי לייכט אָפּריידען איז ניט ווערט אַז מען זאָל זיך פאַר איהם דאגה׳ן. און צווייטענס, איז מיין מאַן שוין אַן אויסגעפּרוּאוו־טער, דורך פייער און דורך וואַסער. ער האָט שוין געהאַט אַזעלכע נסיונות זעהר פיעל. שטעלט זיך פאָר, אַ מאַן, אַ שהענער און אַ געזונדער, און ביז זעקס און דרייסיג יאָהר איז ער פאַרבליבען ריין ווי אַ מלאך. גיבען עס אַ סך אַזעלכע יונגעלייט היינטיגע צייטען?

— זעהר ווייניג, — האָב איך געענטפערט און געפיהלט שטאָלץ דערביי.

— איך בין זיכער, — האָט פּעני ווייטער געזאָגט, — אַז אַזעלכע פּרויען ווי מיסעס גרעפּטער קענען אויף מיין מאַן קיין איינ־פלוס ניט האָבען. יעצט גענוג! לאָמיר בעסער ריידען וועגען רעכטע מענשען. וואָס דענקט איהר וועט זיין מיט עטלען?

— עס מוז נעמען צייט, — האָב איך געענטפערט. — אַזעלכע פּראָצעסען ציהען זיך זעהר לאַנגזאַם, אַזוי ווי פון פעך. אָבער איך גלויב, אַז דעם קומענדען ווינטער וועט זי קריגען אַ שיידונג.

האָב איהם גלייך דערקענט און מיין גאַנצער קערפּער האָט אַ ציטער געטאָן ווען איך האָב איהם דערזעהן.

דאָס איז געווען מר. זאָנענפעלד, דער פאָטער פון שולמית זאָנענפעלד, די שעהנע שטאָלצע און געבילדעטע מיידעל, מיט וועלכער מאָטיע דער שדכן האָט מיך צוזאַמענגעבראַכט, און וועל־כע האָט זיך געהאַלטען זעהר גלייכגילטיג צו מיר.

דעם צעטעל חטאים וואָס ער האָט אויסגעפונען וועגען מיר, האָט ער געפונען אין אַ בריעף וואָס אימיצער האָט איהם צוגעשיקט, אַ בריעף אָהן אַ אונטערשריפט. איך האָב שפּע־טער ערפאַהרען, אַז דער בריעף איז געשיקט געוואָרען פון מיסעס גימפעל, וועלכע האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אָן מיר דערפאַר וואָס איך האָב זיך אויסגדרעהט פון אַ שידוך מיט איהר טאָכטער דאָרע.

איך האָב געזוכט די באַליידיגונג צו פאַרגעסען, אָבער צייטענ־וויז פלעגט די עראינערונג אַרויפקומען אין מיין קאָפּ און עס פלעגט מיך שטאַרק ערגערען. איך האָב ניט געהאַט אפילו פּאַר וועמען דאָס צו דערצעהלען. איך האָב זיך געשעהמט. איינינגע מאָל האָב איך געוואָלט שרייבען אַ בריעף צו מיס זאָנענפעלד, אַז כאָטש זי זאָל וויסען דעם אמת. אָבער איך בין געווען צו שטאָלץ אויף צו טאָן אַזאַ זאַך. דאָס וואָלט געהייסען זיך ערנידעריגען, בעטען אַ טובה.

עס איז בעסער צו פאַרשווייגען, האָב איך זיך געטראַכט.

און ווען איך האָב מר. זאָנענפעלד געזעהן אַריינקומען צו אונז אין אָפיס, האָב איך זיך דערשראָקען... אַזוי שרעקט זיך איינער ווען ער זעהט אַ גזלן וואָס האָט איהם שוין איינמאָל באַרויבט, אפילו ווען ער וויים אַז דער גזלן קען איהם נאָך אַמאָל ניט טאָן קיין שלעכטס.

מיין פאָטער האָט מר. זאָנענפעלד געקענט פון דער ווייטענס, און ער האָט זיך אויך געוואונדערט וועגען זיין וויזיט.

— זיצט, מר. זאָנענפעלד, — האָט מיין פאָטער געזאָגט, אַנציינענדיג אויף אַ שטוהל. — וואָס פאַר אַ צופאַל האָב איך צו פאַרדאַנקען אייער באַזוך אין מיין אָפיס?

— איך בין געקומען צו אייער זוהן, — האָט מר. זאָנענפעלד

— אַז איך האָב 'עטלען געפרעגט וועגען דעם, אויב זי דענקט אַז עס וועט יעצט מעגליך זיין אַז איהר זאָלט מיט איהר חתונה האָבען, האָט זי געענטפערט, אַז אַזעלכע גליקליכע חלומות האָט זי שוין לאַנג אויפגעגעבען. זי גלויבט ניט אַז איהר זאָלט זי יעצט וועלען, נאָכדעם ווי אַ מאַן האָט זי אַוועקגעוואָרפען און זי איז געבליבען מיט אַ קינד...

— אַזוי האָט זי אייך געזאָגט? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך בין זיכער אַז איהר ליעבט זי נאָך יעצט אַזוי ווי פריהער. און ווען עטעל האָט דאָס פון מיר געהערט, האָט זי פאַר שמחה מיך ארומגענומען און מיך דריי מאָל געקושט.

— איהר האָט אָבער קיין רעכט ניט געהאַט איהר צו זאָגען אַז איך ליעב זי אַזוי ווי פריהער, — האָב איך געזאָגט, — ווייל עס איז ניט אין גאַנצען אמת...

— וואָס? איהר ליעבט זי ניט?

— ניט אַזוי ווי פריהער, נאָר אַ סך מעהר און שטאַרקער!

— אָהן עין הרע! — האָט פעני אויסגערופען. — איהר ווערט דאָך גאָר אַ מענש! איהר קריגט לשון. אָט ווי איך קום אהיים רוף איך אָפּ עטלען אויפ'ן טעלעפאָן און זאָג דאָס איהר.

— זאָגט עס איהר, — האָב איך איינגעוויליגט.

— דער ערשטער שידוך וואָס איך האָב אויסגעפיהרט אין מיין לעבען! — האָט פעני אויסגערופען.

איך האָב פעני'ן צוגעפיהרט ביז צו איהר הויז און נאָכדעם בין איך אַוועקגעפאָהרען אהיים. איך בין געווען גליקליך. דער טרוים פון מיין לעבען ווערט ענדליך פאַרווירקליכט... עטעל וועט זיין מיינע און קיינער וועט זי מעהר פון מיר ניט אַוועקנעמען!

*

איידער איך פאַנג אָן צו שרייבען די וויטערע קאַפּיטלען, וויל איך דערצעהלען אַ קליינע פּאַסירונג. דאָס איז פאָרגעקומען אַ וואָך שפּעטער.

איך בין געזעסען אין מיין אָפיס מיט מיין פּאָטער און גערעדט וועגען ביזנעס. אין אָפיס איז אריינגעקומען אַ באַקאַנטער מאַן. איך

— און ווייסט איהר ווער עס האָט מיר די אויגען געעפענט?

— האָט מר. זאַנענפעלד געזאָגט. — דאָס איז איינע אַ מיסעס זיידענפאַדים, איהר מאַן איז אַ דענטיסט. זי האָט זיך ניט לאַנג באַפריינדעט מיט מיין טאָכטער, און ריידענדיג וועגען פריינד און באַקאַנטע האָט מיסעס זיידענפאַדים דערצעהלט וועגען אייך. זי האָט אייך פאָרגעשטעלט פאַר אַ זעלטענעם מענשען — אַ מלאך, און ביסלעכווייז איז די גאַנצע געשיכטע אויפגעקלערט געוואָרען. זי זאָגט, אַז זי ווייס ווער עס האָט דעם בריעף געשריבען.

די גוטע פעני! — האָב איך זיך אין האַרצען געטראַכט. — איך האָב אַ פריינד, אַן אמת'ן פריינד אויף דער וועלט.

מיט אונגעדולד האָב איך געוואַרט אויף דעם אנדער אָוועגד, איך זאָל קענען מאַכען מיין באַזוך צו די זאַנענפעלדס.

געענטפערט זעהר ערנסט. — איך בין געקומען ביי איהם בעטען מחילה. איך האָב איהם אמאָל זעהר מיאוס באַליידיגט. איך האָב געהאַנדעלט ווי א פאַרברעכער. איך וועל זיך דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעבען.

— עס איז אַלראַיט, מר. זאַנענפעלד, — האָב איך געזאָגט, שטאַרק פאַרשעהמט און צו דער זעלבער צייט האָט עס מיך זעהר געפרעהט. — איך האָב דאָס שוין לאַנג פאַרגעסען.

— וואָס טוט זיך דאָ? וועגען וואָס רעדט איהר? — האָט געפרעגט מיין פאָטער, וועלכער האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט.

מר. זאַנענפעלד האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. מיין פאָטער איז געוועזן אויסער זיך.

— ווי האָט איהר עס געקענט גלויבען אַזעלכע זאַכען אויף מיין זוהן? — האָט ער אויסגערופען, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט.

— זייט ניט אויפגערעגט, פאָטער, — האָב איך איהם באַרו־היגט. — איך האָב די זאַך אין גאַנצען באַטראַכט אַלס א שפּאַס.

— א שעהנער שפּאַס! — האָט מיין פאָטער געזאָגט. — ווען איך דערגעה ווער עס האָט דעם בריעף געשריבען, געהט ער ביי מיר אין דזשייל!

— אַז איהר וועט קומען צו מיר, וועל איך אייך איבערגעבען דעם בריעף. איך האָב איהם נאָך ביי זיך, — האָט מר. זאַנענפעלד געזאָגט צו מיר.

איך האָב זיך ניט געאיילט די איינלאַדונג אָנצונעמען.

— איהר מוזט קומען צו מיר, — האָט מר. זאַנענפעלד זיך געבעטען. — איך וועל זיך קיינמאָל ניט מוחל זיין, אויב איהר וועט ניט קומען צו אונז. מיין פרוי און מיין טאָכטער ווילען אייך זעהר זעהן. מיין טאָכטער איז אויך אויסער זיך... זי האָט אייך אפילו געוואָלט שרייבען א בריעף, אָבער זי דענקט אַז איהר מוזט זיין אַזוי בייז, דאָס איהר וועט איהר בריעף ניט וועלען לעזען. וועט איהר קומען?

מיין פאָטער האָט מיר אַ וואונק געטאָן, אַז איך זאָל די איינ־לאַדונג אָננעמען. און איך האָב איהם געפאָלגט. איך האָב צוגע־זאָגט צו קומען דעם אַנדערען אָוועגד.

לעגענהייט צו פאַרשווייגען, מיט דער האָפנונג, דאָס אַמאָל וועט זיך די זאַך אַליין אויפקלערען.

געזאָלט האָב איך איהר זאָגען דעם אמת, אַז איך בין אַ פּייגלינג, אַז נאָכדעם ווי איהר פאָטער האָט מיך אַזוי מיאוס פאַרטריבען פון הויז, האָב איך ניט געהאַט דעם מוט צו באַווייזען זיך נאָך אַמאָל פאַר זיינע אויגען, אָבער איך האָב זיך געשעהמט דאָס אויסצוזאָגען.

מים זאָנענפעלד איז נאָך אַלץ געוועזן זעהר שעהן. אָבער איהר שטאָלצקייט איז אַ ביסעל אַרונטער. דאָך עלטער געוואָרען מיט אַ פּאָר יאָהר. אין איהרע רייד און איהר באַוועגונג האָט זיך געפיהלט אַ מיעדקייט, אַ ליכטע לאַנגווייליגקייט... זי האָט מיך געפרעגט, אויב איך האָב די גאַנצע צייט געלערנט העברעאיש. איך האָב איהר געענטפערט, אַז איך האָב פּראָגרעסירט אויף אַזוי פיל, אַז איך קען שוין לעזען אָהן די הילף פון אַ ווערטער־בוך. אָבער נאָר דעם תנ"ך און די שריפטען פון די שרייבער וואָס שרייבען אַ ריינעם לשון קודש ; די נייע, די מאָדערנע פאַרשטעה איך ניט...

זי האָט געשמייכעלט און געזאָגט :

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז איך פאַרשטעה זיי אויך גאַנץ ווייניג. עס זעהט מיר אָפּטמאָל אויס, אַז זיי מאַטערען זיך צו שרייבען אַז מען זאָל זיי ניט פאַרשטעהן.

עס האָט מיך געפרעהט וואָס שולמית זאָנענפעלד האָט די זעלבע מיינונג ווי איך.

איך האָב דאָרט געגעסען סאַפּער און ביים טיש איז יעדער געוועזן צו מיר זעהר פריינדליך. יעדער איינער האָט געוואָלט אַז איך זאָל עסען, אַז איך זאָל זיך אונטערהאַלטען. נאָכ'ן עסען האָט שולמית פאַר מיר געשפּיעלט פּיאַנאָ. די עלטערען האָבען זיך אַרויסגעמאַכט פון פּאַרלאָר. זיי האָבען אונז איבערגעלאָזען אַליין...

צו שפּעט, האָב איך זיך געטראַכט. מיין לעבען באַלאַנגט יעצט צו אַן אַנדערער. איך וועל לעבען פאַר קיינעם נאָר פאַר עטלען.

און זיצענדיג נעבען שולמית'ן האָב איך זי אין מיינע געדאַנקען גענומען פאַרגלייכען צו עטלען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז שולמית האָט מעהר קאָפּ ווי האַרץ, ווערענד עטעל איז דורכאויס

אײן־און־אַכציגסטער קאַפּיטעל

װער װאָלט עס געגלױבט!

— איך האָב דאָס קײנמאָל ניט געגלױבט אױף אײך, — האָט צו מיר געזאָגט שולמית זאָגענפעלד, װען איך בין דעם אַנדער אָװענד געקומען אױף איהר פּאָטער׳ס אײנלאַדונג. — מײן מוטער האָט עס אױך ניט געװאָלט גלױבען. זי האָט געהאַלטען מיט מיר. אָבער מײן פּאָטער האָט לײדער געגלױבט, און געגלױבט האָט ער דערפאַר, װײל איהר האָט געשװיגען. איהר האָט אױסגעהערט די שרעקליכע באַשולדיגונגען, ריכטיגער געזאָגט, בלבולים, און איהר האָט קײן װאָרט ניט געזאָגט. שפּעטער, אַז איך האָב גענומען טענה׳ן מיט מײן פּאָטער, איז ער געװען גענײגט צו צװײפלען אין יענעם בריעף, אָבער אַזױ װי איהר האָט נאָך אַלץ געשװיגען, האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ באַװײז, אַז איהר פיהלט זיך שולדיג און איך האָב אַלץ אַזױ געװאַרט און געהאָפּט, אַז איהר װעט זיך אָפּרופען.... איך האָב געמײנט, אַז איהר װעט שרײבען צו מיר... אַך, װאָרום האָט איהר די גאַנצע צײט געשװיגען?...

אין איהר שטימע האָט זיך געהערט אַ געפיהל פון צערטליכקײט. די שעהנע און שטאָלצע שולמית האָט פריהער קײנמאָל ניט גערעדט צו מיר אַזױ האַרציג. אין דעם טאָן פון איהר שטימע און אין איהרע בליקען האָט זיך אַרױסגעזעהן אַ דײטליכער װאונש גוט־צומאַכען דעם פעהלער, װאָס איז באַגאַנגען געװאָרען געגען מיר. דאָס האָב איך דײטליכער געזעהן פון איהרע עלטערען אין יענעם אָװנד, אַז איך װאָלט געבעטען די האַנד פון שולמית װאָלט איך עס זיכער באַקומען מיט איהר האַרץ צוזאַמען.

— איך האָב געשװיגען, — האָב איך געענטפערט אױף איהר פראַגע, — װײל אין אָנפאַנג האָט מיך די אַנקלאַגע אַזױ צומישט, דאָס איך האָב זיך אין גאַנצען פאַרלאָרען, און שפּעטער, װען איך בין שױן געקומען צו זיך, האָב איך באַשלאָסען די גאַנצע אַנגע־

איך האָב זיך אָנגעהויבען צו שרעקען פאַר זיך אַליין, טאָמער וועל איך איינשלאָפען... איך האָב געמאַכט אַן אנשטרענגונג, איך האָב זיך גענומען בעסער צוהערען. יעדען מאָל וואָס שולמית האָט אויף מיר געוואָרפען אַ בליק, האָב איך געשמייכעלט און אַרויסגע־צייגט מיין באַוואונדערונג, זאָגענדיג: דאָס איז גרויסאַרטיג, דאָס איז ערהאבען! און שולמית האָט אָנגעקוואָלען פון מיינע קאָמפּלי־מענטען.

פלוצלינג... איך ווייס ניט ווי דאָס איז געשעהען... אַלעס ארום איז געוואָרען שטיל... ווי לאַנג דיזע שטילקייט האָט אָנגעהאַלטען ווייס איך ניט. איך גלויב, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שולמית׳עס שאַרפע בליקען... איך האָב זיך אַ צאַפּעל געטאָן מיט שרעק...

— וואָס? איהר שלאָפט גאָר? — האָט זי געפרעגט, שטאַרק פאַרשעהמט.

איך בין נאָך מעהר פאַרשעהמט געוואָרען. איך האָב ניט גע־האָט קיין וואָרט פאַר זיך.

— ענטשולדיגט מיר, — האָב איך געבעטען. — איך... איך בין נעכטען געזעסען שפּעט ביינאַכט און געלעזען.

— עס מאַכט ניט, — האָט זי געזאָגט, זיך באַמיהענדיג אויס־צוזעהן גוטמוטיג. — מיר וועלען עס לעזען אַן אַנדערש מאָל. — און זי האָט די העפט צוגעמאַכט.

איך האָב איהר געוואָלט בעטען זי זאָל ווייטער לעזען, אַבער איהר פאָטער איז אַריינגעקומען.

— דאָ האָט איהר יענעם בריעף, — האָט ער צו מיר געזאָגט.

— עס האָט מיר גענומען אַ שטונדע צייט אויפצווזוכען.

איך האָב גענומען דעם בריעף, וועלכער איז געווען אָהן אַ קאָנווערט. ער איז געווען געשריבען אין ענגליש. און ווען איך האָב דערזעהן די האַנדשריפט, האָב איך זיך קוים איינגעהאַלטען

הארץ... און וואָס זוכט אַ מאַן אין אַ פרוי אויב ניט הארץ? הארץ איז סימפּאַטיע, ליעבע, טרייסט... מיט שולמית איז אפשר גוט צו דיסקוטירען טעאָריען און פּראָבלעמען, ליטעראַטור און קונסט, אָבער אין עטעל׳ס געגענוואַרט ווילט זיך פאַרגעסען די אַלע זאַכען און עס ווילט זיך בלויז זיצען און קוקען אין איהרע נשמה־אויגען...

שולמית האָט מיך געפרעגט, אויב איך וויל הערען ווי זי וועט מיר פאָרלעזען אַ העברעאישע פאַרפאַסונג וואָס זי האָט ערשט היינט געענדיגט.

— מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען, — האָב איך געענטפערט.

ווען זי האָט געבראַכט פון אַן אַנדער צימער אַ היבשע העפט און איך האָב דערזעהן ווי דיק די העפט איז, האָב איך זיך געטראַכט: שוין זשע פאַרנעמט די פאַרפאַסונג אַזוי פיעל? שוין־זשע וועט זי דאָס מיר אַלעס דוו־כלעזען? איך האָב קיין גערולד צו לאַנגע פאָרלעזונגען און צו לאַנגע רעדען.

אָבער שולמית האָט געהאַט אַ זעהר מעלאָדישע שטימע און אַ רייצענדע פּאָזע, און דאָס האָט געמאַכט איהר לעזען אינטערעסאַנט. וואָס זי האָט געלעזען איז געווען אַ פאַנטאַזיע וואָס האָט געהייסען „על הררי ציון" (אויף די בערג פון ציון). זי האָט פאָרגעשטעלט ווי אין חלום האָט זי זיך געפונען אין ארץ־ישראל, אויף אַ הויכען באַרג, און דאָרט האָט זי זיך באַגעגענט מיט אַ נביא וואָס קומט יעדע נאַכט וויינען אויפ׳ן חורבן און אויף דעם וואָס די אידען זיינען אין גלות. זי האָט פאָרגעשטעלט די סצענע, די לאַנדשאַפט אַרום אין אַ זעהר פּאָעטישע שפּראַך, און אַזוי אויך איהר געשפּרעך מיט דעם נביא. עס איז געווען פול מליצה, אָבער ווענינג אינהאַלט, און אַזוי ווי זי האָט געזוכט מליצות, איז זי אָפט אַראָפּ פון דער טעמאַ... איך האָב פאַרלאָרען די פאַרבינדונג פון די געדאַנקען... איך האָב געהערט בלויז ווערטער און פראַזען... עס האָט מיר אָנגעהויבען לאַנגווײַלען...

אין צימער איז געווען וואַרים און נאָך דעם גרויסען סאַפּער וואָס איך האָב געגעסען איז קיין וואונדער ניט וואָס עס האָט מיך גענומען שלעפערען...

צוויי-און-אכציגסטער קאפיטעל

מיסעס גרעפטער איז זיך מודה

די האנדשריפט איז געווען מיסעס גרעפטער'ס.
און אט דארום בין איך געווען אויסער זיך.
איך האב פון אנפאנג אן געהאט דעם פארדאכט, אז זי האט אויף מיר דעם פאסקוויל געשריבען, אבער ווען איך האב זיך מיט איהר אמאל צורעדט, האט זי מיר געמאכט צו גלויבען, אז דאס האט געטאן די אלטע מיסעס גימפעל.
אזוי פאלש! אזוי מיאוס האט זי מיך אפגענארט... איך רין קיינמאל ניט געווען אזוי בייז אויף א מענשען, ווי איך בין דאן געווען בייז אויף מיסעס גרעפטער.
ווי? — האב איך זיך געפרעגט — מיך אזוי אפנארען? מיך מאכען פאר אזא גולם?... ווער ווייס וויפיעל מאל זי האט אפגעלאכט פון מיר, וויפיעל מאל זי האט ארויסגעשטעלט א צונג הינטער מיר?
און איך האב איהר געגלויבט. איך האב מיטלייד געהאט מיט איהר. איך האב געגלויבט, אז זי איז ניט אזוי פארדארבען ווי די וועלט מיינט. אז אומשטענדען האבען זי געמאכט וואס זי איז, און אז אין גרונד איז זי גוט-הערציג, מענשליך, מיט א היבשען באגריעף פון יושר. איך האב געגלויבט, אז אונטער א ריכטיגען איינפלוס קען זי ווערען א העכסט אנשטענדיגע פרוי, מיט וועמענס פריינדשאפט מען קען שטאלצירען.
אזוי האב איך געגלויבט. איך האב בשום אופן זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז דער שעהנער עפעל זאל אינערליך זיין אזוי מאראליש צופוילט. עס האט זיך מיר ניט געקענט גלויבען, אז דער שעהנייער, רייצענדער מויל וואס באצויבערט מיט זיינע רייד, זאל קענען זאגען אזא פרעכען געמיינעם ליגען. ניין, איך האב דאס ניט געקענט גלויבען.

פון אויסצושרייען... איך בין געוואָרען אזוי אויפגערעגט, אז מר. זאַנענפעלד, זיין פרוי וואָס איז אויך אריינגעקומען, און שולמית האָבען דאָס באַמערקט.

— איך זעה, אַז איהר ווייסט שוין ווער זי איז, — האָט שולמית געזאָגט.

— יאָ, איך ווייס... — האָב איך געזאָגט. — ענטשולדיגט, איך מוז געהן...

מר. זאַנענפעלד האָט מיך באַגלייט אין האָל, און ביים אָפּשייד האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנד אויף מיין שולטער און האָט געזאָגט:

— ווער די פּערזאָן זאָל ניט זיין, בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט ניט האַנדלען איבערגעאיילט. זאָגט איהר עס מיר צו?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

מיט דעם צוועק איהר צו ערנידעריגען, איהר צו פארשעהמען, איהר וועה צו טאָן, זעהן אָן איהר נקמה... איך מוז איהר צייגען, אַז איך בין ניט אזא נאַר ווי זי דענקט...

זי האָט אַליין געעפענט די טיר, זי האָט מיך עמפּפאַנגען אין אַ יאַפּאַנעזישען שלאַפראָק פון טייערען זייד.

— ענטשולדיגט, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב ערשט גענומען אַ וואַנע. איך האָב זיך היינט פארשלאָפען. ווען איהר האָט מיך היינט אָפּגערופען, בין איך געשלאָפען, אָבער אַזוי ווי איך בין ניט קיין גרויסע פּעפּערקע, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט גלייך ביים ערשטען קלונג פון טעלעפאָן.

— עס טוט מיר לייד וואָס איך האָב אייך געשטערט פון שלאָף, — האָב איך געזאָגט.

— עס מאַכט ניט, — האָט זי געענטפערט, — איך האָב זיך שוין אויסגעשלאָפען. פאַר אַ פריינד ווי איהר בין איך אימער גרייט. הע־הע־הע!

— הייסט עס, אַז איהר זייט מיר אַ פריינד? — האָב איך געפרעגט, קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען.

— ווארום? איהר צווייפעלט אין דעם? — האָט זי געפרעגט.

— אַמאָל האָב איך געגלויבט, — האָב איך געענטפערט, — אַז איהר זייט צו מיר וועניגסטענס ניט פאַלש. היינט וויים איך עפּעס אַנדערש.

מיסעס גרעפּטער האָט מיך אָנגעקוקט פארוואונדערט. זי האָט ניט פארשטאַנען וואוהין איך ציעל.

— אָט איז עס, — האָב איך געזאָגט, ארויסנעמענדיג דעם בריעף וואָס איך האָב באַקומען פון מר. זאַנענפעלד, — איהר דערקענט די האַנדשריפט?

מיכעס גרעפּטער'ס פּנים האָט זיך אויסגעצויגען. זי האָט אָנגעקוקט דעם בריעף, וועלכען איך האָב גלייך צוריסען פאַר איהרע אויג'ען און אַ שליידער געטאָן די שטיקלאַך אויפ'ן טיש. זי האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, האָט זיך אריינגעוואָרפען אין אַ שטוהל,

און יעצט — אזא ענטטוישונג!... די הארץ האט געקאכט אין מיר, מיינע בלוטען האבען געזאדען... עס האט זיך מיר געוואלט זעהן אויף איהר א שווערע נקמה, א שטראף... איך מוז צו איהר געהן... איך מוז זי אנלערנען...

„געה ניט!" — האט א שטימע גערעדט אין מיר, — „לאז צורוה, פארגעס! זאל עס נעמען א סוף... האב ניט מעהר צו טאן מיט איהר!"

„געה יא" — האט א צווייטע שטימע געזאגט — „געה און זאג איהר, אז דו ווייסט אז זי איז אן אויסוואורף, אז דו ווייסט אלעס... דעם גאנצען אמת!"

און מיט אמאל דערמאן איך זיך מר. זאנענפעלד'ס עצה, וואס ער האט מיר געגעבען בעת ער האט מיך באגלייט אין האל פון זיין הויז: „ווער עס זאל ניט זיין — איהר דארפט ניט האנדלען אי־בערגעאיילט".

אזוי ווי עס איז שוין געווען סאי ווי צו שפעט צו געהן צו מיסעס גרעפטער, האב איך באשלאסען די פראגע איבערצולאזען אויף מארגען. לאמיך פאלגען די עצה פון אן עלטערען מענשען און ניט זיין געאיילט.

אויף מארגען בין איך געווען זעהר אונרוהיג. איך האב גע־פיהלט אז איך מוז זי זעהן. שוין די נייגעריגקייט אליין, צו וויסען דעם מאטיוו וואס האט זי געטריבען צו שרייבען אזא בריעף אויף מיר, האט מיך ניט געלאזט רוהען.

איך האב זי אפגערופען פון אפיס אין א צייט ווען מיין פא־טער איז דארט ניט געווען און האב זי געפרעגט אויב איך קען אריינקומען בייטאג. ערשטענס איז מיר ניט געווען באקוועם אוועק־צוגעהן פון דער היים איין אווענד נאך דעם אנדערען, און צוויי־טענס, האב איך מורא געהאט, טאמער וועל איך ביי איהר טרעפען מר. מירמעלשטיין. מיסעס גרעפטער האט זיך ,ווי געוועהנליך, דערפרעהט ווען איך האב געזאגט אז איך וועל קומען. מיר האבען געמאכט אן אפאינטמענט אויף צוויי אוהר.

עס האט מיך שוין ניט געארט מיין אויסזעהן און אויב איך בין גוט געשייוועט. איך האב די פרוי געהאסט. איך בין געגאנגען

אויף מיינע פינגער. איך האָב געפּיהלט איהרע טרערען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אין איין גיסען... איך בין געקומען זי צו שטראָפען און איך האָב זיך געפונען שולדיג... איך בין אַ גזלן אַזוי אָנצופאַלען אויף אַ שוואַכע פּרויענצימער און איהר אַזוי שווער צו באַשטראָפען...

— נו, הערט שוין אַמאָל אויף צו וויינען, — האָב איך געבעטען, זיך אַוועקזעצענדיג נעבען איהר. און אין דעם אויגענבליק וואָס איך האָב זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר, האָט זי אַ וואָרף געטאָן איהר קאָפּ אויף מיין שולטער, אַזוי ווי אַ קינד וואָס זוכט סימפּאַטיע נאָכדעם ווי עס האָט באַקומען אַ שטראָף פון פאָטער.

פאַר אַ צייט האָט זי ניט אויפגעהערט צו כליפּען און שלוכצען. שטייפער און שטייפער האָט זי זיך צוגערוקט צו מיר.

— אָט אַזוי איז גוט, — האָט זי וויינענדיג געזאָגט, — אָבער טייערער, צייגט מיר כאָטש אַ קליינע מאָס ליעבע, כאָטש אַ ביסעלע סימפּאַטיע.

„עטעל! עטעל!“ — האָב איך צו זיך געזאָגט אין הארצען און געזוכט אָנצוהאַלטען איהר געשטאַלט פאַר מיינע אויגען, אום איך זאָל ניט פאַרלירען מיין ענטשלאָסענהייט. און ווען איך האָב געזעהן אז מיסעס גרעפּטער האָט שוין אויפגעהערט צו כליפּען, האָב איך גענומען זיך ביסלעכווייז אָפּרוקען פון איהר.

זי האָט אַ שווערען זיפץ געטאָן, האָט ווידער אַ כליפּע געטאָן און געזאָגט:

— מיין גאַנצען לעבען וועל איך שטרעבען גוט צו מאַכען דעם פאַרברעכען וואָס איך בין באַגאַנגען געגען אייך...

— פאַרגעסט שוין, — האָב איך זי געבעטען. — איך בעט אייך, פאַרגעסט שוין דאָס.

— אויב איך וועל נאָר קענען, — האָט זי געזאָגט. — צוליעב אייך... וועט איהר כאָטש אַמאָל קומען מיך זעהן?

— אויב מעגליך... — האָב איך געענטפערט.

פאַרדעקט דעם פּנים מיט ביידע הענד און האָט אויסגעבראָכעז אין א געוויין...

איך בין געבליבען שטעהן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אָנפאַנגס האָב איך געמיינט אַז זי שפּיעלט א ראָלע. איך האָב איהר ניט געגלויבט. אָבער באַלד האָט זיך געהערט איהר כליפּען און שלוכצען, פון וועלכען איך האָב געמיינט אַז די הארץ ווערט צובראָכען אין איהר... איך האָב אָנגעהויבען מורא צו האָבען, אַז זי זאָל ניט אריינפאַלען אין היסטעריקע...

א פּאָר מינוט האָט זי אזוי געכליפּעט, פאַרדעקענדיג איהר פּנים מיט ביידע הענד, און נאָכדעם האָט זי די הענד אויסגע־שטרעקט צו מיר אין גרויס פאַרצווייפלונג:

— אָ, האָט רחמנות... איך בין שולדיג... אָבער פאַרדאַמט מיך ניט... איך האָב עס געטאָן... אוים ליעבע צו אייך... איך האָב אייך געליעבט... איך האָב געגלויבט אַז איך קען אייך געווינען פאַר מיר... איך האָב גאָר ניט געוואָלט נעמען פון אייך... איך האָב ניט ארויסגעקוקט אויף אייער פאָטער'ס געלד... אייך און נאָר אייך האָב איך געוואָלט... איך בין גרייט געווען צו זיין אייער שקלאַפין... געהן אַרבייטען פאַר אייך... ביז איך האָב אייך דערקענט, האָב איך ניט געוואוסט וואָס ליעבע איז... קיינעם האָב איך אזוי ניט גע־ליעבט... איך האָב אָנגעווענדעט פאַרשיעדענע מיטלען אַז איהר זאָלט געהערען צו מיר און ניט צו קיין אַנדערען... איך בין געווען גרייט צו באַגעהן די גרעסטע פאַרברעכענס אום צו געווינען אייך פאַר מיר... איך בעט אייך, פאַרדאַמט מיך ניט... איך בין געווען משוגע פאַר ליעבע...

וועלכער מאַן אין דער וועלט וואָלט געקענט ביישטעהן אַזאַ אַפּילו פון אַזאַ שעהנער פּרויענצימער? איך בין געווען גערירהרט ביז צו טרערען. איך האָב זיך פאַרלאָרען... איך בין צוגעגאַנגען צו איהר, געגלעט איהר קאָפּ און זי געטרייסט:

— גענוג, מיסעס גרעפּטער. איך בין אייך מוחל... איך וועל דאָס פאַרגעסען...

זי האָט אָנגענומען מיינע ביידע הענד און צוגעלייגט, צו איהר מויל... איך האָב געפיהלט איהרע הייסע ברענענדע קושען גליהען

סאַפּער. איך ווייס, אַז ווען איך וואָלט געזאָגט מיין פאָטער אַז היינט איז מיין געבורטסטאָג און איך וויל דעריבער פאָהרען צום בית־עולם און זעהן דעם אָרט וואו מיין מוטער רוהט, וואָלט ער געמיינט אַז עפּעס איז מיט מיר ניט גלאַט...

דער טאָג איז געווען אַ שעהנער. אַ גאָלדענער פריהלינגס־טאָג. און אויפ'ן בית־עולם האָט געבליהט מיט לעבען. עס האָט אויסגע־זעהן אַז די טויטע געניסען די נאַטור נאָך בעסער ווי די לעבעדיגע. וואָס איהר זאָלט ניט האָבען פאַר אַ מיינונג פון די טויטע, ווען איהר געהט אַרום אויפ'ן בית־עולם, באַקומט איהר אַ געפיהל אַז זיי זיינען ניט אין גאַנצען טויט. אַז אין זייערע קעמערלאַך הערען זיי וואָס מען רעדט צו זיי, אַז זיי פרעהען זיך ווען זייערע אייגענע קומען זיי צו באַזוכען און זיי סימפּאַטיזירען מיט זייער געוויין.

איך האָב אויסגעזוכט מיין מוטער'ס קבר און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם גרויסען ווייסען שטיין וואָס איז איהר גע־שטאַנען צוקאָפּענס, איז מיר איינגעפאַלען אין הארצען. דער שווע־רער שטיין האָט מיר דערצעהלט, אַז דאָ ליגט אַ גוטע און פרומע פרוי, וואָס איז געווען די קרוין פון איהר מאַן און די ליעבע מוטער פון איהר זוהן. אַזוי ווי פון אַ קוואַל וואָס עפענט זיך פּלוצלינג, האָבען זיך אָנגעהויבען צו גיסען מיינע טרעהרען. ווען מיין מוטער איז געשטאָרבען האָב איך ניט פאַרגאָסען אַזעלכע זודיגע טרעהרען ווי ביי דיזען באַזוך.

ווען איך האָב זיך אַ ביסעל באַרוהיגט און געקומען צו זיך, האָב איך זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ ביינקעל וואָס איז געשטאַנען נעבען קבר. אין מיינע געדאַנקען האָב איך זיך דורכגערעדט מיט מיין מוטער.

„מאַמעלע, זעה דיין זוהן איז געקומען. היינט איז זיין גע־בורטסטאָג און ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך דיר. מאַמעלע, מיר איז אומעטיג אָהן דיר. מיין הארץ פּוסטעוועט. עס ווילט זיך וועמען ליעב האָבען — ניטאָ וועמען. מען לאָזט ניט. אַלע וועגען זיינען פאַרשטעלט. מאַמעלע, דו, וואָס דו ביזט דאָך יעצט אויפ'ן עולם האמת און דו ווייסט אַז געלד און יחוס איז גאָר נישט, זאָג מיר, וועסטו ניט בייז זיין ווען איך וועל חתונה האָבען מיט עטלען?

דריי־און־אכציגסטער קאַפּיטעל

מיין פינף און צוואַנציגסטער געבורטסטאָג

מיין פינף און צוואַנציגסטער געבורטסטאָג (ראש חודש אייר) איז אַוועק שטיל, אומבאַמערקט פון זייטיגע מענשען. איך האָב אפילו צו קיינעם ניט דערמאָנט וועגען דעם. מיין פאָטער האָט, ווי עס זעהט אויס, פאַרגעסען אויף מיין געבורטסטאָג, און מיין שטיעפמוטער האָט ניט געוואוסט.

אין יענעם טאָג האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיין מוטער. עס מיינט ניט, אַז אין די אַנדערע טעג האָב איך זי פאַרגעסען. ווי קען מען פאַרגעסען אַזאַ ליעבע, ריינע, היילינגע נשמה ווי מיין מוטער? נאָר אין יענעם טאָג האָב איך שטאַרק געפיהלט אַז זי פעהלט מיר. איך בין זיכער, אַז ווען מיין מוטער וואָלט געלעבט, וואָלט זי צו מיר צוגעגאַנגען אין דער פריה און געזאָגט:

„מיין זוהן! היינט ביזטו שוין פינף און צוואַנציג יאָהר — ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר. וויפיעל קלעפּ זאָל איך דיר גע־בען?“

און שפּאַסענדיג וואָלט זי מיר אָפּגעפּאַטשט מיט איהר דאַ־רער האַנד פינף און צוואַנציג מאָל איבער מיין רוקען, און זאָגען ביי יעדען קלאַפּ: „צו געזונד, צו לאַנגע יאָהר, צו עשירות, צו מזל ברכה“. אַזוי איז געווען איהר געוואוינהייט יעדען יאָהר אין מיין געבורטסטאָג.

אַ, — האָב איך מיר געטראַכט, — וואָס נעמט מען יעצט יענע מאָגערע אָבער ליעבליכע האַנד, פון וועמענס יעדען קלאַפּ עס פלעגט אויפשלאָגען אין האַרצען כוואַליעס פון ליעבע און פרייד! וואָס וואָלט איך ניט געגעבען פאַר די מעגליכקייט פון אַ קוש אין יענער האַנד! וואָס וואָלט איך ניט געגעבען פאַר הערען יענע גוטע האַרציגע שטימע!

איך האָב געמאַכט עפּעס אַן אויסרייד פאַר מיין פאָטער און בין אַוועק פון אָפּיס, זאָגענדיג אַז איך וועל קומען אַהיים אויף

ביי מיין קבר אזוי ווי איך זיץ דא יעצט ביי דעם קבר פון מיין מוטער?... אדער איך וועל שטארבען אן אלטער בחור... איינער אליין, אן אפגעשניטענע צווייג פון לעבענס־בוים. קיינער וועט ניט קומען אויף מיין קבר. בלויז די פויגעלאך וואס צווישטשען דאס אן אל מלא רחמים פאר מתים וואס זיינען עלענד און פארגעסען...

די ערווארטעטע לויה איז אנגעקומען. איך האב זיך אויפגעשטעלט און זיך אנגעשלאסען צו די באגלייטער. עס איז געווען א קליינער עולם. נאך דעם ארון איז נאכגעגאנגען אן אלטע פרוי, וועלכע האט מיט אויסגעשפרייטע הענד געקלאגט:

„מיין טייערע טאכטער, אויף וועמען האסטו פארלאזען דיינע פיער קליינע עופה׳לאך? אויף דער אלטער מאמען נעבעך האסטו אנגעווארפען דיינע פיער קליינע יתומה׳לאך. אוי, גאטעניו, וואס דו האסט אונז געהייסען רחמנות האבען אויף די פויגעלאך אין וואלד, ווי האסטו געקענט אוועקנעמען א יונגע מאמע פון איהרע קליינע קינדערלאך?“

— ווער איז די פארשטארבענע? — האב איך א פרעג געטאן איינעם פון די באגלייטער.

— א יונגע ווייבעל, ערשט מיט א יאהר צוריק געווארען אן אלמנה. א האלב יאהר נאך איהר מאנ׳ס טויט האט זי געהאט א צווילינג. און נאך א צווילינג געהאט פון פריהער. זי איז נעבעך אוועקגעפאלען אין יאך ארבייטענדיג פאר די קינדער. געווען אמאל א בילד שעהנע מיידעל. מען האט זיך ניט געקענט איינקוקען אין איהר פנים. האט זי חתונה געהאט פאר אן ארימען בחור און נאכדעם האט זיך אנגעפאנגען איהרע צרות... אט זעהט דעם סוף... פיער פיצעלאך יתומים, אויף דער ארימער מאמען איבערגעלאזען.

— ווי האט זי געהייסען? — האב איך געפרעגט.

— מיסעס גלוסקין, — האט דער איד געענטפערט.

איך האב זיך דערמאנט, אז מיסעס גלוסקין איז געווען א יונגע ווייבעל מיט א צווילינג, וועלכע איז איינגעשטאנען אין איין זומערהאטעל מיט אונז, ווען מיין מוטער האט געלעבט.

„טייערע מאַמעלע, דו שווייגסט... עטעל איז אַזוי עלענד און אונגליקליך. וואָס איז זי שולדיג אַז זי איז געבאָרען געוואָרען ביי אָרימע עלטערען?... אדרבה, גיב דאָרט אַ פרעג ביי גאָט... זאָל ער דיר זאָגען... אפשר וועט ער דיר זאָגען אַז ער האָט אַנדערש געמיינט, אַז רייכע יונגע לייט זאָלען חתונה האָבען נאָר מיט אָרימע מיידלאַך, דען אַזוי איז דער יושר.

„מאַמעלע, בעט גאָט פאַר מיר, פאַר דעם טאַטען און פאַר מיין שטיעפמוטער. זי איז זעהר גוט צו מיר. דיך פרעהט געוויס וואָס איך האָב אַזאַ גוטע שטיעפמוטער. מאַמעלע, דו ביזט דאָך אַזאַ גוטע, בעט גאָט אויך פאַר עטלען. עס איז אַזאַ רחמנות אויף איהר. זיי מיר מוחל, טאָמער האָב איך ניט אַזוי אָפט געטראַכט פון דיר... איך לעב אין אַ משוגענע וועלט, וואו מענשען פארגעסען זיך אליין..."

קיין ענטפער. דער קבר איז געבליבען שטיל, בלויז די צווייגען פון די ביימער האָבען זיך געהויבען ארויף און אראָפּ, אַהער און אַהין, און די בלעטלאַך האָבען זיך געשושקעט אין זייער שפּראַך. עטליכע בית־עולם פויגעלאַך האָבען זיך דורכגעשמועסט אויף אַ בוים. אפשר האָבען זיי געמאַכט אַן אל מלא רחמים פאַר די טויטע.

אויפ'ן בית־עולם איז די גאַנצע צייט געווען שטיל. וואו ניט וואו האָט זיך געזעהן אַ פרוי וואָס איז געקומען זיך אויסוויינען אויף איהר מאַנ'ס קבר. וואו ניט וואו האָט מען געזעהן אַן עלטערע פּאָר־פאָלק, וואָס זיינען געקומען באַזוכען אַ ליעב קינד וואָס איז פון זיי פריה אוועק. און ערגעץ ווייטער האָבען גרעבער ארויפגעלייגט ברעטער אויף אַ פרישען קבר וואָס זיי האָבען ערשט אויסגעגראָבען.

דער בית־עולם האָט געוואַרט אויף אַ גאַסט — נאָך אַ מענש וואָס האָט פאַרלאָזען די שטורעמדיגע וועלט צו געפינען דאָ זיין אייביגע רוה...

און אַמאָל וועט קומען אַ צייט — האָב איך זיך געטראַכט — ווען דער בית־עולם וועט מיך אויך ערוואַרטען... ווער וועט מיך דאַן באַגלייטען? וועט כאָטש זיין ווער עס זאָל וויינען נאָך מיר? וועט כאָטש זיין ווער עס זאָל קומען אַמאָל און זיך אַוועקזעצען

קומען בלויז מיט אַ זיפץ און ניט זוכען צו העלפען די קליינינקע עופה׳לאַך וואָס זיינען פאַרבליבען אין אַזאַ נויט...

איך האָב אָנגעהויבען צו גלויבען אַז גאָט אַליין האָט אין מיין האַרצען אַריינגעגעבען דעם געדאַנק, אַז איך זאָל מיין געבורטסטאָג געהן באַזוכען מיין מוטער׳ס קבר.

אין דער היים האָב איך יענעם אָוועגד גאָר ניט דערצעהלט. אָבער אויף מאָרגען, ביי טאָג, האָב איך זיך גענומען צייט צו באַזוכען די הויז פון טרויער. איך האָב דאָרט געזעהן אַ שרעקליכען דלות, אָבער איך האָב דאָרט אויך געזעהן אַזאַ רייכטום, וואָס מען געפינט ביי מיליאָנערען. אַזוי פיעל מענשליכקייט, אַזוי פיעל סימפּאַטיע, גוטסקייט און רחמנות וויפיעל עס האָבען אַרויסגעצייגט די שכנים פון דער הויז, וועלכע זיינען אַליין געווען אָרימע מענשען, איז ניט אָפּצושאַצען אין מיליאָנען. פאַר אַ צייט פריהער בין איך געווען אַ פּעסימיסט. איך האָב אויפגעהערט צו גלויבען אין מענשען. איך האָב געזעהען אַרום און אַרום פאַלשקייט. ווען איך האָב געזעהן אַ שעהנעם עפּעל אויף אַ פרוכט סטענד, האָב איך געטראַכט פון דעם וואָרעם, וואָס איז באַהאַלטען אין דעם. ווען איך האָב געזעהן אין גאַס אַ פּאָר־פּאָלק געהן צוזאַמען און קוקענדיג איינער אויף דעם אַנדערען מיט בליקען פון ליעבע, האָב איך זיך דערמאָנט אויף מיסעס גרעפּטער, מירמעלשטיין, אַרנאָלד קאַפּטאַן, ליזי... און דאָס אַלעס איז געווען פאַרפּוצט מיט מאַסקעס פון זיידענס, מאַסקעס פון גאָלד, אָבער אינווענינג שמאַטעס און מעש — פאַלש, פאַלש!... אָבער ווען איך האָב דערזעהן די אָרימע ווייבער פון יענער טענעמענט הויז, ווי זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום די קליינינקע יתומים׳לאַך, האָב איך באַקומען אַ גאַנץ אַנדער בליק אויף דער וועלט. עס זיינען נאָך דאָ טרייע, עהרליכע מענשען אויף דער וועלט. איין פרוי האָט געקאָכט פאַר דעם עלטערען צווילינג אַ ביסל האָבער־גריץ. אַן אַנדערע האָט צוגעגרייט צוויי מילך־פלעשלאַך פאַר דעם אינגערען צווילינג. צוויי פרויען האָבען געטרייסט די אַלטע באָבען, וועלכע איז געזעסען שבעה און האָבען זי מיט גוואַלד געצוואונגען זי זאָל נעמען אַ ביסעל זופּ אין מויל, און ווען די אַלטע האָט ענדליך פאַרזוכט אַ פּאָר לעפעל, האָבעןביידע

פיער=און=אכציגסטער קאפיטעל

דער צוועק פון לעבען

פון דעם אידען האב איך אויך ערפאהרען וואו עס וואוינט מיסעם גלוסקינ'ס מוטער מיט איהרע אייניקלאך, די יתומים. עס איז ביי מיר געבליבען, אז איך זאל אריבערגעהן מנחם אבל זיין די אומגליקליכע פרוי און זעהן אויב איך קען איהר עפעס העלפען.

דעם גאנצען וועג אהיים האב איך געטראכט פון יענעם זומער־דיגען פארנאכט ווען איך האב מיך באקאנט מיט דער ערשט פאר־שטארבענער מיסעם גלוסקין. איך בין געזעסען אויף דער וועראנדא פוןביילינסאנ'ס פארם־הויז און געווארט אויף פעני בראדסקי. עס איז ארונטערגעקומען פון האטעל מיסעם גלוסקין, וועלכע איז דארט איינגעשטאנען מיט צוויי קליינע בייבים, א צווילינג. זי האט אויס־געזעהן זעהר מיעד און צובראכען, און זי האט מיר דערצעהלט, אז פעני בראדסקי האט וואלונטירט צו זיצען ביי איהרע קינדער, אום זי, מיסעם גלוסקין, זאל קענען זיצען א ביסעל אויף דער וועראנדא און זיך אויסרוהען.

זי האט מיר דאן דערצעהלט איהר ביאגראפיע. זי איז געווען א שעהנע מיידעל ביי ארימע עלטערען, אבער ניט האבענדיג קיין נדן, און איהרע עלטערען האבען מורא געהאט אז זי זאל ניט „פאר־זיצען". זיינען זיי צו איהר צוגעשטאנען אז זי זאל חתונה האבען מיט דעם ערשטען ארימען בחור וואס האט זיך געמאכט צו דער האנד.

אין מיינע אויערען האט אנגעהויבען צו קלינגען איהר טרויע־ריגע שטימע ווי זי האט דאן, אין יענעם זומערדיגען פארנאכט, באוויינט פאר מיר איהר פארלארענע יוגענד. וואס פאר א טרויע־ריגער סוף פון א מיידעל! וואס פאר א הארצשניידענדע טראגע־דיע! און יעצט איז זי טויט! — אזא סוף!... עס וואלט געווען פון מיר דער גרעסטער אומרעכט, ווען איך זאל יעצט וועלען אפ־

— איך ווייס, — האָט איינע פון זיי געזאָגט, — די מאַמע וועט שוין קיינמאָל ניט קומען...

טרערן זיינען מיר אַנגעלאָפן אין די אויגן און איך האָב זיי ניט געקענט איינהאַלטן. מיט גרויס מיה האָב איך זיך באַרוהיגט און נעמענדיג די ביידע מיידעלאַך פאַר די הענט האָב איך זיי געפרעגט ווי זיי הייסן.

— איך בין לוסי און מיין שוועסטער הייסט סילי, — האָט איינע פון זיי געענטפערט, — און מיר זיינען טווינס. און ווער זייט איהר?

— איך הייס סעם פרומקין, — האָב איך געענטפערט און אין האַרצן האָב איך אַנגעקוואָלן ווי די מיידעלע פאַרהאַלט זיך מיט מיר ווי מיט איהר גלייכן.

— און וואו וואוינט איהר? — האָט זי ווייטער געפרעגט.

אָבער די צוויי פרויען וואָס זיינען דערביי געשטאַנען האָבן דאָס געררעכענט פאַר אַ חוצפה פון קליינע קינדער צו פרעגן אַזוינס ביי אַ פרעמדען מענשן און זיי האָבן די קינדער ארויסגעשטופּט פון צימער. איך האָב דערנאָך געפרעגט ביי מיסעס פריינק, אויב איך קען זעהן דעם אינגערען צווילינג. די אַלטע איז אויפגעשטאַנען און האָט מיך אריינגעפיהרט אין אַ צווייטען צימער. די צוויי ווייבער האָבן געוואָלט נאָכגעהן, אָבער איך האָב צו זיי אַ וואונק געטאָן, אַז זיי זאָלען אונז לאָזען אַליין. דער צווייטער צווילינג, וועלכער איז געווען אַ האַלב יאָהר אַלט, איז געשמאַק געשלאָפען נאָך זייער מאָלצייט.

— אַט דאָס זיינען זיי, — האָט די אַלטע געזאָגט. — זיי איז גוט. זיי ווייסען ניט אַז זיי זיינען עלענדע יתומה׳לאַך, אָהן אַ טאַטען, אָהן אַ מאַמען.

— זאָרגט זיך ניט, מיסעס פריינק, גאָט וועט העלפען, — האָב איך געזאָגט און איהר אריינגערוקט אין האַנד אַ צוואַנציג דאָלאַר ביל. — איך וועל נאָך קומען.

און ניט וואַרטענדיג אויף איהר דאַנק האָב איך זיך שנעל ארויסגעמאַכט פון דאָרט.

אין האָל האָב איך זיך באַגעגענט מיט לוסי און סילי. איך

ווייבער זיך אַזוי געפּרעהט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געוואונען אַ גרויסען געווינס.

אַ יונגע ווייבעל האָט מיך געפרעגט אויב איך בין אַ קרוב. איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב געקענט די פאַרשטאָרבענע מוטער און בין געקומען זעהן אויב איך קען עפּעס העלפען.

— אוי, לאַנג לעבען זאָלט איהר, — האָט די ווייבעל געזאָגט. — קיין גרעסערע מצוה איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. די עלטערע קינדער וועט מען מסתמא צונעמען אין אַ בית־יתומים. אָבער די בייבים? וואָס טוט מען מיט אַזעלכע פּיצעלאַך? פון די טשאַריטים קען מען ניט פיעל ערוואַרטען. זיי צאָהלען די רענט פאַר דער פאַמיליע שוין מעהר ווי אַ יאָהר צייט. און די טשאַריטי וויל מעהר ניט געבען... איך האָב פיינט צו באַריידען די טשאַריטים. זיי האָבען גענוג וועמען צו געבען.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער אַלטער. מען האָט מיר געזאָגט אַז זי הייסט מיסעס פריינק. די צוויי ווייבער וואָס האָבען זי געטרייסט האָבען זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט. איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב זיך אַמאָל געקענט מיט איהר טאָכטער און איך בין געקומען זעהן וואָס איך קען טאָן. די אַלטע האָט עפּעס שטיל געמורמעלט. אין דעם זיינען אַריינגעלאָפען צוויי מיידעלאַך, ריינינקע, ציכטיגע, אַזוי ווי גרייט צו אַ פּאַרטי.

— גרענדמאַ! — האָבען זיי דערצעהלט, ניט באַגרייפענדיג די גרויסע טראַגעדיע פון זייער לעבען. — די מיסעס שיפּמאַן האָט אונז אַרומגעוואַשען, פאַרקאַמט אונזערע האָר, געגעבען אונז נייע ווייסטלאַך, און ריבאָנס פאַר די האָר. דו זעהסט די שעהנע ריבאָנס? און מיסעס שיפּמאַן האָט געזאָגט, אַז מיר וועלען געהן וואוינען אין אַ גרויסע שעהנע הויז, מיט אַ סך קינדער צוזאַמען, און מען וועט אונז לערנען אַ סך זאַכען — פאַר וואָס וויינסטו, גרענדמאַ?

מיסעס פריינק האָט זיך טאַקע צוואוויינט הערענדיג די אונשולדיגע פּלוידערייען פון די אָרימע קינדער. די ביידע מיידעלאַך האָבען זי אָנגעקוקט מיט זאָרג און מורא, און פּלוצלינג האָבען זיי אויך אָנגעהויבען צו וויינען.

קינדערלאַך... ווען מיין גוטע מאַמע וואָלט געלעבט! זי וואָלט מיר זעהר פיעל געהאָלפען אין דיזער נאָבעלער ארבייט...

*

אין אָווענד בין איך געווען ביי עטלען. איך בין געקומען נאָך סאפּער, ווייל איך האָב ניט געוואָלט באַלעסטיגען דבורה'ן מיט איבעריגע הכנות צוליעב מיר.

עטעל האָט געהאַט אַן אַהנונג אַז איך בין געקומען וועגען אַ וויכטיגע זאַך. זי האָט געמיינט, אַז איך האָב עפּעס נייעס וועגען איהר שיידונגס־פּראָצעס, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געצויגען. איך האָב איהר אין קורצען איבערגעגעבען די טראַגעדיע וואָס איך האָב ביינעוואוינט, און גלייך ווי איך האָב געענדיגט, זיינען עטעל'ס אויגען פול געוואָרען מיט טרערען. זי האָט גענומען איהר קליינעם איבי, וועלכער איז געזעסען אויף אַ הויכען קינדער־שטוהל, צו זיך אויפ'ן שויס, האָט איהם צוגעדריקט צום האַרצען מיט אַ מוטער־ליכע ליעבע און האָט געמורמעלט: „מיין קינד, מיין קינד!"

— איהר זייט אַ דאַרלינג, — האָט זי געזאָגט צו מיר. — איהר זייט היינט געשטיגען אין מיינע אויגען פופציג פּראָצענט. איהר האָט אָנגעפאַנגען און איהר דאַרפט ענדיגען, ביז די אָרימע יתומים וועלען זיין באַזאָרגט. נעמט מיך פאַר אַ פּאַרטנער אין דער מצוה. פּליהז, סעם, נעמט מיך פאַר אַ פּאַרטנער. מיר וועלען ארבייטען צוזאַמען...

— צוזאַמען, — האָב איך געזאָגט, אָננעמענדיג איהר האַנד און דריקענדיג עס מיט ליעבשאַפט.

— ווען איהר מיך נעמען צו זיי מאָרגען? — האָט עטעל געפרעגט.

— איבערמאָרגען, — האָב איך געענטפערט, זיך דערמאָנענ־דיג אַז מאָרגען וועל איך זיין זעהר פאַרנומען אין געשעפט.

דבורה איז אַרוים אין קיך און איז פון דאָרט באַלד צוריקגע־קומען מיט פיער האַלבע דאָלאַרס אין די הענד.

— דאָס איז מיין קניפּעל, — האָט זי געזאָגט לאַכענדיג, — איך בין דאָס מנדב פאַר די יתומים.

— גיט עס אייער טאָכטער, — האָב איך געזאָגט. — מיר וועלען זי מאַכען פאַר טרעזשורער פון דעם פאָנד.

האָב זייביידען אַ גלעט געטאָן איבער די קעפּלאַך און זיי האָבען זיך געפּיהלט געשמייכעלט.

ווען איך בין אַרויס אויפ׳ן גאַס, האָב איך זיך געפּיהלט ווי אַ נייער מענש. איך האָב אָנגעהויבען צו באַגרייפען אַז דער לע־בען פון דעם מענשען האָט אַ גרויסע מיינונג, אַ וויכטיגען צוועק. דער מענש וואָס לעבט נאָר פאַר זיך אַליין ווייס ניט וואָס לעבען איז. ער איז ניט בעסער פון אַן אָקס, אָדער אַן אַנדער חיה וואָס זוכט נאָר אָנצופּילען דעם אייגענעם מאָגען און דעם מאָגען פון די אייגענע קינדער.

וויפיעל יונגע לייט אַזוי ווי איך, וואָס זיינען אין גוטע אומ־שטענדען און זיינען ניט שלעכט פון דער נאַטור, — וויפיעל פון זיי געהן פאַרביי אַזעלכע טראַגעדיעס און קומען אָפּ בלויז מיט אַ זיפץ אָדער מיט אַ פּאָר ווערטער פון טרייסט, אָדער מיט אַ פּאָר דאָלאַר וואָס זיי וואַרפען צו אַלס נדבה, אַזוי ווי מען וואַרפט צו אַ ביין צו אַ היימלאָזען הונד? אַ יונגער מאַן ווי איך, וואָס האָט אויף זיך ניט קיין אייגענעם יאָך פון קינדער, איז זיין פּפליכט צו העלפען אַזעלכע הילפלאָזע יתומים, און ניט בלויז מיט אַ נדבה, נאָר העלפען אויף אַ פּראַקטישען און זיכערען וועג.

איך וועל היינט אָווענד זיין ביי עטלען. איך וועל איהר דער־צעהלען די געשיכטע. זי וועט סימפּאַטיזירען. זי וועט אפשר ווע־לען געהן מיט מיר אָנקוקען די קליינע יתומים. זי וועט מיר געבען אַן עצה וואָס איך קען טאָן פאַר זיי.

געלד וועט ניט פעהלען. איך וועל געבען. מיין פאָטער וועט געבען. מר. קאַפּטאַן וועט געבען. איך וועל פאַראינטערעסירען אַ סך פון אונזערע באַקאַנטע און זיי וועלען אַלע געבען.

איך וועל די הילפלאָזע יתומים׳לאַך שטעלען אויף די פיס. ווער ווייס — אַמאָל וועלען אפשר פון זיי ווערען גרויסע וועלט־באַריהמטע פרויען? אפשר גרויסע קינסטלערינס, מאָלערינס, זינ־גערינס, שריפטשטעלערינס, אָדער וואוילטעטיגע פרויען וואָס וועלען העלפען אַזעלכע אָרימע יתומים ווי זיי זיינען יעצט...

עס איז גוט צו זיין גוט... עס איז גוט צו העלפען די געפאַ־לענע. עס איז גוט צו דערהאַלטען ביים לעבען אַזעלכע עלענדע

האָב געהערט ווי איינע האָט באַמערקט: „מען קען גלייך זעהן אַז זי איז אַ ליידי".

— וואָרום האָט איהר זיי ניט ערקלערט דעם אמת? — האָט עטעל שמייכלענדיג געפרעגט.

— צו וואָס? — האָב איך צוריקגעפרעגט. — אין אַ גאַנץ קורצע צייט וועט דאָס זיין דער אמת...

עטעל'ס פּנים האָט געשטראַהלט פאַר פרייד ווען זי האָט געהערט די ווערטער.

מיר זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַן עסען, ווייל מיר זיינען ביידע געוועזן הונגעריג. ביים טיש האָבען מיר אויסגעאַרבייט אונזער פּלאַן ווי צו העלפען די עלענדע נפשות. עס איז גאָר קיין פראַגע ניט געוועזן אַז די עלטערע צוויי מיידעלאך דאַרפען געהן אין אַ היים פאַר יתומים. די בייבים דאַרף מען אויסהאַלטען צוזאַמען מיט זייער באַבען ביז מען וועט זיי אויך קענען צונעמען אין אַ יתומים־אַנשטאַלט.

מיר האָבען אויסגעמאַכט אַ ליסטע פון מענשען וועמען מען קען פאַראינטערעסירען אין דעם פאַל. די ערשטע זיינען געוועזן מיין פאָטער און עטעל'ס שוועהר, מר. קאַפּטאַן. איך האָב זיך אונטערנומען צו ריידען מיט מיין פאָטער נאָך דעם זעלבען טאָג.

איך האָב קיין צייט ניט פאַרלאָרען און גלייך ווי איך בין געקומען אין אָפיס האָב איך מיין פאָטער דערצעהלט פון דעם אומגליקליכען פאַל. איך האָב פון איהם בלויז באַהאַלטען אַז איך האָב פון דער טראַגעדיע ערפאַהרען דורך מיין באַזוך אויפ'ן בית־עולם. מיין פאָטער האָט אויסגעהערט מיט סימפּאַטיע און געזאָגט:

— גיב זיי אַ צעהנערעל.

איך בין געוועזן שטאַרק ענטוישט פון מיין פאָטער'ס ענטפער און איך האָב איהם אָנגעהויבען צו ערקלערען די זאַך מיט מעהר איינצעלהייטען.

— גיב זיי אַ פינף און צוואַנציגער, — האָט ער געזאָגט.

— פאָטער! — האָב איך גענומען טענה'ן. — דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען צוואַרפען אַ נדבה, אויף אַ וואָך אָדער

פינף־און־אכציגסטער קאַפּיטעל

דער לוין פון צדקה

די טראַגעדיע פון די קליינע יתומה'לאך האָט מיך נעהנטער פאַרבונדען מיט עטלען. מיר האָבען באַקומען אַ געמיינשאַפטליכע אינטערעסע. מיר האָבען יעצט געהאַט אַן אויפגאַבע, פאַר וועלכע מיר האָבען צוזאַמען געאַרבייט. אונזער פריינדשאַפט האָט אָנגענומען אַ העכערען ווערט מיט אַ העכערע מיינונג, אויסגעטאָן פון פּערזענליכע אינטערעסען. אָט דאָס איז דער לוין פון אמת'ע גוטסקייט, פון צדקה. ווען איך בין געקומען מיט עטלען אין דער וואוינונג פון מיסעס פריינק, די באָבע פון די יתומה'לאך, האָבען אונז אַלע אָנגענומען פאַר אַ מאַן און פרוי. און עס איז גאַנץ נאַטירליך. עטעל האָט זיך באַקאַנט מיט לוסי און סילי, דער עלטערער צווילינג, און זי האָט זיי איינגעלאַדען צו קומען צו איהר און זיך שפּיעלען מיט איהר בייבי. די קינדער האָבען די איינלאַדונג אָנגענומען מיט גרוים שמחה. זי האָט באַוואונדערט דעם בייבי־צווילינג און האָט זיך צואווינט ביי דער בעט, אויף וועלכע זיי זיינען געלעגען. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיי באַזאָרגען מיט אַ ריכטיגע בעט און מיט אַ דאָפּעלטען בייבי־קערידזש. ווען מיר זיינען אַוועק, האָט די אַלטע באָבע מיר געדאַנקט, זאָגענדיג:

— גאָט זאָל אייך באַצאָהלען, אייך מיט אייער פרוי צוזאַמען. און איהר זאָלט אויסלעבען אייערע יאָהרען אין פרייד און אין נחת, און איהר זאָלט קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסען, ניט איהר און ניט אייערע קינדער.

עטעל איז בלויז אַ ביסעל רויט געוואָרען און האָט גוטמוטיג געשמייכעלט.

ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען, האָבען די ווייבער וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, אונז באַגלייט מיט סימפּאַטישע בליקען. איך

ביי זייער געוויסען מיט א נדבה, אויסלייז־געלד. אָבער איינמאָל אז מען ריהרט אָן די ריכטיגע סטרונעס פון זייערע הערצער, צו־שפּיעלט זיך אין זיי יענע ערהאַבענע ליעד וואָס מען רופט „מענ־שען־ליעבע“.

דריי טעג שפּעטער, אין אָוועגד, איז אין עטעל׳ס וואוינונג געווען אָפּגעהאַלטען א רעגעלער מיטינג פון א צעהן פּערזאָן וואָס זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען צו דער „אַסאָסיאיישאָן“, ווי עטעל האָט עס א נאָמען געגעבען, מיט דעם צוועק צו העלפען די אַלטע באָבען מיט איהרע עלענדע אייניקלאַך. עס זיינען געקומען מיין פּאָ־טער און מיין שטיעפמוטער, מר. קאַפּטאָן, (זיין פרוי איז ניט געקו־מען), פעני זיידענפאָדים (די געוועזענע מיס בראָדסקי) מיט איהר פּאָטער, און אייניגע ביזנעס לייט וואָס מיין פאָטער האָט איינ־געלאַדען.

אום צו מאַכען א שטאַרקערען עפעקט אויף די אַנוועזענדע, האָט עטעל געבראַכט דעם עלטערען צווילינג, לוסי און סילי, זי האָט זיי אָנגעטאָן נייע קליידעלאַך און האָט זיי פּאַרפּוצט אַזוי ווי א מוטער פּאַרפּוצט איהרע קינדערלאַך לכבוד שבת. די מיידעלאַך האָבען אויסגעזעהן זעהר שעהן און עטעל האָט עררייכט איהר צוועק. אָהן ספּיטשעס, אָהן אַפּילס האָבען זיך די פּאַרזאַמעלטע געפּלעדזשט א סומע געלד וואָס איז דערוייל געווען גענוג אויסצו־האַלטען די באָבען מיט די צוויי בייבים צוויי יאָהר צייט.

עטעל איז געווען גליקליך. זי האָט געשיינט פאַר גדולה. מר. קאַפּטאָן איז געווען אַזוי ענטציקט פון איהר, דאָס ער האָט איהר א קוש געטאָן. אין מיינע אויגען האָט עטעל קיינמאָל ניט אויסגע־זעהן אַזוי שעהן ווי אין יענעם אָוועגד.

— זי איז א גאָלדענע קינד, — האָט צו מיר געזאָגט מיין פּאָטער, ווען מיר זיינען געפּאָהרען אַהיים. — סעם! איך וואונדער זיך גאָר ניט וואָס דו ווילסט מיט איהר חתונה האָבען.

מיין שטיעפמוטער האָט ליעבליך געשמייכעלט. איך האָב פאַר־שטאַנען, אז מיין פּאָטער האָט איהר דע־צעהלט פון מיין אַלטע ליעבע צו עטלען.

•

צוויי, און נאָכדעם לאָזען די מענשען טרינקען זיך אין נויט. דאָ מוז מען אויסאַרבייטען עפּעס אַ פּלאַן צו העלפען די פאַמיליע אויף אַזא וועג, וואָס זאָל זיי שטעלען אויף די פיס.

— מיין זוהן! — האָט מיין פאָטער געענטפערט. — אַ לע־כערדיגען זאַק וועסטו קיינמאָל ניט פול מאַכען. זאָלען זיך די טשאַריטיס זאָרגען וועגען זיי. מיר קענען ניט פאַרזאָרגען אַ וועלט. פינף און צוואַנציג דאָלאַר איז אַ שעהנע נדבה. ווילסטו, קענסטו גע־בען נאָך אַ צעהנערעל.

איך האָב דאַן דערצעהלט מיין פאָטער, אַז איך בין ענטשלאָ־סען צו טאָן אַ גאַנצע אַרבייט און ניט אָפּקומען מיט אַ נדבה. איך האָב איהם דערצעהלט, אַז עטעל האָט זיך פאַראינטערעסירט אין דעם פאַל און זי וועט זעהן מר. קאַפּטאַן און נאָך מענשען. בכן, מוז מיר מיין פאָטער העלפען צו ברייננען די זאַך צו אַ תכלית. איך האָב אָנגעפאַנגען און איך וועל ענדיגען.

מיין פאָטער האָט איינגעזעהן אַז איך האָב רעכט און ער האָט זיך פאַרשעהמט. ער האָט געענדערט זיין טאָן און האָט גענומען אַרומפרעגען מעהר איינצעלהייטען. ער האָט געזאָגט, דאָס ער וועט אויך פאַראינטערעסירען מענשען און מען וועט טאָן אַלעס וואָס מען דאַרף. צולעצט האָט ער מיר אַ פּאַטש געטאָן אין פּלייצע און האָט אויסגערופען:

— סעם, דו ביזט אַלראַיט! איך בין שטאָלץ אויף דיר!

איך האָב דערצעהלט דיזע כמעט אונוויכטיגע פּאַסירונג מיט מיין פאָטער, טאַקע דערפאַר, ווייל מיין פאָטער איז געווען זעהר אַ גוטער מענש, פּשוט אַהן אַ גאַל, בלויז צו צייגען ווי אָפט די בעסטע מענשען ווערען פאַרבלענדעט פון דעם וואָס זיי זיינען טיעף אַריינגעטאָן אין ביזנעס און קענען ניט טיעפער אַריינבלי־קען אין פראַגען וואָס זיינען נוגע אַנדערע מענשען. עס האָט ניט פיעל גענומען און מיין פאָטער האָט איינגעזעהן זיין פּפליכט און ער האָט אַנדערש גענומען ריידען. עס זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע פאַרנומענע ביזנעס ליים ווי מיין פאָטער, וואָס זיינען צו באַשעפ־טיגט, פאַרטומעלט, פאַרטויבט, אַז זיי ווילען זיך ניט צוהערען ווען מען דערצעהלט זיי אַזאַ טראַגעדיע, און זיי קויפען זיך אויס

האבען באגלייטער. איך קען זיך גאנץ גוט אליין באשיצען. אבער איך האב אייך שוין לאנג ניט געזעהן און אייער געזעלשאפט איז מיר זעהר אנגענעהם.

בין איך מיט איהר געפאהרען. אויפ׳ן גאנצען וועג האב איך איהר דערצעהלט די גאנצע געשיכטע פון מיין באזוך אויפ׳ן בית־עולם, פון מיין באגעגעניש מיט דער לויה, אלעס כסדר ביז דעם מיטינג ביי א „פריינד אין הויז“. איך האב אויסגעלאזען עטלעך פון דער געשיכטע. איך האב זיך אפגעהאלטען פון צו דערצעהלען פון מיין פריינדשאפט מיט עטלען. עפעס וואס איך האב זיך ניט געקענט ערקלעהרען, האט מיך ניט געלאזט דערמאנען וועגען עטלען.

איך האב זי צוגעפיהרט ביז איהר וואוינונג. ביי דער טיר אין האל האב איך גענומען איהר האנד צום אפשייד.

— איהר זייט אזא גוטער, — האט זי געזאגט, ניט אפלאזענדיג מיין האנד, — איך בין שטאלץ אויף אייך. איהר מוזט ביי מיר נעמען צעהן דאלאר פאר דעם פאנד.

— איהר דארפט ניט געבען, — האב איך געזאגט. — איהר האט אוועקגעגעבען אייער אוועגד רוה.

— ניין, איהר מוזט ביי מיר נעמען צעהן דאלאר, — האט זי זיך איינגעשפארט. און ארויסנעמענדיג פון איהר האנד־טאש צוויי פינפערלאך האט זי מיר דאס מיט גוואלד אריינגעשטופט אין האנד.

איך בין געווען שטארק געריהרט פון איהר גוטסקייט און איך האב אנגעקוקט איהר ליעבליכען חנ׳עוודיגען פנים, וועלכער האט אויסגעזעהן אזוי אומשולדיג, ווי דער פנים פון א קינד.

— אייך קומט נאך עפעס, — האט זי געזאגט. — איהר גערענקט ווי איהר האט מיך אמאל געוואלט א קוש טאן?... היינט וועל איך אייך געבען א קוש... איהר האט עס פארדיענט...

און אהן ווארנונג האט זי צוגעלייגט איהרע ליפען צו מיינע. איך האב זיך פארגעסען אויף אלעס אין דער וועלט און האב דעם קוש צוריקגעגעבען...

אַלעם איז יעצט אין אָרדנונג און איך בין געווען צופריעדען פון זיך און פון מיין אויפטו. אָבער ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט: „עס רעגענט קיינמאָל ניט, נאָר עס גיסט“. ווען אויף אַן אָרימאַן קומען צרות, קומען זיי אויף אַמאָל, ווי שלאַקס רעגן.

דער בייבי צווילינג איז קראַנק געוואָרען. און ביידע אויף לונגען־ענטצינדונג. מען האָט געמוזט רופען אַ דאָקטאָר. דער דאָק־טאָר האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף האָבען אַ גוטע נוירס, ווייל אויף דער אַלטער באָבען מיט די שכנות קען מען זיך ניט פאַרלאָזען.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיס שעפּאַרד, און איך האָב באַ־שלאָסען זי צו רופען. איך האָב זי אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן, האָט מען מיר געזאָגט אַז זי וועט קומען אין אָוועגד. בין איך צו איהר אַליין אוועק אין אָוועגד.

זי האָט די קיים ניט געקענט אָננעמען, ווייל זי איז געווען ענגאַזשירט צו אַ קינפּעטאָרין און איז געקומען אויף אַ נאַכט זיך אָפּרוהען אין דער היים. זי וועט נאָך מוזען פאַרבלייבען מיט איהר פּאַציענטין אַן אומבאַשטימטע צייט. זי איז אָבער געווען גרייט צו העלפען. זי וועט מיר געבען אַן אַנדער נוירס, און אַזוי ווי זי איז דעם אָוועגד פריי, וועט זי מיט מיר געהן אָנקוקען די עופה׳לאַך.

צוזאַמען מיט מיס שעפּאַרד און די נוירס וואָס זי האָט מיר געגעבען (מיס טריינין האָט זי געהייסען און איז געווען אַן עלטערע מיידעל פון אַ יאָהר פערציג) זיינען מיר אוועק צו דער וואוינונג פון מיסעס פריינק. מיס שעפּאַרד איז געווען געריהרט ביז טרערען ווען איך האָב איהר דערצעהלט די טראַגעדיע פון דער פאַמיליע. עס האָט איהר זעהר באַנג געטאָן וואָס זי האָט אַליין ניט געקענט פאַרבלייבען ביי די קראַנקע קינדערלאַך.

— זיי האַלטען זעהר שמאָל, — האָט זי צו מיר געזאָגט שטיל. — איין גאָט קען זיי העלפען.

ווען מיר זיינען אַרויס אין האָל, האָב איך אָנגעבאָטען זי אָפּ־צופיהרען אַהיים. מיס שעפּאַרד האָט מיין איינלאַדונג זעהר גערן אָנגענומען.

— איך האַלט אפילו ניט פון דעם, אַז אַ בריוו־צימער דאַרף

האָב זיך צוקושט מיט מיס שעפּאַרד. אמת, עס איז געווען אַ קוש פון ריינער פריינדשאַפט, ריכטיגער געזאָגט פון פאַרעהרונג, אָדער פון דאַנקבאַרקייט. זי האָט מיר געוואָלט אַרויסצייגען איהר אַנער־קענונג פאַר די גוטע אַרבייט פון מיין גוטסקייט צו די אָרימע און עלענדע יתומה'לאַך. זי האָט עס געטאָן אין אַ מאָמענט פון אַן איבערפלוס פון סימפּאַטיע. און איך? ווי האָב איך געקענט בלייבען פּאַסיוו און ניט צוריק אַרויסווייזען דעם זעלבען האַרציגען אויס־דרוק פון סימפּאַטיע און וואַרימע פריינדשאַפט? און דאָך האָבען די געפיהלען פון חרטה מיך ניט אָפּגעלאָזען.

איך האָב געבראָכען אַ הייליגען באַשלוס. איך וועל עטלען ניט קענען קוקען גלייך אין די אויגען ווען איך וועל איהר געבען איהר ערשטען קוש... דאָס וועט שוין ניט זיין אַן ערשטער קוש. איך האָב איהם שוין אַוועקגעגעבען צו אַן אַנדערער.

מיט אַזעלכע געפיהלען פון חרטה בין איך אַוועק פון מיס שעפּאַרד אַהיים. ביז אַ שטיק אין דער נאַכט האָב איך געטראַכט פון דער פּאַסירונג.

איך מוז דאָס דערצעהלען עטלען. זאָל זי מיך משפּט'ן, — האָב איך זיך געטראַכט.

ניין, דאָס טויג ניט, — האָב איך זיך צוריק געטראַכט. — עטעל קען ניט מיס שעפּאַרד. זי וועט מיינען אַז זי איז אַ לייכט־זיניגע מיידעל, איינע פון יענע מיידלאַך וואָס פאַרטיילען זייערע קושען אַזוי ווי פּינאַטס, און עטעל וועט קריגען אַ פאַלשע מיינונג פון איהר. ניין, בעסער פאַרשווייגען. בעסער פאַרגעסען.

מיט די געדאַנקען בין איך איינגעשלאָפען.

און עס האָט זיך מיר יענע נאַכט גע'חלומ'ט אַ חלום, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען. איך האָב זיך געזעהן אין אַ גרויסע שוהל, וואָס איז געווען באַציערט מיט בלומען. אויף אַלע ביינק זיינען געזעסען איינגעלאַדענע געסט. די מוזיק האָט גע־שפּיעלט דעם חופּה־מאַרש. און איך בין געגאַנגען מיט עטלען צו דער חופּה. אָט זיינען מיר שוין אונטער דער חופּה, דער מסדר קדושין איז שוין גרייט דורכצופיהרען די צערעמאָניע, און מיט אַמאָל הערט זיך אין שוהל אַ שטימע. אַלע ווערען שטיל. קיינער

זעקס־און־אַכציגסטער קאַפּיטעל

חרטה

אַ קוש האָט פאַרשידענע באַדייטונגען. ריכטיגער געזאָגט, עס זיינען דאָ פאַרשידענע קושען. ערשטענס קומט די מאַמע׳ס קוש, וועלכער ווערט געגעבען מיט אַ שטיק הארץ צוזאַמען. דיזער קוש איז הייליג. נאָכדעם קומט דער קוש פון אַ פּאָר פאַרליעבטע וואָס ליעבען זיך איינע די אַנדערע מיט אַ ריינעם הארצען. דאָס איז אַ נשמה־קוש וואָס דריקט אויס די געפיהלען וועלכע מען קען ניט איבערגעבען מיט ווערטער. נאָכדעם קומט דער קוש פון פריינד־שאַפט, וועלכער איז ניט אין דער מאָדע ביי מענער אין אַמעריקא. דער פערטער סאָרט קוש איז דער קוש פון ליידענשאַפט, אַ גראָבער קוש אָהן אמת׳ע ליעבע, וואָס איז אַ באַליידיגונג פאַר דער אונ־שולד. עס איז אַזוי ווי דער אומאַרמען פון אַ בער. צולעצט קומט דער מיינונגסלאָזער קוש, וועלכער האָט קיין האַפט און קיין באַ־דייטונג און וועלכער ווערט פריי צוטיילט צווישען פרויען. צו דיזען קלאַס געהערען אויך די קושען וואָס מיידלאַך גיבען אַוועק פריי צו „פעלערס“ און מאַכען זיך ביליג אין זייערע אויגען.. אַ יונגער מאַן האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט געליעבט אַ מיידעל, אָבער זי איז איהם מיאוס געוואָרען טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט ביי איהר איינמאָל געבעטען אַ קוש, האָט זי איהם גלייך אויפ׳ן אָרט דעם קוש געגעבען.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז ביי מיר געווען אַ פעסטער באַשלוס אַז מיין ערשטער קוש צו אַ פרויענצימער זאָל איך געבען צו דער, מיט וועלכער איך וועל געהן צו דער חופּה. און דארום קענט איהר זיך פאָרשטעלען ווי איך האָב געפיהלט נאָכדעם, ווי איך האָב זיך ערוואַכט פון מיין איבערראַשונג, נאָכדעם ווי איך

— עס איז דאָרט זעהר גוט אין קעמפּ, — האָט מיסעס ראָ־בינס געענטפערט. — זי שרייבט אייך א גרוס אין יערען בריעף...

דאָס האָט מיך גריהרט. איך האָב זיך דערמאָנט ווי צוגע־בונדען דאָס זיסע קינד איז געווען צו מיר. ווארום האָב איך זיך פון איהר אָפּגעפרעמדט?

— איך מוז איהר שרייבען, — האָב איך געזאָגט.

— עס איז אייך פאַרשפּאָרט צו שרייבען, — האָט מיסעס ראָבינס געענטפערט. — איך פאָהר אהין מאָרגען. איך שטעה איין אין א האָטעל ניט ווייט פון דאָרט, בלויז א פּאָר מייל, און איך וועל איהר אָפּגעבען א מינדליכען גרוס פון אייך.

— און איך פאָהר אויך אהין אויף עטליכע וואָכען, — האָט פעני זיידענפאַדים געזאָגט. — איך רייד צו עטלען מיט איהר מוטער אז זיי זאָלען מיט אונז אויך פאָהרען. דאָרט איז זעהר א גוטער פּלאַץ. אפשר וואָלט איהר אויך גענומען אייער וועקיי־שאָן מיט אונז?

דער פאָרשלאַג איז מיר געפעלען געווען, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט באַשליסען גלייך אויפ'ן אָרט. איך האָב צוערשט גע־וואָלט וויסען אויב מיסעס ראָבינס ווייס פון מיינע באַציהונגען צו עטלען.

עטעל האָט געזאָגט, אַז זי קען ניט פאָהרען ביז אַלעס וועט זיין אין אָרדנונג מיט די יתומים.

— איך מוז אויך ווארטען, — האָב איך געזאָגט.

מיר האָבען צוגעבראַכט א פרעהליכען אָוונד אין עטעל'ס וואוינונג. מיסעס ראָבינס האָט געשפּיעלט פּיאַנאָ און עטעל האָט געזונגען. ביז יענעם אָוונד האָב איך גאָר ניט געוואוסט אַז עטעל האָט א שעהנע שטימע. פאַר פעני'ן איז דאָס אויך געווען א סור־פּריז. זי איז געווען שטאַרק ענטציקט פון עטעל'ס זינגען.

— איהר האָט געדאַרפט נעמען א לעהרער און אייער שטימע קולטיווירען. ווער ווייס, אפשר וועט פון אייך ווערען א גרויסע זינגערין?

עטעל האָט עס אָנגענומען פאַר א שפּאַס. זי האָט געזאָגט:

וויים ניט פון וואַנען די שטימע קומט... „דאָס איז ניט זיין באַ־שערטע... זיין באַשערטע איז די, וועמען ער האָט געגעבען זיין ערשטען קוש...“ עס ווערט אַ טומעל... עטעל חלש'ט אין מיינע אָרעמס... מיר אַליין ווערט ניט גוט...

איך כאַפּ זיך אויף און זעה אַז איך ליג ביי מיר אין בעט.

עס האָט מיך שטאַרק געפרעהט וואָס דאָס איז געווען בלויז אַ חלום. איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו גלויבען אין חלומות. אַט האָט זיך מיר איין מאָל, מיט עטליכע יאָהר צוריק, געחלומ'ט אַז איך וועל חתונה האָבען מיט מים בראָדסקי און עס האָט זיך פון דעם גאָרניט אויסגעלאָזען... און דאָך האָט מיר אַ גאַנצען טאָג גע־דריקט אויפ'ן האַרצען... איך האָב פון דעם חלום שפּעטער גע־טראַכט זעהר פיעל.

*

פּעני זיידענפאַדים האָט פאַראינטערעסירט אין די יתומה'לאַך איהר שוועגערין, מיסעס ראַבנים, און זי האָט זי אַ פּאָר טעג שפּע־טער געבראַכט צו עטלען אין אָווענד, אויף סאַפּער. איך בין אַהין אָנגעקומען נאָך סאַפּער. איך האָב געהאַט גוטע נייעס. די נוירס האָט מיר טעלעפאָנירט, אַז דער צווילינג בעסערט זיך, און אַז דער קריזיס איז שוין אַריבער.

אַלע האָבען זיך געפרעהט. און פּעני האָט געזאָגט:

— ווי די האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איהר וועט היינט אַהער קומען און ברייגנען גוטע נייעס.

איך האָב זיך געפיהלט אַ ביסעל אונבאַקוועם אין דער אַנ־וועזענדהייט פון מיסעס ראַבינס. איך האָב זיך געשעהמט איהר צו קוקען אין די אויגען. איך האָב זי אַזוי מיאוס פאַרנאַכלעסיגט, און נאָך אַזאַ פריינדשאַפט ווי עס איז צווישען אונז אויפגעוואַקסען האָב איך זיך אפילו ניט גענומען די מיה זי אַמאָל אָפּצורופען אויפ'ן טעלעפאָן און פרעגען וואָס זי מאַכט. איך האָב דעם פאַר־וואורף געלעזען אין איהרע אויגען.

דאָך האָב איך זיך גענומען דעם מוט און ביי איהר געפרעגט:

— וואָס מאַכט אייער עללאַ?

זיבען־און־אַכציגסטער קאַפּיטעל

די יתומות באַקומען אַ פאָטער

דער שיקזאַל פון די קליינע יתומה'לאַך האָט זיך פּלוצלינג אַ דרעה געטאָן צו גוטען. דער בייבי־צווילינג איז געזונד געוואָרען, און אַ טאָג נאָכדעם ווי די נוירס איז אַוועק, איז געשעהען אַ גאַנץ אונערוואַרטעטע זאַך.

אימיצער האָט די טראַגעדיע פון די פיער יתומה'לאַך באַשריבען אין אַ אידישע צייטונג, און עס האָט זיך אָפּגערופען אַ פאַרגעסענער קאָזין פון דער פאַרשטאָרבענער מיסעס גלוסקין, אַזש פון סאַוט קאַראָליינאַ. ער האָט געשריבען אַז ער איז קינדערלאָז און ער וואָלט געוועזען צופרידען צו אַדאָפּטירען דעם עלטערען צווילינג. עטעל האָט איבערגענומען צו פיהרען די קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם קאָזין. זי האָט געוואָלט אַז ער זאָל בעסער צונעמען דעם אינגערען צווילינג צוזאַמען מיט דער אַלטער באָבען און דערפאַר וועט ער באַקומען אַלס צוגאָב אַ סומע פון צוויי טויזענד מיט דריי הונדערט דאָלאַר, וואָס איז געזאַמעלט געוואָרען פאַר די יתומות.

דער קאָזין האָט געענטפערט, אַז קליינע בייבים איז איהם שווער אָנצולאָדען אויף זיין פרוי, נאָר ער וועט ביישטייערען צו דעם פאָנד און וועט העלפען אויסהאַלטען די בייבים ביז זיי וועלען קענען געהן אין סקוהל, און דאַן וועט ער זיי אויך נעמען צו זיך. אַלס אַ צייכען פון צוטרויען האָט ער צוגעשיקט אַ דרעפט אויף פינף הונדערט דאָלאַר.

עטעל איז געוועזען איבערגליקליך מיט דעם רעזולטאַט. זי האָט אויסגעזוכט אַ צימער אין אַ אידישע פאַרם־הויז, אין קאָנעטיקוט, און האָט אַהין אַוועקגעשיקט די אַלטע מיט דעם אינגערען צווילינג. דעם עלטערען צווילינג האָט מען אָפּגעשיקט אונטער דער אויפזיכט

— וואס נאך פעהלט מיר! ווערען א זינגערין און נאך אפשר זינגען אפערא. האַ־האַ־האַ! און ווער וועט אַטענדען מיין בייבי?

— איהר וועט נעמען א נוירס, אדער א גאווערנעס, — האט פעני געזאגט, שוין אויך אין שפאס. — און מיר וועלען אלע קומען, זיך אווּעקזעצען אין א באקס און אייך אפּלאדירען.

אין דער מינוט האט זיך געהערט אייבי'ס געשריי פון בעד־רום. ער האט זיך אויפגעכאפּט און געוואלט זיין סאפער.

— אט דאס איז מיין אפּערא! — האט עטעל אויסגערופען און איז אוועק באדיענען איהר „באַרדער“.

— איזנ'ט שי איי דארלינג? — האט פעני געזאגט צו מי־סעס ראבינס, נאכדעם ווי עטעל איז ארויס.

— שי איז דהי לאווליעסט וואומען אי עווער מעט, — האט מיסעס ראבינס געזאגט שטארק באגייסטערט.

און איך האב זיך שטארק געפרעהט וואס מיסעס ראבינס דענקט אז עטעל איז די ליעבליכסטע פרוי וואס זי האט ווען אין איהר לעבען געקענט.

— און וואס דענקט איהר? — האט פעני געפרעגט מיין מיינונג.

איך בין זיכער, אז זי האט עס געטאן מיט אבזיכט כדי מיך צו ברייגנען אין א פארלעגענהייט. אבער איך האב געמוזט געבען אן ענטפער, האב איך געזאגט:

— איך בין מיט אייך איינפארשטאנדען. עס פאסט ניט פאר א מאן צו ווידערשפּרעכען די מיינונג פון אזעלכע פיינע לײדים.

פעני האט זיך צולאכט אויף איהר שטייגער.

זיך ניט געשעהמט צו ריידען אָפען וועגען אונזערע צוקונפטס־פּלענער. מיסעס ראָבינס האָט יעצט פאַרשטאַנען, אַז מיין ליעבע צו עטלען איז ניט פון אַ לייכטזיניגען מענשען וואָס טראָגט איבער זיין הארץ פון איין פרוי צו אַן אַנדערער, נאָר אַז עטעל איז געווען פון אָנפאַנג אָן מיין ערשטע ליעבע. איך גלויב, אַז פּעני האָט איהר אַלעס דערצעהלט. מעגליך אַז מיסעס ראָבינס האָט עס אין הארצען פאַרדראָסען, אָבער זי האָט עס די ערשטע צייט ניט אַרויסגעוויזען. איין זאַך ווייס איך, און דאָס איז אַז דעם רייכען אַלמן, מר. זאַבלאָנסקי, וועלכער האָט זיך צו איהר גע׳שדכנ׳ט, האָט זי ענדליך ענטזאָגט און ער האָט אויפגעהערט צו קומען צו איהר.

אָנפאַנג אויגוסט האָב איך זיך גענומען אַ צוויי וואָכען וואַ־קיישאָן און איך בין אַוועק צו פאַרברייגנען די פּאָר וואָכען צוזאַמען מיט עטלען.

איך האָב באַמערקט, אַז צייטענווייז פּלעגט מיסעס ראָבינס ווערען אומעטיג. איך האָב אָנגעהויבען צו ווערען אַ ביסעל באַ־זאָרגט־וועגען איהר. איך האָב אויך באַמערקט, אַז זי פּלעגט ערוואַר־טען מיין אָנקומען מיט אונגעדולד, אַזוי ווי איך וואָלט געקומען צו איהר. וואָס מיר האָט מעהר געשראָקען איז, וואָס זי פּלעגט זיך פוצען פון מיינטוועגען און זיך באַמיהען אויסצוזעהן שעהן און אָנציהענד.

איינמאָל האָט מיסעס ראָבינס מיך איינגעלאַדען צו פאָהרען מיט איהר אויף אַ באַזוך צום קינדער־קעמפּ וואו איהר עללאַ האָט זיך געפונען. אַזוי ווי איך האָב עללאַ׳ן גאַנץ ליעב געהאַט, האָב איך די איינלאַדונג גאַנץ גערן אָנגענומען. אָבער עס איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש, וואָרום מיסעס ראָבינס האָט פאַר דעם באַזוך אויסגעקליבען גראַדע אַ טאָג ווען פּעני מיט דבורה׳ן זיינען אָפּגע־פאָהרען אין ניו יאָרק אויף אַ פּאָר טעג, איינצוקויפען נויטיגע זאַכען, און עטעל איז פאַרבליבען אַליין מיט איהר קינד.

ווען איך האָב צוגעזאָגט מיסעס ראָבינס צו פאָהרען מיט איהר איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלען אַז איך קען מיט דעם עטלען פאַר־שאַפען שמערצען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז עטעל האָט גאָר ניט געזאָגט. זי האָט אפילו ניט אַרויסגעצייגט דעם בינדסטען צייכען אַז זי וויל ניט ליידען וואָס איך פאָהר צוזאַמען מיט דער רייצענדער־

פון אַ קאָנדוקטאָר אַ האַלבען וועג, צו אַ פּונקט וואו דער קאָזין איז געקומען און האָט זיי אָפּגענומען.

איך קוק צוריק אויף יענער צייט מיט גרויס צופרידענהייט און זאָגאָר מיט אַ געוויסען גראַד שטאָלץ. ווער ווייס וואָס עס וואָלט געוואָרען פון די קליינע יתומה׳לאַך, ווען עס וואָלט מיר ניט איינ־געפאַלען דער גליקליכער געדאַנק צו שאַפען פאַר זיי די ריכטיגע הילף און טאָן אַ פאָלקאָמענע אַרבייט. איך בין נאָך מעהר געווען שטאָלץ אויף עטלען. מיט וואָס פאַר אַ טרייהייט און מיט וואָס פאַר אַן איבערגעבענהייט זי האָט געאַרבייט אין דעם פאַל. ווי גוט איז אַז אַלעס האָט זיך געענדיגט אַזוי גוט.

*

דער זומער, וועלכער האָט זיך יענעם יאָהר אַ ביסעל פאַר־שפּעטיגט, האָט באַלד נאָך שבועות אָנגעהויבען צו הערשען מיט זיין פולער מאַכט. ווער עס האָט נאָר געקענט האָט פאַרלאָזען די שטאָט און איז אַוועק אויף די בערג, אָדער צום ים.

עטעל, איהר מוטער און איהר „בייבי־אייבי", ווי זי פלעגט רופען איהר אינגעלע, זיינען אַוועק צום זעלבען זומער־האָטעל וואו פעני זיידענפאַדים און מיסעס ראָבינס זיינען איינגעשטאַנען. מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער האָבען גענומען אַ באַנגאַלאָ אין לאָנג ברענטש. דאָס האָט מיין פאָטער געגעבען אַ מעגליכקייט צו זיין כמעט יעדען טאָג אין ניו יאָרק. איך זעלבסט פלעג פאָהרען צו מיינע עלטערען אויף שבת און זונטאָג אַ וואָך איבער אַ וואָך. די אַנדערע וואָך פלעג איך צופאָהרען צו עטלען.

עס איז שוין גאָר קיין סוד ניט געווען, אַז עטעל און איך וועלען חתונה האָבען גלייך ווי זי וועט זיין געזעצליך געשיעדע פון אַרנאָלד קאַפּטאַן. עס איז אויך קיין סוד ניט געווען, אַז מיר האָבען איינע די אַנדערע פריהער געליעבט. ניט איך און ני עטעל האָבען דאָס קיינעם דערצעהלט, נאָר ווי עס קומט אימע פאַר אין אַזעלכע פאַלען, האָט זיך די זאַך „דערגאַנגען פון זיין אַליין".

ווי די לאָיערס האָבען אונז פאַרזיכערט, האָט די שיידונג גע דאַרפט באַשטעטיגט ווערען אין סעפּטעמבער. עטעל און איך האָבע

אויף דער רייזע צוריק צו אונזער האָטעל האָב איך געזוכט אויסצומיידען אירגענד וועלכען געשפּרעך וואָס זאָל אַרויפפיהרען אויף דער טעמא וועלכע איך האָב יעצט באַטראַכט אַלס אַ פאַר־ברעכען געגען עטלען. און ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אין האָ־טעל (עס איז געוועזן גראַדע פאַר סאַפּער), האָב איך אויסגעזוכט עטלען אין פּרוכט־גאָרטען, וואו זי האָט זיך געשפּיעלט מיט איהר אינגעלע.

— געהאַט עפּעס אַ גוד טאַים? — האָט זי מיך געפרעגט און זיך באַמיהט אויסצוזעהן רוהיג און גלייכגילטיג.

— איך האָב דאָ בעסער געקענט פאַרברענגען, — האָב איך געזאָגט, באַטאָנענדיג יעדען וואָרט, — אָבער איך האָב איהר ניט געקענט ענטזאַגען אַזאַ ביטע, און איהר מיידעלע איז ווירקליך אַ ליעבענסווירדיגע קינד — אַ זעלטענהייט.

— נאָך שעהנער ווי מיין אייבי? — האָט עטעל געפרעגט, שפּאַסענדיג.

מיינע ווערטער האָבען זי באַרוהיגט און צוריק געבראַכט צו איהר פרעהליכער שטימונג.

— שעהנער ניט, אָבער קליגער, — האָב איך געענטפערט, ווייל גראַדע אין דעם אויגענבליק האָט אייבי זיך גענומען וואַרפען און שרייען. ער האָט געוואָלט מען זאָל איהם כאַפּען אַ קאַץ וועלכע איז פאַרביי געלאָפען.

— נו, — האָט עטעל געזאָגט, — יעדעס קינד איז געראָטען אין זיין מאַמען. אפשר איז מיסעס ראָבינס טאַקע קליגער פון מיר. זי האָט געהאַט אַ בעסערע ערציהונג, אַ העכערע בילדונג.

— עטעל! וואָס זיינען דאָס פאַר אַווערטער? — האָב איך געפרעגט דערשראָקען. עס האָט זיך מיר אָפּגעדאַכט, אַז עטעל איז אייפערזיכטיג.

— עקסקיוז מי, — האָט זי זיך ענטשולדיגט. — איך האָב גאָרנישט געמיינט. פאַרגעסט עס!

צו סאַפּער האָב איך מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַרויס־געוויזען צו עטלען און מיסעס ראָבינס האָב איך כמעט איגנאָרירט. ביינאַכט האָב איך לאַנג נאָכגעטראַכט וועגען דעם. איך האָב

יונגער אַלמנה. אָבער ווען איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן וואָגען מיט מיסעס ראָבינס, און מיסעס ראָבינס האָט געמאַכט אַ שטאָלצע מינע, אַזוי ווי זי וואָלט געוואונען אַ גרויסען זיעג, האָט עטעל'ס פּנים (זי האָט אונז געזעהן אָפּפאָהרען פון דער וועראַנדאַ) גע־שמייכעלט מיט אַ געמאַטערטען שמייכעל, און איהרע ליפּען האָבען נערוועז אַ ציטער געטאָן. איך בין זיכער, אַז ווען מיר זיינען אַוועק־געפאָהרען האָט זי זיך באַהאַלטען אין איהר צימער און האָט גע־וויינט.

אַ גאַנצען וועג אַהין, צום קעמפּ, האָט זי מיר דערצעהלט פון עללאַ'ן, ווי די אויפזעהער און די לעהרער קענען זיך ניט אָפּלויבען פון איהר חכמה. צוליעב עללאַ'ן האָט זי ענטזאָגט דעם מר. יאַב־לאָנסקי, וועלכער האָט פּשוט געקושט די ערד וואו זי האָט גע־טראָטען. ער אי זגעווען גרייט צו טאָן אַלעס פאַר איהר. אַ גרויסע טענעמענט־הויז האָט ער געוואָלט איבערשרייבען אויף איהר נאָ־מען דעם טאָג וואָס זי גיט איהם איהר „יא" וואָרט. אָבער עללאַ האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וויל איהם ניט האָבען פאַר אַ פּאַפּאַ.

— און ווייסט איהר וואָס עללאַ האָט געזאָגט? — האָט מיסעס ראָבינס צוגעלייגט. — איך שעהם מיך דאָס איבערצו־זאָגען... וועל... זי איז דאָך ניט מעהר ווי אַ קינד... זי האָט גע־זאָגט: „אַי וואָנט אָנקעל סעם טו בי מאַי פּאַפּאַ!" אַ קינד!... זי גלייכט אייך. זי רופט אייך נאָך אַלץ אָנקעל סעם.

איך בין צוטומעלט געוואָרען דאָס הערענדיג. איך האָב באַ־גריפען וואוהין מיסעס ראָבינס ציעלט... מיין האַרץ איז צוזאַמענ־געדריקט געוואָרען אויס רחמנות אויף איהר. איך האָב זי דאָך ליעב געהאַט, איך בין ניט געווען פאַרליעבט אין איהר, אָבער זי איז מיר געווען ליעב ווי אַ פריינד, אַ העכסט סימפּאַטישע פרוי, אַ שעהנע אָנגענעהמע פערזענליכקייט.

עללאַ האָט געטאַנצט פאַר פרייד ווען זי האָט מיך דערזעהן. זי האָט זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום מיין האַלז און האָט מיך ניט אָפּגעלאָזען פאַר אַ פּאָר מינוטען. די אַנוועזענדע, ווייסענדיג אַז מיסעס ראָבינס איז אַן אַלמנה, האָבען מיך באַטראַכט אַלס איהר צוקינפטיגען צווייטען מאַן.

אכט־און־אכציגסטער קאפיטעל

עטעל זינגט אויף א קאנצערט

דער זומער־האטעל, אין וועלכען עטעל מיט איהר מוטער, פעני זיידענפאדים און מיסעס ראבינס זיינען איינגעשטאנען און וואו איך האב צוגעבראכט מיין צווייוואכענדיגען וואקיישאן, האט זיך גערופען מיט דעם הויך־קלינגענדען נאמען „אלהאמבראׄ". אהין פלעגען קומען אן ערשטע קלאסע וואהלהאבענדע מענשען. מעגליך אז דער נאמען פון האטעל האט זיי צוגעצויגען. אהין פלעגען אויך קומען משולחים, קאלעקטארען און סאליסיטארס צו קלייבען נדבות פאר פארשידענע וואהלטעטיגע צוועקען. פאר די זעלבע צוועקען פלעגען אין דעם גרויסען זאל פון האטעל אפגעהאלטען ווערען טענץ און קאנצערטען.

אין אווענד האבען מיר דארט געהאט א קאנצערט פון א יונגען חזן, קאנטאר דזשיאקאמא סאלאמאן, פאר דעם בענעפיט פון א בית־יתומים אין ניו יארק. דער חזן איז געקומען מיט א טאג פריהער פון זיין קאנצערט. ער איז געווען א שעהנער, הויכער און פעסט־געבויטער יונגער מאן, מיט פיינע מאניערען, און א דזשענטעלמאן וואס האט געוואוסט צו געפעלען זיין די לאידים. ער איז גלייך אין אנפאנג שטארק צוגעצויגען געווארען צו מיסעס ראבינס, אבער זי האט זיך ארויסגעוויזען זעהר קאלט צו איהם. איבערהויפט האט זי דאס ארויסגעוויזען אין מיין געגענווארט. דער חזן האט דאן גענומען זוכען קאמפלימענטען ביי אנדערע דאמען.

פעני זיידענפאדים, וועלכע האט דעם חזן געקענט פון פריהער, האט פארגעשלאגען, אז ער זאל פארהערען עטעל׳ס שטימע.

— איך בין אימער גרייט צו העלפען א טאלאנט. איך האב שוין ענטדעקט מעהר ווי איין גרויסען מוזיקאלישען טאלאנט, — האט דער חזן געזאגט.

זיך ווידער באַשולדיגט. איך האָב אריינגעגעבען האָפנונג אין מיסעס ראָבינס׳ הארצען. זי האָט געגלויבט אַז איך ליעב זי און זי האָט זיך פאַרליעבט אין מיר.

און האָב איך זי דען ניט געליעבט? יאָ — אָבער יעצט איז אַנדערש. יעצט האָב איך צוריק מיין ערשטע ליעבע — איך האָב עטלען.

און מיט דעם וואָרט „עטעל״ אויף מיינע ליפען בין איך איינגעשלאָפען געוואָרען.



דעם קלענסטען פעהלער אין דער מוזיקאַלישער גראַמאַטיק. אָבער ווען זי האָט געענדיגט, האָט ער איהר אָנגענומען פאַר איהר האַנד און געזאָגט:

— איך גראַטולירּ אייך. איהר האָט אַ זעלטען שעהנע לירישע סאָפּראַנאָ שטימע. איהר האָט אַ גרויסע צוקונפט — ווי אַלט זייט איהר, מעג איך אייך פרעגען?

— שוין אַן אַלטע אידענע, — האָט עטעל געענטפערט לאַ־כענדיג און פרעהענדיג זיך מיט דעם חזן׳ס מיינונג. — איך בין שוין באַלד דריי און צוואַנציג יאָהר אַלט און האָב שוין אַ גרויסען זוהן פון אַ פערצעהן חדשים.

— דריי און צוואַנציג יאָהר איז אפילו אַ ביסעל צו שפּעט אָנצופאַנגען צו ענטוויקלען אַ טאַלאַנט, — האָט דער חזן גע־זאָגט, — אָבער ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, איז עס קיינמאָל ניט צו שפּעט צו פאַרריכטען אַ זאַך. איך קען אייך געבען אַ לעהרער, אַזאַ וואָס גיט זיך אָפּ ספּעציעל מיט טריינען יונגע טאַלאַנטען און ער רעכענט ניט פיעל. גלייך ווי איהר קומט צוריק אין ניו יאָרק, רופט מיך אָפּ און איך וועל אייך מאַכען אַן אַפּאָינטמענט מיט דעם לעהרער. דאָ האָט איהר מיין קאַרטעל.

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט פעני זיידענפאַדים אויסגערופען און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף עטלען און זי גע־נומען קושען. — איהר וועט זינגען אין אָפּערא. הוראה, בראַוואָ, בים! — און פעני האָט אָפּגעלאָזען עטלען און גענומען פּאַטשען מיט די הענד, צייגענדיג ווי זי וועט עטלען אַפּלאָדירען.

אויך מיסעס ראָבינס, וועלכע איז דערביי געשטאַנען, האָט געשמייכעלט. זי איז דאָך געווען אַ גוטע, נאָבעלע פרוי און האָט געהאַט סימפּאַטישע געפיהלען פאַר עטלען.

— איהר ווייסט וואָס, ליידים? — האָט דער חזן געזאָגט. — איך האָב אַ גוטע אידעע צו העלפען דעם ערפאָלג פון דעם קאָנ־צערט מאָרגען אָווענד. איז דאָ אַ גוטע פּיאַנאָ־שפּיעלרין אין דעם האָטעל?

מיר האָבען אַלע געקוקט אויף מיסעס ראָבינס, וועלכע איז געשטאַנען און זיך גערויטעלט.

טעל האָט זיך שטאַרק פאַרשעהמט און האָט ברוגז׳דיג געזאָגט צו פעני׳ן:

— וואָס האָט איהר זיך אַנגעטשעפּעט צו מיר? וואָס ווילט איהר מיר איינריידען? אַן אָפּערא סטאַר ווילט איהר מאַכען פון מיר?

— עס קען אַלעס מעגליך זיין, — האָט דער חזן געזאָגט. — זעהר פיעלע טאַלאַנטען געהן פאַרלאָרען, ווייל קיינער ווייס ניט פון זיי. און פיעלע גרויסע טאַלאַנטען ווערען ענטדעקט גאָר דורך אַ צופאַל. עס קען זיין, אַז אַ גליקליכער צופאַל האָט מיר אַהער געבראַכט צו ענטדעקען אַ גרויסען טאַלאַנט, אַ שטימע וואָס וועט אַמאָל דערפרעהען די וועלט.

זייט איך קען עטלען האָט זי אימער פיינט געהאַט קאָמפּלימענטען. זי איז ניט געווען פון די פרויען וואָס האָבען ליעב צו הערען ווי שעהן זיי זיינען, וואָס אַ פיינע פיגור זיי האָבען, וואָס פאַר אַ שעהנע פאַרב זיי האָבען אין די באַקען און עהנליכע קאָמפּלימענטען. אָבער ווען דער חזן האָט גענומען פאַר איהר פאַרשטעלען די מעגליכקייט אַז זי האָט אַ שעהנע שטימע וואָס וועט אַמאָל דערפרעהען אַ וועלט, האָט איהר פּנים געשטראַהלט פאַר פרייד און זי האָט געקוקט אויף דעם חזן מיט דאַנקבאַרע בליקען. אויף פעני׳ס פאַרשלאַג זיינען מיר אַלע אריין אין עטעל׳ס צימער, וועלכער איז געווען גרעסער און גראַמער ווי די אַנדערע. דער חזן האָט זיך גלייך גענומען צו דער פּראָבע. ער האָט געפרעגט עטלען, אויב זי קען עפּעס אַ ליעד זינגען. עטעל האָט פון אָנפאַנג זיך געלאָזט בעטען, אָבער נאָכדעם ווי מיר אַלע האָבען זיך ערמוטיגט, האָט זי אָנגעהויבען צו זינגען. פון אָנפאַנג איז איהר שטימע געווען אַ ביסעל נערוועז, אָבער ביסלעכווייז האָט זי באַקומען קוראַזש און געזונגען בעסער, זיכערער, פעסטער.

מיר זיינען אַלע געשטאַנען אין גרויס ערוואַרטונג און די אויגען ניט אַראָפּגענומען פון חזן, צו זעהן וואָס פאַר אַ ווירקונג עס מאַכט אויף איהם עטעל׳ס זינגען. דער חזן איז געשטאַנען רוהיג, צייטענווייז האָבען זיינע ליפּען נערוועז אַ ציטער געטאָן. וואַרשיינליך האָט זיין גוט געאיבטער אויער ניט געקענט פאַרטראָגען

אַ סך פון איהר צייט וואָס האָט באַלאַנגט צו מיר. דאָך האָב איך זיך געטרייסט, אַז מיר וועלען באַלד פון איהם פּטור ווערען. איך האָב זיך געטראַכט: ער וועט אַוועקפאָהרען און מען וועט איהם פאַרגעסען ווי דעם פאַראַיאָהריגען שנעע.

אַבוואָהל איך האָב זיך געפרעהט וואָס עטעל האָט טאַלאַנט, דאָך האָב איך זיך צו דער זעלבער צייט געשראָקען, טאָמער ווערט דאָס אַלעס פאַרווירקליכט און עטעל וועט טאַקע ווערען אַן אָפּעראַ זינגערין, וועט זי זיך אָפּפרעמדען פון מיר. קונסט מיט פאַמיליען־לעבען געהען זעלטען צוזאַמען. אָבער ניין! — האָב איך זיך געטראַכט — עטעל וועט אימער בלייבען די ריינע, גוטע נשמה, די נאָבעלע פרוי, די הייסע מוטער — די אמת אידישע טאָכטער. די גרויסקייט און דער כבוד וואָס וועט זי אַרומרינגלען וועט בלויז זיין ווי אַ גאָלדענע ראַמקע צו דעם בילד אַליין. די גאָלדענע ראַמקע פאַרקלענערט ניט אויף אַ האָר דעם גוטען ווערט פון דאָס בילד.

דער קאָנצערט איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג — פאַר עטלען. זי האָט זעהר גוט אויסגענומען. מען האָט זי אַרויסגערופען פיעלע מאָל, און זי האָט באַקומען איינלאַדונגען צו זינגען אויף אַנדערע קאָנצערטען. דער חזן האָט איהר אָבער געוואָרענט, זי זאָל זיך ניט אײַלען אָנצונעמען איינלאַדונגען אָהן איהם, ווייל אַליין, אָהן אַ לעהרער, דאַרף זי נאָך ניט זינגען פאַר אַ פּובליקום.

מיסעס ראָבינס האָט אויך זעהר גוט אויסגענומען, אָבער ניט אַזוי ווי עטעל.

אויף מאָרגען נאָכ'ן קאָנצערט איז דער חזן אָפּגעפאָהרען. דריי טעג נאָך זיין אָפּפאָהרען האָב איך געמוזט אָפּפאָהרען צוריק אין ניו יאָרק. מיין וואַקיישאָן האָט זיך געענדיגט.

— דאָ שטעהט זי! — האָט פּעני אויסגערופען צייגענדיג אויף איהר שווענערין מיט אַ פינגער. — אָט דאָס איז זי די גרויסע פּיאַניסטין, מיסעס ראַבינס. איהר האָט קיינמאָל ניט געהערט פון איהר?

— ליידער ניט, — האָט דער חזן נאַאיוו געענטפערט, ניט פארשטעהענדיג אַז פּעני האָט דאָ געמאַכט אַ שפּאַס.

אָבער ווען ער האָט אויסגעפונען אַז מיסעס ראַבינס איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע פּיאַניסטין, האָט ער זיך אַליין צולאַכט פון דעם שפּאַס ווי מען האָט איהם אָפּגענאַרט, און ער האָט באַמערקט:

— ניט אומזיסט זאָגט מען אַז אַ חזן איז אַ נאַר.

דער חזן האָט פאָרגעשלאָגען, אַז אויסער דעם וואָס ער וועט זינגען, זאָלען אויף דער פּראָגראַמע אַרויפגעשטעלט ווערען נאָך אַ פּאָר נומערען. ער האָט פאָרגעשלאָגען אַז מיסעס ראַבינס זאָל ערשטענס זיין די אַקאָמפּאַניסטין פון דעם אָוועגד, און אויסער דעם זאָל זי אַליין שפּיעלען אַ פּאָר נומערען אויף דער פּיאַנאָ. עטעל זאָל זינגען איין פּאָפּולערע ענגלישע ליעד און איין אידישע פאָלקס־ליעד, וועלכע ער וועט מיט איהר איינלערנען. די פאָלקס־ליעד וועט ער מיט איהר זינגען צוזאַמען אַלס אַ דועט.

עטעל האָט זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאַג. מיסעס ראַבינס האָט זיך אַ ביסעל געלאָזט בעטען.

דער חזן האָט זיך גענומען צו דער ארבייט איינצושטודירען זיינע „משוררת'טעס", ווי ער האָט זיי גערופען. די רעפּיטיציע איז צוגעגאַנגען זעהר גוט. וואָס ווייטער איז דער חזן געוועזן אַלץ מעהר ענטציקט פון עטעל'ס שטימע. די צייט וואָס זיי האָבען ניט געמאַכט רעפּיטיציע איז ער געזעסען מיט עטלען און גערעדט און איהר ערקלעהרט פּיעלע זאַכען וועגען מוזיק. ער האָט איהר אויך דערצעהלט פון זיין אייגענע גרויסקייט און ווי ער נעמט אוים אי־בעראל. ער האָט אָפּט אוועקצוּוואַרפען די חזנות און זינגען אין אָפּערא. „אפשר, — האָט ער צו איהר געזאָגט, — וועלען מיר ביידע אַמאָל שפּיעלען צוזאַמען אין איין אָפּערא".

עס איז מיר אפילו ניט געפעלען געווען דאָס וואָס דער חזן האָט זיך צופיעל אָנגעזעצט אויף עטלען און האָט אַוועקגענומען

— איך האָב זיך דערוואוסט, — האָט ער געזאָגט מיט זיין שמייכעלע, — אז איהר זייט ווידער געוואָרען אן ארייננגעהער ביי די זאַנענפעלדס.

— איהר האָט זיך דערוואוסט צו שפּעט, — האָב איך איהם געענטפערט.

— וואָס הייסט צו שפּעט? — האָט ער געפרעגט. — איהר מיינט, אז איך וועל לאָזען פארפאלען געהן מיינע שדכנות? ניט ביי מאָטיען!

— איהר האָט א טעות, ר' מאָטיע, — האָב איך איהם ער־קלעהרט. — איך בין דאָרט געוועזן בלויז איין מאָל. געמאכט א פריינדליכען באזוך. דאָס אלעס. איך בין שוין אזוי גוט ווי פאר־לאָבט, אָבער ניט מיט מיס זאַנענפעלד.

— אזוי גאָר? — האָט מאָטיע איבערגעפרעגט. — עס איז מיר ניט באשערט געוועזן צו מאכען אַן אייך א פּאָר דאָלאר. ווער איז זי די מיידעל? עפּעס א גרויסער נדן?

— איך ווייס ניט, — האָב איך געענטפערט. — איך קען אייך דערווייל גאָר ניט זאָגען. מיט דער צייט וועט איהר וויסען.

— נו, אויב איהר ווילט ניט זאָגען, איז דאָך ניט שייך. קיינער קען אייך ניט צווינגען. איך בין בלויז געקומען זיך ערקונ־דיגען אויב איהר דענקט צו נעמען זאַנענפעלד'ס טאָכטער. איהר מיינט דאָך אז א שדכן זוכט אויסצופיהרען א שידוך נאָר צוליעב געלד. וועל איך אייך צייגען אז איך בין ערענטליכער און פיינער ווי איהר דענקט. איך האָב זעהר א פיינעם חתן פאר זאַנענפעלד'ס טאָכטער, אָבער איידער איך געה ריידען דעם שידוך, האָב איך גע־וואָלט זעהן אייך. אויב איהר ווילט זי, זייט איהר בילכער. איהר זייט געוועזן דער ערשטער חתן וואָס איך האָב איהר גערעדט. האָב איך געדענקט, אז טאָמער ווילט איהר זי נאָך, וועל איך דעם אנ־דערען שידוך ניט ריידען.

— איהר קענט איהר ריידען דעם שידוך, — האָב איך איהם פארזיכערט. — איך וועל צו אייך קיין טענות ניט האָבען.

— אויב אזוי איז רעכט, — האָט מאָטיע געזאָגט, און ער האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן.

ניין־און־אַכציגסטער קאַפּיטעל

מאָטיע דער שדכן באַווייזט זיך

ווען איך בין צוריק געקומען פון מיין וואקיישאָן, האָט מיר מיין פאָטער געזאָגט:

— סעם, ווייסטו ווער עס האָט זיך אויף דיר נאָכגעפרעגט? מאָטיע דער שדכן!

— מאָטיע דער שדכן? — האָב איך זיך געוואונדערט. — וואָס האָט ער געוואָלט? אפשר מיר ריידען אַ שידוך?

— ער האָט מיר ניט געוואָלט אויסזאָגען אַלעס, — האָט מיין פאָטער געענטפערט, — אָבער ווי איך פאַרשטעה, איז ער געקומען דיר ווידער ריידען אַ שידוך מיט זאָנענפעלד'ס טאָכטער.

— און וואָס האָסטו געזאָגט? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז דו האַלטסט ניט יעצט ביי אַ שידוך — אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז מיט דיר אַליין ריידען. אפשר האָט ער מיר ניט געוואָלט זאָגען דעם גאַנצען אמת, אָדער ער מיינט, אַז ווען ער וועט ריידען מיט דיר וועט ער בעסער אויסווירקען. אגב, איך האָב איהם געזאָגט, אַז דו קומסט צוריק, און ער וועט ביי דיר זיין היינט, מאָרגען.

מעהר האָב איך מיט מיין פאָטער ניט גערעדט וועגען דעם, און איך האָב זיך גענומען דורכצוגעהן אָנגעקליבענע קאָרעספּאָנ־דענץ מיט אונזער בוכהאַלטער און סטענאָגראַפער. (זייט ליזי איז אוועק האָבען מיר באַשעפטיגט אַ יונגען מאַן פאַר דיזער ארבייט.)

מאָטיע איז געקומען אין אונזער אָפיס אַ פּאָר טעג שפּעטער. ער האָט געפרעגט, אויב איך האָב צייט פאַר איהם. איך בין מיט איהם אריין אין אַן אַנדער צימער און האָב איהם געפרעגט וואָס ער וויל.

— דאָס איז אינטערעסאַנט, — האָב איך געזאָגט. — איז ער עפּעס אַ פיינער חתן?

— אַ דזשענטעלמאַן, אַ מאַגנאַט, — האָט מאָטיע אויסגע־רופען מיט ענטציקונג. — און ווייסט איהר וואָרום ער האָט זיך אין מיין טאָכטער אַזוי פאַרליעבט? ניט אַזוי פאַר איהר שעהנ־קייט, כאָטש, ווי איהר ווייסט, זעהט זי אויס ווי אַ פּרינצעסין. זי איז איהם געפעלען געוואָרען ווייל זי איז אַ ליידי. ער האָט געמיינט אַז אַ מיידעל וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַזאַ פּראָפעסיאָן איז לייכט צו מאַכען מיט איהר מחזקות, אָבער ווי ער האָט עפּעס אַרויסגע־רעדט אַ וואָרט ניט ווי עס דאַרף צו זיין, האָט זי איהם ערקלערט אַז ער האָט ניט געטראָפען דעם אָרט. ער האָט אָנגעהויבען צו קומען אָפטער, און וואָס ווייטער האָט ער אַלץ בעסער דערקענט וואָס פאַר אַ ליידי זי איז. נו, האָט איהר טאַקע גאָט געהאָלפען. ער איז רייך און ער האַלט זי ווי אַ פּרינצעסין.

— איך האָב אויך איינגעזעהן אַז אייער טאָכטער איז אַ ליידי, — האָב איך געזאָגט. — עס פרעהט מיך וואָס זי איז אַזוי גליקליך פאַרהייראַט.

מאָטיע איז געוועזען געריהרט, און ער האָט געזאָגט:

— איז נאָך אַלעמען מיין גאַנג ניט געוועזען אומזיסט. איך האָב כאָטש געהערט אַזאַ גוטע מיינונג וועגען מיין טאָכטער. אין זאָנענפעלד'ס טאָכטער, אויב איך וועל אויספיהרען דעם שידוך, וועל איך מאַכען שעהנע עטליכע דאָלאַר. איהר ווייסט, זי האָט שוין אַרונטערגעלאָזען פון פּרייז?

— וואָס מיינט איהר? — האָב איך געפרעגט.

— אָט, זי איז שוין ניט אַזוי אינדעפּענדענט. שוין אַ בת חמשה ועשרים. זי איז שוין ניט אַזוי פּאַרטיקולער אַז איהר מאַן זאָל קענען העברעאיש. ווייס איך וואָס, וואָס זי האָט זיך געוועזען איינגערעדט! וואָס זאָלען טאָן די וואָס קענען ניט העברעאיש? זאָלען זיי בלייבען אַלטע בחורים? מילא, איך האָב פאַר איהר אַ חתן. אפילו עלטער פאַר איהר, אפשר אַ יאָהר פינף און דרייסיג, אפשר אַ פּאָר יאָהר מעהר, אָבער אַ רייכער בחור, אַ גרויסער ביזנעס מאַן — נו, האָט אייך אַ גוטען טאָג. גודבאַי!

איך האָב געפּיהלט מיטלייד וואָס ער האָט זיך אומזיסט באַ־מיהט, האָב איך געוואָלט זיין צו איהם אַ ביסעל פריינדליכער.

— זאָגט מיר, ר' מאָטיע, — האָב איך געפרעגט. — וואָס מאַכט אייער טאָכטער?

— וואָס? ! — האָט ער אזש אַ שפּרונג געטאָן. — איהר קענט מיין טאָכטער? פון וואַנען קענט איהר מיין טאָכטער?

איך האָב איהם דערצעהלט, ווי איך האָב אַ פּאָר מאָל מאַני־קורט מיינע נעגעל ביי איהר, יעדען מאָל ווען איך האָב געדאַרפט געהן זעהן אַ כלה וואָס ער האָט מיר גערעדט.

— פּלאי פּלאים! — האָט ער אויסגערופען. — אַז איהר פרעגט זיך נאָך אויף איהר, וועל איך אייך דערצעהלען אַ שעהנע מעשה וואָס מיט איהר האָט געטראָפען. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז איך בין קיינמאָל ניט געווען צופרידען פון איהר פרנסה. וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבייט פאַר אַ מיידעל, און נאָך אַזאַ קלוגע און פעהיגע מיידעל ווי זי איז געווען, צו פּוצען די נעגעל פון פרעמדע מענער? אין אָנפאַנג האָב איך געמאַכט גע־וואַלדען געגען איהר, אָבער איהר ווייסט דאָך די היינטיגע קינ־דער, ובפרט אין אַמעריקא, וואָס זיי ווילען דאָס פיהרען זיי אויס. שפּעטער, אַז איך האָב געזעהן אַז זי פיהרט זיך אויף אָרענטליך, און קומט יעדע נאַכט אַהיים, און שבת אַרבייט זי ניט, און זי ברייננגט אַהיים ביז אַ פּעני, האָב איך שוין גענומען שווייגען. אָבער דאַנקען דעם אויבערשטען, זי איז שוין פּטור געוואָרען פון דער פרנסה. אַ יונגערמאַן וואָס איז איינמאָל געקומען צו איהר אָפּפּוצען זיינע נעגעל, איידער ער איז געגאַנגען זעהן אַ כלה, האָט זיך אין איהר פאַרליעבט אַריבער די אויערען. אָבער ווי פאַרליעבט! ער איז געגאַנגען זעהן די כלה, אָבער זי איז איהם ניט געפעלען גע־ווען. און מיין טאָכטער האָט מיט איהם ניט געוואָלט ריידען ווע־גען חתונה האָבען, סיידען ער וועט פריהער קומען צו אונז אַהיים און ריידען מיט איהר טאַטען און מאַמען. און עס האָט זיך אַרויס־געוויזען, אַז מיין טאָכטער האָט קאַליע געמאַכט אַ שידוך וואָס איך האָב דעם יונגען מאַן גערעדט. מילא, איך האָב פאַרלאָרען אַ שעה־נע שדכנות, אָבער איך האָב אויסגעבראַכט אַ טאָכטער.

וואָס האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט צו איהר? וואָס וויל ער האָ־בען, דער גורניק? — האָב איך זיך געפרעגט.

איך האָב באַשלאָסען צו באַשטראָפען עטלען. (אוי, וואָס פאַר אַ שלעכטער מענש איך בין צייטענווייז!) ווען די צערעמאָניע האָט זיך געדאַרפט אָנפאַנגען און דער עולם האָט זיך צוזעצט, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט מיט מיין שטיעפמוטער אויף דעם נאָהענטסטען בענקעל, און גאָר ניט געזוכט צו זיצען נעבען עטלען.

קוים אָבער האָט די צערעמאָניע זיך אָנגעפאַנגען, איז עטעל אַליין צוגעקומען צו אונזער בענקעל און האָט זיך אַריינגעשטופּט צווישען די אַנדערע זיצענדע און זיך אַוועקגעזעצט הארט נעבען מיר.

זי האָט מיר אַ קוק געטאָן אין די אויגען, און אין איהר בליק האָב איך געלעזען די ווערטער: „ביזט אַ נאַר!“

איך האָב זיך פאַרשעהמט.

— איך האָף אַז זיי וועלען זיין גליקליך, — האָט עטעל גע־זאָגט צו מיר. — זי איז זעהר אַ פיינע מיידעל, אַ ליידי. און ער איז זעהר אַ פּאָפּולערער מענש און עס ערוואַרטעט איהם אַ גרויסע צוקונפט. היינטיגע צייטען אַ ראַבינער פון דעם נייעם שניט איז זעהר אַן איינטרעגליכער און בכבוד׳ער אמט.

ביי מיר אין קאָפּ האָבען זיך געדרעהט אַנדערע געדאַנקען:

אָט שטעהען צוויי יונגע מענשען אונטער דער חופּה. אין דעם מאָמענט פאַרבינדען זיי זיך איינעם צום אַנדערען אויפ׳ן גאַנצען לעבען. זיינען זייביידע גליקליך? טראַכט יעצט ניט דער חתן וועגען אַן אַנדערע? טראַכט יעצט ניט די כלה וועגען אַן אַנדערען?

דער חתן מוז געוויס יעצט טראַכטען וועגען מיסעס ראָבינס, וועלכע איז געווען זיין ערשטע ליעבע, און די כלה מוז געוויס טראַכטען פון מיר... וועל איך טראַכטען פון אַן אַנדערע, ווען איך וועל אַמאָל שטעהן אונטער דער חופּה? ווער ווייס!... וועט אַמאָל קומען אַזאַ צייט, ווען איך וועל שטעהן אונטער דער חופּה מיט עטלען? אָדער נייע אומשטענדען וועלען אויפקומען און שטערען מיין גליק? איך זעה, אַז דער שיקזאַל פאַרפאָלגט אונז ביידען

ניינציגסטער קאַפּיטעל

מיס שעהנפעלד׳ס חתונה

אין אלול איז געווען מיס שעהנפעלד׳ס חתונה מיט דעם יונגען ראַבינער דר. ווייס. אַלע אונזערע זיינען שוין דאַן צוריק געקומען פון קאַנטרי. די חתונה איז געווען אין אַ שוהל. קיין גרויסער עולם איז ניט געווען, אָבער פון אונזערע זיינען געקומען כמעט אַלע. מיין פאָטער האָט געשפּיעלט אַ ראָלע פון אַ מחותן, ווייל מיס שעהנפעלד האָט פאַר איהם געאַרבייט אַ לאַנגע צייט און ער האָט איהר אַריינגעשיקט דעם שעהנסטען פּרעזענט — אַ פאָלשטענדיגע אויסשטאַטונג מעבעל פאַר אַ לייברערי רום. עטעל איז געקומען מיט פעני זיידענפאָדים און מיסעס ראַבינס. דבורה האָט געמוזט בלייבען אין דער היים מיט׳ן קינד. דער מסדר קדושין איז געווען דער חזן דזשיאַקאָמאָ סאַלאָמאָן, מיט וועמען מיר האָבען זיך באַקאַנט אין קאַנטרי.

בעפאָר דער חופה האָט ער דערזעהן עטלען און איז צו איהר צוגעגאַנגען זי צו באַגריסען. איך בין גראַדע צו יענער צייט אַריינגעקומען מיט מיין שטיעפמוטער (מיין פאָטער איז פריהער געקומען, אָהן אונז) און עס האָט ניט געפּאַסט אַז איך זאָל גלייך צוגעהן צו עטלען. מיין שטיעפמוטער האָט זיך אין דער מינוט געטראָפען מיט אַ פּאָר באַקאַנטע, האָט זיך מיט זיי באַגריסט און האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיי. האָב איך שוין געמוזט שטעהן אַ ווײַלע און ריידען מיט זיי.

איך האָב געזעהן ווי דער חזן שמייכעלט אַזוי זיס, רייבט מיט די הענד, דרעהט זיך און בויגט זיך פאַר עטלען, אַזוי ווי ער וואָלט זי געוואָלט היפּנאָטיזירען מיט זיין בליק. און איך האָב געזעהן ווי עטעל האָט געלאַכט אַזוי פרעהליך. זעלטען אַז איך האָב זי געזעהן אַזוי לאַכען אין דער לעצטער צייט.

עטעל און מיין שטיעפמוטער האָבען זיך אויך צוקושט מיט דער כלה און איהר זעהר ווארים גראטולירט. איך האָב געדריקט איהר האנד, אָבער קוים וואָס איך האָב געקענט אויסריידען אַ פּאָר ווערטער. עפּעס האט מיר מיין צונג ניט געדיענט. איך האָב זיך שנעל געווענדעט צום חתן און איהם זעהר ווארים געדריקט זיין האנד. מיין צו גרויסע פריינדשאפט האט איהם אַ ביסעל געוואונ־דערט. עטעל האָט געקוקט אויף מיר אזוי אַנשטויסענד... זי האָט געוואוסט אז די כלה האָט געזאָלט פארטרעטען איהר פּלאַץ ביי מיר אין הארצען...

איך האָב זיך געוואונדערט וואָס קיינער פון די קאַפּטאַנס, וועלכע זיינען געווען פארוואנדעט צום חתן, איז ניט געקומען. ערשט נאָך דער חופה איז געקומען דער אַלטער קאַפּטאַן, אַליין אָהן זיין פרוי. ער האָט זיך אפילו ניט ענטשולדיגט פאר זיין שפּעט קומען. מען האָט געזעהן אז ער איז צוטראָגען, אז עפּעס האָט פּאַסירט.

דער חזן איז ווידער צוגעגאנגען צו עטלען און מיט איהר גע־נומען ריידען. ער האָט איהר צוגערעדט אז זי זאָל ניט פארנאַכ־לעסיגען איהר טאַלאַנט און וואָס שנעלער זיך זעהן מיט דעם לעה־רער וואָס ער האָט איהר רעקאָמענדירט. ער האָט זיך אַליין איינ־געלאַדען צו עטלען אַהיים, און געפרעגט ווען ער קען קומען. עטעל האָט אַ מינוט געטראַכט און נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— קומט מאָרגען אין אָוונד.

מיך האָט פארדראָסען וואָס זי האָט איהם אזוי שנעל געהייסען קומען צו איהר אין הויז. מיר איז שטארק ניט געפעלען געווען זיין צושטעהן, זיין צודרינגליכקייט. אָבער עטעל האָט די זאַך גלייך פארריכט מיט דעם, וואָס זי האָט צו מיר געזאָגט:

— און איהר זאָלט אויך קומען. איהר הערט?

— איך וועל קומען! — האָב איך געענטפערט אזוי ווי פון אַ חלום.

די גאַנצע זאַך האָט מיך אָנגעהויבען צו פארדריסען. איך האָב עס פון אָנפאַנג אָנגענומען פאר אַ שפּאַס. עס איז מיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען אז עטעל וועט אָננעמען ערנסט דעם פאָרשלאַג צו

און דערוויטערט אונז יעדען מאָל ווען מיר שיינט אז מיר זיינען שוין אזוי נאָהענט.

די חופה — אפטמאָל איז עס דער קבר פון ליעבע... פיעלע מאָל איז דאָס דער פראָלאָג צו אַ גרויסע לעבענס טראגעדיע. וועט ער זי ליעבען? וועט זי איהם ליעבען? וועלען זיי נאָך דער חתונה פארגעסען די פארגאנגענהייט, אָדער אין זייערע הערצער וועלען נאָך טליען פונקען פון אלטען פייער?

וואָס פאַר אַ טראַגי־קאָמעדיע דאָס לעבען איז! וואָס פאַר אַ פּאַראַדאָקס דער מענש איז! וואָס פאַר אַ טיעפע געהיימנים די הארץ איז!

איך הער אַ חופּה־מארש און אין די אויערען קלינגען מיר אַ באגרעבעניש־מארש...

אָרימע מיס שעהנפעלד! איהר געזיכט איז געווען פאַרדעקט מיט אַ שלייער. איך האָב ניט געקענט זעהן איהרע אויגען. אָבער איך בין געווען זיכער, אַז זיי זיינען געווען פייכט...

און ווען דער חתן האָט צובראָכען די גלעזעל אלס אַ זכר לחורבן, האָב איך געטראַכט פון דעם, אַז דער וואָס האָט דעם מנהג איינגעפיהרט האָט געהאַט אַ זעהר וויטען בליק... ער האָט גע־מיינט מעהר ווי איין חורבן...

גלייך ווי די חופּה־צערעמאָניע האָט זיך געענדיגט, האָבען די מוזיקאַנטען אַ קלאַפּ געטאָן אַ פרעהליכען, רעש׳דיגען, באַטוי־בענדען ניגון... אַזוי ווי זיי האָבען געוואָלט באַטויבען אַלעמען... באַטויבען אַלע געפיהלען און טרייבען אַלעמען צום טאַנץ. טאַנצט, טאַנצט, מחותנים! הויבט די פיס, טאַנצט, זייט פרעהליך! עס איז אַ חתונה...

איך בין צוגעגאַנגען מיט עטלען און מיין שטיעפמוטער (מיין פאָטער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי דער חופּה נעבען מיס שעהנפעלד׳ס מוטער), אום צו זאָגען מזל־טוב. איך האָב געזעהן ווי מיסעס ראָבינס האָט זיך פריהער צוקושט מיט דער כלה און נאָכדעם האָט זי געדריקט די האַנד פון דעם חתן. איך האָב באַ־מערקט ווי ער האָט געקוקט אויף איהר... וואָס פאַר אַ קוק דאָס איז געווען...

איין־און־ניינציגסטער קאַפּיטעל

סאָפיע קאַפּטאַן פאַרלאָזט איהר מאַן

מיין פאָטער, מיין שטיעפמוטער, עטעל און איך, צוזאַמען מיט מר. קאַפּטאַן זיינען געפאָהרען צו עטלען אַהיים, אום צו הערען די וויכטיגע נייעס וואָס מר. קאַפּטאַן האָט צו דערצעהלען. מר. קאַפּטאַן האָט גענומען אַן אויטאָמאָביל וועלכען ער האָט געפונען אין דער נאַכבאַרשאַפט. דעם גאַנצען וועג האָט ער אַ וואָרט ניט גערעדט, אָבער מיר האָבען געקענט זעהען אַז ער איז זעהר אויפגערעגט. ווען מיין פאָטער האָט איהם אַ פרעג געטאָן, וואָרום ער איז אַזוי אויפגערעגט, האָט מר. קאַפּטאַן געענטפערט:

— האָט אַ ביסעל געדולד. וואַרט ביז מיר וועלען אָנקומען אין הויז.

דבורה האָט זיך אַ ביסעל דערשראָקען ווען זי האָט אונז געזעהן אריינקומען, אַלע צוזאַמען. מר. קאַפּטאַן האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין דעם ערשטען שטוהל, אין דיינינג רום, און האָט געזאָגט:

— ארנאָלד און ליזי האָבען זיך צוקריגט און ליזי איז פון איהם אוועק. אויף אימער אוועק, און וועט מעהר ניט צוריק קומען. זי איז יעצט ביי איהר קוזינע —

— ביי מיין פרידאַ'ן? — האָט מיין שטיעפמוטער אויסגערופען. — זאָל זי ביי איהר זיין. פאַר מיינע אויגען טאָר זי זיך ניט ציינען.

מר. קאַפּטאַן האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אום צו געבען מיין שטיעפמוטער אַ געלעגענהייט אויסצורייִדען איהר הארץ. זי האָט דאָך אויך געליטען פון דעם סקאַנדאַל.

— די בעסטע זאַך וואָלט פאַר ליזי'ן געווען, אַז זי זאָל יעצט פאָהרען צוריק אַהיים, — האָט מיין שטיעפמוטער געזאָגט. —

קולטיווירען איהר שטימע. און יעצט האָב איך אָנגעהויבען מורא צו האָבען. איך האָב זיך אָנגעהויבען צו שרעקען, טאָמער ווערט עטעל אָפּגעפרעמדט פון מיר. און ווי איז, אז עס וועט זיך אויס־לאָזען אז זי האָט טאַקע א גרויסען טאַלאַנט צו זינגען?

מעגליך אז עטעל וועט זיך נעמען צו לערנען זינגען. זי וועט שוין ניט וועלען טראַכטען פון ווידער חתונה האָבען. זי וועט ווע־לען פאָהרען שטודירען אין איטאַליען. זי וועט דערנאָך ווערען א גרויסע זינגערין, זי וועט ארומרייזען איבער דער וועלט געבען קאָנצערטען. זי וועט זיין אונטער דער אויפזיכט פון א מענעדזשער. ביסלעכווייז וועט זי זיך אָפּפרעמדען פון מיר. דער נייער לעבען, די נייע אַטמאָספערע, דער קינסטלערישער קרייז, וועט זי אין גאַנ־צען ענדערען. זי וועט שוין קוקען אויף מיר פון אויבען אראָפּ, איהר ליעבע וועט זיך אָפּקיהלען... איך וועל בלייבען אָהן עטלען... איך וועל זי פאַרלירען...

וועלכער שלים־מזל האָט עס אויף מיר אָנגעשיקט דעם חזן? וואָס וויל ער? וואָס זוכט ער?

אזעלכע געדאַנקען האָבען זיך דאַן געדרעהט אין מיין קאָפּ.

דער עולם האָט זיך גענומען ארויסרוקען פון שוהל. איך האָב געוואָלט צופיה־רען עטלען צו איהר היים. אָבער מר. קאַפּטאַן האָט געזאָגט אז ער געהט אויך מיט אונז. ער האָט געבעטען אז מיין פאָטער און שטיעפמוטער זאָלען אויך מיטגעהן. ער האָט זעהר וויכטיגעס מיטצוטיילען.

זיינען מיר אַלע געפאָהרען צו עטלען, אויסער פעני זיידענ־פאָדים וועלכע איז אוועק מיט מיסעס ראָבינס.

— אָבער באַרעכענט וואָס די וועלט וועט אויף דעם זאָגען,
— האָט מיין פאָטער ווייטער גענומען טענה'ן. — אָפּגעלעבט מיט
אַ פרוי אַזוי פיעל יאָהרען, און אויף דער עלטער זיך צושיידט!
ווי פּאַסט עס פאַר אייך? באַרעכענט זיך גוט, מר. קאַפּטאַן. אַט
לאָמיר הערען וואָס עטעל וועט זאָגען. עטעל וועט געבען די ריכ־
טיגע עצה.

עס איז מיר אַזוי געפעלען געווען וואָס מיין פאָטער האָט זיך
געווענדעט צו עטלען און האָט געדענקט אַז זי קען געבען די ריכ־
טיגע עצה. עס האָט מיך שטאַרק געפרעהט וואָס עטעל איז ביי
איהם אַזוי חשוב געוואָרען אין די אויגען. אַלעמענ'ס בליקען האָ־
בען זיך געווענדעט צו עטלען, צו הערען וואָס זי וועט זאָגען.

— מר. פרומקין האָט רעכט, פאָטער! (עטעל פלעגט איהר
שווער רופען פאָטער) — וואָרום זאָלט איהר זיך צושיידען מיט
אייער פרוי? זי האָט דאָך געגען אייך קיין זינד ניט באַגאַנגען. זי
איז אייך געטריי און ליעבט אייך. זי איז דאָך אַ מוטער. איהר,
מענער, קענט קיינמאָל ניט פאַרשטעהן די געפיהלען פון אַ מוטער.

— בראַוואָ, עטעל! — האָט מיין פאָטער אויסגערופען. —
דו רעדסט ווי אַ חכמה.

— דו זאָלסט אַזוי ריידען, עטעל? — האָט מר. קאַפּטאַן
זיך געוואונדערט. — דו זאָלסט מיך הייסען אריינגעמען אין הויז
דעם מאַן וואָס האָט געגען דיר אַזאַ שענדליכען פאַרברעכען באַ־
גאַנגען? עטעל, דו ביזט ניט אַ געוועהנליכער מענש, דו ביזט אַ
מלאך!

— איך בין ניט קיין מלאך, — האָט עטעל באַשיידען גע־
ענטפערט. — איך סימפּאַטיזיר מיט אייער פרוי. אַ מוטער הערט
קיינמאָל ניט אויף צו ליעבען איהר קינד, גוט אָדער שלעכט!

— און ווי איז, — האָט מר. קאַפּטאַן געפרעגט, — ווי וואָלט
געווען אַז אַרנאָלד וואָלט געוואָלט קומען צוריק צו דיר, וואָלסטו
איהם צוריק גענומען?

— ניין! — האָט עטעל מיט אַ פעסט ענטשיידענעם טאָן
אויסגערופען. — מיט מיר איז אַ גאַנץ אַנדער געשיכטע. ווען איך
וואָלט אַרנאָלד'ן געליעבט וואָלט איך איהם אפשר מוחל געווען

איהרע עלטערען ווייסען נאָך גאָר ניט פון דעם וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן. זייי מיינען, אַז זי איז נאָך ביי אונז. זייי וואונדערען זיך בלויז וואָס זי שרייבט צו זייי ניט. זייי מיינען, אַז זי איז ברוגז אויף זייי. און אַ פּאָר טעג פריהער האָט מיין פרידא באַקומען אַ בריעף פון ליזי׳ס עלטערען, אַז דער שייגעץ, מיט וועלכען זי האָט זיך כלומרשט געליעבט, האָט שוין חתונה געהאַט.

— איז טאַקע די בעסטע זאַך אַז זי זאָל פאָהרען צוריק אַהיים, — האָט מיין פאָטער געזאָגט. — עס וועט זיין בעסער פאַר איהר און פאַר איהרע עלטערען. נו, וואָס ווייטער? איהר האָט נאָך עפּעס געוואָלט דערצעהלען —

די לעצטע ווערטער האָט מיין פאָטער גערעדט צו מר. קאַפּ־טאַן.

מר. קאַפּטאַן האָט ווייטער דערצעהלט:

— נאָכדעם ווי מיין זוהן דער תכשיט האָט זיך צוקריגט מיט דער נארישער מיידעל, איז ער געקומען צו מיר אַהיים און גע־וואָלט מאַכען מיט מיר שלום. איך האָב איהם געהייסען גלייך פאַר־לאָזען מיין הויז און איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל מעהר זיין פּנים ניט ווייזען פאַר מיר. מיין פרוי האָט זיך פאַר איהם אָנגענומען. אָבער איך בין געווען איינגעשפּאַרט. איך וויל איהם מעהר ניט קע־נען פאַר אַ זוהן. וואָס זאָל איך אייך זאָגען — מיין פרוי איז אַוועק מיט איהם צוזאַמען און זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט ניט צוריק קומען צו מיר סיידען מיט דעם תכשיט צוזאַמען.

— זייט ניט קיין עקשן, מר. קאַפּטאַן, — האָט מיין פאָטער איהם גענומען איינריידען. — זי איז דאָך אַ מאַמע. איהר האַרץ טוט וועה. זי האָפט, אַז אַרנאָלד וועט בעסער ווערען. אַ מאַמען קען מען אין אַזעלכע זאַכען ניט באַשולדיגען. גיט איהר נאָך און צושטערט ניט אייער לעבען...

— ניין! — האָט מר. קאַפּטאַן אויסגערופען, און האָט אַ זעץ געטאָן דעם טיש מיט זיין פויסט אַזוי שטאַרק, דאָס עטעל, וועלכע איז דערביי געזעסען, האָט זיך איבערגעשראָקען. — אויב זי וויל צוריק קומען צו מיר, קען זי דאָס טאָן, אָבער ניט מיט איהם. קיינער וועט מיך אין דעם ניט איבערשפּאַרען.

בשורה, אַז זי האָט גע׳פּועל׳ט ביי די ווייבער אַז מען זאָל זי באַ־טראַכטען אַלס „לידי" און ניט אַלס דיענסט, אָבער עטעל האָט די טובה ניט געוואָלט אָננעמען און האָט דאַן ארויסגעזאָגט אין אַ קורצע רעדע וואָס זי דענקט פון די „לידיס".

מיין גאַנצען לעבען וועל איך געדענקען דיזע צוויי מאָמענ־טען. איך גלויב, אַז דער מאַגנעטיזם און די שעהנקייט פו ןעטעל׳ס שטימע האָט זיך שוין ארויסגעוויזען אין דיזע צוויי הארציגע אויסגוסען פון איהרע געפיהלען.

די גאַנצע צייט וואָס עטעל האָט גערעדט, האָט זיך דבורה צוגעהערט מעהר ווי אַלע, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען די רייד מעהר ווי די אַנדערע. און ווען עטעל האָט געענדיגט, האָט זיך דבורה צואוויינט. מר. קאַפּטאַן האָט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן די אמת׳ע אומשטענדען, און ער האָט געזאָגט:

— עטעלע, איך בין ניט שולדיג. איך האָב געמיינט דיין גליק. איך האָב אויך געוואָלט מיין גליק. איך האָב אַזוי געוואָלט דיך האָבען פאַר אַ טאָכטער! און איך וויל אַז דו זאָלסט זיך אויף ווייטער אויך באַטראַכטען אַלס מיין אמת׳ע טאָכטער. איך האָב ניט געהאַט דעם מינדסטען באַגריעף אַז דו האָסט געליעבט אַן אַנדערען...

— איהר דאַרפט זיך ניט ענטשולדיגען פאַר מיר, — האָט עטעל איהם געטרייסט. — איהר זייט גאַר ניט שולדיג. און איך וועל אייך אימער באַטראַכטען אַלס מיין פאָטער. פאָלגט מיין עצה און נעמט צוריק אייער פרוי און אייער זוהן. לאָמיך ניט פיהלען אַז צוליעב מיר האָט איהר צובראָכען אייער אייגענעם לעבען.

— איך וועל דיך פאָלגען, עטעלע, לאַנג לעבען זאָלסטו, — האָט מר. קאַפּטאַן געזאָגט.

אָבער מען האָט געקענט זעהן, אַז ער זאָגט עס ניט מיט׳ן גאַנצען הארצען.

און צוריק גענומען. איך האָב אָבער פאַרלאָרען יעדע ברעקעל ליע־בע צו איהם. ווען איך האָב מיט איהם חתונה געהאַט, איז דאָס אויך ניט געווען פון גרויס ליעבע. איך האָב געוואָלט ערפילען דעם וואונש פון מיין מוטער און אייער וואונש — דעם וואונש פון דעם וואָס איז געווען אַזוי גוט צו מיין מוטער און צו מיר — פון מיין אייגענעם ווילען האָב איך ניט געטאָרט טראַכטען. אַ אָרימע מיידעל האָט קיין דעה ניט איבער זיך. איך האָב אָבער באַשלאָסען אייער זוהן צו אַכטען און געוואוינען זיך איהם צו ליעבען, ווען ער איז געוואָרען מיין מאַן. איך האָב זיך באַמיהט צו זיין גוט צו איהם. איך האָב יעדען טאָג געזוכט צו ענטדעקען אין איהם אַן אַנדער מעלה. ביסלעכווייז האָב איך איהם אָנגעהויבען צו ליעבען. איך פלעג זיין קומען פון געשעפט אַהיים ערוואַרטען מיט אונגעדולד. איך פלעג זיך זאָרגען פאַר זיין רוה, פאַר זיין באַקוועמליכקייט און פאַר זיינע פאַרגעניגענס. יעדען מאָל וואָס איך פלעג זעהן אַז ער וויל פאַררויכערען אַ סיגאַר, פלעג איך איהם צוטראָגען פייער. כאָטש איך אַליין האָב פיינד דעם רויך פון טאַבאַק. עס שטיקט מיך. וואָס ווייסט איהר ווי שווער איך האָב געאַרבייט מיט זיך אַליין אום איהם צו ליעבען אויפריכטיג און מיט׳ן גאַנצען הארצען! נו, איז ער געקומען און האָט אַליין צו־שטערט דעם טעמפּעל וואָס איך האָב געבויט פאַר איהם! ניין, צוריק אָנפאַנגען פון דאָס נייע קען איך גיט — פאַרפאַלען, ליעבער פאָטער!...

עטעל האָט גערעדט שטעהענדיג. איהרע באַקען האָבען גע־פלאַמט און איהר שטימע האָט געקלונגען אַזוי ווי עס וואָלט גע־קומען פון אַ ווייטער וועלט... וואו האָב איך געהערט דיזע שטי־מע?... וואו האָב איך געזעהן דיזע פּאָזע?... איך האָב זיך דער־מאָנט... אַזוי האָט עטעל אויסגעזעהן און אַזוי האָט איהר שטימע געקלונגען מיט פינף יאָהר צוריק, אין יענעם טאָג ווען זי האָט פאַר־לאָזען ביילינסאָנ׳ס פאַרם־הויז, נאָכדעם ווי די ווייבער האָבען גע־גען איהר געמאַכט אַן אינטריגע און ניט געוואָלט צולאָזען אַז זי זאָל עסען ביי דעם זעלבען טיש מיט די „ליידים“. איידער עטעל איז אַוועקגעפאָהרען, האָט איהר מיסעס גרעפטער געבראַכט די

געקלונגען אין מיינע אויערען! איך האָב זיך געפיהלט אין זיבע־טען הימעל.

און דאָך בין איך געווען אַ ביסעל אונצופריעדען. וואָרום אָפּ־לייגען? וואָרום זאָלען מיר יעצט ניט ערקלערען פאַר דער גאַנצער וועלט אַז מיר זיינען חתן־כלה. דער אָפּלייגען קען קיין גוטס ניט ברייגגען. ווער ווייס וואָס עס קען נאָך פאָרקומען. אפשר קענען זיך מאַכען נייע שטיינער אין וועג...

טעלעפאָן האָט, ווי עס ווייזט אויס, געלעזען מיינע געדאַנקען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין אונצופריעדען פון איהר ענטפער, און זי האָט מיך געוואָלט באַרוהיגען. זי איז צוגעגאַנגען צו איהר קליינעם שרייב־טיש, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ בריעף און מיר דאָס געגעבען צו לעזען.

דער בריעף, אויף וויפיעל איך געדענק, האָט זיך אַזוי גע־לעזען:

„ווערטהע מאַדאַם קאַפּטאַן!

„עס טוט מיר זעהר לייד וואָס איך האָב ניט געקענט האַלטען מיין פאַרשפּרעכען צו קומען צו אייך. ווי איהר ווייסט, איז דאָס דער „ביזי סיזאָן" ביי אונזערע אידען, ובפרט ביי חזנים. וואָרים וועלכער איד איז דאָס אַזוי פאַרנומען ווי אַ חזן אין די ימים נוראים? און דאָך האָב איך אייך ניט פאַרגעסען. איך טראַכט וועגען אייך גאַנץ אָפט.

„גראַדע געסטערן האָב איך זיך געטראָפען מיט דעם לעהרער סיניאָר אַנטאָני, וועלכער האָט שוין פיעלע יונגע טאַלאַנטען גע־האָלפען צו שטייגען הויך אין דער מוזיקאַלישער וועלט. איך האָב איהם דערצעהלט וועגען אייך און איהם ערקלעהרט וועגען אייער שטימע און וועגען אייערע אומשטענדען, אויף וויפיעל איך ווייס זיי. סיניאָר אַנטאָני איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט. ער האָט מיך געבעטען איך זאָל אייך ברייגגען אין זיין סטודיאָ אַזוי שנעל ווי עס וועט מיר מעגליך זיין.

„איך זאָג אייך גאַנץ ערנסט, מאַדאַם קאַפּטאַן, אַז איהר האָט אַן אויסגעצייכענטע שטימע, און איך בין זיכער אַז איהר וועט זיין איינע פון די גרעסטע זינגערינס אויף דער אָפּערא ביהנע.

צוויי־און־נײַנציגסטער קאַפּיטעל

עטעל איז ענדליך פריי!

מר. קאַפּטאַן האָט געפאָלגט די עצה פון מיין פאָטער און עטעל, און געלאָזט אַרנאָלד'ן צוריק קומען. מיר האָבען געהערט דערצעהלען, אַז אַבוואָהל מר. קאַפּטאַן האָט צו זיין פרוי גערעדט, האָט ער אָבער צו זיין זוהן אַ וואָרט ניט געוואָלט אויסרעדען.

ליזי איז אוועק־געפאָהרען צו איהרע עלטערען, וועלכע האָבען קיין זאַך ניט געוואוסט פון דעם וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן. און מיט דעם האָט זיך איהר ווילדער ראָמאַן געענדיגט. איהר חלום צו ווערען אַן אַקטריסע איז קיינמאָל ניט פאַרווירקליכט געוואָרען.

אַ פּאָר טעג פאַר ראש השנה האָט עטעל באַקומען אַ געזעצ־ליכע שיידונג פון געריכט און אויך אַ גט לויט דעם אידישען דין. אין אָוונד פון דעם טאָג ווען זי איז געשיידען געוואָרען בין איך געקומען צו איהר אויף אַ באַזוך. מיר זיינען ביידע געווען גליק־ליך. ענדליך זיינען אַלע שטיינער אָפּגעראַמט געוואָרען. מיר זיי־נען יעצט געווען ביידע פריי צו געהערען איינער דעם אַנדערען און קיינער קען אונז ניט שטערען.

איך האָב געפרעגט עטלען, ווען מיר זאָלען מאַכען אַן אָפּי־ציעלע פאַרלאָבונג. דאַרויף האָט זי לאַכענדיג געענטפערט:

— איילט זיך ניט — לאָזט זיך מיר אַ ביסעל אָפּרוהען, אָפּ־ציהען דעם אָטעם. ערשט פּטור געוואָרען פון איין מאַן, און גלייך זאָל איך זיך פאַרדרעהען דעם קאָפּ מיט אַ צווייטען? — ניין! איך וויל מיר צוערשט אַ ביסעל אָפּרוהען דעם קאָפּ. איך וויל פאַר אַ צייט ווידער פיהלען דעם טעם פון אַ מיידעל. האָב איך ניט רעכט, מיין ליעבסטער?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געהערט פון עטלען די ווערטער מיין ליעבסטער. ווי זיס דאָס האָט

א מזל זי האָט! א טאָכטער פון אַן אָרימע דזשעניטערעס האָט גע־קראָגען איין רייכען בחור און גלייך ווי זי האָט זיך מיט איהם גע׳גט האָט זי געכאַפּט אַן אַנדער רייכען בחור!" איך וויל אַז מען זאָל זאָגען: „וואָס פאַר א מזל סעם פרומקין האָט! געזעסען אַזוי לאַנג, דער אַלטער בחור, און חתונה געהאַט מיט אַן אָפּערא סטאַר!" נאָך וואָס, מיין ליעבסטער: איך בין ענטשלאָסען צו מאַכען א סך געלד, און איך וויל אויסצאָהלען צו מר. קאַפּטאַן פאַר אַלעם וואָס ער האָט מיר געגעבען. איך וויל ניט אַז מען זאָל דענקען, אַז איך האָב פאַרדינט אַן זיין זוהן...

— רעדסט שוין נאַרישקייטען, מיין קינד! — האָט זיך אריינגעמישט דבורה. (מיר האָבען גאָר ניט באַמערקט ווי זי איז אריינגעקומען.) — דעם ביסעל פאַרמעגען וואָס דו האָסט איז ניט דיינער און ניט קאַפּטאַנ׳ס. דאָס געהערט צום קינד. און גלאַט אַזוי, וואָס האָסטו זיך דיר איינגערעדט אָפּערא אין קאָפּ? מאַלע וואָס א חזן, א לעדיגגעהער, זוכט דיר צו פאַרדרעהען דעם קאָפּ! גאָט האָט דיר צוגעשיקט דעם מאַן וואָס דו ליעבסט איהם און ער ליעבט דיך, טאָ גערה מיט איהם, מיט מזל, צו דער חופה — און א סוף!

— אך, מאַמע, דו האָסט מיך קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, — האָט עטעל מיט א זיפץ געענטפערט.

דבורה האָט א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און איז אַרויס־געגאַנגען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי האָט א זיפץ געטאָן.

מעהר האָבען מיר וועגען דעם ניט גערעדט יענעם אָוונד. איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט, אַז פון דער זינגען־קאַריערע וועט זיך אויסלאָזען א חלום. ענטוועדער דער לעהרער וועט אויסגעפינען אַז עטעל׳ס שטימע איז ניט אַזוי ווי דער חזן דענקט, אָדער עטעל וועט אַליין אויפגעבען איהר אַמביציע.

פאַר מיין אַוועקגעהן האָט עטעל צו מיר געזאָגט:

— איך בעט אייך, טייערער סעם, קומט ניט צו מיר ראש השנה. איך וויל דיזעביידע הייליגע טעג זיין אַליין. מיין מוטער וועט געהן אין שוהל און איך וועל בלייבען מיט בייבי־אייבי אין הויז און זיך איבערגעבען צו מיינע געדאַנקען. איך וועל מאַכען א

איהר דאַרפט עס גוט אין אַכט נעמען און ניט לאָזען פאַרלאָרען געהן די שעהנע מתנה וואָס גאָט האָט אייך געגעבען.

„ווינשענדיג אייך אַ גוטען יאָהר, פאַרבלייב איך אייער פריינד און פאַרעהרער,

דזשיאַקאָמאָ סאָלאָמאָן.“

נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעלעזען דעם בריעף און האָב אַ קוק געטאָן אויף עטלען, האָב איך אין איהרע אויגען געזעהן אַ נייע ליכט.

איך האָב פאַרשטאַנען.

עטעל וויל שטודירען. עטעל וויל שטייגען אין דער וועלט. זי וויל ווערען גרויס, באַריהמט. זי וויל שיינען, זי וויל גלענצען... צו וואָס דאַרף זי דאָס? צו וואָס?... איז איהר ניט גענוג דאָס איך ליעב זי און וויל מיט איהר חתונה האָבען?

איך האָב דאָס איהר געזאָגט:

— עטעל, דאָס איז אַלעס שעהן, אָבער קיין גליק ברייִנגט עס ניט. לערנען, קולטיווירען די שטימע שאַדט ניט, אָבער פון אַ אָפּערא קאַריערע איז ניט פּראַקטיש צו טראַכטען. צי דען קענען מיר ניט לעבען גליקליך ווען איהר וועט זינגען בלויז פאַר מיר און פאַר אונזערע פריינד. עטעל! אַן עבירה די צייט, די מיה. עס מיינט אַ סך שווערע אַרבייט, עס פאַרלאָזען די היים, אייער קינד, מיך, און אַלע פריינד און זיין אין דער פרעמד עס מיינט... עס מיינט... עס קען אמאָל מיינען, אַז איהר וועט זיך אָפּפרעמדען פון מיר... מיך פאַרגעסען... אַ, עטעל!...

ווענען אָפּפרעמדען זיך און פאַרגעסען, מיין ליעבסטער, דאַרפט איהר מיך שוין בעסער קענען ווי דאָס. און פאַר די שווערע אַרבייט שרעק איך זיך אויך ניט. ווער עס וויל האָבען ערפאָלג, מוז שווער אַרבייטען. איך וויל זינגען פאַר דער גרויסער וועלט. זינגען פאַר אייך און פאַר אייערע פריינד ביי אונז, אין אונזער צוקינפטיגע היים. איך וויל, אַז איהר זאָלט קומען אין אַן אָרט וואו נאָך טויזענדער מענשען וועלען מיך קומען הערען. עס קלינגט פיליייכט נאַריש, אָבער איך מוז צוגעבען, אַז איך וויל זיין גרויס, באַריהמט. איך וויל ניט, אַז מענשען זאָלען זאָגען: „וואָס פאַר

אליין וועל פארנעמען א גרויסען טייל פון איהרע משחבות אין דערמאָנען מיך אויך.

דעם צווייטען טאָג ראש השנה האָט זיך דער דאַוונען א ביסעל געצויגען צוליעב א רעדנער וואָס האָט געהאַלטען א זעהר לאַנגע רעדע אין שוהל. דאָס איז געווען איינער פון יענע רעדנער וואָס קענען ניט אָפּמעסטען די צייט און די געדולד פון זייערע צו־הערער. אין שוהל איז געווען היים. די אינגערע מענשען זיינען ארויס אין דרויסען כאַפּען א ביסעל פרישע לופט. די עלטערע האָ־בען ניט געוואָלט פארשעהמען דעם רעדנער און זיינען פארבליבען און געזעסען ווי מארטירער... איך בין אויך ארויס אין גאַס און האָב זיך אוועקגעלאָזט אויף א שפּאציר. און אזוי ווי איך בין גע־גאַנגען האָב איך געפיהלט אז מיינע פיס ציהען מיך אין א געוויסער ריכטונג. עטליכע מאָל האָב איך זיך פארקירעוועט צו געהן אויף אַן אנדער וועג, אָבער מיינע פיס זיינען צוריק ארויף אויף דעם פריהערדיגען וועג. א ווייטער וועג, אָבער ער האָט געפיהרט צו דער גאָס וואו עטעל האָט געוואוינט.

וואָס שאַדעט עס אז איך וועל פארבייגעהן ? — האָב איך זיך צוריק געטראַכט. — איך וועל אפילו ניט ארויפקוקען צו עטעל׳ס וואוינונג. איך וועל אזוי פארבייגעהן, ווי צופעליג.

און איך בין געגאַנגען...

ווען איך בין שוין געווען נאָהענט פון דעם בלאָק אין וועל־כען עטעל האָט געוואוינט, האָב איך דערזעהן א מאַן ארייננקעה־רען זיך אין דעם בלאָק פון אַן אנדער גאַס. איך האָב איהם גלייך דערקענט נאָך זיין גאַנג. דאָס איז געווען ארנאָלד קאַפּטאַן !

וואָס טוט ער דאָ ? — האָב איך זיך געפרעגט. — וויל ער דען ארויפגעהן צו עטלען ? וויל ער שלום מאַכען מיט איהר ? איך האָב געמיינט אז מיינע פיס האַקען זיך מיר אונטער. מיין הארץ האָט אזוי געקלאַפּט, דאָס איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. געהן ווייטער, אָדער זיך צוריק אומקעהרען. איך האָב מורא געהאַט, אז א באַגעגעניש מיט ארנאָלד קאַפּטאַן וועט מיך אזוי אויפרעגען, דאָס איך וועל זיך וואַרפען צו איהם שלאָגען.

קלאָרען חשבון פון מיין לעבען און זיך באַדענקען וואָס איך האָב צו טאָן אין דער צוקונפט.

— און איך, ליעבסטע עטעל, — האָב איך געענטפערט, — וועל געהן אין שוהל און וועל בעטען גאָט אז ער זאָל אייך אריינ־געבען א געדאנק אז —

איך האָב מיינע ווערטער ניט געקענט ענדיגען, ווייל עטעל האָט פּלוצלינג ארויפגעלייגט איהר האַנד ביי מיר אויפ'ן מויל און מיך ניט געלאָזען ריידען.

— שלעכטער מענש ! — האָט זי מיט איהר גוטמוטיגען, נשמה־שמייכעל אויסגערופען.

זי האָט אראָפּגענומען איהר האַנד פון מיין מויל און ארויפ־געלייגט אויף מיין שולטער. זי איז געבליבען שטעהן א וויילע, געקוקט מיר אין די אויגען און עפּעס ווי געוואויגען ביי זיך אין די געדאנקען. נאָכדעם האָט זי מיט דער אנדער האַנד ארומגענו־מען מיין קאָפּ, און נאָך א זיבען יעהריגע פריינדשאַפט האָבען מיר זיך צום ערשטען מאָל צוקושט...

„לשנה טובה !" — האָבען עטעל'ס ליפּען דערביי געמורמעלט.

דאָס איז דער קוש וואָס איך האָב אַלץ געהאַלטען פאַר מיין חופּה. סאַי ווי האָב איך שוין יענעם באַשלום געבראָכען. ווען עטעל זאָל דאָס וויסען !...

און געהענדיג אהיים האָב איך זיך געטראַכט: ווען א מענש קען ניט אַלעם אויספיהרען מיט זיך אַליין, טאָ ווי קען ער וועלען אויספיהרען מיט אנדערע ?

*

איך האָב נאָכגעדענקט וועגען עטעל'ס פאַרלאַנג אַז איך זאָל זיך ניט צייגען פאַר איהר ביידע טעג ראש השנה און איך האָב איינגעזעהן, אַז זי האָט רעכט געהאַט. עטעל, וועלכע איז געוועזן אַן אמת'ע אידישע טאָכטער, האָט געפיהלט די הייליגקייט פון דיזע טעג. האָט געוואָלט דורכמאַכען א חשבון הנפש מיט זיך אַליין, נאָכדעם ווי אין איהר לעבען זיינען פאָרגעקומען אַזוי פיעל וויכטיגע ענדערונגען. איך האָב זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס איך

דריי־און־ניינציגסטער קאַפּיטעל

עטעל׳ס אַמביציע

מוצאי ראש השנה האָב איך אָפּגערופען עטלען אויפ׳ן טעלעפאָן. זי האָט מיך געבעטען קומען דעם אַנדער אָווענד. מיר האָט אַ ביסעל פאַרדראָסען וואָס זי האָט מיך ניט געהייסען גלייך קומען. איך האָב אָנגעהויבען צו פיהלען אַז עטעל הויבט אָן צו האַלטען זיך שטאָלץ געגען מיר. טרויעריגע געדאַנקען האָבען ווידער אָנגעהויבען זיך צו מישען אין מיין קאָפּ. איך האָב אָנגעהויבען מורא צו האָבען טאָמער פרעמדט זיך עטעל אָפּ פון מיר.

אָבער דעם אַנדער אָווענד, ווען איך בין געקומען צו עטלען, זיינען אַלע מיינע אומעטיגע געדאַנקען פאַרשוואונדען געוואָרען. איין שמייכעל אויף עטעל׳ס ליפּען איז געווען גענוג צו פאַרטרייבען יעדען צווייפעל, יעדען ברעקעלע וואָלקען.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסע איוונינג גאון, אין וועלכע זינגערינס גיבען אָפּ קאָנצערטען אויף דער ביהנע. די קלייד איז איהר וואַרשיינליך פאַרבליבען פון איהר חתונה גאַרדעראָבע. איהרע האָר זיינען געווען פאַרפּוצט מיט בלומען. און אויף איהר געזיכט איז געווען אויסגעגאָסען אַ יום־טוב׳דיגע שטימונג.

דאָס האָט זי זיך פאַרפּוצט פאַר מיר — מיר צו צייגען ווי זי וועט אויסזעהן ווען זי וועט ווערען אַ גרויסע זינגערין און וועט זינגען פאַר אַ גרויסען עולם. זי האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אויך לעבען מיט איהר אַמביציע. זי האָט געוואָלט, אַז איך זאָל טרוימען מיט איהר דעם זעלבען חלום, און אַז איהר גרויסקייט זאָל זיין מיין גרויסקייט.

זי האָט עס מיר דייטליך געזאָגט יענעם אָווענד, ווען מיר זיינען ביידע געזעסען צוזאַמען אויף אַ סאָפע און „בייבי־איבי“

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געוואָרט צו זעהן וואָס ער וועט טאָן. וועט ער זיך וואַגען ארויפצוגעהן?

ארנאָלד איז געגאַנגען איבער'ן בלאָק און האָט געלעזען די נומערען פון די הייזער אויף די טירען. ביי עטעל'ס הויז האָט ער זיך אויף אַן אויגענבליק אָפּגעשטעלט און איז גלייך צוריק אוועק.

ווי ער האָט זיך אומגעקעהרט, האָט ער דערזעהן מיך שטעהן. ער האָט זיך דערשראָקען, אַזוי ווי אַ גנב וואָס מען כאַפּט ביי דער האַנד. איך בין געגאַנגען איהם גלייך אַנטקעגען. און כאָטש מיין הארץ האָט אין מיר נאָך אַלץ געקלאַפּט, האָב איך זיך באַמיהט אויסצוזעהן מוטיג.

ער איז מיר שנעל פארבייגעגאַנגען און ניט געזאָגט קיין וואָרט. דאָס האָט מיין מוט פארגרעסערט און איך האָב איהם צו־געוואָרפען אַ באַמערקונג:

— איהר האָט זיך פארבענקט, אַ?

— איך קען זי קריגען צו יעדער צייט, אויב איך זאָל נאָר וועלען! — האָט ער געענטפערט.

— אַ נידערטרעכטיגע, לומפּיגע באַריהמעריי! — האָב איך אויסגערופען.

ער האָט אָבער מעהר ניט געוואָרט און איז אוועק.

— יו אַר איי דאַרלינג! — האָט זי געזאָגט און געדריקט מיין האַנד.

זי האָט אַריינגערופן איהר מוטער און האָט צו איהר גע־זאָגט:

— מאַמע, נעם צו דיין איניקעל. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף סעם'ן און שלאָפט. איך וויל איהם אַליין ניט אויפהויבען, ווייל איך זשאַלעווע מיין קלייד. הער, מאַמע, וואָס סעם זאָגט. ער וויל די בייבי אַדאָפּטירען. עס זאָל זיין אַזוי ווי זיין קינד.

— דאָס איז זעהר שעהן, — האָט דבורה געזאָגט, אויפהוי־בענדיג דעם שלאָפענדען קינד. — אָבער דער אויבערשטער זאָל געבען אַז איהר זאָלט אין גיכען האָבען אייערע אייגענע.

די ברכה האָט זי געזאָגט צו מיר. איך האָב זיך פאַרשעהמט און מורא געהאַט אויפצוהויבען מיינע אויגען צו עטלען. אָבער עטעל האָט זיך צולאַכט און זי האָט געזאָגט:

— ניט אַזוי גיך, מאַמע. איך האָב יעצט אַנדערע אַמביציעס אין לעבען.

— הער שוין אַמאָל אויף, מיין טאָכטער, מיט דיינע נאַריש־קייטען, — האָט דבורה זיך אָנגעבייזערט, און זי איז אַוועק מיט'ן קינד. אין אַ מינוט אַרום איז זי צוריק געקומען און האָט פאָרט־געזעצט איהרע רייד:

— האָסט זיך, מיין טאָכטער, אַריינגענומען אָפּערא אין קאָפּ און איך האָב מורא אַז דו פאַרדרעהסט זיך דעם קאָפּ אומ־זיסט און אומנישט. ביזט דאָך שוין אַ מאַמע פון אַ קינד —

— אַן אַלטע אידענע, — האָט עטעל לאַכענדיג אונטערגע־כאַפּט. — זאָג, זאָג, מאַמע, דעם גאַנצען אמת. ווערסט מיר מיין שידוך שוין ניט קאַליע מאַכען.

— אויף חתונה האָבען ביזטו נאָך אין די ריכטיגע יאָהרען, — האָט דבורה געענטפערט. — און דו קענסט יעצט זיין זעהר גליקליך. אָבער אויף צו לערנען זיך, האָב איך מורא, אַז דו האָסט אַ ביסעל פאַרשפּעטיגט. איך בין אַ מאַמע און האָב קיין מורא ניט דיר צו זאָגען דעם אמת. מיר געפעלט עפּעס ניט אַ אידישער חזן וואָס רופט זיך דזשיאַקאָמאָ סאַלאָמאָן. וואָס איז פאַר אַ דזשיאַ־

איז געזעסען אין מיטען
און דאָך בין איך ניט געווען צופרידען. איך האָב זיך באַרע־כענט ווי פּאָר אַ צייט וועלען מיר מוזען זיין אָפּגעשיידט איינער פון דעם אַנדערען.

— די צייט וועט שנעל אַריבער, — האָט עטעל מיך גע־טרייסט. — מיר וועלען זיין נאָהענט איינע צו די אַנדערע אין גייסט. דער ים וואָס ליגט צווישען איירָאָפּא און אַמעריקא וועט אונז צושיידען פּאָר אַ צייט בלויז אין קערפּער, אָבער אונזערע הערצער וועלען זיין פאַראייניגט. עס וועלען אַריבערגעהן די עט־ליכע יאָהר פון מיין שטודיום אין איטאַליען און איך וועל צוריק קומען אַ באַריהמטע זינגערין און דאַן וועלען מיר חתונה האָבען.

— ניט פריהער ווי דאַן? — האָב איך געפרעגט און גע־פיהלט ווי מיין הארץ זינקט אין מיר פאַר שרעק.

— איך וואָלט וועלען חתונה האָבען אין דעם אָוועגד פון מיין ערשטע ערשיינונג אַלס אָפּעראַ זינגערין, — האָט עטעל געענט־פערט. — נאָך דער אָפּעראַ זאָל זיין אונזער חופּה און דער חזן דזשיאַקאָמאָ סאָלאָמאָן זאָל זיין דער מסדר קדושין.

— עטעל! — האָב איך גע׳טענה׳ט מיט גרויס געפיהל. — וואָרום זאָלען מיר אָפּלייגען אונזער פאַראייניגונג? מיר וועלען חתונה האָבען און נאָכדעם וועט איהר קענען פאָהרען שטודירען. צו וואָס אַזוי לאַנג וואַרטען? ווער ווייס וויפיעל יאָהרען דער שטו־דירען וועט נעמען? ווער ווייס אויב עס איז אַזוי לייכט גלייך נאָכדעם צו קריגען אַן ענגיידזשמענט? און בייבי־אייבי וואו וועט זיין?

— וואו, פרעגט איהר? איהם וועל איך מיטנעמען און מיין מוטער אויך. ווי וועל איך קענען לעבען אַ טאָג אָהן מיין קינד?

דערווייל איז בייבי־אייבי איינגעשלאָפען זיך צוטוליענדיג צו מיר. איך האָב געפיהלט די וואַרימקייט פון זיין קליין קערפּערעל. עס איז מיר דאַן איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז אייבי דאַרף קיינמאָל ניט וויסען אַז איך בין ניט זיין פאָטער. איך וועל איהם דערציהען אַלס מיין אייגען קינד.

איך האָב דאָס געזאָגט עטלען.

זינגערין וואָס וועט דערפרעהען די הערצער פון טויזנדער מענ־שען.

דבורה האָט מיר איבערגעגעבען אַלע איינצעלהייטען פון דעם חזן׳ס באזוך.

— און ווי איז ער אייך געפעלען? — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— ער געפעלט מיר גאָר ניט, — האָט דבורה געענטפערט. — און אַז אייבעלע האָט איהם דערזעהן, האָט ער זיך געוואָרפען צו מיר אין די הענד. דער חזן האָט זיך געוואָלט מיט איהם שפּיעלען, מאַכען מיט איהם פריינדשאַפט. אָבער אייבי האָט זיך פאַר איהם ווי געשראָקען. א קינד׳ס הערצעלע פיהלט אויב עס איז א גוטער מענש, אַן עהרליכער, אָדער א שלעכטער און א זשוליק. ער האָט גאָר ניט קיין פּנים פון א אידישען חזן. אויף דעם פּנים פון אַן אמת׳ן אידישען חזן ליגט עפּעס א מין אידישער חן, מען פיהלט אַז דאָס איז אַן עהרליכער איד. און דער זעהט אוים ווי א טאַנץ־מייסטער, אָדער ווי אַ קאָרטענשפּיעלער. ניין, מיין טייערער, ער געפעלט מיר גאָר ניט!

— און וואָס האָט עטעל געזאָגט?

— צו איהר טאָר מען גאָר א וואָרט ניט ריידען אויף איהם. זי ווערט אַן אָנגעצונדענע. איך ווייס גאָר ניט וואָס עס איז געוואָ־רען פון מיין עטלען. זי האָט צו מיר אַזוי קיינמאָל ניט גערעדט ווי יעצט. סעם, טייערער, גוטינקער. דו רייד צו איהר. אפשר וועסטו עפּעס אויסווירקען.

— האָט געדולד, ליעבע פריינדין, — האָב איך זי גע־טרייסט. — לאָמיר האָפען, אַז — אַלעס איז צו גוטען.

— אָמן! — האָט דבורה אויסגערופען און האָט א שווערען זיפץ געטאָן.

קאַמאַ? אַ אידישער חזן דאַרף הייסען יאָסעלע, בערעלע, אוורעמ־קעלע, אָבער ניט דזשיאַקאָמאָ.

— מאַמע, דו האָסט איהם נאָך ניט געזעהן — וואַרט ביז ער וועט קומען, וועסטו אַנדערש ריידען וועגען איהם. וועסט זעהן אַז ער איז אַ קינסטלער, וואָס זוכט מיין טובה.

דבורה איז אַרויסגעגאַנגען אַ האַלב ברוגז'ע.

— זי איז אַ גוטע מאַמע, די בעסטע מוטער אויף דער וועלט, — האָט עטעל געזאָגט, — אָבער זי איז פון דער אַלטער וועלט. זי איז אויך מיט דער מיינונג, אַז אַ פרוי איז נאָר געבאָרען געוואָרען צו דיענען דעם מאַן, איהם געבען עסען דריי מאָל אַ טאָג און אַ בייבי איין מאָל אַ יאָהר, און צירעווען זיינע זאָקען און איינ־נעהען קנעפּלאַך אין זיינע העמדער.

איך האָב אויף מיין אָרט ניט געקענט איינזיצען. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט עטלען אַזוי אָפּלאַכען פון אַלטען דור. איך האָב קיינמאָל איהר ניט געהערט שפּעטען פון מענשען, און נאָך אַזוי לייכטזיניג אָפּשפּעטען. עטעל ווערט גאָר אַן אַנדערע. ניט די זעלבע עטעל.

איך האָב אָנגעהויבען שטאַרק מורא צו האָבען פאַר עטלען. יעדען מאָל וואָס איך פלעג קומען האָב איך פון איהר געהערט ריי־דען ניט פון קיין אַנדער זאַך, ווי אָפּערא.

*

באַלד נאָך יום כפור איז צו עטלען געקומען דער חזן דזשיאַ־קאָמאָ סאַלאָמאָן. ער איז געקומען בייטאָג. עטעל איז געווען שטאַרק דיסאַפּאָינטעט וואָס ער איז געקומען אַליין, אָהן דעם איטאַליע־נישען פּראָפעסאָר, וועלכען ער האָט צוגעזאָגט ברייננגען. אָבער דער חזן האָט איהר די זאַך אַזוי ערקלעהרט: די ערשטע צייט קען ער אַליין מיט איהר לערנען. ער וויל איהר איינשפּאָרען די געלד וואָס דער פּראָפעסאָר וועט פאַרלאַנגען. ער, דער חזן, וועט לערנען מיט איר אומזיסט. ער פאַרלאַנגט ניט אַ פעני. ער וועט גאָר ניט אָננעמען. ער דאַרף ניט. זיין פאַרדיענסט וועט זיין, ווען עס וועט איהם געלינגען צו געווינען אַ גרויסען טאַלאַנט פאַר דער וועלט, אַ

וועט אין גאַנצען ענדערען דעם גאַנג פון מיין לעבען און וועט מיך מאַכען פאַר אַ אַנדער פרוי, האָב איך ניט קיין אַנדערען מיט וועמען איך זאָל זיך קענען טיילען מיין פרייד און אויך פרעגען אַן עצה, ווי ביי אייך.

„טייערער פריינד! איך וויל אַז איהר זאָלט מיר גלויבען. עס איז ווירקליך פאָרגעקומען אַ זאַך פון גרויסער וויכטיגקייט. איך קען עס אייך אין אַ בריעף ניט אַרויסשרייבען. איך מוז מיט אייך ריידען פערזענליך. איהר וועט מיר ניט גלויבען, ווען איך וועל אייך שרייבען. איהר מוזט דאָס הערען פון מיר אַליין.

„איך האָב לאַנג נאָכגעטראַכט אויב איך זאָל אייך רופען, אָדער ניט. ווייל די זאַך איז שוין פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק. איך האָב אַלץ געוואָלט אויסקומען אָהן אייך. איך ווייס, אַז איהר זייט שוין פארבונדען... איך ווייס אַלעס. איך האָב אפילו קיין רעכט ניט אייך צו באַלעסטיגען מיט מיינע פּריוואַטע אַנגעלעגענהייטען, אָבער איך ווייס, אַז ווען איהר וועט קומען און איהר וועט מיך אויסהערען, וועט אייך ניט פאַרדריסען וואָס איהר זייט געקומען. פאַרקעהרט, עס וועט אייך זעהר פרעהען וואָס איהר האָט זיך אויף מיין בריעף אָפּגערופען.

„עס האַנדעלט זיך אום מיין צוקונפט. עס האַנדעלט זיך אום דעם לעבען פון אַ פרוי וואָס איז אַוועק אויף אַ קרומען וועג און גאָט האָט איהר געהאָלפען אַז זי קען ווערען גוט און עהרליך, און אַז איהרע פריינד, אַנשטאַט זיך צו שעהמען מיט איהר, זאָלען שטאָלצירען מיט איהר.

„אַלעס וואָס איך שרייב אייך איז דער ריינער אמת. איך וועל דאָך ניט וואַגען אייך אָפּצונאַרען און אייך איינלאַדען אין אַזאַ צייט וואָס איך דאַרף אייך לאָזען צורוה, צוליעב אַ גאָרנישט. איהר וועט זיין איבערראַשט וואָס פון ליליאַן גרעפּטער איז געוואָרען. טייערער פריינד! מיין העכסטע אַמביציע איז יעצט צו שטעהן אויף איין שטופע מיט אַלע גוטע און נאָבעלע פרויען.

„וועט איהר מיר ענטזאַגען דיזע קליינינגקייט? איך גלויב ניט, אַז איהר קענט זיין אַזוי שלעכט. איך ערוואַרט אייך היינט אָוועגד, אָדער מאָרגען בייטאָג. טעלעפאָנירט ווען איהר קומט.

פיער־און־נײַנציגסטער קאַפּיטעל

איך מאַך אַן ענטדעקונג

חול־המועד סוכות האָב איך באַקומען אַ בריעף פון מיסעס גרעפּטער. איך האָב גלייך דערקענט איהר קאָנווערט מיט איהר האַנדשריפט.

„וואָס וויל זי ווידער? — האָב איך זיך געטראַכט. — אויב עס איז אַן איינלאַדונג ווידער צו קומען צו איהר, וועל איך איהר אפילו ניט ענטפערען. אפשר זאָל איך דעם בריעף גאָר ניט לעזען? איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּשניידען מיט איהר!“

אַזוי האָב איך זיך געטראַכט. אָבער ווי קען אַ מענש זיך איינהאַלטען און ניט לעזען אַ בריעף וואָס איז געשריבען צו איהם, און נאָך דערצו פון אַ פרויענצימער? עפּעס האָט זי מיר דאָך צו זאָגען — לאָמיך זעהן.

געעפענט דעם בריעף — פאַרפומע! איהר פאַרפומע. עס האָט מיך דערמאָנט אָן יענעם זומער אָוענד מיט איהר אין דעם קליי־נעם וועלדעל, ניט ווייט פון ביילינסאָנ׳ס פאַרם־הויז. וואָס האָב איך מורא? איך האָב זיך אימער אַרויסגעצייגט שטאַרקער פון איהר...

און דאָס האָב איך געלעזען אין איהר בריעף:

„טייערער פריינד, מר. סעם פּרומקין!

„איהר וועט דאָך גיט בייז זיין, וואָס איך רוף אייך טייערער פריינד. איך האָב אַ רעכט צו זאָגען אויך „איינציגער אמת׳ער פריינד“, ווייל די פריינדשאַפט וואָס איהר האָט מיר אַרויסגעווי־זען ביי פיעלע געלעגענהייטען איז דאָך געווען ריינע פריינד־שאַפט, ריינע מענשען־ליעבע. און איהר האָט ניט געפאָדערט דעם פרייז וואָס אַנדערע מענער פאָדערען פון יעדע פרוי וואָס זיי גע־פעלט. און יעצט, אַז עס איז ביי מיר פאָרגעקומען אַ זאַך וואָס

אום איהם צו פארכאפען דעם וועג, אז ער זאל מיך ניט פרע־גען וואוהין איך פאהר, האב איך איהם געפרעגט:

— איהר פאהרט מסתמא וועגען א שידוך? ווי געהט עס אייך אין די לעצטע צייטען? ווי האט איהר אויסגעפיהרט מיט זאנענפעלד'ס טאכטער?

— זי איז שוין פארלאבט מיט מזל, — האט מאטיע גע־ענטפערט. — ווייסט איהר ווער דער חתן איז? אפשר קענט איהר איהם — מילטאן מירמעלשטיין הייסט ער. ער איז זעהר רייך, נאר ער האט שוין געמעגט חתונה האבען מיט צעהן יאהר צוריק.

— מירמעלשטיין? — האב איך אויסגערופען שטארק פאר־וואונדערט. — ווי קומט ער צו איהר?

— אט אזוי, — האט דער שדכן געענטפערט. — אז עס איז באשערט, קומט עס. און ער איז דער כלה גראדע געפעלען געווארען. וואס איז? ער איז עפעס א מיאוסער יונגער מאן? דאס רוב מייד־לאך גלייכען אן עלטערען פון זיי. אן עלטערער זעהט אויס מעהר סאליד, מעהר מענש.

— יעס, — האב איך געזאגט, ניט וויסענדיג וואס אנדערש צו זאגען, און מיין קאפ האט זיך אנגעהויבען צו דרעהען אין מיר: מירמעלשטיין און שולמית זאנענפעלד. וואס פאר א פאר! ווי לייכט עס איז פאר א מיידעל אריינצופאלען! פיליכט איז מיין פליכט איהר אויסצוזאגען ווער ער איז...

— און הערט וואס איך וועל אייך דערצעהלען א טשיקאווע זאך, — האט מאטיע דער שדכן געזאגט. — נאך איידער די פאר־לאבונג איז געווען, האט מר. זאנענפעלד באקומען א בריעף אהן אן אונטערשריפט, און אין דעם בריעף איז געווען אנגעשריבען אויפ'ן חתן אלעס וואס אין קארט שטעהט, אז ער איז אן אויס־געלאסענער, אז ער האט א לובאוויניצע — אבער מר. זאנענפעלד האט דערקענט די האנדשריפט. דאס איז געווען די זעלבע האנד־שריפט, וואס האט אויף אייך אמאל אנגעשריבען אזא בריעף. נו, האט ער געזאגט, מעהר ווי איינמאל וועט מען איהם ניט אפנארען. ער איז געווען גענוג נאריש צו גלויבען יענעם בריעף און אנווערען א פיינעם חתן פאר זיין טאכטער. ער האט עס געמיינט אייך.

„פון מיר אייער טרייע און דאַנקבאַרע פריינדין,
ליליאַן“.

וואָס קען דאָס זיין? — האָב איך זיך געפרעגט. — זי וועט מיך זיכער ניט אָפּנאַרען. מסתמא איז דאָ מיט איהר ווירקליך פאָר־געקומען עפּעס וויכטיגעס. אפשר געהט זי חתונה האָבען מיט וועמען — אפשר מיט מירמעלשטיינען?

איך האָב דעם בריעף באַקומען אין אָפּיס. איך האָב זיך ניט געאיילט איהר צו מעלעפאָנירען פון אָפּיס, טאָמער וועט מיין פאָטער הערען. אין אָוונעד האָב איך זי אָפּגערופען פון א דראַג־סטאָר.

— ווען קומט איהר? — איז געווען איהר ערשטע פראַגע, ווען זי האָט דערהערט מיין שטימע.

איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך קען קומען דעם זעלבען אָוועגד. (דער אמת איז, אַז מיין נייגעריגקייט איז געווען זעהר שטאַרק אָנגעצויגען, אָבער איך האָב געזוכט צו קאָנטראָלירען מיין שטימע.)

— טאַקע היינט? — האָט זי איבערגעפרעגט און איך האָב געהערט איהר קלינגענדען געלעכטערעל. עס האָט געקלונגען אַזוי ווי זי האָט געפיהלט, דאָס זי האָט מיך נייגעריג געמאַכט און באַ־זיעגט מיין ווילענסקראַפט.

— יעס, אין א שטונדע ארום, — האָב איך געענטפערט און אויפגעהאַנגען די טרייבעל אָהן א „גודבאַי“.

עס איז טאַקע בעסער אַז איך געה צו איהר טאַקע היינט, — האָב איך געטראַכט אויפ׳ן וועג.

איך בין געפאָהרען אין א קאַר. איך האָב גאָר ניט באַמערקט, ווי איינער פון די פּאַסאַזשירען, וואָס איז געזעסען אין א ווינקעל פון דער קאַר, קוקט און נעמט זיינע אויגען ניט אַרונטער פון מיר. ענדליך האָב איך איהם באַמערקט. דאָס איז געווען מאָטיע דער שרכן.

איך האָב א נייג געטאָן מיין קאָפּ צו איהם. ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַן איינלאַדונג אַז ער זאָל זיך זעצען נעבען מיר. איז ער גלייך צוגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט.

פינף־און־ניינציגסטער קאַפּיטעל

מיסעס גרעפּטער׳ס „גליק“

איך בין געבליבען שטעהן אין מיטען גאַס און געקוקט אויף דער קאר וועלכע האָט געפיהרט מאַטיע דעם שרכן צו מיסעס גרעפּטער.

אַט באַלד וועט ער ארונטערשטייגען אין איהר בלאָק. ער וועט צוגעהן צו איהר וואוינונג, ער וועט אָנקלינגען. זי וועט מיינען אַז דאָס בין איך. וואָס וועט זי טאָן, אַז זי וועט דערזעהן דעם שרכן? וועט זי איהם אריינלאָזען, וויסענדיג אַז איך דארף באַלד אָנקומען?

מיר האָט זיך ניט געגלויבט אַז מיסעס גרעפּטער זאָל זיין אַזוי אונפּראַקטיש. זי וועט דעם שרכן שנעל אָפּ׳פּטר׳ן, איהם משלח זיין, אום איך זאָל זיך ניט געפינען אין אַ פאַרלעגענהייט.

מען דארף דאָך איהר אָבער געבען צייט איהם משלח צו זיין.

איך האָב זיך ארומגעדרעהט אין דעם בלאָק אַ צעהן מינוטען. נאָכדעם בין איך אריין אין אַ דראָג־סטאָר און אָפּגערופען מיסעס גרעפּטער אויפ׳ן טעלעפאָן.

— דאָס זייט איהר? — האָב איך געהערט ווי זי האָט געזאָגט שטיל, אַזוי ווי זי האָט ניט געוואָלט אַז אַ דריטער זאָל זי הערען. — וואו געפינט איהר זיך יעצט?

איך האָב איהר ערקלעהרט אַז איך בין ניט ווייט פון איהר וואוינונג און פאר וואָס איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען וועג.

— אין אַ פינף מינוטען ארום קענט איהר קומען, — האָט זי געזאָגט. — איך וועל איהם גלייך אָוועקשיקען.

די פינף מינוטען זיינען מיר געוועז ווי אַן אייביגקייט. אפשר

אַ, ווי עס פּאַרדריסט איהם! און יעצט, וואָס מען זאָל ניט ריידען אויף דעם חתן, וועט ער שוין ניט גלויבען.

איך האָב זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט. איך האָב איינגעזעהן אַז איך וועל זיך דאָ ניט קענען אריינמישען. עס איז איבערהויפּט פאַר·מיר ניט פּאַסענד געהן קאַליע מאַכען אַ שידוך, און ווי וועט זיין אַז מען וועט מיר ניט גלויבען? איך זעה דאָך, אַז מיר־מעלשטיין האָט אויף מיס זאַנענפעלד געמאַכט אַ בעסערען איינדרוק ווי איך האָב דאָן געמאַכט. אָט וואָס מיידלאָך ווייסען!

— וואוהין פאָהרט איהר יעצט? — האָב איך דעם שדכן געפרעגט, ווייל איך האָב שוין געוואָלט פון איהם פּטור ווערען.

— איך פאָהר ריידען אַ שידוך, — האָט ער מיר געענטפערט. — איהר קענט איינעם אַ מר. יאַבלאָנסקי? ער איז אַ רייכער אַלמן און עס ווילט זיך אַ שעהנע ווייב. איך האָב שוין איהם גערעדט מיט עטליכע. אָבער עס איז מיר ניט געלונגען. יעצט האָף איך צו קריגען פאַר איהם אַ ווייבעל, אַ גרושה, וואָס איז משופּרא דשופּרא, אַ פּיטש, ווי מען זאָגט. ער האָט זי שוין געזעהן און ער איז פאַרקאָכט אין איהר. איך פאָהר דאָס יעצט צו איהר.

איך האָב באַקומען אַ פאַרדאַכט אַז ער פאָהרט עס צו מיסעס גרעפּטער — וואָס טו איך דאָ? אָט זיינען מיר שוין אַ פינף בלאָק פון איהר וואוינונג און ער פאָהרט נאָך אַלץ.

— איהר האָט נאָך ווייט צו פאָהרען? — האָב איך איהם געפרעגט.

— ביי אַ פינף בלאָק, — האָט ער געענטפערט. — זי וואוינט אין נומער... איך האָב אַ רול ניט אָפּצורופען אויפ׳ן טעלעפאָן. ניט אַלע גלייכען צו ריידען מיט אַ שדכן אויפ׳ן טעלעפאָן.

דער נומער וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען דער נומער פון מיסעס גרעפּטער׳ס וואוינונג.

— אָט דאָ מוז איך ארונטערגעהן, — האָב איך געזאָגט און בין ארונטער אַ דריי בלאָק פון מיסעס גרעפּטער׳ס וואוינונג.

אונטער מיך צו לערנען און מיך פֿאַרצובריייטען פֿאַר אַ גרויסע קאַריערע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב אַ דראַמאַטישע סאָפּ־ראַנאָ, אַזאַ ווי מערי גאַרדען. נו, וואָס זאָגט איהר יעצט צו דעם?

— ווער איז דער חזן? — האָב איך געפֿרעגט, כאָטש מיין האַרץ האָט מיר שוין געזאָגט אַז דאָס איז דער זעלבער וואָס וויל מאַכען עטלען פֿאַר אַן אָפּערא סטאַר.

— ער הייסט דזשיאַקאָמאָ סאַלאָמאָן, — האָט מיסעס גרעפּ־טער געענטפֿערט. — איך האָב זיך מיט איהם באַקאַנט אין קאַנ־טרי. ער איז אַ גרויסער חזן. ער מעג אַליין זינגען אין אָפּערא. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף מיר איז איהם גלייך איינגעפֿאַלען אַז איך האָב אַ מוזיקאַלישען טעאַלאַנט. ער האָט מיך געבעטען אַז איך זאָל פֿאַר איהם עפּעס זינגען. און ווי נאָר איך האָב אָנגע־הויבען צו זינגען, האָט ער געזאָגט אַז ער קען פֿון מיר מאַכען אַ גרויסע אָפּערא זינגערין.

זי האָט דערצעהלט נאָך זאַכען וועגען דעם חזן, אָבער איהרע רייד זיינען מיר וויניג געקראָכען אין קאָפּ. איך האָב יעצט איינ־געזעהן ווער דער חזן איז, וואָס פֿאַר אַ בלאָפֿער דאָס איז. פּשוט, וואו ער דערזעהט אַ שעהנע פּרויענצימער זוכט ער איהר צו פֿאַר־דרעהען דעם קאָפּ מיט פֿאַלשע פֿאַרשפּרעכונגען.

מיין האַרץ האָט מיר וועה געטאָן אויף עטלען. ווי וועט זי פֿיהלען אַז דער חזן האָט זי בלויז געבלאָפֿט?...

און מיסעס גרעפּטער האָט פֿאַר מיר אָנגעהויבען צו שילדע־רען וואָס עס וועט זיין ווען זי וועט ווערען אַן אָפּערא זינגערין.

— זאָגט, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — וועט איהר קומען מיך הערען? איך שטעל זיך פֿאָר ווי דאַן אַז איך וועל ווערען אַ באַריהמטע אָפּערא סטאַר, וועלען רייכע מענשען קומען אין מיין דרעסינג רום און מיך בעטען איך זאָל מיט זיי געהן עסען סאַפּער נאָך דער אָפּערא. אָבער איך וועל זיי אַלעמען ענטזאָגען. איך וועל געהן מיט מיין אמת'ן פֿריינד — מיט אייך!

האט עס מיסעס גרעפטער מיך געראָפען פרעגען אַן עצה וועגען אַ שידוך?

ניין, עס מוז זיין עפּעס אַנדערש.

קוים דערלעבט צו זיין ביי איהר אין הויז. מיין האַרץ האט זיך אַ ביסעל געשראָקען, טאָמער טרעף איך זיך דאָך מיט דעם שדכן.

— ווי די האַרץ האט מיר געזאָגט אַז איהר וועט קומען, — האט מיסעס גרעפטער געזאָגט. — איך בין קוים פּטור געוואָרען פון דעם שדכן. ער רעדט מיר מיט אַ זעהר רייכען אַלמן. איך וויל אָבער ניט הערען און זעהן. איך האַלט ניט יעצט ביי אַ שידוך טאָן. איך האָב וויכטיגערעס אין לעבען ווי חתונה האָבען.

איך האָב זי אָנגעקוקט אַ היבשע ביסעל פאַרוואונדערט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קלייד פון ווייסע סאַטין און איהר קאָפּ באַציערט מיט בלומען. ווי עטעל! — עס האט מיך שטאַרק פאַר־דראָסען וואָס זי האט געוואָגט נאָכצומאַכען מיין עטלען. כאָטש איך בין געווען זיכער אַז מיסעס גרעפטער האט גאָר ניט געמיינט עטלען נאָכצומאַכען.

— איהר קלייבט זיך ערגעץ צו נעהן? — האָב איך זי גע־פרעגט. כאָטש איך האָב איהר געוואָלט פרעגען וועגען וואָס זי האט מיך גערופען, אָבער איך האָב זיך געשעהמט ארויסצוצייגען אַז איך בין אַזוי נייגעריג.

— ניין, — האט זי געענטפערט. — דאָס האָב איך זיך אַזוי צוגעקליבען פאַר אייך — איך וויל אייך צייגען ווי איך וועל אויס־זעהן ווען איך וועל זינגען אָפּערא —

— אָפּערא?? — האָב איך איבערגעפרעגט און אויסגע־שטעלט אַ פאָר אויגען.

— עס איז פאַר אייך אַן איבערראַשונג, אַה? — האט זי געזאָגט און איהר פּנים איז געווען פול פרייד. — איהר וואָלט עס זיך גאָר קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען אַז ליליען גרעפטער וועט אַמאָל ווערען אַן אָפּערא זינגערין. יאָ, מיין פריינד! עס האַלט שוין גאַנץ נאָהענט דערביי. אַ באַריהמטער חזן האט ענט־דעקט אַז איך האָב אַ וואונדערליכע אָפּערא שטימע. ער נעמט זיך

אייגענטום, אזוי ווי איינער קויפט א שעהנעם פערד, אָדער א שעהנעם הינטעל! האָב איך קיין רעכט ניט צו לעבען? האָב איך קיין רעכט ניט צו שטערבען צו עטוואָס העכערעס אין לעבען, אום צו פאַרדיענען די ליעבע און אכטונג פון דעם מאַן וועלכער איז דער איינציגער וועמען איך קען ליעבען מיט'ן גאַנצען הארצען און מיט דעם גאַנצען פייער פון מיין נשמה?...

אויף אזא אויסגום האָב איך זיך ניט געריכט. איך האָב אָנגעקוקט דיזע שעהנע, שטאָלצע פרוי, וועלכע האָט באַצויבערט אַלע מענער וואָס פלעגען איהר איינמאָל אָנקוקען, ווי זי איז געשטאַנען פאַר מיר און זיך געבעטען, גרייט צו ווערען מיין שקלאַפין. אָבער מיין הארץ איז געווען פול מיט עטלען. איך האָב זיך באַדענקט אז פריינדשאַפט צו מיסעס גרעפטער וועט איהר טאָן מעהר שאַדען ווי גוטעס. איך מוז מיט איהר איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּשניידען.

— מיסעס גרעפטער! — האָב איך געזאָגט. — זייט פראַקטיש. אויב איהר ליעבט איהם ניט יעצט, וועט איהר איהם ליעבען שפּעטער. ער וועט זיין גוט צו אייך און איהר וועט איהם מיט דער צייט ליעב קריגען. און וואָס אנבאַלאַנגט מיר — ווייסט איהר דאָך, אז —

איך האָב ניט געוואוסט ווי צו ענדיגען. עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט ריידען צו מיסעס גרעפטער פון עטלען. איך האָב עטעל'ס נאָמען געהאַלטען צו הייליג צו דערמאָנען דאָ, אין דיזען הויז, פאַר דער פרוי וואָס האָט זי אמאָל שרעקליך באַליידיגט — אַ, ווען עטעל וואָלט געוואוסט, אז איך געה צו מיסעס גרעפטער און זיץ ביי איהר אין הויז און נעם אַן אינטערעסע אין איהר — אפילו א געצוואונגענע אינטערעסע, אָבער דאָך אינטערעסיר איך זיך אין איהר — אַ, ווען עטעל זאָל עס וויסען! איך האָף, אז זי וועט דאָס קיינמאָל ניט וויסען...

— איך פאַרשטעה וואָס איהר האָט געוואָלט זאָגען, — האָט מיסעס גרעפטער אונטערגעזאָגט מיינע ניט דערערדטע ווערטער.— איהר האָט באַשלאָסען חתונה צו האָבען מיט אַרנאָלד'ס גרושה. איך האָב אָבער מורא, אז איהר וועט ניט זיין גליקליך מיט איהר. איך האָב געהערט, אז זי בעט איהם ער זאָל קומען צוריק.

זי האָט ארויפגעלייגט איהרע הענד אויף מיינע שולטערען און מיר געקוקט אין די אויגען, זוכענדיג מיין צושטימונג צו איהר חלום.

— נו, וואָס זאָגט איהר? — האָט זי געפרעגט, זעהענדיג אז איך שווייג נאָך אלץ.

— איך זאָג, — האָב איך געענטפערט, — אז איהר האָט היינט געמאַכט א גרויסען טעות. איהר האָט דעם שדכן ניט גע־דארפט אוועקשיקען. איהר האָט בעסער מיר געדאַרפט הייסען קומען אן אנדערש מאָל. מאָטיע דער שדכן מיינט אייער טובה, דער חזן בלאָפט אייך בלויז.

— אך, מר. פרומקין, טייערער! — האָט מיסעס גרעפּטער גע׳טענה׳ט, פּאַרוואָרפענדיג איהר קאָפּ מיט א קאָקעטישען דרעה. — דער חזן בלאָפט ניט. ער איז א גרויסער קינסטלער. ער האָט ליעב די קונסט — ווארום זאָלט איהר ניט גלויבען, אז איך האָב טאַלאַנט? איך האָב געמיינט, אז איהר וועט קומען וועט איהר זיך פרעהען מיט דער נייעס און מיך ערמוטיגען, אָבער אנשטאָט דעם לייגט איהר מיר שווערע שטיינער אויפ׳ן הארצען און צו־שטערט מיין האָפנינג. איהר האָט מיך פיינד און דאָס אַלעס!

— מיסעס גרעפּטער! — האָב איך געזאָגט. — איך האָב געוויסע גרינדע צו גלויבען, אַז דער חזן בלאָפט אייך. איך האָב איהם געהערט מאַכען די זעלבע גלענצענדע פאַרשפּרעכונגען צו אַנדערע. אויב איהר ווילט מיר ניט גלויבען, וועט איהר דאָס שפּע־טער אַליין אויסגעפינען. און דערוויל ראַט איך אייך, אז איהר זאָלט ניט פאַרלאָזען די גוטע געלעגענהייט וואָס מאָטיע דער שדכן גיט אייך.

מיסעס גרעפּטער האָט פאַרלאָרען איהר גאַנצע פרעהליכקייט. זי האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף א גזלן. מיט וואָס פאַר א רעכט האָב איך צושטערט איהרע גאָלדענע טרוימען? זי איז שוין געווען אַזוי זיכער אז זי ווערט אַן אָפּערא זינגערין!

— און איהר, א געבילדעטער מענש, א פאָרטגעשריטענער דזשענטעלמאַן, ראַט מיך, איך זאָל זיך פאַרקויפען צו א מאַן וועל־כען איך ליעב ניט, א מאַן וועלכער וויל מיך קויפען פאַר זיין

זעקס־און־ניינציגסטער קאַפּיטעל

ענטטוישונג און שרעק

אהיים פאַהרענדיג האָב איך דעם גאַנצען וועג געטראַכט פון דעם, אויב איך זאָל עטלען אויסזאָגען וואָס איך האָב אויסגעפונען וועגען דעם חזן, דער „ענטדעקער" פון יונגע טאַלאַנטען, אָדער איך זאָל וואַרטען אַ ביסעל ביז עטעל וועט אַליין אויסגעפינען.

אויב איך וועל איהר זאָגען וואָס איך ווייס, וועט דאָך עטעל מיך פרעגען פון וואַנען איך ווייס דאָס. זי וועט וועלען וויסען אַלע איינצעלהייטען. און וואָס וועל איך איהר דערצעהלען? אַז איך בין געווען ביי מיסעס גרעפּטער? ווי וועל איך איהר קענען ערקלעהרען די אַלע אומשטענדען וואָס האָבען אויף מיר אַרויפ־געצוואונגען דיזע באַקאַנטשאַפט מיט אַ פרוי פון וועלכער איך האָב געדאַרפט וויכען, ובפרט אַז איך בין שוין אַזוי גוט ווי אַ חתן?

און אויסער דעם, ווי קען איך דאָס האָבען אַזאַ האַרץ צו פאַרשאַפען עטלען אַזוי פיעל שמערצען? ווי וועל איך דאָס קענען צוזעהן איהר צער ווען זי וועט זיך דערוויסען אַז מען האָט זי גע־מאַכט צו נאַר, און אַז די אָפּערא קאַריערע, אין וועלכער זי האָט אַזוי געגלויבט, האָט זיך אויסגעלאָזען צו זיין אַ פוסטער חלום?

ניין, איך קען דאָס איהר ניט אויסזאָגען. צום ווענינגסטען מוז איך וואַרטען אַ ביסעל. איך מוז צוערשט דערצעהלען איהר מוטער. איך וועל הערען וואָס דבורה וועט זאָגען.

עס איז אַוועק איין טאָג און נאָך אַ טאָג און איך האָב נאָך אַלץ ניט געקענט צוזאַמענגעמען גענוג מוט צו צייגען זיך פאַר עטלען. אויפ'ן דריטען טאָג, ווען איך בין געווען אין אָפּיס, האָט מיך דבורה אָפּגערופען און געפרעגט, אויב איך קען קומען אין אָווענד, אַרום אַכט.

נאָך דעם טאָן פון איהרע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָרט האָט געמוזט פאַרקומען זעהר אַ וויכטיגע זאַך. פרעגען האָב

— דער וואָס האָט עס אייך געזאָגט איז אַ ליגנער, און אַ מיאוס׳ער ליגנער דערצו! — האָב איך אויסגערופען.

איך האָב זיך אָנגעשטויסען, אַז ארנאָלד קאַפּטאַן איז יעצט ווידער אַן אָפטער גאַסט ביי מיסעס גרעפּטער, ווי ער איז געווען בעפאָר זיין חתונה, און אַז ער האָט עס זיך אַזוי באַריהמט אַז, עטעל וויל איהם האָבען צוריק.

לאַנג בין איך ביי מיסעס גרעפּטער ניט געזעסען. איך האָב זיך מיט איהר געזעגענט און בין אוועק.

— עס האָט זיך מיר זעהר ניט געוואָלט אָנזאָגען אזא שלעכטע בשורה עטלען, — האָב איך געזאָגט. — איך האָב געזעהן ווי שטארק פארגלויבט זי איז געווען אין איהר חלום.

— יאָ, דאָס האָסטו רעכט, — האָט דבורה געזאָגט. — זי איז אין דעם חלום, ווי דו זאָגסט, געווען זעהר שטארק פארגלויבט. זי איז געווען אריינגעטאָן אין דעם מיט לייב און לעבען.

— און ווי פיהלט זי יעצט? — האָב איך געפרעגט.

— א רחמנות איהר אָנצוקוקען, — האָט דבורה מיט א זיפץ געענטפערט. — נעכטען האָב איך דיך געוואָלט אָפרופען, דיך בעטען אז דו זאָלסט קומען אהער. האָט זי מיך ניט געלאָזען. זי שעהמט זיך פאר דיר. איך פארשטעה ניט, וואָס האָט זי זיך צו שעהמען פאר דיר? היינט איז פעני געקומען און האָט עטלען כמעט ווי מיט גוואלד אוועקגעשלעפט אין טעאטער, אום ארויס־צושלאָגען פון איהר א ביסעל דעם אומעט.

— לאָמיר האָפען, אז עטעל וועט באלד פארגעסען אָן דעם חזן מיט איהר חלום צוזאמען, — האָב איך געזאָגט.

— יאָ, — האָט דבורה געזאָגט, — מיר דארפען זיך פרע־הען וואָס עטעל איז שנעל פטור געוואָרען פון דער אָפערא־משוגעת. ביי אַנדערע זעצט זיך אָן די משוגעת ווי א קרייגק. וויפיעל מענ־שען זיינען שוין רואינירט געוואָרען צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען זיך איינגערעדט, אז זיי, אדער זייערע קינדער, האָבען א גרויסען מוזיקאלישען טאלאנט!

איך בין דאָרט געזעסען נאָך א ווייל און איך בין אוועק אהיים. ארויסגעהענדיג אין דרויסען, האָב איך זיך באגעגענט מיט ארנאָלד קאפטאן, וועלכער האָט זיך ארומגעדרעהט ארום דער הויז. ווען ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך גענומען אָפרוקען אָן א זייט.

— גוד אווניגג, מר. קאפטאן! — האָב איך איהם באגריסט, זיך רייצענדיג מיט איהם.

— גוד איווגינג, מר. פרומקין! — האָט ער מיר געענטפערט און זיך באמיהט צו שמייכלען.

איך ניט געוואָלט, ווייל אין דעם אָפּיס זיינען דאָן געווען אַ פּאָר פרעמדע מענשען וואָס זיינען געקומען צוליעב ביזנעס.

איך בין געקומען אין עטעל'ס וואוינונג באַלד נאָך אַכט. דבורה איז געווען אין הויז אַליין. „בייבי־אייבי" איז שוין גע־שלאָפען, און עטעל, האָט דבורה מיר געזאָגט, איז אַוועק אין טעאַ־טער מיט פעני זיידענפאַדים.

— הער, מיין קינד, וואָס דאָ טוט זיך, — האָט דבורה מיר גענומען דערציילען. — נעכטען איז אַהער געקומען פעני זיידענ־פאַדים און האָט געוואָרענט עטלען, אַז זי זאָל זיך היטען פון דעם חזן און זי זאָל גאָר ניט גלויבן אַ וואָרט וואָס ער זאָגט איהר. ער האָט אַזאַ משוגעת צו בלאָפען אַלע שעהנע מיידלאך און ווייבלאך, אַז זיי האָבען גוטע שטימען, און ער רעדט זיי צו אַז ער וועט זיי לערנען, קולטיווירען זייערע שטימען און צוגרייטען זיי פאַר פאַר דער אָפּערא. ער איז אַן אַלטער בחור און וויל חתונה האָבען און אויף אַזאַ אופן פאַרדרעהט ער זיי די קעפּ. נו, אַז עטעל האָט דאָס דערהערט, האָט זי גאָר ניט געוואָלט גלויבען... זי האָט גע־זאָגט פעני'ן, אַז זי וועט בשום אופן ניט גלויבען קיין שלעכטס אויף דעם דזשיאַקאָמאָ, ווי ער הייסט דאָרט. און אַז פעני האָט איהר געזאָגט, אַז זי ווייס וואָס זי רעדט, האָט עטעל זיך גענומען מיט איהר שפּאַרען — אַזוי פאַרגלויבט איז זי געוואָרען אין דעם חזן. עס האָט געהאַלטען ביי דעם אַז זי זאָל זיך מיט פעני'ן צו־קריגען. מיין אָרימע עטעל! וואָס פון איהר איז געוואָרען! ווען האָט זי זיך מיט אַ מענשען געקריעגט אין איהר לעבען — אַזאַ געדולדיגע ווי זי איז אימער געווען ביי מיר! — נו, וואָס זאָגסטו צו דעם?

— ווענען דעם, אַז דער חזן איז אַ בלאָפער, — האָב איך געזאָגט, — האָב איך זיך דערוואוסט נאָך מיט אַ דריי טעג פריי־הער. אָבער איך האָב ניט געהאַט דעם מוט דאָס אויסצוזאָגען עטלען.

— אויב דו האָסט געוואוסט און האָסט איהר גלייך ניט גע־לאָזט צו וויסען, דאָן איז דאָס געווען אַן אונרעכט פון דיר, זאָלסט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, — האָט מיר דבורה פאַרגעהאַלטען.

זאָל עס טאַקע מעגליך זיין אַז זי וויל מיט איהם שלום ווערען ?... צו וואָס ? ליעבט זי איהם דען ? האָט זי זיך נאָך דער שיידונג ארומגעזעהן אַז זי קען אָהן איהם ניט לעבען ? און דאָס וואָס אַר־נאָלד קאַפּטאַן האָט זיך אויסבאַריהמט אַז ער קען עטלען צוריק האָבען צו יעדער צייט, איז טאַקע אַן אמת ?...

א קאַלטער שוויים האָט מיך באַגאָסען... עטעל זאָל מיך אַזוי אָפּנאַרען ! הימעל עפען זיך ! אָדער בעסער געזאָגט : ערד עפען זיך און שלינג מיך איין ! אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, דאַן איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין אמת און קיין טרייהייט !...

עטעל איז גאָר אַן אַנדערע געוואָרען זייט דער חזן האָט איהר דעם קאָפּ פאַרדרעהט... איך דערקען זי ניט מעהר...

און אפשר איז דאָס אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך. איך האָב גע־הערט פון פרויען וואָס האָבען זיך יאָהרען כסדר געקריעגט מיט זייערע מענער, געליטען גרויס צרות פון זיי, און נאָכדעם ווי זיי האָבען די מענער אָפּגע׳גט, האָבען זיי גענומען שטאַרק בייַנקען נאָך זיי...

דאָס קינד האָט ליעבער זיינע עלטערען נאָכדעם ווי עס ווערט באַשטראָפט מיט׳ן רוט...

פרויען זיינען אַזוי ווי קינדער.

אַזוי האָב איך פילאָזאָפירט און מיינע טרויעריגע געדאַנקען האָבען מיר אַ גאַנצע נאַכט קיין רוה ניט געגעבען.

איך האָב איינגעזעהן, אַז עס איז מיר ניט באַשערט אַז עטעל זאָל אַמאָל ווערען מיינע... איך האָב אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז עפּעס אַ געהיימע, פאַרבאָרגענע מאַכט לאָזט ניט צו אַז דער שידוך זאָל דורכגעפיהרט ווערען.

— אייגענטליך וואָלט איך געוואָלט וויסען, וואָס איהר דרעהט זיך דאָ ארום? — האָב איך געפרעגט. — עס איז שוין דאָס צווייטע מאָל וואָס איךּ זעה אייך דאָ ארומדרעהען. עס איז גאָר ניט פיין פון אייך, ערלויבט מיר אייך צו זאָגען.

— איהר זייט אייפערזיכטיג? — האָט ער מיך געפרעגט מיט אַ גיפטיגען טאָן.

— איךּ האָב קיין אורזאַכע ניט צו זיין אייפערזיכטיג, — האָב איךּ געענטפערט. — זי קען אפילו אייער נאָמען ניט הערען און זי דאַנקט גאָט וואָס זי איז פון אייך פּטור געוואָרען.

— אזוי זאָגט איהר? — האָט ער געלאַכט. — און מיר שרייבט זי בריעף, אַז איך זאָל צוריק קומען צו איהר.

— דאָס איז אַ פאַרדאַמטער ליגען! — האָב איךּ בייז אויס־ גערופען. איך בין געוואָרען אזוי בייז, דאָס מיינע הענד און פיס האָבען זיך געוואָרפען ווי אין פיבער.

— איהר גלויבט ניט? — האָט ער געזאָגט לאַכענדיג פון מיין אויפרעגען זיך, — און ווי איז אַז איך וועל אייךּ ציינען אַ בריעף פון איהר?

און נאָך איידער איךּ האָב צייט געהאַט צו קומען צו זיך פון זיין גרויסער חוצפה, האָט ער ארויסגעצויגען אַ קאָנווערט פון דעם אינווענינסטען טאַש פון זיין ראָק און האָט מיר צוגעטראָגען צו די אויגען:

— איהר זעהט? איז דאָס איהר האַנדשריפט? און דאָס איז דער פּאָסט־שטעמפּעל וואָס ציינט, אַז דער בריעף איז ארויסגע־ שיקט געוואָרען מיט פיער טעג צוריק. גלויבט איהר יעצט אַז זי שרייבט צו מיר?

און איידער איך האָב געקענט קומען צו זיך פון מיין איבער־ ראשונג און צוזאַמענקלייבען מיינע געדאַנקען, האָט ער זיך שנעל אָפּגעקעהרט און איז אוועק.

איך בין געבליבען שטעהן אין גאַס אַ דערשלאָגענער.

עטעל האָט צו איהם געשריבען! און בלויז מיט עטליכע טעג צוריק! איך האָב עס קוים געקענט גלויבען... זאָל עס מעגליך זיין?... יאָ, מיינע אויגען האָבען דאָךּ דערקענט איהר האַנדשריפט.

קערפער, אין אויסזעהן און אין טעמפעראמענט, אלץ מעהר ציהט זיי איינעם צום אנדערען.

און מיט דיזער וויסענשאפטליכער באהויפטונג האב איך גע־זוכט צו ערקלערען דאס, וואס עטעל האט זיך מיט אמאל פאר־בענקט נאך דעם מאן וואס האט איהר אזוי פארביטערט דעם לעבען.

אבער טיעף אין הארצען האט זיך מיר דאס ניט געגלויבט, אז עטעל וויל טאקע געהן צוריק צו ארנאלד'ן. אפשר איז די האנד־שריפט אויפ'ן קאנווערט געווען א געפעלשטע? ארנאלד האט מיר ניט געגעבען קיין געלעגענהייט זיך גוט צוצוקוקען. עס קען דאך זיין, אז ער האט מיך נאך אלעמען אפגעבלאפט.

ווען איך וואלט געקענט זעהן נאך אמאל ארנאלד'ן! איך וואלט איהם שוין ניט אפגעלאזען אזוי לייכט. איך וואלט איהם געצוואונגען מיר צו ציינגען דעם בריעף!

איך מוז זעהן ארנאלד קאפטאן! — האב איך ביי זיך פעסט באשלאסען. — איך מוז איהם צווינגען ער זאל מיר ציינען, אז דער בריעף איז טאקע געשריבען פון עטלען.

בין איך אוועק אין א רעסטאראן אויף בראדוויי, וואו איך האב געוואוסט אז ארנאלד עסט דארט יעדען טאג זיין מיטאג, און איך האב דארט אפגעווארט. איך בין געקומען פריה און האב זיך אוועקגעזעצט אויף אן ארט וואו איך וועל איהם קענען בא־מערקען גלייך ווי ער וועט אריינקומען.

א האלבע שטונדע האב איך אויף איהם געווארט ביז ער איז אנגעקומען. און ווען ער האט מיך דערזעהן, האט ער זיך אויף אן אויגענבליק אפגעשטעלט. ער האט הפנים געטראכט, אויב ער זאל זיך זעצען גאנץ ווייט פון מיר, אדער דוקא אנטקעגען מיר. איך האב איהם באגריסט, און געגעבען א וואונק, אז איך וויל צו איהם ריידען.

ער איז צוגעגאנגען מיט א שטאלצע מינע, אזוי ווי ער וואלט געווען א לארד און איך א פשוט'ער מענשעלע און ווי ער טוט מיר א טובה וואס ער רעדט צו מיר. איך האב איהם געבעטען זיך זעצען ביי מיין טיש און איהם געגעבען אנצוהערעניש, אז איך וויל מיט איהם ריידען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין.

זיבעןֿ־און־ניינציגסטער קאַפּיטעל

די געהיימנים

פינף טעג און פינף נעכט האָב איך אויסגעווייכט עטעל׳ס הויז. איך האָב זי אפילו ניט אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן.

מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער האָבען באַמערקט, אַז איך זעה אויס בלאַס, אַזוי ווי אַ קראַנקער מענש. איך האָב אין די עטליכע טעג פאַרלאָרען וואָג. איך האָב זיך געפיהלט אַזוי קליין און נישט ווירדיג. דער געדאַנק, דאָס אפילו אַזאַ פרוי ווי עטעל, וועלכע איך האָב געהאַלטען העכער פון אַלע פרויענצימער אין דער וועלט, האָט בעסער ליעב אַזאַ פאַרדאָרבענעם יונג, אַז אויסוואורף ווי אַרנאָלד, איידער מיך, האָט מיך שטאַרק געקוועלט.

ווי קומט עס אייגענטליך, דאָס גראַדע אַזאַ פרוי ווי מיסעס גרעפּטער ליעבט מיך בעסער פון אַלע אַנדערע איהרע באַקאַנטע? עס מוז ניט אַנדערש זיין, אַז דאָס איז אַ נאַטור זאַך, דאָס די גוטע פרויען ציהט צו שלעכטע מענער און די שלעכטע פרויען גראַדע צו גוטע מענער.

איך האָב ביי זיך געהאַט אַ בוך וועגען ליעבע, וואָס איך האָב איינמאָל געקויפט אויף אַ פּושקאַרט פאַר אַ ניקעל. מערקווירדיג, ווי אַ בוך איבער אַזאַ וויכטיגען געגענשטאַנד האָט ניט געקענט געפינען קיין קונים, און עס איז פאַרקויפט געוואָרען אויפ׳ן וואָג, ביז עס איז אָנגעקומען צו אַ פּושקאַרט פּעדלער, וועלכער האָט עס פאַרקויפט צו פינף סענט אַ שטיק. „די געהיימניסע וועגען ליעבע, אַלעס וויסענשאַפטליך ערקלערט, לויט די מאָדערנסטע אויספאָר־שונגען“ — און דאָס בלויז פאַר פינף סענט!

אין דעם בוך האָב איך געלעזען אַן אינטערעסאַנטע זאַך וועגען דעם געזעץ פון „אָפּאָזיציאָן“, פון געגענזאַצען. נעמליך אַז וואָס מעהר מאַן און פרוי זיינען פאַרשידען איינע פון די אַנדערע אין

באמערקונג וועגן עטלעכע, שווער איך ביי גאָט, אַז איך וועל אייך צופּלעטען דעם קאָפּ, דאָ פּאַר אַלעמען. און מיך אַרט ניט אַז איך וועל גיין אין דזשייל פּאַר דעם!

— עקסיוז מי, — האָט ער זיך ענטשולדיגט, אַ ביסעל אָנגעשראָקען. — איך האָב דאָס ניט געמיינט. עס האָט זיך מיר אויסגערעדט...

איך האָב איהם אָנגעקוקט אין די אויגען, און אַ נייער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלען אין קאָפּ:

— הערט צו, אַרנאָלד קאַפּטאַן! — האָב איך געזאָגט. — קענט איהר פילייכט צייגען נאָכאַמאָל דעם בריעף? עפּעס גלויבט זיך מיר ניט, אַז דאָס איז איהר האַנדשריפט.

— אַ מאָדנער מענש! — האָט ער אויסגערופען. — יענעם בריעף האָב איך ניט, אָבער איך האָב נעכטען באַקומען נאָך אַ בריעף. אָט איז ער — איז דאָס איהר האַנדשריפט?

איך האָב גוט אַ קוק געטאָן אויף דעם קאָנווערט וואָס ער האָט מיר געצייגט. עס איז טאַקע געווען איהר האַנדשריפט. דער טיש, ביי וועלכען איך בין געזעסען, האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען פאַר מיינע אויגען. איך האָב צוגעמאַכט מיינע אויגען, אָבער אויך דאַן האָט זיך מיר געדאַכט אַז אַלעס דרעהט זיך אַרום מיר.

— ווי איך זעה, — האָט אַרנאָלד געזאָגט, — נאַרט זי אייך. זי פיהרט אייך פאַר'ן נאָז. זי זאָגט אייך צו ליעבע און צו דערזעלבער צייט קאָרעספּאָנדירט זי מיט מיר גאַנץ אָפט.

— צייגט מיר דעם בריעף, צייגט מיר וואָס זי שרייבט! — האָב איך אויסגערופען, אויסשטרעקענדיג מיין האַנד נאָך דעם בריעף.

ער האָט אָבער דעם בריעף שנעל אריינגעלייגט אין זיין טאַש און האָט געזאָגט:

— דאָס קען איך ניט טאָן. וועלכער אַנשטענדיגער מענש וועט עס צייגען אַ בריעף וואָס ער האָט באַקומען פון אַ לעידי? ובפרט אַז די לעידי איז געווען זיין ווייב און וויל צוריק קומען צו איהם. עס איז מיר אַ וואונדער, אַז איהר פאַרלאַנגט פון מיר אַזאַ זאַך! ער האָט זיך דאַן גענומען צו עסען זיין סטייק מיט גרויס

ער האָט צוערשט באַשטעלט זיין מיטאָג און נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— איך בין גרייט צו הערען.

— לאָמיר זיין אָפענהערציג, — האָב איך צו איהם געזאָגט,

— איהר ווילט גוט ווערען מיט עטלען?

— ווארום? — האָט ער געפרעגט מיט אַ ציניש׳ען שמייכעל,

— איהר ווילט אפשר זיין דער שרכן?

— איך וויל וויסען, אויב דאָס איז אַן אמת, וואָס זי שרייבט צו אייך בריעף און אַז עס האַלט ביי אַ שלום, — האָב איך געענטפערט.

— און אַז איהר וועט וויסען, וואָס וועט זיין? — האָט ער גראָב געפרעגט.

— וועל איך דאַן האַנדלען ווי אַן עהרליכער מענש און וועל צוריקטרעטען, — האָב איך געענטפערט. — איך וועל ניט שטעהן צווישען אייך.

— זעהר שעהן פון אייער זייט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטען רעספּעקט. — אָבער מיך אַרט גאָר ניט וואָס איהר געהט יאָ צו איהר. איך בין גאָר ניט אין אַזאַ איילע זי צוריק צו נעמען. זאָל זי זיך בעטען און בעטען.

מיינע בלוטען האָבען אָנגעהויבען צו קאָכען אין מיר אויף זיין גזלנ׳ישע קאַלטבלוטיגקייט און ציניזם. די נאָבעלע עטעל ערנידעריגט זיך פאַר איהם, זי בעט זיך ביי איהם, און ער לאַכט איהר אויס און רייצט זיך מיט איהר!

— איך וועל צוערשט בויגען איהר נאַרישען שטאָלץ, איהר דומע עקשנות! — האָט אַרנאָלד קאַפּטאַן ווייטער געזאָגט. — זי מוז וויסען, אַז איך בין אַ מאַן וואָס וויל זיין פריי און וויל ניט זיין צוגעבונדען צו דער וויב׳ס פאַרטוך. זי דאַרף זיין צופרידען אַז איך האַלט איהר אויס מיט אַ שעהנע היים, גיב איהר גענוג אויף שעהנע קליידער און אויף אַלע פאַרגעניגענס. פון מיינטוועגען מעג זי האָבען אַ געליעבטען —

— אַרנאָלד קאַפּטאַן! — האָב איך געזאָגט שטרענג, ניט אויפהויבענדיג מיין שטימע. — ווען איהר מאַכט נאָך אַזאַ פרעכע

אַכט־און־נײַנציגסטער קאַפּיטעל

די רעטעניש אויפגעקלערט

— זעה, מאַמע, ער זעהט דאָך אויס ווי אַ נעכטיגער! — האָט עטעל אויסגערופען צו איהר מוטער, ווען איך בין אריינגעקומען אין אָווענד.

האָב איך טאַקע אויסגעזעהן אַזוי שלעכט? מיין פּנים האָט געמוזט אויסזאָגען אויף מיר.

— טאַקע, וואָס איז דער מעהר? — האָט דבורה מיך געפרעגט.

— איך ווייס אַליין ניט וואָס מיט מיר איז, — האָב איך געענטפערט, ניט געפינענדיג קיין מוט צו זאָגען עפּעס אַנדערש וואָס זאָל מיך ניט אַזוי שנעל ארויסגעבען.

עטעל האָט מיך שאַרפער אָנגעקוקט.

— איך קען אייך ניט פאַרשטעהן, — האָט זי געזאָגט. — מיט אַמאָל ווערט איהר פאַרשוואונדען, פאַרגעסט אויף אונז און ווילט אפילו ניט אָפּרופען. און מיר האָבען ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטען. סיידען ער איז קראַנק, זאָג איך צו מיין מוטער. און זי זאָגט: אפשר איז ער ערגעץ אַוועקגעפאָהרען וועגען ביזנעס. זאָג איך: וואָלט ער דאָך געשריבען כאָטש אַ קאַרטעל. זאָגט דעם אמת, סעם, אפשר יעצט, אַז איך בין שוין אויס אָפּערא זינגערין, געפעלט אייך ניט דער שידוך?...

איך האָב זי צוריק אָנגעקוקט. זאָל עס מעגליך זיין, אַז זי שרייבט בריעף צו אַרנאָלד'ן און בעט זיך ביי איהם, אַז ער זאָל זי צוריקנעמען, און צו דער זעלבער צייט רעדט זי צו מיר אַזוי? איז עס מעגליך, אַז עטעל זאָל זיין אַזוי לייכטזיניג, אַזוי פאַלש? עס ווילט זיך ניט גלויבען, עס לאָזט זיך ניט גלויבען.

אַפּעטיט. קענטיג אַז ער איז געווען העכסט צופרידען איבער דעם זיעג וואָס ער האָט געהאַט איבער מיר.

איך האָב געבעטען ביים ווייטער מיין טשעק און האָב זיך אַרויסגערוקט פון רעסטאָראַן אַזוי ווי אַ דערשלאָגענער.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין אָפיס פון אונזער געשעפט, האָט מיר דער בוכהאַלטער געזאָגט, אַז מיסעס דבורה בלום האָט מיך אָפּגערופען אין דער צייט וואָס איך בין געווען אַוועק, און זי האָט געפרעגט אויב איך בין קראַנק.

איך האָב גלייך אָפּגערופען דבורה'ן, צו דערגעהן וועגען וואָס זי האָט מיך אָפּגערופען.

— וואָס איז דער מעהר וואָס איהר קומט ניט? — האָט זי געפרעגט. — ניט איך און ניט עטעל קענען פאַרשטעהן וואָס מיט אייך איז געשעהן. מיר האָבען געמיינט, אפשר זייט איהר חלילה ניט געזונד, האָט מען אָבער מיר פון אייער אָפיס געזאָגט, אַז איהר זייט אַלראַיט. טאָ וואָס באַהאַלט איהר זיך — וואַרט, איין מינוט. עטעל וויל צו אייך רײדען —

מיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען זעהר האַסטיג ווען עטעל האָט אָנגעהויבען צו רײדען:

— נו, און אַז איך בין שוין ניט קיין אָפּעראַ סטאַר, ווילט איהר מיך שוין מעהר ניט קענען? (עס האָט מיך שטאַרק געפרעהט וואָס זי לאַכט שוין פון איהר פאַרשוואונדענעם חלום). פאַר וואָס קומט איהר ניט? קומט טאַקע היינט אויף סאַפּער — וועט איהר קומען?

— איך וועל קומען, — האָב איך געענטפערט, בעת מיין האַרץ איז געווען פול מיט פרייד און צער צוזאַמען.

בריעף... אַז זי בעט איהם... ער זאָל צוריק קומען צו איהר —

— זאָל ער אַזוי לעבען ווי זי האָט איהם אַפילו אין זינען!

— האָט דבורה געזאָגט. — נאָר פון דעסטוועגען, אַז איך וועל איהם זעהן, וועל איך איהם זאָגען, אַז ער זאָל אויפהערען צו ריידען וועגען מיין עטלען, אַז ניט וועט ער וויסען אַז זי האָט פריהער אַ גאַט דערנאָך אַ מאַמען.

— רעגט זיך ניט אויף אַזוי פיעל, ליעבע דבורה, — האָב איך זי גענומען באַרוהיגען.

— פון וועמען האָט איהר דאָס געהערט, אַז ער באַריהמט זיך דאָס עטעל וויל איהם האָבען צוריק? — האָט דבורה געפרעגט.

— ער האָט זיך פאַר מיר אַליין באַריהמט, — האָב איך גע־ענטפערט.

— און איהר האָט איהם ניט אָנגעשפּיגען אין פּנים?

— איך האָב איהם געוואָלט נאָך פאַרגעבען אַן ערגערע שטראָף, — האָב איך געענטפערט. — אָבער... אָבער ער האָט מיר געצייגט בריעף פון עטלען...

דבורה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר'ן קאָפּ:

— בריעף פון עטלען! — האָט זי געגרעדט אָהן אַן אָטעם. — סעם! איהר האָט געזעהן די בריעף! וואָס האָט זי איהם געשריי־בען?

— ער האָט מיר ניט געוואָלט צייגען די בריעף. ער האָט מיר געלאָזט זעהן בלויז די קאָנווערטען, — האָב איך ערקלערט.

— קען דאָך זיין, אַז דאָס זיינען אַלטע בריעף, פון אַמאָל?

— דער פּאָסט־שטעמפּעל צייגט, אַז איין בריעף איז געשיקט געוואָרען דיעזע וואָך.

— אומגליקליכע מאַמע, וואָס איך בין! — האָט דבורה גע־קלאָגט. — מיין טאָכטער איז ניט ביים זינען. מען האָט זי גע־דאַרפט נעמען צו אַ דאָקטאָר... איך מוז מיט איהר אַליין ריידען.

— טוט עס ניט, — האָב איך געבעטען, — איהר וועט זיך אויפרעגען און איהר וועט גאָר נישט אויספיהרען. איך וועל בעסער מיט איהר ריידען.

דבורה האָט נאָכגעגעבען, אַז איך זאָל ריידען.

— לאָז איהם צורוה מיט דיין אָפּערא! — האָט דבורה זיך אָנגעבייזערט אויף עטלען. — עס קען זיין, אז פון דיין אָפּערא איז איהם דאָס געקומען אַזאַ קאָפּוועהטאָג. נו, אַ דאַנק גאָט, דו ביזט געקומען צום שכל, מיין טאָכטער. בעסער לאָמיר זיך זעצען עסען צום טיש. סעם מוז זיין הונגעריג.

מיר האָבען זיך געזעצט צום טיש. בייבי־אייבי איז אויך געזעסען מיט אונז. ער איז געווען זעהר אַ קלוג קינד מיט אַ פּאָר לאַכעדיגע אויגעלאַך, אָבער געהן האָט ער נאָך ניט געקענט, כאָטש ער איז שוין אַלט געווען אַ יאָהר און אַ האַלב. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אז מען דאַרף זיך ניט זאָרגען. אייבי וועט געהן אויף די פיס אַ ביסעל שפּעטער. עס זיינען דאָ אַ סך קינדער וואָס פאַנגען אָן צו געהן שפּעט.

עטעל האָט דעם דאָקטאָר געגלויבט, אָבער דערווייל איז איהר געווען שווער מיט אַ קינד וואָס מען דאַרף אימער הויבען און אויף די הענד טראָגען.

איך האָב בייבי־אייבי'ן אַמוזירט אויף וויפיעל איך האָב געקענט. און עס האָט מיך געפרעהט וואָס דאָס קינד ווערט צו מיר אַלץ ווייטער מעהר צוגעבונדען.

און די גאַנצע צייט פון עסען האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון די בריעף, וואָס עטעל שרייבט צו אַרנאָלד'ן. איך האָב ביי זיך באַשלאָסען, דאָס איך זאָל ניט אוועקגעהן פון עטלען ביז איך וועל וויסען דעם גאַנצען אמת.

נאָך סאַפּער האָט עטעל אַוועקגעטראָגען איהר קינד אין איהר צימער צו לייגען איהם שלאָפען און איך בין דערווייל געבליבען אַליין מיט דבורה'ן.

— זאָגט מיר, ליעבע דבורה, — האָב איך געפרעגט, — וואָס האָט איהר געהערט וועגען אַרנאָלד'ן? איז דאָס אמת אז עס האַלט ביי אַ שלום?

— אַ שלום? — האָט דבורה זיך געוואונדערט. — וואָס רעדט איהר?

— איהר ווייסט גאָר ניט? — האָב איך זיך געוואונדערט. — אַרנאָלד קאַפּטאַן דערצעהלט איבעראַל אַז... עטעל שרייבט צו איהם

איך האָב יעצט אויך איינגעזעהן וואָס פאַר אַ נידערטרעכטי־גען בלאָף אַרנאָלד קאַפּטאַן האָט דאָ געמאַכט. ווען אַרנאָלד וואָלט זיך געצייגט פאַר מיינע אויגען אין יענעם מאָמענט, וואָלט ער פון מיינע הענד טרוקען ניט אַרויס.

אָבער עטעל האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגען דער אַנ־געלעגענהייט. זי האָט געזאָגט:

— אויב ער וויל זיך קיהלען די האַרץ מיט דעם בלאָף, פאַר־גין איך איהם. לאָמיר מעהר ניט ריידען וועגען דעם. איך האָב זיינע בריעף געהאַלטען אין געהיים. איך האָב אפילו מיין אייגענע מוטער ניט דערצעהלט וועגען זיי. נאָר יעצט איז כדאי, אַז איהר זאָלט לעזען כאָטש זיין לעצט בריוועלע.

עטעל איז אַוועק אין איהר צימער און האָט פון דאָרט גע־בראַכט דעם בריוועל, וועלכען זי האָט מיר געגעבען צו לעזען.

אין דעם בריעף האָט ער זי גערופען „טייערער מלאך מיי־נער", „גוטע נשמה", „די שעהנסטע און די נאָבעלסטע פון אַלע מענשענטעכטער", „די גאָלדענע האַרץ". ער האָט געשוואָרען, אַז אָהן איהר האָט די וועלט ביי איהם קיין ווערט ניט. ער האָט איינ־געזעהן וואָס פאַר אַ פאַרברעכען ער האָט באַגאַנגען געגען איהר, און ער איז גרייט צו טאָן אַלעס אין דער וועלט זי צו מאַכען גליקליך און צו פאַרגעסען די טרויעריגע פאַרגאַנגענהייט. ער בעט, זי זאָל איהם ניט ענטזאָגען. צום ווענינגסטענס, אויב זי פיהלט ניט אַז זי קען גלייך קומען צוריק צו איהם, זאָל זי איהם ניט פאַרשטויסען, נאָר הייסען וואַרטען. ער וועט וואַרטען אַזוי לאַנג ווי זי וויל.

דבורה און איך האָבען זיך איבערגעקוקט. מיר האָבען זיך ביידע פאַרשעהמט. מיר האָבען ביידע געהאַט אַן אומזיסטען פאַר־ראַכט אויף עטלען...

מיר האָבען געוואַרט. אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז עטעל אַריינגעקומען. זי האָט אויסגעזעהן פרעהליכער.

— דאַנקען גאָט, ער איז שוין איינגעשלאָפען. ער האָט נאָך געוואָלט זיך שפּיעלען מיט אייך, — האָט זי געזאָגט צו מיר.

דבורה איז געווען אומגעדולדיג. זי האָט געוואָלט, אַז איך זאָל שוין אָנהויבען צו ריידען מיט עטלען וועגען איהרע בריעף וואָס אַרנאָלד האָט ביי זיך.

— עטעל! — האָט זי געזאָגט. — סעם וויל דיך עפּעס פרעגען. ער זאָגט, אַז אַרנאָלד געהט אַרום זיך באַריהמען, אַז דו בעטסט איהם קומען צוריק צו דיר.

— נו, זאָל ער זיך באַריהמען, — האָט עטעל געזאָגט שמייכלענדיג. — ווען אַרט עס? איהר גלויבט איהם?

איהר פראַגע איז געווען געווענדעט צו מיר.

— ניין, איך גלויב איהם ניט, — האָב איך געענטפערט, אָבער מיין שטימע האָט געציטערט אין מיר.

עטעל האָט עס באַמערקט און געזאָגט:

— איך האָב מורא, אַז איהר גלויבט איהם יאָ. נו, אַ העלפט איז דאָס אַן אמת. ער האָט מיר שוין דריי בריעף געשריבען, אַז ער האָט חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט געטאָן, און אַז איך וויל גוט ווערען מיט איהם, וועט ער מיר זיין זעהר געטריי און זוכען גוט צו מאַכען פאַר אַלע זיינע פריהערדיגע פעהלערען. אויף דעם ערשטען בריעף האָב איך איהם גאָר ניט געענטפערט. אויף דעם צווייטען בריעף האָב איך איהם געעפענטפערט, אַז איך וויל איהם מעהר ניט האָבען און ער זאָל גאָר ניט האָפען אויף מיר. אויף זיין דריטען בריעף האָב איך איהם געענטפערט, אַז אויב ער וועט מיר שרייבען נאָכאַמאָל, וועל איך איהם אומקעהרען זיין בריעף; אַז ער זאָל מיך אויפהערען דאַקוטשען מיט זיינע בריעף, ווייל איך קען זיי ניט אָנקוקען.

— און ער געהט אַרום מיט די בריעף און ציינט אַלעמען דיין האַנדשריפט אויף די קאָנווערטען און באַריהמט זיך, אַז דו שרייבסט צו איהם און בעטסט זיך ביי איהם, אַז ער זאָל דיך צוריק נעמען, — האָט דבורה געזאָגט.

טען ביי זיך טיעף אין הארצען און זיך אַנגעשטרענגט צו האַלטען זיך רוהיג. זי איז געקומען אהיים און דערצעהלט איהר מוטער וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט. דבורה האָט נאַטירליך אויס־געבראָכען אין אַ געוויין, אָבער עטעל האָט איהר ערקלערט, אַז וויינען וועט ניט העלפען. מען מוז זעהן ראַטעווען דאָס קינד. און דאָס קען מען טאָן נאָר מיט קאַלטבלוטיגע איבערלייגונג און מיט אַ קלאָרען קאָפּ.

איך בין געקומען אין אָווענד צו הערען דעם רעזולטאַט פון עטעל'ס באזוך ביים פּראָפעסאָר. עטעל האָט מיר אין קורצע ווער־טער, אָהן אויפרעגונג, איבערגעגעבען דעם פּראָפעסאָר'ס ווערטער. און אָבוואָהל זי האָט זיך געהאַלטען רוהיג, האָב איך דאָך געקענט דורך איהרע אויגען זעהן דעם גרויסען חורבן וואָס ביי איהר אין הארצען...

פון אַן אָפּערייטשאָן האָט עטעל ניט געוואָלט הערען. דער פּראָפעסאָר האָט דאָך איהר אליין געזאָגט, אַז די אָפּערייטשאָן איז אַ געפעהרליכע און קען קאָסטען דעם קינד זיין לעבען..

— איך וועל בעסער וואַרטען. איך וועל אליין ניאַנטשען מיין קינד ביז ער וועט ווערען גרעסער און שטאַרקער. אפשר וועט ער אליין פון זיך געהיילט ווערען, — האָט עטעל געזאָגט.

— גאָט איז דער בעסטער דאָקטאָר, — האָט דבורה געזאָגט מיט ערנסטען גלויבען. — און עס וואָלט דאָך ניט געשאַדט צו זעהן נאָך אַ פּראָפעסאָר. מען זאָגט אַ ווערטעל: „צוויי קעפּ איז בעסער ווי איינער".

איך בין געווען איינפאַרשטאַנען מיט דבורה'ן. צו זעהן נאָך אַ פּראָפעסאָר וואָלט ניט געשאַדט. אפשר וואָלט יענער אויסגעפי־נען, אַז דער צושטאַנד פון קינד איז ניט אַזוי שלעכט.

גראַדע האָב איך זיך דערמאָנט אָן אַן אַלטען פּראָפעסאָר, אַ איד, אין וועמען מיין מוטער, עליה השלום, האָט געהאַט זעהר פיעל צוטרויען. ער האָט איהר אימער געהאָלפען ווען זי פלעגט צו איהם קומען. און ווען זי איז געלעגען אויף איהר טויטען־בעט, האָט זי באַדויערט, וואָס איהר פּראָפעסאָר איז גראַדע דאַן געווען

נײַן־און־נײַנציגסטער קאַפּיטעל

נײַע וואָלקענס

איך האָב געמיינט, אַז יעצט בין איך שוין נאָהענט צו מײַן גליק. איך האָב געזעהן אַלע שטיינער אָפּגעראַמט און אַז עטעל איז פרײַ מיט מיר חתונה צו האָבען. אָבער ווי עס האָט אויסגעזעהן איז אַלעס געווען געגען מיר. אַ נײַער וואָלקען האָט זיך אָנגערוקט אויף מײַן הימעל און האָט פאַרשטעלט די זון פון מײַן האָפנונג...

בייבי־איבי איז שוין געווען נײַנצעהן חדשים אַלט און האָט נאָך ניט געקענט געהן... עטעל איז שוין מיעד געוואָרען פון איהר דאָקטאָר׳ס טרייסט און הבטחות, אַז דאָס קינד וועט מיט דער צייט קענען אַרומגעהן, און האָט דאָס קינד אָפּגעפיהרט צו אַ פּראָפעסאָר.

דער פּראָפעסאָר האָט דאָס קינד אונטערזוכט און האָט געגעבען זײַן ענטשיידונג, אַז דאָס קינד מוז דורכגעהן אַ שווערע אָפּערײשאָן. גאַראַנטירען קען ער ניט אַז די אָפּערײשאָן וועט העלפען, אָבער דאָס איז דער איינציגער מיטעל וואָס איז ווערט צו פּרובירען. ווייטער איז דאָס קינד האָפנונגסלאָז.

עטעל האָט נאַטירליך געוואָלט וויסען פון וואָס דאָס קומט אַזאַ אומגליק אויפ׳ן קינד. דער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט שוין געוואוסט איהר געשיכטע, האָט טרויעריג אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט:

— פאַר די זינד פון די עלטערען — זײַן פאָטער, וואַרשיינליך...

עטעל האָט מעהר ניט געפרעגט. זי האָט ניט געוויינט. זי האָט ניט געבראָכען מיט די הענד. זי האָט איהר ווייטאָג געהאַל־

איז, אַז ער זאָל קיינמאָל ניט פאַרהייראַטען זיין טאָכטער איידער איהר צוקינפטיגער מאַן זאָל איהר ברייננגען אַ שרייבען פון אַ דאָקטאָר, אַז ער האָט איהם אונטערזוכט און איהם געפונען ריין, אָהן צייכענס פון געשלעכטליכע קראַנקהייטען. עס איז אַ צייכען פון דער צייט, דאָס אין מאַנכע שטאַטען פון אַמעריקא זיינען שוין איינגעפיהרט געוואָרען געזעצען וואָס פאָדערען אַ געזונדהייטס־אונטערזוכונג פון יעדען איינעם וואָס געהט חתונה האָבען. אַזא געזעץ דאַרף אָנגענומען ווערען איבעראַל, און דאַן וועלען מיר האָבען ווייניגער קראַנקע און אונגליקליכע קינדער און פרויען.

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט דבורה אויסגערופען, אַז מיר האָבען זיך אַריינגעזעצט אין דעם אָטאָמאָביל צו פאָהרען אַהיים. — אָט יעצט האָבען מיר, דאַנקען גאָט, אַ האָפנונג אַז דאָס קינד זאָל געזונד ווערען אָהן אַן אָפּערײשאָן.

עטעל האָט גאָר ניט געזאָגט, נאָר איך פאַרשטעה אַז אין האַרצען האָט ביי איהר אויפגעקאָכט אַן אַנדער שטורם. זי האָט געמוזט טראַכטען פון דעם, ווי בלינד זי איז געגאַנגען צו דער חופּה מיט אַ מאַן וואָס זי האָט ניט געוואוסט זיין כאַראַקטער און זיין מאָראַל... ווי פיעל טויזענדער און טויזענדער אַנדערע גוטע און אָרענטליכע מיידלאַך פאַלען אַזוי אַריין אין אונגליק!

ווען מיר זיינען געקומען צו עטלען אַהיים, איז עטעל געווען שטיל און האָט כמעט גאָר ניט גערעדט. דאָס קינד איז איינגעשלאָפען נאָך אויף דער רייזע און איז געלעגען רוהיג אין עטעל׳ס צימער.

— איהר ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלען, — האָט עטעל ענדליך, נאָך אַ לאַנגען שווייגען, געזאָגט צו מיר, — מיר טאָרען ניט חתונה האָבען. איך וויל אויך אייך ניט אָנוואַרפען אַ קינד אַ קריפּעל. דאָס איז איין זאַך, און צווייטענס, פיהל איך, אַז מיין פפליכט איז זיך אין גאַנצען אָפּצוגעבען צו מיין אָרימען קינד. איך קען אויף זיך ניט אָננעמען קיין אַנדערע פפליכטען.

מיין האַרץ איז אין מיר צוגאַנגען מעהר פאַר רחמנות אויף עטלען אַלס אויף מיין ענטטוישונג. ווידער האָב איך געזעהן מיין גליק פאַרשווינדען פון מיר. ווידער האָב איך געזעהן די בייזע

אין אייראָפּאַ. זי האָט געגלויבט, אַז נאָר יענער פּראָפעסאָר וואָלט זי דערהאַלטען ביים לעבען.

דבורה האָט אויך געקענט יענעם פּראָפעסאָר, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז מיר אַלע דריי זאָלען גיעהן מיט׳ן קינד צו זעהן דעם וואונדערליכען ארצט, אויף וועמען מען האָט געזאָגט, אַז ער נעמט אַראָפּ אַ קריינק בלויז מיט זיין אויג.

דער פּראָפעסאָר, אַ קורץ געוואַקסענער, מיט אַ זעהר פריינדליכען שמייכעל אויף זיין פּנים, האָט אונז אויפגענומען אין זיין אָפיס, נאָכדעם ווי מיר האָבען געמוזט וואַרטען אויף אונזער רייהע איבער צוויי שטונדען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן קינד, נאָכדעם האָט ער גענומען אויספרעגען עטלען וועגען איהר לעבען, וועגען איהר שיידונג מיט איהר מאַן, די אורזאַכע וואָרום זי האָט זיך געג׳גט מיט איהם. ער האָט איהר פּשוט פאַרמאַטערט מיט זיינע פראַגען.

דאָס קינד האָט איהם גענומען ניט לאַנג צו אונטערזוכען און זיין דיאַגנאָז איז געווען די זעלבע ווי ביי דעם ערשטען פּראָפעסאָר. דאָס קינד האָט זיין צושטאַנד צו פאַרדאַנקען זיין פאָטער, וועלכער האָט געפיהרט אַן אויסגעלאַסענעם לעבען אין זיין יוגענד. דאָס קינד האָט אָבער האָפנונג. עס איז ניט נויטיג גלייך צו מאַכען אַן אָפּעריישאָן. מיט גוטע פּפלעגע און מיט גוטע לופט קען דאָס קינד פון זיך אַליין געהיילט ווערען. ער האָט געראָטען, אַז עטעל זאָל פאָהרען מיט׳ן קינד אין קאַליפאָרניע.

— דאָס איז איינער פון די גרעסטע געפאַהרען פון אונזער צייט, — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט זעהר ערנסט. — יונגע לייט פיהרען אַן אויסגעלאַסענעם לעבען און מיינען אַז דאָס וועט זיי גלאַט אָפּגעהן. זיי מיינען אַז דער דאָקטאָר קורירט זיי, אָבער די וואָרצלען פון דער קראַנקהייט פאַרבלייבען אָפּט מאָל אין זייערע בלוטען, אין זייערע ביינער און דיזע קראַנקהייטען געהען איבער צו זייערע קינדער, און אַ מאָל באַווייזען זיך די שפּורען פון דיזע קראַנקהייטען אין אַנדערע פאָרמען אין דעם קינד. אָפט מאָל זיינען די יונגע לייט ניט שולדיג. זיי ווערען פאַרפיהרט דורך שלעכטע חברים, דורך זייער אונוויסענהייט. די פפליכט פון יעדען פאָטער

הונדערטסטער קאַפּיטעל

עטעל פֿאָהרט אַוועק

איך בין אַוועק פֿון עטלען מיט אַ צובראָכענער האַרץ און ווען איך בין געקומען אַהיים האָב איך קיין אָרט ניט געהאַט פֿאַר זיך. עס איז שוין געוועזן נאָך צעהן אין דער נאַכט. מיין פֿאָטער איז געוועזן אַוועק ערגעץ צו אַ מיטינג און מיין שטיעפמוטער איז געזעסען און געשטריקט אַ סוועטער, וואַרטענדיג אויף מיין פֿאָטער. ווען זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי מיך אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט.

— וואָס איז געשעהן, סעם? — האָט זי געפֿרעגט מיט אַן אונרוהיגער שטימע. — דו זעהסט עפּעס אויס צובראָכען.

אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט אפשר געוועזן צו שטאָלץ צו דערצעהלען. אָבער איך בין געוועזן צו שוואַך איינצוהאַלטען אין זיך מיין טרויער. האָב איך מיין שטיעפמוטער דערצעהלט וועגען אַלעס וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין יענעם אָוועגד צווישען מיר און עטלען.

— זאָרג זיך ניט, מיין קינד, זי וועט ענדערען איהר פּלאַן. זי ליעבט דיך און זי וועט דיך ניט פֿאַרלאָזען. דאָס האָט זי אַזוי גערעדט פֿון צער, פֿון וועהטאָג... עפּעס אַ קלייניגקייט ביי אַ מוטער ווען זי הערט אַז איהר קינד איז אַזוי קראַנק? דו דאַרפֿסט אַריינגעהן אין איהר לאַגע, מיין קינד. לאָז זי ריידען וואָס זי וויל. זוך איהר ניט איבערצושפּאַרען, אָדער איבערצוריידען. זי וועט אַליין זיך באַדענקען און וועט ענדערען איהר פּלאַן.

באַלד איז מיין פֿאָטער געקומען. ער האָט גלייך באַמערקט נאָך אונז ביידען אַז דאָ איז עפּעס געשעהן. מיין שטיעפמוטער האָט איהם דערצעהלט.

— נו, — האָט מיין פֿאָטער געזאָגט, — מען זעהט אַז דאָס איז ניט אַ באַשערטע זאַך. רק עס ציהט זיך אָפּ, רק עס מאַכען

האנד פון שיקזאַל אוועקרייסען פון מיר מיין געליעבטע עטעל — אפשר צום לעצטען מאָל, אויף אימער.

— עטעל! — האָב איך אַפּעלירט. — זאָגט דאָס ניט... צו־שטערט ניט אונזער לעבען אומזיסט און אומנישט. מיר האָבעןביידע אַזוי לאַנג געוואַרט, אַזוי לאַנג געקעמפּפט מיט זיך און מיט די אומשטענדען. לאָמיר ניט פאַרוואַרפען אונזער גליק, וועלכער איז שוין צו אונז געקומען... איהר פאַרפליכטעט זיך גאַרניט צו מיר. איך וועל ניט פאָדערען קיין זאַך וואָס זאָל שטעהן אין וועג אייער פפליכט צום קינד. ער איז מיר אויך זעהר טייער. איך וועל אַלעס אין דער וועלט טאָן, אום אייך ביידען גליקליך צו מאַכען, און אייער מוטער אויך.

— איהר דאַרפט מיך ניט, ליעבער, טייערער סעם, — האָט זי געענטפערט און איהרע אויגען זיינען פייכט געוואָרען מיט טרע־רען, וועלכע זי האָט באַמיהט איינצוהאַלטען. — איך האָב ניט קיין רעכט אַנצוואַוואַרפען זיך אויף אייך מיט אַ קינד, אַ קריפּעל. איך ליעב אייך און וויל אייך זעהן גליקליך. איך ווייס פון מיידלאַך און פרויען וואָס זיינען שעהנער פון מיר און זיי קענען אייך מעהר גליק פאַרשאַפען. זוכט אייער גליק ביי זיי. ביי מיר וועט איהר קיין גליק ניט געפינען, בלויז טרויער און ערגערניש... אייער געדולד וועט לאַנג ניט אַנהאַלטען... איהר וועט מיך אימער זעהן געבונ־דען צו אַ קינד וואָס מען דאַרף איהם אויף די הענד טראָגען און זיין אימער מיט איהם... ניין! איך וועל אייך ניט לאָזען ארויפ־נעמען אויף זיך אַזאַ אונגליק. קיינמאָל ניט!

דבורה, וועלכע איז אונטערגעקומען און האָט געהערט וועגען וואָס דאָ ווערט גערעדט, האָט טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. זי איז אַריינגעלאָפען אין אַן אַנדער צימער צו באַהאַלטען איהרע טרערען. איך האָב נאָך פּראָבירט ריידען, בעטען — אָבער עטעל איז געוועזן איינגעשפּאַרט. איך האָב איינגעזעהן אַז עס איז אומ־זיסט מיט איהר צו טענה'ן, וועניגסטענס דאַרף מען דאָס איבער־לאָזען אויף אַן אַנדערס מאָל.

עס האָבען ניט געהאָלפען קיין רייד און קיין טענות. עטעל איז געווען איינגעשפּאַרט און קיינער האָט ניט געקענט ביי איהר פּועל'ן אַז זי זאָל ענדערען איהר פּלאַן. פעני זיידענפאָדים האָט מיט איהר געטענה'ט דריי שטונדען כסדר (אַזוי האָט מיר דבורה דערצעהלט). דבורה אַליין האָט געוויינט פאַר איהר, זיך געבעטען ביי איהר, אָבער עטעל איז געבליבען ביי דאָס איהריגע, אַז זי וועט זיך ניט אָנוואַרפען אויף מיר מיט איהר קינד. איך בין געוועזן אַזוי ווילד פון צער, דאָס איך האָב אָנגעהויבען צו פאַרדעכטיגען דאָס זי ליעבט מיך ניט מעהר. אָבער ווען איך האָב מיין פאַרדאַכט געזאָגט צו דבורה'ן, האָט דבורה זיך צוואָווינט און געזאָגט:

— איך קען אייך שווערען אַז זי ליעבט אייך ווי דעם לעבען. זי ליעבט אייך נאָך צופיעל, אָט דערפאַר וויל זי זיך ניט אָנוואַרפען אויף אייך. זי פיהלט, דאָס אַזוי לאַנג ווי דאָס קינד דאַרף זי האָבען, דאַרף זי זיך אין גאַנצען איבערגעבען צום קינד. אַזוי ווי זי האָט שוין דאָס אייך אַליין געזאָגט. נעכטען, אַז זי האָט גערעדט וועגען אייך, האָט זי געוויינט מיט ביטערע טרערען. איך בין זיכער, אַז ווען זי וועט זיך באַדענקען, וועט זי קליגער ווערען.

— איך וואָלט פאַרלאַנגט נאָר איין זאַך פון איהר, — האָב איך געזאָגט, — און דאָס איז, אַז איידער זי פאָהרט אוועק זאָלען מיר שטעלען אַ חופּה. איך זאָל וויסען אַז זי איז מיינע. איך וועל לעבען מיט דעם וויסען, ביז זי וועט צוריקקומען, עס מאַכט ניט ווי לאַנג, איך וועל וואַרטען אויף איהר.

— אָט דאָס האָב איך דאָך אויך איהר געזאָגט! — האָט דבורה אויסגערופען. — אַ מערקווירדיגע זאַך ווי מיר ביידע האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט אונזערע געדאַנקען.

— און וואָס האָט זי געזאָגט? — האָב איך געפרעגט.

— זי האָט געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסע זינד פון איהר, אייך צו פאַרבינדען און דערוויילּ צושטערען אייער יונגען לעבען, אייערע בעסטע יאָהרען. אָט אַזוי האָט זי גערעדט! עס איז דען דאָ אויף דער וועלט אַזאַ טרייע הארץ, אַזאַ איידעלע נשמה, ווי מיין עטעל?

זיך שטערונגען! הערצו, סעם, פאָלג אַמאָל אַ טאַטען. לאָז זי פאָהרען געזונדערהייט. זאָל איהר גאָט העלפען, איהר מיט'ן קינד. און דו, צו וואָס זאָלסטו טאַקע אויף זיך נעמען אַזאַ צרה, אַ פרעמ־דען קינד, אַ קריפּעל? עטעל איז טאַקע אַ פיין קינד. זי איז מיר גאַנץ ליעב, אָבער נאָך אַלעמען פאַרגעס ניט, אַז זי איז שוין ניט קיין מיידעל. ווען זי אַליין זאָגט דיר אַז דו זאָלסט זוכען אַן אַנדער שידוך, צייגט עס, אַז זי פאַרשטעהט, אַז מיט איהר קענסטו ניט זיין גליקליך. אַט פאָלג מיר, מיין זוהן, לאָז דאָס געהן. זי וועט אוועקפאָהרען, דו וועסט זי ביסלעכווייז פאַרגעסען, און דו וועסט טאָן אַן אַנדער שידוך, אַ—

מיין פאָטער האָט וואַרשיינליך געוואָלט זאָגען „אַ בעסערען“, ער האָט אָבער אָפּגעהאַקט אין מיטען און ניט דערךעדט.

— אויב ניט מיט עטלען, וועל איך שוין קיינמאָל ניט חתונה האָבען, — האָב איך געענטפערט.

איך האָב געזעהן פון מיין שטיעפמוטער'ס פּנים, אַז זי סימ־פּאַטיזירט מיט מיר. פרויען קענען בעסער פאַרשטעהן אַ פאַרליבטען איידער מענער. אַ מאַן איז צו פּראַקטיש פאַר אַזאַ אידעאַל ווי ליעבע וועלכע ווייס ניט קיין רעכנונגען.

מיין פאָטער האָט מיך אָנגעקוקט מיט באַדויערען, אַזוי ווי מען קוקט אָן אן איינגעשפּאַרטען מענשען, אַן עקשן, וואָס טוט זיך אַליין שלעכטס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַ זיפץ געטאָן.

— נו, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַן אַ זייט, ניט קוקענדיג אויף מיר, — אפשר נאָך אַלעמען איז דאָ יאָ אַ באַשערטע זאַך... מען זעהט דאָך ווי עס ציהט זיך און ציהט זיך, טראָץ אַלע שטע־רונגען...

— און דו האָסט גאָר קיינמאָל ניט געליעבט, אַ? — האָט איהם מיין שטיעפמוטער פאַרגעהאַלטען.

מיין פאָטער האָט זיך אויף אַן אויגענבליק פאַרקלערט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט, און האָט מעהר ניט גערעדט וועגען דעם ענין.

▼

— איך קען ניט, איך טאָר ניט, — האָט עטעל געזאָגט צו־געהענדיג נאָהענט צו מיר און ארויפלייגענדיג איהר האַנד אויף מיין שולטער. — איך טאָר ניט צושטערען אייער יונגען לעבען. איך זעה דאָך אז גאָט האָט מיך פאַר׳משפט צו צרות, צו ליידען, צו אומגליק... איך ווייס ניט פאַר וועמעס זינד... נאָר איך זעה אז אַלעס געהט געגען מיר... אנטלויפט פון מיר... זוכט איינע וואָס זאָל אייך קענען געבען גליק און פריידען...

— עטעל! — האָב איך גע׳טענה׳ט, — אייערע צרות זיינען שוין געענדיגט. עס איז געקומען די צייט פון אייער גליק. אָבער וואָס עס זאָל ניט זיין, איך וויל אייער צוקונפט מיט אייך טיילען.

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, אַ פאַרצווייפעלטע, און נאָכדעם האָט זי געפרעגט:

— זאָגט מיר, סעם, פאַר וואָס זיינען דאָ אזוי פיעל צרות אויף דער וועלט. אין די ביכער וואָס איך האָב געלעזען האָב איך ניט געפונען אַן ערקלערונג אויף דיזער פראַגע. אפשר ווייסט איהר? ווארום שיקט אַן גאָט אזוי פיעל אומגליקען אויף דעם מענשען? ווארום מוז דער מענש אזוי פיעל ליידען?

— צרות ווערען אראָפּגעשיקט אויף דעם מענשען אום אויס־צופּרובירען זיין כאַראַקטער, אזוי ווי מיר זעהן ביי איוב׳ן, — האָב איך ערקלערט. — דורך צרות ווערט דער מענש אויסגעלייטערט אזוי ווי גאָלד ווען עס ווערט געברענט אין פייער. איוב איז געווען אַ גוטער און אַ פרומער מאַן. גאָט אַליין האָט מיט איהם שטאָל־צירט. איז געקומען דער שטן, די בייזע מאַכט און געוואָלט צייגען אז אונטער געוויסע אומשטענדען וועט איוב אראָפּגעהן פון גליי־כען וועג און שילטען זיין גאָט. אָבער טראָץ אַלע זיינע צרות האָט איוב זיין גלויבען ניט געלעסטערט, און דער סוף זיינער איז געווען זעהר אַ גליקליכער.

— איך... בין... איוב... — האָט עטעל געזאָגט פאַרטראַכט, קוקענדיג אויף דעם סופיט.

אַ וואָך שפּעטער איז זי אַוועקגעפאָהרען צוזאַמען מיט איזזי־קינד און מיט דבורה׳ן.

און כאָטש דבורה איז ניט געווען צופרידען מיט עטעל'ס האנד־לונג, איז זי דאָך געווען שטאָלץ אויף איהר נאָבעלען כאַראַקטער.

*

עטעל האָט אָנגעהויבען זיך צו גרייטען צו דער רייזע. זי האָט אויספאַרקויפט איהר מעבעל און נאָך זאַכען וועלכע זי האָט ניט געקענט מיטנעמען. זי האָט מיך געבעטען, איך זאָל ביי זיך האַלטען א טייל פון איהרע ביכער, וועלכע זי האָט ניט געקענט מיטנעמען, אָבער זי האָט זיי ניט געוואָלט פאַרקויפען. בעת איך האָב די ביכער צוזאַמענגעלייגט, האָב איך געפונען א פּעקעל בילדער. דאָס זיינען געווען בילדער פון איהר און אַרנאָלד צוזאַמען, א וואָך נאָך זייער חתונה.

עטעל האָט די בילדער באַטראַכט, א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, און נאָכדעם זיי צוריסען אויף פּיצעלאַך.

דבורה, וועלכע האָט דאָס געזעהן, האָט פּרובירט זי אָפּהאַל־טען.

— וואָס איז, מאַמע? — האָט עטעל געפרעגט.

— מען זאָגט, — האָט דבורה איינגעווענדעט, — אַז א בילד פון א לעבעדיגען מענשען טאָר מען ניט רייסען.

— שרעק זיך ניט, מאַמע, עס וועט איהם גאָר ניט שאַדען, — האָט זי איהר געטרייסט אין שפּאַס.

— אָט דאָ איז א בוך וואָס איך האָב אַמאָל געליהען ביי איך, — האָט עטעל געזאָגט, — אָבער איך וויל דיזען בוך מיט־נעמען. איך וועל דאָס אייך צוריק אָפּשיקען אַן אַנדערס מאָל.

— איך האָף, אַז ניט איהר וועט מיר דאַרפען אָפּגעבען מיין בוך און ניט איך וועל אייך דאַרפען אָפּגעבען אייערע ביכער, — האָב איך געזאָגט.

עטעל האָט ליעבליך געשמייכעלט.

איך האָב דאָס אָנגענומען פאַר א גוטען צייכען אויף א גינס־טיגען מאָמענט און איך האָב געזאָגט:

— עטעל! איך וויל פון אייך בלויז איין פאַרשפּרעכען און דאָס איז, אַז גלייך ווי בייבי־אייבי וועט געזונד ווערען, וואָס דאָס איז מיין הייסעסטער וואונש, זאָלט איהר מיט מיר חתונה האָבען.

האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיס בעלדין, אַ העכסט אינטעליי־גענטע און פיינע מיידעל, וועלכע האָט אויף מיר געמאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק. איך האָב דעם גאַנצען אָווענד געזוכט צו זיצען נעבען איהר און האָב פאַרבראַכט נאָר מיט איהר. נאָר ווען פרידא האָט מיך אָוועקגערופען אָן אַ זייט און האָט מיר געפרעגט אויב די מיידעל געפעלט מיר, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס רעדט מען מיר אַ שידוך און איך האָב אַ ביסעל פאַראיבעל געהאַט.

איך האָב זיך מיט דער מיידעל גאַנץ קאַלט געזעגענט, און אויף איהר וואונש, „איך האָף אַז מיר וועלען זיך ווידער טרעפען", האָב איך גלייכגילטיג געענטפערט: „פיליייכט".

און דאָס איז געווען די לעצטע פּראָבע פון מיין פאָטער מיך צו פאַראינטערעסירען אין אַ שידוך.

די גאַנצע צייט האָב איך ניט אויפגעהערט צו קאָרעספּאָנדי־רען מיט עטלען. יעדע וואָך פלעג איך פון איהר באַקומען אַ בריעף, כאָטש איך פלעג שרייבען אָפטער. עטעל האָט אין איהרע בריעף ניט אויפגעהערט מיך צוריידען אַז איך זאָל זי פאַרגעסען און זוכען אַן אַנדערע וואָס זאָל פאַרנעמען איהר פּלאַץ. איך פלעג איהר שרייבען פון מאָטיע דעם שדכן און פון מיין פאָטער'ס ארבייט מיך צו פאַראינטערעסירען אין אַן אַנדערע. איך האָב איהר אויך געשריבען פון דער מיס בעלדין, מיט וועלכער איך האָב זיך באַקאַנט ביי פרידאַ'ן, און ווי איך האָב איהר קאַלט אָפּגעשניטען, גלייך ווי איך האָב זיך דערוואוסט צו וואָס פאַר אַ צוועק מען האָט אונז צוזאַמענגעבראַכט. עטעל האָט מיר אויף דעם געענטפערט, דאָס איך האָב ניט קלוג געהאַנדעלט, דאָס איך האָב ניט געדאַרפט דורכ־לאָזען אַזאַ גוטע געלעגענהייט. זי האָט מיך־אויפגעפאָדערט אויס־צוזוכען די מיידעל און זיך מעהר באַקענען מיט איהר.

איהרע לעצטע בריעף האָבען ענטהאַלטען האָפנונג. זי האָט מיר געשריבען, אַז זי האָט זיך באַקענט מיט אַ דאָקטאָר גאַרדנער, וועלכער נעמט אַ זעהר גרויסע אינטערעסע אין איהר קינד. דיזער דר. גאַרדנער איז אַ איד, אַ געוועזענער ניו יאָרקער, וועלכער האָט אַ סך לאַנד אין קאַליפאָרניע און אויך אַ גרויסען רענטש. ער נעמט זיך אונטער צו קורירען דעם קינד אָהן אַן אָפּעריישאָן, בלויז

הונדערט־און־ערשטער קאַפּיטעל

דריי יאָהר שפּעטער

די צייט שטעהט ניט אויף איין אָרט. די צייט לויפט און וואַרט ניט אויף קיין מענשען. עס קומען פאַר גאַנץ אונערוואַרטעט אַזעלכע ענדערונגען, וועלכע מיר האָבען קיינמאָל ניט ערוואַרטעט. אַלטע וועלטען געהען אונטער, נייע וועלטען ווערען באַשאַפען.

דריי יאָהר צייט זיינען אַוועק זייט עטעל האָט פאַרלאָזען ניו יאָרק. איך בין שוין געווען ביי מיין נײַן און צוואַנציגסטען יאָהר און — נאָך אַלץ אַ בחור. איך האָב עטלען ניט פאַרגעסען אפילו איין טאָג. פיעלע ענדערונגען זיינען אין דער צייט פאָרגעקומען מיט אונזערע באַקאַנטע, אָבער איך בין געבליבען דער זעלבער ווי אין דעם טאָג אין וועלכען עטעל האָט מיר געזאָגט איהר טרויעריגען „זייט געזונד“.

מיין פאָטער פלעגט מיר אָפט געבען אָנצוהערענישען, אַז איך זאָל חתונה האָבען. מאַטיע דער שדכן האָט מיך עטליכע מאָל באַזוכט, מיר גערעדט אַלערליי גליקען, שעהנע מיידלאַך, „צוקער־קעס“, קאַלעדזש גענענדיגטע, גערעטענישען, מיט פעטען נדן, און מיט ירושות. איך פלעג אפילו זיך ענטזאַגען צו געהן זיך זעהן מיט די כלות וואָס ער האָט מיר גערעדט, און טראָץ מיין פאָטער׳ס אַרגומענט אַז „זעהן קען דאָך ניט שאַדען“, בין איך געוועזן איינגע־שפּאַרט און בין ניט געגאַנגען. און דער סוף איז געווען, אַז מאַטיע האָט מיך אויפגעגעבען ווי אַ פאַרלאָרענע האָפנונג און האָט מיך אַזוי ווי אָנגעסטראַשעט:

— וואַרט, איהר וועט זיך אַמאָל ביי מיר בעטען!

איינינגע מאָל האָט מיך מיין פאָטער „אַריינגענאַרט“. עס הייסט, ער האָט אַזוי געמאַכט, אַז איך זאָל זיך טרעפען מיט אַ כלה אין הויז פון אַ פריינד, אָהן מיין וויסען. איינמאָל בין איך געווען איינגעלאַדען מיט מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער אויף אַ פאַרטי צו פרידאַ שאַפּיראָ, מיין שטיעפמוטער׳ס טאָכטער. דאָרט

ביי איהם זיין דער גרעסטער פארגעניגען און ער וועט אויך האָבען גרויסע נוצען פון אונז, ווייל מיין מוטער וועט פאר אונז קאָכען היימישע עסענס, און ער האָט אזוי ליעב היימישע עסענס! אויך האָט ער אונז ערקלערט, אז אויף דער רענטש וועט אייבי זיך קענען בעסער ערהאָלען ווי אין שטאָט. אייבי האָט זיך מערקווירדיג גע־בעסערט די לעצטע צייט און ער מאכט שנעלען פּראָגרעס אונטער דאָקטאָר גאַרדנער'ס היילונגס־מעטאָדע. ער קען שוין געהן ווען מען פיהרט איהם פאר א האנד, אָדער מיט דער הילף פון א שטעקען. דאָקטאָר גאַרדנער איז זיכער, אז אייבי וועט אין א האלב יאָהר ארום קענען ארומגעהן ווי אלע געזונדע מענשען.

„איך שרייב דאָס אויף דעם רענטש. די הויז, אין וועלכער מיר געפינען זיך, איז א גן עדן. ארום און ארום אָראַנזש בוימער און לעמאָן בוימער, וועלכע זיינען אזוי שעהן, דאָס א מענש וואָס האָט זיי ניט געזעהן קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען זייער שהענ־קייט. דאָקטאָר גאַרדנער איז צו אלע זיינע גאָלדענע מעלות אויך א זעלטענער פידעל־שפּיעלער און ער אַמוזירט אונז יעדען אָוונד מיט זיין שפּיעלען. א זעלטענער מענש איז דאָס — א מלאך! נאָר ער איז איינער אליין אין דער וועלט. איך שטעל מיר אָפּט פאָר ווי טרויעריג עס איז, דאָס אזא מענש האָט גאָר ניט געקענט געפינען א פרוי וואָס זאָל איהם מאכען גליקליך.

„ווי עס זעהט אוים, ליעבער פריינד, וועט איהר שוין ניט קומען צו אונז צוגאסט. עס טוט מיר זעהר לייד וואָס אייער פאָטער איז אזוי שוואך, דאָס איהר קענט איהם ניט פארלאָזען. נאָר אזוי שנעל ווי אייבי וועט פאָלקאָמען געזונד ווערען קומען מיר צוריק אין ניו יאָרק. און דאָקטאָר גאַרדנער וועט אויך קומען מיט אונז. ער זאָגט, אז ער האָט זיך שוין פארבענקט נאָך ניו יאָרק. אז איהר וועט זיך מיט איהם באַקאָנען, וועט איהר מיר צוגעבען אז דאָס איז איינער פון יענע מענשען, וועלכע זיינען אמת'ע מלאכים און זיינען געשיקט געוואָרען פון דעם אויבערשטען אויף אונזער אָרי־מר וועלט צו לינדערען אונזערע שמערצען, אונז צו טרייסטען און אָפּווישען אונזערע טרערען."

דורך מאַסאַזש, לויט זיינער אַן אייגענער מעטאָדע. און דאָס שעהנ־סטע פון אַלעס איז, וואָס דער דאָקטאָר וויל ביי איהר קיין געלד ניט נעמען. ער איז זעהר רייך און האָט שוין לאַנג אויפגעגעבען זיין פּראַקטיק. ער טוט עס אויס ריינער מענשענליעבע.

זי האָט אין איינעם פון איהרע בריעף באַמערקט, אַז דער דאָקטאָר איז אַן אַלטער בחור. דאָס האָט אין מיר אויפגעוועקט אַ פאַרדאַכט, אַז דער דאָקטאָר מיינט ניט ריינע וואָלטאַט. ער מיינט עטלען. עס קען זיין אַז ער האָט זיך פאַרליעבט אין עטלען און מיינט, אַז ווען ער וועט אויסקורירען איהר קינד, וועט זי מיט איהם חתונה האָבען.

דער פאַרדאַכט איז געוואַקסען אין מיין האַרצען ביז עס האָט זיך ענטוויקעלט אין אַן אייפערזוכט. איך האָב די גאַנצע צייט געוואָלט פאַהרען קיין קאַליפאָרניע, אָבער איך האָב ניט געקענט פאַרלאָזען אונזער געשעפט. עס איז געווען אין רעכטען ברען פון דער מלחמה און ביזנעס איז געגאַנגען זעהר גוט. דערצו איז מיין פאָטער געוואָרען זעהר שוואַך. די עלטער האָט זיך גענומען רוקען אויף איהם... אוועקצופאָהרען אין אַזאַ צייט וואָלט געמיינט לאָזען אַ גרויסען געשעפט אויף הפקר און אַנוואַרפען אויף מיין פאָטער אַזאַ יאָך וואָס ער וועט ניט קענען אויסהאַלטען. איך האָב דאַרום קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו זיין געדולדיג און וואַרטען.

צייטענווייז פלעג איך ווערען שטאַרק פאַרצווייפעלט. איך בין געווען זיכער, אַז אויב דער דאָקטאָר גאַרדנער זאָל געלינגען אויסצוקורירען עטעל׳ס קינד, דאַן איז עטעל פאַרלאָרען פאַר מיר אויף אימער. און אין אַזעלכע מאָמענטען פלעג איך אָפט ווינשען... אַז דעם דאָקטאָר זאָל עס ניט געלינגען... אוי, וואָס פאַר אַן עגאָ־איסט, וואָס פאַר אַ שלעכטער מענש איך בין געווען!

און איינמאָל קומט מיר אָן אַ בריעף מיט אַזאַ אינהאַלט:

„טייערער פריינד סעם!

„דאָקטאָר גאַרדנער האָט אונז אַלעמען איינגעלאַדען צו פאַר־ברייגגען עטליכע וואָכען אויף זיין רענטש. מיר האָבען פון אָנפאַנג די איינלאַדונג ניט געוואָלט אָננעמען, ווייל מיר האָבען איהם ניט געוואָלט באַלעסטיגען. אָבער ער האָט אונז ערקלערט, אַז דאָס וועט

הונדערט=און=צוויימער קאַפּיטעל

מיסעס גרעפּטער'ס נדר

איך בין געווען ניט אין גאַנצען צופריעדען פון מיין געהן צו באזוך צו מיסעס גרעפּטער. איך האָב זיך געשעהמט פאַר מיס שעפּאַרד. פאַר אַן אַנדער נוירס וואָלט איך זיך ניט געשעהמט, אָבער דער צופאַל האָט געבראַכט צו דעם, אַז מיסעס גרעפּטער זאָל גראַדע נעמען מיס שעפּאַרד פאַר א נוירס. וואַרשיינליך האָט איהר מיסעס גרעפּטער דערצעהלט פון אונזער באַקאַנטשאַפט, און אפשר האָט נאָך מיסעס גרעפּטער פאַר איהר זיך אויסבאַריהמט אַז איך בין איהרער אַן אַלטער גוטער פריינד, אָדער נאָך אפשר א געליעבטער!... און וואָס וועט מיס שעפּאַרד יעצט דענקען פון מיר? ווי וועל איך קענען קוקען גלייך אין איהרע גוטע, ערליכע אויגען?

בייז דער טיר האָט מיך מיס שעפּאַרד באַגעגענט מיט איהר גוט־האַרציגען שמייכעל, און מיט איהר פריינדליכען טאָן האָט זי צו מיר געזאָגט שטיל:

— איהר האָט פאַרדיענט א גרויסע מצוה וואָס איהר זייט געקומען. זי איז עלענד און פאַרלאָזען פון אַלע איהרע פריינד. אָבער איהר דאַרפט זיך היטען ניט צוגעהן צו נאָהענט צו איהר און ניט געבען איהר די האַנד.

— וואָס איז? — האָב איך דערשראָקען געפרעגט.

— זי האָט אייריסיפּעלים — א רויז אויפ'ן פּנים. זי וועט אָבער געזונד ווערען, און איהר פּנים וועט דערפון ניט ליידען.

איך האָב אָנגעהויבען ציטערען מיט יעדען גליעד און בין נאָכגעגאַנגען מיס שעפּאַרד אַזוי ווי א קליינער אינגעלע, אַן אַנ־געשראָקענער, געהט נאָך זיין מאַמען.

אַט דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון'ם בריעף, און איהר קענט זיך פאָרשטעלען ווי איך האָב געפיהלט נאָכדעם ווי איך האָב דאָס איבערגעלעזען. יעצט בין איך געווען זיכער, אז עטעל איז פארליעבט אין דעם דאָקטאָר און אז איך האָב שוין ניט מעהר וואָס צו האָפען אויף איהר!

▪

אין דער צייט זיינען פאָרגעקומען נאָך צוויי חתונות. מיסעס ראָבינס האָט שוין אויך חתונה געהאַט, און דוקא מיט דעם רייכען אַלמן, מר. יאַבלאָנסקי. איך האָב געהערט אז עללא, וועלכע איז פריהער געווען צו איהם פיינדליך, איז מיט איהם שלום געוואָרען און זי רופט איהם „פאַפאַ“.

שולמית זאָנענפעלד האָט חתונה געהאַט מיט מר. מירמעלשטיין, און ווי מען דערצעהלט, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו פיהרען סטאַטנע, אָרענטליך, צום ווענינסטענס האָט ער זיך אָנגעהויבען צו היטען פאַר ליימען.

מיסעס גרעפטער איז פאַר א צייט פארשוואונדען געוואָרען. איך האָב פון איהר ניט געהערט פאַר א לאַנגע צייט. איך בין געווען אין דער מיינונג, אז זי איז אוועק פון ניו יאָרק, אָבער איינמאָל האָט מיך אויפ'ן טעלעפאָן אָפּגערופען א באַקאַנטע שטימע. דאָס איז געווען מיס שעפּארד, די נוירס, וועלכע איך האָב שוין אויך פאַר א היבשע צייט ניט געזעהן. זי האָט מיך געפרעגט, אויב איך קען קומען זעהן מיינע א באַקאַנטע, וועלכע ליגט קראַנק און וויל מיט מיר ריידען.

— ווער איז זי? — האָב איך געפרעגט.

— מיסעס ליליען גרעפטער, — האָט מיס שעפּארד געענטפערט.

— מיסעס גרעפטער! — האָב איך פארוואונדערט אויסגערופען. — ווי קומט איהר צו איהר? וואָס דאַרף זי מיך?

— פרעגט ניט קיין קשיות, — האָט מיס שעפּארד געבעטען, — קומט! איהר וועט טאָן א גוטע זאַך. עס איז א גרויס מיטלייד.

גערעכט ווען זי האָט מיר אָנגעצייגט מיט איהר פינגער צום הימעל — עס איז געווען גאָט'ס שטראָף!

נאָך עטליכע בקור־חולים וויזיטען האָב איך אָפּגעשטאַט צו מיסעס גרעפּטער, ביז זי איז געזונד געוואָרען. און דערוויילי האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט מיס שעפּאַרד. איינ־מאָל, אָווענד, האָב איך זי גענומען אויף אַ לאַנגען שפּאַציר אין בראָנקס פּאַרק. מיס שעפּאַרד האָט שוין צו יענער צייט געוואוסט פון אַלע מיינע באַציהונגען צו מיסעס גרעפּטער, אַז דאָס איז געווען ניט מעהר ווי אַ צופעליגע באַקאַנטשאַפט, ריכטיגער געזאָגט אַן אַרויסגעצוואונגענע פריינדשאַפט. איך האָב מיס שעפּאַרד דער־צעהלט דעם אמת'ן ראָמאַן פון מיין לעבען. און כאָטש זי האָט זיך שוין געהאַט פריהער אָנגעשטויסען וועגען דעם, האָט זי זיך שטאַרק אינטערעסירט צו הערען פון מיר די איינצעלהייטען. איך האָב איהר דערצעהלט, ווי עס איז שוין דריי יאָהר ווי עטעל איז אַוועק און איך קען זי נאָך אַלץ ניט פאַרגעסען. איך האָב איהר דערצעהלט וועגען דעם קראַנקען קינד, וועלכער איז געווען די אורזאַכע פון אונ־זער שיידען זיך און אויך וועגען דעם דאָקטאָר גאַרדנער, וועלכער קורירט דעם קינד און וועגען וועמען איך בין אַ ביסעל אונרוהיג.

— ווי, האָט איהר געזאָגט, איז זיין נאָמען? — האָט מיס שעפּאַרד האַסטיג אַ פרעג געטאָן.

—דאָקטאָר גאַרדנער, — האָב איך געענטפערט, — אַ איד, אַן אַלטער בחור, געווען פריהער אין ניו יאָרק. איך קען ניט פאַר־שטעהן צו וועלכען צוועק ער האָט פאַרלאָזען ניו יאָרק און איז געוואָרען אַ רענטשמאַן אין קאַליפאָרניע.

מיס שעפּאַרד איז געוואָרען זעהר ערנסט. זי האָט זיך טיעף פאַרטראַכט און געקוקט ווייט, אַריבער די ביימער פון דעם פּאַרק, אין וועלכען מיר האָבען שפּאַצירט.

— דאָס איז ער, — האָט זי געזאָגט, אַזוי ווי צו זיך ריי־דענדיג.

— איהר קענט דען דעם דאָקטאָר? — האָב איך נייגעריג גע־פרעגט.

און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיסעס גרעפּטער, ווי זי איז געלעגען אין בעט מיט אַן ארומגעבונדענעם פּנים, איהר גאַנצע געזיכט איינגעוויקעלט אין באַנדאַזשען, בלויז די אויגען האָבען זיך געזעהן, האָט מיך אָנגענומען אַזאַ טיעפער מיטלייד, דאָס איך האָב מיין אייגענעם שרעק פאַרגעסען און איך האָב גע־האַלטען אין אויסברעכען אין אַ געוויין.

אָט דאָ איז פאַר מיר געלעגען די גרויסע שעהנהייט, די לעבעדיגע בלום, וועלכע אַלע פלעגען באַוואונדערען, אַ הילפלאָזע, אַ קראַנקע, אַ שרעק אָנצוקוקען, אַ בילד וואָס רופט אַרויס אָפּשיי און עקעל...

ווען זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי אויפגעהויבען איהר קאָפּ. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער זי האָט ניט געקענט. זי האָט בלויז אויפגעהויבען אַ האַנד און געצייגט מיט אַ פינגער אין דער הויך. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס זי האָט געמיינט צו זאָגען:

„ג אָ ט ׳ ס ש ט ר אָ ף!“

— גאָט וועט העלפען! — האָב איך געזאָגט און מיין שטימע האָט זיך קוים אַרויסגעשפּאַרט דורך די טרערען וואָס האָבען גע־שטיקט מיין האַלז.

— איהר וועט זיין געזונד. איהר וועט זיין אַזוי שעהן ווי גע־ווען, — האָט מיס שעפּאַרד זי געטרייסט.

איך בין געזעסען ווי אויף הייסע קוילען. איך האָב געפיהלט אַז די טרערען שפּאַרען זיך באַלד אַרויס פון מיינע אויגען.

וואָס איז דיזע פרוי געווען צו מיר? גאָרנישט! אָבער עס זיינען געווען צייטען ווען איך פלעג זי באַוואונדערען, ווען איך פלעג, אפילו געגען מיין ווילען, באַצויבערט ווערען פון איהר. קיין גרעסערע טראַגעדיע ווי די וואָס איך האָב געזעהן יענעם טאָג האָב איך נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהן. ביז איצט האָב איך געזעהן אַלץ אַזעלכע טראַגעדיעס, וועלכע דער מענש ברייננגט אויף זיך אַליין, דורך זיין אונבאַרעכענטהייט, דורך זיינע נאַרישקייטען, אָבער דאָס איז געווען אַ טראַגעדיע וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרען דירעקט פון הימעל. יאָ, מיסעס גרעפּטער איז געווען

געבען ווי איינער וואָס האָט פאַרלאָרען, וואָס איז באַזיגט געוואָ־רען. און דערצו איז מיין האַרץ נאָך געווען פול מיט יענעם...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען. נאָכדעם האָט זי ווייטער דער־צעהלט:

— דר. גאַרדנער איז נאָכדעם לאַנג ניט פאַרבליבען אין ניו יאָרק. ער איז אַוועק אין קאַליפאָרניע. וואָלט ער געוואַרט, וואָלט פיליכט אַנדערש געווען. אָבער נאָכדעם ווי ער איז אַוועק, זיינען אָפּגעריסען געוואָרען אַלע פאַרבינדונגען צווישען אונז. איך גלויב, אַז ער האָט מיך שוין פאַרגעסען.

מיס שעפּאַרד׳ס געשיכטע האָט מיך נאָך מעהר באַטריעבט. איך בין אויך געווען אין דער מיינונג, אַז דר. גאַרדנער האָט זי שוין פאַרגעסען און ער דענקט יעצט מעהר פון עטלען. אָט ווי דער בלינדער שיקזאַל שליידערט אונז פון איין צופאַל צום אַנדערען!...

איך האָב מיס שעפּאַרד אָפּגעפיהרט צו איהר היים. זי האָט פאַר מיר געמאַכט טעע און מיר האָבען זעהר פריינדליך פאַרבראַכט די צייט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז מיסעס גרעפּטער האָט פאַר איהר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פון איהר לעבען, און אַז זי האָט אויף זיך גענומען אַ נדר, דאָס אויב זי וועט געזונד ווערען, וועט זי אָנהויבען צו פיהרען אַ נייעם לעבען.

— גלויבט איהר, אַז זי וועט האַלטען איהר נדר? — האָב איך געפרעגט.

— איך גלויב, — האָט מיס שעפּאַרד געזאָגט. — איך גלויב אַז אַלע מענשען זיינען גוט און איידעל, נאָר די אומשטענדען אָדער שלעכטע געזעלשאַפט פיהרט זיי אַמאָל אַראָפּ פון גלייכען וועג. איך גלויב, אַז מיסעס גרעפּטער וועט נאָך אַמאָל ווערען אַ פרוי וואָס וועט זיין אַ שטאָלץ פאַר דעם פרויען געשלעכט. ווען אַ מענש באַשליסט נאָר צו זיין גוט, מוז ער ווערען גוט.

— ווי גוט איז איך, אַז איהר קענט אַזוי גלויבען! — האָב איך אויסגערופען, און אין דעם מאָמענט איז מיס שעפּאַרד מיר געוואָרען ליעבער און האַרציגער ווי אימער.

— איך האָב איהם גוט געקענט, — האָט מיס שעפּאַרד גע־ענטפערט מיט אַ שמייכעל. — מיר זיינען אַמאָל געווען... פריינד.
זי האָט זיך ווידער אַ ווייִלע פאַרטראַכט און נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— איך האָב אייך אַמאָל דערצעהלט פון מיין ראָמאַן, ווי אַ דאָקטאָר האָט זיך אין מיר פאַרליעבט און איך האָב איהם אויך געליעבט, נאָר מיינע אַ חבר'טע, אַ נויִרס, וואָס האָט געוואוינט מיט מיר צוזאַמען, האָט זיך אַריינגעמישט און האָט מיין גע־ליעבטען אָפּגערעדט פון מיר. דאָס איז אָבער בלויז אַ האַלבע מעשה, די אַנדערע העלפט פון דיזער ראָמאַנטישער געשיכטע האָב איך אייך ניט דערצעהלט. און יעצט וועל איך אייך דערצעהלען די אַנדערע העלפט אויך. נאָך איידער איך האָב זיך פאַרליעבט אין יענעם דאָקטאָר, בין איך געווען באַפריינדעט מיט דר. גאַרד־נער, אָט טאַקע דער דר. גאַרדנער וואָס איז יעצט אין קאַליפאָרניע. ער האָט מיך זעהר געוואָלט, און ער איז מיר אויך געווען זעהר סימ־פּאַטיש, אָבער גלייך ווי דער אַנדער דאָקטאָר איז אריין אין מיין לעבען, האָב איך שוין קיין אַנדערען ניט געקענט ליעבען. דר. גאַרדנער איז געווען שטאַרק ענטטוישט. ער האָט מיך זעהר גע־ליעבט. און ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון מיר, אַז איך ליעב אַן אַנדערען, איז ער אַוועקגעפאָהרען נאָך קאַליפאָרניע. איך האָב געהערט, אַז איהם געהט דאָרט זעהר גוט. ער איז דאָרט רייך גע־וואָרען דורך לאַנד־ספּעקולאַציע און אַ רענטש וואָס ער האָט דאָרט געקויפט.

— און וואָרום האָט איהר מיט איהם ניט חתונה געהאַט נאָכדעם, ווי איהר האָט געזעהן אַז דער אַנדער דאָקטאָר האָט חתונה געהאַט מיט אייער חבר'טע? — האָב איך געפרעגט.

— דאָ האָב איך ווידער אַריבערגעהיפּט אַ קאַפּיטעל פון מיין ראָמאַן, — האָט מיס שעפּאַרד געענטפערט. — גלייך ווי דר. גאַרדנער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך האָב יענעם דאָקטאָר פאַרלאָרען, איז ער צו מיר געקומען און האָט פאָרגעשלאָגען, אַז איך זאָל מיט איהם חתונה האָבען. איך האָב איהם אָבער ענטזאָגט. מיין שטאָלץ האָט מיך ניט דערלאָזען אַז איך זאָל זיך איהם איבער־

אפּט. מיר האָבען יעצט איינע די אַנדערע אַזוי גוט געקענט. מיר האָבען אַזוי פיעל געוואוסט איינע די אַנדערע'ס ליעבעס, און מיר האָבען איינע מיט די אַנדערע אַזוי טיעף סימפּאַטיזירט.

עטעל האָט ניט אויפגעהערט צו שרייבען צו מיר, אָבער ניט אַזוי אָפּט ווי פריהער. אין יעדען בריעף האָט זי מיר אַלץ דער־צעהלט וועגען די גוטסקייט און די נאָבעלקייט פון דר. גאַרדנער. איך האָב צווישען די שורות געזעהן אַז זי דענקט שוין פון איהם מעהר ווי פון מיר.

יעדען בריעף פלעג איך פאַרלעזען פאַר מיס שעפּאַרד. פאַר קיין אַנדער פּערזאָן אין דער וועלט וואָלט איך זיך ניט געוואַגט פאָרצולעזען אַ בריעף פון עטלען וואָס איז געשריבען צו מיר. אָבער מיס שעפּאַרד האָב איך אָנגעהויבען צו באַטראַכטען אַלס אַ פּערזאָן וואָס איז זעהר נאָהענט צו מיר. איך האָב זיך אין איהר פאַרטרויט ווי אין אַ מוטער... איך האָב זיך גאָר ניט געשעהמט צו זאָגען, אַז איך ליעב עטלען און אַז איהר פריינדשאַפט מיט דעם דאָקטאָר פאַרשאַפט מיר שמערצען.

איך האָב דאָס אַזוי פיעל מאָל איבערגעזאָגט, דאָס די ווער־טער זיינען ביי מיר מיט דער צייט וואָכעדיג געוואָרען... איך האָב אָנגעהויבען צו צווייפלען אין זיי... איך האָב זיך אַליין דער־שראָקען פאַר דעם צווייפעל... שוין־זשע הויב איך אָן צו פאַר־געסען עטלען ?... מען זאָגט, אַז די אַבוועזענהייט שוואַכט אָפּ די ליעבע. איך האָב זיך געטרייסט מיט דעם, אַז ווען איך זאָל זיך דאָך טרעפען מיט עטלען פּנים אל פּנים, וועט די אַלטע ליעבע אויפפלאַמען מיט איהר אַלטען פייער.

דערוויייל איז אָנגעקומען מיין ניין און צוואַנציגסטער גע־בורטסטאָג. גראַדע איז דאַן מיס שעפּאַרד געווען פריי און איך האָב זי איינגעלאַדען צו פאַרברייננגען מיט מיר דעם אָוועגד. און טאַקע ביי איהר אין דער היים.

איך האָב אַזוי ליעב באַקומען דעם נעטען, זויבערען פראָנט־רום, אין וועלכען זי האָט געוואוינט און וואו זי פלעגט אָפּט מאַכען פאַר מיר טעע, לייכטע אָנבייסענס, און „פאָדזש" אַמאָל אין אַ נאָ־ווינע. (זי איז געווען אַ קינסטלערין אין מאַכען „פאָדזש"). און

הונדערט־און־דריטער קאַפּיטעל

מיין ניין־און־צוואַנציגסטער געבורטסטאָג

מיסעס גרעפּטער איז געזונד געוואָרען. זי האָט זיך פיעל גע־ענדערט. זי האָט ערשטענס פאַרלאָרען א פּופּצעהן פונט געוויכט און איהר געזיכט איז א ביסעל איינגעצויגען געוואָרען. אָבער דאָס האָט איהר צוגעגעבען א יוגענדליכען אויסזעהן. דער דאָקטאָר האָט איהר געהייסען האָבען א סך רוהע און גוטע פלעגע אום זיך צו ערהאָלען פון איהר קראַנקהייט.

מר. ביילינסאָן, דער אייגענטימער פון דער פאַרם־הויז, ביי וועמען מיסעס גרעפּטער איז פאַר עטליכע זומער־סעזאָנען געווען „סטאַר באָרדער" און האָט איהם צו געשאַרט דעם גרעסטען טייל פון זיינע באָרדערס, האָט געהערט פון איהר צושטאַנד און ער האָט איהר געשיקט אַן איינלאַדונג צו קומען צו איהם אויפ׳ן פאַרם. עס איז נאָך אַפּילו געווען קאַלט, אָנפאַנג אַפּריל, אָבער מיסעס גרעפּטער האָט די איינלאַדונג זעהר גערען אָנגענומען.

— איך וויל האָבען געמיטליכע רוהע, — האָט זי געזאָגט צו מיר און מיס שעפּאַרד. — איך וויל האָבען אַן אָרט, וואו איך זאָל קענען באַטראַכטען מיין פאַרגאַנגענהייט און מאַכען פּלענער פאַר מיין צוקונפט. דיזען מאָל וועל איך שוין ניט ענדערען מיין באַ־שלוס. איך מוז אָנפאַנגען א נייעם לעבען. איך מוז בויען א נייע וועלט פאַר זיך. איך ווער אַן אַנדער מענש — גאָט זאָל מיר נאָר העלפען!

— אָמן! — האָט מיס שעפּאַרד געוואונשען. און איך האָב שטיל נאָכגעזאָגט: אָמן!

•

— די איינזאַמקייט און די בענקשאַפט האָט מיך נאָך פעס־טער צוגעבונדען צו מיס שעפּאַרד. מיר פלעגען זיך שוין זעהן גאַנץ

— געוועז זעהר ביזי, — האָט דער אינגעל זיך פאַרענט־פערט. — היינט א סך פיונעראלס.

מיר האָבען זיך ביידע צולאַכט פון דער ערקלערונג. דער אינ־געל האָט אונז אָנגעקוקט ווי משוגעים. ער האָט ניט געקענט פאַר־שטעהן וואָרום מיר לאַכען. ער האָט צוגענומען דעם טיפּ וואָס מיס שעפּאַרד האָט איהם געגעבען און איז אַוועק פייפענדיג א פרעהלי־כען לידעל.

מיס שעפּאַרד האָט צו ערשט פון דעם בוקיעט אויסגעקליבען אַ ראָזע און האָט עס אריינגעשטעקט אין מיין לאַץ. נאָכדעם אַ צווייטע ראָזע אויף איהר קאָפּ. די איבעריגע בלומען האָט זי אַריינ־געטאָן אין אַ וואַזע און אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש. די אַטמאָס־פערע איז געוועזן זעהר יום־טוב׳דיג. איך האָב נאָר געהאַט איין וואונש און דאָס איז, אַז דער אָוענד זאָל זיך ציהען און ציהען און גאָר ניט שפּעט ווערען.

מיר האָבען גערעדט וועגען עטלעז, וועגען קאַליפאָרניע, און מיר האָבען זיך אַרויסגערעדט, אַז שפּעטער וועל איך אפשר מאַכען אַ רייזע אַהין.

— נעמט מיך מיט, — האָט זי געזאָגט לאַכענדיג. — איך האָב שוין לאַנג אַ חשק צו פאָהרען זעהן די שעהנע קאַליפאָרניע.

— אָפּגעמאַכט! — האָב איך אויסגערופען. — מיר וועלען פאָהרען ביידע צוזאַמען!

— אָפּגעמאַכט! — האָט זי נאָכגעזאָגט און מיר האָבען זיך גערדריקט די הענד.

— ווען דענקט איהר צו מאַכען די רייזע? — האָט זי גע־פרעגט.

— ענדע זומער, אין הערבסט, — האָב איך געענטפערט. — יעצט, ווען מיין פאָטער דאַרף זיך געפינען די מיינסטע צייט אויסען שטאָט, קען איך די ביזנעס ניט איבערלאָזען.

מיר האָבען אָנגעהויבען צו ריידען וועגען אַ זומער וועקיישאָן. מיס שעפּאַרד האָט מיר דערצעהלט, אַז זי האָט באַקומען אַן איינ־לאַדונג פון מיסעס גרעפּטער צו קומען אויף אַ פּאָר וואָכען אין ביילינסאָנ׳ס פאַרם־הויז, אַלס איהר גאַסט.

ווען איך בין אריינגעקומען אין איהר צימער אין יענעם אָווענד, בין איך געווען איבערראַשט צו געפינען אויף אַ טיש אָנגעגרייט אַ שעהנעם קעיק וואָס זי האָט אַליין אויסגעבאַקט לכבוד מיין געבורטסטאָג און אויף דעם קעיק זיינען געווען אָנגעשטעקט אַ גרויסע צאָהל קליינע ליכטלאַך.

— אזוי פיעל ליכטלאַך! — האָב איך פאַרוואונדערט אויסגערופען.

— צעהלט זיי! — האָט זי געזאָגט לאַבענדיג.

איך האָב איבערגעצעהלט. פּונקט ניין און צוואַנציג.

— עס איז גוט וואָס איהר דענקט פון מיר אזוי, — האָב איך געזאָגט און איהר אָנגעכאַפּט פאַר׳ן האַנד.

איהר האַנד האָט אַ לייכטען ציטער געטאָן. מיר זיינען אויף אַ מאָמענט צוגעצויגען געוואָרען איינער צום אַנדערען. אונזערע ליפּען האָבען געמאַכט אַ באַוועגונג — גרייט אויף אַ קוש... נאָר עפּעס האָט אונז ביידען אָפּגעהאַלטען... מיס שעפּאַרד איז רויט געוואָרען. איהר ליפּען האָבען עפּעס געמורמעלט. עפּעס האָט זי מיר געוואונשען. און מיר אין די געדאַנקען איז ווידער ארויף מיין אַלטער באַשלוס, אַז מיין ערשטער קוש געהערט צו דער, מיט וועמען איך וועל חתונה האָבען, און ווען איך האָב איינמאָל געבראָכען דיזען באַשלוס, האָב איך דאָך קיין רעכט ניט דיזען באַשלוס צו ברעכען נאָך אַמאָל. איך האָב זיך געווען אָפּגעמאַכט אין הארצען, אַז די נאַכט פון מיין חופּה זאָל איך פאַר מיין באַשערטער זיך מודה זיין אויף מיין שולד.

מיר האָבען זיך געזעצט צום טיש. מיס שעפּאַרד האָט אָנגעצונדען אַלע ליכטלאַך אויף דעם קעיק. עס איז געווען מיין פרעהליכסטער געבורטסטאָג. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט אזוי שעהן געפייערט מיין געבורטסטאָג ווי אין יענעם אָווענד.

מיט אַמאָל האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר. עס איז אריינגעקומען אַ אינגעל מיט אַ גרויסען בוקעט בלומען.

— אזוי שפּעט! — האָט מיס שעפּאַרד פאַרגעהאַלטען דעם אינגעל. — איך האָב באַשטעלט אויף זעקס אוהר.

הונדערט=און=פיערטער קאַפּיטעל

פרייד און אומעט

מיר האָבען געהאַט אַ זעהר וואַרימע אויפנאַהמע אין ביילינ־סאָנ'ס פאַרם־הויז, וועלכע האָט שוין יעצט געהייסען „האָטעל", וויל מר. ביילינסאָן האָט זיין פּלאַץ פיעל פאַרגרעסערט.

מר. ביילינסאָן האָט ביי אונזער אָנקומען געקלונגען דעם דינער־גלאָק און מיסעס ביילינסאָן איז ארויסגעלאָפען פון קיך מיט פאַרקאַשערטע אַרבעל און מיט אַ פּנים פאַרשמירט אין שמאַלץ און סאַזשע, און מיט די האָר פול מיט פיש־שאָלעכץ און פעדערען. זי האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרביידע הענד און זיך געבוקט פאַר מיין „ליידי". פון מיסעס ביילינסאָנ'ס תנועות איז געווען קענטיג, אַז זי האָט מים שעפּאַרד פאַררעכענט אַלס מיין כלה. אָבער מיסעס גרעפּטער האָט זיי ביידען צוטריבען, אַזוי ווי זי וואָלט געווען איפּערזיכטיג אויף איהרע טייערע געסט, און זי האָט אונז אַליין אָפּגעפיהרט צו אונזערע צימערען. מערקווירדיג, אַז איך האָב באַ־קומען דעם זעלבען צימער, וועלכען איך האָב געהאַט דעם ערשטען מאָל אַז איך בין געקומען אויף דער פאַרם־הויז מיט מיין זעליגער מוטער, עליה השלום. און מים שעפּאַרד האָט באַקומען טאַקע דעם נעקסטען צימער, וועלכער איז דאַן געווען מיין מוטער'ס. דאָס איז אַלץ געווען מיסעס גרעפּטער'ס פּלאַן. און איך האָב דאָס גערעכענט פאַר זעהר קלוג און גוט פון איהר צד.

שפּעטער, ווען מיסעס ביילינסאָן האָט אָנגעהויבען צו ריידען פון מים שעפּאַרד אַלס מיין כלה, האָט מיסעס גרעפּטער איהר באַלד ערקלערט איהר טעות, און באַשטעטיגט דעם פאַקט, אַז מים שעפּאַרד איז געקומען צו איהר, אַלס איהר גאַסט, און אַז איך האָב זי באַגלייט בלויז אַלס אַ פריינד. צו אונז וועגדענדיג זיך האָט זי געזאָגט:

— איהר קריגט פון איהר בריעף? — האָב איך געפרעגט.

— גאַנץ אָפט. און זעהר אינטערעסאַנטע בריעף דערצו. ווי מיין הארץ האָט מיר געזאָגט: זי איז געוואָרען אַן אַנדער מענש. זי גיט מיר אָנצוהערעניש, אַז זי האָט שוין אַ חתן...

— איך האָף, אַז ער איז אַ מענש וואָס וועט איהר העלפען אין איהר שטרעבען צו נעמען זיך אויף דעם רעכטען וועג, — האָב איך געזאָגט.

מיר האָבען אַזוי לאַנג גערעדט וועגען דעם, ביז מיר זיינען אַרויפגעקומען אויף אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלען אויף אַ שבת און זונ־טאָג ביידע אַוועקפאָהרען צו ביילינסאָנ׳ס פאַרם.

— איך וועל דאָרט בלייבען אויף מיין וועקיישאָן, — האָט מיס שעפּארד געזאָגט, — און איהר וועט זיך מאָנטאָג קענען פאָהרען צוריק אין ניו יאָרק. איך פיהל, אַז איך מוז האָבען אַ וואַקיישאָן.

און אַזוי איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז מיר זאָלען ביידע פאָה־רען דעם נעקסטען פרייטאָג אין קאָנטרי.

איך האָב זיך געפרעהט וואָס מיר איז איינגעפאַלען אַזאַ גוּ־טער געדאַנק צו פייערען מיין געבורטסטאָג צוזאַמען מיט מיס שעפּארד... איך האָב זיך אויך געפרעהט אויף דער געלעגענהייט צו זיין ווידער אין יענעם פאַרם־הויז, וועלכער איז געווען פאַר־בונדען מיט אַזוי פיעל עראינערונגען פון מיינע איינגערע יאָהרען. איך האָב באַקומען אַ חשק דאָרט אַרומצוגעהן צוזאַמען מיט מיס שעפּארד און איהר צייגען יעדען אָרט אַרום ביילינסאָנ׳ס פאַרם און וואָס פאַר אַ היסטאָריע פון מיין לעבען עס איז פאַרבונדען מיט דעם אָרט.

פרייטאָג נאָכמיטאָג האָבען מיר זיך ביידע געטראָפען, לויט אַן אַפּאָינטמענט, אויף דער פערי און מיר זיינען ביידע אָפּגעפאָה־רען צו דער דיפּאָ. איך האָב געוואָלט באַצאָהלען פאַר מיס שע־פּארד׳ס טיקעט, אָבער זי האָט עס מיר בשום אופן ניט געוואָלט ערלויבען.

דערונג אין איהרע מאַניערען. און דאָס האָט מיך זעהר געפּרעהט, כאָטש די מענער זיינען געווען אַ ביסעל דיסטפּאָינטעט ווען זיי האָבען אויסגעפונען, אַז מעהר ווי אַ שמייכעל אָדער אַ גוט וואָרט קענען זיי ניט ערוואַרטען פון דיזער זעלטען שעהנער און צויבער־פולער פרוי... ווען איך האָב זי גוט באַטראַכט, האָב איך אויסגע־פונען, אַז אין די ניין יאָהר וואָס איך האָב זי געקענט, איז זי כמעט גאָר ניט עלטער געוואָרען.

איך האָב אַרויסגענומען מיס שעפּאַרד אויף אַ שפּאַציר. איך האָב זיך געקליבען איבערצוגעהן אַלע „היסטאָרישע״ פּלעצער און איהר דערצעהלען פון מיינע עראינערונגען וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדען, אָבער מע־קווירדיג! געהענדיג מיט איהר זיינען די עראינערונגען געוואָרען שוואַכער, בלאַסער. זיי האָבען זיך ניט גע־קענט פאַר מיר פאָרשטעלען אין זייער פולער קלאָרקייט. זיי האָ־בען זיך גענומען אויסוועבען... איך האָב גענומען טראַכטען וועגען דער אורזאַכע און האָב פּלוצלינג באַמערקט, אַז מיס שעפּאַרד איז זעהר עהנליך צו עטלען... אַ וואונדער אַז איך האָב דאָס פריהער גאָר ניט באַמערקט... אפשר דערפאַר בין איך אַזוי צוגעצויגען גע־וואָרען צו איהר... איך האָב עס געמוזט פיהלען אינסטינקטיוו, טיעף אין הארצען, די גאַנצע צייט. און יעצט, אַז איך בין געגאַנגען מיט איהר, האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך געה מיט עטלען... די עהנליכקייט איז מיר ערשט יעצט קלאָר געוואָרען...

זיינען מיר געגאַנגען און גערעדט וועגען דעם שעהנעם גע־גענד, וועגען מר. און מיסעס ביילינסאָן, און איבערהויפּט וועגען מיסעס גרעפטער. מיס שעפּאַרד איז אויך געווען געניינט צו גלוי־בען, אַז צווישען דעם חזן און מיסעס גרעפטער קומט פאַר עפּעס ערנסטעס. איך האָב עטליכע מאָל אָנגעפאַנגען צו ריידען וועגען עטלען, אָבער איך בין באַלד אַליין אָראָפּגעקראָכען פון דער טעמאַ...

ווען מיר זיינען צוגעקומען אויף אַ געוויסען אָרט אין פּרוכט־גאָרטען, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און פאַרטראַכט. דאָרט איז געשטאַנען דער בענקעל אויף וועלכען מיין זעליגע מוטער האָט ליעב געהאַט צו זיצען. אַ בענקעל איז שוין דאָרט געווען אַז אַנדע־

— ביי זיי, ווי באַלד זיי זעהן אַ יונגען מאַן מיט אַ מיידעל צוזאַמען, איז דאָס שוין אַ שידוך. אָט האָבען זיי מיך געזעהן אַ פּאָר מאָל שפּאַצירען מיט דעם חזן דזשיאַקאָמאָ סאָלאָמאָן, און זיי שרייען שוין אַז איך בין מיט איהם פאַרלאָבט.

— פאַרלאָבט, ניט פאַרלאָבט, — האָט מר. ביילינסאָן געשפּאַסט, ווינקענדיג מיט זיין לינקער אויגעל צו אונז, — אָבער אַז ער שטאַרבט נאָך אייערע טריט, אַז ער ווערט משוגע פאַר אייך, דאָס ווייסען מיר אַלע.

— פאַראַן פון וועמען נתפּעל צו ווערען, — האָט מיסעס ביילינסאָן גענומען איבערשפּאַרען איהר מאַנ'ס רייד, אַזוי ווי איהר שטייגער איז אימער געווען. — יענער לויפט נאָך יעדע מיידעל און יעדע ווייבעל וואָכ ער וואַרפט אַן אויג אויף איהר. ער ווייס דען וואָס ער וויל — אַבי אַ קליידעל...

— לאַנג לעבען זאָלט איהר, מיסעס ביילינסאָן! — האָט מיסעס גרעפּטער אויסגערופען. — איהר זייט אַ חכמה. איהר רעדט ווי אַ פריינד!

אָבער פון דער מינע וואָס מיסעס גרעפּטער האָט געמאַכט בעת זי האָט געזוכט אָפּצולייקענען דעם קלאַנג, אַז עס האַלט ביי אַ שידוך צווישען איהר און דעם חזן, איז געווען קענטיג, אַז דאָס האַלט יאָ ביי אַ דרך.

ווען מיר זיינען אַהין אָנגעקומען, איז שוין געווען פינף אוהר. צו סאַפּער איז נאָך געווען אַ שטונדע און אַ האַלב. אין האָטעל איז געווען זעהר רעש'דיג צוליעב די שבת'דיגע געסט. עס זיינען אויך געווען אַ היבשע צאָהל מענער וואָס זיינען געקומען אָהן זייערע ווייבער אָנצוקוקען דעם פּלאַץ איידער זיי שיקען אַהין זייערע פאַמיליען. מיסעס גרעפּטער האָט די געסט געמוזט ציינען אַ ביסעל אויפמערקזאַמקייט, ריידען צו זיי, לויבען דעם פּלאַץ און די גוטע באַקוועמליכקייטען. די מענער, ווי עס האָט אויסגעזעהן, זיינען געווען מעהר פאַראינטערעסירט אין איהר, ווי אין דעם פּלאַץ, און יעדער איינער האָט געזוכט צו פאַרלייגערען זיין געשפּרעך מיט דער „סטאַר באָרדער“. מיסעס גרעפּטער האָט צו יעדען איינעם געשמייכעלט, גערעדט זעהר פריינדליך, אָבער ניט מיט דער זעל-

צו מיינע געגנער וואָס דערגעהן מיר די יאָהרען? אָך, מר. פּרומ־קין! פון אייך האָב איך זיך דאָס ניט געריכט!

ביים סאַפּער האָבען מיר זעהר פרעהליך פאַרבראַכט די צייט. ווען מיר האָבען שוין געהאַלטען אין ענדיגען דעם מאָלצייט איז צוגעקומען דער העד־ווייטער און האָט מיר געזאָגט, אַז מען רופט מיך צום טעלעפאָן.

א טעלעפאָן? ווער קען דאָס זיין? זאָל עס זיין פון ניו יאָרק? וואָס האָט דאָרט געקענט פּאַסירען? איך האָב זיך ענטשולדיגט פאַר די דאַמען און בין אַוועק צום טעלעפאָן.

— מר. פּרומקין? — האָט געפרעגט א מענערשע שטימע.

— יעס, סער — ווער רעדט עס?

— פל״הז, האָט געדולד, — די שטימע איז מיר פאַרגעקומען באַקאַנט, — איך מוז צו אייך רייִדען וועגען א וויכטיגע זאַך... צופעליג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איהר זייט דאָ. איך בין אין א האָטעל א מייל ווייטער...

— אַרנאָלד קאַפּטאַן! — האָב איך אויסגערופען פאַרוואונ־דערט. — וואָס ווילט איהר?

— איך בעט אייך, האָט געדולד... כאָטש דיזען מאָל... עס וועט אייך ניט פאַרדריסען. איך ווייס אַז איהר זייט בייז אויף מיר, און מיט רעכט. אָבער עס זיינען דאָ אומשטענדען וואָס באַ־רעכטיגען מיך צו פאָדערען פון אייך אַז איהר זאָלט מיך אויס־הערען...

זיין שטימע איז געווען אַן אונטערטעניגע. קענטיג איז געווען, אַז ער האָט ווירקליך עפּעס וויכטיגעס צו רייִדען מיט מיר. איך מוז מודה זיין, אַז איך בין געוואָרען נייגעריג...

— וואָס ווילט איהר? — האָב איך געפרעגט.

— אויפ׳ן טעלעפאָן איז דאָס אונמעגליך צו זאָגען, — האָט ער געענטפערט. — איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר ערלויבען צו קומען צו אייך מאָרגען, אָדער, אויב איהר ווילט, קענט איהר קומען צו מיר. אָבער אַליין. דאָס, וועגען וואָס איך וויל מיט אייך רייִדען,

רער, אָבער דער בוים, אונטער וועמענס שאָטען מיין מוטער, עליה השלום, פלעגט זיצען, איז נאָך געווען דער זעלבער...

א לייכטער ציטער האָט מיך אָנגענומען... אין הארצען האָב איך געטראַכט דעם פסוק: „נעם אַרונטער די שיך פון דיינע פיס, ווייל דו שטעהסט אויף א הייליגען באָדען!" מיס שעפּאַרד האָט מיך אָנגעקוקט און געפרעגט:

— וואָס איז דער מעהר, מר. פרומקין?

איך האָב איהר דערצעהלט. זי האָט אַרונטערגעבויגען איהר קאָפּ מיט טיעפען רעספּעקט... א מינוט איז געווען שטיל, א הייליגע שטילקייט...

מיר זיינען צוריקגעגאַנגען צום האָטעל. דער עולם האָט זיך שוין געקליבען צו געהן צום טיש. מיסעס גרעפּטער האָט אונז געזאָגט, אַז מיר ביידע וועלען זיצען ביי איין טיש מיט איהר, אָהן זייטיגע מענשען דערביי.

— איך וויל זיין אַליין מיט מיינע טייערע געסט, — האָט זי געזאָגט. — נאָר מאָרגען, זונטאג, קומט נאָך א גאַסט. איך ווייס ניט ווי מען טשעפּעט זיך אָפּ פון איהם. דאָס איז דער חזן, דזשיאַקאָמאָ סאָלאָמאָן.

איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון א שמייכעל. מיסעס גרעפּטער האָט עס באַמערקט און זי האָט געזאָגט:

— עס איז אמת אַז ער געהט מיר נאָך. ער שווערט אַז ער ליעבט נאָר מיך, אָבער איך קען איהם ניט גלויבען. ער האָט שוין אַזעלכע ליעבעס ערקלערונגען געמאַכט אין די צעהנדליגע, און אפשר אין די הונדערטע. ער האָט א האַרץ וואָס איז אַזוי גרויס ווי ביילינסאָנ'ס האָטעל...

— היט זיך, — האָב איך זי געוואָרענט, אין שפּאַס, — לאַכט ניט אָפּ פון חזן. עס קען זיין אַז עס וועט זיך אויסלאָזען אַז ער איז גראָדע מיט אייך ערנסט.

— וואָס? — האָט זי מיט א בייזער אויסגעריסענע, אָננעמענדיג מיך פאַר מיין אָרעם, — איהר האָט זיך אויך אָנגעשלאָסען

הונדערט־און־פינפטער קאַפּיטעל

וואָס אַרנאָלד האָט געוואָלט

גלייך ווי איך האָב אָפּגעבראָכען מיין געשפּרעך מיט אַר־נאָלד'ן, אויפ'ן טעלעפאָן, האָב איך חרטה באַקומען אויף מיין אומ־באַרעכענטען שריט. איך האָב אָנגעהויבען צו פיהלען אַז עס איז געווען מיין פפליכט איהם אויסצוהערען. איך בין געבליבען שטעהן אָפּהענדיג. וואָלט איך געוואוסט אין וועלכען האָטעל ער געפינט זיך, וואָלט איך איהם צוריק גערופען.

איך בין צוריק געקומען צום טיש, וואו עס האָבען מיך ער־ווארטעט מיס שעפּארד און מיסעס גרעפּטער. איך האָב ניט גע־וואוסט וואָס צו זאָגען און פון וואַנען מען פאַנגט אָן צו ריידען. זיי האָבען געזעהן, אַז איך בין שטארק צוטראָגען און זיי האָבען געווארט אויף אַן ערקלערונג. אָבער זעהענדיג, אַז איך שוויג, האָבען זיי זיך איבערגעקוקט און מיך גאָרניט געפרעגט.

ווען די געסט האָבען שוין אָנגעהויבען צו פאַרלאָזען די טי־שען, האָב איך איינגעלאַדען מיס שעפּארד און מיסעס גרעפּטער צו געהן מיט מיר אויף אַ שפּאַציר. ווען מיר זיינען ארויסגעגאַנגען, האָב איך געהערט ווי איינער פון די מענער האָט געמאַכט אַ באַ־מערקונג: „איינע איז איהם וועניג — צוויי האָט ער מיטגענומען!“ איך האָב געהאַט אַ חשק זיך אומצוקערען און איהם אָנשפּייען אין פּנים. אַזוי שלעכט איז מיר געווען אויף מיין געמיטה.

איך האָב זיך גענומען טרייסטען, אַז מיסעס גרעפּטער ווייס ווארשיינליך וואו אַרנאָלד קאַפּטאַן שטעהט איין, צום וועניגסטען דאַרף זי וויסען וואו עס איז דער האָטעל וואָס איז „אַ מייל ווייַ־טער“, ווי אַרנאָלד האָט מיר דעם פּלאַץ אָנגערופען.

אונזער שפּאַציר האָט לאַנג ניט געדויערט. איך בין ניט גע־ווען אין אַ לוינע צו אונטערהאַלטען מיינע דאַמען. מיר האָבען

טאָר קיין אנדער מענש ניט הערען. איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָס איז זעהר אַן ערנסטע זאַך. טוט מיר די טובה צוליעב אונזער אמאָ־ליגע פריינדשאַפט, צוליעב די פריינדשאַפט פון אונזערע עלטע־רען, און צוליעב די טובה פון יענער פערזאָן וואָס איז אונז ביידען טייער... וועט איהר מיר ערלויבען ?... פליהז, ענטזאַגט מיר ניט...

איך האָב געהאלטען דעם טעלעפאָן־טרייבעל אין האַנד און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. מיין אַלטער בעס אויף איהם האָט אויף דאָס ניי אויפגעקאָכט, אָבער איך בין דאָך געווען נייגעריג צו וויסען וואָס ער האָט מיר צו זאָגען. דער טאָן פון זיינע רייד האָט געצייגט, אַז ער האָט דאָך יאָ עפּעס וויכטעגס מיר צו זאָגען. אָבער פּלוצלינג האָט אין מיר די האַרץ אַ קאָך געטאָן אויף דאָס ניי און איך האָב געענטפערט:

— איך וויל אייך ניט זעהן ! — און אָפּגעהאַקט אונזער גע־שפּרעך אין מיטען.

— איהר בלאָפט!... — האָב איך מיט כעס אויסגערופען. — דער זעלבער אַלטער בלאָף, אז זי בעט זיך ביי אייך... אָט וועגען דעם זייט איהר דאָס געקומען צו מיר?...

איך האָב זיך אויפגעהויבען און געוואָלט אוועקגעהן.

— איך בעט אייך... האָט געדולד אַ מינוט, — האָט ער געבעטען און זיין שטימע האָט געציטערט. — יעצט איז די זאַך גאַנץ אַנדערש. איך בין יעצט אַ גאַנץ אַנדער מענש. אַלטער פריינד, סעם! הערט מיך אויס! איך בעט אייך!... דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען מיין גליק און ניט וועגען עטעל'ס. דאָ האַנדעלט זיך וועגען אונזערעביידענ'ס פליכטען צו אונזער קינד! (ער האָט שטאַרק באַטאָנט דעם וואָרט „אונזער").

געגען מיין ווילען האָב איך זיך צוריק אוועקגעזעצט. און ער האָט גענומען ווייטערריידען:

— איך בין מודה, אז איך האָב געגען עטלען געהאַנדעלט ווי אַ געמיינער לומפּ און איך בין גאָר ניט ווערט אז זי זאָל זיך אומקוקען אויף מיר. דאָס איז אמת. אָבער דער גרעסטער זינדיגער איז באַרעכטיגט צו אַ פאַרטיידיגונג. איך האָב עטלען געליעבט אויף אַן אמת, ניט אַזוי ווי די אַנדערע פרויען און מיידלאַך מיט וועלכע איך האָב געפיהרט לינקע ראָמאַנען. אַ סימן האָט איהר, אז איך האָב מיט איהר חתונה געהאַט. מיין מוטער איז געווען זעהר שטאַרק געגען דעם שידוך, דאָס ווייסט איהר. מען האָט מיר פאַרגעשלאָגען שידוכים מיט מיידלאַך אַזוי שעהן ווי עטעל, אָבער מיט מעהר בילדונג און פון העכערער געזעלשאַפט און מיט גרויסע סומען נדן. איך האָב אָבער געליעבט נאָר עטלען. איך האָב גע־האָפט, אז נאָך אונזער חתונה וועל איך זי קענען אריינבריינגען אין דער גרויסער קאָכעדיגער וועלט. איך האָב געדענקט, אז צוזאַ־מען וועלען מיר געהן אין טעאַטער, אין אָפּערא און לעבען דאָס לעבעדיגע קאָכעדיגע לעבען פון בראָדוויי. איך האָב איהר געוואָלט צייגען וואָס אַ וועלט איז. אָבער זי, עטעל, האָט ליעב געהאַט דאָס שטילע היימישע לעבען. זי האָט זעלטענס געוואָלט ארויסגעהן, אין אָווענד, אויסער אַ שפּאַציער אין פּאַרק. זי האָט פיינד געהאַט בראָדוויי. זי האָט פיינד געהאַט דאָס עלעקטרישע נאַכט־לעבען.

זיך באלד צוריקגעקערט אין האָטעל און איך בין אריין אין מיין צימער און זיך פארשלאָסען אויף דער גאנצער נאכט. איך בין איינגעשלאָפען מיט דעם באשלוס, דאָס אויף מאָרגען זאָל איך אויפזוכען ארנאָלד׳ן און איהם פרעגען ווען איך קען צו איהם קומען.

*

באלד נאָך פריהשטיק, איידער איך האָב צייט געהאַט ארומצו־פרעגען ביי מיסעס גרעפטער וועגען דעם וואו ארנאָלד קאפטאן גע־פינט זיך, איז ארנאָלד אליין געקומען צו ביילינסאָנ׳ס האָטעל. ער האָט צוערשט ארויסגערופען מיסעס גרעפטער אין דרויסען. נאָכדעם איז מיסעס גרעפטער צו מיר צוגעקומען און געזאָגט:

— מר. פרומקין! ארנאָלד קאפטאן איז דאָ. ער זאָגט, אז ער וויל צו אייך ריידען. ער זעהט אויס זעהר נידערגעשלאָגען. ווילט איהר איהם זעהן?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, — אָבער ניט אין האָטעל. איך געה ארויס צו איהם אין דרויסען.

— ענטשולדיגט, — האָב איך געזאָגט צו ארנאָלד קאפטאן ווען איך האָב איהם דערזעהן אויף דער וועראנדא. — איך האָב אייך נעכטען גראָב באהאנדעלט...

איך האָב איהם דערלאַנגט מיין האנד.

— איהר האָט מיך באהאנדעלט ווי איך האָב פארדיענט, — האָט ער געענטפערט, אָנגענעמענדיג מיין האנד. — עס זיינען אָבער דאָ פאָרגעקומען אזעלכע אומשטענדען, וואָס בארעכטיגען מיך, אז איהר זאָלט אויף א ווײַלע פארגעסען אייער כעס און מיך אויס־הערען.

— לאָמיר געהן א ביסעל ווייטער, — האָב איך געזאָגט.

מיר זיינען אוועק אין א זייטיגען אָרט, ניט ווייט פון פרוכט־גאָרטען, זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן גראָז, און ארנאָלד קאפטאן האָט גענומען ריידען.

— איך בין געקומען אייך בעטען אז איהר זאָלט מיר ניט שטעהן אין וועג. עס האַלט ביי דעם, אז עטעל זאָל צוריק קומען צו מיר...

— וואו האָט איהר באַקומען דאָס בילד? — האָב איך גע־פרעגט, אַנקוקענדיג דאָס בילד וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט און דערקענענדיג אייבי'ס געזיכטס־ציגע.

— עטעל האָט עס אונז צוגעשיקט, — האָט ער געענטפערט.

— צו וועמען? ווער זיינען דאָ די „אונז"? — האָב איך געפרעגט און מיין הארץ איז איינגעפאַלען אין מיר ביי דעם גע־דאַנק דאָס עטעל שרייבט בריעף צו איהם און שיקט איהם דאָס בילד פון זייער קינד.

— צו מיר און צו אונזער פאַמיליע, — האָט אַרנאָלד געענט־פערט. — איך וועל אייך דערצעהלען דעם אמת, אַז די גאַנצע פאַרהאַנדלונג וועגען אַ שלום ווערט געפיהרט צווישען עטלען און מיין פאָטער. צו מיר שרייבט זי נאָך ניט, אָבער זי איז באַלד מרוצה צו קומען צוריק צוליעב דאָס קינד. דאָס קינד איז איהר זעהר טייער.

— הייסט עס, אַז זי ליעבט אייך ניט, — האָב איך געזאָגט מיט נצחון, — נאָר זי וויל זיך מקריב זיין אַלס אַ קרבן פאַר איהר קינד —

— פאַר אונזער קינד, — האָט אַרנאָלד מיר פאַרריכטעט. — איך בין דאָך דער פאָטער, איך האָב דאָך דאָס ערשטע רעכט אויף איהר. ווען איך וואָלט פון אָנפאַנג אָן געוואוסט, אַז איהר ליעבט עטלען און אַז זי איז אויך סימפּאַטיש געניינגט צו אייך, וואָלט איך פיליייכט ניט אַריינגעקומען אין אייער לעבען, איך וואָלט גע־זוכט אַן אַנדערע... וואָרום האָט איהר מיר ניט געזאָגט? וואָרום האָט איהר געשוויגען? איך גלויב, אַז אפילו עטעל האָט ניט גע־וואוסט אַז איהר האָט געוואָלט מיט איהר חתונה האָבען. ווער איז שולדיג, אויב ניט איהר אַליין? ניין, סעם! איהר טאָרט זיך יעצט ניט שטעלען אין וועג. דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען מיר און מ י י ן פרוי איז מ י י ן פעהלער, און איך וועל איהם אַליין פאַרריכטען. קיין מענש האָט ניט אַ מאָראַלען רעכט זיך אַריינצומישען ווען אַ מאַן וויל צוריקנעמען זיין געשיידענע פרוי און אָנפאַנגען אַ נייעם לעבען. סעם, איך בעט אייך! די צוקונפט פון דעם קליינעם אונשולדיגען אייבי הייננט אָן דעם.

וויפיעל איך האָב זי געבעטען, האָט זי ניט געוואָלט זיך צוגע־וואוינען צו מיין געשמאַק. און אַמאָל, אַז מיר פלעגען יאָ געהן אין טעאַטער, אָדער אין אָפּערא, פלעגט זי גלייך נאָך דער פאָר־שטעלונג, וועלען געהן אהיים. און מיך האָט אַזוי געצויגען צו יענעם קאָכעדיגען לעבען! דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איך האָב אָנגעהויבען צו געהן אָהן איהר... און נאָכדעם איז אָנגעקומען ליזי... איך שווער אייך אַז איך האָב איהר קיין שלעכטס ניט געטאָן, עס איז געווען בלויז אַ נארישע שטיפעריי פון צוויי לייכטזיניגע מענשען...

זיין פנים האָט זיך פאַרקרימט אַזוי ווי פון איינעם וואָס ליי־דעט פון אַ טיעפען ווייטאָג. איך האָב געשוויגען. איך האָב זיך צוגעהערט וואָס ער וועט ווייטער זאָגען.

— איך האָב שרעקליך געליטען און לייד נאָך יעצט אויך פון חרטה. איך האָב קיין אַנדער צוועק אין לעבען ווי גוט צו מאַכען דאָס וואָס איך האָב פאַרבראָכען, געזינדיגט. איך בין שיער פון זינען אַראָפּ נאָכדעם ווי עטעל האָט מיך גע׳גט און איך האָב באַ־גריפען אַז איך האָב זי פאַרלאָרען אויף אימער. איך האָב צו איהר בריעף געשריבען און זי געבעטען אַז מיר זאָלען ווידער ווערען מאַן און פרוי. זי האָט ניט געוואָלט הערען און זעהן. איך בין גע־ווען פאַרצווייפעלט... איך בין געווען בייז אויף דער גאַנצער וועלט און אויף זיך אַליין. און אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך פאַר אייך געמאַכט אַזאַ נארישע באַריהמעריי, אַז עטעל בעט זיך ביי מיר דאָס איך זאָל זי צוריקנעמען... איהר פאַרשטעהט מיך יעצט?...

— איך פאַרשטעה, — האָב איך אָהן חשק געענטפערט. — אָבער וואָס פאַרלאַנגט איהר פון מיר? עטעל וויל אייער נאָמען ניט הערען...

— אויב איהר וועט זיך ניט שטעלען אין וועג, איז דאָ אַ האָפנונג אַז זי וועט צוריק קומען צו מיר... צוליעב דעם קינד... אונזער קינד... דאָס קינד וויל האָבען אַ פאָטער... ער איז שוין פאַלקאָמען געזונד... איך האָב לעצטע וואָך ערהאַלטען זיין בילד... אָט איז עס...

איך בין געבליבען זיצען מיט אַן אָפענעם מויל.

הונדערט=און=זעקסטער קאַפּיטעל

מיס שעפּאַרד רעדט וועגען ליעבע

וואָס אַרנאָלד קאַפּטאַן האָט מיר דערצעהלט, האָט מיך אַזוי צומישט, דאָס פּאַר אַ צייט האָב איך ניט געקענט צוברייינגען מיינע געדאַנקען אין אָרדנונג. אַלעס האָט זיך געמישט אין מיין מח. פאַר מיינע אויגען האָט זיך אויפגעהויבען ווי אַ הויכע אייזערנע וואַנד וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פון עטלען... אין מיינע אויערען האָבען געקלונגען די ווערטער: „מיין ערשטע רעכט"... „מאָראַלישע רעכט"... „אונזער קינד"... איך האָב זיך דערמאָנט אָן דאָס בילד וואָס אַרנאָלד האָט מיר געצייגט פון דעם קליינעם אייבי, וועמעס אויגען האָבען געקוקט מיט בייִנקשאַפט — דער קוק פון אַ לעבע־דיגען יתום... איך האָב אָנגעהויבען צו פיהלען מיין שוואַכקייט, מיין הילפלאָזיגקייט געגען די געהיימע עלעמענטען וואָס אַרביי־טען געגען מיר. זאָל עס טאַקע מעגליך זיין, אַז צוליעב דעם וואָס מיין זעליגע מוטער איז געוועזען געגען דעם שידוך מיט עטלען, קומען אימער פאַר נייע שטערונגען, יעדען מאָל וואָס עס צייגט זיך אַרויס אַ האָפנונג, אַז איך זאָל קענען ענדליך התונה האָבען מיט עטלען? איך האָב שוין ניט איין מאָל געטראַכט וועגען דעם...

אַרנאָלד איז גערעכט, — האָב איך זיך געטראַכט. — איך האָב קיין רעכט ניט צו קומען צווישען איהם און עטלען, יעצט, ווען עס האַלט ביי זיי ביי אַ שלום. איך האָב ניט קיין רעכט צו רויבען ביי אַ קינד זיין פאָטער.

איז דאָס דער סוף פון מיין ליעבע וואָס האָט זיך געצויגען אַ צעהנדליג יאָהר?...

עס האָט מיך בלויז פאַרדראָסען אויף עטלען, וואָס אין איהרע בריעף האָט זי מיר גאָר ניט דערמאָנט וועגען דעם. ניט אַפילו אַן אָנצוהערעניש געגעבען... און איך האָב געמיינט, אַז איך בין עטעל'ס

גיט מיר א געלעגענהייט צו זיין א פאָטער צו מיין קינד און א מאַן צו מיין פרוי. איך בין יעצט א גאַנץ אנדער מענש געוואָרען, אין גייסט און אין קערפּער. איך בין געוואָרען א געזונדער מענש מיט א געזונדע נשמה... סעם! איך האָף און איך בין זיכער, אז ביי די נייע אומשטענדען וועלען מיר פארבלייבען די זעלבע גוטע פריינד, ווי מיר זיינען געווען אמאָל.

ער האָט נאָך לענגער גערעדט איבער דעם ענין. צולעצט האָט ער זיך אויפגעהויבען, מיר באדאנקט פאר אויסהערען איהם און איז אוועק.

אַז זיינע עלטערען זאָלען זיין געגען דעם שידוך און אין איהם זאָל זיך צופלאַמען אַ ליעבע... דאָס זעלבע איז אויך מיט מיידלאַך. איבערהויפּט איז די קאַפּריזנע ליעבע זעהר שטאַרק ביי די גאַנץ יונגע מענשען, ביי די גאַנץ יונגע ליעבהאָבער. דיעזע ליעבע פלאַמט אויף זעהר שנעל און צוברענט זיך זעהר שטאַרק. אָבער זי ווערט שנעל אָפּגעקיהלט און פאַרגעסען.

— גלויבט איהר אָבער ניט, אַז עס זיינען דאָ ליעבעס וואָס פאַנגען זיך אָן אין די יונגע יאָהרען און זיי ציהען זיך ווייט אַוועק אין די עלטער? — האָב איך געפרעגט.

— עס זיינען דאָ אַזעלכע ליעבעס, — האָט מיס שעפּאַרד געענטפערט. — אָבער זיי זיינען זעהר זעלטען. די מייסטע פון די יוגענדליכע ליעבעס האָבען ניט קיין באַשטימטע פאָרם. זיי זיינען בלויז אַ סאָרט „זוכעניש". אין די יונגע הערצער הויבען אָן צו שפּראָצען אונבאַשטימטע פאַרלאַנגען און שטרעבענס וואָס נעמען אָן פאָעטישע פאָרמען, צושפּיעלען זיך אין שעהנע פאַנ־טאַזיעס און טרוימען. יעדער אינגעל ווערט אַ פּרינץ און יעדע מיידעל אַ בת־מלכה. אַלץ אַזוי ווי אין די ראָמאַנען וואָס דער אינגעל אָדער די מיידעל האָבען געלעזען... די איינבילדונג ווירקט אָפּטמאָל אַזוי, אַז די ווירקונג זאָל האָבען אַ האַפט אויף יאָהרען און יאָהרען... כאָטש אין אָנפאַנג איז דאָס געווען ניט מעהר ווי בלינדע זוכעניש... אָבער דאָס רוב ערשטע ליעבעס געהען אַוועק ווי אַ חלום און זיי ווערען פאַרגעסען. עלטערע מענשען שמייכלען ווען זיי דערמאָנען זיך וועגען זייער ערשטע ליעבע, אַזוי ווי איינער ווען ער דערמאָנט זיך אויף אַ נאַרישקייט...

די לעצטע באַמערקונג פון מיס שעפּאַרד האָט מיר אַ ביסעל וועה געטאָן.

— האָט איהר קיינמאָל ניט געטראָפען אַ ריכטיגע יוגענד־ליכע ליעבע אין אייער לעבען? — האָב איך געפרעגט.

— איינמאָל האָב איך געמיינט אַז איך האָב דאָס געטראָפען,

— האָט זי געזאָגט. — מען האָט מיך גערופען צו זיצען ביי אַ פּאַ־ציענט וועלכער האָט זיך געשאָסען אין קאָפּ דערפאַר, וואָס זיין געליעבטע האָט איהם אויסגעביטען אויף אַן אַנדערען. ער איז

נאָהענטסטער פריינד, אַזוי פאַרטרויט זי זיך אין מיר מיט אַלעם !...

נאָכמיטאָג האָב איך גענומען מיס שעפּאַרד אויף אַ לאַנגען שפּאַציר, מיט דער אַבזיכט איהר צו דערצעהלען וועגען אַלעם. איך האָב געוואָלט וויסען איהר מיינונג. זי איז יעצט געבליבען די איינציגע פּערזאָן, פאַר וועמען איך קען אויסגיסען מיין האַרץ.

איך האָב איהר אָבער ניט דערצעהלט גלייך די גאַנצע געשיכטע מיט אַרנאָלד'ן. איך האָב צוערשט געמאַכט אַ רייד וועגען אַנדערע זאַכען, ביז איך האָב אַרויפגעבראַכט די געשיכטע פון מיסעס גרעפּטער און דעם חזן וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליעבט אין איהר.

— זאָגט מיר, מיס שעפּאַרד, איהר גלויבט אין ליעבע ? — האָב איך זי געפרעגט.

איך האָב געמיינט, אַז מיס שעפּאַרד וועט איבערראַשט ווערען פון מיין אונערוואַרטעטע פראַגע, צום ווייניגסטענס וועט זי שטאַרק רויט ווערען, אָבער זי האָט בלויז אַ שמייכעל געטאָן און געענטפערט :

— געוויס גלויב איך אין ליעבע. אָבער ליעבעס זיינען דאָ פאַרשיעדענע, אַזוי ווי מאָגען־קראַנקהייטען און קאָפּוועהטאָגען. יעדער איינער ליידעט פון אַן אַנדער סאָרט ליעבע. מיין מיינונג איז, אַז דאָס רוב ליעבעס זיינען אַן איינבילדונג וואָס קומט פון יוגענדליכע טרוימען, פון פּאָעטישע פאַנטאַזיעס, מייסטענס די ווירקונג פון לעזען ראָמאַנען...

— און וואָס איז אמת'ע ליעבע, די ריכטיגע ליעבע ? — האָב איך געפרעגט.

— די אמת'ע ליעבע איז ריין פון עגאָאיסטישע אינטערעסען, — האָט מיס שעפּאַרד געענטפערט. — אַ מאַן קען ליעבען אַ פרוי און דאָך ניט פיהלען אונגליקליך ווען זי איז פאַרהייראַטט און לעבט גליקליך מיט אַן אַנדערען. דאָס זעלבע איז מיט אַ פרוי. אָבער ליידער זיינען אַזעלכע ריינע ליעבעס אַ זעלטענהייט אין אונזער וועלט... דאָס רוב מענשען פאַרליעבען זיך צוליעב עפּעס אַ קאַפּריז. איינער פאַרליעבט זיך אין אַ מיידעל דערפאַר, ווייל זי שטעהט העכער פון איהם. אַן אַנדערער פאַרליעבט זיך גראַדע ווייל זי שטעהט נידעריגער פון איהם, און עס איז בלויז געגוג

— איך גלויב אז יאָ, — האָט מיס שעפּארד געזאָגט. זי איז דערביי לייכט רויט געוואָרען און האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען. — אָבער...

— וואָס אָבער ? — האָב איך געפרעגט אַ ביסעל באַזאָרגט.

— מיר קענען זיין בלויז מאַן און פרוי אין נאָמען. מיר וועלען לעבען ווי ברודער און שוועסטער, ווי צוויי גוטע פריינד. איך וויל זיין פריי. איך וויל ניט האָבען קיין קינדער, ווייל איך וויל ווידמען מיין לעבען צו אָרימע קראַנקע, צו אומגליקליכע. איך וויל גרינדען אַ צענטער פאַר נוירסעס וואָס ווילען אַוועקגעבען אַ טייל פון זייער צייט פאַר אָרימע קראַנקע.

— גוט ! — האָב איך אויסגערופען. — און איך וועל דעם צענטער שטיצען מיט געלד. מיר געפעלט דאָס זעהר ! אַן אידעאַלער לעבען ! ברודער און שוועסטער...

איך האָב איהר שוין ניט דערצעהלט וועגען אַרנאָלד קאַפּטאַנ׳ס באַזוך. איך האָב שוין ניט געהאַט קיין עצה צו פרעגען. מיין צוקונפט איז געווען ענטשיידען. איך בין געווען גליקליך.

מיר האָבען אָפּגעמאַכט דערוויייל קיינעם ניט צו דערצעהלען וועגען אונזער שידוך, נאָר אַז איך וועל זיך צוריק קעהרען אַהיים זאָל איך דאָס מעלדען צו מיין פאָטער. ער דאַרף זיין דער ערשטער דאָס צו וויסען.

און יענע נאַכט האָבען מיר לאַנג שפּאַצירט צוזאַמען און זעהר פיעל גערעדט. יענע נאַכט האָב איך איהר דערצעהלט פון מיין אַמאָליגען באַשלוס, אַז מיין ערשטער קוש זאָל געהערען נאָר צו דער, מיט וועמען איך וועל חתונה האָבען, און איך האָב אָנגעוויזען אויף דעם צופאַל, וואָס גראַדע האָב איך מיין ערשטען קוש איהר געגעבען נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק...

— עס איז געווען אַ באַשערטער קוש, — האָט זי געענטפערט. — איך געדענק, אַז איך האָב זיך דאַן געוואונדערט אויף זיך אַליין, ווי איך קום אייך צו קושען... עפּעס ווי אַ מלאך האָט מיך אונטערגעשטופּט...

געוועז בלויז זיבעצעהן יאָהר אַלט. צום גליק איז די קויל ניט אריין טיעף אין זיין קאָפּ. מען האָט זי ארויסגענומען. אָבער ער האָט געמוזט ליגען אַ צעהן טעג אין בעט. איך האָב איהם די גאַנצע צייט זעהר גוט אויפגעפּאַסט. מיין הארץ איז צוגאַנגען פאַר רחמנות אויף דעם יונגען אינגעל. איך האָב אויסער מעדיצין און באַנדאַזשען איהם אויך באַדיענט מיט גוטע רייד, איהם געטרייסט. און וואָס איז געווען דער סוף? אז ער האָט זיך אַ ביסעל ערהאָלט, האָט ער געשוואָרען אז ער איז פאַרליעבט אין מיר, און אז אוים איך וועל מיט איהם ניט חתונה האָבען, וועט ער זיך שיסען נאָך אמאָל... אָבער ניט איך האָב מיט איהם חתונה געהאַט און ניט ער האָט זיך געשאָסען נאָכאַמאָל. ער איז קורירט געוואָרען אויף אימער.

— טאָ וואָס איז די סאָרט ליעבע וואָס אַ מיידעל און אַ יונ־גערמאַן דאַרפען פיהלען איידער זיי געהן זיך פאַרבינדען אויף דעם גאַנצען לעבען? — האָב איך געפרעגט.

— זיי דאַרפען זיין מענשען מיט גלייכע אידעען, מיט גלייכע מיינונגען איבער פאַמיליען־לעבען און איבער פאַרשיעדענע זאַכען וואָס קומען פאָר אין טעגליכען לעבען. זיי דאַרפען האָבען דעם זעלבען געשמאַק אין אַלעם. זיי דאַרפען זיין גוטע חברים. זיי דאַר־פען פיהלען אז זיי קענען זיין פריינד, אַז זיי האָבען ניט וואָס צו באַהאַלטען איינער פון דעם אַנדערען און אז זיי קענען זיין אָפענ־הערציג צווישען זיך. אַט דאָס איז גענוג צו פאַרבינדען צוויי מענ־שען אויף דעם גאַנצען לעבען. דאָס איז פיעל בעסער ווי די בליץ־ליעבע, וועלכע איז ניט מעהר ווי אַז אימפּולס פון מאָמענט און לעשט זיך אוים זעהר שנעל.

— מים שעפּאַרד! — האָב איך געזאָגט. — גלויבט איהר אז מיר זיינען גלייכע מענשען מיט גלייכע אידעען און אז מיר קע־נען זיין די גרעסטע פריינד אין לעבען?

איך האָב געפיהלט, אז איך האָב אין יענעם מאָמענט באַ־וויזען די גרעסטע העלדענטאַט אין מיין לעבען. איך האָב ארויס־געזאָגט די ווערטער וואָס האָבען געדאַרפט ענטשיידען מיין צו־קונפט.

אונז קלינגען דעם דינער־גלאָק, אָבער מיסעס גרעפּטער האָט איהם פאַרטריבען:

— אַזאַ אַלטער איד און מאַכט זיך נאַריש ווי אַ אינגעלע!

— האָט זי אויף איהם אָנגעשריען.

מיר האָבען צוגעבראַכט אַ פרעהליכען זונטאַג. אַלע געסט האָבען זיך געפרעהט מיט אונז און צו דינער איז געקומען דער חזן דזשיאַקאָמאָ סאַלאָמאָן און געגעסען ביי אונזער טיש, נעבען מי־סעס גרעפּטער. עס איז געווען אַ דאָפּעלטע שמחה.

מאָנטאַג האָב איך און רעבעקאַ גענומען די ערשטע טריין נאָך ניו יאָרק. איך האָב זי יעצט געדאַרפט פאָרשטעלען אַלס מיין כלה פאַר מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער. איך בין געווען זיכער אַז מיין פאָטער וועט זיך פרעהען דאָס איך בין שוין ענדליך אַ „געסעטעלטער מענש".

קומענדיג אין ניו יאָרק איז רעבעקאַ אָפּגעפאָהרען צו איהר וואוינונג. דער פּלאַן איז געווען, אַז איך זאָל צוערשט דערצעהלען מיין פאָטער און נאָכדעם זאָל איך זי ברייגגען צו אונז. איך בין געפאָהרען גלייך צו אונזער געשעפט. עס איז געווען אַרום איינס נאָכמיטאָג ווען איך בין אריינגעקומען אין אָפּיס. מיין פאָטער איז דאָרט ניט געווען. דער בוכהאַלטער האָט געזאָגט, אַז ער גלויבט דאָס ער איז אַוועק אין רעסטאָראַן עסען. דערווייל האָט מיר דער בוכהאַלטער איבערגעגעבען אַ בריעף.

די האַנדשריפט אויף דעם קאָנווערט איז געווען עטעל'ס. אָבער דער בריעף וואָס איז געווען אינווענדיג איז געווען פון דבורה. דער בריעף האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם אַלטמאָדישען סטיל, וועלכען איך האָב אַמאָל געזעהן אין אַ אידישען בריעפנשטעלער:

„פיעל פרייד און גרויס גליק זאָל גרייכען צו מיין טייערען פריינד סעם פרומקין, זאָל לעבען, אָמן!"

אַזוי האָט דבורה אָנגעפאַנגען. און נאָכדעם האָט זי געשרי־בען:

„ערשטענס קום איך איהנען צו מעלדען, אַז איך, עטעל און אונזער ליעב קינד איבי, לאַנג לעבען זאָל ער, זיינען לויב ג' גע־זונד. דאָס נעמליכע פון איהן צו הערען.

הונדערט־און־זיבעטער קאַפּיטעל

ענדע גוט — אַלעס גוט

אַבוואָהל איך און מיין כלה, מיס שעפּאַרד, וועלכע איך האָב שוין יעצט גערופען ביי איהר ערשטען נאָמען, „רעבעקאַ“, האָבען געהאַט אַפּגעמאַכט צווישען זיך, אַז מיר זאָלען דערווייל קיינעם אין האָטעל ניט אויסזאָגען אַז מיר זיינען געוואָרען חתן־כלה, דאָך האָט זיך די זאַך דערגאַנגען, אַזוי ווי פון זיך אַליין. מיסעס גרעפּ־טער האָט אָנגעהויבען צו באַמערקען, אַז צווישען אונז קומט פאָר עפּעס אונגעוועהנליכעס. זי האָט עס באַמערקט אָן אונזערע אויגען, אָן אונזערע בליקען וואָס מיר פלעגען אָפּט צואוואַרפען איינע די אַנדערע. מיר פון אונזער צד האָבען געפיהלט אַז די פרייד איז צו גרויס זי צו האַלטען פאַרשלאָסען אין אונזערע הערצער. איך האָב זיך ארויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, רעבעקאַ האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט נאָך אַ וואָרט, און מיסעס גרעפּטער האָט שוין געוואוסט.

מיסעס גרעפּטער האָט אונז ביידען גראַטולירט זעהר האַרצ־ליך און האָט זיך צוקושט מיט מיין כלה.

— איך בעט אייך, — האָט מיסעס גרעפּטער געזאָגט צו איהר, — איהר זאָלט בלייבען מיין פריינד. איך וועל אויך פאָל־גען אייער ביישפּיעל און חתונה האָבען — מיט'ן חזן. איך גלויב, אַז ער מיינט טאַקע ערנסט. און אייך, מיס שעפּאַרד, בעט איך, אַז איהר זאָלט מיך אויפהערען צו „מיסעסען“ און מיך רופען ביים ערשטען נאָמען, „ליליען“.

— אַלראַיט, — האָט מיין כלה געענטפערט, — און איהר זאָלט מיך רופען ביי מיין ערשטען נאָמען, „רעבעקאַ“.

דער סוד איז באַלד ארויס און האָט זיך צושפּרייט איבער דעם גאַנצען האָטעל. די געסט זיינען געקומען איינציגווייז און פּאָרלאַך־ווייז אונז צו גראַטולירען. מר. ביילינסאָן האָט געוואָלט לכבוד

„עטעל, איך בין דיר מוחל, אָרימעס קינד! זאָל דיר גאָט שטאַרקען דיין הארץ און זאָלסט ענדליך געפינען דיין גליק מיט דיין באַשערטען!" — אַזוי האָבען מיינע ליפּען געמורמעלט.

אין אַ פערטעל שטונדע אַרום איז מיין פאָטער געקומען. איך האָב איהם דערצעהלט אַז איך בין אַ חתן געוואָרען און איך האָב איהם געזאָגט פאַר וועמען.

— מיין זוהן! — האָט מיין פאָטער אויסגערופען, מיך קו־שענדיג פאַר פרייד. — קיין פרעהליכערע בשורה איז אויף דער וועלט ניטאָ פאַר מיר. איך געדענק גוט די מים שעפּארד און ווי גוט זי האָט באַהאַנדעלט דיין מוטער, עליה השלום. איך האָב דאַן איינגעזעהן, אַז זי האָט אַן איידעלע הארץ, אַ זיסע נשמה. עפּעס ווי די הארץ האָט מיר דאַן געזאָגט, אַז זי וועט אַמאָל פאַרבלייי־בען אין אונזער משפחה. וואו איז זי? ברייננג זי אַהער. איך וועל איהר געבען מיין פאָטערליכען קוש מיט מיין ברכה צוזאַמען.

— איך וועל זי גלייך אָפּרופען און זי איינלאַדען צו אונז אַהיים, — האָב איך געזאָגט. — דאָ איז ניט קיין אָרט אויפצו־נעמען אַ זוהנ'ס כלה.

— רוף זי אָפּ און איך וועל אָפּרופען די טאַנטע און איהר ייסען מאַכען אַ גרויסען סאַפּער — אַ יום־טוב'דיגען, — האָט מיין פאָטער געזאָגט.

איך האָב אָפּגערופען רעבעקאַ'ן אויפ'ן טעלעפאָן און איהר איבערגעגעבען מיין פאָטער'ס איינלאַדונג אויף דעם אָוועגד. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל קומען נאָך איהר. אָבער זי האָט זיך געבעטען אָפּצולייגען איהר קומען אויף אַן אַנדער אָוועגד.

— וואָרום? — האָב איך געפרעגט.

זי האָט אין אָנפאַנג ניט געוואָלט אויסזאָגען די אורזאַכע, אָבער ווען איך בין אַ ביסעל צוגעשטאַנען, האָט זי לאַכענדיג גע־ענטפערט, אַז זי האָט זיך אַרומגעזעהן אַז זי האָט ניט קיין פּאַ־סענדע קלייד, וויל זי זיך צוערשט באַזאָרגען מיט אַ שעהנע קלייד פאַר אַן ערשטען באַזוך, ביי אַזאַ געלעגענהייט.

אָבער מיין פאָטער האָט ניט אָפּגעלאָזען. ער האָט איבערגע־נומען דעם טעלעפאָן פון מיינע הענד און האָט געזאָגט:

„צווייטענס, ליעבער פריינד, איך האב איהנען זעהר פיעל צו שרייבען, אבער איך וועל דאס מאכען בקיצור, ווייל איך בין ניט פון די גרויסע שרייבערינס. און איך בעט איהנען פריהער גוט צו בארעכענען די זאך איידער זיי געהען מיך אורטיילען אדער טמלען, ווייל מיר זיינען צו זיי די בעסטע גוטע פריינד ווי אימער. נישט מעהר, א מענש דענקט און ג׳ לענקט. מיר זעהען אז ג׳ ב״ה פיהרט דאס רעדעל און דער מענש קען ניט אויספיהרען וואס ער וויל. נור דאס וואס איז בעשערט דאס בעווערט.

„איך קום איהנען צו מעלדען, דאס אונזער פריינד מיסטער קאפטאן האט אונז שוין איניגע בריעפע געשריבען צו מאכען א שלום צווישען טמלען און זיין זוהן ארנאלד. איך קען איהן פער־זיכערען, אז פון אנפאנג האט טמלע ניט געוואלט הערען און זעהן. אבער אונזער פריינד מר. קאפטאן האט פערזיכערט, אז ארנאלד האט שוין גוט חרטה און אז עס מוז געמאכט ווערען א שלום צו־ליעב דעם קינד, אום דאס קינד זאל האבען א פאטער. איך פער־לאנג פון איהנען, אז זיי זאלען די זאך גוט בעטראכטען און ניט אורטיילען מיין טמלען צו שלעכטעס. זיי דארפען אריינגעהן אין דער לאגע פון דעם לעבעדיגען יתום. גלויבען זיי מיר, מיין טייערער פריינד, אז מיין טמלע האט זיך געניג אנגעווינט ביז זי האט איינגעווילינט אויף צו געהן צוריק צו איהם... זייט איהר מ.חל, דאס איז אלעס וואס זי פערלאנגט פון איהנען. מען זעהט דאך אז דאס איז א ניט בעשערטע זאך. זאל איהנען דער גוטער ג׳ צו־שיקען די ריכטיגע בעשערטע און זיי זאלען מיט איהר גליקליך זיין, און מיר זאלען זיין נאהנטע גוטע פריינד אזוי ווי אימער.

„איך שליס מיין בריעף מיט דער האפנונג, אז זיי וועלען מיך פערשטעהן, זייען זיי געזונד און גליקליך, ווי עס ווינשט איהן זייער אמת׳ע פריינדין,

דבורה.״

מיין הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט טיעפען מיטלייד ווען איך האב געלעזען די ווערטער „מיין טמלע האט זיך געניג אנגעווינט ביז זי האט זיך בעשלאסען צו געהן צוריק צו איהם... זייט איהר מוחל. דאס איז אלעס וואס איך פערלאנג פון איהנען״...

איהם פארשאפען נאך מעהר פארגעניגען, דאך טוט איהם לייד צו געזעגענען זיך מיט דעם אלטען בוך...

צוויי מאל „אל מלא רחמים" האט דער חזן געמאכט פאר רעבעקא'ס עלטערן... איך האב געזעהן ווי איהרע טרעהרען האבען זיך געגאסען אונטער דעם ווייסען שלייער... א דריטען „אל מלא רחמים" האט מען געמאכט פאר „האשה הצדקנית מרת שרה לאה בת ר' חיים"... און ווען איך האב דערהערט דעם הייליגען נאמען פון מיין מוטער, האב איך אויך ניט געקענט איינהאלטען מיינע טרערען... איך האב געזעהן ווי מיין פאטער'ס אויגען זיינען אויך געווען פייכט... איך בין געווען זיכער, אז מיין מוטער'ס נשמה און די נשמות פון מיינע שוויגער־עלטערן זיינען געווען דא אין שוהל און האבען געשוועבט איבער דער חופה...

און ווען איך האב אנגעטאן דעם רינגעלע אויף רעבעקא'ס פינגער און געזאגט דעם „הרי את מקודשת לי", האב איך זיך געטראכט: „שוין לאנג אז מיר געהערען איינע צו די אנדערע — דאס איז פון אונזער ערשטען קוש אן"...

*

מיין געשיכטע איז שוין געענדיגט. אבער נאך א קליינעם צופאל מוז איך דא נאטירען אום די געשיכטע זאל זיין פאלקאמען.

דאס איז געווען א האלב יאהר נאך אונזער חתונה. מיר האבען געוואוינט ביי מיינע עלטערן. מיין פאטער האט זיך ניט געוואלט שיידען מיט אונז.

איך געדענק אז דאס איז געווען א פריהמארגען אין נאוועמבער. איך בין שוין געווען גרייט אוועקצוגעהן אין ביזנעס. רעבעקא האט געהאלפען מיין שטיפמוטער צונעמען די געשיר פון דעם פריהשטיק טיש. איך האב געפרעגט רעבעקא'ן, אויב זי האט עפעס צו טאן דעם טאג, ווייל כמעט יעדען טאג פלעגט זי אויסגעהן באזוכען ארימע קראנקע.

— סעם! — האט זי געזאגט, אפרופענדיג מיך אן א זייט און רויט ווערענדיג דערביי. — איך האב מורא אז איך וועל פאר א צייט ניט קענען באזוכען ארימע קראנקע... איך האב מורא, אז איך וועל באלד דארפען אליין האבען... א נוירס...

— רעבעקאַ! דאָס רעדט דיין צוקינפטיגער שוויגערפאָטער. איך היים קומען און טאַקע היינט! דו דאַרפסט זיך ניט פוצען פאַר אונז. ביזט אונז זעהר ליעב, מיין טאָכטער, אָהן סטייל.

■

ערב שבת נאָך שבועות איז געווען אונזער חתונה. די חופה איז געווען אין שוהל. די מסדרי קדושין זיינען געווען רעווערענד דאָקטאָר וויס, דער וואָס האָט חתונה געהאַט מיט מיס שעהנ־פעלד, און דער חזן דזשיאַקאָמאָ סאָלאָמאָן, וועלכער האָט אין דער צייט חתונה געהאַט מיט מיסעס גרעפטער. צווישען די געסט זיינען געווען פעני זיידענפאָדים מיט איהר מאַן, מר. און מיסעס קאָפּ־טאָן מיט זייער זוהן אַרנאָלד, מיסעס גרעפטער איז געזעסען צווי־שען דעם עולם, האָט זיך געהאַלטען זעהר שטיל, אָבער זי האָט אויסגעזעהן גליקליך.

אַרנאָלד האָט מיר וואַרים גראַטולירט און געדריקט די האַנד מיט דאַנקבאַרקייט.

— איך האָב ערהאַלטען אַ בריעף מיט אַ וואַרימען גרוס צו אייך, — האָט ער מיר שטיל געזאָגט, אַ קורצע צייט פאַר דער חופּה־צערעמאָניע. — זיי קומען אַלע צוריק אין אַ פּאָר וואָכען אַרום און זיי ווינשען אייך מזל־טוב דורך מיר, און אַ טעלעגראַמע איז דאָ באַזונדער.

די שוהל איז געווען זעהר שעהן דעקאָרירט מיט בלומען. מיין פאָטער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלד. ער האָט אויך באַ־זאָרגט אַ גוטען בענד מוזיק. און ווען די כלי־זמרים האָבען אָנגע־הויבען צו שפּיעלען דעם חתונה־מאַרש און איך, באַגלייט פון מיין פאָטער און שטיעפמוטער, האָב געפיהרט רעבעקאַ׳ן צו דער חופּה, האָט זיך מיר אָפּגעדאַכט, אַז די הימלען האָבען זיך געעפענט און די מלאָכים אַליין גראַטולירען און בענשען אונז.

דאָך, די טענער פון דעם מאַרש האָבען אין מיר ערוועקט אַ קאַפּעלע טרויער. די טענער האָבען געקלונגען ווי אַן אָפּשייד ליעד צו אַלעם וואָס פריהער איז געווען... איך האָב געפיהלט אַזוי ווי איינער וואָס ענדיגט אַן אינטערעסאַנטען בוך און פאַנגט אָן אַ צווייטען בוך... און כאָטש ער ווייס אַז דער צווייטער בוך וועט

ספרית

מיין האַרץ האָט אַ שפרונג געטאָן פאַר פרייד. איך האָב זי אַרומגענומען מיט גרויס ליעבשאַפט און אַריינגערויימט אין איהרע אויערען ווערטער פון ליעבע און דאַנקבאַרקייט.

מיין שטיעפמוטער איז אַריינגעקומען אין דעם מאָמענט און לאַכענדיג געזאָגט:

— איך ווייס שוין דעם סוד... אידעאַליסטען!... איהר פלעגט אַלץ זאָגען אַז איהר וועט קיין קינדער ניט האָבען... גאָט איז קליגער פון אייך...

מיר האָבען געלאַכט...

אַ וואָך נאָך מיין דרייסיגסטען געבורטסטאָג איז אונזער ערשטע קינד געבוירען געוואָרען, אַ מיידעלע, און זי הייסט שרה לאה, נאָך מיין מוטער, עליה השלום.

ענדע

ספרית בגרונבע ... יידישע פּאַבליק ביבליאָטעק טאָראָנטאָ JEWISH PUBLIC LIBRARY

עממית

#4758

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.
A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be

השרײַק

פֿון כּבצעהן ביז דרײַסיג

4758

June 28/74 3528

4758

28 '74
Feb 18/75
SEP 26 '7
MAY 29 '78
AUG 6 '80
DEC 13 1983

PUBLIC LIBRARY
TORONTO

4758 (Pocket →

PUBLIC LIBRARY
TORONTO